STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10692

GEZAMLTE VERK

Mendele Mokher Sefarim

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדעלע מויכער־ספֿאָרים

געזאמלטע ווערק

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע פון א. גורשטיין,
מ. ווינער, מ. ליטוואקאָוו און י. נוסינאָוו

באנד III

פֿארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1935

מענדעלע מוכער־ספֿרים

מאַסאָעס בנימין השלישי

דאָס קליינע מענטשעלע

טעקסט־רעדאַקציע, אַרײַנפֿיר און באַמערקונגען פֿון מ. ווינער

פֿאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1935

מענדעלע אין די 70־ער יאָרן

מ. ווינער

אריינפיר

אינעמ קינסטלערישנ „קרעדאָ“, וואָס מענדעלע האָט סקיצירט אינ זײַנ בריוו [1] צו פּ. א. בעזסאָנאָוו (דעמ ליבעראַלנ מיטגליד פונ דער רעגירונג-קאָמיסיע פאַר דער ייִדנ-פראגע), האָט ער געגעבנ, כאָטש דאָס איז געשריבנ אינ די 80־ער יאָרנ, אויסגעצייכנט קלאָרע פאָרמולירונגענ וועגנ זײַנ שטאנדפּונקט אינ די 60-ער אונ 70־ער יאָרנ. מיט די דאָזיקע אויסקלאָרונגענ איז ער אויס צו בארעכטיקנ זײַנ סאטיריש-קריטישנ גאנג אונ אימ צו פארטיידיקנ קעגנ א טאָעסדיקער ליבעראַל־פילאָכעמיטישער מיינונג, אז קריטישע סאטירע קאָנ דאָ שעדלעכ ווירקנ אונ דינענ אלס ארגומענט פאר אנטיסעמיטיזמ.

מענדעלע שרײַבט: „וואָס נעגייע מיר פערזענלעכ, איז, אָפנ גערעדט, האלט איכ פאר זיכ אופריכטיקײַט, אכוצ אלע זײַטיקע סכימולנ — פאר אנ עטישנ כויוו. איכ בינ בא דער מיינונג, אז מיטנ עמעס, אונ איינציק אליינ מיטנ עמעס, קאָנ מענ דערגרייכנ די ליי-זונג פונ דער ייִדנ-פראגע אפּ א גערעכטיקנ יעסאָד. אונ אזויווי איכ האָב ייִדנ ליב מיטנ גאנצנ הארצנ, האָב איכ דעריבער אויסגעקליבנ אינ דער ליטעראטור דעמ וועג פונ סאטירע (פונ מיר אונטערגעשטראָכנ — מ. וו.), גאָרנישט מוירע האָבנדיק צו פאנאנדערנעמענ אונ אופדעקנ אונדזערע אינווייניקסטע פעלערנ“...

1 „דער זיידע צווישנ פרעמדע אונ אייגענע, זיכרוינעס פונ מענדעלעס סעכטער“ ווארשע, 1928, ז. 22 אונ ווײַטער. די ציטאטעס ווערנ געבראכט לויט דער ייִדישער איבערזעצונג אינ דער דאָזיקער אויסגאבע.

„אינוויניקסטע" קריטיק, קעדיי רייִפּ צו מאכנ פאר „עמאנסיפאציע", אופצוקלערנ די „אויסוויניקסטע" וועלט, די ליבעראלע פּיִלאָסעמיטנ, וועגנ דער שעדלעכער ראָליע פונ דער ייִדישער פעאָדאלישער גווירימשאפט, אָבער דעריקער, אופצוקלערנ וועגנ דער דאָזיקער ראָליע פונ דער גווירימשאפט די אָפּגעשטאנענע מאסנ גופע, צו וועקנ זייער זעלבסטבאוווסטזייִנ אונ זיי צו געבנ וואפנ קעגנ זייערע אינוויניקסטע אונטערדריקערס. „גלייכצייִטיק מיט דעמ (מיטנ „אוועקשטעלנ די ייִדנ־פראגע פונ דרויסנ"—מ. וו.) איז נויטווענדיק נאָכ אנ אינוויניקסטע ארבעט. די איבערצייִגטע אינטעליגענצ דארפ וועקנ אינ איר (אינ דער פאראָרעמטער מאסע—מ. וו.) זעלבסטבאוווסטזייִנ, דורכ אופדעקנ אירע נעגאטיווע זייִטנ, זי זאָל דאָס אליינ וויסנ, אונ עס זאָל אינ איר איינגעפלאנצט ווערנ ריכטיקע בליקנ צומ ארומ. די מאסע זאָל דאָ ענדלעכ באקומענ א געווער צו באקעמפנ דעמ שעדלעכנ איינפלוס פונ יענע פערזאָנענ, וואָס אינ זייערע אינטערעסנ ליגט, צוליב די אָדער יענע טעמימ, אייִנצוהאלטנ דעמ כטאטוס־קוואָ סייִ אינוויניק סייִ דרויסנ"...

דעריבער, האלט מענדעלע, איז אינ דער ליטעראטור נייטיק א פארשטענדלעכ אונ קלאָר וואָרט, „וואָס דערמוטיקט אונ דעמאסקירט"...

דאָס האָט אלצ א שייכעס צו זייִנ קריטיק פונ „אינוויניק". דער „דרויסנ", די „פּאָליטישע" אָרדענונג איז פאר מענדעלענ ניט קיינ אָביעקט פונ קריטיק. די דאָזיקע גרענעצ פונ זייִנ קריטיק האָט אָבער אפ א באשטימטנ אויפנ געמוזט צוריק ווירקנ אויכ אפ זייִנ קריטיק פונ „אינוויניק", זי באגרענעצנ, ער האָט דעריבער געמוזט ניט בלויז „דעמאסקירנ", נאָר אויכ „דערמוטיקנ", דה., אז מיט דער סאָציאלער „זעלבסטקריטיק" איז בא אימ אָרגאניש פארבונדנ די סאָציאלע „זעלבסטאפּאָלאָגיע".

דער דאָזיקער געזעלשאפטלעכ־קינסטלערישער „קרעדאָ" שטימט פּרינציפּיעל מיט זייִנע פּראָגראמאטישע ארויסזאָגונגענ פונ קימאט צוויי יאָרצענדליקער פריער (אינ זייִנ בראָשור „עין משפט"), זיי זייִנענ דאָ בלויז שארפער פאָרמולירט אונ אנטוויקלט. אונ וויכטיקער נאָכ איז: זיי שטימענ מיטנ אינהאלט פונ זייִנ קינסטלערישנ שאפנ. זיי קאָנענ דעריבער דינענ אלס אויסגאנג־פּונקט סייִ באמ אויסקלאָרנ דעמ אינהאלט סייִ באמ דערקלערנ די פאָרמ פונ מענדעלעס שאפנ ביכלאל, באזונדערס אָבער פונ זייִנ שאפנ אינעמ פּעריאָד פונ 1864 ביז 1879.

2

אינ די יאָרנ פאר אונ נאָכ דער פויערישער רעפאָרמ האָבנ באשטימטע רעכטלעכע פארגרינגערונגענ פאר די פריווילעגירטע יידישע בורזשואַ אונ געוויסע אומיטלבארע רעזולטאטנ פונ דער רעפאָרמע פאר דער עקאָנאָמיק געווירקט אופמונטערנדיק אויכ אפ די ברייטערע יידישע קליינבירגערלעכע מאסנ אונ זייער אינטעליגענצ. סע האָט זיכ געהויבנ זייער געזעלשאפטלעכע שטימונג. זיי האָבנ דעמ דאָזיקנ פעריאָד געהאלטנ פאר א „וועסנע-צייט פונ יידישנ לעבנ“.

אינ פארבינדונג מיט דער פויערישער רעפאָרמע האָבנ די דאָזיקע מאסנ געהאָפט אויכ אפ רעפאָרמעס אינ דער יידנ-פראגע. וועגנ יענער צייט שרייבט דאָס מענדעלע אינ יאָר 1888 זיינע ליריש־עלעגישע רעמיניסצענצנ (צו מ. מאָרגוליסנ אינ זיינ ווידמונג פונ „פישקע דער קרומער“): „...מיר ביידע, טייערער פריינט, האָבנ אָנגעהויבנ אונדזער ארבעט אינ דער יידישער ליטעראטור פונקט אינ דער וועסנע־צייט פונעמ יידישנ לעבנ דאָ בא אונדז אינ לאנד. פונעמ זעכציקסטנ יאָר אינ אונדזער צייט הייבט זיכ פאר יידנ אָנ גאָר א נײַ לעבנ — א לעבנ שוינ מיט א גרינגער געמיט, פול מיט גוטע האָפענונגענ אפ שפעטער. דענסטמאָל זיינענ מיר געווענ ביידע נאָכ זייער יונג אונ האָבנ מיט א ברענ זיכ א נעמ געטאָנ צו דער פענ, געארבעט געשמאק, איטלעכער אפ זיינ גאנג...“

אָבער זייער גיכ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די האָפענונגענ אפ בירגערלעכער עמאנסיפאציע בענעגייע די ברייטע יידישע פאָלקמאסנ זיינענ אומזיסטע. די שטעטלדיקע מאסנ זיינענ געבליבנ ווי פריִער איינגעקלעמט אונ צונויפגעפרעסט אינ די דערלויבטע טכומענ (וואָס זיינענ אגעוו נאָכ דער רעפאָרמ נאָכ מער פארמינערט געוואָרנ), אינ זיינענ גראָד דורכ די נייע באדינגונגענ אפ אנ אייגנארטיקנ אופנ נאָכ מער צוגעפעסטיקט געוואָרנ צומ שטעטל, נאָכ מער באגרענעצט געוואָרנ אינ דער באוועגונג-פרייהייט.

נאָכ דער קרימער קאמפאניע האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ רוסלאנד אנ אינדוסטריעלע אופלעבונג. סאָפ 50־ער יאָרנ איז געקומענ דער קריזיס, דאָס האָט אָבער ניט אָפגעהאלטנ די ווייטערדיקע קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג פונ דער ווירטשאפט. טראָצ דעמ קריזיס האָט

זיך די אינדוסטריע אין אלגעמיין וויַיטער אנטוויקלט, ס'האָט זיך פארגרעסערט די נעצ אײַזנבאנען, דער אינווייניקסטער מארק האָט זיך פארברייטערט, און רוסלאנד האָט אלץ מער אָנגעהויבן ווערן א קאפּיטאליסטיש לאנד. האָבן די שטעטלדיקע יידישע מאסן געהאט צו ליַידן סיַי פון די פעאָדאלישע רעכט־באגרענעצונגען, וואָס האלטן אויף די אנטוויקלונג פון זייער עקאָנאָמיק אין דער ריכטונג פון קאפּיטאליזם און גרענעצן זיי קינסטלעך איַין אין אָפּגעשטאנענע פעאָדאלישע ראמען — און סיַי אויך שוין פון די רעזולטאטן, וואָס די אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם גופא ברענגט פאר דער עקאָנאָמיק פונעם קליינבירגער. דער שווערפּונקט פון דער אנטוויקלונג האָט זיך איבערגערוקט פונעם שטעטל אין שטאָט. פון איין זיַיט, וואקסט און אנטוויקלט זיך דער יידישער קאפּיטאליסטישער בורזשוא, דעריקער אין דער שטאָט, פון דער אנדערער זיַיט, פארגרעסערט די אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם נאָך מער די פאראָרעמטקיַיט פון ברייטסטע קליינבירגערלעכע און הארעפּאשנע שיכטן, וואָס לעבן צונויפגעפּרעסט דורך די רעכט-באגרענעצונגען אינעם שטעטל. ס'צעוויקלט זיך אינעם שטעטל א מעויעמדיקע, מעשונעדיק-קליינלעכע קאָנקורענץ אפן באָדן פון די ביזקאפּיטאליסטישע פּארנאָסעס, וויַיל די נאָכרעפאָרמישע נײַע סאָציאל־עקאָנאָמישע אָרדענונג האָט פאר די דאָזיקע שטעטלדיקע מאסן דערוויַיל קימאט ווי ניט געבראכט קיין נײַע עקאָנאָמישע מעגלעכקיַיטן, בייס די אלטע האָבן אלץ מער און מער געמוזט דעגענערירן. דער קאפּיטאליזם פארניכטעט אלץ מער און מער די אלטע ביז־קאפּיטאליסטישע פּארנאָסעס, ער ברענגט אָבער דעם שטעטלדיקן קליינבירגער ניט — אָדער וויַיט ניט אין דער נייטיקער אנטשפּרעכיקער מאָס — קיין נײַע עקאָנאָמישע געביטן. אויב די יידישע בורזשוא האָבן אין די 60־ער יאָרן באקומען אין די שטעט באשטימטע רעכט, איז פאר די יידישע קליינבירגערלעכע מאסן אינעם שטעטל אלץ געבליבן באם אלטן — און ס'איז בלויז צוגעקומען דער נײַער מיטלבארער און אומיטלבארער דרוק פון וואקסנדיקן קאפּיטאליזם.

אין די 70־ער יאָרן קומט פאָר א וויַיטערדיקע אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם, אָבער באגלייַך דערמיט א לאנגדויערנדיקער אגראר־קריזיס, דער בוילעט-געוואָרענער רעזולטאט פון דער נײַער פארקנעכטונג, וואָס די רעפאָרם האָט געבראכט דעם

פויערטום: דער אינווייניקסטער מארק איז ניט געוואקסנ באגלייכ מיטנ וווקס פונ דער אינדוסטריע. דאָס האָט זיכ באזונדערס שטארק אָפגערופנ אפ דער עקאָנאָמישער לאגע פונ די קליינבירגערלעכע, האָרעפאשנע אונ קליינהענדלערישע מאסנ אינ שטעטל, ווייל זייער עקאָנאָמיק איז באזונדערס געווענ ענג פארבונדנ מיט דער פויערשער ווירטשאפט אונ אָפהענגיק פונ איר. דער גאנג צו פראָדוקטיווער פראָלעטאריזאציע איז פאר די יידישע פאופעריזירטע קליינבירגער געווענ זייער פארשווערט איבער דער אומעגלעכקייט צו קאָנקורירנ מיט דער גאָר ביליק געוואָרענער פויערשער ארבעט, איבער די רעכטלעכע באגרענעצונגענ פונ דער אינערלעכער עמיגראציע פאר יידנ אונ, אינ זייער א גרויסער מאָס, אויכ איבער דעמ פעלנ פונ סוביעקטיווע פאָרהאנאָכעס. דעמ געוויינלעכנ ברייטנ אויסוועג, די פראָלעטאריזאציע, האָבנ, הייסט עס, די פאופעריזירטע יידישע קליינבירגערלעכע מאסנ דעמאָלט קימאט ווי ניט געהאט. צו די אלע צאָרעס איז נאָכ צוגעקומענ אנ אומגעוויינלעכער דרוק פונ דער „אינערלעכער“ יידישער פעאָדאלישער „אָרדענונג“, פונ קאָהאָל, קלייקוידעש, רעקרוטנ-טעראָר, פארשיידנערליי טאקסעס אאוו., וואָס האָט אופגעהאלטנ די מאסנ פארגליווערט אינ א פעאָדאלישנ צושטאנד. דאָס אלצ האָט אינ דער שטעטלדיקער סוויווע נאָכ מער פארשארפט די ווירקונג פונעמ קריזיס.

3

די דאָזיקע מאסנ זיינענ אפ אנ אומנאטירלעכנ אויפנ איינגעקלעמט געוואָרנ צווישנ פעאָדאליזמ אונ קאפיטאליזמ. דער אייזנבאנפארקער, די אינדוסטריע אאוו. פארניכטנ אינעמ שטעטל די קליינע רעמ ערלעכ, די א ל ט ע פארמיטלעריי, דאָס קליינ-געשעפט מיטנ פאָרעצ, זיי שעדיקנ די אָרטיקע מעלאָכע אאוו. אפנ באָדנ פונ די אלטע יידישע פארנאָסעס אונ לופט-געשעפטנ קומט פאָר א מעשונעדיק ראפינירטע קאָנקורענצ — צוליב נעבעכדיקסטע, נישטיקסטע רעזולטאטנ. די האָרעפאשנע אונ די איבעריקע קליינבירגערלעכע מאסנ אינעמ שטעטל דעגראדירנ אונ ווערנ פאופעריזירט אינ א פאנטאסטישער מאָס, זיי פארלירנ די לעצטע שפורנ פונ עקאָנאָמישע פונקציעס, וואָס זיי האָבנ ביז איצט פארמאָגט. די זינלאָזיקייט פונ זייער עקזיסטענצ ווערט אלצ מער אונ מער בוילעט.

מענדעלע מאָלט דאָס אַזוי („קיצער מאַסאָעס בינימין האשלישי“, ווילנע, 1878, ז. 7): „די אײַנוווינער אליין אין טונעיאדעווקע זײַנען, נעבעך, קימאט אלע, לוי-אלייכעם, גרויסע עוויונים, שטארקע דאלפאָנים, נאָר דעם עמעס מוז מען זאָגן, זיי זײַנען פריילעכע עוויונים, לוסטיקע קאפּצאָנים, ווילדע באַלביטאָכנס. אז מען זאָל, אשטייגער, פּלוצעם א פרעג געבן א טונעיאדעווקער ייִדן: פונוואנען און ווי אזוי ער איז זיך מעפארנעס? בלײַבט ער טכילעס שטיין, ווי צעמישט, ווייסט, נעבעך, נישט וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער א ביסל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט ביטמימעס:

— איך, ווי ארום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ א גאָט, זאָג איך אײַך אָט-אָ, וואָס פארלאָזט נישט אלע זײַנע באשעפעניש, ער שיקט צו און וועט מיסטאָמע ווײַטער צושיקן, זאָג איך אײַך אָט־אָ.

— פאָרט וואָס טוט איר אזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס'איז פאר א מעלאָכע אָדער פארנאָסע אין דער האנט?

— געלויבט איז האשעמייִסבאָרעך. איך האָב, באָרעכאשעם, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, א מאטאָנע פון זײַן ליבן נאָמען, א קיילע, א קאָל־נעגינע און דאוון מוסאָפים יאָמים־נויראָיִם אין דער סוויווע, איך בין א מויעל און א מאצע-רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיר אמאָל אויס א שידעך, פיר איך אויס; איך האָב א שטאָט, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אין דער שול. הײַנט האלט איך אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, א שענקל, וואָס מעלקט זיך צוביסלעך; איך האָב א ציג, וואָס מעלקט זיך אָן אײַנאָרע זייער גוט, און האָב נישט ווײַט פונדאנען א רײַכן קאָרעוו אָט־אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער א שלעכטער צײַט אויך א ביסל מעלקן. הײַנט כוץ די אלע זאכן, זאָג איך אײַך אָט-אָ, איז גאָט א טאטע, און די ייִסראָעל זײַנען ראכמאָנים בניי ראכמאָנים, זאָג איך אײַך אָט-אָ, נישט צו פארזינדיקן!.. (דאָס הייסט, אז צוביסלעך בעטלט ער צו — מ. וו.)“. דאָס איז נאָך נישט די סאמע ערגסטע, נאָר די טיפּישסטע לאגע פונעם קליינבירגער אינעם שטעטל פון יענער צײַט.

די דאָזיקע קאטאסטראָפאלע לאגע פון די קליינבירגערלעכע מאסן אינעם שטעטל איז דאָס טאקע די הויפּט־טעמע מענדעלעס אינעם פּעריִאָד פון 1864 ביז 1879. ער דריקט דעמלט אויס דעם דראנג צו א נײַער איבערפורעמונג אין דער עקאָנאָמיק פון די דאָזיקע מאסן

לױטנ נײַעמ קאַפּיטאַליסטישנ שטײגער. די װאַקסנדיקע דעגראַדאַציע, װאָס באַװײַזט אַזױ בולט די זינלאָזיקײַט פונ די אָפּגעשטאַנענע ביז־קאַפּיטאַליסטישע רעשטנ אינ דער עקאָנאָמיק, מאַכט די שטרעבונג נאָכ איבערפֿורעמונג דרינגענדיקער. אונ מענדעלע שילדערט דאָס צעטומלטע, אָפּט ביז גאָר אומגעלומפּערטע זוכנ פונ די דאָזיקע מאַסנ די נײַע עקאָנאָמישע אופֿגאַבעס, װאָס זײַנענ געשטעלט געװאָרנ דורכ דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטװיקלונג.

מענדעלע באַמיט זיכ אופֿקלערנ די מאַסנ דעמ „ריכטיקנ װעג“ פונעמ קלײנבירגער צו א בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישער אַנטװיקלונג. אינ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד טוט ער דאָס דערװײַל — אַכוץ דער אַלגעמײנער בילדונג־פּראָפּאַגאַנדע — אופֿ א רײנ נעגאַטיװיסטישנ אופֿנ — דורכ כױזעק אונ אָפּלאַכנ פונ די פֿאַלשע געננ, פונ די מעשונעדיק פֿאַרקריפּלטע אילױזיעס, פונ די אױסגעבױרטנ פֿונעמ דעגראַדירטנ פּאַופּערס פֿאַנטאַזיע („מאַסאָעס“ אאַװ.). אינ דעמ פּעריאָד לײגט ער נאָכ ניט דעמ טראָפּ אופֿנ קאָנקרעטנ פּאָזיטיװנ אָנװײַזנ דעמ װעג צו בורזשואַזער אַנטװיקלונג. נעגאַטיװיסטיש־אופֿקלערעריש כױזעקט ער בלױז דערװײַל שאַרפ אָפּ פונעמ ביזקאַפּיטאַליסטישנ מענאַכעמ־מענדל, װאָס פֿאַרקערפּערט זיכ אינ דעמ דאָזיקנ איבערגאַנג־פּעריאָד אינ דער פּיגור פונ בינימינ דעמ דריטנ. דער פּאָזיטיװער װעג איז אימ, מענדעלענ, אַלײנ דעמאָלט ניט קלאָר — װײַל אַזאַ װעג איז פֿאַר אַזעלכע קלײנבירגערלעכע מאַסנ אַלס אַזעלכע אינעמעסנ גאָר קײנמאָל ניט פֿאַראַנ.

אונ מענדעלע װײסט ניט, אַז דער פּעדאַליש־אָפּגעשטאַנענער ביזקאַפּיטאַליסטישער מענאַכעמ־מענדל זײַנער איז סאַכאַקל בלױז א פֿאַרגײער פונעמ שפּעטערדיקנ שאָלעמ־אַלײכעמישנ, „קאַפּיטאַליסטישנ“ מענאַכעמ־מענדל. ער װײסט ניט, אַז דער קאַפּיטאַליזמ לײזט די פּראָבלעמ פונ די דאָזיקע מאַסנ בלױז דורכ דעמ, װאָס ער פֿאַרגיכערט אונ מאַכט ענדגילטיק די פֿאַראָרעמונג פונ דעמ גרעסטנ טײל פונ די דאָזיקע מאַסנ, דעקלאַסירט זײ אונ פּראָלעטאַריזירט זײ ענדגילטיק. אָבער, אַז סע קומט די צײַט אונ מענדעלע הײבט אָנ צו דערזענ דעמ דאָזיקנ אַנטװיקלונג־גאַנג פונעמ קאַפּיטאַליזמ, אַנטױשט ער זיכ ביכלאַל געװונענ אינ דער דאָזיקער אַנטװיקלונג, ער פֿאַרקערעװעט זײַנ בליק אופּ צוריק — פֿונדעסטװעגנ לײגט ער גראָד דעמאָלט אינ דעמ

פראט דעמ הויפט־טראָפ אפנ פּאָזיטיווּ קאָנקרעטנ שילדערנ דעמ וועג צו דערפאָלגרייכער בורזשואזירונג, אפ וויפל דאָס גיט זיכ פאָרט איינ א באשטימטנ קליינעמ טייל פונ קליינבירגערטומ (אינ „ווינטשפינגערל״, גרויסער ווארִיאנט).

די קינסטלעכע פארקאפסולירונג פונ די דאָזיקע קליינבירגערלעכע מאסנ אינ אנ אָפּגעשטאנענ־פעאָדאלישנ צושטאנד ווערט אונטערגע־האלטנ פונ אינעווייניק — דורכ דער קאָהאָלש-גווירישן־קלייקוידעשדיקער אָרדענונג; אונ פונ אויסנווייניק — דורכ די פעאָדאלישע רעכט-באגרע־נעצונגענ מיצאד דער צאריסטיש־גוטבאזיצערישער מעלוכע. קעמפנ האָט מענדעלע געקעמפט נאָר קעגנ דער אינעווייניקסטער פעאָדאלישער אָר־דענונג. וואָס שייעכ אָבער דער אויסנווייניקסטער, האָט מענדעלע געגלייבט, אז מע קאָנ דאָ בלויז בעטנ, „אופקלערנ״, טייַנענ אונ זיכ מישטאדל זיינ — אנטשפּרעכיק צו די אלטע טראדיציעס. אויב די יידישע טראַ־דיציאָנעלע האסקאָלע איז אינ פראגנ פונ רעליגיע, לעמאָשל, בעסטנ־פאלס געווענ פראָנדעריש אונ ניט רעוואָליוציאָנער, איז זי בענעגייע דעמ מעלוכישנ סיידער אפילע פראָנדעריש קיינמאָל ניט געווענ. לייַדנשאפטלעכער קאמפ קעגנ די רעשטנ פעאָדאליזמ אינ דער יידי־שער סוויווע גופע — אונ נעבעכדיקע הישטאדלעסנ בא דער מע־לוכע צו באזייטיקנ די „אויסנווייניקסטע״ פּאָליטישע פעאָדאלישע בא־גרענעצונגענ, ראכמאָנעסדיקע געבעטנ פאר די „רעכט פונ די אָרעמע אינעמ פאָלק״ [1], פאר „עמאנסיפאציע״. דאָס אנטשפּרעכט צו די טרא־דיציעס פונ דער יידישער האסקאָלע.

אָבער קעגנ דער *אינעווייניקסטער* פעאָדאלישער אָרדענונג, קעגנ דער עקאָנאָמישער נויט פונ דער קליינבירגערלעכער אָרעמשאפט איז מענדעלע איצט ארויסגעטראָטנ מיט א לייַדנשאפטלעכקייט אונ שלאָג־קראפט, ווי מע האָט זיי ביז איצט נאָכ ניט געזענ אינ דער יידישער ליטעראטור.

4

אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ מענדעלעס שאפנ, דה. ביז צומ יאָר 1864, זייַנענ פונ מענדעלענ דערשינענ אויסשליסלעכ העברעיִש־גע־

[1] אזוי איז באטיטלט מענדעלעס ארטיקל אינ „המליץ״ פונ יאָר 1867 („משפט עניי עמי״), אינ וועלכנ ער בעט בא דער מעלוכע „עמאנסיפאציע״ פאר די יידנ.

שריבענע ווערק. דער קלײנבירגערלעכער שרײַבער שטײט דעמלט נאָכ זײער שטארק אונטער דערווירקונג פֿונ דער טראדיציאָנעלער בירגערלע-כער האסקאָלע. דער אָנהײב פֿונעם צווײטנ פּעריאָד אינ מענדע-לעס שאפֿנ דארפֿ באצײכנט ווערנ מיטנ ערשטנ ווא‏ריאנט פֿונ זײַנ ווערק „דאָס קלײנע מענטשעלע" אָדער „אײנ לעבנס-באשרײַבונג פֿונ יצכאָק-אווראָמ טאקעפֿ" (1864), אינ וועלכנ ס'פֿורעמט זיכ אויס אונ ס'קומט דײַטלעכ צומ אויסדרוק זײַנ קלײנבירגערלעכ-דעמאָקראטישע קעגנערשאפֿט צומ פּעאָדאלישנ גוויר אונ צו דער פּעאָדאליש-אָפּגע-שטאנענער עקאָנאָמישער אָרדענונג[1].

מענדעלע גיט דאָ, אזוי צו זאָגנ, די נאטור-געשיכטע פֿונעם פּעאָדאלישנ גוויר אונ טאקעפֿ. מענדעלע באווײַזט זײַנ ראָליע אונ לאגע צווישנ דעמ פּעאָדאל דעמ פּאָרעצ, פֿונ אײנ זײַט, אונ די עקספּלוא-טירטע מאסנ, פֿונ דער אנדערער זײַט. דער טאקעפֿ איז — אָדער איז געווענ אונ ערשט אזויארומ געוואָרנ א טאקעפֿ — דער פֿאקטער פֿונעם פּאָרעצ, אָדער דער פֿאקטער באמ פֿאקטער פֿונעמ פּאָרעצ. דער שטעטל-דיקער פּעאָדאלישער טאקעפֿ ווערט געבוירנ אפֿ דער באזע פֿונ פּא-ראזיטישער פֿאקטערײַ צווישנ דעמ פּעאָדאל אונ די עקספּלואטירטע מאסנ. דער פֿאקטער האָט אויכ פֿונ זײַנ זײַט א קלענערנ פֿאקטער, יעדעס „קלײנ מענטשעלע" האָט זיכ זײַנ נאָכ קלענער מענטשעלע אונ אזוי גײט דער לײטער ביז אראָפּ צו די, וואָס פֿירנ דירעקט דורכ די עקספּלואטערישע ארבעט. מענדעלע דעקט אופֿ וויכטיקע שטריכנ פֿונעמ „אפּאראט" פֿאר דער פּעאָדאלישער עקספּלואטאציע אונ אונטערדריקונג אונ ווײַזט די ראָליע פֿונעמ גוויר אונ קאָהאָל-מענטש אינ דעמ דאָזיקנ „אפּאראט".

די מאכט פֿונעמ טאקעפֿ באזירט זיכ אפֿ זײַנ „קלײנמענטשלדיקײַט", אפֿ זײַנ פֿאקטערישקײַט, קורצ — אפֿ דער מאכט פֿונעמ פּאָרעצ. די דאָ-זיקע מאכט קאָנ נאָר דערגרײכט ווערנ דורכ אכזאָריעסדיקער געוויסנ-

[1] אינ דעמ דאָזיקנ באנד ברענגענ מיר „דאָס קלײנע מענטשעלע" לויט דעמ באדײַטנדיק איבערגעארבעטנ וואריאנט, וואָס איז דערשינענ אינ יאָר 1879. דעריבער האָבנ מיר דאָ דאָס דאָזיקע ווערק געבראכט נאָכ „מאסאָעס" (זע די באמערקונגענ באמ סאָפֿ פֿונ דעמ באנד). אָבער בײַ דער היסטאָריש-קריטישער באהאנדלונג דארפֿ „דאָס קלײנע מענטשעלע" גײנ פֿאר „מאסאָעס", ווײַל דער אורשפּרינגלעכער עמבריאָנעלער וואריאנט פֿונ „דאָס קלײנע מענטשעלע" איז דערשינענ נאָכ אינ יאָר 1864 — 1865.

לאָזיקײַט, וואָס רעכנט זיכ מיט גאָרנישט אינ דער וועלט אכוץ מיט זײַנע אײגענע עגאָיִסטישע צילנ. אונ מענדעלע באווײַזט אינ דעם ווערק — באוווסטזיניק צי ניט — אז די אכזאָריעסדיקע געוויסנלאָזיקײַט איז א נויטווענדיקער רעזולטאט פונעם טאקעפס צילנ, אפילע ווענ דער טאקעפ איז לויט זײַנ אורשפּרינגלעכנ כאראקטער ניט דאפקע קײנ הארטער, שלעכטער מענטש.

די וויכטיקסטע זײַט אינ דער ראָליע פונעם קלײנעם מענטשעלע, זײַנ באטײַט אינ דער עקספּלואטאציע פונ פויערטום, שילדערט מענדעלע ניט אינ זײַנ ווערק. דאָס איז א רעזולטאט פונ מענדעלעס נאציִאָנאלער אײַנגעגרענעצטקײַט. ער שילדערט בלויז די עקספּלואטאטערישע ראָליע פונעם טאקעפ אינ דער יִידישער סוויווע, וואָס קומט פאָר ניט דירעקט אפ דער באזע פונ פּראָדוקציע, נאָר דעריקער דורכ וואָכערישער טעטיקײַט אונ דורכ טאקיפישנ טעראָר. אפ די דירעקטע צוזאמענהאנגענ צווישנ דער נויט פונ די יִידישע מאסנ אונ דעם פעאָדאליש-אבסאָליוטיסטישנ רעזשים באקומט זיכ, אזויארום, בלויז אנ אָנצוהערעניש. די נאציִאָנאלע אײַנגרענעצונג שטערט אים צו זענ די אײגנטלעכע לעצטע סיבעס פונ די געזעלשאפטלעכע דערשײַנונגענ, וואָס ער קריטיקירט, אונ קעגנ זײ ארויסצוטרעטנ. ער זעט זײ — אינ דער שלעכטער קינדער־דערציִונג אונ ניט אינעם פעאָדאלישנ רעזשים, וואָס האָט אלס רעזולטאט צווישנ אנדערע זאכנ אויכ די שלעכטע קינדער־דערציִונג. דרײט ער זיכ דעריבער אינ א קרײַז, מײנט, אז מיט זײַנ פּראָגראמ ווענג פארבעסערנ דאס דערציִונג־וועזנ קאָנ טאקע עפּעס וועזנטלעכס געענדערט ווערנ אינ דער געזעלשאפט.

יִצכאָק־אווראָמ טאקעפ, דאָס „קלײנע מענטשעלע", ווערט געשילדערט אלס מאָראלישער באל־טשוווע, אינ טאָכ איז דער שטריכ ניט קײנ שטײגערישע דערשײַנונג. דאָס איז בלויז געווענ א ווונטש אונ א האָפענונג מענדעלעס צו יענער צײַט. דעריקער אָבער איז דער דאָזיקער ניטווירקלעכער שטריכ געווענ א רעזולטאט פונ מענדעלעס ניט זענ די אײגנטלעכע סיבעס פונ די קריטיקירטע געזעלשאפטלעכע דערשײַנונגענ. יִצכאָק־אווראָמ איז אורשפּרינגלעכ געווענ ניט קײנ שלעכטער מענטש בעטעווע, ער איז דאָס געוואָרנ דורכ דער שלעכטער דערציִונג אינ זײַנ אומגליקלעכער יוגנט. ווענ ניט דאָס, וואָלט ער אויסגעוואָקסנ א פײַנער גוטהארציקער פילאנטראָפ, אשטײגער,

ווי אלץ וואָלט געוועז אָפּהענגיק פונ די נאטירלעכע מענטשלעכע גע־פילנ. דעריבער גיט מענדעלע אוא לעצט-אנטשיידנדיקע וואָג דער פראגע פונ דער דערציִונג. דאָ באווײַזט זיכ דער ראציִאָנאליסטיש-סאנטימענטאלער עלעמענט אינ זײַנע געזעלשאפטלעכע אָנשויונגענ.

איבער דער דאָזיקער אײַנשטעלונג ווערט יִיצכאָק-אווראָם בא־וויזנ ניט אלס קינד פונ רײַכע עלטערנ, וואָס באקומט געוויינלעכ א „בעסערע דערציִונג" אונ וואָס זײַנ יוגנט פארלויפט אינ גליקלעכערע אומשטענדנ, נאָר אלס קינד פונ דער אָרעמשאפט, וואָס ווערט פאר־קריפּלט דורכ נויט, פּײַנ אונ פאלשער דערציִונג. פונ דער אנדערער זײַט, באווײַזט זיכ אינ דעמ דאָזיקנ שטריכ אויכ מענדעלעס „פאָלקס־ליבע": א טאקעפּ א באל־כאראָטע קאָנ נאָר זײַנ א מענטש, וואָס שטאמט אליינ פונעמ האמוינ אונ וואָס האָט אליינ דורכגעלעבט אלע נויטנ פונעמ האמוינ. — דאָס אלץ שטייט אינ צוזאמענהאנג מיט די עלעמענטנ פונ סאנטימענטאליזמ אינ מענדעלעס סאָציִאלע אָנשויונגענ אונ מיט די באגרענעצטע פּאָזיטיווע אויספירנ פונ זײַנ געזעלשאפט־קריטיק.

אינ דער אייגענער צײַט באמיט זיכ אָבער מענדעלע איבערצו־געבנ די עמעסדיקעווירקלעכקײַט פונ זײַנ צײַט. ס'הערנ זיכ שוינ דאָ אָנזאָגנ אונ טענער פונעמ שפּעטערדיקנ גרויסנ קינסטלער אונ רעאליסט (אָפּגערעדט פונ דער איבערארבעטונג אינ יאָר 1879, — די אויסגאבע, וואָס מיר ברענגענ דאָ, אינ דעמ דאָזיקנ באנד, — ווו ס'גע־פינענ זיכ אינ א היפּשער צאָל מײַסטערהאפטע בילדער פונעמ רײַפנ מענדעלע). מענדעלע וויל אינ דעמ דאָזיקנ ווערק אנטפּלעקנ דעמ מע־הוס פונעמ מאיאָפּעסניק, דעמ פעאָדאלישנ אונטערלעקער פונעמ פּאָרעצ, צו וועלכנ ער שטעלט אנטקעגנ דעמ מאסקילישנ פּראָנדיאָר אונ פּאָר־שטייער פונ דער מענטשלעכער ווערדע. דערבײַ דעקט ער אופ די פארקריפּלטקײַט אונ אָפּגעשטאנענקײַט פונ א גאנצער רײ דערשײַנונגענ אינעמ שטייגער אונ לעבנ. די בילדער, וואָס מענדעלע גיט דאָ פונ דער ווירקלעכקײַט—וואקסנ אריבער איבער זײַנ קאָנצעפּציע, רײַסנ זי אופּ, אונ זײַנע פּראקטישע פּאָזיטיווע אויספירנ ווערנ אינ פארגלײַכ מיט זײַנע בילדער נישטיק אונ נעבעכדיק, א נאִיווע נאָכשלעפּעניש אונ באלעסטיקנדיקע צוגאָב. ניט צוליב זיי איז די דאָזיקע קליינע דער־ציילונג צו איר צײַט אויי ווארעמ אופגענומענ געוואָרנ פונ דער גע־

זעלבשאפטלעכקײַט, נאָר איבער איר אָנקלאָג קעגן דעם פעאָדאליש-אָפּגעשטאנענעם שטייגער ביכלאל, איבער דעם פּראָטעסט קעגן זײַנע סיבעס, וואָס האָט זיך דאָ באקומען טראָץ די צוגעקלעפּטע פּיליסטע-ריש-דידאקטישע אויספירן. —

5

אין „דאָס קליינע מענטשעלע" גייט מענדעלע נאָך אן עלטערער סוןשעטיש-פאבולארער טראדיציע — די דערציילונג אין דער פאָרם פון א ווידע פון א פארברעכערישן טאקעף, וואָס האָט כאראָטע אף זײַנע בייזע טאטן, איז שוין פריער באנוצט געוואָרן פון י. ערטער אין זײַן „הצפה לבית ישראל", קאפיטל „גלגול נפש", און פון י. ב. לעווינזאָן אין דעם א. ג. צווייטן טייל „העפקער-וועלט" (בא לע-ווינזאָנען: דער גײַסט פונעם פארשטאָרבענעם טאקעף, וואָס ווערט ארויסגערופן דורך „מאגנעטיזם", דערציילט זײַן פארברעכעריש לעבן; בא מענדעלען: די לעבן-באשרײַבונג פונעם פארברעכערישן טאקעף ווערט געלייענט נאָך זײַן טויט אָפּס זײַן צוואָע). די זעלבע פאָרם האָט שפּעטער נאָך מענדעלען אויך גאָטלאָבער באנוצט אין זײַן סאָ-ציאַלער סאטירע „דער גילגל — א הומאָריסטישע דערציילונג, ארויס-געגעבן פון דעם גאבעס איינ־קל" (1871). די דאָזיקע פאָרם איז א טראדיציאָנעל־מאסקילישע פאר דער סאטירישער אָנקלאָג קעגן דער פעאָדאליסטישער פּלוטאָקראטיע. „די טאקסע", ווידער, ווײַזט ווירקונג-שפּורן פון אקסענפעלדס פּיעסעס[1].

[1] „דער ערשטער יידישער רעקרוט" איז דערשינען ערשט אין 1861, די איבעריקע פארעפנטלעכטע דרײַ פּיעסעס אקסענפעלדס — 1867 ביז 1870 (מענדעלעס „טאקסע" — 1869). מע דארף אָבער רעכענען, אז מענדעלע האָט זיך באקענט מיט אקסענפעלדס ווערק, וואָס ער האָט זיי זייער געשעצט, פריער נאָך איידער זיי זײַנען דערשינען — פון נעם מאנוסקריפּט. גאָטלאָבער, מענדעלעס לערער און אקסענפעלדס פארערער, האָט מענ-דעלען מיגאסטאט דער ערשטער אָנגעוויזן אף אקסענפעלדן. דאָס לייענען די מאסקילישע ווערק אינעם קסאוויאר איז גאנצע צענדליקער יאָרן געווען א פארשפּרייטע שטייגע-רישע דערשײַנונג. יאָכים טארנאָפּאָל דערציילט וועגן יענער צײַט אין זײַן Опыт современной и осмотрительной реформы, 1858 — 1868: „...אין א סאך שטעט פון אונדזער פאַטערלאנד, ווי. לעמאָשל, ווארשע, ווילנע, אָדעס, מאָלעוו, בערדי-טשעוו אוכדוימע, ווו ס׳געפינען זיך גאנצע גרופּעס געבילדעטע יידן, עקזיסטירט אין די דאָזיקע אופגעקלערטע קרײַזן א באזונדער מין ליטערארישע אונטערהאלטונג: מע

ס'איז אָבער זייער א גרויסער כילעק צווישנ לעווינזאָנס אונ אקסענפעלדס אָנקלאָגערישע ארויסטרעטונגענ — אונ מענדעלעס שארפנ אָנגריפ. געוויס האָבנ לעווינזאָנ אונ אקסענפעלד, אלס בירגערלעכע אופקלערער, אלס פאָרשטייער פונ די מיטעלע שיכטנ אינ בירגערטומ, אופריכטיק געשטרעבט דערצו, אז סע זאָלנ באזייטיקט ווערנ די פעאָדאלישע אונטערדריקונגענ אונ אוולעס אויכ בענעגייע די ברייטע אָרעמשאפט־מאסנ. דאָס איז פאר זיי, פונקט ווי פאר די רוסישע אופקלערער פונ זייער צייט, דורכויס כאראקטעריסטיש. דער קאמפ פונ דער בורזשואזיע האלט דערווייל נאָכ בא יענעמ פאזיס, ווענ זי טרעט סוביעקטיוו אופריכטיק ארויס אויכ פאר די אינטערעסנ פונ אלע אונטערדריקטע קלאסנ — קעגנ די „פריווילעגירטע קלאסנ".

אינ זייער איינשטעלונג קעגנ דער פעאָדאלישער אָרדענונג האָבנ אויכ לעווינזאָנ אונ אקסענפעלד אופריכטיק געווינטשט דעמ וווילשטאנד פאר יעדערנ, דעמ אלגעמיינעמ וווילשטאנד. דעריבער טרעט לעווינזאָנ אזוי שארפ ארויס אינ זיינ „העפקער-וועלט" אונ אינ זיינ פאמפלעט „תולדות פלוני אלמוני הכזבי" קעגנ דער פעאָדאליש־קאָהאָלשער אונטערדריקונג פונ דער אָרעמשאפט, דעריבער פראָטעסטירט אקסענפעלד אינ זיינ „ערשטנ יידישנ רעקרוט" קעגנ די טאקיפיש-קאָהאָלשע מאכינאציעס בא דער רעקרוטשינע, פונ וועלכע ס'האָט אזוי שווער געליטנ די אָרעמשאפט.

בא לעווינזאָנענ אונ אקסענפעלדנ איז אָבער די דאָזיקע אָנקלאָג געוואקסנ פונ א בירגערלעכנ שטאנדפונקט, פונ אנ אופקלעריש־בירגערלעכנ. דער הויפט-טראָפ ליגט בא זיי אפנ קאמפ קעגנ דער פעאָדאלישער קאָהאָל-אינסטיטוציע, וואָס איז אויכ דעמ בירגער פאר־ האסט. קאָהאָל ווערט אָנגעגריפנ בא יענעמ פונקט, וואָס ער לאָזט זיכ

פארברענגט די צייט מיט פאָרלעזנ אפ פאָשעטנ פויליש־יידישנ זשארגאָנ דערציילונגענ, דראמאטישע סצענעס (פונ מיר אונטערגעשטראָכנ — מ. וו.), גאנצע בראָשורנ אונ לידער אָדער פראָזע, אינ די דאָזיקע ביכלעכ, וואָס מע לייענט פארנ גאנצנ צונויפגעקליבענעמ עוילעמ, ווערנ אינ א זייער שארפער פאָרמ אויסגעלאכט מערערע נארישע מינהאָגימ, פארעלטערטע אָבערגלויבנס אונ פאלשע כסידישע אָנשויונגענ" (ציטירט לויט י. צינבערג „דער קול מבשר אונ זיינ צייט", זשורנאל „יידישע וועלט", ווילנע 1913). דאָס האָט — דארפ מענ רעכענענ — אינ א היפשער מאָס א שייכעס צו אקסענפעלדס ווערק.

אמבעסטנ אָנגרײַפֿנ, דאָרט, ווו זײַנ געזעלשאפֿטלעכע אָפּגעלעבטקײַט ווערט צומערסטנ בוילעט — בא זײַנ אונטערדריקנ די אָרעמשאפֿט. דעם הויפּט־טראָפּ לייגנ זיי ניט אפֿ אויפֿקלערנ די מאסנ גופֿע וועגנ זייער עקאָנאָמישער נויט, וועגנ זייער אונטערדריקטקײַט — כאָטש זיי טוענ עס ביז א געוויסער מאָס. זייער בירגערלעכ־אויפֿקלערערישער קאמפּ גייט קעגנ דעם כאסידיזמ, קעגנ מיסברויכנ בא דער רעקרוטשינע, קעגנ די מעניִעס באמ פֿארשפּרייטנ בילדונג, קעגנ די אָבסקוראנטנ (די „מורדי אור”), קעגנ מיסברויכלעכע קאָהאָלשע אײַנריכטונגענ (שטײַערנ, קאָראָבקע, טאקסע אאוו.), קורצ: קעגנ אלע פֿעאָדאלישע מעניִעס אפֿנ וועג צו א בירגערלעכ־קאפּיטאליסטישער אנטוויקלונג אינ דער יִדישער סוויווע.

אנדערש מענדעלע. מיט דעמ „קליינעמ מענטשעלע” אונ דער „טאקסע” טרעט ער שוינ ארויס דירעקט קעגנ פּלוטאָקראטיע אונ קאָהאָל טאקע פֿונעמ שטאנדפּונקט פֿונעמ פּאראָרעמטנ אונ סאָציִאלעקאָנאָמיש שוואכ אונטערדריקטנ קליינבירגערטומ. עס איז כאראקטעריסטיש, אז דאָס אָרעמ־זײַנ גופֿע ווערט דאָ אוועקגעשטעלט אלס עפּעס דערהייבנס אונ אידעאלס. דאָס איז א טיפּישער שטריכ פֿונעמ קליינבירגערלעכנ אינטעליגענט. לעווינזאָנ רעדט אויכ וועגנ דעמ גוויריש-טאקיפֿישנ אונטערדריקנ די אָרעמשאפֿט (אינ „העפֿקער-וועלט”, אינ א. ג. צווייטנ טייל „העפֿקער-וועלט” אונ אינ „תולדות פּלוני אלמוני הכזבי”), אָבער דעריקער—אינ צוזאמענהאנג מיט זײַנ קאמפּ קעגנ קאָהאָל, קעגנ כאסידיזמ. דעריקער גייט עס דאָ טאקע וועגנ קאמפּ קעגנ קאָהאָל, כאסידיזמ אאוו. פֿונעמ בירגערלעכנ שטאנדפּונקט. אקסענפֿעלד טײַנעט קעגנ די אוולעס בא דער רעקרוטשינע, כויזעקט שארפֿ פֿונ כאסידיזמ, פֿונ אָפּגעשטאנענקײַט — דערבײַ נעמט ער זיכ אפֿ א באשטימטנ אויפֿנ אָנ פֿאר דער אָרעמשאפֿט אויכ. בא מענדעלענ אָבער ליגט דאָ אינ די דערמאָנטע צוויי ווערק דער הויפּט־טראָפּ אפֿ דער סאָציִאלער אונטערדריקונג פֿונעמ פּאראָרעמטנ, עקספּלואטירטנ אונ דעקלאסירטנ קליינבירגער אונ האמוינ-מענטש. דאָס איז בא אימ דער איקער. יִצכאָק-אווראָמ טאקעפּס פֿארברעכנס ווערנ געשילדערט אינ „דאָס קליינע מענטשעלע” אלס סאָציִאלע פֿארברעכנס אָנ שומ באזונדערנ באטאָנענ די פֿארבינדונג מיטנ קאָהאָל אונ כאסידיזמ. דאָ גייט עס ניט דעריקער וועגנ בירגערלעכנ קאמפּ קעגנ

א אײנצלנער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע אָדער אידעאָלאָגיע, קאָהאָל און כאַסידיזם, נאָר װעגנ דעמ קאַמפּ קעגנ א סאָציאַלנ קלאַס. אינ מענדעלעס „טאַקסע“ איז די טעמע גראָד אזא פעאָדאַלישע קאָהאָלשע אינסטיטוציע, נאָר װידעראַמאָל גײט עס אויכ דאָ ניט דעריקער װעגנ אנ אײנצלנער געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע. נאָר װעגנ דעמ סאָציאַלנ אומרעכט פונ א גאַנצנ סאָציאַלנ קלאַס. דער הויפּט־טראָפּ ליגט דאָ אױפנ סאָציאַלנ קעגנזאַץ און ניט אױפ אײנצלנע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און דערשײַנונגענ. מענדעלע טרעט אויכ אַרויס, און ביז גאָר שאַרפ, קעגנ די דאָזיקע אײנצלנע אָפּגעשטאַנענע פעאָדאַלישע אינסטיטוציעס און דערשײַנונגענ. אָבער דאָס איז פאַר אימ דאָ ניט דאָס צענטראַלע, װי בײַ לעווינזאָנענ אָדער אַקסענפעלדנ, ס׳איז ניט דער לעצטער ציל פונ זײַנ אַרויסטרעטונג. דער איקער איז פאַר אימ געװאָרנ דער סאָציאַלער קעגנזאַץ: צװישנ דער פעאָדאַלישער פּלוטאָקראַטיע — און דעמ דעמאָקראַטישנ קלײנבירגערטומ.

און דאָס לײגנ דעמ טראָפּ אױפ דער לאַגע פונ דער אָרעמשאַפט — אָט דאָס איז דאָס נײַעס, װאָס מענדעלע האָט געבראַכט אינ דער ייִדישער ליטעראַטור אינ פאַרגלײַכ מיט די פריִערדיקע אופקלערער.

6

מיר האָבנ אויבנ [1] דערמאָנט, אז דער סוזשעט פונ „דאָס קלײנע מענטשעלע“ גײט נאָכ באַשטימטע ליטעראַרישע טראַדיציעס אינ דער עלטערער מאַסקילישער העברעיִשער ליטעראַטור. דערמיט האָבנ מיר ניט געמײנט אויסשעפנדיק צו לײזנ די פראַגע פונ די ליטעראַרישע טראַדיציעס פאַר דער אײגנאַרטיקײַט פונ סוזשעט און פאַבולע אינ „דאָס קלײנע מענטשעלע“. אױפ דער מאַסקילישער טראַדיציע בויט זיכ דאָס רעמל פונ דער דערצײלונג (די פאָרמ פונ א װידע), אָבער װאָס שײַעכ אויפבוי פונ דער פאַבולע גופע, האָט מענדעלע געשעפט אָנרעגונגענ פונ גאָר אַנדערע קװאַלנ, אױפ װעלכע מיר זײַנענ נאָכ דערװײַל ניט אימשטאַנד מיט זיכערקײַט אָנצוװײַזנ. ס׳װאַרפט זיכ אָבער אינ די אויגנ, אז דאָס „קלײנע מענטשעלע“ אַנטשפּרעכט גענוי פּינקטלעכ און אינ אַלע װיכטיקסטע פּראָטימ צומ ליטעראַרישנ זשאַנר פונעמ אַזוי־גערופענעמ שעלמענ־ראָמאַנ (La novella picaresca, плутовской роман),

1 ז. 18.

וואָס איז אורשפּרינגלעך אופגעקומען אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור פון XVI יאָרהונדערט, און האָט דערנאָך ביז טיף אין XIX יאָרהונדערט אריַין געשפּילט אלס טראַדיציע אזא וויכטיקע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פונעם רעאליסטישן ראָמאַן אין די מיַירעוו-אייראָפּיייִשע ליטעראטורן.

אין „מאַסאָעס" האָט מענדעלע פאר זיַין סאטירע באַוווסטזיניק אויסגענוצט סוזשעט און פאבולע פון סערוואַנטעסעס „דאָן־קיכאָט" אין „דאָס קליינע מענטשעלע" איז מענדעלע—ס'קאָן זיַין, אז אומבאַוווסטזיניק—געקומען צו א זשאַנר, וואָס שטאַמט אין אייראָפּע [1] אויך פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור, ווען זי איז געשטאַנען אף דער שוועל, וואָס פירט פון דער פעאָדאַלישער צו דער בורזשואַזער וועלט. אגעוו האָט דאָס א שיַיכעס ניט בלויז צו „דאָס קליינע מענטשעלע", נאָר אין א געוויסער מאָס אויך צו „פישקע דער קרומער", וואָס וויַיזט אויך אין סוזשעט און פאבולע א גאַנצע ריי שטריכן פון דעם דאָזיקן שעלמען־ראָמאַן־זשאַנר.

אלס אויסגאַנג־פּונקט פאר דער אייראָפּעייִשער ליטעראַרישער טראַדיציע פון דעם דאָזיקן זשאַנר ווערט געוויינלעך באַטראַכט די באַרימטע נאָוועלע „לאַסאַריליאָ פון טאָרמעס" (פארפאַסט פון אַן אַנאָנימען פארפאַסער, וואָרשיַינלעך אין די 30-ער יאָרן פון XVI יאָרהונדערט, צום ערשטן מאָל אין דרוק דערשינענע אין יאָר 1554). די קלאַסישע מוסטערן פון דעם זשאַנר זיַינען געוויינלעך געווען אַנטי-פעאָדאַליש און אַנטי-קלעריקאַליש.

דער דאָזיקער זשאַנר האָט זיך שפּעטער אין XVII און XVIII יאָרהונדערט זייער ריַיך אַנטוויקלט סיַי אין שפּאַניע סיַי אין פראַנקריַיך, איטאַליע, דיַיטשלאַנד אא. מיַירעוו-אייראָפּיייִשע לענדער. אזעלכע באַדיַיטנדיקע ווערק, ווי „זשיל בלאַס" פון לעסאַזש און „סימפּליציסימוס" פון גרימעלסהאַוזען, זיַינען לויט זייער ליטעראַרישן זשאַנר „שעלמען-ראָמאַנען". עלעמענטן פון דעם ווערן אָנגעווענדט פון סקאַראָן און אין א געוויסער מאָס אפילע פון וואָלטערן אין זיַינע דערציילערישע ווערק. זייער באַדיַיטנדיקע אָפּקלאַנגען פון דעם זשאַנר געפינען מיר אינעם שאפן פון דיקענס, באַזונדערס אין זיַינע ביִאָגראַ-

1 ער איז אורשפּרינגלעך געקומען (דורך דער גריכישער און לאַטיַינישער ליטעראַטור) פון די מיזרעך־ליטעראַטורן.

פּישע ראָמאנענ, לעמאָשל, אינ זײַנ „אָליווער טוויסט“ (1838), „לעבנ אונ אוואנטיורעס פונ ניקאָלאס ניקלבי“ (1839; דער דאָזיקער בוכ איז געווענ געווענדט קעגנ דעמ ענגלישנ דערציִונג־וועזנ, פּונקט ווי מענדעלעס „דאָס קלײנע מענטשעלע“ ווענדט זיכ מיט שארפע ווערטער קעגנ דעמ דעמלטיקנ יידישנ דערציִונג־וועזנ), „דאוויד קאָפּערפילד“ (1849—1850). אויב מיר נעמענ אינ אכט, אז גראָד אינ די 50-ער אונ 60-ער יאָרנ איז דיקענס זײער פּאָפּולער געווענ אינ רוסלאנד, וועט מענ קאָנענ אופשטעלנ א השערה, אז די שטריכנ פונעמ שעלמענ־ראָמאנ־זשאנר זײַנענ עפּשער אָנגעקומענ צו מענדעלענ דורכ דער פארמיטלונג פונ דיקענסעס ווערק (עס וואָלט ביכלאל קעדײַ געווענ אויסצופאָרשנ די מעגלעכע — אונ זײער ווארשײַנלעכע — ווירקונג פונ דיקענסנ אפ מענדעלענ). אָבער אפילע, ווענ סע זאָל זיכ ארויסווײַזנ, אז מענדעלע האָט ניט געהאט קײנ שומ *באוווסטזיניקע באצײַנג* צו דער דאָזיקער ליטערארישער טראדיציע[1] (אונ דאָס איז זײער ווײניק ווארשײַנלעכ: אינ דער רוסישער ליטעראטור האָבנ אכוצ בולגארינענ אויכ אזעלכע שרײַבער ווי וועלטמאנ אונ נאריעזשני אונ אפילע גאָגאָל אינ זײַנ „טויטע נעפּאשעס“ קולטיווירט די דאָזיקע טראדיציע), איז פונדעסטוועגנ די פעסטשטעלונג, אז מענדעלע האָט לויט דעמ זשאנר געבויט דעמ סוזשעט פונ דאָס „קלײנע מענטשעלע“ (אונ אויכ פונ „פישקע“) ניט ווײניקער אינטערעסאנט, אינ א געוויסער מאָס גאָר נאָכ מער. ווארעמ אויב מענדעלע איז בא דער שילדערונג פונעמ אונטערלעקערישנ מאיאָפּעסניק אונ פונ זײַנ אנטוויקלונגס־גאנג צומ גוויר אונ טאקעפּ טאקע גאנצ זעלבשטענדיק אָנגעקומענ צו די *וויכטיקסטע* שטריכנ פונ דעמ דאָזיקנ זײַט יאָרהונדערטער פינקטלעכ-אויסגעארבעטנ זשאנר, באווײַזט דאָס בלויז אנ איבעריק מאָל, אז די באשטימטע אנאלאָגישקײַט פונ אידעאָלאָגישע דערשײַנונגענ אינ פארשײדענע צײַטנ אונ ערטער איז א רעזולטאט פונ א באשטימטער אנאלאָגישקײַט אינ דער געזעלשאפטלעכער סיטואציע.

פאר דעמ דאָזיקנ זשאנר איז כאראקטעריסטיש: אפ א מינ מעמואריסטיש-אוטאָביאָגראפישנ פּראָסטנ אונ פאָלקסטימלעכנ אויפנ ווערט

[1] אגעוו: אקסענפעלדס פארלוירנ געגאנגענער ראָמאנ „דער יידישער זשיל בלאָס“ איז לויט די יעדיִעס, וואָס מיר פארמאָגנ וועגנ זײַנ סוזשעט אונ פאבולע, געווענ א טיפּישער שעלמענ־ראָמאנ.

הומאָרפול דערציילט וועגן דעם געשעעניש-רייכן, פארוואנדלונג-רייכן
און שווערן גורל פון א האלב-לומפישן שטאָטישן יינגל ביז צו זיי־
נע רייפע יאָרן, ווען ער דערגרייכט צו זיין ענדגילטיקן דערפאָלג
אָדער דורכפאל. דערביי ווערן צעוויקלט פארביקע און רייכע בילדער
פון לעבן און שטייגער פון די פארשיידנסטע קלאסן און שיכטן און
קריטיקירט די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן פון א שטאנדפונקט,
וואָס איז כאראקטעריסטיש פארן שטאָטישן קליינעם בירגער. כאָטש דער
זשאנר רופט זיך „שעלמען-ראָמאן", באטייט דאָס בעשומופן ניט, אז
דער ווירקנדיקער און וועגן זיך דערציילנדיקער הויפט-העלד מוז אומ־
באדינגט זיין א „שעלם" און פלוט, אומבאדינגט א נעגאטיווע גע־
שטאלט. צו דער טראדיציע פון דעם זשאנר געהער א באשטימטע
פרייע גוטמוטיקע באציונג צו די דערציילטע „שפיצלעך" און „פאָרט-
לען" און אפילע צו קעגנגעזעצלעכע טאטן פונעם הויפט-העלד. דערין
איז געקומען צום אויסדרוק א האמויניש-בונטארישער אָפשפּאָט אפ
דער פיליסטערישער „אָנשטענדיקייט". דאָס גילט אָבער לאכלוטן ניט
אומבאדינגט פארן גאנצן זשאנר ביכלאל, און גאנץ אָפט ווערט די
גוטמוטיקע באציונג צו די ניט-לייטישע טאטן פונעם הויפט-העלד בא־
לייט מיט א מאָראליזירנדיקער באלערנדיקער קאוואָנע. דער הויפט־
העלד פונעם שעלמען-ראָמאן איז גאנץ אָפט — אכוץ עטלעכע אין דער
יוגנט אָפּגעטאָנענע שפיצלעך — לאכלוטן ניט קיין שעלם. געוויינלעך
אפילע א פאָזיטיווע פיגור (יעדנפאלס לויט דער איינשטעלונג פונעם
שרייבער). מיט „נאָוועלא פיקארעסקא"[1] איז דעריקער געמיינט: די מיי־
סים און אוואנטיורעס פון א פראָסטן האמוינישן אָרעמען יונג, אין
קעגנזאץ צום ריטערלעכן, הויפישן, אריסטאָקראטישן ראָמאן, וואָס
באריכטעט די פאסירונגען און אוואנטיורעס פונעם וואזשנעם ריטער, —
כאָטש, פון דער אנדערער זייט, טרעפט זיך אויך אָפט, אז דער שעל־
מישער העלד איז טאקע אויך א „ש ע ל ם" אין אייגנטלעכן באטייט
פון וואָרט (א פלוט, א זשוליק).

פאר דעם דאָזיקן זשאנר איז כאראקטעריסטיש, אז דער הויפט־
העלד איז געוויינלעך אָדער א דעקלאסירט פויערים-יינגל אין דער
שטאָט, אָדער א קינד פון פאראָרעמטע האנטווערקער, פון פארלומפּ־

1 פיקאראָ באטייט אייגנטלעך אפ שפּאניש — א גאסן-יונג, א באָסיאק, א פארשייַ
וואָס דרייט זיך ליידיקגייעריש ארום די ראָגן פון די גאסן.

טע שטעלנלאָזע סאָלדאטנ אָדער פונ אנדערנ שטאָטישנ אונ שטעטלדיקנ לומפנטומ. קורצ, פונ יענעמ געזעלשאפטלעכנ שיכט, פונ וועלכנ עס וואקסט אונ דערגאנצט זיכ דאָס שטאָט־בירגערטומ אינ יענער צײַט.

די קלאסישע סכעמע פונ שעלמענ־ראָמאנ בויט זיכ געוויינלעכ אפ דער סוזשעטישער דעטאל, אז דער הויפט־העלד הייבט אָנ זײַנ קאריערע אלס דינער אָדער געהילפ (דער איינציקער וועג פארנ קליינבירגער ארײַנצוקומענ אינ דער „געזעלשאפט”) אונ בײַט זײַנע שטעלעס, מעלאָכעס, זײַנ שטאנד אאזוו. זייער אָפט. דאָס גיט די מעגלעכקײַט צו אנטוויקלענ די בילדער פונ דער געזעלשאפט-קריטיק אפ ברייטסטנ אויפנ. געוויינלעכ פירט דער מעכאבער דעמ הויפט־העלד (וואָס איז לויטנ אווטאָביאָגראפישנ נוסעכ קלוימערשט דער פארשרײַבער פונ דער דערציילונג גופע) אינ די סאמע געדיכטענישנ פונ לעבנ, באזונדערס פונ שטאָטישנ אָדער שטעטלדיקנ לעבנ. דער שעלמענ־ראָמאנ איז געוויינלעכ — באזונדערס אינ די אָפטע אנעקדאָטישע עפיזאָדנ — דורכגעדרונגענ מיט סאטירע, הומאָר אָדער טראגיקאָמיק, זײַנ גרונט־שטימונג איז — ניט געקוקט אפ צומאָליקע סאנטימענטאליטעטנ אונ מעלאָדראמאטיק — אָפטימיסטיש. אינ א טייל מוסטערנ פונ דעמ זשאנר גייט די אנטוויקלונג־ליניע פונעמ הויפט־העלד בארג־ארופ, די דערציילונג ענדיקט זיכ מיטנ ענדגילטיקנ דערפאָלג פונעמ „שעלמ”, אינ אנדערע ווידער פאלט דער הויפט-העלד, איבער זײַנע פעלערנ אונ איבער זײַנ ניט-לײַטישקײַט, בארג אראָפ — געוויינלעכ, ווענ דער מעכאבער איז דערמיט אויסנ די זעלבסטקריטיק פונ זײַנ קלאס, אמאָל אָבער אויכ די אָנקלאָג פונ די הערשנדיקע קלאסנ. עס איז נאטירלעכ, אז דאָס אלצ ווערט באלייט — אמאָל מער, אמאָל ווייניקער — מיט דידאקטישע רעפלעקסיעס.

דער שעלמענ־ראָמאנ איז אנטשטאנענ אונ האָט אינ זײַנע בעסטע מוסטערנ געדינט אלס אויסדרוק פונ די אנטי־פעאָדאלישע אונ אנטי־קלעריקאלישע טענדענצנ פונעמ אופקומענדיקנ בירגערלעכנ קלאס, באזונדערס פונעמ מיטעלנ אונ קליינעמ שטאָטישנ בירגער. אמאָל אפילע אלס אויסדרוק פונ פראָנדע מיצאד דעמ שטאָטישנ קליינעמ בירגער צומ רײַכנ פעאָדאל־טאקיפישנ גרויסבירגער (פונדאנענ נעמט זיכ די אָפטע קריטישע באציִונג צו רײַכע, די פאראכטנדיקע ווערטער וועגנ

עלט און געלט-ליבע אאוו.). דער זשאנר שעלמענ-ראָמאנ האָט, אינ
קעגנזאצ צום אריסטאָקראטישנ ראָמאנ, געגעבנ די ברייטסטע מעגלעכ-
קײט אינ פארבנרײַכע, רעאליסטיש-געמאָלטע בילדער צו צעוויקלענ
ארום די איבערלעבונגענ און פאסירונגענ, וואָס האָבנ זיכ געטראָפנ
מיטנ „שעלמ", ברייטסטע און אָפט אפילע פאמפלעטישע קריטיק פונ
געזעלשאפטלעכנ שטייגער און אנטשפרעכיק אויסצופאָרמירנ דאָס ביר-
גערלעכע באוווסטזײַנ. —

די שטריכנ, וואָס מיר האָבנ דאָ פונ דעמ דאָזיקנ זשאנר אָנגע-
וואָרפנ, וועלנ קלעקנ אפ קלאָר צו מאכנ, אז מענדעלעס „דאָס קליי-
נע מענטשעלע" איז לויטנ זשאנר זײַנעמ אנ אנטשפרעכנדיק מאָדיפי-
צירטער „שעלמענ-ראָמאנ" (אינ א געוויסער מאָס אויכ „פישקע"). און
דאָס איז ניט קיינ צופאל. די אנאלאָגיע אינ דער געזעלשאפטלעכער
סיטואציע, וואָס האָט געפירט צו אנאלאָגישע ליטערארישע אויסדרוק-
פאָרמעס, באשטייט דאָ אינ דער פעאָדאלישער אָפגעשטאנענקײט פונ
ברייטסטע שטאָטישע (שטעטלדיקע) פאופעריזירטע און צום טייל דע-
קלאסירטע מאסנ אינ א פעריאָד, ווענ סע שפארט שוינ פונ אלע זײַטנ
א נײַע בירגערלעכע אָרדענונג, סע קומט אופ א נײַ בירגערלעכ בא-
וווסטזײַנ, א נײַע וועלטאָנשויונג, אינעמ קאמפ קעגנ די רעשטנ אָפ-
געלעבטע אלטע געזעלשאפטלעכע פאָרמעס אפ אלע געביטנ.

7

מיר מוזנ פעסטשטעלנ, אז אפילע אינעמ סאמע ראדיקאלסטנ
צײַט-אָפשניט פונ מענדעלעס שאפנ, אינעמ פעריאָד פונ 1864—1869
(„דאָס קליינע מענטשעלע", ערשטער וואריאנט, 1864; „ווינטשפינגערל",
ערשטער וואריאנט, 1866; „די טאקסע" און „פישקע דער קרומער",
ערשטער וואריאנט, 1869), באגעגענענ מיר בא אימ אויכ אזעלכע
ארויסזאָגונגענ, וואָס אנטיציפירנ אינ א געוויסער מאָס באשטימטע
אײַנשטעלונגענ זײַנע פונעמ פעריאָד זײַט די 80-ער יאָרנ (לעמאָשל:
אינ „האבות והבנים", 1868, באטאָנט ער זײַנ קעגנערשאפט סײַ צו „איבע-
ריקער פרומקײַט" — „חסידות יתרה" — און סײַ צו גאָטלייקענונג —
„כפירה" — אפ אנ אלציינעמ אופנ; אינ זײַנ בראָשור „עין משפט",
1867, שטרײַכט ער אונטער, אז ער איז אויסנ מיט זײַנ קריטיק בלויז
די שטייגערישע טראדיציע און ניט די רעליגיעזע, אפאָלאָגיזירט דעמ

טאלמוד, העברייִש אאוו.). אינ געוויסע אייִנצלנע פּראָטימ איז מענדעלע אפילע אינ דעמ דאָזיקנ פּאָרגעשריטנסטנ פּעריִאָד זייַנעמ געמעסיקטער איידער א טייל פריִערדיקע מאסקילימ, כאָטש אינ אנדערע וועזנטלעכע פּראָטימ איז ער א סאכ פּאָרשריטלעכער. באשטימטע רעגרעסיווע מאָטיווו (פונ נאציִאָנאליזמ, געמעסיקטקייַט אינ די ארויסטרעטונגענ קעגנ קלעריקאליזמ אא.), וואָס ווערנ דייַטלעכער ערשט זייַט די 80־ער יאָרנ, געפינענ מיר בא מענדעלענ אינ א מער אָדער ווייניקער עמבריִאָנאלנ צושטאנד אויכ שוינ אינ די 60־ער יאָרנ.

מענדעלע איז זייַט די 60-ער יאָרנ געוועזנ אונ געבליבנ אינ טאָכ א פּאָרשטייער פונ פּאופּעריזירטנ אונ עקספּלואטירטנ שטעטלדיקנ קלייִנבירגערטומ — אינעמ איבערגאנג-פּעריִאָד פונ פּעאָדאלישע צו קאפּיטאליסטישע געזעלשאפטלעכע פּאָרמעס. אנטשפּרעכנדיק צו דעמ דאָזיקנ היסטאָרישנ איבערגאנג־כאראקטער בילדעט זיכ אויס דאָס ווערטפּולסטע אינ זייַנ אידעאָלאָגיע: די סינע צומ אלטנ פּעאָדאלישנ שטייגער, צו דער פּעאָדאלישער גווירימשאפט, צו די פּעאָדאלישע רעשטנ, וואָס פּארהאלטנ די אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט אינ דער קאפּיטאליסטישער ריכטונג. גלייַכצייַטיק אָבער שפּיגלט מענדעלע אָפּ ניט נאָר דאָס בעסטע שטרעבנ פונ דעמ דאָזיקנ פּאופּעריזירטנ קלייִנבירגערטומ, נאָר אויכ די רעאקציִאָנערע עלעמענטנ פונ דעמ דאָזיקנ קלייִנבירגערטומס שטרעבנ, די אָפּגעשטאנענקייַט פונ דער דאָזיקער מאסע, וואָס באשטייט אינ היפּשע טיילנ אירע אויכ פונ דעקלאסירטע, קלייִנקרעמערישע פּאראזיטישע שיכטנ. די דאָזיקע מאסע טראָגט אינ זיכ פּארגליווערטע רעאקציִאָנערע עלעמענטנ; די בונטארישקייַט פונ דער דאָזיקער מאסע, איר „רעוואָליוציִאָנערער קויעכ" איז נישטיק אונ ווייניק אויסגעהאלטנ. אינעמ לעצטנ פינפטל פונ XIX יאָרהונדערט אנטוויקלט זיכ דער קאפּיטאליזמ אינ רוסלאנד אפּ אנ אינטענסיווערנ אונ ברייטערנ אויפנ — אונ א גרויסער טייל אידעאָלאָגישע פּאָרשטייער פונ די פּאופּעריזירטע אונ עקספּלואטירטע שטעטלדיקע קלייִנבירגערלעכע שיכטנ פאלט אלצ מער אונ מער ארונטער אונטערנ דרוק פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג — אונ אונטער דער אָנפירונג פונ דער בורזשואזער רעאקציע.

די סטירעס אינ מענדעלעס אידעאָלאָגיע אונ שאפנ פונ סאמע

אָנהייב אָנ ווערנ בלויז מיט דער צײַט בוילעטער אונ אנטוויקלטער: ווײַל די שטרעבונגענ פונ קלײנבירגערלעכע שיכטנ, ווי די, וואָס קומענ צומ אויסדרוק אינ מענדעלעס שאפנ, נעגירנ לויט זייער טע־ ווע ניט אינ טאָכ, רײַסנ אינ טאָכ ניט אונטער די וואָרצלענ פונ אזעלכע פעאָדאלישע רעשטנ, ווי קלעריקאליזמ, רעליגיעז-נאציאָנא-ליסטישע אטאָ־בעכארטאָנישקײַט אאוו. אונ אוואדע ניט די בורזשוא-זע עקספלואטאציע.

אינ די 60־ער אונ אינ די 70-ער יאָרנ איז אינ מענדעלעס שאפנ געקומענ צומ אויסדרוק דער ווערטפולער פּראָגרעסיווער טייל שטרעבנ פונ די דאָזיקע שיכטנ קלײנבירגערטומ, ער לײגט דעמלט דערי־קער דעמ טראָפּ אפנ נעגאטיוויסטישנ טייל אינ זײַנ פּראָגראמ, אפנ צע-שטערערישנ; אונ אינ אזא סיטואציע איז בא דעמ מינ קלײנביר־גער דעריקער דאָס נעגאטיוויסטישע — עמעסדיק ווערטפול. דאָרט, ווו ער קומט מיט פּאָזיטיווע פּאָרשלאָגנ, איז ער שוינ אויכ אינ יענעמ פעריאָד צומ טייל ביז גאָר באגרענעצט אונ צומ טייל אפילע רעאק־ציאָנער. די פּאָזיטיווע לײזונג־פּאָרשלאָגנ זײַנענ בא אזא מינ קלײנ־בירגער אינ טאָכ אונ אינ לעצטנ רעזולטאט זייער באגרענעצט. זײַט די 80-ער יאָרנ לײגט שוינ מענדעלע דעריקער דעמ טראָפּ אפנ פּאָזיטיוונ טייל פונ זײַנ פּראָגראמ, באווײַזט זיכ באזונדערס בוילעט די באָרנירטקײַט פונעמ אינהאלט אינ די שטעטלדיק־קלײנבירגערלעכע פּאָדערונגענ אונ די געניגטקײַט פונ די דאָזיקע צומ טייל אומפּראָ־דוקטיווע פּאראזיטישע שיכטנ קלײנבירגערטומ צו גײנ אונטער דער אָנפירונג פונ דער בורזשואזיע.

וואָרעמ מע טאָר ניט פארגעסנ דעמ כילעק צווישנ די דאָזיקע שיכטנ יידישנ קלײנבירגערטומ אונ, לעמאָשל, דעמ פּויערשנ קלײנ-בירגערטומ אינ יענער צײַט. באמ פּויערטומ גײט ווענג אונטערדריק-טע, עקספּלואטירטע, אָבער האָרעפּאשנע קלײנ־פּראָדוצירער, די אידעאָלאָגישע פּאָרשטייער פונ דער דאָזיקער פּויערימ-מאסע האָבנ געשטרעבט צו דער באפרײַונג פונ די רעשטנ לײַבײגנטומ-רעכט אונ פארשקלאפנדיקע פּריצישע פּאָרטלענ. עמעס: זיי האָבנ געקאָנט דער-גײנ נאָר בלויז צו א פּויערשנ סאָציאליזמ, וואָס איז אוטאָפּיש אונ אינ טאָכ סאָפּקאָלסאָפּ רעאקציאָנער. די דאָזיקע פּאָדערונגענ האָבנ

אָבער לויט זייער טעווע פאָרט איז זיך געהאט א גוואלדיקן רעוואָליוציאָנערן קויעך, ווייל זיי האָבן אָנגעריירט ביז צום ביין די גרונט־זיילן פונעם זעלבסטהערשעריש־גוטבאזיצערישן רעזשים. די אויספירונג פון זייערע פאָדערונגען האָט געהאט אלס פאָרהאנאָכע די צעשמעטערונג פון זעלבסטהערשאפט, פון אלע רעשטן ליַיבאייגנטימערישקייט. דעריבער האָט דאָס פויערטום, די באוועגונג פון פויערטום פארמאָגט א באדיַיטנדיקן רעוואָליוציאָנערן קויעך. זעען מיר טאקע, אז די אידעאָלאָגישע פאָרשטייער און קעמפער פון פויערטום זיַינען געווען אָן אן ערעך פאָרשריטלעכער און שטאנדהאפטיקער אין זייער אופרייסערישקייט, איידער די פאָרשטייער פון אזעלכע שטעטלדיקע קליינבירגערלעכע מאסן, וואָס זיַינען צום גאָר גרויסן טייל באשטאנען פון פאופעריזירטע קליין־קרעמער, דעקלאסירטע, לופט־מענטשן (פון א ביזקאפיטאליסטישן מין), פאראָרעמטע באלמעלאָכעס אאוו. און וואָס דער איגווייניקסטער טאָך פון זייערע פאָזיטיווע סאָציאלע פאָדערונגען (קאָנצענטרירט אין דער פאָרמולירונג: „עמאנסיפאציע") האָט סאָפקאָלסאָף געקאָנט באטיַיטן נאָר דאָס איינע: דאָס רעכט פארן קליין־הענדלער, קליין־פראָדוצירער, קליין־וואָכערניק אא. צו האנדלען, צו פאראזיטירן אָדער „האָרעפאשנע" צו עקספלואטירן אומעטום און אָן שום באגרענעצונגען, קורץ: ניט געמענדיק קיין אָנטייל אין די פאָליטישע קאמפן פון דער בורזשואזיע קעגן דעם פעאָדאליזם, פאָרט צו באקומען א שטיקל כיילעק פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג.

דאָס איז דער באָדן פון די אידעאָלאָגישע ווידערשפרוכן אין מענדעלעס שאפן אפילע אין זיַין בעסטער ציַיט. פונדאנען נעמען זיך זיַינע זיגזאגן, סיַי אפ דער זיַיט פון פאָרשריט סיַי אפ דער זיַיט פון רעאקציע.

8

ס'זיַינען אריבער עטלעכע יאָר זיַיט דעם דערשיַינען פון דער „טאקסע", וואָס איז ביז גאָר פאָפולער געוואָרן בא די ברייטסטע מאסן. אָבער די אנטוישונג אין דער ווירקונג פון זיַין געזעלשאפטקריטיק, וואָס הערט זיך שוין דיַימלעך אין דער „טאקסע", האָט זיך בא מענדעלען ניט פארמינערט, וואָרעם ס'זיַינען נאָך צוגעקומען שטי־

מונגענ פונ אנטוישונג אינ דער צארישער מעלוכע, פונ וועלכער ער האָט פריִער אזויפיל גערהאָפט. ס'איז שוינ אריבער העכער א יאָר־צענדליק זינט דער פויערים־„רעפאָרם״, אָבער קיינ פארבעסערונג אינ דער לאגע פונ די שטעטלדיקע קליינבירגערלעכע מאסנ האָט זיכ דער־פונ ניט געפילט, פארקערט, די נאָכרעפאָרמישע נייע פארשקלאפונג פונ פויערטום האָט זיכ נאָכ מער פארערגערנדיק אָפגערופנ אפ דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער לאגע פונ די שטעטלדיקע יידישע מאסנ.

קיינ שום רעכט אינ דער ריכטונג פונ „עמאנסיפּאציע״—ווי מענ־דעלע האָט דאָס פריִער באגלייכ מיט דער בורזשואזער אינטעליגענצ געהאָפט—האָט די דאָזיקע שטעטלדיקע אָרעמע מאסע ניט באקומענ. פארקערט: אויב די צארישע מעלוכע האָט פאר די רייכע יידישע בירגער אויסגעברייטערט זייערע רעכט אונ זיי צוגעגעבנ באשטימטע פּריווילעגיעס—האָט זי די רעכט פונ די פּאראָרעמטע מאסנ אינ וועזנטלעכע טיילנ נאָכ מער פארשמעלערט. מענדעלעס פּאטריִאָטישע לאָיאליטעט הייבט זיכ אָנ צו וואקלענ. פראָנדערישקייט צו דער מעלוכע איז אינ טאָכ ניט מענדעלעס זאכ פּארקערעוועט זיכ זיינ ביטערקייט אונ טארומעס צוריק אפ אינווייניק צו אונ ס'אנטבלויזט זיכ אינ זיינ שאפנ א קליינבירגערלעכער נאציִאָנאליזמ פונ א נייעמ מינ. דאָס איז די פאָרמ פונ זיינ פּראָטעסט איבער דער אנטוישונג. ס'ליגט אינ דער טעווע פונ דעמ קליינבירגער אלס אזעלכנ צו ענטפערנ אפ סאָציִאַ־לער אונטעדריקונג מיט א פארשטארקונג פונ זיינ שאָוויניזמ אונ נא־ציִאָנאליסטיש באפארבטער רעליגיעזקייט[1]. זינט זיינ בוכ „די קליאטשע״ (1873) פארדייטלעכנ זיכ אלץ מער אונ שטארקער די נאציִאָנאליס־טישע מאָמענטנ אינ מענדעלעס אידעאָלאָגיע.

אויכ אינ דער „קליאטשע״ געפינענ מיר די אָנצילונג, וואָס מיר האָבנ פעסטגעשטעלט אינ „פישקע״: „זעלבסטקריטיק״ אונ בארעכטי־

1 יִסראָליק, דער רעזאָנער אינ דער „קליאטשע״, וועלכער שטעלט מיט זיכ פאָר אנ אלעגאָרישע פארקערפּערונג פונעמ „נאציִאָנאלנ באוווסטזיינ״, זאָגט צו זיינ מוטער:

„איכ לעב אונ וויל לעבנ, עס גלוסט זיכ מיר ארויסגיינ פונ דער ענגשאפט אונ לעבנ מיט לייטנ גלייכ אינ גאָטס גרויסער וועלט, טאָנ, וואָס נאָר מעגלעכ איז, אז דאָס יידישקייט זאָל מיר נישט שאטנ אונ די לאגע מיינע צו פארבעסערנ״. די מוטער זיינע—אזוי צו זאָגנ, די קנעסעס יִסראָעל — ווייזט ארויס באומרויִקונג וועגנ זיינ יידישקייט, יִסראָליק אָבער פארזיכערט זי: „יִסראָליק דיינ זונ איז יִסראָעל אונ יִסראָליק וועט ער פאר־בלייבנ אפ אייביק״.

קונג פון די מאסנ. מענדעלע מאכט דאָ אפילע א טריט ווײַטער: ער באמיט זיכ צו עפענענ די אויגנ פונ דער מאסע אפ איר נויט אונ אפ איר רעכט צו „עמאנסיפאציע“. ער קלערט זי אופ איבער איר ראָליע אלס „קליאטשע“. ער דערגייט אפילע צו איראָנישע אָנפאלנ אפ די „פאנסקע צאפעס אונ טאבונעס פערד“. ניט אומזיסט האָט די צארישע צענזור פארבאָטנ דאָס דערשײַנענ פונ דער רוסישער איבערזעצונג פונ דער „קליאטשע“ טייקעפ נאָכ די ערשטע פאָרזעצונגענ — כאָטש מע דארפ די באדײַטונג פונ דעם דאָזיקנ פאקט ניט איבערשאצנ. מענדעלעס פאָליטישע פאָדערונגענ האָבנ אָבער פאָרט אלס פאָרהאנאָכע — לאָיאליטעט צו דער מעלוכע, אונ ניט דעמאָקראטישנ קאמפ קעגנ איר; סאכאקל איז דאָס בלויז א פרווו פונ ליבעראלנ דרוק אפ דער מעלוכע. די נאציאָנאלע באגרענעצטקײַט, וואָס פארטונקלט דעם סאָציאלנ מעהוס פונ דער פראגע, פירט דערצו, אז די עלעמענטנ פונ פראָנדע אינ דער דאָזיקער ארויסטרעטונג דריקנ זיכ אויס אפ א נאציאָנאל־באגרענעצטנ אופנ אונ טעמפנ אָפ איר פאָרשריטלעכע ווירקונג. די מעלוכע בלײַבט סאָפקאָלסאָפ ניט אָנגערירט. ס'איז א נאציאָנאלע טײַנע פונ א פאָלק צו אנדערע פעלקער, די מעלוכע, וואָס באהערשט זיי, ווערט ניט אָנגערירט. דעריבער איז „די קליאטשע“ אינ א שפעטערנ פעריאָד לײַכט אונ נאטירלעכ אײַנגעאָרדנט געוואָרנ אינעם ליטערארישנ שטראָם פונעם נײַ־אופגעקומענעם נאציאָנאליזמ. דעריבער האָבנ שפעטער די ציאָניסטנ דאָס דאָזיקע בוכ געקאָנט באטראכטנ אלס א קאמפ־בוכ פאר זייערע אידייענ, אלס א הויכ-פונקט פונ דער קעמפעריש-נאציאָנאליסטישער ליטעראטור. אונ טאקע דעריבער וועט מענ ניט קאָנענ באהויפטנ, אז דאָס דאָזיקע ווערק, מיט זײַנע ראדיקאלע עלעמענטנ, מיט דער גערעכטיקײַט אונ פאָרשריטלעכקײַט פונ די נאציאָנאלע טײַנעס, וואָס קומענ אינ אים צומ אויסדרוק, איז אופגענומענ געוואָרנ פונ די ראדיקאלערע אָדער גאָר סאָציאליסטישע קרײַזנ זײַט די 80־ער יאָרנ אונ שפעטער מיט יענער באגײַסטערונג אונ מיט יענער פארשטענדעניש, ווי אינ די נאציאָנאליסטישע קרײַזנ. יעדנפאלס איז א באגײַסטערטע באציונג צו דעם דאָזיקנ בוכ מיצאד די סאָציאליסטישע אונ פאָרשריטלעכע קרײַזנ ניט באוווסט. די „קליאטשע“ סימבאָליזירט פאָרט די גאנצע קנעסעס־ייסראָעל, וואָס איז אינעמעסנ א „פארקישעפטער

פרינצ״ („לסוסתי ברכבי פרעה״ — די קנעסעס־ייִסראָעל — דאָס ייִדישע פאָלק!). מענדעלע דער קעמפער קעגן „היסטאָרישן ייִדנטום״ — ווערט דאָ אפּ א באשטימטן אויפן גלייכצייַטיק און ווידערשפּרעכיק אויך אַן אופבויער פון „היסטאָרישן ייִדנטום״.

ער שרייַבט (1875) זייַן קלעריקאל־שאָוויניסטישע פּאָעמע „דאָס ייִדל״ אפּ צו באווייַזן דעם היסטאָרישן „ייִכעס״ פון ייִדישן פאָלק. ער וויל אפּ אזא נאַיִוו־רעאקציאָנערן אויפן העכערן די נאציאָנאלע זעלבסטווערדע און פארשטארקן די בארעכטיקונג פון דער פאָדערונג אפּ „עמאנסיפּאציע״. אין דער זעלבער צייַט דערשייַנען זייַנע רעלי־גיעזע ביכער „זמירעס״ און „פּיירעק שירע״. ס׳איז באקאנט, אז מענדעלע האָט צו יענער צייַט אויך איבערגעזעצט אפּ ייִדיש טיילן פון טילים און זיך געקליבן איבערזעצן דעם „קאָרבן מנחה״.

אזוי האָט זיך דאָ זייַן „פאָלקס־ליבע״ אויסגעדריקט אפּ א רע־אקציאָנערן, קלעריקאליש־נאציאָנאליסטישן אויפן. דאָס שטרעבן צו בארעכטיקן די מאסן דורכ זייער „פארפולקומונג״ גייט אריבער אפּ קלעריקאל־נאציאָנאליסטישע רעלסן; און ער פרוווט צו העלפן דער „אינערלעכער עמאנסיפּאציע״ פון די מאסן דורכ „געלייַטערטע איבער־זעצונגען״ פון די „בעסטע זאכן״ אין דער „טראדיציאָנעלער ליטע־ראטור״. גראָד דעמלט, ווען ער שטרייַכט מער ווי שטענדיק אונטער די פאָדערונג פון בירגערלעכע פּאָליטישע רעכט, דעמלט, ווען ער שטויסט זיך דירעקט אָן אפּ דער פּאָליטישער אָרדענונג פון צארישן זעלבסטהערשעריש־גוטבאזיצערישן רעזשים — גראָד דעמלט מוזן זיך, איבער דער נאציאָנאלער באגרענעצונג פון זייַן אידעאָלאָגיע, אפּן נאקעטסטן אויפן אנטבלויזן די אָפּגעשטאנענע עלעמענטן פון זייַן וועלטאָנשויונג. אזעלכע אנטבלויזט־קלעריקאלישע ווערק, ווי אין 1875 („דאָס ייִדל״, „זמירעס״, „פּיירעק שירע״), האָט דאָך מענדעלע אפילע שפּעטער, אינעם פעריאָד זייַט די 80־ער יאָרן, שוין קיינמאָל ניט מער פארעפנטלעכט. און דאָך איז אפּן ענגסטן אויפן פארבונדן גראָד מיט זייַן באטאָנען די פּאָליטישע פאָדערונגען, וואָס איז דעמלט בא אים שארפער געקומען צום אויסדרוק איידער ווען־ס׳ניט־איז פריִער אָדער שפּעטער. די אבסורדישקייַט פון דעם דאָזיקן גאנג מענדעלעס איז געווען אזוי בוילעט און אופאלנדיק, אז דאָס האָט געמוזט ארויס־

פֿאָלקארטיסט פֿונ דער רעפּובליק ש. מיכאָעלס
אינ דער ראָל פֿונ ביניאָמינען

רופנ אומצופרידנקײַט און שאַרפע קריטיק באַ די מער „פּלעבייִשע" קלײנבירגערלעכע שרײַבער, ווי, לעמאָשנ, באַ לינעצקינ.

פונ דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער און קינסטלערישער יעריִדע הייבט זיכ מענדעלע ארויס ערשט דעמלט, ווענ ער ווענדט זיכ ווידער צו דער געזעלשאַפט-קריטיק, — אינ זײַנ מײַסטער-ווערק „מאַסאָעס" (1878) און אינ דעמ נײַעמ גאָר באַדײַטנדיק איבערגעאַרבעטנ וואַריִאַנט פונ „דאָס קלײנע מענטשעלע" (1879). כאָטש די געזעלשאַפט-קריטיק באַגרענעצט זיכ דאָ דאַפקע מיט די „אינוויניקסטע" ראַמענ און גייט ניט ארויס ביז צו פּאָליטישע טענעס (ווי אינ דער „קליאַטשע") — קאָנ ער אָבער גראָד דאָ זײַנ אויסגעהאַלטענער, ווײַל זײַנ בליק ווערט גראָד דאָ ניט אזוי פאַרטונקלט פונ נאַציאָנאַליזמ, ווי שטענדיק אינ יענע פאַלנ, ווענ ער שטויסט זיכ צונויפּ מיט דער אַלגעמײנער פראַגע פונ דער פּאָליטישער אָרדענונג. גראָד דאָ, אינווייניק, אינ די „נאַציאָנאַלע" ראַמענ, איז מענדעלע פרײַער, קאָנסעקווענטער, פּאָרשריטלעכער און שאַרפזיכטיקער. גראָד דאָ פאַלט אָפּ אינ א גאָר היפשער מאָס זײַנ נאַציאָנאַלע אײַנגעגרענעצטקײַט, גראָד דאָ קאָנ ער זיכ באַווײַזנ אַלס דער שאַרפער באַקעמפער פונ „היסטאָרישנ יידנטומ", פונ דער היסטאָרישער פעאָדאַלישער אָפּגעשטאַנענקײַט. דאָ האָט אימ זײַנ געמעסיקטער פּאָליטישער ליבעראַליזמ ניט געשטעלט אזעלכע שווערע שטערונגענ און גרענעצנ, ווי דאָרט, ווו ער רירט זיכ צו צו פראַגנ, וואָס זײַנענ *דירעקט* אפנ ענגסטנ אויפנ פאַרבונדנ מיט די אַלגעמײנע פּאָליטישע באַדינגונגענ. דאָ האָט מענדעלע געקאָנט ארויסווײַזנ דעמ מאַקסימומ פּאָרשריטלעכקײַט, צו וועלכער ער איז פעיִק געווענ.

9

די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטנ זײַנענ ניט קײנ צופעליקע אָדער צײַטווײַליקע אינ מענדעלעס קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, זיי געהערנ צו אירע וועזנטלעכע זײַטנ, און פאַרשטאַרקנ זיכ בלויז, קומענ דײַטלעכער צומ אויסדרוק אינ באַשטימטע צײַטנ. געזעלשאַפט-קריטישער אָנגריפ קעגנ די פעאָדאַלישע רעשטנ און געזעלשאַפט-באַרעכטיקנדיקע, מער אָדער ווייניקער נאַציאָנאַליסטיש-געשטימטע אַפּאָלאָגיע — זײַנענ צוויי וועזנטלעכע זײַטנ פונ מענדעלעס אידעאָלאָגיע. פּאָרשריט-

612—3

לעכ אינעמ נעגירנדיקנ — אונ אָפּגעשטאַנענע אינעמ פּאָזיטיװנ טײל,
װײַל דאָס סאָציִאַלע שטרעבנ פונ יענע קלײנבירגערלעכע שיכטנ,
װעלכע מענדעלע דריקט אויס, קאָנ לויט דער אײגנטלעכסטער טעװע
פונ די דאָזיקע שיכטנ אַלס אַזעלכע (דאָס הײסט, אָנ א פאַרבינדונג
מיט פּראָגרעסיװערע קלאַסנ) צו יענער צײַט אונ בא יענע באַדינ־
גונגענ — זײַנ עמעסדיק פּראָגרעסיװ נאָר אינעמ נעגאַטיװנ טײל.

דעריבער איז דאָס לאַכלוטנ ניט איבעראַשנדיק, אַז נאָכ דעמ
ציקל נאַציִאָנאַליסטישער אונ קלעריקאַלישער אַפּאָלאָגעטיק, װאָס
שליסט אײַנ אינ אירע באַשטרעבונגענ די „פאַרפאָלקומונג“ פונ די
מאַסנ אויכ דורכ פאַרטײַטשנ די „אוצרות פונ רעליגיע“ פאַר פרויענ,
מײדלעכ אאַו. — קומט טײַקעפּ אַזאַ װערק װי „מאַסאָעס“,
די סאַמע שאַרפסטע, סאַמע מײַסטערישע אונ אויסגעהאַלטנסטע סאַ־
טירע מענדעלעס. דער שטאַרקסטער דאָקומענט פונ דער געזעלשאַפט־
לעכער קריטיק אונ „זעלבסטקריטיק“ פונ די אָפּגעשטאַנענע פּראָ־
רעמטע מאַסנ, די בײַסיקסטע אונ שלאָגקרעפטיקסטע דעמאַסקירונג
פונ גאַנצנ מיטלאַלטערלעכנ פאַריפּעשטנ שטײגער, קורץ, פונ גאַנצנ
„היסטאָרישנ יִדנטומ“. די גאַנצע סאָציִאַלע פאַרביטערטקײַט אונ בונ־
טאַרישקײַט, װאָס האָט זיכ אָנגעזאַמלט אינ מענדעלענ, האָט זיכ מיט
אימפּעט קאָנצענטרירט אַפּ דער קריטיק פונ „אינװײניק“. פונדאַנענ
שטאַמט די אופּרײַסערישע קראַפט פונ דעמ בוכ. קעגנ דעמ „אויס־
װײניקסטנ“ פּאָליטישנ רעזשימ האָט מענדעלע ניט געװאָלט קעמפנ, אונ
אַלס רעזולטאַט פונ דעמ — אויכ ניט קעגנ די סאַמע לעצטע „גרונט־זײַלנ“
פונ „אינװײניקסטנ“ רעזשימ (פונ דער רעליגיע), האָט זיכ דאָ זײַנ
קעמפערישקײַט קאָנצענטרירט אַפּ דעמ סאָציִאַל־שטײגערישנ „אינװײ־
ניקסטנ“ רעזשימ, אונ זי האָט סאָפּקאָלסאָפּ אומדירעקט — אַלציינס צי
מיט אָדער קעגנ זײַנ מײנ — געמוזט װירקנ אַלס אָנקלאָגנדיקער אָנ־
גריפּ סײַ אַפּ די סאַמע לעצטע „גרונט־זײַלנ“ פונ „אינװײניקסטנ“ רע־
זשימ (פונ דער „רעליגיע“) אונ סײַ אַפּ דעמ פּאָליטישנ רעזשימ.

ענגעלס זאָגט: „װאָס אָנראַכמאָנעסדיקער („ריקזיכטלאָזער“) אונ
אָנפּניִעסדיקער („אונבעפאַנגענער“) די װיסנשאַפט גײט פאָר (ענגעלס
מײנט דאָ די בּיִזפּראָלעטאַרישע װיסנשאַפט — מ. װ.), אַלץ מער איז
זי אינ אײנקלאַנג מיט די אינטערעסנ אונ שטרעבונגענ פונ די אַר־
בעטער“. דאָס האָט אָבער אָנ סאָפּעק א שײַכעס ניט נאָר צו װיסנ־

שאפט, נאָר אויכ צו קינסטלערישע בילדער. אפ וויפל קינסטלע־רישע שילדערונגענ פונ דער ליטעראַרישער יערושע זײַנענ „ריקזיכטלאָז" אונ אָנפניִעסדיק, אפ וויפל זיי שפיגלענ אָפ די עמעסע ווירקלעכקײַט, אפ אזויפיל שטייענ זיי אינ איינקלאנג מיט די אינטערעסנ אונ שטרעבונגענ פונ די ארבעטער, אפ אזויפיל זײַנענ זיי ביכלאל פאָרשריטלעכ. „מאסאָעס" האָט אינ זיכ אינ א גאָר באדײַטנדיקער מאָס „אָנראכמאָנעסדיקײַט" אונ „אָנפניִעסדיקײַט", דעריבער איז דאָס סאָפקאָלסאָפ אונ אָביִעקטיוו א ביז גאָר שטארק קאמפ-בוכ — אלציינס ווי ווײַט דאָס איז געווענ מענדעלעס באוווסטזיניקע קאוואָנע צי ניט — קעגנ דעמ גאנצנ „היסטאָרישנ יידנטומ", קעגנ אלע זײַנע „גרונט-זײַלנ" אונ קעגנ דעמ גאנצנ „טראדיציִאָנעלנ לעבנשטייגער", אונ בא-גלײַכ דערמיט א גאָר טיפע אָנקלאָג קעגנ דעמ זעלבסטהערשערישנ פעאָדאליש-גוטבאזיצערישנ רעזשימ פונעמ צארישנ רוסלאנד.

10

די יידישע מאסנ אינ פוילנ זײַנענ פונ שטענדיק אָנ, זײַט יאָרהונדערטער, געווענ די סאמע אָפגעשטאנענסטע, אומגעבילד־דעטסטע צווישנ אלע יידישע באפעלקערונג־גרופעס אינ איי-ראָפע. אינ אוקראִינע איז די יידישע באפעלקערונג געווענ פונ שטענ-דיק אָנ, אויב מעגלעכ, נאָכ אָפגעשטאנענער. דאָס אָרט פונ די יידנ אינ דער עקאָנאָמיק פונעמ לאנד, זייער עקאָנאָמישע ראָליע, איז גע-ווענ דער באָדנ פאר דער דאָזיקער קולטורעלער אָפגעשטאנענקײַט. דאָס XIX יאָרהונדערט האָט ביז אינ זײַנע לעצטע יאָרצענדליקער אינ טאָכ גענומענ פאר די דאָזיקע מאסנ אינ דעמ פראט געבראכט ווייניק ענדערונגענ. זײַט סאָפ אכצנטנ יאָרהונדערט האָט זיכ אָנגעהויבנ ארויס-צודיפערענצירנ א שיכט מאָדערנע יידישע גרויסבירגער אונ מיטלביר-גער לויטנ גײַעמ קאפיטאליסטישנ שניט, דער דאָזיקער שיכט איז אָבער דערווײַל נאָכ געבליבנ גענוג שיטער אונ דינ, אפילע אינ פאר-גלײַכ מיט דער פעאָדאליש-טאקיפישער יידישער גווירימשאפט; פונ דער אנדערער זײַט אָבער, קאָנ מענ אינ דער אייגענער צײַט פעסטשטעלנ א דויערנדיקע פאופעריזאציע פונ די מאסנ, וואָס פארשטארקט זיכ אלצ מער אונ מער אונ דערגרייכט מעויעמדיקע פאנטאסטישע פאָרמעס.

דער פעאָדאַלישער לײַבײגנטימערישער רעזשימ האָט געהאט אלס איינעמ פונ זײַנע רעזולטאטנ אנ אייגנארטיקע „ייִדנ-פּאָליטיק“, וואָס האָט צוזויפגעטריבנ די ייִדנ פונ דאָרפ אונ שטעטל אינ שטאָט ארײַנ, פארענגערט די צאָל פונ די דערלויבטע וווינ-געגנטנ אונ צונויפגע-שטופּט די ייִדישע מאסנ אפ א פאנטאסטיש-אכזאָריעסדיקנ אויפנ.

די גײַסטיקע פארקריפּלונג איז בא די ייִדישע מאסנ אינ XIX יאָרהונ-דערט ניט קלענער געוואָרנ איידער ווי זי איז געווענ אינ XVIII אונ XVII יאָרהונדערט. פארקערט, אויב מעגלעכ, איז דאָס גײַסטיקע לעבנ נאָכ מער פארווילדערט געוואָרנ. צו דער מיטלאלטערלעכער פינצטער-ניש פונ דער טעאָלאָגישער „קולטור“ אונ פּילפּוליסטיק, צו די אלטע גײַסטיקע פארקריפּלטקײַטנ זײַנען צוגעקומענ נײַע פונ די קאָלערליי כאסידישע לערעס, פונ די נײַע מעגלעכקײַטנ, וואָס דער קאָהאָל אונ די קלייקוידעש האָבנ באקומענ טאקע דורכ דער צארישער „ייִדנ-פּאָליטיק“ צו טעראָריזירנ די מאסנ, זיי צו עקספּלואטירנ אונ זיי צו האלטנ אינ די פּענטעס פונ דעגענעראטיוו-פעאָדאלישער פינצטערקײַט (דער רעקרוטנ-טעראָר, שטײַער-טעראָר, ביוראָקראטישער טעראָר: ראז-באָרנ, פּעסער אאוו. אאוו.).

בא זייער גאנצער קלוימערשטער פלינקײַט אפנ געביט פונ זוכנ פּארנאָסע זײַנענ די דאָזיקע מאסנ געווענ אפ אנ אומדערהערטנ אויפנ אָפּגעפרעמדט צומ ארומ, אפ א פאנטאסטיש-אומגלייבלעכנ אויפנ אומ-באהאָלפנ, באגרענעצט אונ אָפּגעשטאנענ. אינ אלגעמיינ קאָנ מענ זאָגנ, אז ביז אינ 6-טנ אונ אפילע אינ 7-טנ יאָרצענדליק פונ XIX יאָר-הונדערט זײַנענ די דאָזיקע מאסנ אינ אוקראַיִנע (אָבער אויכ אינ ליטע, ווײַסרוסלאנד אונ קרוינ-פּוילנ) געבליבנ אינ א קולטורעלנ צו-שטאנד, וואָס איז גאָר ניט אזוי ווײַט פונעמ צושטאנד אינ XVIII אונ אפילע XVII יאָרהונדערט. אינ א טייל פּראָטימ זײַנענ זיי עפּשער געווענ נאָכ מער פארווילדערט אונ אָפּגעשטאנענער. אינ די יאָר-צענדליקער נאָכ דער פויערימ-רעפאָרמ, ווענ דער קאפּיטאליזמ אנט-וויקלט זיכ אינ רוסלאנד מיט ריזיקע טעמפּנ, אינ א פּעריאָד, ווענ די דעמאָקראטיש-רעוואָלוציאָנערע קאמפנ פונ די פאָלקיסטנ קעגנ דעמ פעאָדאליש-גוטבאזיצערישנ רעזשימ פונ צארישנ רוסלאנד האָבנ שוינ געהאלטנ אינ פולנ גאנג אונ סע האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ אויסצופאָרמירנ די ערשטע רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-אָרגאניזאציעס

70-ער יאָרנ)—האָט די ייִדישע שטעטלדיקע אָפּגעשטאַנענקייט געטראָגנ א באַזונדערס שרייַענדיקנ כאַראַקטער.

די דאָזיקע מאַסנ זייַנענ אינ אַלגעמיינ געווענ „שריפטקענעוודיק", באַזונדערס די מענער אונ אויכ א גרויסער טייל פרויענ. די נעבעכדיקע שריפטקענעוודיקייט האָט זיכ אָבער געוויינלעכ באַגרענעצט מיט א ביסל „איווריע", ד.ה. מיט קאָנענ לייענענ די העברעייִשע געבעטנ; בא א באַשטימטנ טייל מענער אויכ אַפּ אַזויפיל, קעדיי צו קאָנענ פאַרשטיינ אַפּ א זייער מאַנגלהאַפטנ אונ פאַרקריפּלטנ אויפנ געוויסע ביכער פונ דער ביבל. די גאָר געלערנטע, געוויינלעכ ראַבאָנים אונ קלייקוידעש, האָבנ אינ בעסטנ פאַל געקאָנט לייענענ דעמ טאַלמוד אונ אַנדערע רעליגיעז-ריטואַלע אונ טעאָלאָגישע ביכער, די „גייַסטיקע" הויפּט־קוואַלנ פאַר דער פאַרקריפּלונג פונעמ באַוווסטזייַנ. אָבער אַפילע אַפּ דעמ געביט האָבנ זיי זיכ אויכ ניט באַזונדערס אויסגעצייכנט. ניט געקוקט אַפּ דעמ, וואָס די דאָזיקע מאַסנ זייַנענ אינ פאַרגלייַכ מיט די לייַבייגענע אונ נאָכרעפאָרמישע פויערימ געווענ „שריפטקענעוודיקער" אונ ניט געקוקט אַפּ דער שאַכער-מאַכערישער דורכגעטריבנקייַט פונעמ לופטמענטש אונ די „קענטענישנ" אינ דער וועלט־פּאָליטיק, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרנ אינ שול־הויפּ אונ אינ קלויז הינטערנ אויוונ, זייַנענ די שטעטלדיקע ייִדישע מאַסנ אינ אַלגעמיינ געווענ מער אָפּגעפרעמדט צו דערווירקלעכקייַט, צומ אַרומ, זיי האָבנ געהאַט וועגנ וועלט אונ ווירקלעכקייַט נאָכ מער פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונגענ איידער דער פויער. ערשטנס (טאַקע אַלס רעזולטאַט פונ פעאָדאַליש-לייַבייגנטימערישנ רעזשימ, צאַרישער ייִדנ־פּאָליטיק אונ קאָהאָלשער עקספּלואַטאַציע אונ טעראָר) — איבער דער קליינקרעמעריש-קליינמעקלערישער, אומענדלעכ קליינלעכער, צוליב דער מעוּיעמדיקער קאָנקורענצ, אומענדלעכ עגאָיִסטישער שאַכער־מאַכער־באַציִונג צו דער וועלט אונ צו דער גאַנצער ווירקלעכקייַט. צווייטנס — איבער די מעשונע־ווילדע פאָרשטעלונגענ פונ דער טעאָלאָגיע מיט נייַע אונ טאָגטעגלעכ צוקומענדיקע צוגאָבנ פונ כאַסידיזמ אונ אַנדערע קלעריקאַלישע קוואַלנ. דריטנס, האָבנ זיי, אַנטשפּרעכנדיק צו זייער לאַגע אינ דער געזעלשאַפט אונ צו זייער גייַסטיקער אַנטוויקלונג, ניט ווייניק „גייַסטיקנ גוטס" איבערגענומענ אויכ פונ דער דאָרפישער „אידיאָטיע". דערבייַ אָבער האָבנ זיי פונעמ

פּויער ניט איבערגענומענ די, זאָל זייַנ ווייניק באַזיניקטע, מער אינסטינקטיווע, אָבער פּאָרט פרישערע אונ געזינטערע באַציִונג צו וועלט אונ ארומ, די קראַפטפולע בונטאַרישקייַט, וואָס דער דאָזיקער פּויער האָט פאַרמאָגט. דערצו זייַנענ זיי לויט זייער סאָציִאַל-עקאָנאָמישער ראָליע אינ דער געזעלשאַפט ניט פייִק געווענ. די גייַסטיקע אָפּגעשטאַנענקייַט פונ די שטעטלדיקע ייִדישע מאַסנ האָט געהאַט שטריכנ פונ א שווער-דעגענעראַטיוונ כאַראַקטער.

די דאָזיקע פאַרמיסטיקונג פונעמ באַוווסטזייַנ האָט זיכ מענדעלע, ווי א נייַער הערקולעס, גענומענ אָפּרייניקנ אונ קעגנ איר קעמפנ. די לעצטע סיבעס פונ די דאָזיקע טאַטזאַכנ אונ אויכ דעמ ריכטיקנ וועג, וויאַזוי זיי צו באַזייַטיקנ, האָט ער ניט געזענ, ער האָט זיכ אָבער גענומענ אופדעקנ די לאַגע ווי זי באַווייַזט זיכ אַלס רעזולטאַט, אונ דאָס אַלייַנ איז שוינ געווענ א גוואַלדיקער אופטו. אויכ די פריערדיקע מאַסקילימ האָבנ יעדער אפ זייַנ שטייגער געקעמפט קעגנ דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש, נעמענדיק אַלס ציל פונ זייער אָנגריפ פאַרשיידנסטע וויכטיקע פונקטנ אירע. מענדעלעס גרויסע באַדייַטונג באַשטייט אָבער אינ דעמ, וואָס ער האָט אָנגעטאַפּט דעמ טאָכ, דעמ צענטראַלנ פונקט פונ דער אָפּגעשטאַנענקייַט, וואָס ער האָט אינ זייַנע קינסטלערישע געשטאַלטנ אָנגעוויזנ אפ דער דעגענעראַטיווער פאַרקריפּלטקייַט אינ דער באַציִונג פונ די ייִדישע מאַסנ צו דער ווירקלעכקייַט, אפ זייער אָפּגעפרעמדטקייַט צו דער וועלט אונ אפ זייער אומגעלומפּערטער איזאָלירטקייַט פונעמ ארומ. דאָס האָט ער מער אָדער ווייניקער געטאָנ אינ אַלע זייַנע בעסטע ווערק, אָבער אַמשטאַרקסטנ אונ טרעפלעכסטנ אינ זייַנ „מאַסאָעס", דאָ האָט ער געשאָסנ אינ סאַמע פּינטל, דאָ האָט ער דירעקט אינ קינסטלערישע בילדער פונ גרויסער איבערצייַגונגס-קראַפט אופגעדעקט אונ באַוויזנ די שרעקלעכע ניט-אַנטשפּרעכונג פונ דעמ דעגענעראַטיוונ באַוווסטזייַנ, פונ די פאַרקריפּלטע פאַרשטעלונגענ — צו דער עמעסדיקער ווירקלעכקייַט.

ער איז אויסנ געווענ געזעלשאַפטלעכע דערשייַנונגענ פונ זייַנ צייַט, געטראָפנ האָט ער אָבער אויכ די קאָלאָמינע אָפּגעשטאַנענקייַטנ, וואָס עקזיסטירנ אַלס איבערבלייַבענישנ סייַ אינ זייער אורשפּרינג-

לעכער סײַ אינ „מאָדערניזירטער" געשטאַלט ביז אינ אונדזער הײַנ־
טיקער צײַט. דערינ באַשטײט דער גרויסער ווערט פונ דעמ דאָזיקנ
מײַסטער־ווערק.—

11

„מאַסאָעס" איז אינ דער גאַנצער יִידישער ביזאָקטיאַבערישער
ליטעראַטור די סאַמע שאַרפסטע, טרעפלעכסטע אונ מײַסטערישסטע
סאַטירע אפנ אָפּגעשטאַנענעמ שטייגער פונ די שטעטלדיקע מאַסנ.
די דאָזיקע סאַטירע שטײט סײַ אידעאָלאָגיש סײַ קינסטלעריש אומ-
פאַרגלײַכלעכ העכער ווי, לעמאָשל, לינעצקיס „דאָס פוילישע יִינגל", וואָס
איז אַרויס פונ דרוק מיט עלפ יאָר פריִער (1867—1868). דאָרט גײט
דער אָנגריפ דעריקער קעגנ כאַסידיש-קלעריקאַלנ שטייגער, דאָ קעגנ
דער גאַנצער פאַרווילדערטקײַט, אָפּגעפרעמדטקײַט פונ דער ווירקלעכ-
קײַט, איזאָלירטקײַט פונ דער וועלט אונ פונ דער גאַנצער ניט־יִידי־
שער סוויווע, קורצ—ווענג דער גאַנצער שטעטלדיקער „אידיִאָטיע" פונ
די אָפּגעשטאַנענע מאַסנ אינעמ ברייטסטנ שטייגערישנ פאַרנעמ, ביז
אינ דער סאַמע אינטימסטער טיפ פונעמ טאָגטעגלעכנ שטייגער. בײַ
לינעצקינ גײט די קריטיק אינ דער פאָרמ פונ א טאַלאַנטירט אופ־
געבויטער כראָנאָלאָגישער ביִאָגראַפיע — סאָפּקאָלסאָפּ א געווינ פראָסטע
ליטעראַרישע מאַניר, וואָס גײט אפ דער ליניע פונ קלענסטנ ווידער־
שטאַנד, אנ איינפאַכ אָנגעשריבענער אָנקלאָגערישער „לעבנגאַנג". אינ
„מאַסאָעס" האָבנ מיר א קונסטפול אונ טיפ פאַרטראַכטע פאַבולע,
מיט גלענצנדיק אײַנגעפאַסטע אײַנפאַלנ, וואָס שלאָגנ ניט בלויז די־
רעקט אפ דער אויבערפלעכ פונ שטייגער, אפ איינ ליניע, גראָד אונ
אפ איינ זײַט, נאָר אויכ אומדירעקט, אינ דער סאַמע געדיכטעניש
פונ שטייגער, גלײַכצײַטיק אינ די פאַרשיידנסטע ריכטונגענ. לינעצקיס
בוכ איז א גראָבלעכ־פראָסטע קאָפּ־אַטאַקע, מענדעלעס „מאַסאָעס" איז
א קונסטפול־אויפגעבויטער שלאַכט-אָנגריפ, וואָס נעמט זיכ קלוימערשט
שלאָגנ דעמ סאַמע אָנגרײַפבאַרסטנ פאָזיציע־פונקט, רינגלט אָבער דעמ
סוינע אײַנגאַנצנ אַרומ, מאַכטפול אונ טיפ־באַטראַכט, אונ נוצט אויס
די סאַמע באַהאַלטנסטע, טיפ־פאַרבאָרגנסטע שוואַכע פונקטנ אינ זײַנ
פאָזיציע.

אינ דעמ דאָזיקנ בוכ האָט מענדעלע פאַרסאַכאַקלט זײַנ גאַנצע

סינע און זײַן גאנצע פארביטערטקײַט קעגן דער מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש, זײַן גאנצע דערפארונג פונעם קאמף, וואָס ער האָט גע־פירט זײַט אָנהייב 60־ער יאָרן. דאָס איז א שטארקער פינאַל (אכוץ דעם נאָכקלאנג אין זײַן גרויסער איבעראַרבעטונג פון „דאָס קליינע מענטשעלע", 1879), מיט וועלכן ער פארענדיקט זײַן פּעריאָד פון 1864—1879, זײַן קעמפערישן פּעריאָד קעגן די פעאָדאַלישע רעשטנ, וואָס ליגן אלס אָפּהאלטן אפן וועג צו א נײַער קאפיטא־ליסטיש-פאָרמירטער אָרדענונג.

אין דעם דאָזיקן בוך סומירט ער די געזעלשאפט-קריטישע עלע-מענטן אין זײַן סאָציאַלער פּראָגראַם (קעגן די גוויריש־קאָהאָלשע אונטערדריקערס, קעגן דער אָפּגעשטאַנענקײַט פון די מאסן), דעריבער איז דאָ קאָנצענטרירט דאָס פּראָגרעסיוויסטע אין מענ-דעלעס אידעאָלאָגיע. און כאָטש ס'באווײַזט זיך אין דעם בוך אויך די סאַנטימענטאַל-לירישע „אפּאָלאָגעטישע בארעכטיקונג" פון די מאסן, באַציט זיך אָבער די „בארעכטיקונג" אין דעם בוך בעיקר פּאָרט נאָר אפּ די אונטערדריקטע אָרעמע מאסן, און ניט אפּ „די קיטע (קלאַס — מ. וו.) כאַפּלאַפּער, סאַמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקן ביד רמה" (מיט אופּגעהױבענער פויסט — מ. וו.), ניט אפּ די „קיטע בלאָט־האלטער" אאַוו. דאָס איז די מײַסטער־שאפונג מענדעלעס, דאָס בוך, אין וועלכן סע ווייעט א הויך פון עמעסער געניאַלישקײַט.

אין „דאָס יודל", „זמירעס", „פּיירעק שירע" האָט זיך מענדעלע אראָפּגעלאָזט אין די אָפּגעשטאַנענסטע „טיפעניש" פון זײַן סאָציאַלער באַזע, אין „מאסאָעס" האָט ער זיך הויך איבער איר ארויס-געהויבן און זיך געשטעלט נעבן די סאַמע אופּגעקלערטסטע און פאָרשריטלעכסטע פאָרשטייער פון דער דעמלטיקער געזעלשאפט.

צווישן ברייטערע מאסן קליינבירגערטום איז „מאסאָעס" געבליבן ווייניק פּאָפּולער, אומפארגלײַכלעך ווייניקער פּאָפּולער, ווי „דאָס קליינע מענטשעלע" אָדער „די טאקסע", „די קליאַטשע". די שטארקע ליטע-ראַרישקײַט פון דער פאַבולע, די קאָמפּליצירטקײַט פון דער שפּראַך האָט דאָ אויך מיטגעווירקט, אָבער אָן סאָפעק ליגט די הויפּט־סיבע פאר דער קלענערער פּאָפּולערקײַט דערין, וואָס „מאסאָעס" האָט פאר די ברייטע קליינבירגערלעכע יידישע מאסן פון די רעאַקציאָנערע 80־ער יאָרן לויט זײַן אידווייניקסטער אָנצילונג און אינהאלט געמוזט בלײַבן ווייניק צו-

טריטלעכ. אנ עמעסדיק פולע אונ ברייטע פארשטענדעניש פאר דעמ
אייגנטלעכנ סאָציִאלנ אינהאלט פונ „מאסאָעס" איז ערשט מעגלעכ גע-
וואָרנ דורכ אנ אינטערפרעטאציע פונ א רעוואָליוציִאָנערנ שטאנדפונקט.
עס איז דעריבער אויכ ניט קיינ כידעש, וואָס דער מעלוכישער ייִדישער
טעאטער אינ מאָסקווע, איינע פונ די אָנצאָליקע שאפונגענ פונ דער
אָקטיאבער-רעוואָליוציע, האָט אדאנק דער ווירקונג, וואָס קומט פונ דער
אָקטיאבער-רעוואָליוציע אונ פונ דער סאָציִאליסטישער בויונג, אדאנק
דער אידעאָלאָגישער ווירקונג פונ דעמ פראָלעטאריִאט — געקאָנט אומ-
פארגלייכלעכ בעסער אינטערפרעטירנ, ריכטיק טרעפנ אונ אויפדעקנ דעמ
אייגנטלעכנ אינהאלט אונ מיינ פונ „מאסאָעס" (ניט פארטושירנדיק
דערביי די סאנטימענטאל-לירישע מאָמענטנ, אפ וויפל זיי זיינענ דאָרט
פאָרט פאראנ), איידער די הונדערטער „קריטישע" ארבעטנ אונ ארטיק-
לענ פונ אלע בורזשואזע אונ קליינבירגערלעכע שרייבער. ערשט די
אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט ענדגילטיק אָפגעראמט אלע מיסטיקע רעשטנ
פונ פעאָדאליזמ — זיינענ אונדז דעריבער אזוי קלאָר אונ פארשטענדלעכ
אונ נאָענט אלע קאמפ-עלעמענטנ קעגנ אימ אויכ אינ דער ליטערארי-
שער יערושע.

„מאסאָעס" איז א סאכאקל פונ מענדעלעס אייגנארטיקסטנ אונ
פאָרשריטלעכסטנ פעריִאָד, דעריבער איז גראָד „מאסאָעס" דאָס איינ-
ציקע[1] צווישנ די באדייטנדיקסטע פריִקע דערציילע-
רישע פראָזע-ווערק מענדעלעס, וואָס ער האָט דאָס ניט באדארפט
ווידער אונ ווידעראמאָל גרינטלעכ ביז אינ טאָכ איבעראַרבעטנ (ווי
„דאָס קליינע מענטשעלע", „דאָס ווינטשפינגערל", „פישקע"), דעריבער
איז אימ דאָס ווערק געראָטנ טייקעפ פונ ערשטנ „וואָרפ". מענדעלע
האָט דאָ אינ דעמ ווערק אמקלאָרסטנ אונ אויסגעהאלטנסטנ באנומענ
דעמ מעהוס פונ זיינ טעמע אונ אויסגעפירט די אויפגאבע, וואָס ער
האָט זיכ געשטעלט. ס'פעלט דאָ אינגאנצנ די פראגמענטארישקייט
אונ „געשטוקעוועטקייט", וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר בא-
שטימטע דערציילערישע ווערק מענדעלעס פונ זיינ שפעטנ פע-

[1] „די קליאטשע", וואָס ווערט באהערשט פונ אלעגאָרישנ גרונט-טאָנ, האָט זיכ
ניט געניטיקט אינ א גרינטלעכ איבערארבעטנדיקער אויסשלייפונג פונ די אומבאדייטנ-
דיקע דערציילערישע מאָמענטנ.

ריאָד — פונקט אזוי פעלט דאָ אויכ די „געקינצלטע אינטריגע“, וואָס אינ „פישקע“ אונ „ווינטשפינגערל“ (גרויסער וואריאַנט). די פאבולע אנטוויקלט זיכ שארפ אונ גלאטיק, ווי אינ א גוט-געבויטנ שוישפיל פונ אָנהייב ביז צומ סאָפ אפ א דורכויס לאָגישנ אויפנ. די איינגעוועבטע באטראַכטונגענ אונ לירישע אָדער רעזאָנערישע „אָפנייגנ“ פארבינדנ זיכ אָרגאניש מיט דער אנטוויקלונג פונ דער פאבולע. „מאסאָעס“ קאָנצענטרירט אינ זיכ דעמ סאָציאַלנ אינהאלט פונ זיינ גאנצנ פעריאָד 1864—1879, מענדעלע פארסאכאקלט דאָ די דערפארונג פונ דעמ דאָזיקנ גאנצנ פעריאָד — ס'איז דעריבער פאר אימ ניט קיינ נייע טעמע, נאָר די אייגנטלעכע טעמע פונ זיינ שאפנ זייט 1864—1879. די אינערלעכע (לעהייפעכ צו דער „אויסווייניקסטער“ פאָליטישער) זייט פונ די צוזאמענהאנגענ צווישנ דער עקאָנאָמישער נויט אונ דער וויסטער אָפגעשטאנענקייט האָט ער, רעלאטיוו, אמקלאָרסטנ פארבאוווסטזיניקט, דעריבער האָט ער די דאָזיקע זייט פונ דער געזעלשאפט-קריטיק אמקלאָרסטנ אונ טרעפלעכסטנ געבראכט צומ אויסדרוק.

ער האָט קלאָר באנומענ, אז די אויפגאבע איז דאָ: אראָפראמענ רעשטנ פונ אנ אָפגעלעבטנ איפעשדיקנ שטייגער פונ די מאסנ, וואָס איז פארבונדנ מיט דער הערשאפט פונעמ אָפגעלעבטנ פעאָדאלישנ קלאס אינ אנ איבערגאנג-צייט. דעריבער האָט אימ צוגעצויגנ די טעמע „דאָנ קיכאָט“, וואָס האָט צו איר צייט געדינט צו אנ אנאלאָגישער אויפגאבע. דער דאָזיקער סוזשעט האָט מענדעלענ אינערלעכ אפאָנעמ שוינ לאנג באשעפטיקט, נאָכ זייט די 60-ער יאָרנ [1]. אינעמ ערשטנ וואריאַנט פונ „ווינטשפינגערל“ (1866) לייענענ מיר: „הע! פונדעסטוועגנ נעמ זיכ אזוי ניט איבער, האָט רעב סענדערל געשפאסט. בא דער צייט געפינט מענ א סאכ פערד, וואָס מע רעדט פונ זיי אינ ספאָרימ אונ אינ ניי-צייטונג. עט! מענ זאָגט, א גויִשער שרייבער, איינער עפעס לעסינג, צי עסינג, וואָס מאכט עס אויס, זאָל זיינ עסעניג, האָט גאָר אָנגעשריבנ א לויב-ליד אפ איינעמ אנ

1 ס'איז קעדיי צו דערמאָנענ, אז אויכ אקסענפעלד האָט זיכ שוינ אינטערעסירט מיט דער דאָנ-קיכאָט-טעמע. זיינ ערשט בוכ „סייפער כסידימ“ (א סאטירישע אַנטי-כסידישע דערציילונג, וואָס איז פארלאָרנ געגאנגענ) כאראקטעריזירט ער אליינ אלס א פעריפראז פונ דאָנ קיכאָט.

אייזל. א דײַטשל, וואָס איכ האָב אימ פאראיאָרנ א ביסל אונטערגעפירט, האָט מיר א גאנצנ וועג קראנק געמאכט דעמ קאָפ עפעס מיט סאנכאָ פאנכאָס אנ אייזל, וואָס שטייט באשריבנ אינ א סייפער דאָנ סקאָט, קאָט אָדער קישאָט. בא אונדז ייִדנ איז דאָכ פאראנ פיל באַרימטע אייזל, אפילע אוצלכע, וואָס ריידנ נאָכ אליינ..." די דאָנ-קיכאָט-טעמע האָט אפאָנעמ מענדעלענ ניט צוליב געלאָזט, ווײַל ער האָט געפילט די אנאלאָגישקײַט צווישנ דעמ מענאכעמ-מענדל פונ דער איבערגאנג-צײַט, וואָס פונ פעאָדאליזמ צו קאפיטאליזמ — אונ דעמ „ריטער פונ דער טרויעריקער געשטאלט". די אבסורדישקײַט אינ לאגע, אופירונג אונ שטייגער פונ די דאָנ-קיכאָטנ, פונ די „בינ-יאָמינס", האָט צומ טרעפלעכסטנ געקאָנט באווײַזנ ווערנ דורכ דעמ, וואָס די געזעלשאפט-קריטיק האָט זיכ אפ א שפאס אָפגעקערט פר-נעמ קוק אפ פאָרויס אונ זיכ קלוימערשט געשטעלט אפ דער פאָזיציע פונ די ביניאָמינס, צו גיינ מיט ביניאָמינענ א שטיקל פונ זײַנ אומגעלומפערט אבסורדנ וועג, צו טראכטנ זײַנ אידיאָטישנ געדאנק, צו לאָזנ אימ אויספירנ זײַנע פאנטאסטיש-נארישע פלענער ביזנ סאָפ, אונ דאָס אלצ צו שילדערנ מיט רעאליסטישער דײַטלעכקײַט.

דאָ ווערט די פאנאנדערגעוויקלטע דעטאלישסטע שטייגער-קריטיק גרופירט ארומ אנ „אָנגרײַפבארסטנ פאָזיציע-פונקט", דאָס איז די צעפוילטע טוכלע ראָמאנטיש-טרוימערישע פאסיווקײַט, וואָס האָט איר דײַטלעכסטנ אויסדרוק געפונענ אינ דער אלטער שקלאפיש-פאנטאסטישער געולע-טרייסט, מיט האָפענונגענ אפ ערעצ-יסראָעל, אפ מאָשיעכנ, אפ די רויטע ייִדעלעכ אונטער די האָריי-כוישעכ אונ דעמ טײַכ סאמבאטיענ אאוו. לעבנדיק אינ א שקלאפישער סיטואציע אינ דער פעאָדאלער געזעלשאפט, טרוימענ די דאָזיקע אָפגעשטאנענע מאסנ וועגנ פארשיידענע פאלעסטינעס, ווו זיי וואָלטנ קלוימערשט געווענ באלעבאטימ, אונ נאָכ מער, ווו אפילע די ביניאָמינס אונ סענדערלס די ייִדענעס וועלנ ווערנ פעאָדאלע הערנ. מענדעלע האָט דאָ אָנגעכאפט דעמ סאמע אבסורדישנ אויסדרוק פונ פארקריפלטקײַט אינעמ וועלט-באנעמ פונ די דאָזיקע מאסנ אונ ארומ דעמ דאָזיקנ פונקט צעוויקלט זײַנ אָנגריפ אפנ גאנצנ „טראדיציאָנעלנ לעבנשטייגער" אפנ „היסטאָרישנ ייִדנטומ".

מענדעלע אליינ פילט זיכ ניט אבסאָליוט פרײַ — איבער די נא-

ציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין זײַן װעלטאָנשױונג — פון לעצטע שפּורן פון אזא טרױמערישקײַט (כאָטש צו „אױסגעהאַלטענעם" „חבת ציון" און ציִעניזם איז מענדעלע אפילו אין זײַנע לעצטע יאָרן ניט דערגאַנגען) — פונדאַנען שטאַמען אין „מאַסאָעס" די עלע־מענטן פון סאַנטימענטאַלער לירישקײַט. דעריבער כאָטש מענדעלע ניט נאָר איבער די ביניאָמינס און סענדערלעך, נאָר, אַף װיפל ס'לעבט אין אים גופא אַ שטיקל ביניאָמין, — איך פון זיך. אלס רע־זולטאַט פון דער װידערשפּרעכלעכקײַט צװישן קריטיק און לירישקײַט, באַקומען זיך די עלעמענטן פון גראָטעסק אין „מאַסאָעס". דאָמינירן דאָמינירט דאָ אָבער דער הױפּט־טאָן — די פאַרניכטנדיקע קריטיק פון פעאָדאַלישן שטייגער.

אין „מאַסאָעס" אַנטיציפּירט מענדעלע דעם אָנגריף אַף די קו־מענדיקע „חבת ציון" און דעם ציִעניזם, װאָס זײַנען אין טאָג בלױז די אַלטע טיף־רעאַקציאָנערע שקלאַפן־איליוזיע, אָבער שױן אַקטױױס־טיש פאָרמירט אַף צו פאַרפירן די קלײנבירגערלעכע מאַסן, לױט דעם נײַעם קאַפּיטאַליסטישן שטייגער, לױט די צװעקן פון דער רע־אַקציאָנערסטער בורזשואַזיע; — און אינעם לעצטן פעריאָד: פאַשיס־טיש־פאָרמירט, אַנטשפּרעכיק צו די אימפּעריאַליסטישע פאַרהעלטענישן, קעגן דעם רעװאָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. מענדעלע אַנטיציפּירט אין „מאַסאָעס" די קריטיק פון די רעאַקציאָנערסטע בורזשואַזע אי־ליוזיעס פאַר די מאַסן.

דער מאָסקװער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט אין זײַן שטעלונג פון „מאַסאָעס" די דאָזיקע אַלע מאָמענטן און װידער־שפּרוכן באַנומען, ריכטיק אינטערפּרעטירט, אונטערגעשטראָכן װי געהעריק די הערשנדיקע געזעלשאַפט־ק ר י ט י ש ע דאָמינאַנטע אינעם װערק און אַף אַ מײַסטערישן אופן, הױפּטזאַכלעך אין די קינסט־לערישע פאַרקערפּערונגען, װאָס סע האָבן געשאַפן די ככ׳ מיכאָעלס און זוסקין, טעאַטראַליש פאַרװירקלעכט.

12

מיט בײַסיקער און טרעפלעכער איראָניע האָט מענדעלע אין „מאַסאָעס" אָפּגעשפּעט פון אַלע „געלערנטע" פּרוּװן דורך ראָמאַנטיש־הי־סטאָרישע כקירעס ייִכעסדיק צו באַשײַנען און אױסצופּײַנען די „גלופּסקער

בלאָטע". ער כויזעקט שארפ פונ די אלטע „אגאדטעס" (לעגענדעס — מ. וו.) אונ פונ די „כויקריי קאדמויניזיים" (ארכעאָלאָגנ — מ. — וו.), „וואָס קאָנענ מיט זייער גרויס כאָכמע מאכנ פונ א גאָרנישט א מושקאטקויל" אונ וואָס האָבנ פונ עפּעס איינער א נארישער לעגענדע „אויסגעדרונגענ מיט טויזנטער שארפע שפּיצלעכ, ווי זייער שטייגער איז, אז דערינענ ליגט א שטיק עמעס".

ער דערציילט פּאראָדיסטיש וועגנ א לעגענדע, אז די גלופּסקער יידנ שטאמענ פונ יענע אוראלטע יידנ, וואָס „שלוימע האמעלעכ האָט געשיקט קיינ אויפיר (אינדיע — מ. וו.) נאָכ גאָלד אונ אנדערע מינע אויסלענדישע סכוירעס", אונ וועלכע זיינענ נאָכ פארשיידענע פּאסירונגענ פארוואלגערט געוואָרנ אפנ טייכ פּיאטיגנילעווקע, „וואָס איז אינ יענער צייט אריינגעפאלנ גלייכ אינ יאמ אריינ", אונ האָבנ זיכ לעסאָפ באזעצט אינ דער שטאָט גלופּסק. מענדעלע ברענגט דאָ אפּ א פּאראָדיסטישנ אויפנ א ריי „באווייזנ" פונ די „געלערנטע" ארכעאָלאָגנ, אז די דאָזיקע לעגענדע איז אנ עמעס, אלס פּערטנ באווייז שילדערט מענדעלע „די מאטבייע, וואָס מענ האָט אמאָל, בעשאס גראָבנדיק די גרעבליע, דאָרט געפונענ. פונ איינ זייט איז זי געווענ שטארק אָפּגעריבנ, קוימ-קוימ וואָס מענ האָט ארויסגעזענ עפּעס ווי א שטיקל פּארטעכ צוגעטשעפּעט צו א שטעקנ, אונטנ עפּעס פּאָכאָזשע אפּ א מולטערל, פּונוואנענ עס האָבנ ארויסגעשטעקט שטיקלעכ קעפּ. פונ דער אנדערער זייט איז די מאטבייע געווענ קימאט גלאט, נאָר אז מענ האָט זיכ גוט צוגעקוקט, האָט מענ דערקענט אלטמאָדישע קסיוועטע אויסיעס: „יאשלג וענפ". די געלערנטע האָבנ אפּ דער דאָזיקער אופשריפט זיכ געבראָכנ די קעפּ אונ אריינגעלייגט דערינענ פּשאָטימ, איטלעכער אפּ זיינ גאנג. א טייל האָבנ געהאלטנ אינ דער סוואָרע, אז די „י" אונ די „ג" באמ אָנהייב אונ סאָפּ וואָרט יאשלג זיינענ גאָרנישט קיינ אויסיעס, נאָר שטיקלעכ פונ טשאטשקעלעכ, וואָס זיינענ פונ דער צייט אָפּגעריבנ געוואָרנ, בעכיינ מאכט עס „אשל", א בוימ, „רענפּ", אונ א צווייג, אונ דאָס איז דער שטעקנ מיט דעמ פּארטעכ. ווידער א טייל האָבנ עס דערקלערט גאָר אנדערש אונ די געלערנטע האָבנ דערמיט מאריש-אוילעמ געווענ[1], ביז דערנאָכ איז געקומענ איינער מיט אָפּענע

[1] אופגעטרייסלט די וועלט.

אויגן און האָט דערינען דערזען נאָר ראָשע-טייוועס[1], וואָס זיי מאכן: „יהודי אופיר (אָדער אינדיאה) שבאו לכאן (אָדער לק״ק) גלופּסק ונתישבו על נהר פּיאטיגנילעווקע״[2].

דער שטעקן מיט דעם פּארטעכ און מולטערל מיט די קעפּ, דאָס באטײַט אן אָקרענט מיטן זעגל און מיט פּארשוינען. דער דאָזיקער געלערנטער האָט איבער דעם געמאכט זייער א דיקן סייפער און ווענדט זיך דאָרט צום אוילעם מיט א באקאָשע, אז מען זאָל רייניקן דעם טײַך, ווײַל מען דאָרט זיכער געפינען א סאך אלטע זאכן, וואָס וואָלטן געעפנט די אויגן אין דער בקירע מיקויעכ גלופּסקער יידן. נאָר די דאָרטיקע אײַנוווינער שײַען זיך[3] אָבער אויסצורייניקן די בלאָטע און זאָגן: דאָס, וואָס מען האָט פון אלטע צײַטן אָנגעמאכט, דאָס מוז בלײַבן, קיין מענטשנס אויג טאָר אין דער פּארבאָרגעניש נישט ארײַנקוקן...״ („מאסאָעס״, ווילנע, 1878, זז. 68—71).

מיט דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער פּאראָדיע שלאָגט מענדעלע ניט נאָר די „כאכמיי-האיאהאדוסניקעס״ מיט זייערע פּארשימלטע גריבלענישן און פֿאנטאזיעפולע אויסטײַטשענישן, נאָר אויך אזעלכע געלערנטע בעלעטריסטישע באשײַנערס פון „היסטאָרישן יידנטום״, ווי אש, לייוויק, איגנאטאָוו אא. ער מאכט כויזעק פון די נאַציאָנאַליסטישע געשיכטע-אפּאָלאָגעטן, וואָס באמיִען זיך אויסצומאָלן „אלע כאכאָמים, וואָס זײַנען בא יידן געווען פון אָדאָם-האָרישן אָן ביז אצינד, ביכדיי צו באווײַזן, וואָס פאר א קלוג פאָלק יידן זײַנען״ („מאסאָעס״, ז. 4).

דער קויעכ פון זײַן סאטירע באווײַזט זיך גראָד אויך אין דעם, וואָס זי טרעפט ניט נאָר די פארגאנגענהײַט-לאקירערס פון זײַן צײַט, נאָר אויך פון אונדזער קעגנוואַרט. ראַוניצקי האָט צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר געשריבן וועגן מענדעלען: „זײַנע פײַלן צילן קלוימערשט אלץ דעם אלטן דאָר און מיטן יונגן דאָר האָט ער, דאכט זיך, גאָר קיין שײַכעס ניט; נאָר טרעפן טרעפט ער עפּעס אי דעם אלטן אי דעם יונגן (פון מיר אונטער-

---

[1] איניציאַלן, אָנהייב-אויסיעס פון ווערטער.

[2] „אופירער (אָדער אינדישע) יידן, וואָס זײַנען געקומען אהערצו (אָדער אין דער הייליקער קעהילע) קיין גלופּסק, און האָבן זיך באזעצט באַם טײַך פּיאטיגנילעווקע״.

[3] היטן זיך אָפּ, האָבן מוירע.

געשטראָכנ—מ. וו.). עפעס קומט דאָס אויס, דאכט זיכ, גאָר אנ אלט ספאָדיקל, נאָר פאסנ פאסט עס אפ אלעמענ, אפ איטלעכנ באזונ-דער, ווי אָנגעמאָסטנ, אונ, קוקנדיק אפנ ספאָדיקל, קוועלט דער אוילעמ, ער לאכט אונ קייכט פאר געלעכטער"[1].

דאָס האָט ראווניצקי דעמלט ריכטיק באמערקט, כאָטש סע „לאכט אונ קייכט פאר געלעכטער" אונ „קוועלט" גאָר אנ אנדער אוילעמ, ווי ראווניצקי האָט אינ זיינ נאציאָנאליסטישער באגרענעצט-קייט געקאָנט פאָרויסזענ. דאָס „אלטע ספאָדיקל" פאסט טאקע דורכויס אויכ אפ די היינטיקע „גלופאָ-טרוסאָ-בעזיאזיקאָ-קאבצאנער". דאָס איז טאקע איינע פונ די הויפט־סיבעס פונ אונדזער אינטערעס פאר מענדעלענ, א הויפט־ווערט פונ זיינע ווערק, אז יענע עלעמענטנ אינ זיינ שאפנ, וואָס האָבנ לויט זיינ דעמאָלטיקער אָנצילונג געווירקט פראָגרעסיוו צו זייער צייט—האָבנ נאָכ אויכ בא היינטיקנ טאָג א טרעפלעכע שלאָג־קראפט.

13

ווי באוווסט, איז דער סוזשעט פונ מענדעלעס „מאסאָעס" אינ זיינע אלגעמיינסטע שטריכנ ענלעכ צומ סוזשעט פונ סערוואנטעסעס גרויסנ מייסטערווערק „דאָנ קיכאָט". דער קלאסנ-כאראקטער אונ דער לעבנשטייגער פונ די פערסאָנאזשנ, די קאָנקרעטע היסטאָרישע סיטוא-ציע אונ ביכלאל דער גאנצער קולטור־היסטאָרישער שטייגער, וואָס ווערט אינ די דאָזיקע צוויי ווערק („דאָנ קיכאָט" אונ „מאסאָעס") גע-שילדערט, זיינענ ביז גאָר פארשיידענע. פונדעסטוועגנ דארפ מענ דאָ פעסטשטעלנ א באשטימטע אנאלאָגיע אינ דער סאָציאלער אָנצילונג, אינ דער אייגנטלעכער טעמע: קאמפ קעגנ דעמ אָפגעלעבטנ פעאָדא-לישנ שטייגער, קעגנ דער אָפגעשטאנענקייט, וואָס באמיט זיכ אפ א טאמעוואטנ אויפנ דעמ דאָזיקנ שטייגער ווייטער צו פירנ, גלייכ סע וואָלט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט ניט פאָרגעקומענ קיינ שומ נייס. די באשטימטע אנאלאָגיע אינ דער סאָציאלער אופגאבע אינעמ אייגנטלעכנ אינהאלט, איז געווענ די פאָרהאנאָכע פאר דער ווירקונג פונ סערוואנטעסעס גרויסנ ווערק אפ מענדעלעס „מאסאָעס".

---

[1] רבי קצינ (ראווניצקי) אינ שאָלעמ-אליינעמס „יידישע פאָלקס=ביבליאָטעק", צווייטעס בוכ, 1889, ז. 276.

שוין אין יאָר 1866 דערמאָנט מענדעלע אין צוזאמענהאנג מיט די יידישע „פערד“ און „זייזל“ סערוואנטעסעס „דאָן קיכאָט“ (פארגלייך אויבן, ז. 43—42). די סוזשעט-ענלעכקייט צווישן די צוויי ווערק ווארפט זיך אזוי שטארק אין די אויגן, אז ווען דער פוילישער שרייבער קלעמענס יונאָשא האָט אין 1885 יאָר איבערגעזעצט „מאסאָעס“ אפ פויליש, האָט ער דעם ווערק א נאָמען געגעבן „Don Kiszot Zydowski“, דה. „דער יידישער דאָן קיכאָט“.

אין שפאניע פון סערוואנטעסעס צייט (1616—1547) האָט זיך שוין פונקט ווי אין א ריי אנדערע אייראָפּייִשע לענדער דער האנדל-קאפיטאל גוואלדיק שטארק צעוויקלט. שפאניע איז געוואָרן אן אומגעהייערע קאָלאָניאלע אימפעריע, די ניי-אנטדעקטע גרויסע יאם-וועגן, וואָס האָבן זיך געעפנט פארן שפאנישן האנדל-קאפיטאל, די ריזיקע גאָלד-מאסן וואָס האָבן אריינגעשטראָמט אין לאנד ארײַן פון דער אויסגעראבעוועטער אמעריקע, האָבן אפ א צייט ארויסגערופן אן אומגעווייליעכע עקאָנאָמישע צעבליִונג, וואָס האָט, עמעס, צוליב א ריי סיבעס, ניט גאָר לאנג געדויערט. אָבער אונטער דער ווירקונג פון די נייע עקאָנאָמישע באדינגונגען האָט זיך געשאפן א נייער שטייגער פון דער נייער שטאָט-בורזשואזיע. אין די אויגן פון די דאָזיקע נייע שטאָט-בירגער זיינען די רעשטן פון די אמאָליקע ריטערלעכע „כוגנטן“ אויסגעקומען אָדער ווי פּאָשעטע אָפּענע רויבעריי, אָדער ווי מעשוגעדיק-לעכערלעכע מעשוגענע שטיק.

מיטן אופבלי פונעם נייעם שטאָט-בירגערטום גייט באגלייך אן אויסערגעווייליעכע פאראָרעמונג און דעקלאסירונג פונעם קליין-ריטערטום (די א. ג. הידאלגיע). דאָס קליין-ריטערטום האָט פארלוירן זיין סאָציאלן אָרט און האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין נייע פּאָזיציעס. דער דאָזיקער שיכט האָט ניט געקאָנט אזוי גיך און לייכט שאָלעם מאכן מיט דער נייער סיטואציע. מיט ביטערקייט און צאָרן האָבן זיי זיך געמוזט צוקוקן צום אופבלי פון דער שטאָט-בורזשואזיע און האָבן אקעגן דעם נייעם באוווסטזיין פון דעם שטאָט-בירגער ארויסגעקערעוועט אפ א כאָניאקאלישן אופן. וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר א פארביסענעם יויִרעד, זייער אנאכראָניסטישן קלאסן-באוווסטזיין מיטן גאנצן אָפּגעלעבטן ריטערלעכן שטייגער און צערעמאָניאל, זיי האָבן פארמאכט די אויגן אפ דער קעגנווארט, האָבן זיך פארשטייפט אין דער ראָמאנטיק פון דער

פאַרגאַנגענהייט און האָבנ — באַזונדערס אינ דער פּראָווינצ — געלעבט אַנ אַנאַכראָניסטיש פאַרכאַלעמט, לעכערלעכ אָפּגעשטאַנענע לעבנ. דער דאָזיקער קליינ־ריטערלעכער שיכט האָט געפונענ אַ רעזאָנאַנס בײַ באַשטימטע טיילנ פונ פעאָדאַליש־אָפּגעשטאַנענעמ פויערטומ און שטאָטישנ קליינבירגערטומ, וואָס האָבנ געליטנ פונ דער נײַער אַנטוויקלונג און האָבנ זיכ צומאָל צוגעהערט צו די פעאָדאַלישע רעאַקציאָנערע אילוזיעס, אַז די רעסטאַווראַציע פונ דער אַמאָליקער ריטערלעכער פּעאָראַלישקייט קאָנ פאַרבעסערנ זייער לאַגע. פאַרשטענדעניש און אונטערשטיצונג האָבנ זײ אויכ געפונענ בײַמ קאַטוילישנ קלערוס, וואָס האָט געקוקט מיט אַ קרומ אויג אויפ דער אַנטוויקלונג פונ נײַעמ שטאָט־בירגערטומ מיט זײַנ נײַעמ וועלט־באַוווסטזײַנ, בעטעווע אַ קעגנערישנ און פײַנטלעכנ צו דער הערשאַפט פונ דער קירכע.

פאַר דעמ נײַעמ באַוווסטזײַנ פונעמ נײַ־אויפגעקומענעמ שטאָט־בירגער איז דעמלט געשטאַנענ די אויפגאַבע צו קעמפנ קעגנ דעמ אַנאַכראָניזמ פונ די רעשטנ ריטערטומ, וואָס האָבנ אַרײַנגעשטאַרצט אינ דער צײַט פונ אויפגעבליטנ האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס האָבנ זיכ ניט געוואָלט צופּאַסנ צומ זידנדיקנ לעבנ פונ דער נײַערווירקלעכקייט און האָבנ זיכ און אַנדערע געשפּײַזט מיט ראָמאַנטישע כאַלוימעס. ענדגילטיקער קאַמפּ קעגנ דער גאַנצער פעאָדאַלער פאַרגאַנגענהייט איז נאָכ דעמלט ניט מעגלעכ געווענ, ווײַל דערויפ זײַנענ די פּראָדוציר־קויכעס און די קלאַסנ געווענ צו ווייניק אַנטוויקלט. אָבער דער קאַמפּ קעגנ דער מיטלאַלטערלעכ־אָפּגעשטאַנענסטער ריטערלעכקייט און איר שטייגער איז שוינ דורכויס רײַפ געווענ. סערוואַנטעסעס „דאָנ קיכאָט“ איז פונ אַלע קינסטלערישע ווערק, וואָס האָבנ אינ יענער צײַט געהאַט אַנ ענלעכע טענדענצ, די צעוויקלטסטע, שאַרפסטע, טרעפלעכסטע און קינסטלערישסטע אַרויסטרעטונג קעגנ די פּרעטענזיעס פונ אויסשטאַרבנדיקנ ריטערטומ אינ דער אייראָפּייִשער ליטעראַטור.

דער דאָזיקער קאַמפּ האָט נאָכ זייער לאַנג געדאַרפט געדויערנ, קיינ דורכויסיקע גראָדליניקע אויסגעהאַלטנקייט איז נאָכ דעמלט ניט מעגלעכ געווענ (סערוואַנטעס גופע שרײַבט דאַנ סײַ פאַר סײַ נאָכ „דאָנ קיכאָט“ פאַרשיידענע ערנסט־געמיינטע ריטער־ראָמאַנענ, אינ וועלכע ס'קומט צומ אויסדרוק דאָס זעלבע אָפּגעשטאַנענע רעאַקציאָנערע קליינריטערטומ, פונ וועלכנ ער כויזעקט אַזוי שאַרפ אינ זײַנ „דאָנקיכאָט“).

פונדאנען נעמען זיך די עלעמענטן פון סאנטימענטאליזם, וואָס הילן ראכמאָנעסדיק איין דעם „ריטער פון דער טרויעריקער געשטאלט" — בא דער גאנצער סארקאסטישקייט, מיט וועלכער די געשטאלט און אירע טאטן ווערן געשילדערט — אין א מאנטל פון „אידעאלישקייט", פון טאמעוואטע אומבעלומפערטער, אָבער אויך סאנטימענטאל-אידעאליזיר־טער נארישקייט. דעם דאָזיקן שטריך פון אידעאליזאציע האָט היינע אין זיין ארייַנפיר צו דער דייַטשער איבערזעצונג פון „דאָן קיכאָט" שוין לאנג באמערקט. דער דאָזיקער שטריך גיט דעם שפאנישן בורזשואזן פילאָסאָף אונאמונאָ[1] די מעגלעכקייט סימבאָליסטיש-מיסטיש איבערצו־פארטייַטשן דעם „דאָן קיכאָט" אלס אידעאליזירנדיקן אפאָטעאָז פון שפאנישן פאָלק און פון זיין „טראגישער געשיכטע", צו דערקלערן, אז די קאָמישע אוואנטיורעס פון דאָן קיכאָט קאָנען און דארפן ערנסט אופגענומען, פארהערלעכט און ראָמאנטיזירט ווערן.

ס'איז קעדיי צו דערמאָנען, אז אויך אין „מאסאָעס" געפינען מיר די דאָזיקע אייגנארטיקע מישונג פון סאטירע, סארקאסטישער איראָניע — און שטריכן פון סאנטימענטאליזם. דער באָדן פאר די דאָזיקע סאנטי־מענטאלישע שטריכן אין מענדעלעס „מאסאָעס" איז געווען די לאגע פון יידישן קליינבירגערלעכן ביז גאָר פעאָדאליש-אָפגעשטאנענעם שטעטלדיקן שיכט אין די 60-ער און 70-ער יאָרן, אין א פעריאָד, ווען דער קאפיטאליזם איז זיך שוין אין רוסלאנד גאנץ היפש צעוואקסן.

די ווירקונג פון סערוואנטעסעס „דאָן קיכאָט" אף מענדעלעס „מא־סאָעס" קאָן מען פעסטשטעלן ניט בלויז וואָס שייַעך דעם סוזשעט, נאָר אויך אין פארשיידנסטע דעטאלן באם אופבוי פון דער פאבולע, פון די כאראקטערן אאוו.

14

די מעשונעדיקע אָפגעשטאנענקייט פון די דאָן-קיכאָטס דעמאסקירט סערוואנטעס ניט דורך אופדעקן עטישע כעסרוינעס (גרויזאמקייט, צוווא־קישקייט, ליגנערישקייט, גראָבקייט אאוו.) באם „ריטער פון דער טרויעריקער געשטאלט". פארקערט, דאָן קיכאָט איז דער הייפעך פון א עגאָיסט, ער דייַגעט זיך שטענדיק נאָר פאר אנדערע, וויל שטענדיק

[1] א בירגערלעכער שפאנישער פילאָסאָף און ליטעראטור-פאָרשער, וואָס איז געשטא־נען אין אָפאָזיציע צו דער פאשיסטישער דיקטאטור פון פרימאָ דע ריוועראַ און האָט א צייַט לאנג געלעבט אין עמיגראציע.

עמעצנ ראטעווענ פונ א (געוויינלעכ אויסגעטראכטער) נויט, זײַנע געפילנ זײַנענ די סאמע איידלסטע, פײַנסטע — אונ טאקע בא זײַנ גאנצער איידלקייט טוט ער אָפּ, איבער זײַנ אומגעלומפּערט טאמעוואטער אָפּגעשטאנענקייט, אומגעלומפּערטע שאָדנס, צעהאקט ווינטמילנ פונ אָרעמע פּויערימ, צעהארגעט סטאדעס שעפּעלעכ אאוו. בא זײַנ גאנצער איידלקייט ווערט ער באוויזנ אלס א נארישער אנאכראָניזמ אינ דער געזעלשאפט. דער זינ פונ דעמ דאָזיקנ כאראקטער, וואָס סערוואנטעס ניט דאָנ-קיכאָטנ, איז: לאָמיר מאסקימ זײַנ, אז אזא פּארשוינ ווי דאָנ קיכאָט איז זיכ, אבסטראקט גענומענ, ניט קײנ שלעכטער מענטש, פארקערט, סוביעקטיוו קאָנ ער זיכ האָבנ די פײַנסטע קאוואָנעס. פאקטיש אָבער בײַט דאָס גאָרניט אינ דער טאטזאכ, אז ער איז אנ אנאכראָניזמ, א שטערנדיקע אונ זינלאָזע דערשײַנונג אינ דער נײַער געזעלשאפט. דער דאָזיקער שטריכ אינ דאָנ-קיכאָטס כאראקטער-שילדערונג האָט דאָס געגעבנ די מעגלעכקייט פאר די בורזשואזע אידעאליסטישע קאָמענטאטערס אויסצוטײַטשנ די געשטאלט פונ דאָנ קיכאָט אלס די פארקערפּערונג אונ אלס אפּאָטעאָז פונעמ טראגישנ אידעאליסט. דער דאָזיקער „לאָמיר מאסקימ זײַנ", וואָס מיר האָבנ נאָרוואָס דערמאָנט, איז בא סערוואנטעסנ א שטריכ פונ סאנטימענטאליזמ — א מאָמענט, וואָס אנטהאלט אינ זיכ אנ אָנצוהערעניש אפ סערוואנטעסעס שפּעטערדיקער ראָמאנטישער באציונג צומ ריטערטומ.

דעמ זעלבנ שטריכ וועלנ מיר פעסטשטעלנ אויכ אינ דער כאראקטער-צייכענונג פונ ביניאָמינענ אינ מענדעלעס „מאסאָעס". ביניאָמינ איז ניט קײנ שווינדלער, ניט קײנ עגאָיִסט, ניט קײנ גראָבער נעפעש, ווי אנדערע אָפּגעשטאנענע פיגורנ אינ מענדעלעס דערציילונגענ (לעמאָשל, ייִצכאָק-אווראָמ טאקעפ, די נעגאטיווע פּארשוינענ אינ דער „טאקסע", אינ „ווינטשפינגערל" אאוו.). פארקערט, סוביעקטיוו האָט ער די פײַנסטע קאוואָנעס (צו ברענגענ דורכ די „רויטע ייִדעלעכ" הילפ פאר די גלופּסקער קאפּצאָנימ), איז מיט זײַנ נעסיִע דורכויס ניט אויסנ זײַנ אייגענע טויווע, ער איז אנ איידעלער טרוימער, שטענדיק ווײַזט ער ארויס איידעלע, גוטמוטיקע, ווייכע געפילנ. פאקטיש אָבער איז ער א ביטערער אנאכראָניזמ, א דערשײַנונג סאָפּקאָלסאָפּ א שטערנדיקע אונ פּאראזיטישע. מיט דער הילפ פונ זײַנ געשטאלט ווערט באוויזנ, ווי די פאקטאָרנ, וואָס האָבנ דעמ דאָזיקנ כאראקטער אויסגעבילדעט, זײַ-

נעבנ דער שווערסטער אונ סאמע שעדלעכסטער אָפּהאלט פאר דער פאָרשריטלעכער אנטוויקלונג. די שטריכנ פונ אײדעלער לירישקײט אינ בינימינס כאראקטער (בא דער גאנצער ביז גאָר שארפ געשילדערטער שעדלעכער, טאמעוואטער נארישקײט) איז מענדעלעס א גאָב צו דער פאָלקיסטישער סאנטימענטאלישקײט.

אנ אנדערע אנאלאָגיע. דאָנ קיכאָט איז טאמעוואטע-פאנטאסטיש, ט ר ו י מ ע ר י ש, סאנטשאָ פאנסאָ איז טאמעוואטע־רעאליסטיש, פראקטיש, וואָס דײַגעט זיכ פאר די טעגלעכע באדערפענישנ. די אידעאליסטישע ליטעראטור־היסטאָריקער האָבנ דערינ געזענ אנ אנטקעגנשטעלונג פונ גראָבנ פראקטישנ מאטעריאליזמ צומ אלטרויִסטישנ אידעאליזמ דאָנ־קיכאָטס. אינעמעסנ קומט דאָ בלויז צומ אויסדרוק די טאטזאכ, אז די פאראָרעמטע, דעקלאסירטע הידאלגאָס האָבנ מיט זײער אָפּגעשטאנענער אידעאָלאָגיע געפונענ א באשטימטנ רעזאָנאנס בא געוויסע אָפּגעשטאנענע אונ רויִנירטע טײלנ פונ פויערטומ אונ פונ די דעקלאסירטע שטאָטישע קלײנבירגער. סערוואנטעס פירט ארויס בײדע מאָדיפיקאציעס פונ דער טאמעוואטער אָפּגעשטאנענקײט, וואָס האָבנ זיכ פארבונדנ אינ א קאָמישנ בונד, אונ שילדערט זײ רעאליסטיש: די אײנע מאָדיפיקאציע פונ דער אָפּגעשטאנענקײט אלס אנ „ערודיסטישע", געבילדעטע, טאמעוואטע-טרוימערישע, די צווײטע — אלס רויע, האמוינישע, טאמעוואטע־פראקטישע. אכוצ דער קאָמישקײט פונ יעדער פיגור באזונדער, באווײַזט נאָכ סערוואנטעס די קאָמישקײט, וואָס באקומט זיכ פונעמ בונד צווישנ די דאָזיקע צוויי פארשײדענע כאראקטערנ.

ענלעכס זעענ מיר אויכ אינ מענדעלעס „מאסאָעס". בינימינ שטעלט מיט זיכ פאָר די טאמעוואטע-טרוימערישע, מישטײנסגעזאָגט „געבילדעטע" אָפּגעשטאנענקײט, סענדערל די ייִדענע — די טאמעוואטע-האמוינישע, רוי־פראקטישע אָפּגעשטאנענקײט. אינעמ בונד צווישנ די דאָזיקע צוויי פיגורנ באווײַזט מענדעלע די ביטערע קאָמיק, וואָס ליגט אינ דער פינצטערער אָפּגעשטאנענער „פירערשאפט". ער ווײַזט, ווּהינ די מיטלאלטערלעכע פינצטערע „אָנפירונג" פונ דער קלעריקאל-טעאָלאָגישער „געלערנטקײט" קאָנ פירנ די שטעטלדיקע אָרעמע מאסנ — צו די „רויטע ייִדעלעכ" אונ אינ די קאזארמעס פונ די קאנטאָניסטנ. די אָנפירונג ווערט דאָ פארקערפערט אינ א

טאמעוואטער פיגור: „זיי ווייסנ אלײנ ניט, וואָס זיי טוענ" — אונ דאָס איז אָנ סאָפעק ווידעראמאָל א גאָב צו דער סאנטימענטאלער פאָלק־ליבשאפט. פונ דער אנדערער זײַט אָבער, זײַנענ דאָ אינ דער דאָזיקער אנטקעגנשטעלונג פונ די פיגורנ ביניאָמינס אונ סענדערלס פאראנ היפשע עלעמענטנ פונ קלאסעווער זעלבסטקריטיק. סײַ די טרוימערישקײַט ביניאָמינס סײַ די קלוימערשטע פראקטישקײַט סענדערלס ווערנ באוויזנ אלס אילוזאָרישע נאָכיאָגעניש נאָכנ ווינט. אָבער עפעס א כילעק צווישנ ביידע פיגורנ איז פאָרט פאראנ. אינ סענדערלענ איז פונקט אזוי ווי אינ סאנטשאָ פאנסאָ (וואָס איז דאָך אינ א באשטימטער מאָס א פאָרגייער פונעם פיקאראָ־טיפ) פאָרט פאראנ אָנצוהערענישנ, שפורנ פונ א געוויסנ געפיל פאר דער רעאליטעט, כאָטש טאקע מער אינסטינקטיוו איידער פארבאוווסטזיניקט. ער איז פאָרט מער „מענטש" איידער ביניאָמינ. ער איז פאָרט ווייניקער וועלט־פרעמד, ווייניקער איזאָלירט פונ דער ניט־ייִדישער סוויווע. אינ א געוויסער מאָס איז ער דער פארמיטלער צווישנ ביניאָמינענ אונ דער ווירקלעכקײַט. אינ די דאָזיקע שטריכנ קומט צום אויסדרוק מענדעלעס איבערצײַגונג, אז די „פלעביישע" גאשמיעסדיקײַט פונ א סענדערל איז פאָרט אָנ אנ ערעכ נעענטער צו דער ווירקלעכקײַט איידער די ערודיציאָנעלע רוכניעס פונ די ביניאָמינס.

דער בונד צווישנ דאָנ קיכאָט אונ סאנטשאָ פאנסאָ איז א רירנדיק פרײַנטשאפטלעכער, פונקט אזוי ווי דער בונד צווישנ ביניאָמינענ אונ סענדערלענ. אינ דער דאָזיקער רירנדיקער פרײַנטשאפט קומענ אמדײַטלעכסטנ צום אויסדרוק די עלעמענטנ פונ סאנטימענטאליזם אינ ביידע ווערק. גלײַכצײַטיק דערמיט ווערט אָבער אויכ אינ ביידע ווערק אפנ שארפסטנ אויפנ אופגעדעקט די קאָמיק אונ דער נאריש־אומגעלומפערטער באָדנ פונ דער דאָזיקער פרײַנטשאפט. אזויארום, ווערט אינ ביידע ווערק אויכ פונעם סאנטימענטאליזם — כאָטש טאקע אפ א גוטמוטיקנ, סאנטימענטאלנ אויפנ — אָפגעכויזעקט. —

ס'איז פאראנ א באשטימטע אנאלאָגישקײַט אינ דער געזעלשאפטלעכער סיטואציע, וואָס ווערט געשילדערט אינ „מאסאָעס", צו דער, וואָס ווערט געשילדערט אינ „דאָנ קיכאָט" — באנאנד דערמיט איז דאָ אָבער אויכ פאראנ א גוואלדיקער כילעק אונ אונטערשייד.

דער װעלט-היסטאָרישער מאָמענט, װען עס ברעכט זיך די אַלטע װעלט, װען דאָס ריטערטום װערט אָפּגערוקט אָן א זײַט און סע דערשײַנט אױף דער װעלט-בינע דער נײַער בורזשוא — איז פּאָרט גאָר עפּעס אַנדערש, װי די אַריערגאַרדישע קאַמפּן פון דער בורזשואַזיע קעגן די רעשטן פון פעאָדאַליזם מיט יאָרהונדערטער שפּעטער, אין פּעריאָד פון אַנטװיקלטן קאַפּיטאַליזם. דאָס איז, פאַרשטײט זיך, א װעזנטלעכער כילעק. אַכוץ אַלעם איז דאָ דער װידערשפּרוך צװישן די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן און דער מוירעדיק פאַרקריפּלטער אָפּגעשטאַנענקײַט אומפאַרגלײַכלעך גרעלער, שרײַענדיקער. דערבײַ האָט דאָך מענדעלע גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דער לעצטער מאָהיקאַנער פונעם שפּאַנישן מיטלאַלטערלעכן ריטערטום דאָן קיכאָט איז בײַ זײַן גאַנצער קאָמישקײַט פּאָרט אומפאַרגלײַכלעך װײניקער קאָמיש, װײניקער נעבעכדיק, װי דער קלױז-ריטער בינאָמין, װאָס קלײַבט זיך צו די רױטע יידעלעך. אינעם גורל פון דאָן קיכאָט װערט אָפּגעשפּיגלט אַן איבערבראָך-מאָמענט פון גװאַלדיקן מאַסשטאַב אין דער אײראָפּײישער געשיכטע, אין דער געשטאַלט פון בינאָמין איז דער היסטאָרישער פאַראַלגעמײנערונג-באַטײַט אומפאַרגלײַכלעך קלענער, אומבאַדײַטנדיקער. און כאָטש די דאָזיקע געשטאַלט װײַזט מיטלבאַר און סאָפּקאָלסאָפּ אָן אױך אױף דער היסטאָרישער סיטואַציע פונעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד בכלל (אױף די שװערע דריקנדיקע רעשטן פון פעאָדאַליזם) — איז אָבער די קאָנקרעטע געשטאַלט גענומען פון א ביז גאָר באַגרענעצטן, פאַרװאָרפענעם, פאַרהעלטעניסמעסיק קלײנעם װינקל פון דער װירקלעכקײַט. דעריבער פאַרמאָגט זי ניט די ברײטקײַט און די טיפּישקײַט פון א גרױסן אַלגעמײנעם סאָכאַקלדיקן סינטעז. בינאָמין איז א טאָפּלט און דרײַפאַכיק נעבעכדיקע פיגור. מענדעלע האָט װעגן דעם געהאַט א גאַנץ קלאָרע פאָרשטעלונג. און אױב מענדעלע מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער זעט אין בינאָמינען א „דאָן קיכאָט", ליגט אין דער דאָזיקער אַנאַלאָגיע גופע, אין דעם, װאָס סע װאַרפט זיך אין די אױגן אױב מע מאַכט אַזאַ אַנאַלאָגיע און מע געפינט בינאָמינען אומפאַרגלײַכלעך נישטיקער, קאָמישער, נעבעכדיקער — נאָך א צוגאָב-איראָניע אױף דעם בינאָמין-טיפּ. אַכוץ אַלעם צװינגט די אַנאַלאָגיע צו אַזאַ מין באַטראַכטונג: „אָט אַזױ זעט אױס, מישטײנסגעזאָגט, בײַ יידן א ריטער

„פונ דער טרויעריקער געשטאלט!“ מענדעלע איראָניזירט ניט בלויז פונ דער פיגור ביניאָמינ דורכנ באווייַזנ זייַנע טאטנ, נאָר אבוצ דעם אויכ דורכ דעם, וואָס אינ פאַרגלייַכ מיט די טאטנ פונ אנ ענלעכער קאָמישער פיגור ווערט באזונדערס בוילעט זייַנ נעבעכדיקייַט און נישטיקייַט: אקעגנ ביניאָמינענ איז דאָכ דאָנ קיכאָט טאקע א העלד אפּ־אנעמעסנ. —

15

מענדעלעס רעאליזם איז ניט קיינ שטרענג און ביז צום סאָפ אויסגעהאלטענער. זייַנ רעאליזם איז אויסגעמישט מיט עלעמענטנ פונ ראָמאנטיזם.

מע קאָנ ניט זאָגנ, אז די צענטראלע פיגורנ פונ זייַנע הויפּט־ווערק („מאסאָעס“, „פישקע“, „ווינטשפינגערל“) זייַנענ טיפּישע כאַראקטערנ אינעם שטרענגסטנ באטייַט פונעם טערמינ. זיי סימבאָליזירנ מיט גרויסער קראפט און פלאסטיק טיפּישע כאראקטערנ, זיי אליינ זייַנענ אָבער געוויינלעכ ניט קיינ סאָציאַל־טיפּישע כאראקטערנ אינ געוויינלעכנ זינענ. אפּ דערופּ זייַנענ זיי צו שטארק היפּערבאָליזירט, איבערגעטריבנ, פונקציאָנירנ צופיל אלס סימבאָלנ פונ סאָציאַלע טיפּנ. דאָס איז א ראָמאנטישער שטריכ אינ מענדעלעס רעאליזם.

אויכ די הויפּט־סיטואציעס, אינ וועלכע ס'אנטוויקלט זיכ דאָס האנדלענ פונ די דאָזיקע הויפּט־פיגורנ, זייַנענ געוויינלעכ שטרענג באטראכט ניט קיינ טיפּישע (אינ „מאסאָעס“, „פישקע“, און צום טייל אויכ אינ „ווינטשפינגערל“). די הויפּט־סיטואציעס סימבאָליזירנ, ווייַזנ אָנ, גיבנ אָנצוהערנ אפּ סאָציאַל־טיפּישע סיטואציעס, אינ א טייל פאלנ („מאסאָעס“) אפּ אנ אויסערגעוויינלעכ ווירקזאמענ אויפנ, אינ אנדערע פאלנ טרעפט זיכ (ווי אינ „פישקע“ און אָפט אינ „ווינטש־פינגערל“), אז סע קייַקלט זיכ אמאָל „די סיטואציע“ אראָפּ ביז צו שפאנענדיק־סענסאציאָנעלע, „אינטריגישע“ צופעליקייַטנ. דאָס איז ווידעראמאָל א שטערנדיקער ראָמאנטישער שטריכ.

און אויב מיר וועלנ פונ דעם שטאנדפונקט באטראכטנ „די קליאַטשע“, וועלנ מיר דעם סטיל פונ דעם דאָזיקנ ווערק — ניט געקוקט אפּ דער שטארקער ווירקזאמקייַט, מיט וועלכער מענדעלע סימבאָליזירט

דאָ די געזעלשאַפטלעכע סיטואַציע — מוזן פעסטשטעלן אַלס ראָמאַנ־טישע אַלעגאָריע. ביז צו אַ געוויסער מאָס רעאַליסטיש איז „דאָס קליינע מענטשעלע". סיי די הויפּט־פיגור פון דעם ווערק סיי די סי־טואַציע, אין וועלכער זי האַנדלט, זײַנען סאָציאַל־טיפּיש. דאָס דאָ־זיקע ווערק קאָן זיך אָבער וואָס שײַך קינסטלערישן קויעך פון פאַראַלגעמיינערונג ניט פאַרגלײַכן מיט די דערמאָנטע דרײַ הויפּט־ווערק מענדעלעס.

דער ראָמאַנטישער עלעמענט איז בײַ מענדעלען פאַרבונדן מיטן שטראָם סאַנטימענטאַלישקייט אין זײַן וועלטאָנשויונג, מיט די מאָ־טיוון פון געזעלשאַפטלעכער אַפּאַלאָגיע, וואָס האָבן אים אין זײַן גע־זעלשאַפט-קריטיק געשטערט צו דערגיין בײַ דער סאָציאַלער טיפּיזי־רונג פון זײַנע פיגורן ביז צו דער לעצטער קאָנקרעטקייט. דאָס איי־גענע וואָס שײַך דער טיפּיזירונג פון די צענטראַלע סאָציאַלע סיטו־אַציעס. אין די דאָזיקע פּראָטים וועלן מיר אין פאַרלויף פון זײַן אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג קאָנען פעסטשטעלן אַ באַשטימטע גראַ־דאַציע. וואָס שפּעטער גייט מענדעלע אַלץ מער אַוועק פון דער קאָנ־קרעטער טיפּיזירונג צו דער סימבאָליזירנדיקער. אויב די קאָנקרעט־קייט אין דער „טאַקסע" נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון דירעקטן פּאַמפלעט אויף באַשטימטע קאָנקרעטע פּאַרשוינען און פאַקטן, ווערט זי וואָס שפּעטער אַלץ מער צעשוואומען, פאַרוואַנדלט זיך אין סימ־באָליזירונגען און דערגייט (אין „די קליאַטשע") ביז צו אַלעגאָרישקייט.

פונדעסטוועגן איז אָבער מענדעלע אין זײַנע בעסטע ווערק, טראָץ דער צומישונג פון ראָמאַנטיזם, אין טאָך אַ רעאַליסט, ווײַל ער האָט דאָרט מיט מוט און וואָרהאַפטיקייט אויפגעדעקט און אָפּ־געשפּיגלט אַ שטיק פון דער געזעלשאַפטלעכערווירקלעכקייט אין זײַן צײַט. ער גיט אָפט סימבאָליזירטע כאַראַקטערן, סימבאָליזירטע סי־טואַציעס אָנשטאָט ביז צום סאָף קאָנקרעטע, זײַן פאַראַלגעמיינערונג גייט אָפט אויף דער ליניע פון גראָטעסקער היפּערבאָליק. אָבער סאָף־קאָלסאָף צילט זײַן היפּערבאָליזירט־סינטעטישער טיפּ אויף דער עמע־סער ווירקלעכקייט, אויף דעם טיפּישן כאַראַקטער, און דאָס איז דאָ אַנטשיידנדיק. די עלעמענטן פון געזעלשאַפטלעכער אַפּאָלאָגעטיק האָבן אים געשטערט קאָנסעקווענט און בעהאַדראָגעדיק צו אַנטוויקלען מאַמאָשעסדיק קאָנקרעטע כאַראַקטערן. ער איז, אַזוי צו זאָגן, איבער־

געשפּרונגענע עטלעכע פאַרמיטלונג-שטופנ אונ געפּאַקט די בילדער אינ זייער סאַמע ברייטסטנ סינטעז, אינ זייער גרייטער, פאַרטיקער סימבאָלישקייט, אַזויאַרום איז די סימבאָלישקייט מער אַלגעמיינ, אַנטפּלעקט ניט בעהאַדראָגעדיק אַלע עטאַפּנ פונ קאָנקרעטיזאַציע, ס׳בלייבט אָרט פאַר מאָשל-נימשלדיקייט. ס׳בלייבט דעריבער עפּעס־וואָס א רעשטל פאַרהילט, ניט פונעמ טאָכ, נאָר פונעמ דירעקטנ אָנרופנ אונ צעוויקלענ דעמ וועג פונ דער קאָנקרעטער פיגור צומ פאַראַלגעמיינערטנ טיפּ. ס׳באַקומט זיכ, פונ אײנ זײַט, פאַרהילטער, אומדײַטלעכער, פונ דער אַנדערער זײַט, מער שרײַענדיקער: א ווייניק פאַרמיטלטער סימבאָל, וואָס צעוויקלט ניט אַלע עטאַפּנ פונעמ קאָנקרעטנ ביז צומ פאַראַלגעמיינערטנ אונ היפּט זיי איבער, ווירקט געווײנלעכ אי ווייניקער דײַטלעכ אי גלײַכצײַטיק אויכ שרײַערישער אײדער בעהאַדראָגעדיק צעוויקלטע קאָנקרעטיזאַציע. העיויס אָבער דער ציל פונ די היפּערבאָלישע בילדער איז בא מענדעלענ ניט דאָס פאַרהילנ, נאָר דאָס אויפדעקנ די געזעלשאַפטלעכע ווירקלעכקײַט, די סאָציאַל-טיפּישע כאַראַקטערנ אונ סיטואַציעס, זײַנענ זיי אינ זײַנע בעסטע ווערק סאָפּקאָלסאָפּ רעאַליסטיש.

ביז צומ סאָפּ רעאַליסטיש איז מענדעלע אינ זײַנ ברייטנ שילדערנ דעמ לעבנשטייגער, די שטייגערישע אַטמאָספער, די דעטאַלנ פונעמ שטייגער, וואָס פונ זייער צעוויקלונג אונ סומירונג באַקומענ זיכ בא מענדעלענ ביז גאָר טיפּישע זײַטנ פונ דער סאָציאַלער ווירקלעכקײַט. אויב די הויפּט-פיגורנ אונ הויפּט-סיטואַציעס זײַנענ בא מענדעלענ אײַנגעהילט אינ א לײַכט רויכל פונ ראָמאַנטישער היפּערבאָליק, איז אָבער זײַנ שילדערונג פונ שטייגער, פונ זײַנע דעטאַלנ אונ מאָמענטנ ביז צומ סאָפּ רעאַליסטיש, פונ זייער סאַכאַקל באַקומט זיכ א ביז גאָר עמעסדיק, פּלאַסטיש אונ ווירקזאַמ בילד פונ דער סאָציאַלער ווירקלעכקײַט. די שטייגער־שילדערונג איז בא אימ רעאַליסטישער, ווי די פיגורנ-אונ סיטואַציע־שילדערונג, ווײַל ס׳האָבנ אימ דאָ ניט דאָס מינדסטע געשטערט די אַפּאָלאָגישע מאָטיווג. דאָ איז ער געווענ פרײַ.

אינ קאַמפּ קעגנ דער „פאַנטאַסטיק“ פונ די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישנ אונ פונ די אידעאָלאָגישע איבערגעבלײַענ, וואָס זײַנענ געווענ זייער רעזולטאַט, מוז די קריטיק פונ די דאָזיקע פאַרהעלט־

נישן זײַנען זאַכלעך-רעאַליסטיש, מוז זי זיך קוידעםקאָל באַמיִען אויפֿצו־
דעקן און צו שילדערן די סיטואַציע און אַלע אירע דעטאַלן,
אַזוי ווי זיי זײַנען. די אַבסורדישקײַט פֿון דער סיטואַציע איז שוין
אַזוי רײַף אויסגעוואַקסן, אַז אַפֿילו בלויז די זאַכלעך-רעאַליסטישע
שילדערונג פֿון שטייגער מיט אַלע זײַנע דעטאַלן איז שוין גופֿא אַ
בייזער סאַטירישער אָנגריף מיט שטאַרקער איבערצײַגונגס־קראַפֿט. זאַכ־
לעך-רעאַליסטיש שילדערן דעם שטייגער האָט אין דעם פֿאַל שוין אין
גאַנצן אַ היפּשער מאָס געהייסן — אים דעמאַסקירן. די זאַכלעכע שטיי־
גערישע רעאַליסטישקײַט איז אָפֿט ענגסטן אויפֿן פֿאַרבונדן מיט מענ־
דעלעס געזעלשאַפֿט-קריטישע קאַוואָנעס. די קימאַט נאַטוראַליסטישע
דעטאַלן-מאָלערײַ איז דאָ[1] אין מענדעלעס רעאַליזם געוועזן אַ שטריך
פֿון „אָנראַכמאָנעסדיקײַט“ („ריקזיכטלאָזיקײַט“) אין דער קריטיק. די
דעטאַלן־מאָלערײַ האָט אַנטשפּראָכן דעם מיין אַרײַנצודרינגען אין אַלע
אינטימסטע אײַנצלהײַטן פֿונעם שטייגער און אַרויסצוציִען דעם שמוץ
פֿון אונטער די פֿינגער־נעגל, די וואַנצן פֿון די באַהאַלטנסטע שפּעלט־
לעך, ברענגען צום באַוווּסטזײַן די סאַמע אײַנגעווױנטסטע, אײַנגע־
באַקנסטע און דעריבער פֿאַרן אויג שוין זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע, נאַ־
טירלעכע און קימאַט ניט באַמערקבאַרע קליינע פֿאַקטן, וואָס ווײַזן
אָן אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרקריפּלטקײַט.

16

די פֿאָרם פֿון דער דעמאַסקירנדיקער סאַטירע דערגייט אַמאָל
בײַ מענדעלען ביז צום דירעקטן פּ א מ פ ל ע ט, וואָס נעמט די טיפּן
און פֿאַקטן ד י ר ע ק ט פֿון דערווירקלעכקײַט („די טאַקסע“), אַזוי
אַז דעם דעמלטיקן לייענער זײַנען אַפֿילו באַקאַנט געוועזן די נעמען
פֿון די פּראָטאָטיפּן פֿון מענדעלעס פֿיגורן. גראָד דאָס איז פֿאַר מענ־
דעלעס דעמלטיקע געזעלשאַפֿטלעכע קאַוואָנעס געוועזן זייער פּאַסיק,
דאָס האָט צומאָל גאַראַנטירט די סאַמע שאַרפֿסטע פּובליציסטישע
ווירקזאַמקײַט. צוויי צענדליק יאָר נאָכן דערשײַנען פֿון דער „טאַקסע“

[1] שטייגערישע דעטאַלן־מאָלערײַ איז לאַכלוטן ניט שטענדיק אַן אויסדרוק פֿון אַ
קריטישער באַציִונג. זייער אָפֿט און עפּשער אַפֿילו אין סראָוו פֿאַלן — איז דעטאַלן־מאָלערײַ
אַן אויסדרוק פֿון אידילישקײַט, פֿון דעם פֿאַרמעגלעכן קלײנבירגערס פֿיליסטעריש־באַ־
גרענעצטער פֿאַרליבטקײַט אין זײַן לאַגע, אין זײַן האָב און גוטס.

פּלעגט מען זיך נאָך אין שטעט און שטעטלעך איינרוימען די
עמעסע נעמען און טאטן פון די פארשוינען, וואָס מענדעלע האָט
ארויסגעפירט אין זיין אָנקלאָגעריש־פּאמפלעטישער פּיעסע[1]. די דאָ־
זיקע פּאמפלעטישקייט האָט ערשט צוגעגעבן צו זיינע ליטעראַרישע
ארויסטרעטונגען די ווירקזאמקייט פון עכטער „פּובליציסטיק" אין
בעסטן זינען פון וואָרט.

די סינע צום גוויר און צום פּעאָדאלישן שטייגער האָט אויך
דיקטירט דאָס מיטל פון פּ א ר אָ ד י ע. ניט בלויז ווייל זי, די פאָרם
פון פּאראָדיע, איז צוגעפּאסט צו דער „קולטור"־טראדיציע פונעם
קליינבירגערלעכן א י נ ט ע ל י ג ע נ ט, דעם מאסקילישן שרייבער, וואָס
איז געווינלעך געווען אן אופגעקלערט געוואָרענער אורשפּרינגלעכער
יעשיוועבאָכער און קלויזניק (אין באשטימטע ענג־באגרענעצטע פּראָ־
טים אן אנאלאָגישע דערשיינונג צום רוסישן אופגעקלערטן „ראַז־
נאָטשינישן" סעמינאריסט). ניט בלויז דערפאר, וואָס דער דאָזיקער
געוועזענער יעשיוועבאָכער איז געווינלעך אפילע צו דער דורכויס
פּראָגרעסיווער קריטיק פונעם נעכטן געקומען מיט זיין „נעכטיקן",
טיפּיש קלעריקאליש־סכאָלאסטישן „קולטור"־באגאזש. ניט בלויז דער־
פאר, וואָס אפּ צו צעשטערן די רעשטלעך מיטלאלטער איז פאר אזא
מין שרייבער געווען אמצוטריטלעכסטן דאָס מיטל פון גרימאסירנ־
דיקער, איבערקרימענדיקער רעפּראָדוקציע פונעם מיטלאלטער. נאָר
טאקע אויך דערפאר, ווייל דאָס דאָזיקע פאָרם־מיטל איז געווען ביז
גאָר צוגעפּאסט, גייטיק און צוטריטלעך פאר א לייענער, וואָס האָט
נאָך אליין גאנצ היפּש געשטעקט אינעם מיטלאלטער. די פּאראָדיס־
טישע פאָרם אפּ אויסצודריקן א קריטישן מיין איז דאָ געווען באַ־
דינגט סיי דורך דער קולטור־לאגע פונעם לייענער סיי, ביז צו א
געוויסער מאָס, אויך פונעם שרייבער. בלויז מיט דער אינערציע פונעם
אלטן „קולטור"־באגאזש קאָן מען דאָ די פּאראָדיסטישקייט ניט דער־
קלערן. ניט דערפאר האָט מענדעלע פּאראָדירט די בעסמעדרעשדיקע
טראדיציע, ווייל ער איז אמאָל אין דער יוגנט אליין געווען א קלויז־
ניק און דאָס דאָזיקע קאמפּ־מיטל איז אים געווען אמנאָענטסטן און

[1] לעמאָשל, אין ראָמאנע אין די 80־ער יאָרן, לויט מינדלעכע מיטגעטיילטע זיכ־
רוינעס, וואָס איך האָב באקומען פון א. ב. גאָטלאָבערס א טאלמיד, מ. גאָטליב
(טשעבאָקסאר).

אמצוטריטלעכסטנ. בא אזא שרײַבער, ווי מענדעלע, וואָס האָט נאָכ אינ די 60־ער יאָרנ זייער אינטענסיוו נאָכגעשפּירט נאָכ דער פאָרשריטלעכער רוסישער פּובליציסטיק אונ ליטעראטור אונ איז געווענ פונ איר שטארק באווירקט[1], וואָלט דאָס ניט געווענ אנטשיידנדיק. ער וואָלט זיכ אָנ ספק פאר זײַנ קאמפ קעגנ דער מיטלאלטערלעכער אָפּגעשטאנענקײַט באפרײַט פונ זײַנ אלטנ „קולטור"-באגאזש — פונקט אזוי ווי עטינגער, לעמאָשף, — ווענ דאָס וואָלט פאר זײַנע סאָציאלע קאוואָנעס נייטיק געווענ. ס'איז אָבער נייטיק געווענ, דעמ דאָזיקנ טראדיציע-באגאזש אופצוּוויקלענ, צו צעשפּרייטנ אונ ארויסצושטעלנ קעגנ דער זונ די אלטע שמאטעס אינ זייער גאנצנ פולנ גלאנצ, אונ אזוי ארומ צו באווײַזנ דער מאסע, אז הינטער דער דאָזיקער אײַנגערעדטער רײַכער יערושע שטעקנ פארשימלטע בעבעכעס. דאָס איז דער באטײַט פונעמ פאראָדיסטישנ עלעמענט אינ מענדעלעס פריִיִקנ שאפנ.

פאראָדיע אונ פאראָדיסטישקײַט איז אנ אלטע טראדיציע פונ דער האסקאָלע. זײַט אירע אָנהייבנ האָט זי זיכ מיט זיי באנוצט פאר איר געזעלשאפט-קריטיק. קעדיי צו דעמאסקירנ די רעאקציאָנערע פארהעלטענישנ, אָפּצושפּעטנ פונעמ ווילד-אָפּגעשטאנענעמ שטייגער, האָבנ די מאסקילישע שרײַבער אָפט אונ מיט פאָרליבע אויסגענוצט דאָס מיטל פונ פאראָדיעס אפ באזונדערס שטארק פארשפּרייטע פאנאטישע אונ רעליגיעזע ביכער. די ליניע פונ דער מאסקילישער פאראָדיע (וואָס האָט, פונ איר זײַט, אויסגענוצט העברייִשע פאראָדיע-טראדיציעס פונ דער רענעסאנס־צײַט אונ שפּעטער) ציט זיכ זײַט דעמ אנטיכאסידישנ „מגלה טמירין" (1819) פונ י. פערל אונ ענלעכע ווערק. מענדעלע פירט די פאראָדיע אוועק פונ דעמ מער „לאמדאָנישנ" גאנג אונ נעמט אלס אָביעקט פונ זײַנ פאראָדיסטישנ

[1] די ווירקונגענ פונ דער רוסישער ליטעראטור אפ מענדעלעס שאפנ זײַנענ נאָכ ביז איצט אפ א וויסנשאפטלעכנ אופנ ווייניק אויסגעפאָרשט, כאָטש ס'איז פונ פארשיידענע זײַטנ ארויסגעזאָגט געוואָרנ וועגנ דעמ גענוג סוואָרעס אונ אימפּראָוויזאציעס. ווערטפולע באמערקונגענ צו דער דאָזיקער טעמע זײַנענ פאראנ אינ כ׳ גורשטיינס ארבעטנ וועגנ מענדעלענ. לויט ווי כ׳ גורשטיינ האָט פעסטגעשטעלט, קאָנ מענ מיט זיכערקײַט באהויפּטנ, אז אינ די 60־ער יאָרנ האָט אפ מענדעלענ שטארק געווירקט די רוסישע זשורנאל-ליטעראטור, נאָכ וועלכער מענדעלע האָט אינטענסיוו נאָכגעשפּירט.

אָפּשפּאָט די פּראָסטערע, מער „פֿאָלקסטימלעכע“, די סאמע ברייטסטע
מאסנ פארנאַרישנדיקע, העברייִשע און ייִדיש-טײַטשע ביכער: מײַסע־בי־
כער, ביכער וועגנ ניסימ-וועניפֿלאָעס, וועגנ פאנטאסטישע „נאטור“-דער־
שײַנונגענ, וועגנ די „ווינסשאפטנ“, וועגנ מאָשיעכס צײַטנ, וועגנ רויטע
ייִדעלעכ, ווײַבערשע טכינעס, מוסער-ספאָרימ, מאגידישע ספאָרימ, צע־
נע־אורענע און ענלעכע פֿאָלקס-ביכער פונ מיטלאלטערלעכנ כאראקטער.
דאָס זײַנענ די „קולטור“־טראדיציעס, וואָס מענדעלע כויזעקט פונ זיי
אָפּ מיט זײַנ פּאראָדיסטישקײַט. ער פּאראָדירט אויכ דעמ מינדלעכנ
קלויז-באטלאָנישנ, יעשיווע־כאָכמעדיקנ, מאגידישנ און דעמ טכינעדיק־
פירזאָגערישנ נוסעכ. די פּאראָדיע איז געווענ א ביז גאָר צוגע־
פאסטע מיטל אפּ אָפּצוטרייסלענ און אופצורודערנ די מאסנ פונ זייער
מיטלאלטערלעכנ שלאָפ, און אָפּכויזעקנדיק פונ זייער „גײַסטיקנ“ שטיי־
גער, זיי צו עפענענ די אויגנ אפּ דער ווּיסטער אָפּגעשטאנענקײַט
פונ זייער גאנצער לאגע ביכלאל. די פּאראָדיע איז אנ אלט אויס־
געפּרוּווט שפּאָט־געווער אפּ צו פארמיִעסנ און צו באַזיגנ די מיטל־
אלטערלעכע „כאָכמע“ (בא די הומאניסטישע אופקלערער פונ דער
רענעסאנס־צײַט, לעמאָשל, בא עראזמוס פונ ראָטערדאמ אא.).

וויצלדיק-פּאראָדיסטישער שפּראכ־נוסעכ ביכלאל
איז פאר דער מאסע, צו וועלכער מענדעלע האָט זיכ געווענדט,
געווענ דער צוטריטלעכסטער און ווירקזאמסטער אויסדרוק פונ אָפּ־
שפּאָט. פּאראָדיע או. פּאראָדיסטישקײַט—איז א נאָכקרימעניש, אינ
טאָכ ניט דאפקע דער סאמע אופטועלישסטער און גרינטלעכסטער
אויפנ פונ דעמאסקירנ און באקעמפנ. די ווירקונג איז א שארפע,
א צעשטערערישע, זי גראָבט אָבער בלויז אונטער דעמ געזעלשאפט־
לעכנ אָנזעענ, די געזעלשאפטלעכע אָנגענומענקײַט פונ אָפּגעכויזעקטנ,
און ניט דאָס אָפּגעכויזעקטע גופע, ביז צומ סאָפּ. לעמאָשל, זי מאכט
לעכערלעכ דעמ הויפּט-פאָרשטייער פונ רעליגיע און קלעריקאליזמ,
דעמ מאָנאכ און גאלעכ אינ דער הומאניסטישער פּאראָדיע, דעמ
רעבנ, דעמ כאָסיד — זעלטענער דעמ ראָוו און דײַענ — אינ דער
מאסקילישער פּאראָדיע — אָבער ניט די רעליגיע גופע. די
פּאראָדיע ארגומענטירט ניט, זי שארזשירט, קרימט זיכ איבער, אינ
טאָכ לײַדט איר איבערצײַגונגס-קראפט פונ באשטימטע עלעמענטנ
אומערנסט, וויצלערישקײַט און קלאָונישקײַט. דאָרט, ווו מע איז ניט

בעיעכוילעס גרינטלעכ צו פארבאוווסטזיניקן, אופצודעקנ ביז צום סאמע סאָפ, צו אנאליזירנ אונ צו פארניכטנ ביז אינ די טיפסטע וואָרצלענ די געזעלשאפטלעכע קרענק — דאָרט איז פאראָדיע אונ פאראָדיסטישקײַט די טיפישסטע פאָרמ פאר דער געזעלשאפט-קריטיק. אונ דאָס איז די סיבע, פארוואָס דער פאראָדיסטישער אויסדרוק־אויפנ האָט אזוי גוט געשטימט מיט דעם, וואָס מענדעלע האָט געהאט צו זאָגנ זײַנע לייענער.

17

ס'איז אנ אייגנטימלעכע דערשײַנונג אינ מענדעלעס שאפנ, אז דאָרט, ווו די סטירעדיקײַט אינעמ אידעאָלאָגישנ אינהאלט, די ווידערשפרעכלעכקײַט פונ זײַנע טענדענצנ יוירט אָנ צו דער העכסטער מאדרייגע, ווו דער ווידערשפרוכ צווישנ דעמ ניכטערנ רעאליסטישנ אונ דעמ סאנטימענטאלנ צוגאנג שטויסט זיכ צונויפ אינ א שארפנ קאָנפליקט — ברעכט זיכ די סאטירע איבער אינ גראָטעסק. דער סאטירישער טאָנ איז אינ אזעלכע פאלנ אָנגעצויגנ ביז אפ דער העכסטער, קימאט שוינ גרילצנדיקער נאָטע, ער ווערט אָבער אפ אנ ענג צונויפגעבונדענעמ, כאָטש ביז גאָר סטירעדיקנ אויפנ, באגלייט פונ א טיפ לירישנ טאָנ, וואָס איז אינ יענע פאלנ אָנגעצויגנ קימאט שוינ ביז צו א ווײנעוודיק-סאנטימענטאלער נאָטע. אלס רעזולטאט דערפונ באקומט זיכ דאָס גראָטעסקע[1] סאמע סארקאסטישסטער אָפשפּאָט, אויסגעמישט מיט ווייכהארציקער אפּאָלאָגיע — באקומט זיכ גרימאסירנדיקער גראָטעסק. דאָס דארפ אינ דער אייגענער צײַט קריטיקירנ אונ בארעכטיקנ, אויסלאכנ אונ ארויסרופנ מיטגעפיל.

עס איז פארשטענדלעכ, אז די עלעמענטנ פונ גראָטעסק געפינענ

[1] מיט דעמ טערמינ זײַנענ מיר אויסנ דאָס גראָטעסקע אינ גאָטישנ זינענ, די קרענקלעכ גרימאסירנדיקע היפערבאָלע, וואָס אנטהאלט אינ זיכ מאָמענטנ פונ פארקריפלטער שפילערישקײַט, אזוי ווי דאָס איז פארקערפערט, לעמאָשל, אינ די כימערנ פונ דער נאָטער־דאמ־קירכע אינ פאריז. די קרענקלעכע קוויקעניש מיט דער „פולקומער" העסלעכקײַט איז אנ אייגנארטיקער, ווידערשפרעכיקער אויפנ דורכ קאריקאטורישער נוזמע אויסצושפרייטנ א ראָמאנטישע אײַנהיל איבער דער פינצטערער מיטלאלטערלעכער ווירקלעכקײַט.

זיכ אַמגעדיכטסטנ ניט אינ יענע ווערק, ווו עס דאָמינירט דער אָנגריפ אפ דער גווירימשאַפט, נאָר ווו עס האַנדלט זיכ וועגנ דער אויפקלערנדיקער קריטיק פונ די פאַראָרעמטע, אונטערדריקטע, אָפּגעשטאַנענע מאַסנ גופע, אינ „פישקע", אינ „מאַסאָעס", אָדער ווו די קריטיק מוז, צוליב דעמ באַגרענעצטנ פּאָליטישנ ליבעראַליזמ מענדעלעס, אָפּשפּרינגענ פונעמ אייגנטלעכנ אַדרעסאַט, פונעמ צאַרישנ רעזשימ, אונ שיסנ אינ דער לופט אַרײַנ, טרעפנדיק צומאָל ניט דעמ פאַרורזאַכער, נאָר דעמ קאָרבנ פונ דער פּאָליטישער אונטערדריקונג— אינ דער „קליאַטשע". עס איז ניט קיינ צופאַל, וואָס אַמשטאַרקסטנ באַווײַזט זיכ דער עלעמענט פונ גראָטעסק אינ „מאַסאָעס", אינ דעמ ווערק, וואָס גיט אפ א קאָנצענטרירטנ אויפנ מענדעלעס באַציונג צו די שטעטלדיקע אָפּגעשטאַנענע מאַסנ — אונ אַגעוו טאַקע האַרט פאַר די 80־ער יאָרנ, ווענ די סטירעדיקייט צווישנ קריטיק אונ אַפּאָלאָגיע איז בא מענדעלענ אָנגעוואַקסנ ביז צומ העכסטנ פּונקט. דער גראָטעסק איז בײַזסטע נאָכקרימעניש מיט כיינעוודיקסטע טנועס, פײַנפול גרימאַסירנדיקע קריטיק.

דער גראָטעסק אינ מענדעלעס שאַפנ בלײַבט אָבער פאָרט, אינ לעצטנ סאַכאַקל, טראָצ דער גוואַלדיק אָנגעצויגענער ווידערשפּרעכלעכקייט, טראָצ דעמ שלייער פונ לירישנ מיטגעפיל, טראָצ דער אינווייניקסטער געבראָכנקייט — אַנ אויסדרוק פונ געזעלשאַפטלעכער אומצופרידנקייט, פונ עסעריקער, ברענענדיקער סאַטירע אונ קריטיק, סײַדנ אינ די פאַלנ, ווענ ער גייט איבער אינ א קלאָונישער צינישער גרימאַסע. דער ערנסט אָנגעשטרענגטער גראָטעסק אינ „מאַסאָעס" אונ „פישקע" (אונ אפילע אינ דער „קליאַטשע", ווו ער ווערט ניט אָפּגעמעקט דורכ אַלעגאָרישקייט) בלײַבט דעריבער אינ לעצטנ סאַכאַקל פאָרט א מיטל אפ אויסצודריקנ געזעלשאַפטלעכע קריטיק. אינ דער אייגענער צײַט אָבער קומט אינ אימ אויכ צומ אויסדרוק די געבראָכנקייט אונ קאָנפליקטישקייט אינעמ סאָציאַלנ שטרעבנ פונ א באַשטימטנ קלאַס אינ א באַשטימטער סאָציאַלער סיטואַציע. די גראָטעסק־עלעמענטנ אינ דער סאַטירע ווײַזנ אפ דער שוואַכקייט פונעמ קלאַס, וואָס דריקט אויס זײַנ פּראָטעסט, זײַנע טײַנעס אונ פאָדערונגענ אפ א „געשפּאָלטענעמ" אונ קרענקלעכ-גרימאַסירנדיקנ אויפנ.

די אויסטערלישקייט פון דער סוושעטישער אנטוויקלונג, די היפּערבאָלישקייט פון די פיגורן, די סענסאַציאָנעלישקייט פון דער פאבולע אין באשטימטע ווערק מענדעלעס (אָדער אין טיילן פון באשטימטע ווערק) געהערן צו די שוואכע זייטן אין מענדעלעס גרויסן טאַלאַנט. אויב מענדעלע „סימבאָליזירט" אין „פישקע דער קרומער" די פאראָרעמטקייט פון דער קליינבירגערלעכער שטעטלדיקער מאסע דורך דער שילדערונג פון עכטע פּאָשעטע בעטלערס אין אייגנטלעכן זינען פונעם וואָרט, און ברענגט אריין דורך דער דאָזיקער גרומעדיקער היפּערבאָליק שטריכן פון אבסורדישקייט אין דער פּראָבלעם פון דער אָרעמשאפט — איז דאָס א רעזולטאט פונעם מעטושטעשן באנעמען דעם סאָציאַלן מעהוס פון דער אָרעמקייט. אזא דורכזיכטיקע קינסטלערישע „סימבאָליזירונג" פון דער אלגעמיינער קלאסן-פאראָרעמונג און דעגראדאציע — דורך געוויינלעכע בעטלערס — פארפּראָסטערט און פארשמעלערט די גאנצע פראגע, שטעלט זי מעמיילע אפ א נאַיוו־פילאנטראָפּישער פלאַכ. ווי פארפוצט און קינסטלעריש אופגעהויבן די דאָזיקע שטריכן זאָלן בא מענדעלען ניט זיין — געהערן זיי אָבער סאָפקאָלסאָפ פאָרט קינסטלעריש צו זיינע שוואכע זייטן.

צו די דאָזיקע שטריכן ווענדט זיך מענדעלע דעמלט, ווען סע דוכט זיך אים, איבער די שטערנדיקע גזועלשאפט-אפּאָלאָגעטישע עלעמענטן אין זיין איינשטעלונג, אז א ריין רעאליסטישע ניכטערע שילדערונג פון דער גענוג נעבעכדיקער לאגע פון קליינבירגערטום האָט פאר זיך געגומען ניט גענוג אָנקלאָגערישע קראפט אפ צו ווירקן, ווי ער וואָלט עס געוואָלט האָבן. פרווט ער זיך צוגעבן אָנקלאָגערישע קראפט אפ א ראָמאַנטישן אויפן דורך א גוזמעדיקער היפּערבאָליק: ביניאָמינס און סענדערלס פיגורן זיינען אים שוין ניט גענוג, די פאָרשטייער פון קליינבירגערטום זעט ער שוין אלס קרומע פישקעס און האָרבאטע מיידלעך. פון איין זייט, היפּערבאָליזירט ער אזויארום די נויט, דאָס נעגאטיווע איגעם שטייגער, אין דער אופירונג, איגעם פארקריפּלטן אויסזען און אלע שאָטן-זייטן פון דער אָרעמשאפט ביכלאַל — און שאפט זיך, פון דער אנדערער זייט, די מעגלעכקייט „קאָנטראסטיש" צו באשיינען און

פארדינסטפולער ארטיסט פונ דער
רעפובליק כ׳ זוסקינ אינ דער ראָל
פונ סענדערל די ייִדענע

צו באלויכטנ אפּ א העכסט סאנטימענטאלנ אויפּ: (דער נעבעכ-טאָנ) די פּאָזיטיווע ליכט-זייטנ אונ דעמ אינוויינִיקסטנ „מאָראלישנ מעהוס" פונ די דאָזיקע פיגורנ, זיי צו פּאָעטיזירנ. אינ בינִיאָמינ ווערט פונ דער „אידיִאָטיע" בא דער שטעטלדיקער מאסע אזנ סאמע שארפסטנ אויפנ אָפּגעכויזעקט, אינ „פישקע" ווערט זי באקלאָגט, געפּילפּול פארשענערט אונ פּאָעטיזירט. כאָטש — אונ דאָס מוז מענ אונטערשטרייכנ — דאָס ווערק אינגאנצנ גענומענ, ניט געקוקט אפּ די איינצלנע אפּאָלאָגעטישע שטריכנ, בלייבט בענעגייע צו די עקספּלואטאטורישע קלאסנ א שארפע ביטערע אָנקלאָג.

סאנטימענטאליזמ איז אויסנ ראכמאָנעס, גלייבט אינ דער ווירקונג אפּ געפילנ. אונ דאָס דיקטירט: היפּערבאָליזירנ דעמ ווערט פונ די מענטשנ, וואָס געפינענ זיכ אינ דער דאָזיקער לאגע, קעדיי אזויארומ צו פארשטארקנ די וואָג פונ דער פּאָדערונג. אלס רעזולטאט קאָנענ זיכ לייכט באקומענ עלעמענטנ פונ אפּאָלאָגיע פונ די מאסנ אונ פונ זייער אָפּגעשטאנענקייט.

אונ קעדיי ארויסצוהייבנ אונ קאָנטראסטיש צו פארשענערנ אזא פינצטערע אונ נישטיקע וואָכעדיקע סוויווע אונ מענטשנ, מוז מענ שוינ אָנווענדנ אויסטערלישע מיטלענ. דאָס וואָלט אויכ מעגלעכ געווענ צו טאָנ מיט געהויבענעמ סימבאָליזמ, אָדער מיסטישער מעליצעדיקייט. די געזעלשאפט-קריטישע טענדענצ האלט אָבער מענדעלענ פעסט לעבּאָכעס אינ די אלגעמיינסטע גרענעצנ פונ רעאליזמ. אונ שטענדיק, ווענ דער רעאליזמ דארפּ דינענ אויכ דער אפּאָלאָגיע פונ אנ אָפּגעשטאנענער סוויווע אָדער געזעלשאפט, באקומט זיכ פונ דעמ — א סאנטימענטאלער רעאליזמ, א זשאנר-רעאליזמ. דער זשאנר-רעאליזמ — אפילע אינ זיינע קינסטלעריש העכסטע מוסטערנ — קאָנ אָבער לויט זיינ אינווייניקסטער נאטור ניט געפינענ קיינ אנדערע „אויסטערלישקייטנ" אונ „אויסערגעוויינלעכקייטנ" — אויב ער דארפּ זיי צוליב עפּעס האָבנ — ווי סיידנ די „סענסאציִאָנעלישקייט" אונ „אוואנטיורישקייט" פונ דער פאבולע.

אויב מענדעלע וויל, מע זאָל אימ גלייבנ, אז פישקע אָדער א האָרבאטע מיידל (וואָס דער לייענער באגעגנט יעדנ טאָג אינ דער גאס אונ גיט זיי אמאָל א נעדאָווע) האָבנ אכוצ זייער וואָכעדיקער נעשאָמע נאָכ עפּעס אנ אנדערנ, גאָר געהויבענעמ טיפּ-מענטשלעכנ,

רירנדיקן, געפּילפּולן אאוו. מעהוס — רוקט ער זיי צומאָך ארויס פונ געוויינלעכנ לעבנ אינ א „ראָמאנטישער״ ספערע מיט דער הילפ פונ „אוואנטיוריסטיק״ אינ דער פאבולע, קעדיי אזויארום אָנצוהויכנ אפ זיי א גלאנצ פונ אויסערגעוויינלעכקייט. ער מוז היפּערבאָליזירנ זיי־ ער נויט — ביז צו בעטלערישקייט, זייער אויסזענ — ביז צו פארקרי־ פּלטקייט, אונ זייערע סיטואציעס, טאטנ, אונ די פּאסירונגענ פונ זייער לעבנ — ביז צו פאנטאסטישער סענסאציאָנעלישקייט. אפ דער דאָזיקער קאנווע לאָזט זיכ אמבעסטנ אויסהאפטנ די געפּילפּול-רירנ־ דיקע, ראָמאנטישע, פארשענערנדיקע באלייכטונג פונ די דאָזיקע פיגורנ.

נאָר עפּעס אנדערש זעענ מיר אינ „מאסאָעס״. דאָ איז דער פאבוליארישער אופבוי דורכויס ר ע א ל י ס ט י ש, ניט „סענסאציאָנעל״, אָנ שום „צופעליקייטנ״ אונ אינטריגירנדיקע פּאסירונגענ. די הויפּט־פיגור גופע אונ די סיטואציע, אינ וועלכער זי האנדלט, זיינענ ביז צו א געוויסער מאָס היפּערבאָליזירט, אָבער, ניט געקוקט דערופ, איז די צ ע ו ו י ק ל ו נ ג פונ סוזשעט אונ פאבולע שטרענג רעאליסטיש. דער אי־ דיישער גרונט-טאָג פונ דעמ ווערק איז ניט סאנטימענטאלע אפּאָלאָ־ גיע פונ די קליינבירגערלעכע מאסנ, נאָר, פארקערט, שארפסטע קרי־ טיק פונ זייער אָפּגעשטאנענקייט. פאר די סאטיריש-קריטישע קאוואָ־ נעס פונ דעמ ווערק האָט א ניט-רעאליסטישע אנטוויקלונג פונ דער פאבולע, אנ אנדערע, ווי זי איז נאָרמאל אינווירקלעכנ לעבנ, ניט געקאָנט טויגנ. אינ „מאסאָעס״ באוועגט זיכ אלצ אינ א דורכויס־ רעאליסטישנ גאנג. אלצ אנטוויקלט זיכ פּונקט אונ גענוי אזוי, ווי ס׳האָט געדארפט אונ געמוזט פּאסירנ אינ לעבנ מיט א ביניאָמינ דעמ דריטנ אונ מיט א סענדערל די יידענע, אזוי באלד זיי האָבנ זיכ גע־ לאָזט אפ נעסיעס צו רויטע יידעלעכ. מיט דער קריטישער ניכטער־ קייט איז אויכ פארבונדנ די שטרענגע לאָגישקייט אונ פארגאנצטקייט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער פאבולע.

19

דער אויסדרוק פונ סאנטימענטאלישקייט מיט דער הילפ פונ אי־ דיילישע זשאנר־בילדער אונ נאטור-פּייזאזשנ איז אייגנטימלעכ פאר מענדעלע אויכ אינ זיינ פריִיקנ פעריאָד. ווענ דער גאנג פונ זיינ

דערציילונג קערעוועט זיכ אוועק פונ די „מענטשעלעכ דראבעס, פאָקוסניקעס אוכדוימע אזעלכע מינע נעפאשעס, קליינינטשקע, נידעריקע פארשוינענ" צו די „עוויוינים, קאפּצאָנים, אומגליקלעכע נעבעכ", באצייכנט ער דעמ איבערגאנג אפ א סאנטימענטאלנ אופנ דורכ שטימונגפולע נאטור-בילדער. ווענ יאקאָבזאָנ פירט ייִצכאָק-אוורעמענ, די הויפּט-פיגור פונ „דאָס קליינע מענטשעלע", צומ מאסקל גוטמאנ, ווערט דער קאָנטראסט צווישנ די צוויי וועלטנ (די וועלט פונ די „קליינע מענטשעלעכ", פונ איינ זייט, אונ פונ די פאָרשריטלעכע אָרעמע, אָבער איידעלע גוטמאנס, פונ דער אנדערער) אונ די וויכטיקייט, וואָס די דאָזיקע באקאנטשאפט וועט סאָפּקאָלסאָפּ האָבנ פאר ייִצכאָק-אוורעמענ, אונטערגעשטראָכנ דורכ א סאנטימענטאלער אונ שטימונגפולער באשרייבונג פונ א נאטור-צושטאנד:

„...אפ דער גאס האָט מענ שוינ נישט געזענ קיינ מעשוגענעמ הונט, אונ אינדרויסנ איז געווענ אזוי פינצטער, כאָטש אנ אויג ארויסצונעמענ. איז ער מיט מיר געגאנגענ העט-העט אינ עק שטאָט, ערגעצ אינ א פארוואָרפנ געסל. אינ דעמ דאָזיקנ געסל איז געווענ רויִק, שטיל ווי אפ א בעסוילעמ. עס האָט נאָר זיכ געהערט דאָרט א רוישנ פונביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט זיי געטרעשטשעט, ווי אויכ א געשושקעריי פונ עטלעכע איבערגעבליבענע דארע בלעטלעכ ערגעצ דאָרט אפ א ביימל, אונ א קאָל פונ א דריבנע-אָסענדיק רעגנדל, וואָס האָט צווייַלנ געקראָפּעט אפ אראָפּגעפאלענע בלעטער, אי אפ פארטריקנטע גראָז פונ אלערליי מינע גאָרטנווארג. איז דער ווינט אפ א רעגע אנטשוויגנ געוואָרנ, האָט פונדערווייַטנס זיכ געלאָזט הערנ א געקלאפעריי ערגעצ פונ א מיל אונ א ליארעמ, א גערויש פונ א ביסטרע-פלייצנדיק וואסער. קוימ האָט דער ווינט ווידער אפדאָסניי אָנגעהויבנ, האָבנ מיט אימ, באמ אָנהייב, פונ דער שטאָט זיכ פארטראָגנ מעטושטעשע, פארמישטע מינע קוילעס: א קריי פונ א האָנ, א מרוקענ פונ א קו, א סקריפּ פונ אהינ-אונ-אהער זיכ שליידערנדיקנ טויער, א גערודער, א געטומל פונ א באלעגאָלישער פאָרנדיקער יאזדע, אונ א ביילנ, א האווקענ פונ א באלעבאטישנ הונט. אפּאָנעמ, אז אינ יענעמ געסל זייַנענ נישט געזעסנ קיינ ייִדנ, זיסט וואָלט דאָכ דאָרט נישט געווענ בלעטער, אונ מייַנ ייִד (דה. יאקאָבזאָנ — מ. וו.) וואָלט דאָכ געמוזט טאפּנ דעמ וועג, ער זאָל,

כאָלילע, אינדערמיט גאס נישט ארופ אפ א קו, אָדער ניט אָנשלאָגנ זיך אָנ צעבראָכענע טרעפּלעך פאר איטלעכער טיר"...

אָדער: די באגעגעניש צווישנ דעם „קליינעם מענטשעלע" ייִצכאָק־אווראָם אונ דער איידעלער גאָלדע, יאקאָבזאָנס טאָכטער, ווערט באַגלייט פונ אנ אומרויִקנ, שטורעם־אָנזאָגנדיקנ נאטור־בילד, קעדיי אפ א סאנטימענטאלנ אויפנ צו געבנ אנ אָנצוהערעניש אפ די טרויעריקע רעזולטאטנ, וואָס די באגעגעניש וועט האָבנ פאר דער אָרעמער גאָלדע: „אמאָל בינ איך צווישנ טאָג אונ נאכט גראָד געגאנגענ ערגעץ אינ א פארלעגנ געסל. דער בלויער ליטערער הימל האָט באַ די ברעגנ זיך באדעקט מיט שווארצע מאסנ כמארע, אינ וועלכע עס האָבנ צײַטנווײַז זיך דורכגעוואָרפנ בליצנ, ווי לאנגע פײַערדיקע שטרײַפעלעך"... אאוו.

די נאטור־בילדער זײַנענ אויך באם פּרײַקנ מענדעלע אנ אויס־דרוק פונ סאנטימענטאלישקײַט. אפילע דאָרט, ווו זיי דינענ א ו י כ אלס קאָנטראסט צום קריטיקירטנ לעבנשטייגער, איז זייער איקער־פונקציע סאנטימענטאל צו באשײַנענ דאָס לעבנ פונ די „עוויוינים, קאפּצאָנים, אומגליקלעכע נעבעכ".

ס'איז אָבער כאראקטעריסטיש, אז אינ די רײַכע נאטור-בילדער פונ „פישקע דער קרומער" (גרויסער וואריִאנט, 1888) פלעכט מענדע-לע שוינ ארײַנ פארגלײַכענישנ פונ ריטועלנ אונ רעליגיעזנ שטייגער אונ גיט זיי דורכ דעם א רעליגיעז־נאציִאָנאליסטישע באפארבונג, אנטשפּרעכנדיק צו זײַנ איצטיקער גרונט-שטימונג (זע, לעמאָשל, דאָס רײַכע שטימונג־בילד: „דער הימל איז בלוי"...—ז. 123, אויסג. 1907, — ווו א סאָראָקע זעט אויס ווי אָנגעטאָנ אינ א ווײַס טאלעסל, פאלט „טאכנונ" אאוו.). דאָס באטײַט, אז די נאטור־מאָלערײַ דארפ שוינ איצט דעריקער דינענ צו זײַנ געזעלשאפט־אפּאָלאָגעטישער גרונט־שטימונג.

20

די בירגערלעכע קריטיק שעצט מענדעלענ הויפּטזאכלעכ אלס שפּראכ-סטיליסט אונ „עטנאָגראפ". מענדעלעס באדײַטונג ליגט אָבער ניט דעריקער אינ זײַנ שפּראכ-„קענטעניש", אויכ ניט אינ דער „וונדערלעכער בארעדעוודיקײַט", וואָס וואָלט פאר זיך גענומענ, — אויסער דעם צוזאמענהאנג מיט זײַנ געזעלשאפטלעכער ק ר י ט י ק, —

שוין לאַנג ניט געהאַט קיין זייער גרויסן ווערט. זי באַקומט אַ קינסט־לערישע באַדייַטונג ערשט דורך איר קריטישער פונקציע — אַזוי לאַנג ער גיט איר אַ מינוס־פּאָרציכן; וואָס „וווּנדערלעכער" און וואָס מער זעלבסטצוועק סע ווערט זייַן „באַרעדעוודיקייַט", ד.ה. וואָס מער זי צעגייט זיך אין קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטיש־סטיליזירטער מאַגידעס — דעמלט, ווען זי באַקומט אַ פּליוס־פּאָרציכן — אַלץ פּוס־טער ווערט זי און ניט־געניסבאַרער. דאָס באַטייַט, אַז מענדעלע איז גרויס, ווו ער נעמט דאָס בעסטע פון דער פּלעבייִשער מאַסע, זייַן באַטייַט פאַרמינערט זיך שטאַרק אומעטום, ווו ער נידערט אַראָפּ צו איר אָפּגעשטאַנענקייַט און לאָזט זיך פון איר נאָכשלעפּן.

ס'באַקומט זיך גראָד קאַפּויר, ווי די בירגערלעכע און קלײנביר־גערלעכע קריטיקער מיינען. דאָרט, ווו מענדעלעס „באַרעדעוודיקייַט" און „פּיקכעס" זייַנען געמיינט אַף אַ שפּאַס — דאָרט ווערן זיי טאַקע אַן ע ר נ ס ט, אַ הויך־קינסטלערישער ערנסט. דאָרט אָבער, ווו ער מיינט עס ערנסט מיט זייַן דאָזיקער באַרעדעוודיקער פּיקכעס — דאָרט ווערט עס אַ ש פּ אַ ס, לעכערלעך און נישטיק.

אַזוי לאַנג ער סטיליזירט פּאַראָדיסטיש די „באַרעדעוודיקייַט" און „פּיקכעס" צוליב סאַטירישער קריטיק — איז דאָס עמעס־ווערטפולער, עכטער קינסטלערישער ס ט י ל. דאָרט אָבער, ווו מענדעלע הייבט אָן (אין זייַן שפּעטן שאַפן) מיט אַן ערנסטער מינע אויסצוצאַצקען פון דעם מאַטעריאַל אַ „נאַציאָנאַלן נוסעך" און מאַכט פון די כויזעקדיקע דריידלעך ערנסט געמיינטע „אָרנאַמענטן" — ווערט דאָס אַ פּוסטע, אויפגעבלאָזענע, אומיטירטע סטיליזאַציע אין ערגסטן באַטייַט פון וואָרט, אַ נייַמאָדישער וואַריאַנט פון זייַן אַמאָליקער העברייִשער מליצעדיקייַט, וואָס קאָוו־גער האָט פון איר אַמאָל בײַ מענדעלען און אַנדערע מאַסקילים אַזוי שאַרף און טרעפלעך אָפּגעכויזעקט. זייַן ס ט י ל האָט דעריקער גע־דאַרפט באַווייַזן די אַבסורדישקייַט פון „היסטאָרישן ייִדנטום", זייַן סטיליזאַציע האָט זיך באַמיט זי צו פאַרזיסן און צו פאַרפּוצן.

די „עטנאָגראַפישקייַט" אין מענדעלעס שאַפן באַקומט דעם עמעסן ווערטפולן באַטייַט ערשט דאָרט, ווו זי איז געווען געווענדט קעגן דער „עטנאָגראַפישער" אָפּגעשטאַנענקייַט, ווו די עטנאָגראַפישקייַט אין זייַנע ווערק איז אויסן צו נעגירן די דאָזיקע דערשייַנונגען אינעם לעבן, ווו איר צוועק איז זיך צו ליקווידירן.

מענדעלעס עמעסער ווערט באשטייט אינ דער באדײַטנדיקער מאָס ניכטערקײַט, מיט וועלכער ער האָט דערזענ די ווירקלעכע לאגע פונ די ברייטסטע ייִדישע פאָלק-מאסנ אינעם איבערגאנג־פעריאָד פונ פעאָדאלישער אָפגעשטאנענקײַט צום קאפיטאליזם אונ די דאָזיקע לאגע געשילדערט אינ עמעסדיק קינסטלערישע געמעלנ; ער באשטייט אינ דער סאָציאלער צילגעווענדטקײַט פונ זײַנ שאפנ, אפ וויפל די דאָזיקע צילגעווענדטקײַט האָט אנטשפראָכנ דער ווירקלעכקײַט, ד. ה. צו דער היסטאָריש ווירקלעכ נויטווענדיקער פראָגרעסיווער טענדענצ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, אפ וויפל ער האָט געקעמפט מיט זײַנ קינסטלערישנ שאפנ קעגנ דעם פעאָדאליזם אונ זײַנע רעשטנ פאר א נײַער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. מענדעלע האָט מיט די ספעציפישע מיטלענ פונ דער קונסט רעפראָדוצירט אינ זײַנע בילדער א שטיק דעמאָלטיק לעבנ, א באנומענס דורכ א דעמאָקראטישנ טעמפעראמענט. אינ דער גאנצער בירגערלעכער ייִדישער פראָזאיִק איז מענדעלע געווענ דער גרעסטער געזעלשאפט-קריטיקער, זײַנע ווערק — אמיינסטנ אידייִש אונ סאָציאל צילגעווענדט. קורצ: זײַנ ווערט באשטייט אינ דער גאָר באדײַטנדיקער מאָס ריכטיקער, עמעסדיק-קינסטלערישער אָפשפיגלונג פונ א שטיק דעמאָלטיקער געזעלשאפטלעכער סיטואציע מיט אירע ווידערשפרוכנ, אונ אינ דער מאָס פונ זײַנ שטרעבנ צו ענדערנ די דאָזיקע סיטואציע אונ אויסצוקערעווענ איר אנטוויקלונג אינ א פאָרויסגייענדיקער ריכטונג.

דאָס איז עס, וואָס סע מאכט מענדעלענ פאר א מײַסטער. אונ דערמיט טאקע איז אויכ פארבונדנ דער באדײַטנדיקער דערקענטעניש-ווערט, וואָס מענדעלעס בעסטע ווערק האָבנ פאר אונדז, אפ צו דערקענענ א באשטימטנ כאראקטעריסטישנ אָפשניט פונ דער פארגאנגענהײַט, אונ מעמיילע אויכ אפ צו בארײַכערנ אונדזערע וואפנ פארנ קאמפ קעגנ די אקשאָנעסדיקע, פארגיפטנדיקע איבערבלײַבענישנ אונ געשפענסטער פונ דער פארגאנגענהײַט, וואָס שטארצנ ארײַנ אינ א מער אָדער ווייניקער פארוואנדלטער אונ איבערגעניצעוועטער געשטאלט ביז אינ אונדזער הײַנטיקנ טאָג, פארנ קאמפ, וואָס דארפ די דאָזיקע איבערבלײַבענישנ אויסראָטנ ביז צום וואָרצל.

מ. ווינער

מאָסקווע, אָקטיאבער 1933.

מאסאָעס בינ‏יאַמינ האשלישי

1878 — 1876

קיצור

מסעות בנימין השלישי

דאס הייסט

די נסיעה אדער א רייזעבעשרייבונג פון בנימין
דעם דריטען :

וואס ער איז אויך זיינע נסיעות פערגאנגען העט ווייט אוועק
אונטער די הרי חושך, און האט זיך גענוג אנגעזעהען
און אנגעהערט חידושים שיינע זאכען, וואס זיא זיינען
ארויס געגעבען געווארען אין אלע שבעים לשונות און היינט
אויך אין אונזער לשון.

ארויס געגעבען בהשתדלות

מענדעלי מוכר ספרים

ספר ראשון

ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תרל"ט לפ"ק

КИЦУРЪ МАСООТЪ БИНЯМИНЪ ГАШЛИШИ.

т. е.

Краткое описаніе путешествія Бенямина III.

Книга I.

Сочиненіе С. Абрамовича.

ВИЛЬНА,

Типографія Вдовы и бр. Роммъ.

Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 320.

1878.

טיטלבלאט פון דער ערשטער בוך-אויסגאבע אין יאָר 1878.

קיצער

מאסאָעס בּיניאָמינ האשלישי

דאָס הייסט

די נעסיִע אָדער א רײַזע־באשרײַבונג פונ בּיניאָמינ דעמ דריטנ:

וואָס ער איז אפ זײַנע נעסיִעס פארגאנגענ העט ווײַט, אזש אונטער די האָרע־כוישעכ, אונ האָט זיכ גענוג אָנגעזענ אונ אָנגעהערט כידושימ שיינע זאכנ, וואָס זיי זײַנענ ארויסגעגעבּנ געוואָרנ אינ אלע שיווימ לעשויינעס אינ הײַנט אויכ אינ אונדזער לאָשנ

פונ

מענדעלע מויכער־ספאָרימ

האקדאָמאס מענדעלע מויכער-ספאָרימ

אָמאר מענדעלע מויכער־ספאָרימ, זאָגט מענדעלע מויכער-ספאָרימ, געלויבּט איז דער בּוירע, וואָס באשטימט דעמ גאנג פונ די גאַל־גאַלימ אינ די הימל אויבנ אונ דעמ גאנג פונ זײַנע אַלע באשע־פעניש אפ דער ערד אונטנ. אפילע א גרעזעלע קריכט נישט ארויס פונ דער ערד ביזוואַנענ א מאלעכ שלאָגט עס נישט אונ זאָגט: וואקס! קריכ ארויס! מיקאָלשעקיינ א מענטש, ער האָט אוודע א מאלעכ, וואָס שלאָגט אימ אונ זאָגט: גיי, גיי, קריכ ארויס! אונ מיקאָלשעקיינ נאָכ מער די פײַנע מענטשעלעכ, שיינע יִדעלעכ. זיי האָבנ דאָכ בעוואדע לעכאָלאפאָכעס א מייע קיטעס מאלאָכימ, וואָס שלאָגנ איטלעכנ פונ זיי באזונדער אונ זאָגנ אשטייגער אזוי: כײַ־

קעלע, טײַערע נעשאָמע, גײ אנטלײַ געלט װיפל דו קענסט! גײ, גײ נעם אָן דאָרט בא די דײַטשן סכוירע װיפל דו װילסט! שפּראָץ, װאקס, כײַקעלע, קריך ארויס, שקאָץ אײנער, פון דער בלאָטע! גײ, גײ, גײ גאנווע שטילערהייט ארויס די גאנצע סכוירע דײַנע, פון דײַן קלײט טאקע, און ענטפער דערנאָך דעם אוילעם קוימעמיעס![1]... גײ, גײ, איציקל קאָלבויניק, זײַ זיך מאטריעך צו דײַן פּאָרעצל, מאך עפּעס א מאניפארגעלע, און רוים אים דאָרט אײַן אין אויער עפּעס א פּיזמען אף דעם, אף יענעם און אף װעמען דו װילסט...[2] אָדער די מאלאָכים זאָגן אזוי: װאקסט, שפּראָצט, קאפּצאָנים, אין דער שטאָט, װי גראָז, װי קראָפּעװע! גײט, גײט, יידישע קינדער, און שלעפּט זיך ארום איבער די הײַזער!... גײט, באלעבאטים, איר זיצט דאָך א בלויז לײדיק און האָט נישט װאָס צו טאָן, גײט זשע, גײט, באלע-באטים, אין באָד ארײַן!...

נאָר נישט דאָס אָבער בין איך אויסן. איך בין אויסן צו דערציילן דאָ אײַך, ראבויסים, װי אײנער פון אונדזערע ברידער איז פארגאנגען העט־העט אין די װײַטע מעקוימעס און האָט דערמיט קוינע־שעם געװען.

אלע ענגלישע און דײַטשע גאזעטן זײַנען פאראיאָרן פול געװעזן מיט דער װונדערלעכער נעסיע, װאָס ביניאָמין, א פּוילישער יידל, האָט געמאכט אין די ארצויס־האמיזראָך ערגעץ. „ס'טײַטש, ס'טײַטש, האָבן זיי זיך געכידעשט, א ייד, א פּוילישער ייד, אָן קליי־זײַען, אָן מאשינעס, נאָר מיט א טאָרבע אף די פּלייצעס און מיט א טאלעס־און טפילן־זאק אונטערן אָרעם זאָל אָנשפּארן אין אזעלכע ערטער, װוּ גרויסע בארימטע ענגלישע רײַזנדע האָבן אהין נישט געקענט צוקומען?

---

1 אין דער אויסגאבע פון די ערשטע דרײַ קאפּיטלען פון יאָר 1876 (אין „דער נוצלעכער קאלענדאר״) גייט דאָ אזא װאריאנט:

„גײ, קריך, רוק זיך, שטופּ זיך, קלעטער דערנאָך, קלעטער מיט א פּידיען דאָרט אהינצו, אהינצו, אהינצו...״ (ז. 1).

2 אין דער אויסגאבע 1876 קומט דאָ אזא זאץ: „גײ, גײ, טײַער מענטשעלע, גײ, גײ און טאנץ דערנאָך, װי א גיטער ברורעד, אף אלע כאטענעס!.. גײ אויך דו, אורעמעלע, קליינשטעטלדיקער סבאָרשטשיקל, גײ, פּאָר, לויף, נארעלע, אף קאָהאָלשע הויצאָעס, גײ, לויף אהין אין דער גובערניע זיך סטארען דאָרט קלאָמערשט פאר דײַן קאָהאָל, גײ, עס, טרינק, טו דיר װויל און פּאָרער פון דײַנע נאראָנים אלץ געלט, געלט און נאָכאמאָל געלט!..״ (ז. 1).

נישט אנדערש, אז דאָס איז געשען נישט מיט קיין מענטשלעכן קויעך עפּעס, נאָר מיט אזא קויעך, וועלכן דער סייכל קאָן קלאָר נישט מאַסיג זיין, דאָס הייסט, דער סייכל איז פּונקט נישט אזוי בעקויעך אזוי ווי דער דאָזיקער קויעך איז ניט בעסייכל. נאָר בעכאָל-האָויפאנים, ווי די מייסע איז שוין דאָרט געווען, ביניאָמינען האָט די וועלט צו דאנקען פאר די כידושים, גרויסע זאכן, וואָס זיינען דורך אים אנטפּלעקט געוואָרן, און פון איצט אָן וועט די מאפּע אָדער די לאנדקארטע באקומען גאָר אן אנדער פּאָנעם. ביניאָמין פאַרדינט מיט רעכט דעם מעדאל, וואָס די געאָגראפישע געזעלשאפט אין לאָנדאָן האָט אים געגעבן"...

די יידישע גאזעטן האָבן די דאָזיקע רייד אופגעכאפּט מיט ביידע הענט, און געהאט דערמיט צו זינגען און צו זאָגן דעם גאנצן פאראיאָרעדיקן זומער, אזויווי אימלעכן, וואָס לייענט די דאָזיקע גאזעטן, איז באקאנט. זיי האָבן אויסגערעכנט אלע כאכאָמים, וואָס זיינען בא יידן געווען פון אָדאָם-האָרישן אָן ביז אצינד, ביכדיי צו באווייזן, וואָס פאר א קלוג פאָלק יידן זיינען. האָבן אויך אויסגעשטעלט א צעטל פון די נויסים (רייזנדע) אין אלע צייטן, פון ביניאָמין דעם ערשטן, מיט א זיבן הונדערט יאָר צוריק, און ביניאָמין דעם צווייטן מיט דער גאנצער כעווריע נויסים, וואָס וואנדערוועו הייַנט בא אונדז ארום. און ביכדיי מאפליג צו זיין די נעסיע פון אונדזער איצטיקן ביניאָמין, האָבן זיי, ווי דער שטייגער איז פון יידן, דערווייל פון יענע בלאָטע געמאכט און געזאָגט, אז די גאנצע קנופּיע היינטיקע נויסים זיינען טאקע נאָר פראָסטע שלעפּערס, ווייסן נישט פון זייער כיעס. די גאנצע נעסיעס זייערע, מישטיינסגעזאָגט, באשטייט נאָר דערינען, ארומצושלעפּן זיך ווי מעקאבלים איבער די הייזער, זיי האָבן אלע א פּאָנעם ווי מאלפּעס אקעגן איצטיקן ביניאָמ׳ן, אקעגן ביניאָמין דעם דריטן, דעם עכטן עמעסן נויסיע. זיי האָבן אפּ אים און אפּ די ספאָרים, וואָס מען האָט געמאכט פון זיין נעסיע, געזאָגט, ווי געוויינטלעך, דעם געוויסן פּאָסעק: „לא בא כבושם הזה“,[1] דאָס טייַטש: ס'איז נאָך אזעלכע בסאָמים, אזעלכע שמעקנדיקע געווירצ בא יידן קיינמאָל נישט געווען: געבענטשט און איינגעוויקלט

1 לוי באָ קאבויסעם האזע.

מיט דימענטן זאָל ווערן דער דאָזיקער, — האָבן זיי אַלע פּע־עכאָד געזאָגט, — וועלכער עס וועט דעם טײַערן אויצער פון בינימינס נעסיע, וואָס געפינט זיך אין אַלע פרעמדע לעשוינעס, איבערטראָגן אויך אין לאָשן־האקוידעש. נעכײַ לאָזן ייִדן, נעבעך, אויך פארזוכן די פּאטעקעס, וואָס רינט פון ייִדישן בינשטאָק, און זאָל זיי דערפון ליכטיק ווערן אין די אויגן.

וואאני מענדעלע, און איך מענדעלע, וואָס מײַן קאוואָנע איז טאָמעד נוצן צו ברענגען אונדזערע ייִדעלעך קעפּי מײַן מעגלעכקײַט, האָב איך מיך נישט געקענט אײַנהאלטן און געזאָגט: איידער די ייִדישע מעכאברים, וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פון מײַנע לענדן, איידער זיי וועלן זיך אויסשלאָפן ארויסגעבן די ספאָרים פון בינימינס נעסיע אין לאָשנקוידעש, וועל איך דערווײַל מיך פרווון כאָטש א קיצער פון זיי ארויסגעבן אף פּראָסט ייִדיש. איך האָב אָנגעגורט מײַנע לענדן ווי א גיבער, און ווי אלט און שלאָפּ איך בין, לוי־אַלייכעם, האָב איך מיר פאָרט שטארקע מי געגעבן, ארויסצובאקומען פונעם גרויסן אויצער אזעלכע איניאָנים, וואָס טויגן פאר די קינדער ייִסראָעל, און צו דערציילן זיי פרײַ, קעפּי מײַן שטייגער. איך האָב עפּעס געפּילט, ווי מען שלאָגט מיך פון אויבן מיט די ווערטער: האָקיצאָ, מענדעלע, כאַפּ זיך אוף, מענדעלע, און קריך ארויס פון אונטער אויוון! גיי, נעם אָן פולע הויפנס געווירצ פון בינימינס אויצער און מאך דערפון פּאָטראוועס צו דײַנע ברידער, אזוי ווי זיי האָבן ליב. איך בין מיט גאָטס הילף ארויסגעקראָכן און צוגעברייט די געשמאקע שפּײַז, וואָס איך שטעל איצט דאָ פאר אײַך אנידער. עסט, ראבויסים, לאָז אײַך וויל באקומען! אוביזכוס דער נעסיע לאָמיר גיך אין אלע זײַטן זיך ווענדן און קערן, איטלעכער קעפּי זײַן גאנג און קעפּי זײַן באגערן, און וועט כאָלילע איינער באגייט עפּעס א פעלער, לאָז ער זיך אויסדרייען גלאט ווי אַפּ א טעלער, און בלײַבן טאָמעד גוט און פרום אי גערעכט, אזוי ווי עס ווינטשט אײַך אײַער געטרײַער קנעכט

האקאָטן מענדעלע מ״ס.

דאָס ערשטע קאַפּיטל

ווער דער בּיניאָמינ איז, פונוואַנעט ער איז, און ווי די נעסיִע האָט פּלוצלינג צו אים זיך גענומענ

„קאָל יאָמײַ, אַזוי זאָגט בּיניאָמינ דער דריטער אַלײנ, קאָל יאָמײַ ניסגאַדאַלטי בּעטונעיאַדעווקע, מײַנ גאַנצ לעבנ, דאָס הײסט בּיז מײַנ גרויסער נעסיִע, בּינ איך ניסגאַדל געוואָרנ אינ טונעיאַדעווקע. דאָרט בּינ איך געבּוירנ געוואָרנ, דאָרט בּינ איך דערצויגנ געוואָרנ, און דאָרט האָבּ איך לעמאַזל כאַסענע געהאַט אימ אישטי, מיט מײַנ פלוינעסטע האַצנוע מאָראַס זעלדע טיכיע".

טונעיאַדעווקע, דאָס קלײנע שטעטל, איז אַ פאַרוואָרפנ ווינקל, אָנ דער זײַט פונעמ פּאָטשטאָווג טראַקט, קימאַט אָפּגעריסנ פונ דער וועלט, אַזוי, אַז ווענ אַמאָל מאַכט זיך, אײנער קומט אַהינ צו פאָרנ, עפנט מענ די פענצטער, די טירנ און מענ קוקט פאַרווּנדערט אָנ דעמ פרישנ פּאַרשוינ. שכײנימ פרעגנ אײנער בּאַמ אַנדערנ, אַרויסקוקנדיק פונ די אָפּענע פענצטער, אַ סאַך מער ווי פיר קאַשעס: הא, ווער זאָל עס אַזוינס זײַנ? פונוואַנעט האָט ער פּלוצלינג פונ דער העלער הויט אַהער זיך גענומענ? וואָס קענ אַזעלכער בּאַדאַרפנ? האָט ער עפּעס נישט אַ מײנ? עפּעס אַזוי גלאַט קענ עס ניט זײַנ, גלאַט אַזוי דענ נעמט מענ און מענ קומט! מיסטאָמע ליגט דאָך דאָ עפּעס, וואָס מענ מוז עס דערגײנ... דערבּײַ וויל איטלעכער אַרויסווײַזנ זײַנ כאָכמע, זײַנ געניטשאַפט, און בּויכ־סוואָרעס פאַלנ ווי מיסט. אַלטע לײַט דערצײלנ מײַסעס און בּרענגענ מעשאָלימ פונ אָרכימ, וואָס זײַנענ אינ דעמ און אינ דעמ

יאָר געקומענ אהער צו פאָרנ. באלע-האמצאָעס זאָגנ מיקויעכ דעמ
ווערטלעכ, א ביסל עפּעס נישט קיינ שיינע, מאנצבל האלטנ זיכ בא די
בערדלעכ אונ שמייכלענ, אלטע ווײַבער זידלענ אָפּ די באלע-האמצאָעס
אפּ קאטאָוועס, מיט א בייזער אי מיט א לאכנ איניינעמ, יונגע ווײַב-
לעכ דערלאנגענ פונ די אראָפּגעלאָזענע אויגנ א געבויגענעמ קוק פונ
אונטנ ארופּ, האלטנ די האנט אפּנ מויל אונ שטיקנ זיכ לאכנדיק אינ
קולאק. דער שמועס מיקויעכ דעמ דאָזיקנ איניענ קייקלט זיכ פונ שטוב
צו שטוב, ווי א קויל פונ שניי, אונ ווערט קייקלענדיק זיכ אלצ גרעסער
גרעסער, ביז ער קייקלט זיכ ארײַנ אינ בעסמעדרעש סאמע אונטערנ
אויוונ, אינ דעמ אָרט, וואָס אהינ פארקייקלענ זיכ אלע שמועסנ פונ
אלערליי איניאָנימ, הענ סוידעס פונ שטוב-זאכנ, הענ פּאָליטיקע מי-
קויעכ סטאמבול, מיקויעכ דעמ טויגער אומיקויעכ קירענ, הענ געלט-
געשעפטנ, מיקויעכ ראָטשילדס פּארמעגנ אינ פארגלײַכ מיט די גרויסע
פּריצימ אונ די אנדערע געוויסע נעגידימ, וועהענ פּאָטשטנ מיקויעכ די
גזיירעס אומיקויעכ די רויטע יִדלעכ אוכדוימע, אונ וואָס דאָרט
ראזבירײַעט זיי קעסיידער א באזונדער קאמיטעט פונ שיינע באטאָטע
יִדנ, וואָס זיצנ שטענדיק א גאנצנ טאָג ביז שפּעט אינ דער נאכט, זײַ-
נענ מאפקער ווײַב אי קינדער אונ גיבנ זיכ מיט די אלע גע-
שעפטנ טאקע עמעס געטרײַ אָפּ, טוענ זייער זאכ בישליימעס
גלאט אזוי, לעשעמ-שאָמאיִמ, נישט צו נעמענ פאר זייער מי, פאר
זייער פּראצע אפילע א צעבראָכענעמ העלער. פונ דעמ דאָזיקנ קא-
מיטעט גייענ אָפּט די איניאָנימ אוועק אינ באָד אפּ דער אויבערשטער
באנק, אונ אינ א פּאָלנער סאָבראניע פונ שטאָט-באלעבאטימ ווערנ זיי
דאָרט אויטוויערדעט, וועהאקל שאָריר וועקאיאָמ, אז דערנאָכ זאָלנ
אפילע קומענ קאָל מאלכע-מיורעכ אונ מײַרעוו, זיכ שטעלנ מיט דעמ
קאָפּ אראָפּ אונ מיט די פיס ארופּ, וועלנ זיי גאָרנישט פּויעלנ. דער
טויגער אינ שיר איינמאָל נישט אומגליקלעכ געוואָרנ אינ אזא סאָב-
ראניע אפּ דער אויבערשטער באנק, ווענ עטלעכע יוסטע באלעבאטימ
זאָלנ נישט געווענ האלטנ מיט אימ בלאט, ווער ווייסט, ווּ ער וואָלט
איצט אָנגעשפּארט. ראָטשילד, נעבעכ, האָט שיר ניט פּארלוירנ דאָרט עפּעס
א צענ—פופצנ מיליאָנ. דערפאר האָט אימ גאָט געהאָלפנ אינ א פּאָר וואָכנ
ארומ, זער אוילעמ איז געווענ, ווי מענ זאָגט, בעגילופנ, אפּ דער
אויבערשטער באנק איז גראָד געווענ א ביסל לעבלעכ, די בעזעמלעכ

האָבן זיך געהויבן, און מען האָט אים מיטאמאָל צוגעלאָזט ריין פאַר־דינסט אקעגן א קאַנמיליאָן קערבלעך!

די אײַנוווינער אליין אין טונעיאדעווקע זײַנען, נעבעך, קימאט אלע, לוי־אלייכעם, גרויסע עוויונים, שטארקע דאלפּאָנים. נאָר דעם עמעס מוז מען זאָגן, זיי זײַנען פריילעכע עוויונים, לוסטיקע קאַפּצאָנים, ווילדע באלע־ביטאָכנס. אז מען זאָל, אשטייגער, פּלוצלים א פרעג געבן א טונעיאדעווקער ייִדן: פונוואנען און וויאזוי ער איז זיך מע־פאַרנעס? בלײַבט ער טכילעס שטיין ווי צעמישט, ווייסט, נעבעך, נישט וואָס צו ענטפערן. נאָר שפּעטער א ביסל אָבער קומט ער צו זיך און ענטפערט ביטמימעס:

— איך, ווי ארום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ א גאָט, זאָג איך אײַך אָ־טאָ, וואָס פאַרלאָזט נישט אלע זײַנע באשעפעניש. ער שיקט צו, און וועט מיסטאָמע ווײַטער צושיקן, זאָג איך אײַך אָט־אָ.

— פאָרט וואָס טוט איר אזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס'איז פאַר א מעלאָכע אָדער א פאַרנאָסע אין דער האנט?

— געלויבט איז האשעם־ייִסבאָרעך! איך האָב, באָרעכאשעם אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ א מאטאָנע פון זײַן ליבן נאָמען, א קיילע, א קאָל־נעגינע און דאוון מוסאָפּים יאָמים־נוירא‌ָים אין דער סוויווע. איך בין א מויעל און א מאצע־רעדלער איינער אין דער וועלט איך פיר אמאָל אויס א שידעך, פיר איך אויס. איך האָב א שטאָט, אזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אין דער שול. הײַנט האלט איך אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן, א שענקל, וואָס מעלקט זיך צו־ביסלעך, איך האָב א ציג, וואָס מעלקט זיך, אָן אײַנאָרע, ווייער גוט, און האָב נישט ווײַט פונדאנען א רײַכן קאָרעוו אָט־אָ, וואָס לאָזט זיך אונטער א שלעכטער צײַט אויך א ביסל מעלקן. הײַנט כוץ די אלע זאכן, זאָג איך אײַך אָט־אָ, איז גאָט א טאטע און די ייִסראָעל זײַנען ראכמאָנים בנײ ראכמאָנים, זאָג איך אײַך אָט־אָ, נישט צו פאַרזינדיקן!...

אויך מוז מען די טונעיאדעווקער אײַנוווינער דעם שוואך נאָכזאָגן, אז זיי זײַנען צופרידן מיט וואָס גאָט גיט און קלײַבן כאָלילע אין דער האלבאָשע און אין דעם עסן שטארק נישט איבער. אז די שאבעסדיקע קאפּאָטע, אשטייגער, איז צעהאקט, צעפּאלן, צעריסן, א ביסל פאַרשלומפּערט און עפּעס נישט אזוי ריין, מאכט אויך נים

אויס, אבי זי איז פּאָרט פון אטלעס און גלאנצט. איַי ערטערוויַיז
קוקט ווי פון א רעשעטע ארויס דאָס הוילע לײַב, מיילע, וואָס ארט
עס וועמען, ווער וועט זיך דאָ אזוי שטעלן צוקוקן? לעמיַי פּיאטעס,
מיט וואָס איז דאָס ערגער פון אויסגעריסענע פּיאטעס? פּיאטעס
איז דען נישט קיין לײַב, קיין מענטשן־פלייש?... א שטיקל ברויט
מיט א קאָליש, אבי ס'איז נאָר דאָ, איז זייער א גוטער מישיק. ווער
שמועסט א בולקע מיט א ראָסלפלייש פרײַטיק, ווער עס האָט נאָר,
דאָס איז טאקע א מײַכל־מעלאָכים, קיין בעסערס דערפון איז שוין,
דאכט זיך, אפ דער וועלט נישטאָ. לאָז מען זיי דערציילן, אשטייגער, פון
אנדערע מינע פּאָטראווועס, כוץ פיש־יויך, געבראָטנס און א מערנ־
אָדער א פּאָסטערנאק־צימעס, קומט זיי דאָס אויס עפּעס מעשונע־
ווילד, און זאָגן דערויף אָפּ פארשיידענע ווערטלעך מיט דעם גרעסטן
געלעכטער, גלײַך ווי דער, וואָס זאָגט עס, איז נאריש, מעשוגע,
און ווייל זיי אויך מאכן מעשוגע, אײַנריידן זיי א קינד אין בויך,
א קו איז געפלויגן איבערן דאך און געלייגט אן איי. א שטיקל
באָקסער אין כאמישעאָסער, דאָס איז אזא פיירע וואָס מעכײַע־
נעפּאָשעס. קוקנדיק דערויף דערמאָנט מען זיך אין ערעציסראָעל,
נישט איין מאָל פארגלאָצט מען דערבײַ די אויגן מיט א קרעכץ: אך,
ועסויליכיינו קוימעמיוס, זאָלסט אונדז, הארצעדיקער פּאָטער, פירנ
קוימעמיעס, טאקע וואָס קוימעמיעס הייסט, לעארציינו, צו אונדזער
לאנד, וואָס ציגן עסן דאָרט באָקסערן!... אלפּי מיקרע האָט איי־
נער אמאָל אין דעם שטעטל גראָד געבראכט א טייטל, האָט איר
באדארפט זען, וויאזוי מען איז דאָס געלאָפן אָנקוקן אפ כידושים.
מען האָט אופגעמישט א כומעש און געוויזן, אז „טאָמאָר“, דער
טייטל, שטייט אין כומעש! ס'טײַטש, דער טייטל, אָט־דער טייטל
וואקסט דאָך פון ערעציסראָעל!... קוקנדיק אפן טייטל האָט זיך אויס־
געדאכט, ערעציסראָעל איז פאר די אויגן. אָט גייט מען איבער דעם
יארדן, אָט איז די מעאָרעס־האמאכפּיילע, דער מוטער ראָכלס
קייווער, דאָס קויסל־מאראָווי; אָט באָדט מען זיך אין כאמיי־
טעוואריע, מען קריכט ארויף אפן האר־האזייסים, מען עסט זיך
אָן מיט באָקסערן, מיט טייטלען, און מען לייגט אָן פולע קעשענעס
מיט ערעציסראָעל־ערד. אך! האָט מען געקרעכצט, און אין די
אויגן האָבן איטלעכן זיך געשטעלט טרערן. „יענע צײַט, אזוי זאָגט

ביניאָמינ, איז גאנצ טונעיאדעווקע, ווי גרויס זי איז, געווענ איג ערעציִסראָעל. מענ האָט געשמאק גערעדט פונ מאָשיִעכנ, אָט-אָט איז שוינ גאָטס פרייַטיק נאָכ האלבנ טאָג. דער נייַער פריסטאוו, וואָס איז נישט לאנג אָנגעקומענ, האָט גראָד בעיאד ראָמאָ דענסטמאָל געפירט דאָס שטעטל, בא א פּאָר ייִדנ האָט ער אראָפּגעריסנ די יארמלקעס, איינעמ אָפּגעשניטנ א פּייע, עטלעכע נעבעכ געכאפּט שפּעט בא דער נאכט אינ א געסל אָנ פּאספּאָרטנ, בא נאָכ איינעמ פארנומענ א ציג, וואָס האָט אופגעגעסנ א נייַעמ שטרויענעמ דאכ, אונ ער איז דערמיט אויכ געווענ די סיבע דערפונ, וואָס דער קאמיטעט אונטערנ אויוונ האָט זיכ שטארק געדורעט מיט דעמ טויגער. אד מאָסייַ וועט דער סאר שעל ייִשמאָעל אזוי שוילעט זייַנ? מענ האָט אופגעמישט דעמ געווייניטלעכנ שמועס מיקויעכ די אסערעס-האשוואָטימ, ווי גליקלעכ זיי לעבנ דאָרט אינ יענע ווייַטע מעקוימעס, אינ געדולע, אוישער אונ קאָוועד. מענ האָט אפּירגענומענ די רויטע ייִדלעכ, די בניי־מוישע, מיט גוזמאָעס מייַסעס פונ זייערע גווורעס אוכדוימע. עלדאָד האדאָני, עס פארשטייט זיכ, האָט אויכ געטאנצט אינדערמיט. יענער צייַט צומייסטנ האָב איכ צו פארדאנקענ די נעסיִע מייַנע, וואָס איכ האָב דערנאָכ געמאכט”.

פריִער איז ביניאָמינ געווענ ווי א הינדעלע, וואָס ליגט איג איי, אָדער ווי א וואָרעמ, וואָס ליגט אינ כריינ, ער האָט געמיינט, אז אפ יענער זייַט טונעיאדעווקע עקט זיכ די וועלט, קיינ זיסער, קיינ בעסער לעבנ ווי דאָ איז גאָר נישטאָ.

„איך האָב געמיינט, זאָגט ביניאָמינ ערגעצ אינ איינ אָרט, אז רייַכער פונ אונדזער ארענדאר באדארפ מענ שוינ נישט זייַנ. א קלייניקייט. עפּעס אזא שטוב מיט באלעבאטישקייַט: פיר פּאָר מעשענע לייַכטער, א זעקס-רערנדיקער הענגלייַכטער, אויבנ מיט אנ אָדלער, צוויי קופּערנע פּארעווע טעפּ, מיט א פינפ קופּערנע פּענדלעכ, א פּאָלעצע צינערנע טעלער, אונ אוואדע אקעגנ א טוצ טעמבעקאָווע לעפל, צוויי זילבערנע בעכערלעכ, א האָדעסל, א כאנעקע-לעמפּל, א ציבעלע-זייגער אונ צוויי קופּערטעס מיט א גראָב קייטל פונ זאמדפּאטשערקעס, צוויי קי מיטאמאָל, אונ א טעלעצע אפ דער צייַט, צוויי שאבעסדיקע קאפּאָטעס אוכדוימע נאָכ אונ נאָכ אזא גוטס. איך האָב געמיינט, א כאָכעמ איז טאקע נאָר איינ רעב אייַזיק־דאָוויד רעב

ארנ יאָסעלעס סאָרע זלאטעס. א קאטאָוועס! מענ זאָגט, אז ער האָט
אמאָל אינ דער יוגנט געהאט א יעדיִע אינ טישבוירעס. ער האָט גע־
מעגט זײַנ מיניסטער, ווענ דאָס שטיקעלע מאזל זאָל אימ נאָר די־
נענ. ווער האָט נאָכ, האָב איכ געמיינט, אזא האדראס־פּאָנעמ, אזא
בינימעסדיק שמועסל ווי אונדזער כײַקל זאַיקע, אָדער ווער איז
אזא מומכע, אזא דאָקטער, וואָס מאכט פונ טויט לעבעדיק, ווי
אונדזער רויפע, וואָס ער האָט, קעפּי האשמוע, די כאָכמעס־הא-
דאָקטאָריע געלערנט בא א ציגײַנער פונ די כארטומע מיצראִימ״.
האקלאל, דאָס לעבנ אינ זײַנ שטעטל האָט ביניאָמינענ זיכ אויס-
געוויזנ זייער שיינ, זייער גוט. ער האָט אפילע געלעבט אינ דאכ־
קעס, ער מיט זײַנ ווײַב אונ קינדער זײַנענ געגאנגענ קריִע-בליִע.
נאָר האָט דענ אָדאָמ־האָרישנ אונ זײַנ ווײַב, בעשאס זיי זײַנענ גע-
ווענ אינ גאניידנ, פארשטאנענ זיכ צו שעמענ, וואָס זיי זײַנענ נא-
קעט אונ באָרוועס? די ווונדערלעכע מײַסעס אָבער פונ די „רויטע
יִידלעכ״ אונ די „אסערעס-האשוואָטימ״ זײַנענ אימ ארײַנ טיפ אינ
הארצ, אונ פונ יענער צײַט אָנ איז אימ עפּעס ווי ענג געוואָרנ אינ
זײַנ שטעטל. עס האָט אימ עפּעס געצויגנ אלצ אהינ, אהינ דאָרט אינ די
ווײַטע מעקוימעס ארײַנ. דאָס הארצ האָט אינ אימ זיכ געצויגנ,
אזויווי קליינע קינדער ציִענ זיכ מיט די הענטלעכ אקעגנ דער לעוואָנע.
דאכט זיכ אינ פלוג, וואָס איז אזוינס א טייטל, א פּריסטאוו, א יארמלקע,
א פּייע, א יִיד נעבעכ, וואָס ווערט נילקעד אינ א געסל שפּעט בא
דער נאכט, א ציג אונ א שטרויענער דאכ? נאָר דאָס אלצדינג האָט
אָנגעמאכט אינ אימ א גרויסע פארענדערונג. עס האָט געפירט דערצו,
אז ער זאָל באגליקנ די וועלט מיט זײַנ בארימטער נעסיִע. אינ דער
וועלט זעט מענ נישט איינמאָל, ווי פונ קליינע סיבעס קומענ ארויס גרוי-
סע, זייער גרויסע זאכנ. דערפונ, וואָס דער מוזשיק האָט געזייט ווייצ אונ
קאָרנ, וואָס דער מילנער האָט עס געמאָלנ, וואָס דערפונ איז א טייל ארײַנ
אינ דער גאָראלניע אונ געוואָרנ בראָנפנ, אונ א ביסל פונעמ מעל
איז ארײַנ אינ גיטל דער שענקערנס הענט, וואָס זי האָט עס גע-
ראָשטשינעט, געקנאָטנ, געקאטשעט אונ געמאכט קנישעס, מעצורעפ
לאָזע, וואָס די פעניציִער האָבנ מיט טויזנטער יאָר צוריק אנט-
דעקט די האמצאָע, ווי מענ מאכט גלאָז, אונ דורכ דעמ איז ארויסגע־
קומענ קויסעס אי קעלישקעס, — אָט פונ די דאָזיקע אלע קליינע סי־

בעס זײַנען בא אונדז אין א סאך שטעט ארויסגעשפּרונגען יענע ווילדע קאָהאָלס-לײַט, יענע מעשונע-באַרימטע פּײַנע־בעריעס....

מעגלעך איז, אין ביניאָמינען איז געלעגן א ניצוץ פון א נויסייע, נאָר דער ניצוץ וואָלט פאַרלאָשן געוואָרן, ווען די סיבעס און די מײַסעס פון יענער צײַט וואָלטן אים נישט אופגעבלאָזן. און ווען אפילע דער ניצוץ וואָלט נישט פאַרלאָשן געוואָרן אינגאנצן, וואָלט ער, ווען נישט די דאָזיקע סיבעס אין יענער צײַט, געהאַט אזא קליינעם קויעך, אז פון ביניאָמינען וואָלט מיט דער צײַט אויס־געוואָקסן א וואַסערפירער, אָדער, ווען פיל — א באַלעגאָלע.

איך האָב אין מײַן לעבן באַגעגנט זייער פיל באַלעגאָלעס און שמײַסערס, וואָס זיי זײַנען מעסוגל געווען צו זײַן אזעלכע נויסים גלײַך כ׳לעבן ווי יענע, וואָס וואַנדרען הײַנט ארום צווישן יידן.... נישט דאָס אָבער בין איך אויסן.

פון יענער צײַט אָן פלעגט ביניאָמין מיט גרויס כיישעק זיך פאַרטיפן אין ראַבע־באַר-באַר־כאָנעס נעסיִעס אפן יאַם און אין דער מידבער. ער האָט אויך דערטאַפּט שפּעטער דעם סייפער „עלדאָד האַדאָני”, דעם סייפער „מאַסאָעס ביניאָמין”, וואָס ער האָט מיט א זיבן הונדערט יאָר צוריק געריײַזט ביז עק וועלט, דעם סייפער „שוואָכע יערושאָלאיִם”, מיט הויסאָפעס, און דעם סייפער „צייל אוילאָם”, וואָס אין זיבן קליינע בלעטלעך איז ער קוילעל אלע שעווע כאָכמעס און דערציילט כידושים-וועניפלאָעס פון דער גאנצער וועלט און פון אירע מעשונע ווילדע באַשעפעניש. די דאָזיקע ספאָרים האָבן אים געעפנט די אויגן און אים איבערגעקערט פּאָשעט גאָר פאַר אן אנדער מענטשן.

„פון די וווּנדער-שיינע מײַסעס דאָרט, — דריקט זיך אזוי ביניאָמין אויס אין זײַן סייפער, — פלעג איך שטארק ניספּאָעל ווערן. אײַ, אײַ! פלעג איך נישט איין מאָל פאַר גרויס היספּײַלעס א געשריי טאָן, ווי העלפט מיר גאָט כאָטש א הונדערטל דערפון צו זען מיט מײַנע אויגן! דער קאָפּ מײַנער האָט געטראָגן ווײַט-ווײַט”...

פון דענסטמאָל אָן איז אים טונעיאַדעווקע שוין טאַקע געוואָרן צו ענג, ער האָט בא זיך גוימער געווען ארויסצוכאַפּן זיך פון דאָרט מיט אלע קויכעס, גלײַך ווי א הינדעלע, וואָס הייבט זיך אָן אויס־צופּיקן און ארויסקריכן פונעם איי אפ דער ליכטיקער וועלט.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

ווי בּיניאָמין ווערט א קאָדעש און זעלדע אן אגונע

בּעטעווע איז אונדזער בּיניאָמין, דער נויסייע, געוועזן א ווילדער באַל-פּאַכדן, הײַנע בּא דער נאַכט פלעגט ער מוירע האָבּן צו גיין אַפּ דער גאַס; שלאָפן אײנער אלײן אין א שטוב וואָלט ער נישט געוואָלט, מען זאָל אים אָפּגילטן. ארויסצוגיין א בּיסל ווײַט פון דער שטאָט האָט בּא אים געהייסן פּאָשעט זיך אײַנשטעלן דאָס לעבּן, מאַלע וואָס קען, כאָלילע, געשען. פאַר א ליאַד הינטל האָט ער געציטערט איימעס-מאָוועס.

„איינמאָל, אזוי דערציילט בּיניאָמין, איינמאָל, איך געדענק עס ווי הײַנט, דאָס איז געווען טאַמעז, אין א שרעקלעכן הייסן טאָג, איז אונדזער ראָוו מיט איינעם פון זײַנע לײַט געגאַנגען זיך אָפּטויוולען אין דעם טײַכל, וואָס אונטער דער שטאָט. איך מיט א פּאָר יינגלעך, מײַנע כאַוויירים, זײַנען מיט גרויס דערעכערעץ נאָכגעגאַנגען פון הינטן, און געווען בּא זיך זייער זיכער, אז מיר וועלן נישט האָבּן קיין שום שלעכטע בּאגעגעניש און, אימירצעשעם, קומען צוריק בּעשאָ-לעם אהיים, געדופעט אַפּ דעם ראָוו. עפּעס א קאַטאָוועס, א ראָוו, וואָס פאַר אים האָט דערעכערעץ א וועלט, וואָס קיין עלטערס פאַר אים איז שוין גאָר נישטאָ! וואָס דער טײַטל זײַנער פאַרנעמט א בּלעטל פּאַפּיר... דער ראָוו, אונדזער באַשיצער, איז מיט בּרייטקײַט געגאַנגען היפּש פריִער פאַר אונדז, און אז ער האָט געהאַלטן אין אויסטאָן זיך, איז אינמיטן דערינען אָנגעקומען עפּעס א שייגעץ און

אף אים אָנגערייצט זײַנ הונט. אונדזער באשיצער איז נישט טויט-לעבעדיק אנטלאָפנ, צוגעהאלטנ, מעכילע, די אָפּגעשפיליעטע טאכטוי־נים מיט איינ האנט אונ מיט דער אנדערער דאָס קײַלעכדיקע געשטעפטע פעלפּענע היטל. מיר ייִנגלעך זײַנעננ אוואדע מעוווּלוול געוואָרנ. דענ, אז דער ליוויאָסנ ווערט אפ דער ווענטקע געכאפּט, וואָס זשע, נעבעך, זאָלנ שוינ טאָנ די פלאָטקעס אינ דער בלאָטע? מיר האָבנ אָנגעגורט אונדזערע לענדנ אונ געשווינד ווי די הירשנ געלאָפנ פאָרויס מיט א גוואלד, מיט א ביטער געשריי, ביז מיר זײַנענ אזוי העגדום־פּעגדום אָנ א נעשאָמע איניינעם מיט אונדזער גיבער ארײַנגעלאָפנ אינ דער שטאָט. ס'איז געוואָרנ א מעהומע, א צונויפלויפעניש, א ליארעם: עס ברענט! מענ הארגעט, מענ שלאָגט! איינער פונעם אנדערנ האָט נישט געוווּסט".

אז בינ'אָמינ האָט פירגענומענ די נעסיִע אינ די ווײַטע מעקוימעס, איז בא אים געבליבנ קוידעמקאָל זיך צו שטארקנ אוועקצוווארפנ דעם פּאכעד. ער האָט זיך געצווונגענ דאפקע גיינ אליינ שפּעט בא דער נאכט, דאפקע שלאָפנ איינער אליינ אינ א כיידער אונ דאפקע ארויסגיינ אָפּט אונטער דער שטאָט, כאָטשע דאָס האָט אים געקאָסט געזונט, אונ איז פאר שרעק, נעבעך, פונעם פּאָנעם אראָפּ. די נײַע האנהאָגע זײַנע אינ דער היים אונ אינ בעסמעדרעש, זײַנ פארטראכט בלייך פּענעמל אונ זײַנ פארפאלנ ווערנ אָפּט אפ עט־לעכע שאָ פונ דער שטאָט איז איטלעכנ געוואָרנ עפּעס א פּליִע. מענ האָט אים גענומענ אינ מויל ארײַנ אונ פונ אים געשמאק גערעדט. א טייל האָבנ געזאָגט: נישט אנדערש ער איז מעשוגע, כאָסער-דייע. איינ מאָל, אזוי האָבנ זיי גערדרונגענ, איז בינ'אָמינ טאקע געוועננ טאָ-מעד א ביסל שויטעוואטע, עס האָט אים געפעלט אינ קאָפּ א קלעפּקע; צווייטנס, איז שוינ טאקע אינ טונעיאדעווקע לעערעך עטלעכע יאָר נישט געוועננ קיינ מעשוגענער, אונ ווי שיקט זיך עס עפּעס? מיר האָבנ דאָך א קײַמעלאָנ, הא, ווי זאָגט מענ עפּעס: עיר ועיר וחכמיה, עיר ועיר ומשוגעיה [1], איטלעכע שטאָט מיט איר כאָכעם אי מיט איר מעשוגענעם. ביפראט נאָך הײַנט אינ אזעלכע גרויסע היצנ. פּאָשעט איז פּאָשעט, בינ'אָמינ איז מעשוגע. ווידער א טייל, אונ בעראָש פונ זיי רעב אײַזיק־דאָוויד רעב ארנ יאָסעלעס סאָרע

1 איר וואָיר וואכאכאָמעהאָ, איר וואָיר אומעשוגאָעהאָ.

זלאַטעס, האָבן געמאַכט: עט, עט!... טאַקע נאָכאַמאָל עט! עמעס טאַקע, בינימין איז שויטעוואַטע, טאַקע שטאַרק שויטעוואַטע, נאָר דערפון איז נאָך קלאָל נישט געדרונגען, אַז ער מוז ווערן אַ משוגע, וואָרעם, זעלט עס אַנדערש זײַן אַזוי, איז דאָך די קאַשע, פאַרוואָס גראָד אַצינד און נישט פריִער? אַדרבה וואַדרבה, דערצו האָט ער גע־ האַט צײַט אַ פאַרצווייען אַ פאַראַיאָרן זומער, וואָס די היצן זײַנען דענסטמאָל געווען אַ גוזמע גרעסער: אײַ וואָס איר זאָגט, טר־ נעיאַדעווקע איז, ווערליך דעם קײַמעלאָן, נישט ערגער פון אַנ־ דערע שטעט, מיילע בלײַבט דאָך טאַקע אַלץ די קאַשע, פאַרוואָס איז עטלעכע יאָר לעערעך נישט געווען דאָ קיין משוגענער? אײַ, וואָס טוט מען ווידער צוריק מיט דעם קײַמעלאָן? דער טערעץ איז אָבער — אונדזער טײַך. דער טײַך אונדזערער, האָבן מיר דאָך אַ קײַמעלאָן, נעמט זיכער צו פון אייביק אָן אַ מענטשן אַלע יאָר, און פונדעסטוועגן האָט ער שוין אַ פּאָר יאָר קיינעם נישט צוגענומען! פאַרקערט, ער אַליין איז אין די פּאָר יאָר אָפּגעפּאַלן, אַז ערטערווײַז קען מען מאַמעש אים איבערגיין טרוקן־פוס... אײַ, בינימין? וואָס טוט מען מיט בינ־ יאָמינען? בלײַבט טייקו, אַ קאַשע. דער גרעסטער טייל אָבער, און צווישן זיי די ווײַבער, האָבן געזאָגט: ער מוז האָבן צו טאָן מיט זיי.... ער פּאָרעט זיך אוואַדע מיט אים.... מיט דעם באַלדאָווער.... וואָס דען זשע בראָדזעט ער אַליין באַנאַכט אין דער פינצטער? וואָס דען זשע ווערט ער אַמאָל פאַרפאַלן אַף עטלעכע שאָ? וואָס דען זשע שלאָפט ער איינער אַליין אין ספּיזשאַרנע? זעלדע, זײַן אייגן ווײַב, דערציילט אויך, אַז זי האָרכט בא דער נאַכט, ווי מען קלאַפּט בא אים אין ספּיזשאַרנע, זי האָרכט אַ קלאַפּערײַ, ווי מען גייט דאָרט מיט פיס....

דער דאָזיקער שמועס מיקויעך דעם איניען האָט, ווי געוויינט־ לעך, זיך אָוועקגעקויקלט אהין אונטערן אויוון. פון דאָרט אין דער סאָבראַניע אַף דער אויבערשטער באַנק. מען איז איבער בינימי־ נען דאָרט צווישן זיך נאָך נישט פאַרטיק געוואָרן. נאָר דערווײַל איז געבליבן מוסקעם בא אַלע, מען זאָל צונויפשטעלן אַ קאָמפּאַניע פון אַ פּאָר שיינע ייִדן מיט דעם סויפער, וואָס זיי איינעם זאָלן ארומ־ גיין אין אַלע הײַזער, קעסיידער נאָכן צעטל, און אומעטום בוידעק זײַן, רעווידירן די מעזוזעס. און ווײַל די סאָבראַניע האָט אַף דעם

אינ יענ געקוקט ווי אפ א קאָהאָלשער זאכ, א פּאָלזע פאר דער שטאָט, לאָכיינ איז געבליבנ, אז ביכדיי אויסצושטיינ די הויצאָעס, וואָס אזא קאָמפּאניע באדארפ קאָסטנ, זאָל מענ ארופּציִענ דעמ מעקעכ פונ פלייש.... אינ טונעיאדעוקע איז דאָ א ווערטל: פונ וואָס מענ זאָל ניט שמועסנ, מוז ארויסקומענ אפנ טויט, אונ פונ וואָס מענ זאָל נישט ריידנ אפ אנ אסיפע, מוז מענ אויסלאָזנ מיט דער טאקסע פונ פלייש. אונ בעע־מעס איז עס טאקע אלפּי דערעכ-האטעווע, אנדערש קענ עס טאקע גאָר נישט זיינ, דער סייכל איז אויכ אזוי מיסכייעוו, וואָרעמ: סופ כל אָדמ למות, וכופ יהודי לטאקסע[1], דאָס טייטש: דער סאָפ פונ א מענטשנ איז צו שטארבנ אונ דער סאָפ פונ א ייִדנ — צו צאָלנ טאקסע! דער טויט אונ די טאקסע — דאָס זיינענ בעטעווע אזעלכע צוויי זאכנ, וואָס מענ קענ פונ זיי בעשומויפנ נישט פּאָטער ווערנ. אזוי האָט דער אייבערשטער באשאפנ די וועלט, אונ ווי ער האָט זי באשאפנ, אזוי איז גוט, אזוי געהער עס זיכער צו זיינ. קאשעס פרעגנ נאָר אפּי־קאָרסימ....

שפּעטער א ביסל האָט מיט ביניאָמינענ זיכ פארלאָפנ א מייסע, וואָס ער האָט מיט איר קוינע־שעמ געווענ. ארויסגייענדיק איינמאָל פונ דער שטאָט, טאמעז אינ א הייסנ טאָג, צוועלפ אזייגער אינ־דערפרי, סאמע ווענ די זונ האָט געבראָטנ, איז ער פארגאנגענ טיפ־לעכ אינ א וואלד, אקעגנ א דריי טכומ-שאבעסנ פונ דער שטאָט. מיט זיכ אינ דער קעשענע האָט ער געהאט זיינע ספאָרימ, וואָס אָנ זיי פלעגט ער נישט גיינ קיינ טריט. ער איז געזעסנ אינ וואלד אונטער־געלענט אונטער א בוימ אונ האָט געשמאק געטראכט. צו טראכטנ האָט ער געהאט זייער פיל. באלד איז אימ דער קאָפ פארפלויגנ וויט אהינ אינ יענע לענדער אינ עק וועלט. ער איז געגאנגענ איבער בערג, איבער טאָלנ, איבער מידבאָריעס אונ אלע ערטער, וואָס שטייט אינ זיינע ספאָרימ. ער האָט געוואנדערעוועט פוס־טריט נאָכ אלעק־סאנדער מוקדענ, נאָכ עלדאָד האדאָני אוכדוימע, ער האָט געזענ דעמ שרעקלעכנ פּיפּערנאָטער, דעמ לינדענוואָרעמ, שלאנגענ, עג־דעשנ אונ אלע מינע שלעק מעשולאכעסנ. ער האָט זיכ צו־געשלאָגנ צו די רויטע ייִדלעכ אונ גערעדט מיט די בניי־מוישע.

---

1. סאָפ קאָל אָדאָמ לאָמוס וועסאָפ יעהודי לעטאקסע.

דערנאָכ איז ער בעשאָלעמ צוריקגעקומענ צו זיכ אונ האָט געטראכט, וויִאזוי אונ ווענ זשע זאָל ער שוינ טאקע מאכנ די נעסיִע.

אינ מאכשאָוועסנ איז דערווײַל צוגעפאלנ די נאכט. ער איז אופגעשטאנענ, אויסגעגלײַכט די ביינער אונ זיכ געלאָזט גיינ אהיימ. ער גייט אונ גייט — נאָכ אלצ נישט פונעמ וואלד ארויס. ער גייט א שאָ, צוויי, דרײַ, פיר שאָ, ס'איז קיינ סאָפ, קיינ עק. ער האָט נאָכ טיפער אינ וואלד זיכ פארשלאָגנ, אונ דאָ איז פינצטער, כאָטש אנ אויג ארויסצונעמענ. פלוצלימ איז נאָכ געוואָרנ א שטורעמ-ווינט מיט א שלאקסרעגנ, עס האָט געבליצט, געדונערט, אונ די ביימער האָבנ גערוישט — א שרעק! ביניאָמינ איז געבליבנ שטיינ. דער רעגנ האָט אימ געוואשנ, א צאָנ אָנ א צאָנ האָט אימ געקלאפט פאר קעלט, פאר נעצ אונ פאר גרויס פאכעד. עס האָט אימ זיכ געדאכט, אָט פאלט אפ אימ אָנ א בער, אָט פארצוקט אימ א לייב. א לעמפערט, אָט גייט דער מאטול, וואָס, קעפי עס שטייט אינ „צייל אוילאָמ", איז ער א גרויסער, א לאנגער מינ באשעפעניש, מיט צוויי לאנגע הענט, מיט וועלכע ער ווארפט אנידער א העלפאנד. אנגסטנ האָבנ אימ באשלאָגנ, נעבעכ, אונ דאָ איז ער נאָכ טויט־הונגעריק, כוצ א רעטשנ קיכל איז דעמ גאנצנ טאָג אינ זײַנ מויל נישט געקומענ. ער האָט פאר אלע צאָרעס זיכ גענומענ דאוונענ מײַרעוו, אונ געדאוונט מיט היסלײַוועס פונעמ גאנצנ הארצ.

גאָט האָט געהאָלפנ, ס'איז טאָג געוואָרנ. אונדזער ביניאָמינ נעמט זיכ ווײַטער צומ גיינ אפ גאָטס באראָט. ער גייט, ער גייט, ביז ער שלאָגט זיכ צומ סאָפ ארופ אפ עפעס א שמאָלנ וועג. מיט דעמ וועג איז ער געגאנגענ אקעגנ א שאָ צוויי — אונ פלוצלימ דערהערט ער פונדערווײַטנס א קאָל פונ א מענטשנ. אָנשטאָט ער זאָל מיט דעמ קאָל זיכ דערפרייענ, איז ער, סאָנע-ציִענ, פארצאפלט געוואָרנ. אימ האָט זיכ נישט אנדערש געדאכט, אז דאָס איז אוודע א גאזלענ. מאכמעס שרעק האָט ער זיכ געלאָזט לויפנ צוריק אָנ אָטעמ, אקוראט ווי ער איז אמאָל, נישט פאר אונדז געדאכט, געלאָפנ פארנ ראָוו. באלד אָבער האָט ער זיכ באטראכט: פע, ביניאָמינ! דו ווילסט וואנדרעווענ אזוי ווײַט איבער יאמימ אונ מידבאָריעס, וואָס דאָרט שוויבלט אונ גריבלט פונ עגדעשנ, פונ כײַעס-ראָעס אונ ווילדע אומעס, אונ דאָ האָסטו מוירע פארנ געדאנק, טאָמער באגעגנסטו א גאזלענ! אי, פע, מעגסט, כ'לעבנ, זיכ שעמענ, ביניאָמינ. איז דענ אלעקסאנדער

מוקדענ אויכ אנטלאָפנ אזוי ווי דו? האָט דענ אלעקסאנדער מוקדענ אויכ אזוי ווי דו זיכ מעיאעש געווענ, בעשאס ער איז געפלויגנ רייַטנדיק אפ זייַנ אָדלער און ס'איז אויסגעגאנגענ דאָס פּלייש פונעמ שפּיצ שפּיז, וואָס דער אָדלער פלעגט עס פּיקנ און פליִענ דורכ דעמ אלצ העכער? ניינ, אלעקסאנדער מוקדענ איז נישט אנטלאָפנ, אלעקסאנדער מוקדענ האָט בא זיכ אליינ אויסגעשניטנ א שטיק פּלייש און ארופגעשטאָכנ אפנ שפּיז! אדעראבע, שטארק זיכ, בינימינ, דאָס וויל גאָט דערמיט דיכ נאָר אויספּרווונ. האלטסטו אויס די פּראָבע, אז וויל און גוט איז דיר דענסטמאָל! דענסטמאָל, בינימינ, ביסטו א מענטש און וועסט טאקע ווערט זייַנ צו האָבנ די זכיִע, פונ האשעמ-יִסבאָרעכ צו דערגרייכנ דייַנ ווונטש וועגנ די בניי-מוישע און מיט זיי איבערשמועסנ מיקויעכ דעמ קלאל-יִסראָעל אינ אונדזער ווינקל, דערציילנ זיי גאנצ פּאָדראָבנע די האנהאָגעס פונ אונדזערע יִדעלעכ דאָ, וואָס זיי טוענ און וואָס זיי מאכנ. וועסטו איצט אויסשטיינ נאָכ אי די דאָזיקע פּראָבע און גייִנ צוריק אקעגנ דעמ קאָל, דענסטמאָל ביסטו מענאצייעכ אלע פּכאָדימ און שרעקענישנ, וועסט ווערנ א קיילע שליימע, א בראָכע, א בענטשונג צווישנ די קינדער יִסראָעל, און אָנטאָנ קאָוועד גאנצ טונעיאדעווקע. טונעיאדעווקע און מוקדענ — דאָס וועלנ זייַנ צוויי ערטער גלייַכ באקאנט אינ דער גאנצער וועלט דורכ אלעקסאנדער טונעיאדעווקער און בינימינ מוקדענ!...

אונדזער בינימינ האָט זיכ אומגעקערט טאקע צוריק און איז געגאנגענ באהארצט ווי א גיבער מיט גרויס ביטאָכנ, ביז ער האָט פּאר זיכ דערזענ דעמ גאזלענ. דאָס איז געווענ א מוזשיק, וואָס איז געפאָרנ אפ א פּאָר אָקסנ מיט אָנגעלאָדענע זעק אינ וואָגנ.

— דאָברי דיענ! — האָט בינימינ צוגייענדיק א זאָג געטאָנ ראפּטאָמ אפ א מעשונע קאָל, וואָס ער האָט אינ זיכ געהאט אלע טייַמימ: אי געשריי, אי געבעט, אי ווי איינער זאָגט: נא, נא, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט! אי עפּעס ווי א באקאָשע: גוואלד, האָב ראכמאָנעס אפ מיר, אפ מייַנ ווייַב און קינדער, נעבעכ!...

אָפּזאָגנדיק אָדער אָפּשרייַענדיק אי אָפּווייַנענדיק דעמ „דאָברי דיענ”, איז בינימינ געבליבנ אָנ לאָשנ ווי דערוואָרגנ. דער קאָפּ האָט אימ זיכ פארדרייט, אינ די אויגנ איז אימ געוואָרנ פינצטער, די פיס האָבנ אימ אופגעהערט צו דינענ, און ער איז טויט אנידערגעפאלנ אפנ אָרט.

אז ער האָט אופגעעפנט די אויגן און איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך געפונען ליגנדיק אין וואָגן אף א גרויסן זאק קאַרטאָפליעס, איבערגעדעקט מיט א גראָבער סוויטע. צוקאָפנס איז אים געלעגן א געבונדענער האָן, וואָס האָט אף אים געקוקט אין דער זײַט מיט איין אייגל און אים געגראבלט מיט די נעגל, צופוסן איז געשטאַנען אָנגעשטעלט קאָראָבקעלעך מיט יונגן קנאָבל אי ציבעלעס און שעאַר-יעראָקעס. אייער, אפאַנעם, איז דאָרט אויך געלעגן, וואָרעם פּאָלאָווע זײַנען געפלויגן און אים פארשאָטן די אויגן. דער מוזשיק איז געזעסן, געריכערט גאנצ רויִק דאָס ליולקעלע און איטלעכע רעגע אף די אָקסן אונטערגעשריגן: סאָפּ, הײַטא, סאָפּ! די אָקסן קוים וואָס זיי האָבן זיך גערירט, און די רעדלעך פונעם וואָגן האָבן מעשונע געסקריפּעט איטלעכס אף אן אנדער קאָל, אײנעם איז אויסגעקומען עפּעס א סקריפּנדיקער קאָנצערט, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן. דעם האָן, אפאַנעם, ווי עס האָט אויסגעזען, איז אזא סקריפּערײַ אויך נישט געווען צו דערצאָן, וואָרעם איטלעכס מאָל בעשאס די רעדלעך פלעגן אינגאנצן זיך אומדרייען און אויסלאָזן אף א סווישטש מיט א שאלשעלעס, פלעגט ער ביניאָמינען א שטארקן גראבל טאָן מיט די נעגל און א קריי געבן קוקוריקו מיט קאָס, מיט אימפעט, אז עטלעכע רעגע דערנאָך פלעגט בא אים כאָרכלען פארדומפּן אינווייניק אין האלדז. ביניאָמין האָט אין זיך נישט געפילט קיין גאנצ אייווער און איז געלעגן א היפשע צײַט שטארק פארדולט: א שפּאס וואָס ער איז אויסגעשטאנען: שרעק, הונגער, נעץ און קעלט! עס האָט אים זיך געדאכט, אז א טערק האָט אים געפאנגען אין דער מידבער און פירט אים פארקויפן ערגעץ פאר א קנעכט. נעבעך, האָט ער געטראכט, נעבעך זאָל ער מיך כאָטש פארקויפן צו א ייִדן, וואָלט איך נאָך געקענט פאָרט עפּעס אופגעריכט ווערן, און בעיִם אָבער, ער וועט מיך פארקויפן צו א פרינץ אָדער כאַלילע גאָר צו א פרינצעסן פון די אומעס־האָוילעם, בין איך דאָך פארלוירן, פארלוירן אף אייביק. דערצו נאָך האָט ער זיך גראָד דערמאָנט די מײַסע פון יאָסעף האצאדיק מיט זליכען, און האָט מאכמעס יעסורים א שטארקן קרעכצ געטאָן.

דער מוזשיק האָט זיך אומגעקוקט, אז ער האָט דערהערט ביניאָמינס קרעכצ, זיך צוגערוקט נעענטער און אים א פרעג געטאָן:

— נו, זשידקאָ, א שטשאָ, טראָשקע ליפּשע?

דער קאָפּ איז ביניאָמינען בעעמעס געוואָרן א ביסל פרײַער, און ער האָט זיך דערמאָנט אינגאנצן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. ער האָט אָבער זיך געפילט אין זייער א שלעכטער לאגע: גוייש קען ער קימאט נישט קיין וואָרט, הײַנט וואָס זשע טוט מען דאָ? ווי ענטפערט מען דעם אָרל און ווי טײַנעט מען מיט אים זיך דאָ אויס, צו וויסן אקוראט, וווהין ער פירט מיך?

ביניאָמין האָט געפּרוווט זיך אופזעצן, נאָר אומזיסט, די פיס האָבן אים שטארק געבראָכן.

— טראָשקע טעבע ליפּשע? — האָט אים דער מוזשיק ווײַטער אמאָל געפרעגט און טאקע בינשימע אכאס א מאכ געטאָן:

— סאָפּ, הײַטא, סאָפּ!

— ליפּשע. ראק ריבי מאָי איי, איי, איי! — האָט ביניאָמין געענטפערט ווי ער האָט נעבעך געקענט און אים געוויזן אפ די פיס.

— איזווידקי טי, זשידקאָ?

— איזווידקי טי, זשיטקע?! — האָט ביניאָמין געמאכט מיט א ניגן ווי א מאהעפּאכ-פּאשטאָ — יא ניאָמקא, ביניאָמקא אווו טונעיאדעווקו!

— טי איז טונעיאדעווקי? קאזשי זשע, שטשאָ טי וויטאראשטשילנא מעני אָטשי אי גליאניש יאק שילאָני. אליע מאָזשע טי טאקי אי שילאָני? טראסצא טוואָי מאטערי! סאָפּ, הײַטא, סאָפּ!

— יא, סטײַטש, יא טעבי לעכאטכילע קאזאטע, יא ניאָמקע סאם אווו טונעיאדעווקו! — האָט ביניאָמין געענטפערט, געמאכט דערבײַ א ראכמאָנעס-פּאָנעם, א ווײַז געטאָן מיט דער האנט און געבעטן ראכמים: — גוואלד אווו טונעיאדעווקי זשינקא טעבי דאם טשארקע שליש אי שאבאשקאָווע בולקע, אי דאָברע דאנקויעט טעבי.

דער מוזשיק, אפּאָנעם, האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס ביניאָמין מיינט.

— דאָברי, זשידקאָ! — האָט ער געזאָגט, זיך געזעצט אפ זײַן אָרט מיט דעם פּאָנעם צו די אָקסן און געמאכט: סאָפּ, הײַטא!

אקעגן א פּאָר שאָ ארום איז דער וואָגן ארופגעפאָרן גלײַך אפן מארק אין טונעיאדעווקע, ווײַבער און מאנצבל האָבן זיך א שאָט געגעבן אקעגן מיט פארשיידענע שײַלעס.

דער שרײַט:

— טשויעש, סקילקע כאָטשעס זא פּיוועג? זא ציבולי?

יענער פרעגט:

— מאַזשע מאיעש קארטאָפּלי, יאיצי?

בעסויכ האבאָים קומט איינער מיט א שײַלע:

— טשויעש, מאָזשע טי באטשיל נא דאָראָגי זשידקאָ? אר נאס יעדינ זשידקאָ, ביניאָמקא, ווטשאָרא פּראפּאל יאק אווו וואָדי.

אונ איידער דער מוזשיק האָט אוספּייעט איטלעכנ צו ענטפערנ, זײַנענ די אלע ווײַבער ווי די היישעריקנ איבערגעפאלנ דעם וואָגנ, האָבנ אופגעדעקט די סוויטקע אונ אינ איינ קאָל ארויסגעלאָזט א געשריי:

— ביניאָמינ!... ער איז דאָ! ציפּע-קרוינע! באטשעווע־ברײַנדל, לויפט גיכער צו זעלדענ מיט דער גוטער בסורע, אז איר שאָדנ האָט זיכ אָפּגעזוכט! זי וועט שוינ נישט זײַנ קיינ וויסטע אגונע.

ס'איז געוואָרנ א ראש, א צונויפלויפעניש. גאנצ טונעיאדעווקע האָט זיכ געוויגט, קינד אונ קייט זײַנענ געלאָפנ אָנקוקנ ביניאָמינענ. מענ האָט אימ פארוואָרפנ מיט רייד, מיט שײַלעס, מיט ווערטלעכ, מענ האָט דערציילט, אז דעמ גאנצנ נעכטיקנ טאָג מיט דער נאכט האָט מענ אימ געזוכט, געאקערט, מענ האָט אימ שוינ געהאלטנ פאר א קאָדעש אונ זײַנ ווײַב פאר א וויסטע אגונע.

פלוצלימ אינמיטנ געטומל איז דאָס ווײַב זײַנס צוגעלאָפנ מיט א געוויינ. זי האָט געבראָכנ די הענט, אָנקוקנדיק איר באשערטנ, ווי ער ליגט בלייכ אונ טויט אונ קענ קיינ ריר זיכ נישט טאָנ. זי האָט, נעבעכ, אליינ נישט געוווסט וואָס צו טאָנ, צי זאָל זי אימ שעלטנ, אויסלאָזנ צו אימ איר שווער ביטער געמיט, צי זאָל זי ארויס-ווײַזנ איר פרייד, איר סימכע, וואָס גאָט האָט זי, וויסטע אגונע, אופגעריכט.

אינ עטלעכע מינוט ארומ האָט מענ ביניאָמינענ, אזוי טאקע ווי ער איז געלעגנ אפנ זאק קארטאָפּליעס, געפירט צו זיכ אהיימ איבער דעמ מארק מיט א גרויסער פּאראדע. דער גאנצער טונעיאדעווקער אוילעמ פונ קליינ ביז גרויס האָט אימ אָפּגעגעבנ קאָוועד, קיינער האָט זיכ נישט געלאָזט בעטנ, אונ אימ באלייט מיט א ראש, מיט א געשריי: קאָדעש! קאָדעש! קאָדעש!

דער נאָמענ קאָדעש איז ביניאָמינענ פונ דענסטמאָל אָנ טאקע

אפ טאָמעד געבליבנ, ער האָט געהייסנ בינ־יאָמינ דער קאָדעש אונ זײַנ ווײַב — זעלדע די אגונע.

דער טונעיאדעווקער מומכע איז נאָכ דעם טאָג טאקע צו בינ־יאָמינענ געקומענ אונ האָט אימ געגעבנ ראטונעק מיט אלע טאכבו־לעס, וואָס איז נאָר מעגלעכ געווענ. ער האָט אימ געשטעלט באנ־קעס אי פּיאווקעס, אויכ אינגאנצנ אימ אָפּגעגאָלט אונ געזאָגט פארנ אוועקגאנג, אז נאָכ די אלע מיטל וועט ער, אימירצעשעמ, געזונט ווערנ אונ וועט נאָכ מאָרגנ קענענ, אויב ער וועט קויעכ האָבנ, גיינ גוימל בענטשנ אינ בעסמעדרעש ארײַנ.

דאָס דריטע קאַפּיטל

ווי ביניאָמינ סקאָמפּאַנייעט זיך מיט סענדערל דער ייִדענע

די דאָזיקע מײַסע, וואָס מיט ביניאָמינען האָט זיך געטראָפֿן, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזויפֿיל יעסורים זײַנ ווײַב, אַזויפֿיל לײַטישע רייד, אי אינ דער שטאָט, אי דאָרט אונטערנ אויוונ, אי אפֿ דער אויבערשטער באַנק, האָט אינ פֿלוג, דאַכט זיך, באַדאַרפֿט אפֿ אייביק פֿונ אימ אַרויסשלאָגנ דעמ געדאַנק פֿונ זײַנ נעסיִע אינ די ווײַטע מעקוימעס. נאָר אָבער אַ טאָעס, פֿאַרקערט, עס האָט נאָך אינ אימ דעמ דאָזיקנ געדאַנק ערשט בעסער אַרײַנגעשלאָגנ. ער האָט פֿונ דענסטמאָל אָנ אפֿ זיך געקוקט מיט דערעכערעצ, ווי אפֿ אַ מענטשנ אַ גענײטנ, וואָס איז גענוג אינ זײַנ לעבנ אויסגעשטאַנענ. ער איז באַ זיך געווענ צענ מאָל טײַערער פֿאַר זײַנ באַהאַרצטקײַט, פֿאַר זײַנ שטאַרקײַט, מיט וועלכער ער איז אויסגעשטאַנענ אַזויפֿיל שווערע פּראָבעס אונ גויוועס געוועזנ אינגאַנצנ די טעווע זײַנע. ער האָט אָנגעהויבנ זיך צו האַלטנ פֿאַר אַ גיבער, פֿאַר אַ כאַקרענ, וואָס האָט אַ יעדיִע אינ אַלע שעווע כאָכמעס, וועלכע עס געפֿינענ זיך נאָר אינ דעמ „צייל אוילאָמ", וואָס האָט זיך אָנגעפֿלייענט ווי אַ פּויק אינ אַזעלכע מינע ספֿאָרימ אונ ווייסט וואָס אפֿ דער גאַנצער וועלט טוט זיך. ער האָט אָנגעהויבנ אַליינ אפֿ זיך אַ מייווונ צו ווערנ אונ זיך אַליינ צו באַ-דויערנ, וואָס ער, אַזאַ מענטש ווי ער, געפֿינט זיך, נעבעך, כשושנה בינ החוחים[1], ווי אַ רויז צווישנ דערנער. ווו? אינ טונעיאַדעווקע,

[1] קעשווישאַנאָ ביינ האַכויכימ.

אין אזא העק, צווישן פראָסטע מענטשן, וואָס פארשטייען נישט און ווייסן נישט פון זייער לעבן צו זאָגן! די לײַטישע רייד און די ווערטלעך, וואָס זײַנען איבער אים געפאלן, זיי האָבן, אדעראבע, אים ערשט געטריבן אין וועג ארײַן. עס האָט אים זיך געגלוסט ווי צום גיכסטן אוועק פון טונעיאדעווקע. ווי דערלעב איך שוין, פלעגט ער אלץ טראכטן, זיך אוועקצולאָזן אהין, ווײַט, און קומען בעשאָלעם צוריק מיט יעשועס און נעכאָמעס אף ייִדן, מיט קאָוועד און מיט א גוטן נאָמען אין דער וועלט! און דענסטמאָל וועט גאנץ טונעיא-דעווקע ווייסן, פון קליין ביז גרויס, וואָס איך, בינאָמין, בין, וואָס איך, בינאָמין, באטײַט...

בינאָמינען האָט לעסאטע אָפגעהאלטן פון דער נעסיִע נאָר די דאָזיקע קליינע מעניִעס: ערשטנס, ווו נעמט מען אף הויצאָעס? בא אים אליין האָט קיינמאָל זיך נישט געפונען קיין גראָשן אין קעשענע. ער פלעגט טאָמעד זיצן ליידיק אין בעסמעדרעש און זײַן פלוינעסטע איז גע־ווען די איישעס כײַעל, די פארנאָסע־געבערן פון א נאס אפטייקל, וואָס זי האָט זיך געמאכט באלד נאָכן קעסט אראָפגייענדיק, און, מישטיינסגעזאָגט, וואָס דאָס גאנצע קליײטל האָט אָנגעטראָפן: ווען זי זאָל דערבײַ נישט געווען ארבעטן זאָקן, נישט פליקן ווינטער ביז שפעט אין דער נאכט פעדערן, נישט פרעגלען אף צו פארקויפן פייסעכדיק שמאלץ, נישט אײַנהאנדלען אמאָל אין א מארק־טאָג בא אירע באקאנטע מוזשיקעס קיין מעציִעס, וואָלט נישט געווען מיט וואָס די נעשאָמע צו דערהאלטן. פארקויפן עפעס פון שטוב-זאכן? נאָר וואָס אָבער האָט דאָרט זיך געפונען? א פאָר מעשענע לײַכטער, וואָס זײַנען זעלדען געבליבן יערושע פון אירע עלטערן, אין וועלכע זי בענטשט ליכט, שײַערט עס טאָמעד און זיך דערמיט שטארק מעהאנע. קיין צירונג האָט זי נישט, כוץ א זילבערן רייפעלע מיט א פערל פון איר מאמעס שטערנטיכל, וואָס דאָס ליגט בא איר פארשלאָסן און טוט עס אָן נאָר אמאָל בעשאס א גרויסע סימכע אָדער בעשאס א מאזלטאָוו אָפגעבן. פארקויפן זשע עפעס פון זײַנע כפייצים? נאָר אינגאנצן האָט ער געהאט א שאבעסדיקע אטלעסענע קאפאָטע נאָך פון דער כאסענע אָן, צעהאקט, צעפאלן פאָרנט אי הינטן און דער געלער אונטערשלאק האָט ארויסגעקוקט. ער האָט געהאט, פראוודע, אי א טולעפל, נאָר אונטן איז ער געווען אינגאנצן אָפגעבארעט, דער

קאָלנער מיט גאָרנישט באַלייגט. בעשאס זײַנ כאסענע האָט דער טאטע זײַנער, אימ צו לאַנגע יאָר, גוהייסנ נישט זשאַלעווענ, אדע-ראבע, מאכנ א לאנגנ קאָלנער פונ דער פולער האנט אונ אָפּשטעפּנ אימ לעסאטע פונ אויבנ מיט א שטיק אונטערשלאק, וואָס איז גע-בליבנ ייִטער פונ זײַנ קאפּאָטע, אונ האָט דערבײַ זיכ מיסכײַעװ געווענ צו באַלייגנ דעמ קאָלנער מיט פײַ, אימירצעשעמ, שפּעטער באמ סילעקנ דעמ מויסער פונעמ נאדנ. דעמ נאדנ אָבער האָט ער ניט געסילעקט אונ דער קאָלנער איז געבליבנ אזוי ווי ער איז געווענ ביז דעמ הײַנטיקנ טאָג...

צווייטנס, האָט ביניאָמינ נישט געוווסט, ווי מענ רײַסט זיכ ארויס פונ דער היימ.

איבערשמועסנ מיקויעכ דער נעסיִע מיט זײַנ פלוינעסטע אונ ארויסזאָגנ איר די גאנצע זאַכ בעפּיירעש? כאָלילע ווערכאס! עס וואָלט געוואָרנ א ליארעמ, א געפּילדער, זי וואָלט אימ אָפּגעווײנט מיט טרערנ אונ אימ געהאלטנ זיכער פאר ריינ מעשוגע. וואָרעמ, ווי האָט א ייִדענע סייכל אזעלכע איניאָנימ מאסיג צו זײַנ? א ייִדענע, אז זי איז שוינ אפילע גאָר די איישעס כײַעל, איז זי דאָכ פאָרט נישט מער ווי א ייִדענע. וואָס דער מיגדסטער מאנצבל האָט אינ נאָגל, האָט עס נישט אונ קענ עס גאָר נישט האָבנ די פײַנסטע אונ די קליגסטע ייִדענע אפילע אינ איר קאָפּ...

אוועקגיינ זשע בישטיקע אונ דעמ זײַ-געזונט פארגעסנ? איז עפּעס אויכ פריקרע. דאָס איז א ביסל מײַסע ליטוואק. ווידער זשע בלײַבנ זיצנ אינ דער היימ אונ אָפּזאָגנ זיכ פונ דער גאנצער נעסיִע? דאָס איז ריינ אומעגלעכ. עס הייסט אזויפיל ווי אָפּזאָגנ זיכ צו לעבנ.

די נעסיִע איז ביניאָמינענ געוואָרנ די צווייטע נאַטור. ווי א ייִד מוז דרײַ מאָל אינ טאָג דאווענענ, אזוי האָט ער געמוזט איט-לעכע רעגע אינ דער נעסיִע טראכטנ. אפילע אינ שלאָף איז זי אימ פונ זינענ נישט ארויס, אונ האָט אימ זיכ שטענדיק געכאָלעמט. זי האָט טיפ זיכ אײַנגעוואָרצלט אימ אינ הארצ אונ זיכ באשעפטיקט געמאכט מיט זײַנע אויגנ אונ אויערנ אזוי, אז ער האָט אופגעהערט צו זענ אי צו הערנ דאָס אלצדינג, וואָס פאר אימ. ער האָט נאָר געזענ אי געהערט דאָס, וואָס טוט זיכ דאָרט, דאָרט העט ווײַט אינ

יענע מעקוימעס. נישט איין מאָל פלעגט ער אין א שמועס מיט עמעצן פלוצלים אריינמישן: הינדייאָ, סאמבאטיען, אנטיקודאָ, פיפערנאָטער, לינדענוואָרעם, אייזל, מויל־אייזל, באָקסער, קעצאפיכים, טערק, טאָטער, גאזלען אוכדוימע נאָך אזעלכע ווערטער.

די נעסיע האָט געמוזט געמאכט ווערן, נאָר וואָס טוט מען מיט די מעניעס? דאָס האָט ער זיך קיין אייצע נישט געקענט געבן. ער האָט געפילט, אז ער באדארף האָבן איינעם, מיט וועמען ער זאָל קענען מיקויעך דעם זיך מעיאשעוו זיין.

איש אחד היה בטונעיאדעווקע, איין מענטש איז געווען אין טונעיאדעווקע, ושמו סענדערל[1], און ער האָט געהייסן סענדערל, נאָך זיין עלטערזיידן רעב סענדערל. זה האסענדערל, דער סענדערל, ה״ה איש פשוט[2], איז געווען א פּאָשעט מענטשל, דאָס הייסט א פּראָסטער אָן כאָכמעס. אין בעסמעדרעש האָט ער גע־האט א שטאָט אונטער דעם בעלמעמער, און דאָס אליין איז שוין דער בעסטער סימען, אז ער איז ניט געווען פון די טונעיא־דעווקער פּניע־בעריעס, פונעם דאָרטיקן צימעס און דער גיל־דענער פּאָן. די שמועסן אין בעסמעדרעש אָדער ערגעץ אנדערש פלעגט ער דאָסראָוו צוהערן שטיל, ווי א זייטיקער פארשוין אָדער א וואָלגע סלושאטעל. נאָר פלעגט ער אמאָל זיך אָנרופן א וואָרט, האָט עס אָנגעמאכט א גרויס געלעכטער, נישט מאכמעס דערינען איז געלעגן עפּעס א ווילדע כאָכמע אָדער א גרויסע האמצאָע, ניין; גאָר גלאט זיינס א וואָרט האָט עפעס געמאכט לאכנדיק, כאָטשע ער האָט עס נעבעך געזאָגט גאנץ פּאָשעט ביטמימעס און האָט קלאָר גאָר נישט געמיינט יענעם דערמיט לאכנדיק צו מאכן, אדעראבע, אז מען פלעגט לאכן, פלעגט ער אויסשטעלן א פּאָר אויגן און אָנקוקן, פארוואָס מען לאכט. פאריבל האָבן דערפאר פלעגט ער קיינמאָל נישט, וואָרעם ער איז בעטעווע געווען א גוטער, א פּאָקאָרנער, ווי עס גיט זיך אמאָל אויס א פּאָקאָרנע קי; ער האָט גאָר נישט גע־ווּסט, אז מען באדארף פאריבל האָבן. יענער לאכט, נו, מיידע, לאָז ער זיך לאכן. מיסטאָמע האָט ער דאָך האנאָע.

דאָך מוז מען מוידע זיין, אז אין סענדערלס א וואָרט איז

1 איש עכאָד האָיאָ בעטונעיאדעווקע, אושמוי סענדערל.

2 זע האסענדערל האָיאָ איש פּאָשוט

אמאָל געלעגן טאקע אַן עמעס גלײַכער אײַנפאַל, כאָטש ער אַלײן האָט עס גאָר אזוי ווײַט נישט געמײנט און דאָס געזאָגט גלאַט ביטמימעס. מיט אים פלעגט מען ליב האָבן קאַטאַוועס צו טרײַבן. דער גרעס־טער טײל בערלעך אין טישעבאָוו זײַנען אין זײַנע פײעס אײַנ־געפּלאָנטעט געווען. דער בעסטער כײלעק קישעלעך, וועלכע מען וואַרפט הוישײַנע־ראַבע בא דער נאַכט באַם אופזײַן, איז אים אָנגע־קומען. אַקעגן זשע דער קלענסטער כײלעק רעטשן קיכל און בראַנפן פון טיקן אָדער גלאַט אזוי בראַנפן — איז ווידער טאקע אין אים אָנגעקומען.

האַקלאַל, סענדערל איז טאָמעד און אומעטום געווען דאָס קאַ־פּאָרע־הינדל, און מאַכמעס דעם האָט ער טאקע באַקומען אַ צונעמע־ניש: סענדערל דאָס קאַפּאָרע־הינדל. סענדערל איז בעטעווע נישט געווען, ווי אַנדערע, קײן אַקשן; האָט אײנער געזאָגט אזוי, איז פון־זײַנטוועגן רעכט געווען אזוי. סענדערל האָט געטאָן יענעמס ראָצן, נישט מאַכמעס מעוואַטל צו זײַן זײַן ראָצן, קעדײ יענער זאָל דערפאַר מעוואַטל זײַן זײַן ראָצן פאַר זײַן ראָצן, נאָר גלאַט פּראָס־טע איז מאָסטע, ער האָט געטאָן יענעמס ראָצן.

— וואָס אַרט עס מיך? — איז זײַן שטײגער געווען צו זאָגן. — וואָס פאַר אַ דײַגע איך האָב? דו ווילסט דאַפקע אזוי, נו, זאָל זײַן אזוי.

צווישן ייִנגלעך איז סענדערל געווען אַ ייִנגל. ער פלעגט עפּ־טערס גײן, שמועסן, זיך שפּילן מיט זײ אײנײנעם און האָבן דער־פון טײַנעג. צווישן זײ איז סענדערל בעעמעס געווען ווי אַ פּאָ־קאָרנע בעהײמע, וואָס לאָזט צו זיך צו קינדער, זײ זאָלן אפּ איר רײַטן און איר קראַצן די מאָרדע. קונדײסים פלעגן אים קריכן אפן קאָפּ און צופּן אים באַם בערדל. אַנדערע פלעגט עס אַמאָל אַרן און פלעגן אָנשרײַען: טאַרבעס, שקאָצים, פאַר אַן עלטערן, פאַר אַ ייִדן מיט אַ באָרד! וואָס צופּט איר אים דאָס בערדל?!

— נישקאָשע, נישקאָשע, — פלעגט סענדערל זיך אָנרופן, — וואָס אַרט עס מיך? וואָס פאַר אַ דײַגע איך האָב? זאָלן זײ מיך אַ ביסל קראַצן.

בא זיך אין דער הײם האָט סענדערל נעבעך קײן האָניק נישט געלעקט. זײַן ווײַב איז בעגאַנגענע אין ספּאָדעק, און ער האָט בא איר

געהאט א ווײסטע, ביטערע דאָליע. זי פּלעגט אים האַלטן אין דער מוירע, אַמאָל דערלאַנגען א זעץ, און ער, נעבעך, האָט עס געמוזט מעקאַבל בעאהאווע זײַן. אונטער א יאַנטעוו פּלעגט זי אים אַנידער־שטעלן אויסוואַשן די שטוב און אונטערבינדן אים דאָס בערדל מיט א טיכל. ער פּלעגט איר שיילן קאַרטאָפליעס, קאַטשען און בראָקן לאָקשן, אָנפּילן פיש, אָנטראָגן אי אָרײַנלייגן אין אויוון האָלץ און אונטערהייצן, אַקוראַט ווי א יידענע. דעריבער האָט מען אים טאַקע אויך גערופן „סענדערל די יידענע".

אָט דעם סענדערל די יידענע האָט אונדזער בנימין אויסגע־קליבן אים צו עפענען דאָס האַרץ און מיט אים זיך שויעל־בעייצע זײַן, וואָס ער זאָל טאָן. דער טאַם דערפון, פאַרוואָס גראָד סענדערל? איז דער: ווײַל בנימין האָט טאָמעד געפילט צו אים עפּעס א שטיקל ליבשאַפט. סענדערל איז אין פיל זאַכן אים זייער גע־פעלן. ער האָט אין א סאַך איניאָנים זיך מיט אים אויסגעגלײַכט, און פּלעגט אַמאָל אין א שמועס מיט אים זיך פּאָשעט מעכײַע זײַן. מעגלעך עפּשער נאָך אי צוליב דעם אויך, וואָס בנימין האָט גע־רעכנט דערויף, וואָס סענדערל איז קיין אַקשן נישט. ער, סענדערל, וועט זײַן פּלאַן אָנעמען און אים נאָכגעבן אַלצדינג, וואָס ער וועט אים זאָגן. און אויב סענדערל וועט עפּשער אין עטלעכע פּונקטן זיך אײַנשפּאַרן, וועט ער אים מיט גאָטס הילף און מיט זײַן כּעלקאַם־האַלאָשן גויווער זײַן....

ויהי כּבוא בנימין לסענדערל[1] און אַז בנימין איז גע־קומען צו סענדערלען, האָט ער אים געטראָפן כּשהוא יושב על ספסל החלב וקולף[2] קאַרטאָפליעס, ווי ער זיצט אָפּ דער מילכעדי־קער באַנק און שיילט קאַרטאָפליעס. אייַן באַק האָט אים שטאַרק געפלאַמט און אונטערן אויג איז אים געווען בלוי מיט א גראָבל, עפּעס ווי מען דערלאַנגט א קרעל מיט א נאָגל. ער איז געזעסן ווי א נעכטיקער, באַטריבט און פאַרומערט ווי א יוגנט, וואָס דער מאַן אירער האָט זי אוועקגעוואָרפן און איז אוועקגעגאַנגען לימדינאַס־האַיאַם, אָ־יער ווי אַן אישע, וואָס דער מאַן האָט איר דער־לאַנגט א פּאַטש....

1 וויהי קעווי בינימינ לעסענדערל.

2 קעשעהו יוישייוו אל סאַפסאל העכאָלאָוו וועקויליייפ.

סענדערלס ווײַב איז ניט געווען אין דער היים.

— גוט מאָרגן, סענדערל! וואָס ביסטו, סערדצע, אזוי באטריבט?— האָט ביניאָמין געזאָגט אַרײַנקומענדיק, און געוויזן סענדערלען מיט א פינגער אפ דער באק. — הא, ווײַטער זי? ווו איז זי, די באַ־כערטע?

— אין מארק.

— גאנץ גוט! — האָט ביניאָמין קימאט א געשריי געטאָן פאר גרויס שׂימחה. — לייג אוועק, נעשאָמע מײַנע, דײַנע קארטאָפּליעס און קום מיט מיר אין אַלקער אַרײַן. דאָרט איז קיינער נישטאָ? קיין שוימער מיט דיר באדארף איך איצט נישט האָבן, איך וויל דיר אנט־פּלעקן מײַן הארץ. איך קען מיר שוין נישט אײַנהאלטן, עס קאָכט אין מיר די געבליטן. אך, גיכער, סערדצע, גיכער, זי קען נאָך אָנקו־מען און אונדז שטערן איידער מיר וועלן פארטיק ווערן.

— וואָס ארט עס מיך? דו ווילסט טאקע גיך, זאָל זײַן גיך, וואָס פאר א דײַגע איך האָב? — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און איז ארײַן אין אַלקער.

— סענדערל! — האָט ביניאָמין אָנגעהויבן מיט אזא שמועס. — זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אפ יענער זײַט טונעיאדעווקע איז?

— איך ווייס, דאָרט איז די פּריטשעפּע, ווו מען באקומט אמאָל א גוט ביסל בראנפן.

— דו ביסט א נאר, איך מיין ווײַטער, א סאך ווײַטער.

— נאָך ווײַטער פון דער פּריטשעפּע? — האָט סענדערל פאר־ווונדערט זיך אָנגערופן. — ניין, ווײַטער דערפון ווייס איך ניט. און דו, ביניאָמין, ווייסט?

— אויב איך ווייס? א שײַלע א ביסל, אויב איך ווייס? דאָ איז ערשט דאָ א וועלט! — האָט ביניאָמין א זאָג געטאָן מיט היס־לײַוועס, גלײַך ווי קאָלומבוס בעשאס ער האָט אנטדעקט אמעריקע.

— וואָס זשע איז אזוינס דאָרטן?

— דאָרטן, דאָרטן, — האָט ביניאָמין זיך צעפּלאקערט, — פּיפּער־נאָטער! לינדעגוואָרעם!....

— דער לינדעגוואָרעם, מיט וועלכן שלוימע האמעלעך האָט גע־שניטן די שטיינער צום בייס-האמיקדעש? — האָט סענדערל אַרײַנגע־רוקט זײַן וואָרט ביטמימעס.

— יאָ, נעשאָמע מײַנע, יאָ, דאָרט איז ערעציִסראָעל, דאָרט איז יענע מעקו־מעס... הא, דו וואָלסט געוואָלט זײַנ דאָרט?

— אונ דו וואָלסט געוואָלט?

— א שײַלע א ביסל! איכ וויל, סענדערל, איכ וויל אונ וועל טאקע דאָרט באלד זײַנ.

— איכ בינ דיר מעקאנע, בינ־אָמינ. דו וועסט עס דאָרט זיכ אָנעסנ א ביסל מיט באָקסערנ אונ מיט טייטלענ, האָ־האָ!

— דו, סענדערל, קענסט עס אויכ עסנ ווי איכ. דו האָסט אינ ערעציִסראָעל אזא כיילעק ווי איכ.

— כיילעק האָב איכ טאקע. נאָר ווי קומט מענ אָבער אהינ? דאָרט איז דאָכ דער טויגער.

— דערצו, סענדערל, איז דאָ א טרופע. זאָג מיר, סערדצע, דו ווייסט עפּעס פונ די רויטע יידעלעכ?

— איכ האָב זיכ אָנגעהערט געננוג מײַסעס איבער זיי אונטערנ אויוונ, נאָר וויסנ אקוראט, ווו זיי זיצנ אונ ווי מע קומט צו זיי, דאָס ווייס איכ ניִשט. איכ זאָל וויסנ, מיסטאָמע, וואָלט איכ דיר מוידיִע געוועג. פארוואָס ניט? וואָס ארט עס מיכ?

— הע-הע! זעסטו, אונ איכ ווייס, — האָט בינ־אָמינ געזאָגט מיט גאדלעס אונ ארויסדערטאפּט פונ קעשענע דעמ „שוואָכיי־יערושאָלאיִמ“. — זעסטו, וואָס דאָ שטייט. איכ וועל דיר עס לייענענ.

„אז איכ בינ געקומענ קיינ ברוטי, אזוי שטייט געשריבנ, האָב איכ געפונענ פיר יידנ פונ באָווּל. האָב איכ גערעדט מיט איינעמ פונ זיי, וואָס האָט פארשטאנענ לאָשנקוידעש אונ האָט געהייסנ רעב מוישע, האָט ער מיר דערציילט גאנצ עמעסע זאכנ פונעמ טײַכ סאמ־באטיענ, אז ער האָט געהאָרכט פונ יישמעיילימ, וואָס האָבנ אימ געזענ, אונ אז דאָרט זײַנענ דאָ די בניי־מוישע“.

אויכ זאָגט ער ווײַטער — „אז דער נאָגיד האָט מיר דערציילט, אז א יאָר דרײַסיק אינ דעמ איז בא אימ אײַנגעשטאנענ איינער, וואָס ער איז געוועג פונ שיוועט שימענ, אונ ער האָט געזאָגט, אז אינ זײַנ מאָקעמ זײַנענ דאָ פיר שוואָטימ. איינער פונ זיי איז דער שיוועט יִסאָסכער, וואָס איז זיכ אויסעק אינ טוירע אונ פונ דעמ שיוועט איז דאָ א מעלעכ איבער זיי“.

כוצ דעמ שטייט נאָכ בעפיירעש אי אינ דעמ דאָזיקנ סייפער

„מאסאָעס בינאָמינ״ אָט די ווערטער: „פונ דאָרט איז א מעהאלעכ פונ צוואנציק טעג צו די בערג ניסבוינ, וואָס אפ דער טײַכ גויזאָנ. אינ די בערג ניסבוינ זײַנענ דאָ פיר שוואָטימ: דער שייוועט דאָנ, דער שייוועט זוולנ, דער שייוועט אָשער אונ דער שייוועט נאפטאָלי, זיי האָבנ מעדינעס אונ קראכימ אינ די בערג. פונ איינ זײַט נעמט זיי ארומ דער טײַכ גויזאָנ. זיי האָבנ ניט אפ זיכ קיינ יאָכ פונ די אומעס, נאָר איינ מעלעכ איז דאָ איבער זיי אונ ער הייסט רעב יאָסעפ אמארקעלאָ האלייווי. אונ זיי האָבנ א בריס, א בונד מיט דעמ קויפער אל־טורעכ. אכוצ דעמ שטייט נאָכ אונ נאָכ זאכנ וועגנ די בניי רייכאָוו אינ דעמ לאנד טיימאָ, וואָס זיי האָבנ איבער זיכ א יידישנ מעלעכ אונ פאסטנ אונ בעטנ גאָט טאָמעד אפנ גאָלעס־ייסראָעל. נו, וואָס דענקסטו, סערדצע, אז זיי וואָלטנ אשטייגער פלוצלימ דערזענ מיכ, מיכ, זייער ברודער בינאָמינ פונ טונעיאדעווקע קומט צו זיי צוגאסט? הא, וואָס דענקסטו, סענדערל? אדעראבע, זאָג, איכ בעט דיכ, וואָס זאָגסטו דערצו?

— זיי וועלנ פאָשעט זיכ מעכײַע זײַנ, זאָג איכ דיר, בינאָמינ, א קאטאָוועס אזא גאסט, אזא טײַערער גאסט? איטלעכער וועט דיכ פארבעטנ צו זיכ אפ א מאָלצײַט. דער מעלעכ אמארקעלאָ מיסטאמע אויכ, לאָז זיי דאָרט כאָטש פונ מיר גאָר פרײַנטלעכ גריסנ. איכ זאָל קענענ, וואָלט איכ, כ׳לעבנ, אויכ מיט דיר אהינ געגאנגענ.

— הא! — האָט בינאָמינ א מאכ געטאָנ פארפלאָמט פונ א נײַעמ געדאנק, וואָס איז אימ אײַנגעפאלנ. — הא! טאָמער בעעמעס טאקע, סענדערל, סערדצע, וואָלסטו מיט מיר אינײנעמ געמאכט די נעסיע. נארעלע, אצינד, כ׳לעבנ, האָסטו זייער א גוטע געלעגנהײַט. איכ גיי א בלויז אהינ. וועל איכ דיר מיטנעמענ. נארעלע איינער, אינ צווייענ איז היימלעכער. טאָמער וועל איכ דאָרט, א קאשע אפ א מײַסע, ווערנ מעלעכ, וועל איכ דיכ מאכנ, כ׳לעבנ, פאר א מישנע־לעמעלעכ. נא דיר מײַנ האנט טקיעסקאפ. וואָס וועסטו, נארעלע, דאָ זיצנ אונ לײַדנ גאָלעס, נעבעכ, פונ דײַנ פלוינעסטע, די ראָשעטע. קוק אָנ וואָס פאר א באק, נעבעכ, דו האָסט. דו האָסט דאָכ בא איר א וויסטע, פינצטערע דאָליע. כ׳לעבנ, סענדערל, קומ, וועסט נישקאָשע קיינ כאראָטע נישט האָבנ.

— טא, — האָט געזאָגט סענדערל, — אויב דו ווילסט דאפקע אזוי,

זאָל זײַנ אזוי. אײַ זי? וואָס פאר א דײַגע איכ האָב? א נאר וואָלט איכ באדארפט זײַנ, איר זאָגנ, וווהינ איכ לאָז מיכ אוועק.

— נעשאָמע מײַנע, לאָמיכ דיכ א קוש טאָנ! — האָט ביניאָמינ ארויסגעלאָזט מיט גרויס סימכע, אונ פאר ליבשאפט ארומגענומענ סענדערל די ייִדענע. — דו האָסט מיר, סערדצע, מיט איינ וואָרט פאר־ענטפערט א קאשע, א קלאָץ־קאשע! איכ זאָג איצט אויכ אזוי ווי דו: אײַ זי? מײַנע, מיינ איכ, וואָס פאר א דײַגע איכ האָב? ס׳איז אָבער דאָ נאָכ א קאשע: ווו נעמט מענ אפ הויצאָעס?

— אפ הויצאָעס? דו ווילסט דענ זיכ אויסקליידנ, ביניאָמינ, אָדער איבערניצעווענ דײַנ קאפּאָטע? הערסטו, אונ איכ וואָלט געזאָגט, מע באדארפ, כ׳לעבנ, נישט. אינ וועג איז אדעראבע גלײַכער אלטע קליידער. דאָרט וועלנ מיר מיסטאמע באקומענ נײַע שיינע קאפּאָטעס.

— יאָ, טאקע עמעס, דאָרט האָב איכ שוינ קיינ דײַגע נישט. מע באדארפ דאָכ אָבער לעסאטע ביז דאָרט האָבנ עפּעס געלט פראָסט אפ צו עסנ?

— וואָס הייסט, ביניאָמינ, אפ צו עסנ? דו האָסט דענ בעדייע מיטפירנ מיט זיכ א קיכ? צי וואָס? נישטאָ דענ אפנ וועג קיינ קרעטשמעס, קיינ הײַזער?

— איכ פארשטיי דיכ, סענדערל, נישט, וואָס דו מיינסט, — האָט ביניאָמינ פארווונדערט זיכ אָנגערופנ.

— איכ מיינ, — האָט סענדערל געענטפערט ביטמימעס, — אבי ס׳איז נאָר דאָ הײַזער, קענ מענ אינ איינ וועג טאקע גיינ איבער די הײַזער. וואָס טוענ דענ אלע אנדערע ייִדנ? הײַנט גייענ א טייל צו יענע אינ די הײַזער, דערנאָכ גייענ יענע פונ זייער זײַט צו אנדערע אינ די הײַזער. ס׳איז דאָכ א ייִדישע זאכ, נאָר א גמילעסכעסעד....

— דו ביסט, כ׳לעבנ, גערעכט! — האָט ביניאָמינ א זאָג געטאָנ בעסימכע. אצינד איז מיר ליכטיק געוואָרנ אינ די אויגנ. אויב אזוי, בינ איכ, באָרעכאשעם, אײַנגאנצנ פארטיק אונ פארזאָרגט מיט אלצדינג. נאָכ מאָרגנ טאקע, גאנצפרי, אז דער אוילעם וועט נאָכ שלאָפנ, קענענ מיר אוועקגיינ. פארלירנ צײַט איז, כ׳לעבנ, אנ אוויירע. דו ביסט מוסקעם?

— דו ווילסט מאָרגנ? זאָל זײַנ מאָרגנ. וואָס פאר א דײַגע איכ האָב?

— מאָרגן גאַנצפרי, הערסטו, סענדערל? וועל איך שטילערהייט אַרויסגיין פֿון דער היים. לעבן דער פּוסטער ווינטמיל דאָרט וועל איך אַף דיר וואַרטן. געדענק זשע, סענדערל, מאָרגן גאַנצפרי זאָלסטו אַהין אַרויסקומען. געדענק זשע! — האָט בּיניאָמין נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט און שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— וואַרט נאָר, בּיניאָמין, וואַרט אַ ביסל! — האָט סענדערל געזאָגט, זיך געבּאָברעט איבער דער בּוזעם־קעשענע פֿונעם לײַבּל און אַרויסדערטאַפּט פֿון דאָרט עפּעס אַן אַלט פֿאַרשוויצט שטיקל יערכע, אַרומגעוויקלט מיט בּענדלעך עטלעכע מאָל הין און צוריק און פֿאַרקניפּט אַוואַדע מיט אַ צוואַנציק קניפּלעך. — זעסטו, בּיניאָמין, אָט דאָס קניפּל האָב איך אויסגעשפּאָרט אָנזאַמלענ אונטער מײַנ ווײַב פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס איך האָב פֿאַר איר כאַסענע געהאַט. עס וועט אונדז אין דער האַסכאָלע צונוץ קומען, הא?

— אַצינד, סערדצע, בּיסטו ווערט, מען זאָל דיר אויסקושן איטלעכס אייווער, איטלעכס גליד באַזונדער, — האָט בּיניאָמין געזאָגט הויך, לעבּעדיק און אַרומגעכאַפּט סענדערל די ייִדענע.

— אָ, פֿאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן! קוקט נאָר אָן, איך בעט אײַך, דאָס גרויסע ליבשאַפֿט ווי מען נעמט זיך אַזוי אַרום, און דאָ אין שטוב שטייט אַ ציג און עסט די קאַרטאָפֿליעס! — האָט זיך פּלוצלים געהערט אַ געשריי.

דאָס געשריי איז געווען פֿון סענדערלס פּלוינעסטע. זי איז געשטאַנען אָנגעצונדן אין אַ פֿײַער, מיט איין האַנט געוויזן אַף דער ציג און מיט דער אַנדערער גערופֿן צו זיך סענדערלען. סענדערל האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך געלאָזט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַרײַנגיין אין שטוב, גלײַך ווי אַ פֿאַרזינדיקט קינד, וואָס מען וויל אים מעקײַעם־פּסאַק זײַן.

— שטאַרק זיך, נעשאָמע מײַנע, דאָס איז איר שוין דאָס לעצטע מאָל, געדענק זשע, מאָרגן... — האָט בּיניאָמין שטילערהייט אײַנגערוימט סענדערלען אין אויער און ווי אַ קעצעלע זיך אַרויסגערוקט פֿונעם שטוב.

דאָס פערטע קאפיטל

ווי בינִיאָמינ מיט סענדערלענ פארלאָזנ טונעיאדעווקע

אפ מאָרגנ גאנצפרי, איידער דער פאסטעכ האָט נאָכ פארנומען די בעהיימעס אינ דער טשערעדע ארײַנ, איז אונדזער בינִיאָמינ שוינ געשטאנענ גרייט לעבנ דער ווינטמיל מיט א פעקל אונטערנ אָרעמ. אינווייניק, אינ דעמ פעקל, איז געלעגנ אלע זאכנ, וואָס זײַנענ נייטיק געווענ צו דער נעסיִע, הײַנע: טאלעס אונ טפילנ, א סידער „דערעכ האכאיִמ", א כאָקל, א טילימ אונ יענע אלע ספאָרימ, אָנ וועלכע ער האָט זיכ נישט געקענט רירנ, אזוי ווי א באלמעלאָכע אָנ זײַנ געצײַג. די שאבעסדיקע קאפאָטע זײַנע איז אויכ דאָרט געלעגנ, — מענ מוז דאָכ פאר דער וועלט א פאָנעמ האָבנ אונ יויצע זײַנ פאר לײַט. אינ קעשענע האָט ער געהאט א פופצנטהאלבנ גראָשנ, וואָס ער האָט פארנ אוועקגאנג ארויסבאקומענ בא זײַנ פלוינעסטע אונטער דעמ קישנ.

האקלאל, ער איז געווענ, באָרעכאשעמ, פארזאָרגט מיט אלצדינג, אונ שוינ געקענט זיכ לאָזנ אינ וועג ארײַנ.

די זונ איז דערווײַל אופגעגאנגענ זייער שיינ אונ האָט ארױפגעקוקט מיט איר ליכטיקנ פאָנעמ אפ דער וועלט. איינ קוק אירער האָט צוגעגעבנ א שטיק געזונט, מעכײַע געווענ איטלעכע זאכ באזונדער. ביימער אונ גראָז האָבנ עפּעס ווי זיס געשמייכלט איידער די גרויסע טרערנ טוי פונ באנאכט זײַנענ זיי נאָכ נישט אויסגעטריקנט, אקוראט ווי קליינע קינדער צעלאכנ זיכ פלוצלימ פרייעכ

אינמיטן געוויין פון א בלישטשענדיק טשאטשקעלע, בעשאס טרערן ווי די באָבן שטייען זיי נאָך אין די אויגן. די פעלד־פייגעלעך האָבן געשווינד זיך געטראָגן אין דער לופט, געשפּילט און געזונגען ארום ביניאָמינען, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— קומט, לאָמיר זינגען אי שאַלן און דערפרייען דעם פייַנעם פארשוין לעבן דער ווינטמיל! דאָס איז ביניאָמין אליין, דאָס איז ביניאָמין דער טונעיאדעווקער, דער אלעקסאנדער מוקדען פון זיין צייט, וואָס ער פארלאָזט זיין פאָטערלאנד, ווארפט אוועק ווייַב און קינדער און גייט אין גאָטס שליכעס, וווהין די אויגן טראָגן! אָט שטייט דער גרויסער ביניאָמין, וואָס ער איז, ווי די זון, ארויס פון זיין געצעלט, און פרייט זיך ווי א גיבער צו לויפן אין וועג מיט זיין פעקל אין דער האנט! ער איז שטארק ווי א לעמפערט און גרינג ווי אן אָדלער צו טאָן דעם ראָצן פון אונדזער פאָטער אין הימל! זינגט, שפּילט: טרילילילי, טרריל, טריל! שאַלט, זינגט און דערפרייט זיין הארץ!..

ביניאָמינען איז טאקע בעעמעס פריילעך געווען אפן הארץ, ער האָט באַ זיך געטראכט: „איך בין דאָך דער גליקלעכסטער מענטש אפ דער וועלט. וואָס פעלט מיר אָן אייַנאָרע? וואָס גייט מיר אָפּ? מייַן ווייַב האָב איך, געלויבט איז השם־ייִסבאָרעך, פארזאָרגט. זי האָט א שטיקל פּארנאָסע. איך אליין בין א פרייַער פויגל, גלייַך ווי די אלע פעלד־פייגעלעך דאָ. די גאנצע וועלט איז פאר מיר אָפן. מיט מייַן גענישטשאפט, מיט מייַן באהארצטקייַט און מיט מייַן שטיקל יעדיִע אין די שעווע כאָכמעס וועל איך נישקאָשע ערגעץ נישט פארפאלן ווערן. הייַנט דערבייַ בין איך דאָך עפּעס א ייִד, א שטיקל באַל־ביטאָכן. אוועקגעלייגט שוין אלע מייַלעס אין דער זייַט, לעבן דאָך יידן אָפּ א וועלט מיט ביטאָכן אליין און גאָט פירט זיי אויס.

ביניאָמינען איז עפּעס זייער גוט געווען אפן הארץ, אזוי, אז די לעפצן זייַנע האָבן זיך געעפנט, און ער האָט בינימעסדיק אפן בייַ־קאָף אונטערגעזונגען א מארש פונעם מעלעך־עליוין. זייַן מארש האָט זיך פארמישט מיט דעם געזאַנג פון די פייגעלעך, מיט דעם זוושען פון די פליגלען, מיט דעם שמוצערן פון די גרילן, און האָבן אין א קאָנצערט זיך דערהייבן ביז צום קיסע־האקאָוועד פון זייַן ליבן נאָמען, הויכ־הויך אפ דעם אויבערשטן הימל!

דערווײַל איז אוועק א היפּשע צײַט אונ סענדערל איז נאָכ נישטאָ. דאָס האָט אָנגעהויבנ ביניאָמינענ א ביסל צו ארגנ אונ צעשטערט זײַנ סימכע. ער האָט געקוקט אינ אלע זײַטנ, זיכ ארויסגענומענ די אויגנ קוקנדיק. נאָר אומזיסט די מי. מענ הערט נישט, מענ זעט נישט. ניטאָ סענדערל!

האָט אימ עפּשער דענ די ראָשעטע זײַנע מעכאבעד געווענ מיט עפּעס א מעלאָכע? נאָר דערצו איז נאָכ אָבער איצט נישט די צײַט. גאנצ טונעיאדעווקע שלאָפט נאָכ אצינד געשמאק. קארטאָפליעס הייבט מענ אָנ צו שיילנ העט שפּעטער, יידענעס נעמענ זיכ צומ ווארמעס ערשט נאָכנ אָפּקריגנ אונ אָפּשעלטנ זיכ מיט די מאנענ, ערשט דערנאָכ ווענ מענ שמײַסט שוינ אָפּ קינדער אונ מענ הענגט ארויס טריקענענ די בעבעכעס...

אונדזער ביניאָמינ האָט ניט געוווסט, וואָס צו טאָנ, אונ אימ איז געוואָרנ נישט פריילעכ. שטארק ניט פריילעכ. אומקערנ זיכ אהיימ? פע, דאָס איז מיִעס! אלעקסאנדער מוקדענ האָט צעבראָכנ די בריק, איבער וועלכער ער איז אריבער קיינ הינדיאָ, ביכדיי ער זאָל נישט קענענ צוריקגיינ. לאָזנ זשע זיכ אליינ אָנ סענדערלענ? ניינ, דאָס איז פריקרע, זייער פריקרע! סענדערל איז אימ געווענ שטארק נייטיק. זינט ער האָט מיט אימ זיכ סקאָמפּאנייעט איז אימ עפּעס ליכטיק געוואָרנ אינ די אויגנ. אָנ סענדערלענ זיכ אוועקצולאָזנ וואָלט אויסגעקומענ עפּעס מעשונע-ווילד, עס וואָלט נאָר א פּאָנעמ געהאט ווי א שיפ אָנ א רודער, אָדער ווי א מעלוכע אָנ א מיניסטער.

פלוצלימ האָט זיכ געלאָזט זענ פונדערווײַטנס עפּעס ווי א מענטשנ-געשטאלט. דאכט זיכ, סענדערל, אונ פּאָרט נישט סענדערל. דאכט זיכ, גאָר איינע אינ א ציצנ קליידל אונ מיט א טיכל אפנ קאָפּ.

ביניאָמינענ האָט א טיאָכקע געגעבנ דאָס הארצ, אונ איז געוואָרנ טויט, בלייכ ווי די וואנט. אימ האָט זיכ געדאכט, אז דאָס גייט זײַנ ווײַב. ניינ, זי גייט נישט, זי לויפט, זי יאָגט. אָט קומט זי צו לויפנ, כאפּט זיכ אפ אימ ארופ מיט גרויס קאס, לאָזט צו אימ אויס איר שווער-ביטער הארצ אונ שלעפּט אימ אהיימ מיט א יאָמער, א קלאָג.

„איינ גאָט נאָר ווייסט, — אזוי דערציילט ביניאָמינ אליינ, — ווי

איך בין דענסטמאָל געשטאַנען אין איינע צאָרעס, אין געהאַקטע ווונדן, הונדערט פּיפּערנאָטערן וואָלט מיר דענסטמאָל ליבער געווען צו באַגעגענען ווי מײַן ווײַב, וואָרעם א פּיפּערנאָטער בײַסט נאָר דאָס לײַב, דעם גוף, און א ווײַב בעשאַס קאַס גריזעט און בײַסט די נעשאָמע. האַשעם־ייִסבאָרעך אָבער האָט מיך געשטאַרקט, איך בין באַלד טאַקע באַהאַרצט אַנטלאָפן, זיך פאַרבאָרגן הינטער דער ווינטמיל און געלוגט דאָרט ווי א לײַב לוגט אַף זײַן פאַרצוקונג".

אין עטלעכע מינוט אַרום איז בינאָמין אַרויסגעשפּרונגען פון זײַן פאַרבאָרגעניש מיט א שרעקלעכן שפּרונג און מיט א געשריי ווי א ריינער מעשוגענער:

— האַ, סענדערל!

סענדערל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין א ציצן כאַלאַטל, אונטער־געבונדן ביידע באַקן מיט א פאַרשמאָלצענעם טיכל. אונטער ביידע אויגן בלוי, צעגראַבלט. א שטעקן אין דער האַנט, און אַף די פּליי־צעס א היפּש פּעקל.

ער האָט אין בינאָמינס אויגן געהאַט דענסטמאָל דעם זיבעטן כיין, ווי א שיינע אויסגעפּוצטע קאַלע אין די אויגן פונעם כאָסן.

בינאָמין שילדערט זײַן סימכע דענסטמאָל מיט די ווערטער: „ווי א אינד, וואָס גלוסט אַף קוואַלן וואַסער, ווי א דאָרשטיקער אין דער מידבער, וואָס געפינט לעבעדיקע, קוועלנדיקע וואַסער, וואָס רינט אַראָפּ פון א שפּיץ סקאַלע, אַזוי האָט מײַן גלוסטיקע לײַב זיך געטאָן טאָן דערפרייען אַף סענדערלען מײַן באַשערטן, מײַן געטרײַען געזעלן".

— וואָס איז די מײַסע, סענדערל? וואָס האָסטו געלאָזט אַף זיך אַזוי לאַנג וואַרטן?

— סטײַטש, איך בין דאָך געגאַנגען צו דיר אַהיים, — האָט סענ־דערל ביטמימעס געענטפערט, — ביזוואַנען איך בין דערגאַנגען, און ביזוואַנען איך האָב אָפּגעוועקט דײַן זעלדען, איז דערווײַל אַוועק א היפּשע צײַט.

— אָפּגעוועקט זעלדען! — האָט בינאָמין א געשריי געגעבן מע־שונע־ווילד נישט מיט זײַן קאָל. — סענדערל, לעמײַ, מעשוגענער, האָסט אַזוינס געטאָן?

— וואָס טײַטש לעמײַ?! — האָט סענדערל פאַרוווּנדערט זיך אָנגע־

רופנ. — לעמיי, אז איכ האָב דיר פריִער אָנגעקלאפּט אינ דער ספּיזשארנע אונ דו האָסט זיכ נישט אָנגערופנ האָב איכ מיכ גענומענ קלאפּנ אינ דער שטוב־טיר סטוק, כטוק, סטוק. נו, איז זעלדע, נישט־טויט נישט־לעבעדיק, אופגעשטאנענ, אונ איכ האָב זי געפרעגט מי־קיעכ דיר.

— סענדערל, מיר זיינענ פארביי! דו האָסט פארקאָכט א גוטע קאשע. סטייטש, זעלדע וועט נאָכלויפנ, זעלדע, אונ וועט...

— אי, שרעק זיכ נישט, בינימינ! זי האָט מיכ אָפּגעשיקט צו אלדי שווארצע יאָר מיט אזא קאס, גלייכ ווי איכ וואָלט איר געקוילעט די קאפּאָטע. „גיי מיט מיינעם איניינעם, אינ דער ערד אריינביידע!” האָט זי געזאָגט אונ צוגעמאכט די טיר. איכ בינ א היפּשע צייט געבליבנ שטיינ אינגדרויסנ ווי צעמישט. דערנאָכ ערשט האָב איכ מיכ דערמאָנט אָנ דער ווינטמיל אונ זיכ געשטויסנ, דו מוזט שוינ אפּאָנעמ זיינ דאָ. אונ דעריבער טאקע האָט אפּאָנעמ דיינע געזאָגט: „גיי מיט מיינעם איניינעם, אינ דער ערד אריינ ביידע!” זי האָט אפּאָנעמ, מוז גערדונגענ זיינ, געזענ, ווי דו ביסט אוועקגעגאנגענ.

— וואָס, וואָס, סענדערל! זי האָט געזענ? עפּשער גייט זי, גייט זי עפּשער?

— כאָפּילע, בינימינ! זי האָט גאָר פארקייטלט די טיר. אז איכ האָב פארנ אוועקגיינ ווידער אָנגעקלאפּט אונ געפּרענט: זעלדע! זעלדע! וואָס זאָגסטו עפּעס אָנ צו דיינ מאנ, זעלדע? אָדער האָסטו, עפּשער, א קאשע אפּ א מייסע, וואָס אימ מיטצוגעבנ, זעלדע? האָט זי נישט געענטפערט קיינ גוט וואָרט. אפּאָנעמ זי האָט זייער א הארטנ שלאָפּ, אונ שלאָפּט געשמאק, אָנ איינאָרע. נו, האָב איכ געזאָגט: זעלדע, דו שלאָפּסט, שלאָפּ זשע, שלאָפּ געזונטערהייט! זיי מיר געזונט, זעלדע! האָב איכ געזאָגט אונ בינ מיר אוועקגעגאנגענ.

סענדערלס לעצטע ווערטער האָבנ אזוי ווי טראָפּנס אָפּגעמונטערט בינימינענ. ער האָט אָנגעהויבנ פריי צו אָטעמענ, אונ געסאָפּעט, גלייכ ווי א שטיינ איז אימ פונעמ הארצ אראָפּ. דאָס פּאָנעמ האָט אימ געשיינט, אונ זיינע אויגנ האָבנ געפלאקערט פאר גרויס פרייד.

— אצינד, סענדערל! — האָט ער עפּעס ווילד א קוויטש געגעבנ, — אצינד מיט דער רעכטער פוס!

אין דער צײַט האָט פון א ליוושע אין דער זײַט זיך ארויסגעלאָזט א קאָל פון זשאבעס. גלײַך ווי זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אונדזערע פארשווינען און זיי צוגעקוואקעט א מארש. טונעיאדעוקער זשאבעס שרײַען מעשונע-שטארק אין זייערע פארשימלטע בלאָטעס. זיי זײַנען בארימט אין דער וועלט גלײַך מיט דניעפּראָוויצער וואנצן און טאראקאנעס...

דאָס פינפטע קאפיטל

וואָס מיט אונדזערע פארשוינענ פאסירט זיכ באלד באמ ערשטנ ארויספאָר

אונדזערע פארשוינענ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ ראפטאָמ אונ גע־גאנגענ געשמאק גיכ, גלײַכ ווי זיי וואָלטנ זיכ אָפּגעריסנ פונ א קייט, אָדער גלײַכ ווי איינער וואָלט זיי פונ הינטנ געטריבנ מיט א בײַטש. מיט זייערע ברייטע פאָלעס, וואָס האָבנ געשוועבט אפנ ווינט, האָבנ זיי זיכ געמעגט גלײַכנ צו א שיפ, וואָס גייט געשווינד אפ אירע אויסגעשפּרייטע זעגלענ. די קאָנדוקטערס פונ געוויסע דיליזשאנסנ אינ אונדזער ווינקל וואָלטנ זיכ, כ׳לעבנ, געמעגט ווינטשנ: האלעווײַ דער גאנג פונ אונדזערע וואנדערער — אפ זייערע פערד געזאָגט געוואָרנ! סאָראָקעס אונ וואָראָנעס, וואָס האָבנ ארומגעשפּאצירט אפ דער ערד, האָבנ מיט דערעכערעצ אָפּגעטראָטנ דעמ וועג, אונ זײַנענ שרײַענ־דיק זיכ צעפלויגנ אינ אלע זײַטנ, מאכמעס גרויס פאכעד פאר די צווייפיסיקע מינע באשעפענישנ, וואָס האָבנ זיכ געיאָגט מיט גרויס כיישעק אונ היסלײַוועס.

קיינ פענ איז נישט בעיעכוילעס צו באשרײַבנ, ווי גליקלעכ, איבער־גליקלעכ זיי זײַנענ דענסטמאָל געווענ. עס האָט זיי עפּעס מעשונגע האנאָע געטאָנ, אונ זײַנענ געווענ שטארק צופרידנ — צופרידנ פונ זיכ אליינ, צופרידנ איינער פונעמ אנדערנ אונ צופרידנ פונ דער גאנ־צער וועלט.

סענדערל, ווי עס האָט אויסגעזענ, איז זייער פריילעכ געווענ,

וואָס ער האָט זיכ ארויסגעכאפּט פונ זײַנ ווײַבס הענט און איז פּאָטער געוואָרנ אזא שווערנ, ביטערנ גאָלעס. נעכטיקער טאָג באזונדערס איז פאר אימ, נעבעכ, געווענ זייער א שווערער, א ביטערער, א טאָג פונ צאָרעס און יעסורימ, וואָס האָט איבערגעלאָזט א סליעד פונ סיניאקעס אפ זײַנ לײַב, וואָס האָט מיט שטורעמ אויסגעוואָרצלט א סאכ האָר פונ זײַנ בערדל און וואָס האָט גאנצ פרײַ פאר דער גאנצער וועלט זיכ געכאסמעט מיט ברוינ-בלויע צייכנס אונטער זײַנע ביידע אויגנ. נישט פאר אײַכ, פאנטאָפּלמענער, געזאָגט געוואָרנ אזא וויסטנ פינצטערנ פּעטשאטאָק, וועלכנ סענדערל, נעבעכ, האָט נעכטנ פרי געכאפּט פונ זײַנ באָכערטע!

א היפּשע צײַט זײַנענ אונדזערע פארשוינענע געלאָפנ קימאט אָנ א נעשאָמע, שא, שטיל, נישט צו ריידנ איינער מיט דעמ אנדערנ א וואָרט. זיי האָבנ זיכ שטארק דערוואַרעמט, און גרויסע טראָפּנ שווייס האָבנ זיי ארויסגעטראָטנ אפנ פּאָנעמ. סענדערל האָט אָנגעהויבנ בּיסלעכווײַז זיכ אָפּצושטעלנ און געסאָפּעט ווי א גאנדז.

— גיכער, גיכער, סענדערל! — האָט בּיניאָמינ אימ אלצ אונטערגעגעבנ קוראזש און איז געלאָפנ מיט אימפּעט פאָרויס, ווי א גיבער, וואָס גורט אָנ זײַנע לענדנ און לויפט מיט פײַל-און-בויגנ אינ דער מילכאָמע.

— גוואלד, בּיניאָמינ, האָב ראכמאָנעס אפ מײַנ נעשאָמע! — האָט סענדערל געבעטנ ראכמימ. — איכ האָב מער קיינ קויעכ נישט דיר נאָכצולויפנ. דו לויפסט, אָנ אײַנאָרע, ווי א הירש אפ די בערג און ווי א צאפ פאר דער טשערעדע.

— גיכער גיכער, סענדערל! — האָט בּיניאָמינ אימ אלצ געשריגנ און געלאָפנ פאָרויס מיט גאדלעס אפ זײַנ בעריעשקײַט. — זעסטו, סענדערל, איכ וואָלט אזוי געלאָפנ, געלאָפנ ביז עק וועלט!

— נאָר צו וואָס, בּיניאָמינ, איכ בעט דיכ, לויפסטו אזוי? — האָט סענדערל געפרעגט. — מיר וועלנ, כ'לעבנ, גאָרנישט פארזאמענ. אז מיר וועלנ אָנקומענ אהינ שפּעטער מיט א טאָג אָדער אפילע מיט עטלעכע טעג, איז אויכ, כ'לעבנ, קיינ סאקאָנע נישט. די וועלט וועט נאָכ אזוי גיכ נישט אונטערגיינ. זי האָט נאָכ צו שטיינ, קעפּי איכ האָב געהאָרכט, ביז דעמ עלעפ האשוויִ, שטארקע עטלעכע הונדערט יאָר.

— גיכער, סענדערל, גיכער, אנ אווײרע די צײַט! וואָס גיכער ארויסרײַסנ זיכ פונדאנענ איז אלצ בעסער. האָרעווע, סענדערל, קנעל א ביסל צו, נישקאָשע! דערפאר, קומענדיק אהינ, וועסטו אויסגלײַכנ דיר די ביינער, וועסט עטעמענ אונ לעבנ ווי א סראָרע.

— דו ביסט, ביניאָמינ, זייער גערעכט. דו ווילסט גיכער, וואָס פאר א דײַגע איכ האָב, זאָל זײַנ גיכער, בא מיר האָסטו געפויעלט, נאָר וואָס טוט מענ מיט די פיס, מיט מײַנע פיס?

איינ ברײרע, ביניאָמינ האָט געמוזט צוליב טאָנ סענדערלענ אונ אײַנהאלטנ א ביסל דעמ גאנג.

אז די זונ איז ארויס פונ איר פוטערפאס אונ האָט געשמאק געוואָרעמט, געבראָטנ מיט אירע ליכטיקע שטראלנ, זײַנענ אונדזערע וואנדערער אנידערגעפאלנ לעבנ א וועלדעלע, בא דער זײַט פונעמ וועג. זיי זײַנענ געלעגנ אינ איינ שוויס אונ האָבנ שטארק געסאָפעט, געמאכט מיט די זײַטנ, די פרישע סיניאקעס האָבנ בא סענדערלענ זיכ צעפריִעט, אונ ער האָט געפילט א ווייטעק, ווי מענ שטעכט מיט שפּילקעס.

נאָכ דעמ, אז זיי האָבנ א ביסל אָפגערוט, איז די ערשטע זאכ זייערע געווענ ארויסצונעמענ טאליעס-אונ-טפילנ אונ דאווענענ. ביניאָמינ האָט זיכ געשאָקלט, געדאווענט לעבעדיק, מיט א ברענ. ער איז ווערט געווענ דערנאָכ א ביסל בראנפנ. נאָר ווי האָט ער עס אָבער געקענט דאָ אויספירנ? ער וואָלט גערנ געווענ ער זאָל האָבנ כאָטש א שטיקל ברויט. דאָס הארצ האָט אימ געכאלעשט, דער אפעטיט זײַנער איז געווענ זייער גרויס נאָכ אזא געשמאקנ גאנג. ער וואָלט געקענט אופעסנ א וועלט, אונ דאָ האָט בא אימ, מײַסע-סאָטנ, זיכ נישט געפונענ אפילע א ברעקל ברויט ווי א קאזאיעס.

ער האָט געוואָרפנ מיט די אויגנ אהינ אונ אהער, אויסגעקנאקט די פינגער, גענענעצט, זיכ געקראצט, פאטמאקעוועט, געמאכט אלצ טא-טא, געגלעט, געצויגנ די פייעס, דאָס בערדל, נאָכאמאָל א קראצ אונ נאָכאמאָל טא, — ביז ער האָט זיכ מעיאשעוו געווענ אונ ארויסדערטאפט פונעמ קלומעקל עפעס א פערטלדיקנ סייפער ווי א מאבזערל, אינ וועלכנ ער האָט ארײַנגעקוקט אונ אונטערגעברומט מיט אנ אקדאָמעס-ניגנדל.

— סענדערל! — האָט ביניאָמינ אינדערמיט מאפסיק געווענ.

דו ווייסט, וואָס איך זאָג דאָ איצט אזוינס? דו ווייסט, פאַרוואָס איך זאָג עס איצט מיט דעם ניגנדל?

— דו מוזט אוואדע הונגעריק זײַן, — האָט סענדערל גענטפערט ביטמימעס.

— גראַם-שטראַם, — האָט בינימין זיך אָנגערופן, — און אז איך בין הונגעריק, מיילע?!

— מיילע, מיילע, דעריבער זינגסטו, — האָט סענדערל געענטפערט, — ס'איז דאָך דאָ א בעפּיירעש ווערטל: קאַלי זשיר ספּיוואיע, קאַלי ווינ גאַלאָדני. דו, בינימין, מעגסט דיר זינגען, זינג דיר, זינג, און איך וועל מיר דערווײַל עפּעס אנדערש טאָן.

אין דעם, ווי סענדערל האָט גערעדט, האָט ער טאקע ארײַנגעשטעקט די האנט זײַנע צו זיך אין פּעקל און ארויסבאַקומען פון דאָרט א טאָרבע.

— עט, דו ווייסט נישט, דו פאַרשטייסט נישט, אקעגן וואָס איך טו עס, — האָט בינימין געזאָגט. — סענדערל, נאַרעלע, איך וועל דיר מעפּוירעש זײַן דעם טאַם דערפון.

נאָר סענדערל אָבער האָט דערווײַל זיך זײַנס געטאָן און פּאַמעלעך-פּאַמעלעך אופגעבונדן די טאָרבע. אז בינימין האָט א קוק געטאָן, איז אים ליכטיק געוואָרן אין אלע ראמאַך איירורים. אין טאָרבע איז געלעגן פון קאַלטווו: ברויט, שטיקלעך קוילעטש, וואָס איז איבערגעבליבן פון שאַבעס, אוגערקעס, רעטעכלעך, ציבעלעס און קנאָבל! סענדערל האָט אינזינען געהאט אלצדינג אָנצוגרייטן ווי א גוטע באַלעבאָסטע, און ער איז בא בינימינען דערפאַר געהויכט, געקרוינט געוואָרן נאָך א סאך מער ווי פריער. בינימין האָט אין הארץ זיך שטארק געפרייט, וואָס האשעם-ייִסבאָרעך האָט אים באשערט אזא טײַערן כאווער אף דער נעסיִע. סענדערלען האָט מיר גאָט צוגעשיקט, אזוי האָט ער געטראכט, ווי די קינדער ייִסראָעל מאָן אין דער מידבער.

נאָך דעם, אז זיי האָבן אונטערגעלעגט זייער הארץ, האָט סענדערל אײַנגעוויקלט דאָס ביסל שפּײַז, וואָס איז איבערגעבליבן, צוריק אין טאָרבעלע, מיט די ווערטער:

— דאָס ביסל שפּײַז וועט אונדז צונוץ קומען נאָך אף א מאָל און דאָס טאָרבעלע אף טויזנט מאָל, אף אונדזער גאנצן לעבן.

דערמיט וועלנ מיר, אימירצעשעמ, איבער די הײַזער ארומגיינ. נישקאָשע, גאָט באָרעכ־הו וועט אונדז העלפנ!

דאָס וווּנדערלעכע טישטעכל אינ די מײַסע ביכלעכ, וואָס מענ זאָגט: טישטעכל, טישטעכל, גיב מיר עסנ! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענצ! אונ דאָס טישטעכל גיט,— אָט דאָס דאָזיקע כידושימ־וווּנדערלעכע טישטעכל איז בא אונדז יידנ די טאָרבע. פיל נעפאשעס, זייער פיל, שפּײַזנ זיכ כידעשלעכ־גרינג זייער גאנצ לעבנ נאָר פונ דער טאָרבע אונ לאָזנ זי איבער בעיערושע קינדס־קינדס־קינדער. די טאָרבע איז, אינ טאָכ ארײַנ, אלצ איינע, נאָר בא פארשיידענע קלאסנ מענטשנ באקומט זי אנ אנדער מינ פאָרמע אונ אנ אנדער מינ נאָמענ. באמ פראָסטנ אוילעמ איז זי פּאָשעט א טאָרבע, א פראָסטע לײַוונטע טאָרבע, באמ געהויבענעמ אוילעמ נעמט זי אָנ אלערליי מינע געשטאלטנ, ווי אשטייגער: א קעסטעלע, א קאָראָבקעלע, א קלייקוידעשל, א כעווורעלע, א פושקעלע, א קאָהאָלש בײַטעלע, א גמילעס־כעסער־באנקעלע, א מעכאברישער פלוידערזעקעלע אוכדוימע. די אלע זײַנענ בעעמעס טאקע נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע יידישע טאָרבעס!...

— סענדערל! — האָט ביניאָמינ זיכ אָנגערופנ, געשטארקט פונ סענדערלס ווערטער. — מיר ביידע זײַנענ א זיווועג מינ האשאָמאיִמ, מיר ביידע זײַנענ ווי א גופ מיט דער נעשאָמע. ווענ דו זאָרגסט אינ גאשמיִעס מיקויעכ עסנ אונ טרינקענ אפ אונדזער נעסיִע, אקעגנ זשע זאָרג איכ אינ רוכניִעס־זאכנ. נאָכאמאָל פרעג איכ דיכ, סענדערל, דו ווייסט, פארוואָס איכ זאָג אקדאָמעס? איכ האָב דערמיט א גרויסנ קיווג. איכ זאָרג מיכ איצט, אז האשעמ־ייִסבאָרעכ וועט אונדז בעשאָלעמ ברענגענ אהינ, צו די בניי־מוישע, זאָלנ מיר קענענ א מויל עפענענ אונ מיט זיי זיכ אויסטײַנענ. זיי ריידנ עפּעס האלב־טארגעמ, צומייסטנ ריידנ זיי דאָרט אקדאָמעס־לאָשנ. עלדאָד־האדאָני, וואָס איז פונ יענעמ ווינקל צו אונדז געקומענ, ער האָט דאָכ דאָס דעמ אקדאָמעס געמאכט. ושריות שותאָ[1], סענדערל, איז דער טײַטש — איכ הייב אָנ צו שפּרעכנ, געדענק זשע, סענדערל! דאָ אינ כוץ־לאָאָרעצ קענ מענ זיכ באגיינ מיט אונדזער לאָשנ, מיט דײַטש, אָבער דאָרט מוזנ זיי קיינ דײַטש אוואדע נישט קענענ.

---

1 וועשאָראָיוס שוסאָ.

— איך פאַרלאָז מיך אין די זאַכן אינגאַנצן אַף דיר, — האָט סענדערל געזאָגט בעהאַכנאָע. — דו ביסט אַ געלערנטער מענטש און קוקסט אַרײַן אין דײַנע ספֿאָרים, מיסטאָמע ווייסטו וואָס דו טוסט, ווּהין דו גייסט. אַ סימען, איך האָב דיך אַפילע נישט איבערגעפרעגט, צי גייען מיר מיט דעם גלײַכן וועג. דו גייסט, וואָס פאַר אַ דײַגע איך האָב, גיי, איך גיי דיר נאָך ווי אַ קו נאָך אַ קעלבל.

ביניאָמינען האָט מעשונע האַנאָע געטאָן סענדערלס גרויסער ביטאָכן אַף זײַן כאָכמע. ער האָט באַ זיך אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ שיפסקאַפּיטאַן, וואָס ער אַלײַן פירט די שיף אַפן יאַם. דאָס פונדעסטוועגן האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן זיך באַלד טאַקע צו באַ-טראַכטן, אַז ער ווייסט בעעמעס נישט, ווּ ער געפינט זיך, מעגלעך עפּשער בלאָנדזעט ער און איז גאָר אַראָפּ פונעם וועג.

דערווײַל ווי ער האָט געטראַכט האָט גאָט אָנגעטראָגן אַ מוזשיק, וואָס ער איז געפאָרן פאַרבײַ אַף אַ פורל, אָנגעטאַסעוועטן וואָגן מיט היי.

— סענדערל, — האָט ביניאָמין געזאָגט, — עס שאַדט קלאָל נישט אַ פרעג צו געבן דעם אָרל מיקויעך דעם וועג. גיי אַף ציקאַוועשטש, גיב אַ פרעג. דאָ אין כוץ־לאָאָרעץ ווייסטו בעסער פון מיר זיך קענען אויסטײַנען מיט די מוזשיקעס אַף זייער גראָבן לאָשן. דײַן פּלוינעסטע פלעגט דאָך עפּעטערס דיך מיטנעמען מיט זיך אַפן מאַרק.

סענדערל האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט, צוגעגאַנגען מיט גרויס דערעכערעץ צום מוזשיק און געזאָגט קעהײַ לישנאָ:

— דאָברי דיען! קאַזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאָראָגי אַף ער עצײַיסראָעל?

— שטשאָ?! — האָט דער מוזשיק פאַרוווּנדערט געמאַכט און אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן. — יאַקי סרול? ני באַטשיל יאַ סרוליאַ!

— ני, ני! — האָט ביניאָמין זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און זיך אַרײַנגעמישט פונדערווײַטן. — עטאָ ווי סרול, אַ ווין, לעהאַוודל, ערעצײַיסראָעל קאַזאַטע ווינ. סענדערל, זאָג אים נאָכאַמאָל בעפּיירעש אַרויס. ער האָט אַ פּויערש קעפּעלע. שאַרפער, שאַרפער, סענדערל!

— אַף עררעצײַיסראָעל קודי דאָראָגי? — האָט סענדערל נאָכ-אַמאָל שאַרף איבערגעכאַזערט.

— אַ פּיעס וואָס, זשידקי, זנײַעט, שטשאָ ווי מאָראָטשעטע מעני

גאָלאָווי, עטאָ דאָראָגי דאָ פּיעווקי, א וויני עלעסלאָעל! עלעסלאָעל! — האָט דער מושיק זיכ נאָכגעקרימט, א שפּײַ געטאָנ אונ אוועקגע־פאָרנ ווײַטער.

אונדזערע פארשוינענ האָבנ זיכ געלאָזט ווײַטער אינ וועג.

בינ־יאָמינ האָט געפילט א ווייטעק אינ די לידקעס, די פיס זײַנענ אימ געוועג, לוי אליײכעמ, ווי אָפּגעשניטנ. דאָכ האָט ער, נעבעכ, זיכ נישט וויסנדיק געמאכט, זיכ געמאכט הארצ, אלצ אונטערגעגעבנ קוראזש. אונ מאכמעס אימ איז, נישט פאר קיינ יידנ געדאכט, זייער שווער געווענ צו גיינ גלײַכ אונ געשווינד, האָט ער געמוזט אלצ אונטערשפּרינגענ. אוואדע איז דאָס נישט געווענ אזא גאנג ווי פריער. עס איז געווענ געמוטשעט. נאָר פונדעסטוועגנ האָט ער געטאָנ זײַנס אונ איז געגאנגענ, וואָרעמ די קאשע איז דאָכ, וואָס האָט ער דענ געקענט מאכנ? אנידערלייגנ זיכ, סאָנע־ציִענ, אפנ וועג? מיילע, וואָס וואָלט דערפונ דער טאכלעס געווענ? הײַנט ווי לייגט עס זיכ א ייִד אינמיטנ וועג גלאט אנידער? ער וואָלט נאָר מעצאער געווענ סענדערלענ, אונ די נעסיִע וואָלט, כאָלילע, אופגעהאלטנ געוואָרנ. האקלאל, זיי זײַנענ געגאנגענ, געגאנגענ אזוי א גאנצנ טאָג, ביז גאָט האָט זיי בעשאָלעמ געבראכט קיינ פיעווקי אפ נאכטלעגער.

ארײַנקומענדיק אינ פּיעווקער קרעטשמע, איז בינ־יאָמינס ערשטע זאכ געווענ, זיכ א וואָרפ צו טאָנ ווי גרויס ער איז אינ א ווינ־קעלע, אויסצורוענ די פיס אונ כאפּנ דעמ אָטעמ.

סענדערל איז, ווי אנ אלטע באלעבאָסטע געגאנגענ צו באשעפ־טיקנ זיכ אינ דעמ באלעבאטישקײַט אונ שמועסנ מיקויעכ וועטשערע.

דער ארענדאר האָט אָנגעקוקט סענדערלענ פונ קאָפּ ביז די פיס אונ האָט פונ זײַנ גאנצנ היילעכ ארויסגעזענ, אז דאָס איז עפּעס נישט גלאט אזא פארשוינ ווי אנדערע, וואָס פאָרנ געוויינטלעכ דורכ. ער האָט אימ אָפּגעשטעקט א שאָלעמ־אליײכעמ, אונ אפ דער שײַלע: מא שמייכעמ? פונוואנענ איז א ייִד? האָט סענדערל געענטפערט בית־מימעס, ער הייסט סענדערל, ער איז א שטיקל ערעצ־ייִסראָעל־ייִד, ער איז מעשאמעש באַ רעב בינ־יאָמינ, וואָס ליגט איצט מיט זײַנ קאָוועד דאָ אינ א ווינקל. דער ארענדאר האָט געמאכט א פרומ פּע־נעמל, זיכ א ביסל פארטראכט אונ געבעטנ סענדערלענ זיצנ.

לאָמיר לאָזנ די באסמאלקע, דאָס הייסט, סענדערלענ, שמועסנ

מיט דעם ארענדאר, און זיך אומקערן צום בען-מעלעך, צו ביניאָ־
מינען, זען, וואָס ער מאכט און וואָס ער טוט.

אונדזער ביניאָמין, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל,
איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין און נישט געוווסט, אַף וועלכן אוילעם
ער איז. די אָדערן פון די פיס זײַנען געוועזן שטאַרק אָנגעקוואָלן,
דאָס בלוט האָט אין זיי זיך צעשפּילט, געזעצט און געשטשיפּעט, גלײַך
ווי מורעשקעס וואָלטן דאָרט הויפנסווײַז ארומגעלאָפן און געביסן,
געשטאָכן. די שלייפן האָבן געהאַקט, געקלאַפּט ווי האַמערס. אין די
אויערן האָט פאַרדומפּן געררישט, און דאָס רוישן פלעגט זיך אַלץ
אויסלאָזן צום סאָף מיט אַ הילכעדיקן לאַנגן קלונג, ווי אַ טעקיִע־
גדוילע, אָדער מיט אַ שאַרפן שום, ווי בעשאַס מען לאָזט ראַקעטן.
בא איטלעכן ארויספליִענדיקן ראַקעט פונעם קאָפּ האָט מיטאַמאָל אים
אַ בלישטשע געגעבן אין די אויגן טויזנטערליי פײַערווערק: געלע,
גרינע, בלויע, העלע, רויטע, פּאָמסענע, נאָך אַי נאָך קאָלירן אָן אַן
עק, אָן אַ סאָף. אין אַ מינוט אַרום ווערן די פײַערווערק אויסגע־
לאָשן, כווישעך־פינצטער ווערט אים אין די אויגן, און אין די אויערן
רוישט ווידער ווי אין אַ מיל.

ליגנדיק פאַרטראָגן אַזוי אַ היפּשע צײַט, הערט ביניאָמין אַ קאָל
פון גלעקלעך קלינגענע אינדרויסן פונדערווײַטן. מיט איטלעכער מי־
נוט קומט דער קאָל צו אַלץ נעענטער, נעענטער, ווערט אַלץ העלער
אי שטאַרקער, און פּלוצלים גיט אַ סקריפּ ווי אַ וואָגן האָט זיך אָפּ־
געשטעלט לעבן טויער. פונעם וואָגן לאָזן זיך הערן אַלערליי מינע
קוילעס: בײַקעלכלעך, פּיסטלעך, געמבעס, הייזעריקע, כאָרכלענדיקע
אי צוגעלעגערטע שטימעס, גלײַך ווי אַ גאַנצע שטעטל האָט דאָרט זיך
פאַרקליבן אַף אַ וויכטיקער, וואַזשנער אַסיפע. אַלע ריידן, שרײַען
מיטאַמאָל און מען הערט נישט איין וואָרט. פון קעץ, וואָס פאַר־
זאַמלען זיך צײַטנווײַז אַף די דעכער, הערט מען כאָטש אַ מיאַוקען,
דאָס הייסט, ווען אַפילע קאַצן-לאָשן איז נישט צום פאַרשטיין, דאָך
אויסהערנדיק אַ סאָבראַניע קעץ, קען מען ווייניקסטנס זאָגן גאַנץ
באַשטימט: יאָ, די קעץ מיאַוקען. נאָר דאָ אָבער איז ריין אומעגלעך
צו באַשטימען אי דאָס אויך, וואָס פאַר אַ מין איז דאָס געשריי פון
די פאַרשוינען, ווײַל דערינען איז אויסגעמישט אי געלעכטער, אי אַ
געקרעכצערײַ, געזיפצערײַ, אי אַ שושקערײַ, אי אַ קוויטשערײַ, אי

א טאָג פונ א שייגעצ, אי דאָס זיסע כאניפע־קעלכל, אי א הוסטערייַ, אי נאָזשנייַצערייַ, א געקלאפּערייַ אונ א געפּאטשערייַ. הייַנט גיי פארשטיי, וואָס דאָס אלצדינג איגיינעמ איז, וואָס דאָס באטייַט? באלד דערופ עפנט זיכ די טיר אונ א כאָפּטע מענטשנ שיטנ זיכ ארייַנ אינ שטוב מיט אימפּעט.

ביניאָמינ רוקט זיכ ווייַטער, ווייַטער אינ ווינקל אונ נורעט זיכ שטארק איינ.

דערווייַל ווערט אינ שטוב זייער ליכטיק פונ א סאכ ליכט, וואָס ברענענ אינ שאבעסדיקע מעשענע לייַכטער; א טייל זייַנענ פארשטאָפּט מיט שנויצנ אונ די ליכט שטייענ אפ זיי צוגעשמאָלצנ, נאָר אפ מישקוילעס, א טייל זייַנענ מיט צו גרויסע, ברייטע, נישט קיינ טיפע לעכער, אונ די ליכט שטייענ אינ זיי קרומ, אינ דער זייַט פארשטעקט פונ אונטנ מיט א קויל.

באמ עק פונ א לאנגנ דעמבענעמ טיש זיצט א כעוורע קלעזמער אונ סטרויענ, שטעלנ אָנ זייערע קיילימ. דער פידלער פּאָרעט זיכ מיט דער פידל, קיצלט זי מיט פינגער אונ איטלעכע סטרונע רופט זיכ אָפּ: זימ, זימ, זימ אפ איר קאָל, גלייַכ ווי זיי ריידנ: נישקאָשע, מעגסט אונדז קיצלענ, פונ אונדזערטוועגנ זייַנענ מיר פארטיק, אבי פונ דייַנ סמיטשעק זאָל נאָר קיינ מעניִע נישט זייַנ. ער כאפּט זיכ צומ סמיטשעק, גלעט אימ אונ האָלט אימ גרייט צומ שפּיל. דער פלייטער שמועסט איבער שטיל מיט דער פלייט, זי פּייַפט אימ שטילערהייט אָנ, אונ דער צימבלער לויפט זיכ דורכ איבער דעמ צימבל אונ קלאפּט זיכ פּאמעלעכ מיט די העמערלעכ. נאָר דער בלינדער פּויקער זיצט אָנגערוקט מיט דער קוטשמע איבער די אויגנ אונ כאפּט א דרעמל.

לעבנ די קלעזמער שטייט אפ א בענקל עפּעס א מינ פּארשוינ, וואָס קוימ רעדט ער אויס א וואָרט שטיקט מענ זיכ פאר געלעכטער, אפילע קינדער, וואָס שטייענ אָנגעשטופּט אונ קוקנ ארייַנ פונ די פּענצטער, לאכנ מעשונע אונ קרימענ זיכ נאָכ. דער פּארשוינ גיט דערנאָכ א געשריי: הארייַ! ליכוויד די מעכוטאָנימ אוליכוויד דעמ באלעבאָס אוליכוויד כל המסובים בכאן[1] שפּילט אָפּ א לעבעדיקס, א פריילעכס! אונ די קלעזמער צעלאָזנ זיכ באלד אפ

[1] קאָל האמעסובימ בעקאנ.

די קיילים, פריילעך, לעבעדיק, ווײַבער מיט מאנצבילן נעמען זיך צונויף און טאנצן א ראָד — האָצ, האָצ.

אלצדינג האָט זיך באַוועגט, אפילו וואנצן אי טאראקאנעס זײַנען ארויס פון די שפּאַלטן, און זיך צעקראָכן איבער די ווענט.

טאנצנדיק פאלט איינער ארויף אף ביניאָמינען אין ווינקל. דער טענצער קוקט אים אין פּאָנעם ארײַן און לאָזט ארויס א געשריי:

— א, ביניאָמין! איך האָב אים דערטאַפּט, כ'לעבן, די קאָשערע מעציע, ער איז דאָ, ער איז דאָ!

אף דעם געשריי לויפן צו נאָך מענטשן. ביניאָמין דערקענט צווישן זיי טוניעיאדעוועקער פּײַנע-בעריעס און דעם דאָרטיקן רעוול. איין קאָל, איין געשריי:

— ביניאָמין, קום טאנצן! ביניאָמין, קום טאנצן!

— איך קען, אָסער, ניט, — בעט זיך ביניאָמין ראכמים, — איך קען זיך נישט רירן פונעם אָרט.

— נישקאָשע, נישקאָשע! — ענטפערט מען אים. — קום, זאָגט מען דיר, דו וועסט קענען. וואָס האָט מען דאָ צו קענען? אָדאָם א מענטש, קאטשקע רוק זיך! ריר זיך, בעהיימע, מיר וועלן נישקאָשע דערציילן.

— זעלדען! — גיט ביניאָמין א געשריי אין איין אָטעם. — איך בעט אײַך, דערציילט נישט זעלדען!

— ריר זיך זשע, בעהיימע! — שרײַט מען אים. — ריר זיך, בעהיימע, שטעל זיך שוין אף די פיס!

— דערבארעמט זיך, יידישע קינדער! — בעט זיך ביניאָמין. — איך קען, כ'לעבן, זיך איצט נישט רירן. איך האָב א טאם, פארוואָס איך קען נישט. ס'איז א סאָד, וואָס איך וועל אים מעגאלע זײַן דעם ראָוו.

און ווי ער כאפּט ארום דעם ראָוו פעסט מיט ביידע הענט אײַנצוראַימען אים אין אויער א סאָד, פילט ער פּלוצלים א שרעקלעכן זעץ אין דער זײַט, אזש ס'איז אים פארגאנגען אין דער נאָז ווי פון כריין. ער גיט זיך פאר ווייטעק א וואָרף, רײַבט די אויגן און זעט, אין שטוב איז גאָר טונקל, די לעוואָנע שײַנט ארײַן פון די פענצטער. ער ליגט לעבן א קעלבל און האלט זי ארומגענומען שטײַף מיט ביידע הענט.

װאָס טוט זיך דאָ אזױנס?! פֿונװאנען נעמט זיך דאָ פּלוצלים א קעלבל? האָט זיך דען ביניאָמין געקעלבט? נאָר װי שיקט זיך עס? אָנגענומען די סװאָרע — ביניאָמין איז א בעהײמע, צען מאָל, הונדערט מאָל א בעהײמע, נאָר ער איז דאָך אָבער א צװײפֿיסיקע בעהײמע, און װו איז דאָס געהערט אי געזען געװאָרן, אז א צװײפֿיסיקע בעהײמע זאָל האָבן א קעלבל?! עמעס, בא אונדז איז דאָ א סאך קעלבלעך, און דאָסראָװ דאפקע אין לײַטישע הײַזער, אָבער דאָס זײַנען דאָך פּאָרט נישט מער װי קעלבלעך אין א מענטשנס געשטאלט. זײ זײַנען נאָך דאָסראָװ גראָד זײער שײן, מיט א שײן פּענעמל און מיט כײנגריבעלעך. אָבער דאָס קעלבל, װעלכע ביניאָמין האלדזט דאָ און נעמט זי שטארק ארום, איז דאָך טאקע פּאָשעט אן עמעס קעלבל. הײַנט פֿונװאנען, איז די קאשע, האָט זי זיך אהער גענומען? א כידעש-ניפֿלע. נישט אנדערש זי איז פֿונעם הימל אראָפּגעפאלן?..

נײן, ראבױסײַ, גלײבט נישט אין הימלשע קעלבלעך. צװישן אלע אונדזערע קעלבער איז אפילע נישט אי אײן קעלבל פֿונעם הימל אראָפּגעשיקט געװאָרן. עס איז גאָר נישט אזא כידעש-ניפֿלע װי איר מײנט. איר האָט זיך אפֿ דעם קעלבל גאָרנישט אזױ צו װוּנדערן און פֿון אים אזא פּײרעש צו מאכן. פּראָסטע איז מאָסטע, נאָר אָן קונצן. די מײַסע דערפֿון איז אזױ געשען.

אז ביניאָמין איז, נישט טױט ניט לעבעדיק, אנידערגעפאלן אין װינקל, האָט ער פּאר גרױס מידיקײַט נישט באמערקט, אז דאָרט ליגט א קעלבל. בעשאס אים האָבן זיך צעשפּילט די געבליטן, איז ער אנשלאָפֿן געװאָרן און אים האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אין כאָלעם די גאנצע כאסענע מיט די מעכוטאָנים און מיט די קלעזמער. ער איז געװען שרעקלעך אומרויִק, זיך אלץ גערוקט, גערוקט אין װינקל. און בעשאס ער האָט אין כאָלעם ארומגענומען דעם טונעיאדעװקער רעװול, האָט ער גאָר ארומגעכאפּט פּעסט דעם פּיעװוקער ארענדארס קעלבל, און אים אײַנגערוימט אין אויער דעם סאָד פֿון זײַן נעסיִע. דאָס קעלבל אָבער האָט עס נישט גערירעס געװען, נישט געװאָלט לײַדן, מען זאָל אים אזױ האלדזן אי שטיקן. עס האָט אױסגעשטרעקט דאָס פּיסל, אָנגערירט ביניאָמינען אין דער דיך, און ביניאָמין האָט זיך אופגעכאפּט.

אז ביניאָמין האָט זיך אופגעכאפּט, האָט ער נאָך אלץ געהאלטן

ארומגענומענע דאָס קעלבל מיטביידע הענט זייער פאַרדולט און צע־מישט. ערשט אין א רעגע שפּעטער האָט ער פון זיך א שטופּ גע־טאָן דאָס קעלבל, זיך אופגעהויבן דערשראָקן און זיך געלאָזט גיין געשווינד. דאָס קעלבל פון זיין זייט, וויבאַלד עס איז לייז געוואָרן פון פרעמדע הענט, איז אויך אופגעשטאַנען געשווינד און זיך גע־לאָזט מאכן א פּלייטע, איז לויפנדיק אַרופּ ראַפּטאָם אַפּ בּיניאָמינען און ביידע זיינען געפאַלן איבער א גרויסן צעבער וואסער, טראַכ מיט א שרעקלעכן קלאַפּ!

שטאַרק דערשראָקן פון אזא טראַכ איז סענדערל און דער אַרענ־דאַר מיט א ליכטל אין האנט אַרויסגעלאָפן פונעם אַנדערן כיידער אין שטוב אריין. זיי גיבן א בליק: אָ־וואַ, א שרעק! בּיניאָמין מיט דעם קעלבל ליגן ביידע אויסגעצויגן אַפּ דער ערד און שווימען פּאָ־שעט אין א לוזשע וואסער, עפּעס נישט אזוי פריש שמעקנדיק!

ווען א לידל־מאַכער זאָל געווען דענסטמאָל זיי ביידע אָנקוקן, וואָלט ער אזוי געמאַכט: „ליבהאַרצעדיקע און זיסע, אי אין ווינקל אי אין דער לוזשע זיינען זיי נית צעשיידט געוואָרן!“

נאָר דער אַרענדאַר און סענדערל זיינען געווען פּראָסטע באָ־סערוואָדאָם, נישט קיין לידל־מאַכער, און האָבן די ליבהאַרצעדיקע אי זיסע באַלד צעשיידט. דאָס קעלבל האָט מען אָפּגעשיקט צו דער מוטער מיט שטעכווערטלעך פאַר איר שלעכטער אופירונג. און בּינ־יאָמינען האָט מען פון דער טווילע אַריינגעפירט אין א באַזונדערן אַלקער און באַלייגט אַפּ עטלעכע קוליקלעך שטרוי מיט א קישן צו־קאָפּן.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

ווי אונדזערע פּאַרשוינענ פאַרשלעפּנ זיכ קיינ טעטעריוווקע און ביניאָמינ כאַפּט א פּאַטש

ביניאָמינס אײוורימ זײַנענ א ביסל אָפּגעגאַנגענ אינ דער לייל טווילע, נאָכ דעמ אָפּשווענקענ זיכ מיט א גאַנצנ צעבער קאַלטע וואַסער, אונ, אופשטײיענדיק אינדערפרי, האָט ער זיכ געפילט פרי־ שער אי געזינטער. ער האָט באַשײַמפּערלעכ אַרויסגעזענ א פינגער פונ ווונדער אינ נעכטיקער מײַסע מיט דעמ קעלבל, וואָס דורכ אימ גראָד איז געקומענ די רעפוע צו זײַנע ווייטעקנ. ער האָט באַ־ וויזנ סענדערלענ דערמיט, ווי אומגערעכט דער זינדיקער מענטש איז, וואָס באַקלאָגט זיכ בעשאַס עפּעס אנ אומגליק אונ פאַרשטייט נישט, אז דאָס אומגליק, קענ זײַנ, פירט גאָר צומ גליק, אונ פונ דער ראָע קומט אַרויס א טויווע; ווי דער אייבערשטער מאַכט פאַר א שאָ־ ליעכ אלע זײַנע באַשעפעניש, אפילע א בעהיימע; ווי א דאָקטער קענ אַמאָל גאָר זײַנ א קעלבל; ווי א מיק אפילע קענ אַמאָל פּיקנ אינ קאָפּ, שטאַרק דאַקוטשענ אונ שטיינ אינ דער גאַרגערעס. פאַר א רײַע דערצו דינט די מיק מיט טיטוס האָראָשע אינ די אַלטע, אַלטע צײַטנ. דאָס נעכטיקע באַגעגעניש איז אימ איצט גע־ וועג א גוטער סימענ, אז די נעסיע זײַנע איז אינ א גוטער מאַזל־ דיקער שאָ, אונ ער וועט אימירצעשעמ מאַצליעכ זײַנ, צו דערגרייכנ וואָס ער ווינטשט.

— א וואַסערטרעגער, וואָס גייט איבער מיט פולנ, איז פונ אייביק

אָן אַ גוטער סימען, אפשיטע שוין אַ גרויסער, אַ פולער צעבער! — האָט סענדערל זיך אָנגערופן און צוגעבאַסעוועט מיט די רייד.

נאָר מאכמעס דעם ווייטעק, וואָס בינימין האָט נאָך געפילט אין די פיס, און מאכמעס די קוליקלעך שטרוי, וואָס דערופ איז אים ווייך געווען צו ליגן, איז בינימין פארבליבן דעם גאַנצן טאָג אין פיעווקע. ער איז געגליכן געווען צו אַ שיף אין יאַם, וואָס האָט זיך געזועצט אַפ אַ זאַמד און קיין גוטער ווינט איז נישטאָ אַראָפּ־צוטרייבן פון דאָרט.

אַפ מאָרגן גאַנצפרי האָט בינימין זיך אופגעהויבן פון זיין געלעגער און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

אַ היפשע צייט איז בינימין געגאַנגען עפּעס ווי מאָרעשכוירע־דיק, שטיל פאַרטראַכט, נישט צו ריידן קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ פּאַטש געגעבן זיך אין שטערן און געבליבן שטיין שטאַרק באַ־טריבט. ערשט אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער געעפנט אַ מויל און אַרויסגעלאָזט מיט אַ קרעכץ די ווערטער:

— אַך, סענדערל, איך האָב פאַרגעסן!

— וואָס פאַרגעסן? וואָס פאַרגעסן? — האָט סענדערל זיך אָנגעגע־רופן און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער טאָרבע.

— אין דער היים, סענדערל, אין דער היים האָב איך פאַרגעסן!

— אַי, בינימין, וואָס פעלט דיר אַיין? — האָט סענדערל גע־מאַכט. — מיר האָבן, דאַכט זיך, מיטגענומען אַלצדינג, וואָס נייטיק איז מענטשן אין וועג אַריין: אַ טאָרבע, נישט צו פאַרזינדיקן, איז דאָ, טאַלעס־און־טפילן מיט סידורים איז אויך דאָ, שאַבעסדיקע קאַ־פּאָטעס — אויך דאָ. דאַכט זיך, אַלצדינג, באַרעכאַשעם, איז דאָ, אַלצדינג האָבן מיר פאַרנומען. וואָס גייט אונדז דען אָפּ? און וואָס האָבן מיר אַזוינס געקענט פאַרגעסן?

— די זאַך, וואָס איך האָב פאַרגעסן, סענדערל, איז זייער וויכ־טיק, נייטיק אין לעבן אַריין, האַלעוויי אַלצדינג זאָל אָפּלויפן בע־שאָלעם, נאָר בעיִם, כאָלילע, לאָ יעלה ולאָ יבואָ [1], גאָט זאָל שוימער־אומאַצל זיין, אַפן וועג וועט עפּעס מייסע־סאָטן גע־שען, דענסטמאָל וועלן מיר ערשט דערפילן דעם גרויסן ווערט פון דער טייערער זאַך, וואָס איך האָב פאַרגעסן. אַרויסגייענדיק פון דער

[1] לוי יאַאַלע וועלוי יאַוואָ.

היימ, האָב איכ אינ אײַלעניש פארגעסנ צו זאָגנ א שפרוכ, וואָס שטייט געשריבנ אינ א סייפער, אויסגענומענ פונ א גאנצ אלטנ קסאוויאד. דער שפרוכ מוז געזאָגט ווערנ פאר א נעסיִע, ארויסגיי־ענדיק פונ דער היימ, בא דער ראָגאטקע, אונ מענ איז אָרעוו, אז ער איז א זיכערע שמירע אינ וועג פאר קאָלאמ׳נע כאקאָנעס אונ שלעכטע באגעגעניש, — אָט וואָס איכ האָב פארגעסנ!

— עפשער איז דײַנ גוטער ווילנ זיכ אומקערנ אהיימ? — האָט סענדערל געזאָגט ביטמימעס.

— דו ביסט מעשוגע, צי כאָסערדייע! — האָט ביניאָמינ א געשריי געטאָנ, אונ דאָס גאנצע בלוט איז אימ אינ פאָנעמ ארײַנ. — ס׳טײַטש, וואָס הייסט, זיכ אומקערנ אהיימ? נאָכ אזויפיל מי אונ אָנגיינ זיכ אזא וועג — פלוצלימ אומקערנ זיכ! סטײַטש, אונ די וועלט? וואָס וועט זאָגנ די וועלט?

— וואָס הערנ מיר, ביניאָמינ, די וועלט? — האָט סענדערל זיכ אָנגערופנ. — די וועלט האָט דענ דיכ געבעטנ מאכנ אזא נעסיִע? האָט זי דענ מיט דיר א קאָנטראקט געמאכט אונ דיר אפ הויצאָעס געגעבנ, דו זאָלסט גיינ וואנדרעווענ?

— גאנצ סייכלדיק! — האָט ביניאָמינ זיכ נאָכגעקרימט. — אונ אלעקסאנדער מוקדענ, אימ האָט דענ די וועלט געבעטנ, ער זאָל גיינ קיינ הינדיאָ אונ מילכאָמע האלטנ דאָרט? אונ די אלע וואנדערער בא אונדז יידנ האָט דענ די וועלט געבעטנ ארומצוּוואנדרעווענ פונ שטאָט צו שטאָט?

— וויס איכ? — האָט סענדערל געמאכט מיט א שמייכעלע — פונמײַנעטוועגנ האָבנ זיי אלע געמעגט, כ׳לעבנ, זיצנ אינ דער היימ. עס וואָלט, דאכט זיכ, בעסער אונ גלײַכער געווענ פאר איטלעכנ. אכ, נארעלע, נארעלע, דו, אלעקסאנדערל מוקדענ, דו האָסט אינ דער היימ פונ קאָלטוּוו, זיצ, לעב דיר צופרידנ אונ גלעט דיר דאָס בײַכל. צו וואָס טויג דיר נאָכ, נארעלע, הינדיענ? סידי דאָמא דא ני ריפײַסא, איז דאָ א אוילעמס ווערטל. אונ דער אוילעמ זאָגט: א אוילעמס ווערטל איז, לעהאוודל, א געמאָרע. מער כידעש איז אפ אונדזערע יידעלעכ. זיי האָבנ דאָכ טאקע יאָ געמעגט האלטנ פונ דער געמאָרע, זיצנ אפ זייער אָרט אונ באשעפטיקנ זיכ איטלעכער מיט זײַנ זאכ. צו וואָס טויג דאָס ארומוואנדרעווענ, דאָס ארומבלאָנ־

קען זיך ווי א דולער הו-הא־הא, נישט צו וויסן אליין פונעם געזונט, פונעם לעבן, און נאָר אומזיסט־אומנישט רײַסן שטיוול? ווי איך בין א ייִד, בינִיאָמין! איך זאָל אזא פארשוין באגעגענען, וואָלט איך אים גײַכל אפּן אָרט אָפּגעזאָגט דעם אוילעמס ווערטל, לעהאוודל,— די געמאָרע מיין איך.

א היפּשע צײַט האָבן אונדזערע פארשוינען זיך אוועקגעהאמפּערט. סענדערל האָט געפרעגט קאשעס, און בינִיאָמין האָט אים אלץ אויסגעוויזן, אז ער איז א נאר און האָט קיין פּיצל יעדיִע נישט אין אזעלכע זאכן.

סענדערל איז דענסטמאָל געגליכן געווען צו א פערדל, וואָס טאָמעד דינט עס זײַן האר געטרײַ און פאָלגט אים אין פײַער, אין וואסער ארײַן, פלוצלים מאכט זיך אמאָל, פאלט אף אים אָן פון דער העלער הויט עפּעס א מאנקאָליע, עס שפּארט זיך אײַן, שטעלט זיך דיבאָם און וויל זיך נישט רירן פונעם אָרט, כאָטש טו זיך דאָ, סאָנע־ציִען, א מײַסע אָן. און ווען בינִיאָמין האָט דענסטמאָל ניט געשמיסן דעם אײַנגעשפּארטן סענדערלען מיט א בײַטש, דערפאר האָט ער אים דורכגעבויקערט מיט זײַן זיס צינגל און אים אָפּגעשאָטן מיט רייד, ביז סענדערל איז געוואָרן ווייך ווי א טייג, א גוט פערדל ווי פריִער. ער האָט אופגעשטעלט די אויערן הערנדיק בינִיאָמינס רייד, וואָס האָבן געבראָכן דעם מויעך, און לעסאָף האָט ער זיך אָנגערופן, ווי זײַן שטייגער איז געוויינטלעך, מ, ט די ווערטער:

— אויב דו ווילסט דאפקע אזוי, זאָל זײַן אזוי. וואָס פאר א דײַגע איך האָב?

אז בינִיאָמין איז פארטיק געוואָרן מיט סענדערלען, האָבן זיי זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג ארײַן, און נאָך דעם, אז זיי זײַנען זיך אָנגעגאנגען אף וועגן און זײַטנוועגלעך, זײַנען זיי נישט־טויט נישט־לעבעדיק אָנגעקומען קיין טעטעריווקע.

טעטעריווקע איז די ערשטע גרויסע שטאָט, וואָס אונדזערע וואנדערער האָבן געזען אין זייער לעבן. דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זיי האָבן געקוקט אף די גלײַכע אויסגעברוקירטע גאסן אי אף די גרויסע הויכע מויערן און נישט געקאָנט זיך זאט אָנקוקן. קימאט אף די שפּיצן פינגער זײַנען זיי געגאנגען אף די טראָ־

טוארנ און געהויבנ די פיס עפעס מעשונע, גלײַכ ווי זיי וואָלטנ זיכ געהיט צו שטארק נישט צו בארירנ די גלאטע שטיינער און נישט אָנמאכנ, כאָלילע, קיינ שאָדנ. פיס, וואָס האָבנ נישט עפעס אזא גוטע דאָליע בא זייערע באלעבאטימ אינ די קליינע שטעטלעכ און וואָס מענ מאכט דאָרט פאר זיי נישט עפעס גרויסע צערעמאָניעס! קליינשטעטלדיקע פיס, וואָס ווייסנ, נעבעכ, נישט פונ קיינ פאָדלאָגע צו זאָגנ אפילע אינ שטוב, וואָס קריכנ, נעבעכ, ווי די כאזיירימ אינ בלאָטע, וואָס זייערע באלעבאטימ שטעקנ זיי גייענדיק טיפ אהינצו ארײַנ און דראָלנ מיט זיי פראָסטע־מאָסטע, גאָר אָנ שומ מעלאָכעס, — אזעלכע פיס מוזנ בעעמעס מעוווּלוול ווערנ ווי די שיקערע, אז זיי דערפילנ פלוצלימ אונטער זיכ א בריק פונ שטיינער, און מוזנ פאר גרויס קאָוועד טאקע א ביסל אונטערשפרינגענ און נישט וויסנ א צײַט זיכ וווהינ־צו־טאָנ. פרישע ערשט־אָנגעקומענע קליינשטעטלדיקע פיס וועט איר באלד דערקענענ אפ די אויסגעברוקירסע גאסנ אינ די גרויסע שטעט.

אונדזערע טונעיאדעווקער פארשוינענ זײַנענ געגאנגענ ווי מיט א פארקלעמט הארצ און בעהאכנאָע אָפגעטראָטנ פאר איטלעכנ דעמ וועג. סענדערל פלעגט אינ אזא פאל אָנעמענ ביניאָמינענ פאר דער פאָלע און אימ א שלעפ טאָנ אינ דער זײַט. א מאָל איז דורכדעמ סענדערלענ אויסגעקומענ צו כאפנ א שטיק טענצל מיט עמעצנ, וואָס איז געקומענ אקעגנ. יענער איז זיכ געגאנגענ גלײַכ זײַנ וועג און האָט זיכ אָנגעשלאָגנ מיט סענדערלענ, וואָס מאכמעס דעמ אָפטרעטנ האָט ער אימ פונקט גאָר פארשטעלט דעמ וועג. יענער כאפט זיכ רעכטס, אָבער אונדזער סענדערל האָט אימ מאקדימ געווענ און שטייט שוינ גרייט. ביידע ווארפנ זיכ לינקס און ווײַטער רעכטס, ביז יענעמ געראָט לעכאָפ אויסצומײַדנ זיכ. איינער, וואָס איז גראָד נישט אופגעלייגט געווענ צו טאנצנ מיט סענדערלענ, האָט אימ פראָסט אָנגענומענ און א וואָרפ געטאָנ אינ דער זײַט, אז די ציינ זײַנענ אימ שיר נישט ארויסגעפאלנ.

אלצדינג זײַנענ פאר אונדזערע פארשוינענ געווענ נײַ, אלצדינג האָט זיכ זיי אויסגעוויזנ, טײַט אפ זיי מיט די פינגער. די דראָשקעס שרײַענ, די פאעטאָנענ פילדערנ, די טויערנ שטייענ האָפערדיק, קוקנ שטאָלצ מיט זייערע גרויסע גלעזערנע טאפליעס, און די מענ-

טשן קרימענ זיך. אלצדינג שרײַט זיי נאָך: טארבעס, קאפּצאָנים־לעך! טארבעס, קלײנשטעטלדיקע ייִדעלעך! טארבעס, טארבעס!

— הערסטו, בּיניאָמין! — האָט סענדערל געזאָגט, נאָך דעם, אז ער האָט פארריסן דעם קאָפּ און געקוקט אפ די מויערן מיט דרערעכ־ערעצ. — איך מײן, בּיניאָמין, דאָס איז סטאמבול.

— גיי שוין, גיי, נארעלע, ווי קומט עס צו סטאמבול? — האָט בּיניאָמין געמאכט מיט אזא מינע, גלײַך ווי ער איז א סטאמבולער א געבּירטיקער. — סטאמבול, נארעלע, האָט טאק מאָל טאק גאסן, איטלעכע גאס האָט טאק מאָל טאק פּופּצן, צוואנציק, אָדער עפּשער דרײַסיק־גאָרנדיקע הײַזער, און אין איטלעכן הויז וווינען טאק מאָל טאק מענטשן! דו מײנסט, אז דו בּיסט שוין פּארטיק? ניין, ווארט נאָר, ווארט, נארעלע אײנער, הײַנט איז נאָך דאָ קלײנע גאסן, יור־דיקעס, קאטשעניוועקעס, מאָטשעניוועקעס, פּיסקעס, יארן און פּאָדאָלן קעכויל האיאָם!

— אײַ, אײַ, אײַ! — האָט סענדערל געמאכט פאר גרויס ווּנדער — ס׳איז דאָך עפּעס גאָר א שרעק, כ׳לעבּן, אזא גרויסע שטאָט! נאָר איך בּעט דיך, בּיניאָמין, פונוואנען קומט עס אָט־די אלע גרויסע שטעט? מענטשן זאָלן זיך צונויפשטיקן אין אײן אָרט און ליגן אײנער איבּער דעם אנדערן, גלײַך ווי די וועלט איז ווייניק און נישטאָ מער קײן ערד! עס מוז דאָך אוואדע דערינען עפּעס זײַן, וואָס מענטשן דערוויײַטערן זיך פון דער ערד און ווילן אלץ פליִען אין הימל, אין די הויכע, הויכע פענצטער. זאָל עס עפּשער זײַן דעריבּער, וואָס דעם מענטשנס נעשאָמע וואקסט פון הימל און מאכ־מעס דעם ציט עס אים, נעבּעך, אלץ ארויף, ארויף, און ער האָט זייער שטארק כײשעק אויסצושפּרייטן די פליגעלעך און זײַן אלץ פונויבּן? וואָס זאָגן דערצו עפּעס דײַנע כאקראָנים, בּיניאָמין? האָסטו נישט בּאגעגנט מיקויעך דעם עפּעס א שמועס אין דײַנע בּקירע־ספאָרים?

— אלפּי בּקירע, — האָט בּיניאָמין געמאכט מיט א קנייטשל, — איז וועגן דעם איניען דאָ א גאנצ ווײַטער שמועס. איך האָבּ שוין דערפון אפילע געהאט אמאָל צו טאָן בּא אונדז אין בּעסמעדרעש אונטערן אויוון, און דורך דעם איז פארענטפערט געוואָרן די געמאָרע פון די צען טעפּ אָרעמקײַט, וואָס זײַנען אראָפּגעשיקט געוואָרן אפ דער

וועלט, ווי אויך דער פּאָסוק: כּי מלאה הארץ חמס[1], די וועלט איז פול געוואָרן מיט רויב. נאָר איך וועל עס דיר אַ ביסל מאסביר זיין, אלפּי אונדזער טוירע. כּומעש האָסטו דאָך געלערנט, סענדערל. לויט ווי עס שטייט אין כּומעש, האָבן אונדזערע עלטערן גאָר טכילעס, אין די פריערדיקע דוירעס, געוווינט אין געצעלטן, נאָר בעשאַס דעם דאָר האפּלאָגע האָבן אלע מענטשן זיך פאַרקליבן אין איין אָרט, זיך גענומען מאכן ציגל און אויסבויען אַ שטאָט מיט הויכע מויערן אין הימל. אינדערמיט אַרבעט טאַקע איז שוין אָפּ זיי אָנגעפאַלן אַ ביזע מעהומע, אַ געטומל. איינער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אַנדערן, און די גאַנצע פּירונג דאָרט איז עפּעס אויסגעקומען קאַפּויר. אַ נעס, וואָס גאָט האָט זיי באַלד צעטריבן, האָבן מענטשן ווידער אָנגעהויבן צו לעבן, עטלעכע פריער, און די וועלט איז ווייטער אופגעריכט געוואָרן. נאָר דער כּעס פונעם דאָר האפּלאָגע האָט נאָך אינגאַנצן נישט אופגעהערט. פון יענער צייַט אָן צים זיך נאָך אַלץ, באַאוווינויסייִנו־האַראַבים, די טייַוועס בײַ מענטשן צו שטיקן און צונויפּשטיקן זיך, אויסצומויערן זיך הויך, צו מאכן זיך אַ שעם און פליִען אין הימל. — וואָס האָסטו אין מיר זיך אָנגעטשעפּעט ווי אַ זלידניע? — זאָגט אוראָם צו לאָטן. — לעמיי זאָלן דייַנע מענטשן זיך קריגן מיט מייַנע איבער אַ שפּאַן ערד? די גאַנצע וועלט שטייט דאָך פאַר דיר פרייַ, גיי דיר וווּהין דו ווילסט און לאָז מיך געמאַך!

נאָך איידער נאָך בינימינען האָט געענדיקט דעם שמועס, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטאַרקער געשריי פון אַ פאַרטשיק, וואָס איז אונדזערע פאַרשוינען אָנגעפאַרן פון הינטן און האָט זיי שיער נישט מאזיק געווען מיט דעם דישל.

— אוכניאָקעס! — האָט דער פאַרטשיק געשריגן אין איין אָטעם און געמאַכט אָפּ זיי מיט דער בייַטש. — וואָס קריכט איר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווי די ראַקעס, און פאַרשטעלט דעם וועג! היי, היי, יאַלדן! היי, היי, פלאַכטן!

אונדזערע פאַרשוינען, נעבעך, האָבן געהויבן פיס און געלאָפן פאַר שרעק ווי די פאַרסאַמטע מייַז, דער אַהין און דער אַהער.

לויפנדיק האָט סענדערל זיך אַ זעץ געטאָן אין אַ סטופּ און זיך אויסגעצויגן, נעבעך, ווי גרויס ער איז, אָפּ דער ערד.

[1] קי מאַלעאָ האָאָרעץ כאָמאָס.

בינימין האָט אין איינעניש זיך אָנגעשלאָגן אין א קויש מיט אייער, וואָס א קורעלאפּניטשקע האָט געטראָגן. די אייער האָבן זיך צעבראָכן, און אף אים האָט זיך געעפנט א געגעם, א פּיסק, א פייער, א געשריי. יענע פון די צעבראָכענע אייער, נעבעך, האָט אים אָפּגעשאָטן מיט טויטע קלאָלעס, זי האָט אים געוואָלט אָפּשטעקן אָדער זי האָט אים שוין טאקע אָפּגעשטעקט א פּאטש און שטארק כיישעק געהאט איינצופלאָנטען זיך אין זיינע האָר. קורץ, בינימין האָט גענוג געלייזט ביז ער איז קוים מיט צאָרעס לעבעדיק ארויס פון אירע הענט און געמאכט א פּלייטע אין א הינטערגעסל, וואָס אהינצו איז אויך סענדערל באלד צוגעקומען.

— אָט האָסטו דיר א גרויסע שטאָט! — האָט סענדערל געזאָגט און אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע דעם שווייס פון זיין פּאָנעם. — דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ רו נישט. ווייסט זיי אלע דער שווארציאָר!

— דאָס ציט זיך נאָך אלץ פונעם דאָר-האפּלאָגע, — האָט געענטפערט בינימין, וואָס האָט געסאָפּעט ווי א גאנדז, — דאָס אלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אלץ דאָר-האפּלאָגע, מיט זיין בייזער מעהומע, זיין געטומל, גניוועס, גזילע און רעציכע!

— א, אין דער ערד ארײַן מיטן קאָפּ! — האָט סענדערל א מאך געטאָן. — קום, בינימין, לאָמיר זיך אויסרוען! דו זעסט עפּעס שרעקלעך אויס, עס פיינערט דיר עפּעס א באק, א רועך אין דער כצופּעס טאטן ארײַן! וויש נאָר אָפּ, זײַ מויכל, דעם פּאָנעם. די כצופּע האָט, אפּאָנעם, בעשאס-מײַסע דיך אויסגעשמירט מיט געלכן פון אייער!

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

ווי צוליב בינימינען ווערט אַנ איבערקערעניש אינ דער פּאָליטיק

אינ איינעמ פונ די טעטעריווקער קלייזלעכ האָט שטאַרק געקאָכט פונ דער דענסטמאָליקער קרימער מילכאָמע. דער אונטעראויוונ איז צעפאַלנ אַפ פאַרשיידענע קיטעס. איטלעכע קיטע מיט איר פּרעזידענט אונ מיט איר גאַנג אינ דער פּאָליטיקע.

כייקל באַלמויעכ אונ זיינ קאָמפּאַניע איז זייער באַשעפטיקט געווענ מיט דער מומע וויטענ, פלעגט זי צעלייגנ אַפ טעלערלעכ אונ באַווייזנ די האַסבאָרעס אי די שפּיצלעכ, וואָס אינ איר שטעקט.

כייקל איז געווענ אַמאָל אַ שטיקל זייגערמאַכער, ער האָט געהאַט אַ גרינגע האַנט צו מאַצע-רעדלענ, קיינער האָט ניט געקענט אַזוי ווי ער אַ סוקע מאַכנ. דאָס לאָקשנברעט, די לאָפּעטע, די מילכעדיקע באַנק, דאָס טשאָלנטברעטל אונ די צעבראָכענע שטייג פונ אויפעס זיינענ אינ קיינעמס סוקע ניט געווענ אַזוי גוט צוגעפּאַסט ווי אינ זיינער. דעריבער, ווענ עס פלעגט נאָר אויסקומענ עפּעס אַ רייד אינ מאַשינענ-זאַכנ, פלעגט דער עולעמ האָבנ פאַר אימ אָפּשיי אונ זאָגנ:

— דאָס געהער זיכ אָנ מיט כייקלענ, כייקל ווייסט.

כייקל פלעגט אַלצ דערציילנ ווונדערלעכע זאַכנ פונ מעשונעווילדע ענגלישע מאַשינעס, אַזש די האָר פלעגנ זיכ שטעלנ פּאָשעט קאַפּויער הערנדיק. אונ אַז איינער האָט אימ אַמאָל מאַפּסיק געווענ די רייד מיט עפּעס אַ קאַשע אונ אימ געפרעגט דעמ סייכל דערפונ,

פלעגט כײַקל דערקלערן דאָס אײנגאַנצן קורץ און פּראָסט מיט עפּעס אַזאַ מין שפּרינזשינקעלע און דערבײַ מאַכן אַזאַ מינע מיט אַ זיס שמײכעלע, גלײַך ווי ער וואָלט פֿאַרענטפֿערט אַ קלאָץ־קאַשע און יענעם געעפֿנט די אויגן. האַקלאַך, מיט אַ שפּרינזשינע האָט כײַקל דערקלערט אַלצדינג, אי דעם זייגער, אי דעם טעלעגראַף, אי אַ שפּיל־פּושקעלע און אַלע אַנדערע מינע האַמצאָעס אויף דער וועלט. איציק פֿאַשטן אָבער איז קײנמאָל נישט צופֿרידן געווען מיט כײַקלס שפּרינזשינקעס. ער פֿלעגט קוקן דערויף עפּעס ווי אויף אַפּיקאָרסעס און מאַכן מיט אַ געשפּעט:

— באַלד וועט שוין כײַקל זאָגן אַז אַ גוילעם אוכדוימע אַזעלכע מאָפּסים זײַנען אויך דורך אַ שפּרינזשינקעלע!... פּע, פּע, כ׳לעבן! זײַנע אַלע זאַכענישן זײַנען, פּאַשעט איז פּאַשעט, איך בעט אײַך אײבער, גאַרנישט, טאַקע עמעסע נאַרישקײַטן.

און ווײַל כײַקל באַלמויעך איז געווען פֿאַרקאַכט אין וויטען, דעריבער האָט איציק פֿאַשטן, כײַקלס באַשטענדיקער מיסנאַגעד אין אַלע זאַכן, זיך אָנגעטשעפּעט אין דער מומע ראָסיע און זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר איר מיט אַלע קרעפֿטן. איטלעכער פֿון ביידע צדאָדים האָט שטאַרק געאַרבעט צו בייגן אויף זײַן זײַט די איבעריקע קאָמפּאַניעס. איז כײַקל שוין געשטאַנען אויף אַ שטיקל שטייגער מיט שמוליק באָקסער, דער פּרעזידענט פֿונעם פּעטער יִשמאָעלס קנופּיע, און האָט שוין קימאַט ווי האַלב זיך אויסגעגלײַכט מיט בערל פֿראַנצויז, נאָפֿאַלעאָנס אַ הייסער כאָסיד, האָט איציק אָנגעמאַכט אַ האַרמידער און צוגעצויגן צו זיך טעוויע מאָך, קירעס מענטש. פּאַטשטשן זײַנען געפֿלויגן פֿון אַלע זײַטן. איטלעכער האָט געלאָזט זײַנע ראַציעס, די וועלט האָט זיך געקערט און דאָס קלײַזל האָט זיך פּאַשעט געוויגט!

אָט אין דער דאָזיקער צײַט בעשאַס דער גרויסער מעהומע זײַנען אונדזערע פֿאַרשוינען אָנגעקומען קיין טעטעריוווקע און זיך אָפּגעשטעלט אין דעם דאָזיקן קלײַזל אויף סטאַנציע.

סענדערל מיט זײַן כאַראַקטער איטלעכן נאָכצוגעבן האָט אין די איניאָנע־האַפּאָליטיקע אויך זיך נישט אײַנגעשפּאַרט און איטלעכן צוליב געטאָן אַזוי ווי ער וויל. דו ווילסט אַזוי, פֿלעגט ער זאָגן, וואָס פֿאַר אַ דײַגע איך האָב, זאָל זײַן אַזוי. און דעריבער טאַקע האָט

ער שטאַרק גויסע־בײַנ-געווענ און איז באַלד איטלעכנ געפעלנ. באַמ ערשטנ שאָלעמ־אַלייכעמ איז בא דעמ אוילעמ געבליבנ, אַז סענדערל איז אָנ א גאַל, א ייִד אָנ כאָכמעס, וואָס האָט אינ זיכ נישט די מידע פונ אקשאָנעס. און ווענ סענדערל איז געווענ אופגעטראָגנ מיט אַלע גלײַכ גאָר אָנ א שום כילעק, אקעגנ זשע איז ביניאָמינ געווענ אַנ איבערקלײַבער און גאָר צומ ערשטנ איז אימ מער פינ אַלע עפּעס געפעלנ שמוליק באָקסער, צו וועלכנ ער האָט ביסלעכווײַז זיכ צוגעלאָזט, ביז ער איז מיט אימ געוואָרנ שטאַרק כאַווער. ביניאָמינ האָט אימ מעגאַלע געווענ דעמ גאַנצנ פלאַנ פונ זײַנ נעסיע, און שמוליקנ איז די זאַכ זייער שטאַרק געפעלנ. ער האָט מיקויעכ דעמ איבערגעשמועסט מיט כײַקלענ, כײַקל האָט דאָס גענומענ אפ זײַנ מויעכ; און האַגאַמ די זאַכ איז אימ אויסגעקומענ א ביסל שווערלעכ, דאָכ איז דאָס אימ געגאַנגענ אינ קאָפּ, ער האָט באַלד טאַקע אינ א סעסיע מיט בערל פראַנצויז און טעוויע מאָק אפּירגענומענ דעמ דאָזיקנ איניענ און זיי האָבנ זיכ דערופּ שטאַרק פאַרכידעשט.

— ביניאָמינ — האָבנ זיי געזאָגט — זעט טאַקע עפּעס ניט אויס ווי א געוויינטלעכער מענטש, ער איז עפּעס ווי צעטראָגנ, נישט אפּ דעמ אוילעמ. אַז ער רעדט, איז שווער צו פאַרשטיינ וואָס ער מיינט, ער פאַרטראַכט זיכ אַמאָל, שטעלט אויס א פּאָר גלעזערנע אויגנ און שמייכלט. זײַנ הילעכ און זײַנע אַלע פּאָסטעמקעס זײַנענ עפּעס מעשונע. דאָס אַלצדינג באַווײַזט, אַז ער איז העט־העט גאָר פונ אַנ אַנדערער מאַדרייגע נישט גלאַט א מענטש. אינ אימ מוז בעוואַדע עפּעס שטעקנ, גלאַט פּאָשעט קענ עס לעגאַמרע נישט זײַנ. ווער ווייסט, עפּשער איז דער ביניאָמינ גאָר נישט קיינ ביניאָמינ, א קאַשע אפּ א מײַסע!...

אַז ביניאָמינ און סענדערל זײַנענ פאַרסאָפּעט אַרײַנגעקומענ אינ קלײַזל נאָכ דער מײַסע מיט דער ייִדענע פונ די אייער, איז דאָרט געווענ א שרעקלעכער געפּילדער. די סעסיע פונ אונדזערע פּאָליטיקער האָט שטאַרק זיכ מעפּאַלפּל געווענ מיט איציק פּאַשטנ, וואָס ער האָט זיכ געריסנ אפּנ גאָרגל און איטלעכנ אַריבערגעשריגנ.

— נאַט זעט, וואָס שטייט אינ יויסיפנ, — האָט איציק געשריִענ אינ איינ אָטעמ און געטײַט מיטנ פינגער אינ א סייפערל, — אינ יויסיפנ שטייט, אַז אַלעקסאַנדער מוקדענ האָט געוואָלט גיינ צו די קינ-

דער יוינאָדאָוו בען רייכאָוו. איז ער דערגאנגען ביז צו די האָריי־
כווישעכ, און ער מיט זײַנע גיבוירים האָבן דאָרט נישט געקענט לאכ-
לוטן גיין, זייערע פיס זײַנען געזונקען אין בלאָטע ביז איבער די
קני. מאכמעס די זון שײַנט דאָרט נישט, איז די ערד אין יענעם אָרט
שטארק זומפּיק. הײַנט פארשטייט איר שוין: אלעקסאנדער מוקדען,
דער גרויסער אלעקסאנדער מוקדען, וואָס איז געפלויגן אף אן אָד־
לער און וואָס איז שוין געווען בא די טירן פונעם גאניידן, ער
האָט נישט געקענט אריבער די האָריי־כווישע:, מיקאָלשעקיין אײַער
פארשוין, אזא נעפעש ווי ער! עס וועט אים נישט העלפן דערצו
אפילע כײַקל מיט אלע זײַנע שפּרינגזשינקעס.

— דו, גראָבער קאָפּ איינער!—האָט כײַקל זיך צעלאָזט אף א קאָל
און געטיטשעט איציקן מיטן גראָבן פינגער. — ווו זײַנען דײַנע אויגן?
אדעראבע, זע טאקע, וואָס דאָ שטייט ווײַטער. ער זאָגט: אז אלעק-
סאנדער מוקדען האָט דאָרט געהערט אויפעס, פייגלעך ריידן יעוואָ-
ניס. איין פויגל האָט אים געזאָגט בעזע־האלאָשן: דײַן מי איז
אומזיסט, ווײַל דו ווילסט קומען אין גאָטס הויז און אין דעם הויז
פון זײַנע קנעכט, די בניי אווראָהאָם יִיצכאָק וועיאקאָח—הײַנט פאר־
שטייסטו שוין, גראָבער קאָפּ איינער, פארוואָס אלעקסאנדער מוקדען
האָט אהינצו נישט געקענט גיין?

— מיילע, וואָס וועסטו אָבער טאָן, מײַן גרויסער באלמויעכ,
אויב עס קומט גאָר אויס ווי די יעש־אוימרים דאָרט, אז די אסע-
רעס-האשוואָטים מיט די רויטע יִידלעך אָדער די בניי-מוישע ווינען
גאָר דאָרט ערגעץ לעבן דעם לאנד פונעם פריסטער יאָן? נו,
הײַנט לאָז דײַן נעפעש מויכל זײַן געפינען ערגעץ דאָס לאנד פו־
נעם פריסטער יאָן! מאָרגן נאָכן קאלטן קוגל!

— עט, נארישקײַטן, איציק! כ׳לעבן, נארישקײַטן.

— ווארט נאָר, ווארט, מײַן באלמויעכ! עס איז עפּעס נאָך דאָ
א סאמבאטיען אויך! וואָס וועט ער טאָן מיט דעם סאמבאטיען, וואָס
ער שלײַדערט א גאנצע וואָך שטיינער? לאָמיר שוין אָנעמען אין
דער סוואָרע, אז ער איז שוין אריבער די האָריי-כווישעכ, ער האָט שוין
געפונען דאָס לאנד פונעם פריסטער יאָן. נו, קומט ער צו צום סאמ־
באטיען, טפּררו! עס רעגנט מיט שטיינער, אומעגלעך צו שטעלן א
פוס, דאָס דאָ וועט דאָך אים נישט העלפן אפילע דײַן וויטע. זי

זאָל זיך אפילע שטעלן מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארופּ.

— הע, הע, דו טשעפּעסט שוין זיך אין וויטען! אָט וווהין דו ביסט פארקראָכן.

— וואָס איז דאָס אינעמעסן פאר א גאנג, איציק, אומזיסט-אומגישט שפּעטן פון די מאלכיעס, — האָט בערל פראנצוויז זיך ארייַנגעמישט מיט פארדראָס. — מיר ריידן דאָך איצט פון ביניאָמינען, זידל דיר ביניאָמינען און מיש ניט ארייַן די מאלכיעס, איך בעט דיך!

— פארוואָס זידלען ביניאָמינען? — האָט זיך אָנגערופן טעוויע מאָק. — ביניאָמין גייט, דאכט זיך, אפ א דערעך. דורך אים קען ניצ-מאך ווערן יידן א יעשוע.

— איַי, מאָק, מאָק! — האָט איציק געמאכט מיט טארומעס און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אפ דיר, מאָקעניו, האָב איך מיך, כ'לעבן, נישט געריכט, אז דו זאָלסט האלטן מיט זיי און מאכן אזא פיירעש פון ביניאָמינען. וואָס האָסטו אין אים אזוינס דערזען?

— הערט נאָר, איך בעט אייַך, א גאנג פון א מענטשן: וואָס האָסטו אין אים אזוינס דערזען?! — האָט שכוליק באָקסער זיך נאָכגעקרימט מיט א געשפּעט. — מעשוגע ביסטו הייַנט, איציק, צי וואָס? זייַן אָפּגעלאָזנקייַט, זייַן צעטראָגנקייַט, זייַן קוקן, זייַן ריידן מיט זייַן גאנץ באנעמען באווייַזן, דאכט זיך, זייער גוט, ווער ער איז אזוינס. דאָס פּאָנעם איז דער בעסטער שפּיגל. אויב דאָס אלצדינג איז בא דיר קיין באווייַז נישט, ווייס איך שוין ניט, וואָס הייסט בא דיר אזוינס א מענטש. אדעראבע, איך בעט דיך, אָט איז ער איצט אלייַן אָנגעקומען. קוק אים, זייַ מויכל, אָן, און זאָג, אויב דו ביסט נישט מעשוגע, טאקע ריין כאָסעדדייע... איר זעט, עפּעס פלאמט אים דאָרט א באק, און דרייַ געלע פּאסקעלעך ציִען זיך אים ווי א שין אפן פּאָנעם! נו, איציק, וואָס פאר א פּאָנעם האָסטו איצט?

איציק איז צוגעגאנגען נעענטער צו ביניאָמינען, האָט אים אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, אים א שפּייַ געטאָן קימאט אין פּאָנעם ארייַן און איז אוועקגעגאנגען אין אייַן קאס.

פון דעם דאָזיקן שמועס אָן וועגן ביניאָמינען האָט באקומען די פּאָליטיקע אן אנדער פּאָנעם. שמוליק באָקסער מיט בערל פראנ-

צויז האָבן געשלאָסן בלאָט מיט כייַקלען. וויטע האָט ארויסגעשיקט אין יאַם טויזנט גרויסע אָקרענטן מיט שרעקלעכ ווילדע מאשינעס, דער פעטער ישמאָעל איז אריבער דעם פּרוט און נאפּאָלעאָן האָט געשאָסן מיט באָמבעס אפ סעוואסטאָפּאָל, טעוויע מאָק איז געשטאַגען אפ מישקוילעס, נישט אהינ נישט אהער, געדרייט מיט דער צונג נישט צו וויסן, מישטיינסגעזאָגט, אפ וועלכער וועלט ער איז. און איציק פּאשטען איז געבליבן איינער אליין ווי אפן וואסער. ער האָט, נעבעכ, געארבעט אפ אלע קיילים, און שיר נישט געשפּרונגען ארויס פון דער הויט. א קאַטאָוועס איינער אקעגן אזא כעוורע! דערפאר האָט ער זיכ פארעסן אפ ביניאָמינען, ער האָט פון יענער צייַט אָן זיכ אלץ צו אים געזוכט און אים געטאָן אין דער גאל אריַין.

„גאָט איז מייַן איידעס, — דערציילט ביניאָמין אין איין אָרט, — אז איכ האָב מיכ נישט געמישט אין דער פּאָליטיקע, וואָרעם איינמאָל, צו וואָס טויג עס? צווייטנס, וואָס געהער זיכ עס מיט א יידן אָן? פונמייַנעטוועגן האָט געמעגט זייַן אזוי אָדער אזוי, אלץ גלייַכ. סענדערל מייַנער האָט אין אזעלכע זאכענישן זיכ אויכ, אָסער, נישט געמישט. און פונדעסטוועגן האָט מיכ איציק נישט געלאָזט רוען, איכ האָב פון אים נישט געהאט קיין טאָג און קיין נאכט. אמאָל פלעגט ער מיכ ארומשטעקן הינטן מיט פעדערן, אָדער ווארפן אפ מיר שטילערהייט א קישעלע, אָדער פארשלייַדערן ערגעץ מייַנס א שוכ, אז איכ האָב מיר דעמ קאָפּ פארדרייט זוכנדיק. בינ איכ בא דער נאכט אנשלאָפן געוואָרן אפ מייַן געלעגער, פלעגט ער מיט א שטרויעלע מיר קיצלען די פּיאטעס, אז איכ פלעג אזש אונטערשפּרינגען, אָדער ער פלעגט מיר לאָזן א פּאָמפּע אונטער דער נאָז. איכ פלעג זיכ אופכאפּן נישט-טויט נישט-לעבעדיק און קייַכן, הוסטן מאכמעס דעם רויכ עפשער א שאָ קעסיידער, גלייַכ ווי איכ בינ שולדיק געווען אין דעם, וואָס די דרייַ קאָמפּאניעס האָבן געמאכט יאדאכעס".

דאָס אכטע קאפּיטל

ווי אונדזערע פאַרשוינענע זײַנען ארומגעגאנגען איבער די הײַזער

דעם גרעסטן טייל טאָג זײַנען אונדזערע פאַרשוינען טאָרעד געווען מיט דער פּאַרנאָסע. זיי האָבן געמאכט וויזיטן אין די טעטע־ריוווקער הײַזער און האָבן אין א קורצער צײַט קוינע־שעם געווען, אזוי, אז מען פלעגט אף זיי נאָכטײַטן מיט די פינגער און באַגעגענען זיי — דער מיט א גלײַכווערטל, דער מיט א שמייכעלע. אן אנדערער אף זייער אָרט וואָלט זיך שטארק איבערגענומען פון אזא קאָוועד און צעפּויקט אומעטום פון זײַן גרויסקײַט, אָן אײַנאָרע, אין דער וועלט, ווי מען האָט זיך געשמאָלצן, פּאָשעט, אָנקוקנדיק אים, ווי מען האָט זיך געלאָבט מיט איטלעך זײַנס א וואָרט, און מיט וואָס פאר א שמייכעלע מען פלעגט אים אופנעמען און ארויסבאַלייטן פון דער טיר. נאָר אונדזערע פּאַרשוינען אָבער זײַנען בא זיך געווען פּראָסטע מענטשלעך און האָבן פון אזא קאָוועד זיך גאָר נישט געמאכט. בינימין איז געווען פאַרטראָגן אין זײַנע זאכן, און סענדערלען איז געלעגן אינזינען, די טאָרבע זאָל זײַן פול, און אין דער קעשענע זאָל זײַן עטלעכע גראָשן אף הויצאָעס. צי גיסטו מיט א שמייכעלע צי מיט א קרים — וואָס מאכט עס א יידן אויס? אבי גיב.

הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס —
גיב מיר א גראָשן און טרײַב מיך ארויס:

אָט דאָס איז דאָס באַקאַנטע יִידישע לִידל, וואָס שילדערט זייער גוט זייער פּראַסטקייט, זייער אַניוועס, און וואָס סענדערל פּלעגט עס גייענדיק אַפּן וועג זייער אָפּט שטילערהייט אונטערזינגען.

— אַ גוט מאָרגן, גאָט העלף! — פלעגט סענדערל זאָגן באַם אַרייַנקומען ערגעץ אין אַ שטוב, נאָכשלעפּנדיק הינטער זיך ביניאָמינען פאַר דער פּאָלע. דערנאָך פלעגט ער אים דערלאַנגען אַ שטופּ פאָרויס, אים אַיַנרוימען אין אויער, ער זאָל זיך ניט שעמען און אַליין אַנידערשטעלן זיך אין דער זַיט מיט גרויס דערעכערעץ.

אַרומגייענדיק אַפּ אַזאַ שטייגער, זיַינען אונדזערע פּאַרשוינען איינמאָל אַריַין אין אַ שטוב, אין וועלכער זיי האָבן געטראָפן עפּעס אַ יונגנמאַן טיַינענדיק מיט דעם באַלעבאָס. עס האָט אויסגעזען פון די רייד, ווי דער יונגערמאַן גיט דעם באַלעבאָס צו פאַרשטיין די וויכטיקייַט פון עפּעס אַן איניען, וואָס דורך דעם קלינגט מיט אים איצט די וועלט, ווי ער לויבט זיך פאַר אים אָפּ, וויַיזט פאַפירן און פאַרלאַנגט פון אים עפּעס אַ זאַך. נאָר דער באַלעבאָס קרימט זיך אָבער, טיַינעט ווי ער קאָן און צאַפּט פּאָשעט זיך אויסצודרייען פונעם יונגנמאַנס הענט. דער באַלעבאָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אונדזערע פּאַרשוינען אַזוי ווי אַ דערטרונקענער אין אַ שטרוי. ער האָט געשווינד זיך צוגעלאָזט צו זיי אין דער האָפענונג, עפּשער האָבן זיי צו אים אַ נייטיק געשעפט און וועלן אים דערוויַיל באַפריַיען פון דער נויט. נאָר קוים אָבער האָט ער דערהערט, ווער זיי זיַינען און וואָס זיי ווילן, איז ער געבליבן שטיין צעמישט, שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווי איינער בעשאַס דאָס אָנשיקעניש טרעט אים פלוצים צו פון אַלע זיַיטן.

— אָט האָט איר נאָך נויסים! — האָט דער באַלעבאָס זיך אָנגערופן נאָך דעם, אַז ער איז צו זיך געקומען און זיך געווענדט צו דעם יונגנמאַן. — די דאָזיקע יִידן, זעט איר, זיַינען אויך נויסים! נאַט אַיַיך נַיַיס, נויסים אַפּ אונדזער קאָפּ!

דער יונגערמאַן מיט אונדזערע פּאַרשוינען האָבן איינער דעם אַנדערן זיך אָנגעקוקט.

— הערסטו, — האָט סענדערל אַ צי געטאָן ביניאָמינען פאַר דער פּאָלע און אים אַיַינגערוימט אין אויער, — מעגלעך, אַז דער דאָזי-

קער יונגערמאנ וואנדרעוועט אויכ אהינצו... ער קענ נאָכ, כאָלילע, פארלויפנ פריִער אונ אונדז אָפטאָנ אפ טערקיש.

— עפשער זייַנט איר טאקע אלע איינ קאָמפאניע? — האָט דער באלעבאָס זיכ ווייַטער אָנגערופנ.

— כאָלילע, כאָלילע! — האָט ביניאָמינ מיט סענדערלענ ביידע אינ איינ קאָל געשריגנ. מיר גייענ באזונדער, גייענ מיר!

— גייט אייַכ געזונטערהייט באזונדער, בא מיר אָבער הייסט איר איינ קאָמפאניע, — האָט דער באלעבאָס געזאָגט אונ ארויסגענומענ א מאטבייע פונ דער קעשענע.

— גיט, זייַט מויכל, אונדז גיט, — האָט סענדערל געבעטנ אונ אויסגעשטרעקט די האנט, — מיר וועלנ שוינ דעם יונגנמאנ ארויסגעבנ זייַנ ביילעק. קומט, יונגערמאנ, מיר וועלנ אייַכ ארויסגעבנ. איכ האָב מינצ.

אינמיטנ דערינענ האָט זיכ געעפנט די טיר פונ דער קיכ, אונ א שרעקלעכער קאָל האָט זיכ געלאָזט פונ דאָרט הערנ מעשונע־ווילד:

— דאָס איז ער, ער! אָט דער, וואָס שטייט לעבנ דעם קליינעם דארנ ייִדל. זיי האָבנ דענסטמאָל אויכ ביידע זיכ ארומגעשלעפט. איכ האָב אימ דערקענט, דעמ שיינעמ נעפעש, אינ זייַנ פענעמל, אינ זייַנ געל בערדל, אויסגעצופט זאָל עס אימ ווערנ! אינ זייַנ צעכראסטעטע הערצעלע, — א, פארכאפט, ריבוינעשעלוילעמ, לאָז ער ווערנ! לאָז עס מיט אימ קויקלענ, מאָרדעוועט אונ אויסרינענ דאָס מארכ, פונ זייַנע טרייפענע ביינער... אויסרינענ!

— קומ, ביניאָמינ, אוועק! — האָט סענדערל געזאָגט, שלעפנדיק ביניאָמינענ פאר דער פאָלע. — א רועכ אינ דער כצופעס טאטנ אריַינ! זי האָט נאָכ אלצ צו טאָנ מיט די צעבראָכענע אייער!

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

ווי זכוס־אָוועס האָבן פאַר אונדזערע פאַרשוינגען זיך געלייגט

זיפצן און קרעכצן מוז מען, אַז מען לייענט די געשיכטע פון די גרויסע באַרימטע קאָפּ־מענטשן, ווי זיי האָבן נעבעך, געליטן שטאַרק זייער גאַנץ לעבן פון דער וועלט, פאַר וועלכער זיי האָבן מאַקריוו געווען זייערע טעג און יאָרן און זי באַגליקט מיט זייער נוצלעכע זאַכן, וואָס זיי האָבן מיט זייער סייכל דערגאַנגען. די וועלט איז בעטעווע אַ קינד, וואָס האָט ליב זיך צו האַלטן נאָר אין דער מאַמעס פאַרטעך, נישט אָפּצוטרעטן פון איר אַפּ אַ האָר; וואָס האָט ליב אַלץ די אַלטע נאַרישע מײַסעס, וועלכע די ניאַנקעס און אַלטע באָבעס כאַזערן זיי אים איבער הונדערט מאָל אין טאָג; וואָס מיינט, אַז בעסערס פון זײַנע שפּילכעלעך איז טאַקע גאָר נישטאָ, אין דערינען שטעקט די גאַנצע כאָכמעס, וואָס קען נאָר זײַן, און אַז דער באַהעלפער קומט אים נעמען אין כיידער אַרײַן, אויסצולערנען אים עפּעס, שרײַט ער גוואַלד, גלײַך ווי מען וואָלט אים געקוילעט. די וועלט האָט ליב צו לעבן אַזוי ווי זי איז געוווינט, עפּעס אַ נײַס קומט איר אויס מעשונע־ווילד, זי שרײַט דערויף מײַסים און זידלט, מאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך דעם, וואָס טראַכט אַזוינס אויס. ערשט דערנאָך, אַז דאָס נײַס איז שוין נוילעד געוואָרן, עס האָט זיך אײַנגעלעבט און ווײַזט באַשײַמפּערלעך אַרויס דעם גרויסן נוצן, וואָס אין אים ליגט, ערשט דענסטמאָל כאַפּט מען זיך אין דעם שטאַרק

אָנ, מענ האָט דערפונ גרויס האנאָע אונ פארגעסט קלאל יענעמ, נעבעכ, וואָס האָט עס מיט נויט־שווייס מאמצי געווענ. נאָכ זייער שיינ פונ דער וועלט, אז זי האָט זיכ זײַנער דערמאָנט אימ צו מאכנ כאָטשע א מאָלע אונ צו שטעלנ אימ א מאצייווע. מיליאָנענ מענטשנ לעבנ הײַנט גליקלעכ אונ עטעמענ פרײַ אינ אמעריקע, אונ קאָלומבוס בעשאס אימ איז ארײַנ דער געדאנק צו אנטדעקנ אמעריקע, האָט, נעבעכ, שטארק געליטנ, די וועלט האָט אימ געהאלטנ פאר מעשוגע אונ אויס אימ כויזעק געמאכט.

דעסגלײַכנ איז אויכ געווענ מיט אונדזער ביניאָמינענ פונ טונעיאדעווקע. נאָר אָנקוקנדיק אימ האָט מענ אימ געהאלטנ פאר א מעשוגענעמ, אונ, הערנדיק זײַנע רייד איבער דער נעסיִע, האָט מענ זיכ געשטיקט פאר געלעכטער, מענ האָט מיט אימ געטריבנ קאטאָוועס, איטלעכער האָט מיט אימ געהאט צו טאָנ אונ אויס אימ געמאכט א קאָטער. א נעס, וואָס ביניאָמינ האָט עס אזויפיל נישט פארשטאנענ. זיסט וואָלט ער זיכ פארעסנ, כאטוועשאָלעמ, קראנק געוואָרנ אונ א שפײַ געטאָנ אפ דער גאנצער נעסיִע!

מיר היפערנ איבער א סאכ זאכנ פונ דעמ אוילעמס האמצאָעלעכ איבער ביניאָמינענ, ביכדיי דאָס זאָל אפ אונדז אלע נישט פאלנ פאר קיינ אייביקנ פלעק אונ דאָס זאָל אונדז נישט זײַנ צו קיינ כארפע, צו קיינ בושע אינ דער געשיכטע פאר די שפעטערדיקע דוירעס. מיר מאכנ זיכ נישט־וויסנדיק פונ די אלע זאכנ, כאטעפאָקרישקע! אונ נעמענ זיכ ווײַטער צו אונדזער דערציילונג.

„אינ טעטעריווקע — זאָגט ביניאָמינ — איז דאָ א גרויסע קעהילע ייִדנ, זאָלנ זיכ פרוכפערנ אונ מערנ. ווער זיי זײַנענ, וואָס פאר א מינע מענטשנ זיי זײַנענ אונ פונוואנענ זיי האָבנ זיכ גענומענ, דאָס, פרעגט זיי בעכיירעמ, וויסנ זיי אליינ נישט. זיי האָבנ נאָר בעקאבאָלע פונ טאטעס, זיידעס אונ עלטער־עלטער־זיידעס, אז זיי וואקסנ פונ ייִדנ, אונ ווי עס זעט אויס פונ א טייל זייערע מינהאָגימ, פונ זייער האלבאָשע, פונ זייער לאָשנ אונ פונ זייער האנדל אוכדוימע, זײַנענ זיי, אפאָנעמ, טאקע מעכויעוו צו זײַנ ייִדנ, נאָר צונויפגעלאָפענע, אָפגעריסענע פונ פארשיידענע שוואָטימ. וואָרעמ איינער מיט דעמ אנדערנ געהער זיכ קימאט נישט אָנ, לאָז, אשטייגער, איינער פאלנ, וועט דער אנדערער אימ נישט אופהייבנ,

כאָטש ער זאָל, סאָנע-ציִענ, די קאפּאָרע ווערנ, די מיסע־מעשונע אײַנעמענ דאָ אפנ אָרט.....

צווישנ זײ איז דאָ א טײל, וואָס פארשטײענ זײער גוט מאניפארגע־לאָשנ. מאניפארגע איז פונ דעמ שוירעש מאניפּאָרגיסימוס, דאָס הײסט: מאני — לאָשנ, פארגי — ציגײַנעריש. מאניפארגע־ייִדנ קענענ כאָכמעס-האיאד, קוקנ יענעמ אינ דער האנט ארײַנ און ציִענ געווײנטלעכ דערפונ זײער פארנאָסע. דערצו נאָכ קענענ זײ אנדערע מעלאָכעס, לעמפּלעכ־מאכערס און טאָקערס זײַנענ זײ טאקע אײנע אינ דער וועלט, כּידעשנ נאָר מוז מענ זיכ, ווי זײ מאכנ אמאָל יענעמ א לעמפּל און טאָקנ אָפּ זאכנ עפּעס גאָר שעלוי-קעדערעכ-האטעווע. אויכ האָבנ זײ א מאטאָנע פונ זײַנ ליבנ נאָמענ אָפּ־צוזאָגנ אמאָל א פּיזמענ, און דאפקע שטילערהײט, מיט אזעלכע מינע טנועס, אזש טרערנ שטעלנ זיכ דורכ דעמ אינ די אויגנ, און זײ נעמענ דערמיט בא יענעמ פּאָשעט צו דאָס כּיִעס... מענ זאָגט, יאקבי זײ שטאמענ פונ די ערעווראװ פונ דער גײע קאפּ־טוירימ.

ביכלאל, זאָגט בינִיאָמינ, זײַנענ די אײַנוווינער דאָרט ערלעכע לײַט, גוטע מענטשנ. זײ פלעגנ מיכ אופנעמענ טאָמעד מיט א שמײכעלע און מעשונע האנאָע האָבנ מיט מיר זיכ אָפּצוגעבנ. מענ האָט געזענ באשײַמפערלעכ, אז זײ זײַנענ מיט מיר שטארק צופרידנ. איכ ווינטש זײ פונעמ גאנצנ הארצנ, אז גאָט און לײַט זאָלנ כונ זײ אײביק אויכ אזוי צופרידנ זײַנ. אָמײנ!"

א כירעש־ניפלע, — דערצײלט ווײַטער בינִיאָמינ, — דאָרט אינ דער סוויווע באגעגנט מענ אמאָל פארשוינענ, וואָס זײַנענ א ביסל ווי כאזערעוואטע. מענ דערקענט עס זײ באלד אינ דעמ אָנבליק. א טײל זאָגנ, אז דאָס איז אזא פּאָראָדע, ווידער א טײל ווילנ האָבנ, אז דער אָרט איז דערצו מעסוגל. בינִיאָמינ וויל דערינענ נישט מאכריִע זײַנ. דאָס געהער זיכ אָנ מיט די געלערנטע. זײ זאָלנ די זאכ פאָרשנ און אונדז דערקלערנ אקוראט, וואָס דאָס באטײַט. נאָר ווי די מײַסע איז, זאָגט בינִיאָמינ, אזוי צי אזוי, די זאכ אלײנ איז קײנ נײַס נישט אפ דער וועלט. נאָכ דער אלטער מאטיסיאָהו דעלע־קארטי העט-העט אינ די פריִערדיקע יאָרנ ברענגט אינ זײַנ סײפער „צײל אוילאָמ" בעזע-האלאָשנ:

„אינ בריטאניאָ איז דאָ א פאָלק מיט אנ עק פונ הינטנ ווי בא בעהיימעס. אויכ זײַנענ נאָכ דאָ ווײַבער, הויכע, גרויסע, ווי די ריזנ, אונ זיי זײַנענ באוואקסנ מיט שטשעטינעס (כאזער-האָר) ווי די כא־זירימ. אינ צאָיפאס האָט זיכ געוויזנ א פאָלק מיט הערנער. אפ יענע בערג זײַנענ דאָ קרומע ווײַבער, אונ די, וואָס איז מער קרומ, איז אַלצ שענער". טאקע מאמעש ווי מענ באגעגנט נאָכ בא אונדז הײַנטיקע צײַטנ זייער פיל ווײַבער, וואָס קומענ אויס קרומ, שטארק בוילעט, מעכילע, פונ הינטנ, מיט א לאנגנ עק, וואָס באָמבלט זיכ אונ שלעפט זיכ זיי נאָכ אפ דער ערד. „דאָס, וואָס איז געווענ, זאָגט דער פּאָסעק, דאָס וועט אויכ זײַנ, אונ ס'איז נישטאָ קיינ נײַעס אונטער דער זונ!"

טעטעריווקע — זאָגט ביניאָמינ — איז גרויס, מיט שיינע מויערנ אונ לאנגע גאסנ. אָנקוקנדיק זי באמ ערשטנ מאָל, דאכט זיכ אויס, זי לעבט, עס קאָכט דאָרט אונ רוישט. נאָר דערנאָכ, אז מענ ווערט א ביסל אײַנגעוווינט, זעט מענ, אז זי איז אינ טאָכ ארײַנ א מינ גרויסע כונעיאַדעווקע. די אײַנוווינער דאָרט עסנ, לייגנ זיכ שלאָפנ, שטייענ אופ ווי געוויינלעכ אַלע טאָג אינ איינ צײַט. די צײַט ווערט גערעכנט דאָרט נאָכ דעמ עסנ. פונעמ אָנבײַסנ, אשכייגער, ביז וואר־מעס; אונ פונ וואָרמעס ביז וועטשערע. מאכמעס אָנבײַסנ, וואר־מעס אונ וועטשערע זײַנענ דרײַ קרעטשמעס אינ זייער לעבנ, וואָס אהינצו גאוט מענ זיכ צו דערשלעפנ אפ א פּאָפּאס אונ עפּעס טאָנ נאָכ דעמ, אז מענ האָט פארבראכט א שטיק צײַט מיט גאָרנישט אינ א פוסטנ סטעפּ. מענ זאָגט, יאקבי טעטעריווקער לופט מאכט בעטעווע פויל, אָפּהענטיק אונ שלעפעריק. ווענ עס פאלט אהינצו ארײַנ עפּעס א מענטש מיט א קוראזש, מיט א כיישעק עפּעס צו ווירקנ, נעמט עס אינ א קורצער צײַט בא אימ צו אי דעמ קוראזש אי דעמ כיישעק, אונ עס בלײַבט אימ מער נישט איבער ווי דער כיישעק צו עסנ, צו שלאָפנ אונ אופצושטיינ, ביכדיי ווײַטער צו עסנ אונ צו שלאָפנ.

ביניאָמינ האָט דאָרט געזענ די סטאנציעס פונ די קליינשטעטל־דיקע סבאָרשטשיקעס אונ פּאָוויערענעס. אוועקפאָרנדיק פונ דער היימ האָבנ זיי ארויסגעוויזנ קוראזש אונ שטארקײַט נאָכ פיל מער ווי מענ באדארפ. מענ מוז פאָרנ, האָבנ זיי אַלצ געדרונגענ אונ אײַנגע-

שמועסט דעם אוילעם, מען מוז פאָרן, זיך סטארען, ארבעטן און אײַנלאדעווען מיקויעך דעם געלט פון געוויסע קאָהאָלשע היצטארכעס און מיקויעך נאָך אנדערע שטאָטישע זאכן, כאָטש זייער סטארען זיך, ארבעטן און טאָן וועגן דעם איז אינגאנצן אן איבעריקע זאך, טאקע נאָר ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן, ווײַל דערופּ איז דאָ א סמעטע, און אלצדינג וועט געמאכט ווערן גאָר אָן זייער הילף. נאָר זיי האָבן אָבער פאָרט באקומען שטארק כיישעק, עס האָט זיך זיי מעשונע פארגלוסט, האָבן זיי גענומען באם אוילעם געלט פאר זייערע ווײַבער און קינדער אי פאר זיך אפ הויצאָעס און מארש אין וועג ארײַן אין א גוטער אין א מאזלדיקער שאָ. אין טעטעריווקע קומענדיק, איז זיי, מײַסע־סאָטן, באלד פארגאנגען דער כיישעק. — ווי בעריעשקײַט, וועט בעריעשקײַט! האָבן זיך אנידערגעזעצט אפ דער סטאנציע פויל, אָפּהעגטיק, נאָר געגעסן, נעבעך, געטרונקען און געשלאָפן, גלײַך מען האָט זיי א קישעפ אָנגעטאָן. אין דעם צושטאנד פארברענגען זיי, נעבעך, דאָרט זייערע טעג און יאָרן, דער אוילעם שיקט זיי אלץ צו, אפ זייער באַקאָשע, געלט און ווײַטער געלט, און זיי הינען טאקע אלץ, גענעצן, עסן, שלאָפן, נעבעך, ווי די פארצויבערטע פרינצן. און ס'איז פּאָשעט אומעגלעך זיי פון דאָרט ארויסצורײַסן, אפילע קיין באַשעם און קיין טאָטער קעגען דערצו אויך נישט העלפן.

ביניאָמינען האָט אָנגענומען א יעיצערהאָרע זיך צו באקענען מיט די בארימטע געלערנטע און שריפטשטעלער, וואָס אין טעטעריווקע. עפּעס איז ער דאָך אויך א שטיקל קענער, א כאקרען, וואָס קוקט ארײַן אין די קלײנע אויסיעלעך און ווייסט, וואָס איז אזוינס א יידישער כקירע־סייפער, פונוואנען די דאָזיקע לײַט האָבן געשעפּט זייער טוירע, זייער יעדיע אין די שעווע־כאָכמעס. הײַנט ווי שיקט זיך עס, קומען אהער און זיך נישט זען מיט זײַן סאָרט מענטשן?! כוץ דעם האָט זיך אים געוואָלט טאקע איבערשמועסן מיט זיי וועגן זײַן נעסיע. אזעלכע לײַט וועלן אים דאָך פארשטיין און קענען אָפּשאצן דעם ווערט זײַנעם. ער האָט געהאָפט, זיי וועלן אים נאָך געבן האסקאָמעס און אים הייבן ווי אפ דרוקעס. זיי האָבן דאָך ליב ארויסצוגיין מיט זייערע האסקאָמעס אפ קלייניקײַטן, שמאָכטעלײַען, ביפראט נאָך אפ אזא זאך, אפ אזא וויכטיקע זאך,

דאָ וועט דאָך די פּענ זייערע זיך צעלאָזנ גאלאָפּ, גאלאָפּ ווי א פערד.

נאָר צו וועלכנ פונ זיי בּיניאָמינ איז געקומענ, האָט ער אים אלצ געטראָפנ — אָדער ער עסט אָדער ער שלאָפט! איינמאָל איז אים געראָטנ צו טרעפנ איינעמ פונ די ליַיט — א ווילדער שריַיבער, מע־שונע א בּארימטער בּעריע — ווי ער איז געזעסנ אָנגעלענט אפ א בּאנקבּעטל אינ אנ אָפּגעזונדערט ביידערל.

— גוט מאָרגנ!...

— גוט יאָר! וואָס וויל א ייִד?

— עס, אזוי, א בּיסל שמועסנ!

אהינ־אהער, עפּעס פלאטשיק דער אייסעק. דער בּעריע איז עפּעס ווי צעקראָכנ, קוים וואָס ער רירט מיט די ליפּנ, די נעשאָמע ליגט אימ אפ דעמ שפּיצ נאָז אונ עס קלעפּנ זיך אימ די אויגנ. בּיניאָמינ מונטערט אימ, רעדט איבּער אימ ווי ער קענ, נאָר אומזיסט די מי, ער איז קאלט ווי איַיז. ערשט דערנאָך האָט ער זיך א בּיסל אויסגעטשוכעט, א שטארקנ גענעצ געטאָנ אונ אריַינגערופנ דאָס וויַיבּ.

— ווענ וועט מענ שוינ גיינ עסנ? — האָט ער זי א פרעג גע־געבּנ אונ אויסגעקנאקט די בּיינער מיט א געשמאקנ גענעצ.

— לאָז מענ שוינ געבּנ עסנ, וואָרעמ איך וויל, — האָט ער גע־זאָגט, — איך וויל א בּיסל צולייגנ מיך שלאָפנ....

האקלאל, טעטעריוועקע איז א גוטע ספּאלניע, אלצדינג שלאָפט דאָרט רויִק, אי דאָס געלערנטקיַיט, אי דער האנדל, אי די בּענק, אי די פּראָצעסנ (לאָדעניִשנ) אונ אלע מינע געשעפטנ. ווי מענ זאָל זיי נישט פּרווונ וועקנ, קענ מענ זיי אלצ נישט דערוועקנ. אפילע ווענ עטלעכע מענטשנ פארקליַיבּנ זיך אמאָל איניינעמ, נעמט זיי באלד אָפּ דאָס לאָשנ, זיצנ, גענעצנ אונ קוקנ איינער דעמ אנדערנ אָנ ווי די גוילעמס, אונ די גאנצע געזעלשאפט ווערנ אנשלאָפנ. ערשט ווענ מענ דערלאנגט די וועטשערע, רירט זיך אינ זיי אנ אייוועד, זיי ווערנ לעבּעדיק, נעמענ זיך געשמאק צו דער אכילע, עסנ אָפּ — אונ א גוטע נאכט! זיי גייענ אהיימ שלאָפנ...

אונדזער בּיניאָמינ האָט עס געפילט שפּעטער אפ זיך אליינ. ער האָט דערנאָך אינ טעטעריוועקע נישט מער געטאָנ ווי געגעסנ אונ

געשלאָפן, און דער כײשעק פון דער נעסיע איז אים עפּעס ווי פאַרגאַנגען. ער איז געווען אין אַ גרויסער סאַקאַנע פאַרפאַלן צו ווערן דאָרט, אַזוי ווי אַ שיף, וואָס כאַפּט זיך אַרײַן אין דעם שטילן יאַם, און אָפּשלאָפן דאָרט זײַן לעבן ביז אַצינד, — ווען מיט אים זאָל זיך נישט געווען מאַכן אַ מײַסע, וואָס האָט, ווי אַ שטורעם-ווינט, אָפּ זײַן גליק און אָפּ דער וועלטס גליק, אים מיט גוואַלד אַרויסגעטריבן פון דאַנען ווײַטער צו זײַן נעסיע.

די סינע פון איציק פּאַשטן צו בינימינען האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מער געוואַקסן. ער האָט די לעצטע צײַט ווי אַ זלידניע זיך אײַנגעגעסן אין בינימינען, און זיך גענומען שטאַרק מעפּאַלפּל צו זײַן מיט אים איבער זײַן נעסיע, אים לייגן שטיינער אָפּן האַרצן, אַז דענסטמאָל, ווען דאָ אָפּ דער דאַלאָניע וועט וואַקסן האָר, וועט ער קומען צום סאַמבאַטיען, און זען די רויטע יידלעך ווי ער זעט זײַן אויער.

בינימין אָבער האָט זיך נישט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע און אויסגעדרונגען, אַז ס'איז דאָ אין דער וועלט אַ בוירע, וואָס פאַרלאָזט נישט די, וואָס האָבן אין אים אַ ביטאָכן. נישקאָשע, ער וועט, אימירצעשעם, מיט גאָנס קויעך דערגיין אַהינצו, סאָנים אָפּ צושפּרינגעניש. און אַז בינימינען פלעגט טײַנענדיק זיך צעשפּילן די געבליטן, פלעגט ער ווערן פלאַם-פײַער און אינדערמיט שמועס אַרײַנוואַרפן אָפּ אַ קאָל: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם, אייזל, מויל-אייזל אוכדוימע! דאָס האָט געהייסן אַזויפיל ווי: בילט אָפּ די ציין, אָט בין איך שוין העט-ווײַט, אָט בין איך שוין דאָרט אין דער מידבער, און גיי און גיי און גיי!...

איציק פלעגט דרײַ מאָל אויסשפּײַען און זאָגן: ער איז פּאָשעט מעשוגע, כאָסערדייע, מען באַדאַרף אים פירן צום טאָטער. און האָט צום סאָף אַזוי ווײַט געבראַכט, אַז קוים האָט בינימין זיך געוויזן אָפּ דער גאַס, זײַנען אים ווײַסע־כעוורע נאָכגעלאָפן ווי נאָך אַ מעשוגענעם מיט שטיינער, אים געמאַכט אַ אורא און געשריגן: פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעם!

איינמאָל, אַז בינימין מיט סענדערלען זײַנען פאַרנאַכט געגאַנגען בײַרע אין גאַס, איז כעוורע זיי באַפאַלן ווי די היישעריקן און זיי שטאַרק דעקוטשעט, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן מיט

הינטערגעסלעכ. אינ איינעמ פונ די ענגע געסלעכ האָבנ זיי, לויפנדיק בארג־אראָפּ איבער א לאנגער, שמאָלער קלאטקע, זיכ באגעגנט דאָרט סאמע אפּדערמיט מיט א מענטשנ, וואָס איז זיי געקומענ אקעגנ. אויסמײַדנ זיכ דאָרט איז נישט געווענ קיינ שומ מעגלעכקײַט, סײַדנ אראָפּשפּרינגענ אונ צעשלאָגנ דעמ קאָפּ, אָדער ווייניקסטנס זיכ אויסברעכנ א פוס. דיביידע זאכנ אָבער האָבנ אונדזערע פארשוינענ באדארפט האָבנ נייטיק אינ לעבנ אריײַנ. אָנ א קאָפּ אָדער אָנ א פוס וואָלט דאָכ קיינ סוואָרע נישט געווענ צו מאכנ זייער נעסיִע. אונ ביניאָמינ מיט סענדערלענ זײַנענ געבליבנ שטיינ מיט אראָפּגעלאָזענע נעזער.

— א-א, שאָלעמ-אליילעמ, ביניאָמינ! — האָט יענער פארשוינ, וואָס איז געקומענ אקעגנ, א זאָג געגעבנ מיט א פארדראָס אי מיט א געלעכטער אינאיינעמ. — א גוטע באגעגעניש כ׳לעבנ, אזוי ווי געווונטשנ!

— שאָלעמ־אליילעמ, אליילעמ־שאָלעמ, רעב אײַזיק־דאָוויד! — האָט ביניאָמינ געענטפערט נישט מיט זײַנ קאָל שטארק צעמישט.

דער דאָזיקער פארשוינ איז געווענ רעב אײַזיק דאָוויד רעב ארנ יאָסעלעס סאָרע זלאטעס, דער כאָכעמ פונ טונעיאדעווקע.

— שיינע מענטשנ! — האָט רעב אײַזיק־דאָוויד געמאכט מיט טארומעס. — מענ פאָרט אוועק פונ דער היימ ביגנייווע, גלאט אוועק, פאר וואָס, פאר וועמ? ווייס איכ? אלצדינג מוז דאָכ זײַנ עפּעס מיט א גאנג, מיט א דערעכ־האטעווע. וואָס הייסט גלאט אוועק אונ מאכנ הײַבער, נעבעכ, אָנ א שומ גאנג, פאר וויסטע אגונעס, מאכנ ווײַבער! ווייס איכ? סטײַטש, אדעראבע, שוינ אוועקגעשטעלט אלצדינג אינ דער זײַט, פרעג איכ אײַכ נישט מער, נאָכאמאָל טאקע, אדעראבע, סטײַטש, סטײַטש?! פארקערט, זאָגט, וואָס טוט איר דאָ? איכ מיינ טאקע דיכ אויכ, סענדערל. נישקאָשע, איכ זע דיכ ווי דו שטייסט פונ הינטנ. דײַנ ווײַב, סענדערל, וועט דיר, נישקאָשע, געבנ, גוט מעכאבער זײַנ וועט זי דיכ, דײַנ ווײַב. ווי א הערינג, אזוי אינ קאס איז זי, וואָלט זי דיכ צעריסנ, דײַנ ווײַב. דאָס הארצ, אָבער, האָט איר געזאָגט, אז דאָ מוזט איר אוואדע זײַנ, האָט איר געזאָגט דאָס הארצ, דײַנ ווײַב, אונ זי האָט געוואָלט, נישט אנדעריש פאָרנ נאָר אהער, האָט זי געוואָלט, נאָר מיט מיר, דײַנ ווײַב.

— הא, ער איז דאָ! — האָט א געשריי געטאָנ א ייִדענע, וואָס איז אונטערגעקומענ פונ הינטנ צו רעב אײַזיק־דאָווידנ.

סענדערל האָט אין קאָל דערקענט זײַן באָכערטע. ער איז געוואָרן טויט ווי די וואנט און געבליבן אָן א נעשאָמע פאר שרעק. ער האָט מיטביידע הענט זיך אָנגעכאפט אין בינ־יאָמינס פּאָלע, ער זאָל נישט ארויספאלן פון דער קלאטקע, אזוי האָט אים זיך דער קאָפּ פארדרייט. עס האָט אים זיך געדאכט, אָט נעמט אים שוין אָן זײַן ווײַב און פּעטש שיטן זיך אים ווי האָלץ.

— קוקט נאָר אָן די נעפּאשעס, די שיינע נעפּאשעס. אָ, די קאַפּאָרע זאָלן זיי ביידע ווערן! הא, וווּ איז ער דאָרט ערגעץ, מײַן יימאכ־ש׳מוינִיק? לאָזט מיך נאָר צו צו אים צו א ביסל, לאָזט מיך, איך וועל אים ווײַזן, וואָס פאר א גאָט מיר האָבן!

אזוי האָט אין איין אָטעם געשריגן סענדערלס ווײַב און געשטופּט רעב אײַזיק־דאָווידן.

— נאָר אָן געשריי, אָן ראש, — האָט רעב אײַזיק־דאָוויד זי געבעטן, — האָט נאָר צײַט. אז איר האָט אזויפיל געוואַרט, וואַרטשע נאָך א ביסל. קיין אגונע, מיט גאָטס הילף, וועט איר דאָך שוין קיין אגונע נישט זײַן. און ווײַטער, ווי זאָגט מען עפּעס, הא? אויך די אייגענע מײַסע, א ייִדענע בלײַבט טאַקע א ייִדענע. דאַכט זיך, א קלוגע, און פּאָרט א ייִדענע. לאָמיר שמועסן די אייגענע זאַך פאַרקערט. מיילע, מאַ ראַש? ס׳איז נישט מער, גלאַט פאַרדראָסיק: גלאַט אוועק, פאַר וואָס, פאַר וועמען? אַלצדינג מוז דאָך זײַן עפּעס מיט א גאַנג, פאַרשטייט איר מיך? נאָר אז ס׳איז שוין אזוי, איז דאָך שוין טאַקע אזוי, הײַנט וויבאַלד ס׳איז אזוי, איז דאָך טאַקע די קאַשע: צו וואָס נאָך שרײַען? דער טערעץ איז אָבער, איך בעט אײַך איבער ווי אַן אייגענע מוטער: א ייִדענע, מעכילע, בלײַבט טאַקע א ייִדענע.

רעב אײַזיק־דאָוויד האָט זיך ערשט צעוויגט און געוואָלט, ווי זײַן שטייגער איז, דעם שמועס זײַנעם איבערשמועסן ווידער פאַרקערט, דערנאָך ווײַטער אמאָל פאַרקערט, און ארײַנגעבן דערינען א ביסל פעפער מיט ציבעלע. נאָר פון ביידע זײַטן קלאַטקע זײַנען געשטאַנען א סאַך מענטשן, וואָס זײַנען דערווײַל אָנגעקומען. זיי האָבן פונדערווײַטן זיך שטאַרק געבייזערט דערויף, וואָס ייִדן האָבן זיך אוועקגעשטעלט דאָ שמועסן, גלײַך ווי עס גייט זיי נישט אָן די גאַנצע וועלט, און לאָזן קיינעם נישט אריבערגיין.

די קלאָטקע איז אזוי שמאָל געווען, אז צוויי מענטשן האָבן דאַרפט זיך נישט געקענט מײַדן. די, וואָס פון איין זײַט, האָבן טאָמער געמוזט ווארטן, ביז יענע פון דער אנדערער זײַט וועלן פריִער אריבער. דעריבער האָט סענדערל ווײַב מיט רעב אײַזיק-דאָוידן געמוזט צוריק גיין צו יענער זײַט קלאָטקע, פונוואנען זיי זײַנען אָנגעקומען. דעסגלײַכן סענדערל מיט בניאָמינען האָבן אויך צוריקגעקערט זיך צו דער אנדערער זײַט, און ערשט דערנאָך האָט, פון דער דאָזיקער זײַט טאקע, דער עולם אָנגעהויבן איבערצוגיין די קלאָטקע.

— איך בעט דיך, סענדערל, וואָס שטייען מיר דאָ אזוי און ווארטן? — האָט זיך אָנגערופן בניאָמין, וואָס איז פריִער צו זיך געקומען. — עפּעס שטייען מיר דאָ, אזוי גלײַך ווי מען בינדט צו א ייִנגל מיט איין עק פאָדעם אין מויל און מיט דעם אנדערן צום פיסל פון טיש. נארעלע, איצט האָבן מיר צײַט ביצל צו ווערן.

— גערעכט, ווי איך בין א ייִד! — האָט סענדערל א זאָג געטאָן פריילעך, ווי איינער, וואָס רײַסט זיך ארויס פון דער קלעם. — גיכער, גיכער, בניאָמינו! אויב דו ווילסט, איך זאָל נישט ארײַנפאלן אין אירע הענט. דאָס איז נישט קיין קלאָטקע, נאָר זכוס-אָוועס האָבן דאָ פאר אונדז זיך געלייגט....

אונדזערע פארשוינען האָבן געמאכט געשווינד א פּלייטע, און אין עטלעכע מינוט זײַנען זיי שוין געווען ווײַט ערגעץ אין אן אנדער עק שטאָט. זיי האָבן נישט געמאכט לאנג שיִעור, פארנומען באלד זייערע פעקלעך און זיך געזעגנט מיט טעטעריווקע.

דאָס צענטע קאַפּיטל

אורא, רויטע ייִדלעך!

הײַ, וויאָ, וויאָ! — האָט אַפֿ דער קעלניע פֿון אַ בויד הייזעריק געשריגן אַ שמײַסער און איז שיר מיטן דישל נישט אַרופֿגעפֿאָרן אַפֿ צוויי ווײַבלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אינדערמיט גאַס, כאַמע די לעבעדיקסטע פֿון גלופּסקער גאַסן, ביידע מיט טאָרבעלעך שפּײַז: פֿלייש, רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבל אונטערן אָרעם, און האָבן איינע דער אַנדערער אײַנגערוימט סוידעס אי אויסגעגאָסן דאָס האַרץ, שרײַענדיק אַפֿ אַ קעלכל, אַז מען האָט אים געקענט הערן ווײַט פֿאַר אַ מײַל.

די ווײַבלעך זײַנען אינמיטן שמועס זיך צעלאָפֿן, איטלעכע אין אַן אַנדער זײַט גאַס, און זיך געשטעלט פֿונדערווײַטנס צו ענדיקן זייער שמועס, אַריבערשרײַענדיק מיט אַ ניגן איבער בוידן, דראָשקעס, טעליגעס און פֿורלעך האָלץ, וואָס האָבן זיך געצויגן איינער הינטער דער אַנדערער אין אַ גאַנץ לאַנגער שורע, אַזוי אַז אַ היפּשע צײַט איז ריין אוממעגלעך געווען די גאַס איבערצוגיין.

— כאַסיע־ביילע! נו, וועסטו הײַנט באַ דער נאַכט קומען אַהינצו — צו דער קאָרטנוואַרפֿערן? איך וועל דאָרט זײַן מיט מײַנעם... דײַנער וועט אויך אַהינצו קומען, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיר זאָגן, עס וועט דאָרט זײַן פֿריילעך. קום, נאַרעלע, וועסט, כ'לעבן, האַנאָע האָבן! נו, כאַסיע־ביילע, וועסטו קומען?

— מײַן באַלעבאָסטע, ברענען זאָל זי, וויל מיך הײַנט מעכאַבעד

זײַנ מיט ראָשטשינעס ברויט אונ איבערײַבנ גרײַפּלעכ. איכ װעל מיכ אָבער אויסדרייענ אונ קומענ. נאָר איכ בעט דיכ, דאָבריש, לאָז עס זײַנ בעסאָד, זאָג נישט קיינעמ!

— װאַרט נאָר, כאַסיע־ביילע, װאַרט! דער רועכ װעט דײַנ באַלעבאָסטע נישט נעמענ, אַז דער װאָרמעס װעט שפּעטער מיט א שאָ אַרויסקומענ. זי װיל פּרעסנ? נו, לאָז זי עסנ װערעמ, קרענק! איכ האָב גאָר פאַרגעסנ, כאַסיע־ביילע! זיפּ נישט איבער אַזוי די מעל. די מיטשניטשקע איז ניט צופרידנ פונ דײַנע קלײַענ. װיפל איז דיר געבליבנ הײַנט פונעמ אָנקויפנ?

— שייגעצ, שייגעצ! כאַפּט אימ נאָר, דעמ שייגעצ! װאָס איז עס פאַר א מאָדע כאַפּנ? א, פאַרכאַפּט זאָל ער װערנ!

— װאָס איז דאָרט, כאַסיע־ביילע? װאָס שרײַסטו אַזוי?

— א קאַרמאַנשטשיק, דאָבריש! ער האָט בא מיר שיר־שיר נישט אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָרבעלע שפּײַז פונ אונטערנ אָרעמ. א מאַראָכע, װאָס איכ האָב באַצײַטנ מיכ אַרומגעקוקט.

— זע נאָר, זע, כאַסיע־ביילע! װאָס איז דאָרט אַזא צונויפּלויפעניש? עס מוז שוינ װײַטער ערגעצ ברענענ. ס'איז שוינ הײַנט די צװייטע סריפע. ביז נאַכט קענ זײַנ נאָכ עטלעכע סריפעס.

— מענ הערט נישט קלינגענ, דאָבריש. א סריפע, װאָלט מענ דאָכ געקלונגענ.

— שאַ, אָט גייט די מעקלערנ. איכ װעל זי א פרעג טאָנ. סימע־דװאָסיע! סימע־דװאָסיע! װאָס לויפט מענ דאָרט עפּעס אַזוי?

— איכ װייס נישט, קיינ צאַר! עפּשער װייסט נעכאַמע־גיסע. נעכאַמע־גיסע! װאָס איז דאָרט פאַר א רעדל, סערדצע? אײַערע קאַטשקעס שרײַענ עפּעס, אַז מענ הערט נישט װאָס מענ רעדט. האָדל איז הײַנט געלעגנ געװאָרנ, זי װעט בא אײַכ צונעמענ די קאַטשקעס. הינער האָט איר אויכ? זייער פעטע קאַטשקעס! אייער איז הײַנט נישט געװענ זיכ צו דערקויפנ. װאָס איז דאָרט אַזא מעהומע?

— װייס איכ? עפּעס רויטע יידלעכ. עפּעס האָב איכ געהערט שרײַענדיק: רויטע יידלעכ.

— װאָס, עס זײַנענ אָנגעקומענ רויטע יידלעכ? אײַ־אײַ־אײַ! מענ מוז דאָכ גיינ אָנקוקנ אַפּ כידושימ, — האָבנ אַלע מיטאַמאָל א

געשריי געטאָנ אונ זיכ געלאָזט לויפנ הענדום-פּענדום צום רעדל מענטשנ.

— אורא, פּיפּערנאָטער, לינדענוואָרעמ! אורא, רויטע ייִדלעכ! — האָבנ צווישנ דעמ רעדל מענטשנ געשריִענ א גאנצע כאָפּטע ווײַסע־כעוורע.

די דאָזיקע רויטע ייִדלעכ — דאָס זײַנענ געוועזנ אונדזערע פּאר־שוינענ, ביניאָמינ מיט סענדערלענ, וואָס אינ א קורצער צײַט נאָכ יענער מײַסע, וועלכע עס האָט מיט זיי זיכ געטראָפנ אפ דער קלאטקע, זײַנענ זיי אָנגעקומענ קיינ גלופּסק אונ האָבנ דאָרט בעמעשעכ פונ א פּאָר וואָכנ שטארק קוינע־שעמ געווענ. עס האָבנ זיכ געפונענ א סאכ ערלעכע ייִדנ, וואָס האָבנ פונ זיי פּאָשעט אָנגעקוואָלנ, מאמעש אזוי ווי פונ דעמ שוסטערל, וואָס ער איז אינ יענער צײַט דורכ זײַנע מאָפּסימ אינ גלופּסק פּלוצלימ ניסגאלע געוואָרנ.

טאָלצע אונ טרײַנע, צוויי געוויסע אלטע ייִדענעס, קאָשערע נע־שאָמעס, וואָס פלעגנ, ווי איטלעכנ איז באקאנט, אלע טאָג פארנאכט שאבעסדיק זיכ אָנטאָנ מיט דער יופּע אי מיט דעמ שטערנטיכל אונ ארויסגיינ אונטער דער שטאָט באגעגענענ מאָשיִעכנ, אָט זיי זײַנענ דאָס געווענ די גליקלעכע אינ איינ פארנאכט צו ווסטרענציענ אפ יענער זײַט ראָגאטקע אונדזערע פּארשוינענ באמ אָנקומענ זייערנ פונ טעטערױוקע אונ אינ א גוטע שאָ ארײַנצופירנ זיי אינ גלופּסק. באלד טאקע בא דעמ ערשטנ באגעגעניש האָבנ שוינ די ביידע יופּעס זיכ דערוווּסט אלצדינג, ווּעמענ גאָט האָט זיי דאָ באשערט. טאָלצע מיט טרײַנענ האָבנ פארוווּנדערט זיכ אָנגעקוקט, איינע די אנדערע זיכ געשטאָרכעט: — נו, טרײַנע? — נו, טאָלצע? — האָבנ זיי זיכ גע־שושקעט: — דאָס הארצ אָבער האָט אונדז גלײַכ געזאָגט, אז דאָס זײַנענ עפּעס ניט גלאט קיינ מענטשנ. טאָלצע אונ טרײַנע האָבנ זיכ גע־שמאָלצנ אינ אונדזערע פּארשוינענ. זיי זײַנענ עפּעס ווי ייִנגער גע־וואָרנ, עס האָט זיי זיכ געפרייט דאָס הארצ הערנדיק פונ דער נע־סיִע, זיי האָבנ געקוקט אפ זייערע באשערטע אונ זיכ אלצ געשטור־כעט מיט א שמייכעלע: — נו, טרײַנע? — נו, טאָלצע?... טאָלצע האָט זיי אונטערגעארבעט זאָקנ, טרײַנע האָט זיי פארלאטעט העמדער, צוגענייט בענדלעכ. אונ זײַנענ געווענ גליקלעכ, איבערגליקלעכ, אקו־ראט ווי קאלעווײַז, אמאָל אינ די יונגע יאָרנ. האקלאל, אונדזערע

פֿארשוינענע האָבנ אינ גלופּסק אפּ זיכ געפֿונענ מעווינים. אזעלכע לײַט ווי זיי קענ טאקע נאָר אײנ גלופּסק שאצנ אונ פֿארשטײנ זייער טײַערנ ווערט.

אהינ, אינ גלופּסק ארײַנ, איר, ייִדישע קינדער! וואָס וואלגערט איר זיכ, נעפּאשעס, שיינע מענטשנ, אונ ווערט ווי באטלאָנים פֿארפֿאלנ אינ די קליינע שטעטלעכ אונטערנ איווונ?! אינ גלופּסק ארײַנ, צו אלדי שווארצע יאָר! דאָרט וועט איר געפֿינענ אײַער גלײַכנ, דאָרט ווארטנ אפּ אײַכ אײַערע טאָלצעס, אײַערע טרײַנעס אונ טויזנטער ערלעכע ייִדנ אונ קאָשערע נעשאָמעס, דאָרט קענט איר וואקסנ, דאָרט קענט איר אופּגעריכט ווערנ, דאָרט קענט איר געפֿעלנ, שטארק גילטנ, א פּאָנעם האָבנ אונ ערשט לעבנ!...

אינ גלופּסק, א רועכ אינ אײַער טאטנ ארײַנ!

אָט וויִאזוי אונדזער ביניאָמינ שילדערט די שטאָט גלופּסק:

„אז איר קומט אָנ קיינ גלופּסק דורכ דער טעטעריוועקער גאס, זאָלט איר מויכל זײַנ איבערשפּרינגענ דאָרט אײנ בלאָטע, ווײַטער א ביסל די צווייטע, נאָכ ווײַטער א ביסל די דריטע, סאמע די גרעסטע, וואָס אהינצו לויפֿנ ארײַנ, מעכילע, רינשטעקלעכ אי באלעבאטישע פּאָמויניצעס אונ ברענגענ מיט זיכ אָנ פֿונ קאָלטווו, איטלעכנ טאָג עפּעס אָנ אנדער מינ סכוירע, אנדערע סאָרטנ כפֿייצימ פֿונ אלערליי קאָלירנ אונ פֿארשיידענע מינע רייכעס, ווי עס פּאסט צום איניענ, אונ דורכ דעמ איז זייער גרינג צו טרעפֿנ דעמ טאָג. גיסנ זיכ אהינ, אשטייגער, געלע לוזשקעלעכ פֿונ זאמד, מיט וועלכנ מענ וואשט די פֿאָלנ, אונ טראָגנ מיט זיכ אָנ ליסקעס פֿונ פֿיש, דרויב־פֿיסלעכ, קעפּלעכ פֿונ הינער, א ביסל האָר מיט פֿארברענטע שטיקלעכ קאָפּיטעס — זאָלט איר האָבנ א סימענ: הײַנט איז פֿרײַטיק, נעמט א בעזעמ מיט א ראשקע אונ לויפֿט, זײַט מויכל, אינ מערכעצ ארײַנ. טראָגנ זיכ אהינצו אָנ שאָלעכצ פֿונ אייער, פֿונ ציבעלעס, פֿונ רעטעכ, סוכעזשילעס פֿונ לעבער מיט עקנ פֿונ הערינג אונ גרויסע אויסגעהוילטע מארכביינער, — אהא! גוט־שאבעס אײַכ, ייִדישע קינדער! זאָל אײַכ וויל באקומענ נאָכנ קוגל. זעט איר אָבער די רינשטעקלעכ קוימ־קוימ וואָס זיי רירנ זיכ, עס שלעפּנ זיכ דאָרט פֿארברענטע שטיקלעכ קאשע, פֿארדארטע שטיקלעכ טייג, א צעריסענע שמאטע מיט א צעפּאלענעמ וויכעטש, איז א סימענ:

דאָס איז הײַנט זונטיק. דער וואַסערפירער האָט נאָך נישט געבראַכט קיינ וואַסער, קוים וואָס מענ האָט אויסגעזויגנ א ביסל פונ דער פאַס אַפ אויסצוואַשנ ווי ס'איז כאָטש די טשאָלנט־טעפ מיט די מאַקערטעס. אונ אזוי אינ אַלע איבעריקע טעג פונ דער וואָך האָט איטלעכע לוזשע איר באַזונדער פאָנעם, איר באַזונדער געשטאַלט מיט איר באַזונדער רייעך.

אונ אז איר זײַנט בעשאָלעם איבערגעקומענ אי די דאָזיקע בלאָטע אויך, וועט איר, ראַבויסים, גיינ פאַרבײַ א היפשנ בערגל מיסט, דאָס איז א איבערגעבליבענער זייכער פונ אנ אָפּגעבערענט הײַזל, וואָס אויבנ שטייט געוויינטלעך א בעהיימע, גלײַך ווי א קעל־ביקער מאַגיד, איז גאַנצ רויִק זיך מאַלעגיירע, מאַכט מיט דעם מויל אונ קוקט טאַמעוואַטע אַפ דעם גאַנצנ אוילעם יידנ, וואָס לויפנ אונטנ ווי די פאַרסאַמטע מיט אַלערהאַנט שטעקנס, שטעקלעך אי פאַראַסאָנעס. טוט דערבײַ אַמאָל א סאָפּע, אָדער א קויִשנ זיפצ, טאַקע נאָר גלײַך ווי זי וואָלט געזיפצט אונ געקרעכצט, מישטיינס־געזאָגט, אַפ דעם דאָזיקנ אוילעם, אויך אַפ איר שלימאַזל, וואָס זי איז, נעבעך, אַרײַנגעפאַלנ אינ יידישע הענט.... איבערקומענדיק אי דעם בערגל, וועט איר גיינ גלײַך, גלײַך, אַלצ גלײַך. עפשער וועט איר, לוי יאַלע וועלוי יאָווי, זיך א זעצ געבנ אינ די שפּי־צעכדיקע שטיינער פונעם ברוק, וואָס ליגנ צעזייט, צעשפּרייט, מעשונע ווילד, אונ, כאַסוועשאָלעם, פאַלנ, זאָלט איר מויכל זײַנ אופשטיינ, אויב איר וועט קענענ, אונ אַלצ טאַקע גיינ, גיינ, בעיִם איר האָט נישט אויסגעבראָכנ קיינ פוס, כאָלילע, ביז איר וועט קומענ אַפ עפּעס א מינ פּלאַצ. דאָרט אַפ דעם פּלאַצ וועט איר געפינענ דעם טאַמציס פונ גלופּסק.

אונ ווענ ס'איז נאָר א סוואָרע טעטעריוּוקער גאַס אָנצורופנ דעם מ אָ ג נ פונ גלופּסק, קענ מענ נאָכדעם שוינ מיט רעכט זאָגנ, אז דער דאָזיקער פּלאַצ איז איר האַרצ, וואָס דאָרט קלאַפּט זיך טאָמעד טאָג אי נאַכט, אונ וואָס דאָרט איז איר כּיִעס, דאָס גאַנצע לעבנ. דאָרט שטייענ קלייטנ, קלייטעלעך, שאָפּקעס אונ די באַקאַנטע גנייווע־שאָפּקעלעך, ווו באַלמעלאָכעס זעצנ דאָרט אָפּ דעם ייִטער. שטיק־לעך מאַטעריע, טאַסמעס, בענדלעך, סאַמעט אונ שטיקלעך פעלצ. דאָרט רודעוועט זיך זייער שטאַרק. עס שוויבלט אונ גריבלט, א

געדיכטער אוילעמ אָנ איינאָרע: יידנ שטופנ זיכ אונ כאפנ, נעבעכ, פונ איטלעכער זייט דישלעס פונ טעליגעס אונ פאָרקעס. דאָקטוירימ זאָגנ, באשער אז מענ פאלמעכט א גלופסקער יידנ, געפינט מענ דאָסראָוו בא אימ אינ לייב שטעקט א דישל. נאָר אפ גלופסקער דאָקטוירימ קענ מענ זיכ נאָכ נישט סוימעכ זײנ. די רויפימ שפילנ דאָרט א סאכ א גרעסערע ראָליע. דאָרט הערט מענ טאָמעד א קאָל: הייסע באבקעס, יידעלעכ! אהער, הייסע רעכשאניקעס, קנאָבל, ציבעלעס, יידישע קינדער! פונ אָפגעריסענע יינגעלעכ, וואָס גייענ ארומ אונ שרייענ מיט עפעס א מעשונע ניגנ. דאָרט כאפט מענ אמאָל פארנאכט א דאוונ, מענ איז מעכאדעש גאנצ הויכ די לעוואָנע אונ מענ שרייט דערביי צו איטלעכנ, וואָס גייט נאָר פארביי: שאָלעמ-אלייכעמ, פעטער! דאָרט שטייענ טרעגערס ארומגעגארטלט מיט גראָבע שטריק, אָטסטאווגע סאָלדאטנ מיט אלטע כאָלעוועס אונ אויסגעריבענע שינעלנ, טאנדעטניקעס מיט אלטע טאכטוינימ, קאפטנס, לייבלעכ אונ נאָכ אלערליי שמאטעס. אינמיטנ שטייט דער פאני סטאָראָזש אונ עסט געשמאק א שטיק יידישנ קוילעטש, וואָס ער באקומט שאבעס פאר די ליכט אָפשנייצנ, אונ היט זיכ, לעהאוודל, ווי א שמורעניק, בעשאס ער גיט א ביס, עס זאָל, כאָלילע, קיינ ברעקל נישט אראָפפאלנ. קארמאנשטשיקעס דרייענ זיכ דאָרט ארומ צו מאכנ די קונצ. עפעס א פארשמירט מיידל מיט צעשויבערטע, צעפאטלטע האָר שפרינגט פלוצלימ פונ דער העלער הויט ארויס, רעוועט, בעט א נעדאָווע אפ א צעריפעטנ קאָל, כאפט אָנ פאר דער פאָלע אונ שרייט, כאָרכלט ווייענדיק, גלייכ ווי איר וואָלט זי געקוילעט אונ צוגענומענ בא איר געלט. א פעקל ווייסע-כעוורע לויפט דאָרט מיט א אורא נאָכ עפעס א מעשוגענעמ, וואָס זינגט טרויערדיקע לידלעכ, האלב יידיש, האלב פויליש, אונ טראָגט אפנ קאָפ א צעקנייטשט קאפעלישל. דאָרט שטייט א באָכער מיט עפעס א מינ קעסטעלע, יידנ קוקנ אהיינצו אינ לאָכ, אונ ער רעדט דערביי מיט פיסקעס זיינ געוויינטלעכנ פיזמענ: דאָס איז לאָנדאָנ, דער פויפסט פאָרט דאָ רייטנדיק אינ רויטע הויזנ, אונ אלע שטייענ פאר אימ אָנ א היטל! איצט, זעט איר, ווי נאפאָלעאָנ מיט זיינע פראנצויזלעכ שלאָגנ זיכ מיט דעמ פרייס, אונ די פרייסנ צעלויפנ זיכ ווי די טאראקאנעס! אָט אצינד

קומט פיר, ווי איינע פֿאָרט אינײנעם מיט דעם טויגער אין אײנ קארעטע. דער גראָספּעציר האלט די בײַטש און טרײַבט אָן. די פּערד האָבן זיך ראַספּאָלאָשעט, אויסגעקערט די קארעטע, דער טויגער, נעבעך, איז געפאלן, זיך א גוטן זעץ געטאָן, און זי זוכט אין אײַלעניש ווי זיך אויסצודרייען! נו, א סאָף, גענוג שוין צו קוקן פאר א הארטן גראָשן. דאָרט זיצן שורעסווײַז אויסגעזעצט יִדענעס מיט מולטערס, פול אָנגעלייגט מיט בינטלעך קנאָבל, מיט אוגערקעס, קארשן, אגרעסן, ווײַמפּערלעך, ערעצייִסראָעל־עפּעלעך, קאָלנידרע־בארלעך און מיט נאָך אנדערע זאכן. אין דער זײַט שטייט אַף הינערשע פיסלעך אַן אלטע אײַנגעהויקערטע בודקע, אָן טיר און פענצטער, וואָס, קעפּי אלטע גרײַז־גרויע ייִדן דערציילן, איז אמאָל דאָרט געשטאנען א בודאָטשניק, און די גאנצע שטאָט איז דענסטמאָל געלאָפן אָנקוקן די בודקע מיט דעם סאָלדאט אַף כּידושים. לעבן דער אלטער בודקע, מיט וועלכער גאנץ גלופּסק איז זיך מעיאכעס ווי מיט עפּעס אַן אלטן קרעפּאָסט, דאָרט אונטער עפּעס א מין דעכל, בארעקט מיט עטלעכע פארשימלטע ברעטלעך, מיט איבערגעפוילטע שטרוי און ראָגאָזשעס, אָנגעשפּארט אַף פיר קרומע אויסגעבויגענע סלופּעס, זיצט דוואָסיע די סעדרעכע, ארומגערינגלט פון אלע זײַטן מיט מולטערס. בא איר געפינט זיך טאָמעד איר גרויסער פּײַערטאָפּ, וואָס ווינטער זיצט זי אַף אים, ווי א קוואָטשקע אַף די אייער, דעם גאנצן טאָג קעסיידער, נאָר וואָס זי כאַפּט אים אמאָל פון אונטער איר ארויס, אונטערצובלאָזן די קוילן און ארויסצונעמען פונעם אש געבראָטענע קארטאָפּליעס.

פון יענע ייִדן, אזוי גייט ארום צווישן אוילעם א גאנץ אלטע אגאַדעטע, פון יענע ייִדן, וואָס שלוימע האמעלעך האָט געשיקט אַף שיפן קיין אויפיר נאָך גאָלד און אנדערע מינע אויסלענדישע סכוירעס, זײַנען א סאך, מאכמעס קאמע טײַמים, איבערגעבליבן דאָרט. זיי האָבן מיט דער צײַט געעפנט אין אינדיען זייער טײַערע קלייטן אי גרויסע קאָנטאָרן, האָבן געהויבן בא די דאָרטיקע דײַטשן שטארקע האקאָפעס און אלערליי קאָמיסיעס, און דאָס מאזל האָט זיי א לאנגע צײַט שטארק געדינט. דערנאָך אָבער האָט זיך איבערגעדרייט דאָס רעדל און אונדזערע סאָכרים האָבן זיך נעשטעלט און געמוזט אויקער זײַן. א טייל פון זיי זײַנען פארפאלן געוואָרן אין דער מידבער, א טייל

זײַנענ בעשאָלעמ אריבער די גרענעצ, האָבנ זיכ געזועצט אינ אָקרענטנ אונ געזועגלט אפּ דער פּיאטיגנילעווקע, וואָס איז אינ יענער צײַט ארײַנגעפאלנ גלײַכ אינ יאמ ארײַנ. אזוי האָבנ זיי געזועגלט, געזועגלט, ביז פּלוצלימ איז אופגעשטאנענ א שרעקלעכער שטורעמווינט, די כוואליעס האָבנ זיכ אופגעהויבנ ביז דעמ הימל, האָבנ צעשלאָגנ די אָקרענטנ אונ ארופגעוואָרפנ די מענטשנ אפּנ ברעג. דאָרט האָבנ זיי אויסגעבויט א שטאָט אונ זי א נאָמענ געגעבנ גלופּסק.

די כויקרע-קאדמוינײַעס, וואָס קענענ מיט זייער גרויס כאָכמע מאכנ פונ א גאָרנישט א כושקאטקויל, האָבנ פונ דער דאָזיקער אגאדעטע געמאכט א גאנצנ פּיירעש אונ אויסגעדרונגענ מיט טויזנטער שארפע שפּיצלעכ, ווי זייער שטייגער איז, אז דערינענ ליגט א שטיק עמעס. די רײַעס, וואָס זיי ברענגענ דערופּ, זײַנענ:

ערשטנס, דער פּאסאָנ פונ די הײַזער, וואָס איז עפּעס מעשונע-ווילד, גאָר אפּ דעמ אלטנ שניט, ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק, אז מענטשנ זײַנענ נאָכ געזועסנ אינ געצעלטנ אונ זיכ געוואלגערט אינ לעכער. פיל הײַזער זײַנענ דאָ אינ גלופּסק, וואָס זעענ בעעמעס אויס נאָר ווי לעכער, אונ א סאכ האָבנ א פּאָנעמ ווי די געצעלטנ פונעמ טאָטער. פונ זייער אָנבליק אונ פונ זייער שטײַנ זעט אויס, ווי זיי זײַנענ אײַנער מיט דעמ אנדערנ עפּעס נישט שאָווע-בעשאָווע. דו שטײַסט ארײַנגערוקט, וויל איכ מיר שטײַנ, דיר אפּצעלאָכעס, ארויסגערוקט; דו שטייסט פּאָפּערעק, אונ איכ וויל מיר שטײַנ קאפּויר; דו ווילסט אינ דרויסנ א טרעפּל, אונ איכ, דאפקע, א לײַטערל, ווער עס באדארפּ וועט נישט קראנק זײַנ קלעטערנ. אונ אז דו האָסט שוינ יאָ עפּעס משונע הויכ פּאריסנ דײַנ פּארלאטעט דעכל, נו, האלט איכ מיר מײַנ דעכל דאפקע אראָפּגערוקט. געסמאהע דיר פּארפּול! ווועמענ עס געפעלט נישט לאָז זיכ צומאכנ די אויגנ... קורצ, דאָס אלצדינג איז מעראמעז אפּ אלטע, גאנצ אלטע צײַטנ. צווייטנס, די מינהאָגימ פונ די אײַנוווינער. צווישנ זיי זעט מענ נאָכ אדאיעמ אזעלכע מינהאָגימ, וואָס קומענ ארויס פונ די היידנ, צווישנ וועלכע זיי האָבנ אינ פריערדיקע צײַטנ זיכ אופגעהאלטנ. דער קסאוו אונ כאָכמעס-האכעזשבנ איז דאָרט נישט שעכיעכ, אזוי, אז אלע איניאָנע-האקעהילע אונ אלע כעוורעס דאָרט ווערנ געפירט אָנ ביכער, אונ די פירער גיבנ קיינעמ נישט אָפּ קיינ כעזשבנ.

דריטנס — די קיטעס, די מענטשנ כיילנ זיכ דאָ אויכ אינ פארשיידענע קיטעס, ווי אמאָל בא די אינדיאנער. ווי אשטייגער די קיטע כאפלאפער, סאמע דער צימעס, וואָס געוועלטיקנ בעיאד ראָמאָ; די קיטע בלאטהאלטער, זאשטשיטניקעס, וואָס האלטנ שטאָל אונ אייַזנ, קריגנ אונ שלאָגנ זיכ פאר די כאפלאפער מיט דעמ סוינע אונ נעמענ דערפאר בא זיי געוויסע זשאלאָוואניעס אונ אומזיסט פלייש; די קיטע וואכלאקלאקער, ארופירער אפ א גליטש, אונ וואָס אליינ דרייענ זיי זיכ אויס גלאט ווי אפ טעלער. די דאָזיקע לייַט צעפאלנ אפ קוימעיִעס-זאָגער, וועלטלעכע מענטשנ, וואָס האָבנ צו זאָגנ אינ איניאָנע־האמיסכער, אונ אפ צוואקאנער, קלייקוידעש, וואָס האָבנ צו זאָגנ אינ איניאָניי-האָעמונע; די קיטע גלופאָ-טרוסאָ-בעזיאזיקאָ-קאבצאנער, דער פראָסטער אָרעמער אוילעמ, וואָס איז שטארק ניכנע די אלע איבעריקע קיטעס אונ באקומט פאר זיי דאָס נייַניאָריקע קאדאָכעס.

הייַנט, פערטנס, — די מאטבייע, וואָס מענ האָט אמאָל, בעשאס גראָבנדיק די גרעבליע, דאָרט געפונענ. פונ איינ זייַט איז זי געווענ שטארק אָפגעריבנ, קוימ-קוימ וואָס מענ האָט ארויסגעזענ עפעס ווי א שטיקל פארטעכ צוגעטשעפעט צו א שטעקנ, אונטנ עפעס פאָכאָזשע אפ א מולטערל, פונוואנענ עס האָבנ ארויסגעשטעקט שטיקלעכ קעפ. פונ דער אנדערער זייַט איז די מאטבייע געווענ קימאט גלאט, נאָר אז מענ האָט זיכ גוט צוגעקוקט, האָט מענ דערקענט אלטמאָדישע קסיוועטע אויסיִעס: „יאשלג וענפ“. די געלערנטע האָבנ אפ דער דאָזיקער אופשריפט זיכ געבראָכנ די קעפ אונ ארייַנגעלייגט דערינענ פשאָטימ, איטלעכער אפ זייַנ גאנג. א טייל האָבנ געהאלטנ אינ דער סוואָרע, אז די „י“ אונ די „ג“ באמ אָנהייב אונ סאָפ וואָרט „יאשלג“ זייַנענ גאָרנישט קיינ אויסיִעס נאָר שטיקלעכ פונ טשאטשקעלעכ, וואָס זייַנענ פונ דער צייַט אָפגעריבנ געוואָרנ. בעכיינ מאכט עס: אשל[1] — א בוימ, וענפ[2] — אונ א צווייַג. אונ דאָס איז דער שטעקנ מיט דעמ פארטעכ. ווידער א טייל האָבנ עס דערקלערט גאָר אנדערש, אונ די געלערנטע האָבנ דערמיט מאריש-אוילעמ געווענ. ביז דערנאָכ איז געקומענ איינער מיט אָפענע אויגנ אונ האָט דערינענ דערזענ נאָר ראָשע-טייוועס,

---

1 איישעל.

2 וועאָנאָפ.

וואָס זיי מאכנ: יעהודיי אויפיר (אָדער אינדיאָ) שעבאָו לעקאנ (אָדער לק"ק) גלופסק וועניסיאשוו אל נעהאר פיאטיגנילעווקע. דער שטעקנ מיט דעמ פארטעכ אונ מולטערל מיט די קעפ, דאָס באטייַט: אנ אָקרענט מיטנ זעגל אונ מיט פארשוינעג. דער דאָזיקער געלערנטער האָט איבער דעמ געמאכט זייער א דיקנ סייפער אונ ווענדט זיכ דאָרט צומ אוילעמ מיט א באקאָשע, אז מענ זאָל רייניקנ דעמ טייַכ, וועט מענ דאָרט זיכער געפינענ א סאכ אלטע זאכנ, וואָס וואָלטנ געעפנט די אויגנ אינ דער כקירע מיקויעכ גלופסקער יידנ. נאָר די דאָרטיקע אייַנוווינער שייַענ זיכ אָבער אויסצורייניקנ די בלאָטע אונ זאָגנ: דאָס, וואָס מענ האָט פונ אלטע צייַטנ אָנגעמאכט, דאָס מוז בלייַבנ, קיינ מענטשנס אויג טאָר אינ דעמ פארבאָרגעניש נישט ארייַנקוקנ....

אינ דער שטאָט אליינ געפינענ זיכ אקעגנ א דרייַסיק—פערציק לוזשעס, שוינ מיט לעוואָדעס איניינעמ. זיי פארייניקנ זיכ דורכ הייַלנ מיט די אָפגרונטנ פונ דער פיאטיגנילעווקע, אונ אינ געוויסע צייַטנ, ביפראט נאָכ פאר א פאר־פייסעכ, צעשפילנ זיי זיכ שרעקלעכ שטארק אונ פארפלייצנ די גאסנ מיט אזא טיפער, שיטערער בלאָטע, אז בא די הויכגעוואקסענע מענטשנ אפילע ווערט גייענדיק פארשלומפערט דאָס היטל. גלופסק ווערט אינ די פינצטערע נעכט באלייַכט פונ איינ קליינער לאמטערנע, זי ווערט אויכ באוואכט פונ א פאָר בודאָטשניקעס. פונדעסטוועגנ פאלט מענ דאָרטנ פאָרט בא דער נאכט אונ מענ ברעכט האלדז אי לייַב. אונ גנייוועס טרעפנ זיכ דאָרט אויכ זייער אָפט, כאָטש ס'איז דאָ אזא שמירע. דערפונ איז טאקע געדרונגענ, אז מענ קענ זיכ קלאל נישט אייַנהיטנ, מענ קענ זיכ נישט באוואָרענענ, וואָס ס'איז באשערט דאָס איז באווערט. עס העלפנ גאָרנישט דעמ מענטשנס כאָכמעס מיט זייַנע אלע טאכבולעס.

דערומ, — זאָגט ביניאָמינ, — באדארפנ מיר צומאכנ די אויגנ אונ גיינ טאָמעד אפ גאָטס באראָט, מיט דעמ ביטאָכנ, מיסטאָמע וועט ער זייַנע מאלאָכימ געביטנ אונדז צו היטנ אונ אפ די הענט אונדז צו טראָגנ. עס פאלט נישט דער שפאָנ ביז ס'איז עפעס דראָנ. באדארפ מענ מער, — זאָגט ער, — ווי איכ האָב באוואָרנט מייַנ טאלעס־אונ טפילנ-זאק. איכ האָב אימ אנידערגעלייגט אינ בעסמעדרעש אפ

דער פאָליצע. וואָס קען שוין, דאכט זיך, זיין מער א זיכער אָרט ווי דאָ? פונדעסטוועגן, אז גאָט האָט נישט געוואָלט אָפּהיטן, האָט מען אים איינגעם מיט די איבעריקע אונדזערע זאכן פונדאנען אויך אוועקגעגאנוועט״!

דאָס עלפטע קאפיטל

כידושימ ווענילאָעס אפ דער פיאטיגנילעווקע

אפ דעמ טײַכ פיאטיגנילעווקע, אז אונדזערע פארשוינענ האָבנ דאָס ערשטע מאָל א קוק געגעבנ, זײַנענ זיי ניווהעל־אונישטוימעמ געוואָרנ. זיי האָבנ אזא מינ טײַכ נאָכ קיינמאָל אינ די אויגנ נישט געזענ. סענדערל האָט געזאָגט, דאָס מוז זײַנ אוודע דער גרעסטער טײַכ אינ דער גאנצער וועלט. וואָרעמ אנדערש האָט אימ גאָר אינ קאָפ זיכ נישט געלייגט. א קאטאָוועס אזא טײַכ, וואָס איז עפשער א הונדערט מאָל גרעסער פונ טונעיאדעווקער. נאָר סענדערל איז געווענ א פראָסט מענטשל, מער פונ טונעיאדעווקע האָט ער נישט געוווּסט. אינ די קליינע אויסיעלעכ ארײַנקוקנ האָט ער נישט געקענט, דעריבער איז אלצדינג, וואָס נאָר עפעס נישט אזוי ווי אינ טונעיאדעווקע, בא אימ געווענ א כידעש ניפלע, אונ פלעגט מיינענ, אז דערמיט עקט זיכ שוינ טאקע די וועלט. ביניאָמינ אָבער, וואָס פיל געלערנטער פונ אימ, וואָס האָט אינ זײַנע מינע בקירע־ספאָרימלעכ שוינ געכאפט, ווי מענ זאָגט, א לעק פונ די שעווע־כאָכמעס, וואָס האָט געוווּסט א ביסל די באשרײַבונג פונ דעמ גאנײדנ האטאכטנ, פונ די מעשונע־ווילדע באשעפעניש אינ הינדיאָ, אוכדוימע נאָכ אזעלכע מינע זאכנ, האגאמ ער פלעגט באמ ערשטנ מאָל אָנקוקנדיק עפעס נײַס זיכ אויכ שטארק כידעשנ אינ הארצ, נאָר ער פלעגט דערבײַ מאכנ אזא מינע מיט א שמייכעלע, גלײַכ ווי איינער רעדט: עט, נארישקײַטנ, דאָס איז נאָכ גאָרנישט אקעגנ יענצ, וואָס איז נאָכ

דאָ.... ער האָט סענדערלען באַוויזן, אַז די פּיאַטיגאָרסקער טייכעלע פֿלוקטאָ איז פֿאַרשעט בלאָטע, איך בעט אײַך איבער, טינעף, אַקעגן דעם יאַרדן, וואָס איז פֿיל מאָל גרעסער פֿון איר, זי וואָלט דעם שויר-האַבאָר נישט געקלעקט אַפֿילע אויף איין צאָן, און פֿונעם נאָמען יאַרדן טאַקע איז אויך אַזוי די מאַשמאָעס, וואָרעם יאַרדן איז דאָך דער טײַטש: אַ גוזמע, אַ סאַך, אַ יאַרדן!

— וויסטו, סענדערל, וואָס מיר איז אײַנגעפֿאַלן? — האָט בינ-יאָמין געזאָגט נאָך דעם, אַז ער איז געשטאַנען איינמאָל שטאַרק פֿאַרטראַכט לעבן דער פּיאַטיגאָרסקער טייכעלע. — מיר איז אײַנגעפֿאַלן צו לאָזן זיך פֿונדאַנען מיט דעם וואַסער.

— גאָט איז מיט דיר! — האָט סענדערל זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר גרויס שרעק. — דערמאָן זיך נאָר, בינ-יאָמין, אַז אונדזער טײַך נעמט אַלע יאָר צו אַ מענטשן, הײַנט מי-יעדייע וויפֿל מענטשן מוז דער דאָזיקער טײַך אַ יאָר צונעמען. האָב ראַכמאָנעס אויף אונדזער לעבן, אויף דײַן ווײַב און קינדער, בינ-יאָמין!

— ביטאָכן, ביטאָכן, סענדערל! ביטאָכן איז אַ יידישע זאַך, מיט ביטאָכן איז יאַנקעוו אָווינו מיט זײַן שטעקל דעם יאַרדן איבערגעגאַנגען. מיט ביטאָכן, זעסטו, עפּענען דאָ יידישע קינדער אויף גרויסע געוועלבן, אַלצדינג, וואָס דו זעסט דאָ, איז אַלץ לויטער ביטאָכן. אַפֿילע טרעף און סטעליעס, ווי אויך פֿיל גרויסע הײַזער, האַלטן זיך דאָ נאָר אויף ביטאָכן....

— נאָר פֿאַרוואָס ווילסטו דאַפֿקע מיט דעם וואַסער, — האָט סענדערל געפֿרעגט, — אַז מיר קענען דאָס אייגענע אויך מיט דער יאַבאָשע?

— איך האָב דערויף אַ סאַך טײַמים, — האָט בינ-יאָמין געענטפֿערט. — איינמאָל, ווײַט, ווי מיר דאַכט זיך, די נעסיִע מיט דעם וואַסער זײַן אַ נעענטער און גיכער. מיר באַדאַרפֿן זען אָנקומען אַהין ווי צום גיכסטן. וואָס פֿריִער איז אַלץ בעסער. פֿאַרוואָס? דאָס ווייס איך שוין, דאָס איז שוין מײַן זאַך! מיר קוועטשט, סענדערל, מיך קוועטשט זייער שטאַרק, עס פּיקט מיך אָט דאָ, דאָ אין קאָפּ. איך וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זײַן מיט לײַב און לעבן. ווען עס זאָל מעגלעך זײַן, וואָלט איך ווי אַ פֿויגל אין דער לופֿט אַהינצו געפֿלויגן... צווייטנס, אַז בינ-יאָמין פֿון ט ו ד ע ל אָ האָט בעיאָמאָוו

זיך געלאָזט אַפּ זײַן נעסיַע, איז ער טכילעס אויך געפאָרן מיט דעם טײַך עבראָ, אַזוי שטייט בעפיירעש געשריבן אין זײַן סייפער. מיסטאָמע, אַז ער איז פאַרצײַטן געפאָרן מיט דעם טײַך און נישט מיט דער יאַבאָשע, באַדאַרף דאָך טאַקע זײַן דאַפקע אַזוי און נישט אַנדערש. מיסטאָמע האָט ער געוווּסט, וואָס ער טוט, און איז אַזוי־פיל קלוג געווען ווי מיר אַלע, כ׳לעבן. רעב בינ׳אָמין איז אַ קאַדמען, אַ פריִערדיקער פאַר אונדז, מוזן מיר אים הערן גאָר אָן קאַשעס....

— אויב אַזוי, — האָט סענדערל געמאַכט, — איז שוין טאַקע רעכט. באַ מײַן ייִדישקײַט, בינ׳אָמין! נישט נאָר אַפן טײַך, אַפילע ווען רעב בינ׳אָמין וואָלט פאַרצײַטן געפאָרן רײַטנדיק אַפּ אַ קאָטשערע, וואָלטן מיר דאָ נישט באַדאַרפט לאַנג טראַכטן, זיך גענומען אופּגעזעצט און אויך געפאָרן אַפּ אַ קאָטשערע.

— און דריטנס, — איז בינ׳אָמין אַרײַנגעפאַלן סענדערלען אין די רייד, — שאָדט טאַקע קלאָר נישט, מיר זאָלן זיך געוווינען צו פאָרן מיט דעם וואַסער איידער נאָך עס ווערט אונדז שפּעטער אויסקומען צו פאָרן אַפן יאַם אָקיאָנוס. איך וואָלט נאָך אַפילע געזאָגט, אַז איידער מיר וועלן זיך אָפּפּאַרטיקן דאָ אין גלופּסק, וואָלט, אָסער, גאָר נישט קרום געווען, צו פּרוּוון גלאַט אַזוי דורכצופאָרן זיך אַ ביסל אַפן טײַך. דאָרטן, דאָרטן, זעסטו, שטייט איינער מיט אַ לאָדקע, אָט, כ׳לעבן, לאָמיר צוגיין און אים עפּעס געבן, וועט ער מיט אונדז אַ ביסל פאָרן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען אונדזערע וואַנדערער באַהאַרצט אַרײַן אין אַ לאָדקע און האָבן זיך געשיפט איבער די פּיאַטיגנײַלעווקע. טכילעס האָבן זיי אַפילע זיך געשראָקן. סענדערלען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, און ער האָט געצאַפּלט מיט הענט און פיס. אָט־אָט, האָט ער געמיינט, קערט זיך די לאָדקע אום, און ער פאַלט אַרײַן אין די טיפע אָפּגרונטן פונעם טײַך. ס׳איז אַן עק פון זײַן לעבן, און זײַן ווײַב בלײַבט אַן אייביקע אַגונע. נאָר דערנאָך איז אים געוואָרן אַ ביסל בעסער.

— נישקאָשע, סענדערל, — האָט בינ׳אָמין אים געטרייסט, אַז זיי זײַנען אַרויס אַפן ברעג. — זאָל דיך נישט אַרן, וואָס דער קאָפּ דרייט זיך און עס ווערט עפּעס נישט גוט. דאָס איז די יאַם־קראַנקײַט, וואָס איטלעכער מוז זי לײַדן, אַז ער פאָרט דעם ערשטן מאָל אַפן

יאם. דעם צווייטן מאָל, ווערסטו זען, וועט זײַן בעסער און דו וועסט שוין גאָרנישט פילן.

פון יענער צײַט אָן פלעגן אונדזערע פּאַרשוינען זייער אָפט פּאָרן אויפן טײַך און דערפון גרויס טײַנוג געהאַט. זיי זײַנען באַ זיך געוואָרן אזוי שטאַרק, אז איבערשיפן זיך דעם יאַם, האָט זיך זיי געדאַכט, איז א שפּיל.

בינימין פלעגט דורך סענדערלען זיך אַרײַנלאָזן אין א שמועס מיט דעם לאָדאָטשניק און אים פּאַרוואַרפן מיט שײַלעס, ווי אַשטייגער: פרעג נאָר, סענדערל, דעם קאַפּיטאַן, וויפל מײַל האָבן מיר פונדאַנען ביז דעם יאַם? פרעג אים, אויב ס׳איז דאָ עפּעס וויסעס? וואָס פאר א מינע לײַט וווינען דאָרט? צי וווינען צווישן זיי יידן? וועמען צאָלן זיי מאַס און צי ווייסן זיי פון א גאָלעס? אָדער אַשטייגער אזוי: פרעג, סענדערל, אַפּ א ציקאַוועשטש, דעם אָרל וועגן די בערג ניסבוין און דעם קויפער אל טורכ? צי ווייסט ער עפּעס מיקויעכ די אסערעס־האשוואָטים? א קאַשע אַפּ א מײַסע, עפּשער האָט ער עפּעס געהערט — אוכדוימע נאָך און נאָך אַזעלכע שײַלעס פלעגט אַלץ בינימין הייסן פרעגן.

נאָר דאָס ביסל גויִש, וואָס סענדערל האָט זיך אויסגעלערנט ריידן גייענדיק מיט זײַן ווײַב טאָמעד אַפּן מאַרק, איז קאַרג געווען פאר אַזעלכע הויכע איניאָנים. דינגען זיך פאר אייער, ציבעלעס, קאַרטאָפל, — דאָס האָט ער נאָך ווי ס׳איז געקענט; אָבער אויסטײַנען זיך מיט א קאַפּיטאַן איבער געלערנטע זאַכן, דאָס האָט ער לאַכלוטן נישט געקענט. ס׳איז געווען א צאַרבאַלעכאַים ווי סענדערל, נעבעכ, פלעגט זיך מוטשען אין אזא שמועס. ער פלעגט ריידן מיט הענט און מיט פיס, אַרבעטן אַפּ אַלע קיילים, און אָפּגיין מיט שווייס, אז איינ גאָט האָט געמעגט אַפּ אים ראַכמאָנעס האָבן. זײַן קאַפּיטאַן פלעגט שפּײַען, טײַנען, אָנקוקן אים בייז פון איין זײַט, און בינימין פלעגט אים דורען א קריזש, שטורכען און קוקן אים אין מויל אַרײַן פון דער אנדערער זײַט.

— ווין טשערוואָני זשידקי, ווין פּיטאַיע, — פלעגט סענדערל אַרויסגיין מיט אזא שפּראַכע אַשטייגער.

— איז טשערוואָני זשידקוו יא זנא לייבקו, שמולקו, באַגאַטיע זשידקי, — אזא טשוווע פלעגט סענדערל באַקומען פון זײַן קאַפּיטאַן.

— ני ליבקאָ, ני, ני! ווינ טשערוואָני זשידקי פּיטאיע, טאָ־מאָטשקא, ווי זאָגט מענ עפּעס, ני טאמאָטשקא, לעבנ בערגעלע ניסבוינ.

— ניסבאָנא, זשידקאָ ניסבאָנא?

— זאָג אימ, סענדערל, — פלעגט בינימינ שרייַענ, זאָגנ זאָלסטו אימ, א בארג! מאָל אימ אויס ווי דו קענסט.

סענדערל פלעגט צונויפשטעלנ הויכ די הענט, אויסצומאָלנ דער־מיט א בערגעלע, אונ שרייַענ דערבייַ: העט, העט וויסאָקא!

— טפו! — פלעגט דער אָרל אויסשפייַענ, אויכבאטלענ אפ סענ־דערלענ כאַלוימעס אונ אימ אָפּשיקנ צו אלדי שווארצע יאָר.

פונ זייַנע נעסיעס אפ דער פיאטיגנילעווקע דערציילט בינימינ כידושימ, ווונדערלעכע זאכנ, וואָס האָבנ אינ דער וועלט א ראש אָנגעמאכט. מיר וועלנ דערפונ דאָ נאָר א מיקצעס ארויסשטעלנ.

שיפנדיק זיכ איינמאָל אפ דער פיאטיגנילעווקע, האָט בינימינ דאָרט דערזענ אינדערמיט טייַכ א גאנצ גרויסנ אָרט, וואָס איז גע־וועג גרינ באוואָקסנ אונ מיט זייַנ גרינקייַט די אויגנ פארנומענ. ער האָט געמיינט, דאָס איז א וויספּע, באוואקסנ מיט גראָז אי מיט שמעקנדיקע קרייַטעכצער. אז ער האָט ארויסגעשטעלט א פוס אונ שוינ געוואָלט א שפרונג געבנ אפ דער וויספּע, האָט דער קאפּיטאנ פונ דער לאָדקע אימ פלוצלימ א כאפּ געטאָנ פונ הינטנ מיט א געשריי אונ א שליידער געגעבנ אימ צוריק אינ דעמ שיפעלע מיט דעמ גאנצנ קויעכ, אזוי, אז ער איז א היפשע צייַט געבליבנ ליגנ שטארק פארדולט. ער האָט מער נישט געהערט ווי ארומ דעמ שיפעלע קאָכט, ראשט זיכ, גלייַכ ווי עס ראנגלט זיכ מיט עפּעס, אונ עס גייט מיט גרויס מי זייַנ וועג. אונ אז ער איז שפּעטער צו זיכ געקומענ, האָט אימ דער אָרל געזאָגט, ער איז געוועננ אינ א גרוי־סער סאקאָנע דערטרונקענ צו ווערנ אינ דעמ גרינקייַט. וואָרעמ דאָס גרינקייַט איז נישט קיינ וויספּע, ווי ער האָט געמיינט, נאָר דאָס איז גאָר דער צוויט, וואָס די פיאטיגנילעווקע צוויטעט אלע יאָר.

„איכ אָבער, אזוי שרייַבט בינימינ, האָב מיכ נישט געקענט לאָזנ אייַנריידנ, אז דאָס זאָל זייַנ צוויט. עמעס טאקע, א רייעכ עפּעס האָט עס געהאט, נאָר זינט איכ לעב האָב איכ נישט געהערט אונ אויכ אינ מייַנע ספאָרימ נישט באגעגנט, אז וואסער זאָל צוויטענ.

ווענ עס זאָל צוויטענ, וואָלט דאָכ דערופ באדארפט וואקסנ דערנאָכ עפעס א מינ פיירע, איכ האלט גאָר אינ דער סוואָרע, אז דאָס איז דער מעשונע גרויסער יאמ-פיש כ י ל י י נ אָ, פונ וועלכנ ס'איז דאָ זייער א שיינער שמועס אינ דעמ סייפער „צייל-אוילאָמ" מיט די דאָזיקע ווערטער: „דער שרעקלעכ גרויסער פיש באדעקט זיכ מיט גראָז אונ מיט ערד, ביז ער זעט אויס ווי א גרויסע וויספע, אונ אמאָל מיינענ די, וואָס זעגלענ אינ יאמ, אז דאָס איז א שיינער בארג, זיי שטעלנ זיכ דערופ, טוענ וואָס זיי באדארפנ, קאָכנ מייכאָלימ, אונ אז דעמ פיש ווערט ווארעמ פונעמ פייער, טוקט ער זיכ אונטער אינ די אָפגרונטנ, אונ אלע, וואָס האָבנ אפ אימ געלאגערט, ווערנ דערטרונקענ". דערמיט טאקע איז א שטארקע אייזערנע רייע צו יענע ווילדע כאקראָנימ, וואָס האלטנ, אז די גלופסקער איינוווינער וואקסנ פונ הינדיאָ. זעגלענדיק פונ דאָרט איבער דער פיאטיגני-לעווקע אינ די אלטע יאָרנ, האָבנ זיי מיט זיכ פארשלעפט דעמ כ י ל י י נ אָ, וואָס האלט זיכ אופ בעעמעס אינ הינדיאָ אונ וואָס זיינ טעווע איז נאָכצולויפנ נאָכ די שיפנ".

אז ביניאָמינ האָט איינמאָל אריינגעקוקט אינ טייכ, האָט ער דאָרט דערזענ טיפ אינ וואסער עפעס מינע באשעפעניש, אקוראט גלייכ צו די געשטאלטנ פונ ווייבער.

„נאָכ גאנצ לאנג, זאָגט ביניאָמינ, האָב איכ געלייענט אינ ספאָרימ, אז אינ וואסער זיינענ דאָ יאמ-מענטשנ. פונ אלטע עמעסע מענטשנ, וואָס מענ מעג זיי גלייבנ אפנ וואָרט, האָב איכ אויכ געהערט דערציילנדיק, אז זיי האָבנ אליינ געזענ אזעלכע יאמ-מענטשנ בא קאָמעדיאנטנ, וואָס פלעגנ געוויינטלעכ נאָכ דער קאָמעדיע זיי ווייזנ יעדערנ פאר עטלעכע גראָשנ. נאָר היינט האָב איכ עס דערלעבט צו זענ מיט מיינע אייגענע אויגנ. איכ האָב מיט גרויס וווּנדער געוויזנ דערופ דעמ אָרל, אונ ער האָט מיר געוויזנ אפ עפעס פראטשקעס, וואָס זיינענ געשטאנענ באמ ברעג טייכ אונ געוואשנ גרעט. איכ ווייז אימ אונטנ אינ וואסער, אונ ער ווייזט מיר אויבנ אפנ ברעג. אונ ווייל מיר האָבנ איינער דעמ אנדערנס לאָשנ נישט פארשטאנענ, האָט ער ניט געוווסט, וואָס איכ ווייז אימ, אונ איכ האָב ניט געוווסט, וואָס ער ווייזט מיר, אונ איכ האָב פונ אימ מיקויעב דעמ גאָרנישט געקענט דערגיינ".

נישט ווײַט פונעם ברעג לעבנ דער שטאָט האָט ביניאָמינ געזעענ אזא אָרט אינ טײַכ, ווו דאָס וואסער איז מעשונע געדיכט, ערטערווײַז איז עס פארגליווערט עפעס נאָר ווי דרילעס, אונ ערטערווײַז איז דאָס וואסער נאָכ געדיכטער. פונ דעמ דאָזיקנ וואסער פירנ די וואסערפירער צו די באלעבאטימ אינ די הײַזער. דאָרט ווערנ די געדיכטע דרילעס צעפירט מיט פראָסט וואסער אינ דער פאס אונ מענ קאָכט דערמיט אלע מײַכאָלימ.

„איכ אליינ, זאָגט ביניאָמינ, האָב דאָס געקעכצ פונ אזא וואסער געגעסנ, איכ זאָל אזוי עסנ פונ דער סודע שעל-ליוויאָסנ. עס האָט געהאט דעמ זיבעטנ טאמ. א ראָסלפלייש דערפונ איז א מײַכל-מעלאָכימ. איכ האָב אָנגעלייגט מיט דעמ וואסער כולע קעשענעס אונ געהייסנ סענדערלענ מאכנ דערפונ א פעקל, מאכמעס אפ אונדזער ווײַטער נעסיע אינ יאמימ אונ אינ מידבאָריעס קענ עס זייער גוט צונוצ קומענ".

לוסטיק אונ פריילעכ זײַנענ איינמאָל נאָכמיטיק אונדזערע פארשוינענ געגאנגענ נישט ווײַט פונ דער שטאָט, האָבנ געלאכט, געשפאסט, געקוקט איינער דעמ אנדערנ אינ די אויגנ ארײַנ אונ עפעס זייער שטארק האנאָע געהאט. עס האָט אויסגעזענ נאָר ווי א פארליבט פאָרפאָלק באלד נאָכ דער כאסענע, וואָס שפאצירט זיכ פרײַ אפ דעמ גרינעמ גראָז אונ קוויקט זיכ מיט איטלעכס וואָרט, מיט איטלעכנ קוק. נאָר וואָס זשע איז מיט אונדזערע פארשוינענ עפעס אזוי די סימכע געוועזנ? פאָרט, וואָס האָט זיי עפעס אזוינס מעשונע האנאָע געטאָנ, אזש זיי האָבנ געשפרונגענ, אונטערגעזונגענ אונ געמאכט אָנשטעלנ ווי די ריינע מעשוגענע? אָט וואָס, ראבויסימ: בעדי-נעדער מאָרגנ, איז בא זיי ביידע געבליבנ, צו פארלאָזנ גלופסק, אונ אינ א גוטער שאָ צו זעגלענ העט אהינ...

אונ ווי זיי גייענ זיכ דאָ אזוי לעבעדיק-פריילעכ, קומט זיי אונטער פלוצלימ א פורל. אפנ וואָגנ זיצנ צוויי ייִדלעכ, איינער טרײַבט אָנ אונ דער אנדערער זיצט אָנגעבויגנ אפ דער זײַט. דאָס היטל איז אימ פארוקט, אונ האלט אינ מויל א שטרייעלע, — זייער גוטע סימאָנימ, אז דאָס ייִדיש קעפל טראכט דענסטמאָל עפעס אנ איבער-האסבאָרעלע אונ דרייט זיכ מעשונע שטארק.

די צוויי ייִדנ האָבנ אָנגעקוקט אונדזערע לוסטיקע פארשוינענ,

זיי באטראכט פון קאָפּ ביז די פּיס און זיך אריינגעלאָזט דערנאָך מיט זיי אין א שמועס. די ערשטע שאלה איז, ווי דער שטייגער איז, געווען: פונוואנען זיינען עס יידן? דערנאָך — מא־שמייכעם? און דערנאָך דאָס איבעריקע צעטל שאלעס, וואָס יידן פרעגן גע־ווינטלעך איינער דעם אנדערן באם ערשטן באגעגעניש. מער האָבן אונדזערע פארשוינען נישט באדארפט. זיי האָבן געעפנט א מויל און זיך גענומען דערציילן אלצדינג, ווי מען זאָגט: וואָס אפ דער לונג — דאָס אפ דער צונג. די יידן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט א שמייכעלע, זיך געשושקעט א ביסל, און דער ייד מיטן פאַרוקט היטל אי מיט דעם שטרייעלע אין מויל האָט דערביי געמאכט: — עט, נישקאָשע, עס וועט אָפּלויפן. גאָר אין ערגסטן פאל איז נאָך עטלעכע מאמטא־קים....

— ווייסט איר וואָס? — האָבן די יידן צום סאָף זיך אָנגערופן. — אונדזער שטאָט מעג, כ׳לעבן, אויך די זכיה האָבן צו זען בא זיך אזעלכע צוויי פיינע מענטשן. מיר בעטן אייך זייער שיין, אָט, כ׳לעבן, טוט אונדז אָן דעם קאָווער און זעצט זיך, זייט מוחל, באלד טאקע מיט אונדז אוף, נישט לאנג געטייענעט! מיר זיינען אייך אָרעוו, אז מען וועט אייך בא אונדז זייער שיין צונעמען, מיט עסן, מיט טרינקען און מיט וואָס נאָר מעגלעך.

— מיר וואָלטן עס אייך, בענעמאָנעס, צוליב געטאָן, — האָט בינ־יאָמין געענטפערט, — נאָר בא אונדז איז געבליבן, מאָרגן, בעלי־נעדער, פונדאנען זיך צו לאָזן מיט דעם וואסער.

— האָט נישט קיין פאריבל, — האָבן די יידן געזאָגט, — איר רעדט, כ׳לעבן, נארישקייטן. אויך מיר א וואסער די פיאטיגנילעווקע! זי איז מעכילע, א פישגריבל, א טינעף, א פארשטונקענע בלאָטע, א פאר־צוויטעטע, פארשימלטע לושע. בא אונדז האָט איר דעם דניעפער, וואָס פאלט גלייך אין יאם אריין. פון אונדז וועט איר טאקע, אימיר־צעשעם, גיך און געשווינד קומען אהין אין אייער רו אריין. אקשנט זיך נישט, כ׳לעבן, היידא ארופ אפן וואָגן.

— וואָס זאָגסטו, סענדערל? — האָט ביניאָמין זיך אָנגערופן. — לאָמיר עפשער טאקע די יידן צוליב טאָן און פאָרן?

— וואָס פאר א דייגע איך האָב, — האָט סענדערל געענטפערט, — אז דו ווילסט פאָרן, זאָל זיין פאָרן.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג, זײַנענ אונדזערע פאַרשוינענ שוינ געזעסנ אינ וואָגנ שטאַרק צופרידנ אַפ דעמ קאָוועד, וואָס מענ פאַרבעט זיי צוגאַסט, אונ האָבנ זיכ פירגעשטעלט גדולעס. א וועג האָבנ זיי געהאַט זייער א פרײלעכנ. די ייִדנ האָבנ אַפ זיי געהאַט אַנ אויג אונ פּאַשעט געהיט זייער טריט, האָבנ זיי צוגעפּילעוועט מיט עסנ אונ טרינקענ אַזוי ווי א קימפּעטאָרנ. אונדזערע פאַרשוינענ האָט זיכ אַזוינס אינ זייער לעבנ נישט געכאָלעמט.

אַפ דעמ צווייטנ טאָג פאַרנאַכט זײַנענ זיי אָנגעקומענ בעשאָלעמ קיינ דניעפּראָוויצ. די ייִדנ זײַנענ מיט זיי פאַרפאָרנ אַפ א סטאַנציע אונ געמאַכט פאַר זיי א גוטע וועטשערע.

— הײַנט זײַנט איר פונ א וועג מיד, שלעפעריק, — האָבנ די ייִדנ געזאָגט, — בעכיינ איז גלײַכער, איר זאָלט זיכ לייגנ פאַרפרי אויס-רוענ. מאָרגנ, אימירצעשעמ, אַז איר וועט אויפשטיינ געזונט, פריש אונ שטאַרק, וועלנ מיר אײַכ פירנ צו עטלעכע גרויסע לײַט, פאַרוואַרפנ פאַר אײַכ א גוט וואָרט, אונ אַז זיי וועלנ אײַכ אויפנעמענ, זײַנט איר שוינ פאַרזאָרגט מיט אַלע אײַערע היצטאַרכעס אונ וועט קענענ גיכ אונ באַלד מאַכנ אײַער ווײַטע נעסיע. א גוטע נאַכט!

— א גוטע נאַכט, א גוט יאָר! — האָבנ אונדזערע פאַרשוינענ געענטפערט, באַלד טאַקע האָבנ זיי אָפּגעלייענט קרישמע, זיכ געגלעט א ביסל דעמ בײַכל, געגענעצט, געקראַצט זיכ, ווי דער שטייגער איז, אונ זיכ געלייגט מיט א פרײלעכ געמיט שלאָפנ.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

ווי מען פירט אונדזערע פּאַרשוינען אין באָד

— גוואַלד, ווידע, כאָטש אָפּזאָגן ווידע! — האָט סענדערל פונעם שלאָף נישט מיט זײַן קאָל געשריגן און אויפגעוועקט מיט זײַן געשריי בינימינען.

בינימין איז נישט־טויט ניט־לעבעדיק אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן געלעגער, האָט אין דער גיך אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער און איז צוגעלאָפן צו סענדערלען זען, וואָס טוט זיך מיט אים אַזוינס.

אינדרויסן האָט אָנגעהויבן צו שאַרײַען אויף טאָג, און אומעטום איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט אַ כראָפּען פון שלאָפנדיקע מענטשן אין דעם גאַנצן שטוב. איטלעכער האָט געכראָפּעט אויף זײַן שטייגער: דער אויף אַ קאָל פון אַ באַנדורע, יענער אויף טרומייט, איינער האָט עס געמאַכט שטיל בעקיצער, דער אַנדערער האָט עס געצויגן העכער, העכער אויף דרײַ גאָרן, דערנאָך אויסגעלאָזט מיט אַ דריי, מיט אַ בייזער, ווי איינער פרעגט אַ שטאַרקע קאַשע, און צוגעפּויקט מיט די באַקן. אינײַנעם איז עס געווען אַ נאָזן־קאָנצערט, אין וועלכן די נעזער האָבן געטרײַ געאַרבעט אויף אַלע קיילים און צוגעשפּילט לעקאָוועד די באַרימטע דנעפּראָוויצער וואַנצן, בעשאַס זיי האָבן געשמאַק געגעסן די שלאָפנדיקע און געטרונקען זייער בלוט — ייִדיש בלוט!

דנעפּראָוויץ האָט אַ לאַנגע צײַט געפּאַשעט אירע וואַנצן, אירע מענטשנפרעסער דאָרט אין דער שרעקלעכער פּאָדוועריע, אין דער

וויסטער אָפּגעזונדערטער ייִדישער אכסאַניע. ווו א וואַנץ איז עפּעס א קוואַרטאַל איז אַלץ אהינצו געקראָכן און געזויגן, געצאַפּט ייִדיש בלוט....

קומענדיק קיין דנעפּראָוויץ, איז שוין א ייִד מוכן־אומזומען געווען, אַז וועט אים קאָסטן א ביסל בלוט, און אָן אזא כאַבאַר איז גאָר קיין סוואָרע נישט זיך אויסצודרייען. בײַס שוין, בײַס, דו, „דנעפּראָוועצק“, שטינק שוין, שטינק, דו, וואַנצעלע, שרײַב שוין, שרײַב דײַנע בלוטיקע צייכנס, און טראָג זיך, גיי דיך צו אלדי שווארצע יאָר!

— וואָס שרײַסטו אזוי, סענדערל? — האָט ביניאָמין אים געפרעגט, צוגייענדיק צו זײַן געלעגער. — אוואדע א וואַנץ האָט דיך געמוזט שטאַרק א ביס טאָן? א שרעק, וויפל דאָ איז וואַנצן. זיי האָבן א גאַנצע נאַכט מיך נישט געלאָזט אַן אויג צוטאָן. ערשט נישט לאַנג, וואָס איך בין אַנשלאָפן געוואָרן.

— אײַ, אײַ, גיכער, לאָמיר גיכער אַנטלויפן! — האָט סענדערל געשריגן נאָך אַלץ פאַרדולט.

— גאָט איז מיט דיר, סענדערל! וואָס רעדסטו? מיילע, מא-ראש, אַז א וואַנץ גיט א ביס? דערויף איז זי דאָך א וואַנץ און דו ביסט א מענטש....

סענדערל האָט אַקעגן א פּאָר מינוט אָנגעקוקט ביניאָמינען ווי צעמישט, דערנאָך זיך אויסגעריבן די אויגן און געזאָגט מיט א זיפץ:

— אוי, עס האָט מיר זיך געכאָלעמט זייער א שרעקלעכער כאָלעם! האַלעוואַי דערפון זאָל זיך גאָרנישט אויסלאָזן.

— עט, מאַלע וואָס א מענטשן כאָלעמט זיך אמאָל, — האָט ביניאָמין געמאַכט. — מיר האָט זיך הײַנט אויך געכאָלעמט, עפּעס א פּיפּערנאָטער קומט צו מיר געשווינד צו, קוקט מיך שטאַרק אָן און זאָגט צו מיר: איר זײַנט עס, רעב ביניאָמין פון טונעיאַדעווקע? קומט, זײַט מויכל, מיט מיר אהין, אהין, אַלעקסאַנדער מוקדען שטייט דאָרט מיט זײַן כאַיל און כאַלעשט מיט אײַך זיך צו באַקענען. איך גיב מיך א לאָז, דער פּיפּערנאָטער לויפט פאָרויס, איך נאָך אים. „איר לויפט, אָן אײַנאָרע, געשווינד, ווי א פײַל אויסן בויגן, איך קען אײַך גאָר נישט אָניאָגן“, הער איך עמעצן שרײַענדיק הינטער מיר. איך קער מיך אום און דערזע אַלעקסאַנדער מוקדען. אדוינ־

מעלעך! שרײַ איך, כאַפּ אים בא דער האַנט, קוועטש און קוועטש, עס פאַרגייט מיר אָבער פּלוצלים אין דער נאָז עפּעס א מין שרעקלעכער געשטאַנק, טאַקע נאָר צום כאַלעשן. איך כאַפּ מיך אויף און פיל אין דער האַנט א צעקוועטשטע וואַנץ... טפו זאָל עס ווערן! אָט שפּײַ, כ׳לעבן, דרײַ מאָל אויס, סענדערל, און פאַרגעס דײַן כאָלעם. וואָס האָט דיר אַזעלכעס געכאָלעמט?

— טפו, טפו, טפו! — האָט סענדערל ביטמימעס דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן און דערציילט זײַן כאָלעם:

— מיר האָט זיך געכאָלעמט, ווי איך גיי מיר גלאַט אַזוי אַף דער גאַס, און פאַרגיי מיר העט־ווײַט. פּלוצלים גיט מען מיך פון הינטן א כאַפּ און מען וואַרפט מיך אין א זאַק אַרײַן, מען טראָגט מיך אַזוי אין דעם זאַק, מען טראָגט מיך, טראָגט, ביז מען האָט מיך ערגעץ עפּעס פאַרטראָגן. איך פיל ווי עמעצער בינדט דעם זאַק אויף און דערלאַנגט מיר א פּאַטש, טאַקע וואָס א פּאַטש הייסט, אַז צוויי ציין זײַנען מיר אַרויסגעפאַלן. דאָס האָסטו דיר ערשט אַן אַדערויף, הער איך ווי מען זאָגט, אײַנגאַנצן וועל איך דיר סילעקן שפּעטער. איך גיב א בליק, מײַן ווײַב אין א ספּאָדעק שטייט מיר אַקעגן שטאַרק אין קאַס, די אויגן ברענען איר ווי א העליש פײַער און פונעם מויל זעצט איר אַרויס א שוים. „וואַרט נאָר א ביסל, וואַרט, טאַכשיט מײַנער, זאָגט זי מיט א בייזן געלעכטער, איך וועל גיין נעמען די קאָטשערע און דיר ווײַזן, וואָס פאַר א גאָט מיר האָבן״. ווי זי גייט נעמען די קאָטשערע, אַז מײַנער כאַפּט די פיס אַף די פּלייצעס און אַוועק, אַוועק, אַוועק. איך לויף, איך לויף און קום צו לויפן אין עפּעס א קרעטשמע. אין דער קרעטשמע איז פינצטער, גליטשיק, נישטאָ קיין נעפעש. איך לייג מיך אין א ווינקל, מאַך צו די אויגן און שלאָף. ווי איך שלאָף, קומט דער זיידע רעב סענדערל, אָלעוואַשאָלעם, צו מיר צו גיין, זייער אומעטיק, מיט פאַרוויינטע אויגן, און זאָגט: „סענדערל מײַן קינד, שלאָף נישט! ווי איז דיר ליב, סענדערל, שטיי אויף! סענדערל, און לויף פונדאַנען אַוועק! אַוועק, סענדערל, וווּהין די אויגן טראָגן, דו ביסט אין א סאַקאָנע!״ איך וויל אויפשטיין, אָבער איך קען מיך נישט רירן, גלײַך ווי מען האַלט מיך צו. איך נעם מיך צום קאָפּ און טאַפּ אַף מיר אָן עפּעס א קאָפּקע. הע־הע,

איכ בינ גאָר נישט סענדערל, איכ בינ, מעכילע, גאָר א ייִדענע, אָנ א סימענ באָרד, טראָג עפעס א מינ יופע אונ מייַנ בויכ, מייַנ בויכ, נישט פאר קיינ ייִדנ געדאכט, טוט מיר שרעקלעכ וויי! „נישקאָשע, רופט איינער עפעס זיכ אָנ, בא אנ ערשטלינג גייט עס טאָמעד א ביסל שווער צו". אוי, פעטענ, פעטער! שרייַ איכ אינ איינ אָטעם, ס'איז גאָר ניט פאר מייַנע קויכעס, אָט, אָט פאל איכ כאלאָשעס. „א קר־ לאק אינ דער פאָטיליצע איז דערצו זייער א גוטע סגולע, דערמיט קענ איכ דיכ מונטערנ", זאָגט דער פעטער, אונ לאָזט מיר טאקע אראָפ עטלעכע קולאקעס. „נא דיר פאר פריִער, פאר אצינד, אי פאר שפעטער" — מאכט ער דערבייַ, דרייט זיכ אויס אונ ווערט פאר־ שווונדנ. איכ ליג אינ איינע צאָרעס, ליג אונ ליג, ביז גאָט העלפט מיר, איכ גיב מיכ א ריס מיט גוואלד אונ שטיי אופ. איכ לויפ צו גיכ צו דער טיר, זי איז פארשפארט, איכ קלאפ, קלאפ אונ קלאפ, — אומזיסט די מי. פלוצלימ שפרינגט די טיר זיכ אופ, אונ ווי איכ שטעל ארויס א פוס, כאפנ מיכ גאזלאָנימ אונ פירנ מיכ אוועק עפעס אינ א הייל. דאָרט נעמענ זיי ארויס א כאלעפ אונ ווילנ מיכ קוילענ. ווי זיי האלטנ דעמ כאלעפ מיר אפנ האלדז, שרייַ איכ: גוואלד! לאָזט מיכ כאָטש אָפזאָגנ ווידע! אָט דאָס האָסטו דיר, ביניאָמינ, מייַנ כאָלעמ. האלעווייַ, ער זאָל זייַנ צו גוטנ.

— שפייַ אויס, סענדערל, נאָכ דרייַ מאָל, — האָט ביניאָמינ אימ אנ אייצע געגעבנ, — אונ שלאָג דיר דייַנ כאָלעמ פונעמ קאָפ ארויס. איבעריקנס, אויב דו ווילסט, שטיי אופ, ס'איז שוינ טאָג, אונ זאָג עטלעכע קאפיטל טילימ.

סענדערל איז מיט א זיפצ אראָפ פונ זייַנ געלעגער, האָט אָפ־ געגאָסנ נעגלוואסער, אָנגעטאָנ זייַנ כאלאטל אונ ארויסבאקומענ זייַנ טילימ איוורע־טייַטש. עס האָט זיכ אופגעמישט דאָס צענטע קאפיטל, בא וועלכעס ער האָט געהאלטנ, אונ ער האָט מיט אנ אומעטיקנ ניגנ אָנגעהויבנ:

וואָס שטייסטו, גאָט, פונווייַטנ,
פארבאָרגסט זיכ אינ שלעכטע צייַטנ?

זייַנ ניגנדל איז געוואָרנ טרויעריקער אונ רירנדיקער ווייַטער א ביסל בא די דאָזיקע פסוקימ:

ער זיצט אין ערגעץ אַ פּאַרטייִעט אָרט,
אין שטילן טויט ער דעם ערלעכן דאָרט.
די אויגן דרייען אים זיך הין אַ צוריק,
אפֿן אָרעמע האָבן זיי אַ שטאַרקן קוק.
ווי אַ לייב אין זיַין נאָרע לויערט אויך ער,
ער לויערט צו כאַפּן דעם אָרעמען אהער.
דערלאַנגט דעם אָרעמען שוין טאַקע אַ כאַפּ
אַבי מיט זיַין נעץ אַ צי נאָר, אַ קלאַפּ.

אַז סענדערל האָט אָפּגעזאָגט טילים, איז שוין געוואָרן רעכט טאָג. אַלע מענטשן אין שטוב זיַינען שוין אויפֿגעשטאַנען. אַ גרויסער סאַמאָוואַר ווי אַ קעסל האָט שטאַרק געקאָכט אפֿן טיש, און דער אוילעם האָט געטרונקען טיי. ביניאָמינען און סענדערלען האָט מען אויך געגעבן צו גלעזלעך וואַרעמס. זיי האָבן אַ ביסל זיך דערפֿרישט און פֿריילעכער געוואָרן.

די שכנה, וואָס פֿריִער אַ ביסל איז זי געווען אַ ספּאַלניע, דערנאָך אַ טשיַינע, איז פּלוצלים געוואָרן אַ קלייִזל. עס האָבן זיך פּאַרקאַטשעט אַרבל, זיך אָנטפּלעקט נאַקעטע יידישע אָרעמס: רויכיקע, גלאַטע, דאַרע, פּעטע, שוואַרצע, וויַיסע, טונקעלע, פֿון אַלערליי קאָלירן און געשטאַלטן. איטלעכער איז אַריַין אין טאַלעס־און־טפֿילין און געגעבן אַ דאַוון.

אונדזערע צוויי ייִדן האָבן געדאַוונט געשמאַק, זיך געפּיִעסטעט, געקריִמט, געמאַכט כיינדלעך און פּיסקעלעך, ווי עמעס צעבראָכענע ייִדן. זיי האָבן אָוועקגעטיַינעט מיטן ריבוינעשעלוילעם אַלץ: טאַטעניו! פֿאָטערוניו! און שיִעס געמאַכט אין דאַוונען מער פֿון אַלע אַנדערע. נאָכן דאַוונען האָבן זיי גענומען צו קעלישקעלעך שליש, אַ זופּ געטאָן פֿריִער, זיך פֿאַסמאַקעוועט, און אַף דער נאָז זיַינען אַרויסגעטראָטן רויטגלאַנצנדיקע וויַמפּערלעך. דערנאָך האָבן זיי געמאַכט צום גאַנצן אוילעם: לעכאַיִם, לעכאַיִם! און צוגעווינטשעוועט: דער איי־בערשטער זאָל שוין ראַכמאָנעס האָבן אפֿן גאַנצן קאָל ייִסראָעל, נעבעך! האָבן פֿאַרגלאָצט דערביַי די אויגן, געטאָן אַ שטילן זיפֿץ און אַריַינגעגאָסן אין זיך דאָס קעלישקל. אַ סימען, דאָס זיַינען געווען נישט קיין פּראָסטע ייִדן, נאָר פֿרומע, קאָשערע, שיינע ייִדן.

אײנער פונ די דאָזיקע שײנע ייִדנ איז דערװײַל אװעקגעגאנגענ אינ דער שטאָט און האָט זיכ דאָרט פארזאמט אקעגנ א פּאָר שעה. אז ער איז צוריק געקומענ האָט דער כאװער זײַנער אימ ארײַנגעקוקט אינ פּאָנעמ, װאָס האָט באשײַמפּערלעכ געלויכט, און בײדע זײַנענ געװענ זײער צופרידנ. זײ האָבנ געהײסנ גרײטנ צומ טיש, זיכ געגאנגענ װאשנ און איבערגעקוקט פריִער די קװאָרט, װי דער שטײגער איז פונ שײנע ייִדנ, האָבנ געבעטנ אונדזערע פּארשוינענ, זאָלנ אויכ זיכ װאשנ און מויכל זײַנ זעצנ זיכ מיט זײ אינאײנעמ עפּעס איבערצובײַסנ. באמ טיש זײַנענ זײ געװענ לוסטיק, האָבנ געלויבט די באַלעבאָסטע פאר אירע גוטע מאַכאָלימ און מעשונע פונ איר האנאָע געהאט. זײ האָבנ זיכ ארײַנגעלאָזט אינ א שמועס, גערעדט מיקויעכ דעמ קלאָף ייִדנ, װי ס'איז שוינ טאקע צײַט, זײ זאָלנ, נעבעכ, אופגעריכט װערנ. פארװאָס קומט אזא פּאָלק, אזא טײַער פּאָלק זאָלנ, נעבעכ, אזוי פארשװארצט װערנ? זײ האָבנ זיכ צעלאָזט אינ די שװאָכימ פונ די קנעסעס־ייִסראָעל, געלויבט אינ טאָג ארײַנ דאָס ייִדישע קעפּל.

— װאָס קענענ דענ ייִדנ נישט? אַלע כאָכמעס פונ דער װעלט, װי דער טעלעגראף, אײַזנבאנ און נאָכ אזעלכע זאכענישנ, געפינט מענ נאָכ גאנצ לאנג בא ייִדנ. נאָר דאָס אלצדינג אָבער איז נאָכ פונ די קלײניקײַטנ, דער איקער איז גאָר עפּעס אנדערש, דאָס פּינטעלע, דאָס פּינטעלע, אָט װאָס דער איקער איז!...

זײ האָבנ זיכ ארופגעכאפּט אפ די אפּיקאָרסימ, אפ די הײַנטיקע מאָדנע געלערנטע, פארשאָלטנ זײ דאָס געבײנ, געשפּיגנ קלעק אפ זײ אינגאנצנ און אפ די שקאָלעס, װאָס מענ לערנט דאָרט טרײף־פּאָסל אָנ א היטל.

— באלד װעט טאקע זײַנ א פּײרעק־מישנײַעס א רענדל, און א פראָשעניע אָנשרײַבנ — א גילדנ. אוי, איז הײַנט א װעלט, א שײנע װעלט, כ'לעבנ!...

אזוי האָבנ זײ אלצ גערעדט און זײַנענ איבערגעגאנגענ דערפונ אפ א שמועס מיקויעכ דער נעסיִע פונ אונדזערע פארשוינענ.

— מיר װינטשנ אײַכ, — האָבנ זײ געזאָגט, — האשעמ־ייִסבאָרעכ זאָל כעסעד טאָנ און מעמאלע זײַנ דאָס אלצדינג, װאָס מיר באגערנ אינ אײַכ צו זענ.

בינִיאָמינ איז געווענ אפ דעמ זיבעטנ הימל פונ אזא בראָכע. דערצו איז ער נאָכ געווענ, ווי זאָגט מענ עפּעס, א ביסל פארלעקט. ער האָט געעפנט א מויל אונ גערעדט פאר פייַער אי פאר וואסער.

— ווייסט איר וואָס, רעב בינִיאָמינ, רעב סענדערל? — האָבנ די ייִדנ געזאָגט צעצויגנ, נאָכ דעמ, אז זיי האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונעמ טיש. — מיר וועלנ זיכ נויהעג זייַנ בעפּאשטעס, ווי פּראָסטע ייִדנ, אזוי ווי אונדזערע עלטערנ האָבנ זיכ נויהעג געווענ. נאָכ א וועג וועלנ מיר זיכ אלע גיינ אינ מערכעצ ארייַנ, צעפּארענ די ביינער. איר וועט זיכ מעגנ דאָרט אָפּשערנ אָדער אָפּגאָלנ, איר וועט, כ'לעבנ, ווערנ גאָר אנדערע מענטשנ. אונ נאָכנ מערכעצ וועלנ מיר זיכ נעמענ צו אונדזערע אסאָקימ. אזוי טאקע, בענעמאָנעס, אזוי וועט בעפּאש־טעס טאקע זייַנ גוט. ס'איז עפּשער א ביסל נישט הייַנטמאָדיש, בא די אפּיקאָרסימ מעג זיכ א מערכעצ אויסקומענ עפּעס ניט שיינ, נאָר מיר זייַנענ אָבער נישט קיינ געבולבעטע, אָט לאָמיר זיכ בויהעג זייַנ ווי אונדזערע זיידעס פארצייַטנ!

פונ א מערכעצ זאָגט זיכ א ייִד קיינמאָל נישט אָפּ. דאָס, וואָס א שענק פאר די פּויערנ, א טייַכל פאר גענדז אונ קאטשקעס, דאָס איז אינ הונדערט גראדנ נאָכ מער די באָד פאר א ייִדנ. דעמ טאמ, וואָס א ייִד פילט אינ א באָד, קענ עס קיינ אומע ווּעלאָשנ גאָר נישט פילנ. די באָד האָט בא אימ א גרויס שייַכעס מיט זייַנ רעליגיע, מיט זייַנע אינווייניקסטע געפילנ אונ מיט זייַנ סעמיינעמ לעבנ. קיינ ייִדי־שע נעשאָמע רירט זיכ נישט פונעמ הימל ארייַנצוקריכנ ערגעצ אינ א בויכ, מענ קענ זי נישט נעמענ, איינבעטנ דורכ קיינ שומ זאכ, סייַדנ נאָר דורכ א באָד. דאָ איז די גלאוונע אגענטסטווע, די צענ־טראלנע קאָנטאָר צווישנ דעמ הימל מיט דער ערד. איידער א ייִד ווערט נאָכ געבוירנ, איידער נאָכ עס ווארפּט זיכ אינ אימ אנ איי־ווער, ווייסט מענ שוינ פונ אימ אינ דער דאָזיקער קאָנטאָר פונעמ בעדער מיט דער בעדערקע ביז דער סוקערקע אונ דער ביטלמאכערנ. די נעשאָמע־יעסיירע שאבעס אונ יאָנטעוו פילט אינ זיכ נישט אזוי א ייִד, ווענ ער שווענקט זיכ פריִער נישט אָפּ אינ באָד. אָנ דעמ איז ער עפּעס אלטגעבאקנ, נישט פריש. קוקט אָנ א ייִדנ פרייַטיק, קומענדיק פונעמ מערכעצ, ער בליט, ער איז ייִנגער מיט עטלעכע יאָר, דער ייִדישער פונק ברענט אינ אימ

און לײַכט ארויס פון זײַנע אויגן, אלע זײַנע געפילן זײַנען עפּעס שארפער, פרישער, דער רײַעך פון די געפילטע פיש אי פון דעם אײַנגעפריעטן צימעס פארגײען אים ווי קטוירעס אין דער נאָז. זי שמעקט, שמאָרעט און איז מעקאבל טײַנעג. עס זינגט זיך אים עפּעס אפן הארץ, ער גיט קאָנצערט אין טראָפּ, קנאקט ווי א סאָלאָוויי שיר־האשירים, צעפּעסטעט זיך דאָרט ווי א קינד, צעפלאקערט זיך, צעהיצט זיך און איז האלב אפ יענעם אוילעם....

אין באָד קומט א ייִד ווי אין א פּאָטעמלאנד, ווי אין א פרײַער מעדינע, ווו איטלעכער האָט א גלײַכע דייע, ווו עס שטייט פאר אים פרײַ צו דערגרײכן גלײַך מיט אנדערע א הויכע שטופּע — ארופקריכן אפ דער אויבערשטער באנק, דערמונטערן זײַן פארומערטע נעשאָמע, כאָטש אפ א שאָ אויסגלײַכן זײַנע ביינער און אראָפּווארפן פון זיך זײַן פּעקל דײַגעס און יעסורים. אָט וואָס א באָד איז בא ייִדן!

דעריבער איז דער פלאן פון אין מערכעצ גיין אונדזערע פארשוינען געווען שטארק לעראָצן. זיי האָבן נישט געמאכט קיין גרויסע האכאָנעס און אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען זיי שוין געגאנגען מיט די צוויי שיינע ייִדן.

אונדזערע פארשוינען האָבן זיך פירגעשטעלט א באָד, ווי געווײַנטלעך א מערכעצ איז אין די ייִדישע שטעטלעך, עפּעס א מין ביניען, שווארצ, פארשמירט פון דרויסן, בארגאראָפּ ערגעצ אין א העק, מיט א שווערן צוטריט אהינצו אפ שמאָלע צעבראָכענע קלאָטקעס. און אז די ייִדן זײַנען צוגעקומען צו א שיינעם דרײַגאָרנדיקן מויער, סאמע אין דער מיט גאס, און געזאָגט: „אָט דאָס איז די באָד”, האָבן זיי פארריסן די אויגן און געקוקט שרעקלעך פארוואונדערט.

— איר זײַנט נאָך טאקע גאָר עמעסע פריצן, — האָבן די ייִדן פון זיי געשפּאסט, — קומט, זײַט מויכל, ארײַן אינווייניק, וועט איר נאָך עפּעס שענערס זען.

ארײַנקומענדיק אין דער פּערעדניע, האָט אונדזערע פארשוינען פארשײַנט אין די אויגן דער געמאָלטער פּאָל מיט די אויסגעשפּרייטע סטעזשקעס. עס האָט זיי זיך אויסגעדאכט, אז זיי זײַנען אין דעם פארצויבערטן שלאָס, וואָס אין „באָווע־מײַסע” און אין „טויזנט מיט איין נאכט”. באלד וועלן פּרינצעסנס, באסמאלקעס זיי מעקאבל־

פּאָנעם זײַן, זיי װעלן זיך דאָ װײַל טאָן און לעבן אַפּ װאָס די װעלט שטייט. נאָר אָנשטאָט די באַסמאַלקעס איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ סאָלדאַט מיט אַייבעלעך און האָט שײן־פֿײַן זיי געלאָזט בעטן זיך אויסצוטאָן.

— טוט זיך, זײַט מוחל, אויס, — האָבן די שיינע ייִדן צו זיי געזאָגט, — מיר װעלן דערװײַל אַרײַנגיין אַהין באַצאָלן באָד־געלט. בישקאָשע, איר װעט דאָ האָבן אַ גוט שװיצבעדל.

אַז אונדזערע פֿאַרשװינענע האָבן זיך אויסגעטאָן, האָבן זיי פֿאַרנומען זייער פּעקל זאַכן, װי דער שטײגער איז, אויסצופּרודזשען עס. קיין טוץ העמדער האָט אין זייער גאַרדעראָבע זיך נישט געפֿונען. זיי האָבן אַװעקגעטראָגן אַ העמד עטלעכע װאָכן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז עס האָט זיי, נעבעך, געבײסן, און דאָס פּרודזשען איז זיי געװוען טאַקע נייטיק אין לעבן אַרײַן. נאָר דער סאָלדאַט האָט בא זיי אָװעקגענומען די זאַכן און זיי אַרײַנגעפֿירט אין אַ כיידער אַרײַן. דער כיידער איז געװוען אויסגעמעבלט מיט בענקלעך, אַרום אַ גרויסן טיש זײַנען דאָרט אַפּ שטולן געזעסן מענטשן פֿײַן אָנגעטאָן. אונדזערע פֿאַרשװינענע האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, זיי איז שטאַרק קאָשע געװוען, װוּ גיסט מען דאָ אַפּן שטיין, און װוּ װעלן זיי דאָ שװיצן?

— צי טוט זשידאָװסקי באַניאַ? — האָט סענדערל אַ פֿרעג געטאָן נאָך דעם, אַז ביניאָמין האָט אים אַ שטורך געגעבן און אים געהייסן נישט מאַכן דאָ קיין פֿיל שׂיחות און פֿרעגן.

איינער פֿון די לײַט, װאָס אַרום טיש, איז צוגעגאַנגען, האָט אָנגעקוקט אונדזערע נאַקעטע פֿאַרשװינענע, װאָס זײַנען, נעבעך, געװוען דאַר, אויסגעדײװערט, אָן אַ לױט פֿלייש, נאָר הויט און ביין, און געמאַכט מיט זיי עפּעס אַ שמועס אַפּ מאָסקװיטעריש.

— הא, װאָס זאָגט ער דאָ עפּעס, סענדערל? — האָט ביניאָמין געפֿרעגט.

— איך זאָל דאָס אָנהייבן פֿאַרשטיין אַ װאָרט! — האָט סענדערל געענטפֿערט און געמאַכט מיט די אַקסלען. — נאַט אײַך, מישטיינסגעזאָגט, אַ לאָשן! עפּעס זאָגט ער אַלץ: בילעט, בילעט.

— אַ־אַ, נאַרעלע, — האָט ביניאָמין זיך אָנגערופֿן, — װאָס פֿאַרשטייסטו דאָ נישט, נאַרעלע? דאָס איז דער בעדער, ער פֿאָדערט בא

אונדז א בילעט, ווארעמ אינ אזא באד מוז מענ גייג אפ בילעטנ. זאג אימ, אז די יידנ האבנ שוינ דאכ דא פריער באצאלט פאר אונדזערע בילעטנ.

— יאק זשע, פאני, טייע זשידקי איוזשע דאלי טוטעטשקא זא... זא...—האט סענדערל א רעד געגעבנ אונ איז פלוצלינג געבליבנ ווי דערוואָרגנ, נישט געקענט אויספירנ, וואס ער האט געוואלט זאגנ.

— זא בילעט, פאני, סטייטש, זשידקי, לעהאודל, פאני, זאפלא־טיל! —איז ביניאמינ ארויס אפ זיינ לאשנ אונ האט דערקלערט די זאכ גאנצ קלאר, קורצ אונ שארפ.

דער דאזיקער מענטש, וואס איז פריער צוגעגאנגענ צו אונדזערע פארשוינענ, האט א מאכ געטאנ מיט דער האנט, אונ מענ האט זיי באלד ארייַנגעפירט ווייַטער אינ א כיידער, וואס דארט איז מענ, קעפי זייער מיינונג, מעכוייעוו געווענ, אפאנעמ, צו שוויצנ געשמאק...

אז מענ האט ביניאמינענ אונ סענדערלענ שפעטער א ביסל מיט א צייַט ארויסגעפירט אפ דער גאס, איז שווער געווענ זיי צו דער־קענענ, אזוי פארענדערט זייַנענ זיי, נעבעכ, געווארנ: אפגעגאלט פונ פארנט, אנ בערד, אנ פייעס, די אויגנ פארדרייט, נאר גלעזערנע, אפ דעמ שטערנ קאלטע גרויסע טראפנ שוויים, א וואלקנ, א כמארע אפנ גאנצנ פאנעמ, אייַנגעגנורעט, אייַנגעהויקערט, מיט א דראזש איבער דעמ גאנצנ לייַב, אונ ארומ זיי סאלדאטנ.

אפנ הימל האט זיכ אנגערוקט א שווארצע פינצטערע כמארע. א בליצ האט מיטאמאל באלייַכטעט די דאזיקע קאמפאניע. באלד דערופ האט א דונער געגעבנ שרעקלעכ שטארק, אז אלע זייַנענ פארציטערט געווארנ. עס האט זיכ אופגעהויבנ א שטורעמווינט, רעדלעכ שטויב האבנ זיכ געטראגנ ווי די רוכעס, פארכאפט אפנ וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעכ אי שטיקלעכ פאפיר. אלע איניינעמ האבנ געטאנצט עפעס א מעשוגענעמ טאנצ אונ זיכ געדרייט, געדרייט אלצ אינ דער הייכ ארופ, ארופ... די טשערעדע פונעמ פעלד איז געלאפנ אומרויִק מיט א געשריי אונ א רעווענ ווי א סטייַע הונגעריקע וועלפ וואלטנ זי נאכגעיאגט. עס האט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט, גלייַכ ווי דער אייבערש־טער איז שטארק אופגעבראכט געווארנ אפ דער זינדיקער ערד אונ אפ אלצדינג, וואס דא גייט פיר. ער האט זיכ אנגעכאפט באמ קאפ, געבליצט מיט זייַנע צארנדיקע אויגנ, געהילכט אונ געשריגנ:

אײַ, אײַ! מיט זײַנ דונערדיקנ קאָל. עס האָט צומלעצט א זעצ געטאָנ מעשונע א שרעקלעכער דונער, פונ הימל האָט אראָפגעקאפעט ווי טרערנ גרויסע טראָפנס רעגנ, וואָס אינ זיי האָבנ זיכ אויסגעמישט טראָפנ נויט־שווייס אונ בלוטיקע טרערנ פונ אונדזערע בידנע, אומגליקלעכע פארשוינענ...

אכ, בינימינ אונ סענדערל האָבנ גאָר ניט געוווסט, אז נישט דאפקע אינ דער מידבער איז א סאקאָנע צו רײַזנ מאכמעס די ווילדע שלעק, עגדעשנ, פיפערנאָטערנ אונ כײַעס-ראָעס, וואָס דאָרט, נאָר דאָ, אינ די מעקוימעס, דאָ איז ערשט די גרעסטע סאקאָנע! יענע צײַט, ווענ אונדזערע פארשוינענ האָבנ געוואנדערעוועט, איז געווענ די שווערע, פינצטערע, ביטערע צײַט — די צײַט, ווענ איינ ייִד האָט געזוכט צו דערטאפנ דעמ אנדערנ אונ

ווי א לייב אינ זײַנ נאָרע געלויערט האָט אויכ ער,
געלויערט צו כאפנ דעמ בעזפאספאָרטנע אהער

אונ אימ אָפגעבנ פאר א פוימענע, א קאָרבנ פאר זײַנע, אָדער פאר יענעמס קינדער! אכ, אונדזערע פארשוינענ, נעבעכ, האָבנ נישט געוווסט, אז זיי געפינענ זיכ שוינ טאקע אינ דער מידבער, צווישנ ווילדע באשעפעניש אי כײַעס-ראָעס, אונ די צוויי שיינע, קאָשערע ייִדנ זײַנענ גאָר פיפערנאָטערנ!

דאָס דרייַצנטע קאפּיטל

זעלנער זייַנענ נעבעכ, אונדזערע נויסימ געוואָרנ

איטלעכער קענ זיכ מעשאער זייַנ די שלעכטע לאגע פונ אונדזערע בידנע פארשוינענ, ווי פינצטער אונ ביטער זיי איז, נעבעכ, געווענ. מיר פארשפּאָרנ עס צו שילדערנ.

די ערשטע צייַט זייַנענ זיי געווענ ווי צעמישט אונ האָבנ לאכלוטנ נישט פארשטאנענ, וואָס מיט זיי טוט זיכ אזוינס. אלצדינג איז פאר זיי געווענ פרעמד, אי די סבאָרנע, אי די סאָלדאטנ, אי דער לאָשנ, אונ די אלע זאכנ, וואָס מענ האָט זיי געהייסנ טאָנ. דער שינעל איז אפ זיי געהאנגענ ווי א טאָרבע, ער האָט אויסגעזענ טאקע נאָר ווי א יופּע, אונ דאָס היטל, מישטייַנסגעזאָגט, איז געלעגנ אפ זייער קאָפּ נאָר ווי א קאָפּקע. אָנקוקנדיק זיי, האָט זיכ געדאכט, עפּעס איז עס איינגאנצנ נאָר אנ אָנשטעל, עפּעס האָבנ צוויי ייִדנ זיכ פארשטעלט אונ מאכנ כויזעק פונ די אלע זעלנער, קרימענ זיי זיכ נאָכ אונ ווייַזנ פאר איטלעכנ גאנצ פרייַ, ווי נאריש, מישטיינסגעזאָגט, זיי אלע זייַנענ מיט זייער אלצ־מיט־אנאנדער. אז־אָכ־אונ־וויי צומ ביקס, נעבעכ, וואָס ער איז ארייַנגעפאלנ צו אונדזערע פארשוינענ. בא זיי אינ די הענט האָט ער גאָר ניט געהאט דאָס פּאָנעם, אקוראט ווי א קאָטשערע אינ די הענט פונ א מאנצבל, וואָס פּאָרעט זיכ אינ קיכ באמ פּריפּעטשעק. בא דער אוטשעניע פלעגנ זיי אָפּארבעטנ אזעלכע שטוקעס מיט די הענטלעכ אונ די פיסלעכ, אז ס'איז געווענ נאָר א ריינע קאָמעדיע.

אין קלעפּ, פאַרשטייט זיך, זײַנען זיי ניט זשעדנע געווען, נאָר ווו איז דען, זאָגט מען, אין דער וועלט עפּעס א צאָרע, וואָס דער מענטש זאָל מיט איר נישט געווינט ווערן? נישט נאָר דער מענטש, אפילע אנדערע באַשעפעניש ווערן אויך געווינט. באַדאַרף מען מער פרײַ ווי א פויגל איז, פונדעסטוועגן, אַז מען פאַנגט אים און מע זעצט אים אַרײַן אין א שטײַגעלע, געווינט ער זיך צוביס-לעך, הייבט אָן צו פּיקן זערנע מיט אַפּעטיט, שפּרינגט און זינגט פרייליכע לידער, גלײַך ווי די גאַנצע וועלט מיט אירע פעלדער און וועלדער איז פאַר אים דאָ אין דעם ענגן שטײַגעלע. אונדזער סענדערל האָט ווײַטער־ווײַטער טאַקע אָנגעהויבן מיט זײַן לאַגע זיך צוגעוווינען, פלעגט זיך גוט צוקוקן צום מושטיר פון די זעלנער און פּרווון נאָכ-מאַכן זייערע אַלע שטוקעס אַף זײַן שטייגער. ס'איז געווען א פרייד צוצוזען, ווי סענדערל פלעגט אָפּט פאַר זיך אַליין איבערכאַזערן דעם מושטיר, זיך אויסציִען גלײַך ווי א סטרונקע, פאַרײַסן דאָס קעפּל, אָנבלאָזן די פּיסקלעך ווי א גיבער, הייבן פּיסלעך און גיין א מאַרש נאָר טאַקע ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק, פלעגט זיך דרייען, און לעסאָפּ פאַרפּלאָנטען די פּיסלעך און פאַלן. נאָר אַקעגן זשע בינ־יאָמין אָבער,—ער האָט מיט אַזעלכע זאַכן בעשומויפן נישט געקענט זיך געוווינען, ער איז געווען בעטעווע איינער פון יענע מינע פייגל, וואָס הייסן וואַנדער-פייגל, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זייער טעווע איז אַלע יאָר סאָף זומער אַוועקצופליִען און איבערווינטערן דאָרט אין די ווײַטע וואַרעמע מעקוימעס. די טעווע צו וואַנדערווען מאַנט אַזאַ מ'ין פויגל אַזוי שטאַרק, אַז בעיִם מען האַלט אים דענסטמאָל געפאַנגען אין א שטײַגל, איז אים נישט ניכע דאָס לעבן. ער עסט נישט, טרינקט נישט, ער דראַפּעט זיך אַף די גלײַכע ווענט און זוכט ערגעץ עפּעס א שפּאַלט אַנטרונען צו ווערן. די נעסיִע אַהין אין יענע ווײַטע מעקוימעס, וואָס האָט ווי א זלידנע זיך אײַנגעגעסן אין בינ-יאָמינס קאָפּ, וואָס איז אים געוואָרן די צווייטע נאַטור, וואָס צוליב איר האָט ער אַוועקגעוואָרפן ווײַב און קינדער,—די דאָזיקע נעסיִע האָט אים נישט געלאָזט רוען קיין רעגע, האָט אים געבויערט, גע-פּיקט דעם קאָפּ, זי האָט אין אים געבורטשעט און אַלץ געשריגן: בינ-יאָ-מין, גיי ווײַטער! גיי ווײַטער, ווײַטער! דערווײַל איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי דער ווינטער, און אונדזער בינ־יאָמין, נעבעך, האָט זיך שטאַרק געמוטשעט.

איינמאָל אינ א שיינעמ טאָג נאָכ פייסעכ, אז סענדערל האָט ביינוי־לעביין-אצמוי זיכ געמושטירט, איז בינימינ צו אימ צוגע־גאנגענ מיט אזא שמועס:

— כ׳לעבנ, סענדערל, דו ביסט א יינגל! דו שפּילסט זיכ אונ מאכסט עפּעס אזעלכע קונצנ ווי א קונדעס. וואָס קענ דערפונ, איכ בעט דיכ, דער טאכלעס זיינ? פארגעס נאָר נישט, אז דו ביסט, באָרעכאשעמ, א באווייבטער, דערצו נאָכ אויכ עפּעס א ייד. הײַנט, צו וואָס פארנעמסטו זיכ מיט אזעלכע זאכענישנ אונ לייגסט דערינענ דעמ גאנצנ קאָפּ דײַנעמ אריינ? לעמיי-נאפקע-מינע, צי מיט דער לינקער צי מיט דער רעכטער פוס קרוגאָמ, ווי זיי רופנ עס דאָרט עפּעס, וואָס מאכט עס אויס?

— ווייס איכ? — האָט סענדערל געענטפערט — מענ הייסט קרו־גאָמ, זאָל זיינ קרוגאָמ, וואָס פאר א דײַגע איכ האָב.

— אונ אונדזער נעסיע, זאָג נאָר, האָסטו שוינ פארגעסנ? גוואלד, אונדזער נעסיע, אונדזער נעסיע אהינ, אהינ... לינדענוואָרעמ, מויל־אייזל, פּיפּערנאָטער! — האָט בינימינ גערעדט צעקאָכט.

— מארש, מארש, מארש! — האָט סענדערל געמאכט אונ געהויבנ פיסלעכ.

— אז־אָכ־אונ־וויי צו דיר, סענדערל, אונ צו דײַנ מארש! פע, מעגסט זיכ, כ׳לעבנ, שעמענ! זאָג מיר נאָר בעסער, קונדעס איינער, ווענ וועלנ מיר מאכנ אונדזער נעסיע?

— פונמיינעטוועגנ, אָכ! — האָט סענדערל געענטפערט — אבי מענ וועט אונדז נאָר לאָזנ.

— וואָס טויגנ מיר זיי, אונ וואָס באדארפנ זיי אונדז האָבנ? — האָט בינימינ זיכ אָנגערופנ. — אדעראבע, סענדערל, זאָג אליינ, בא דײַנ יידישקייט, אז בעימ דער סוינע זאָל, כאסוועשאָלעמ, קומענ, וועלנ דענ אזעלכע צוויי אירע, ווי מיר, זיכ קענענ שטעלנ אימ אקעגנ? אונ אז דו וועסט אימ טויזנט מאָל זאָגנ: גיי דיר אוועק, עלע-ביט מאכ איכ פוי-פוי! וועט ער דענ דיכ הערנ? פארקערט, ער וועט דיכ נאָר אָנ־כאפּנ, אונ דײַנ גליק וועט זײַנ, אז דו וועסט לעבעדיק פונ זײַנע הענט ארויס. גלייב מיר, כ׳לעבנ, ווי איכ זע, זײַנענ מיר דאָ אינגאנצנ אי־בעריק, זיי וואָלטנ גערנ געוועג אונדזערער פּאָטער צו ווערנ. איכ האָב אליינ געהערט, ווי דער עלטסטער האָט זיכ איינמאָל אויסגעדריקט, אז

מיר זײַנען טאקע נאָר אַן אָנשיקעניש, װען עס זאָל אין אים געװענדט זײַן, װאָלט ער אונדז שױן לאַנג אַרױסגעטריבן צו אַלדי שװאַרצע יאָר. און בעעמעס טאקע, װאָס טױגן מיר זײ? איך זאָג דיר, סענדערל, בע־פײרעש, אַז דאָס איז גאָר לעכאַטכילע געװען אַ קרומע זאַך, נישט קײן גלײַכער שידעך. מיר טױגן זײ נישט און זײ טױגן אונדז נישט. די ייִדן, װאָס האָבן אונדז אין זײערע הענט אַרײַנגעגעבן, האָבן זיכער געמוזט זײ דערצײלן אַף אונדז, אַז מיר זײַנען װילדע גיבױרים און קענען טאַכסיסײ־מילכאָמע, טאקע װאָס קענען הײסט. מײלע, װאָס זײַנען מיר שולדיק, אַז די ייִדן האָבן זײ אָפּגענאַרט? לעמײַ, אונדז האָבן די ייִדן אױך מיִעס אָפּגענאַרט. מיר זײַנען דאָך נאָר מיט דער דײַע אַהער געקומען, עפּעס צונױפּצומאַכן און לאָזן זיך װײַטער אין װעג אַרײַן. פֿון טאַכסיסײ־מילכאָמע איז קלאָל קײן מעדובאָר נישט געװען. איך װעל שװערן אַפּילע אין טאַלעס און קיטל, אַז דערפֿון האָט מען אַפּילע נישט מאַזקיר געװען. גלאַט כאַפּעניש־גילטעניש איז דאָך פּאָ־שעט שױן קײן יױשער נישט, הערט דאָך שױן טאקע אױף אַלצדינג! — קורץ, זײ זײַנען ניט שולדיק, װאָס מען האָט אונדז אָפּגענאַרט, און מיר זײַנען אױך ניט שולדיק, װאָס מען האָט זײ אָפּגענאַרט. שולדיק זײַנען דאָ נאָר די ייִדן, די ליגנער, די קאָלבױניקעס, װאָס האָבן בײדע צדאָדים אָפּ־געליגנערט. די ייִדן, סענדערל, די ייִדן — זײ אַלײן זײַנען דאָ טאקע אין גאַנצן שולדיק, קײנעם באַדאַרף מען אין דער זאַך ניט באַשולדיקן נאָר די ייִדן, די ייִדן און נאָכאַמאָל די ייִדן!..

— מײלע, װאָס װילסטו, בינִיאָמין, זאָלן מיר טאָן? — האָט סענ־דערל געפֿרעגט.

— איך װיל, — האָט בינִיאָמין געענטפֿערט, — מיר זאָלן זיך לאָזן װײַטער אַף אונדזער נעסיִע. אױס קאַלע און װײַטער אַ מױד! מיר דאַכט זיך, אַז קײנער װעט אונדז דאָס נישט פֿאַרװערן, הען אַלפּידינג װעהען אַלפּײױשער טאָר קײנער נישט אונדז פֿאַרהאַלטן. אײַ װאָס, דו האָסט מױרע, טאָמער װעט מען אונדז פּאָרט נישט לאָזן. איז דערצו אַ פּראָסטע טרופֿע, מיר זאָלן פֿונדאַנען שטילערהײט אַװעק־גײן. װעמענס אײסעק איז דאָס באַ אונדז צו װיסן? געזעגענען באַ־דאַרפֿן מיר מיט קײנעם נישט.

— איך מײן אױך אַזױ, אַז געזעגענען זיך איז אַן איבעריקע זאַך, — האָט סענדערל געמאַכט, — לעהײ, אַז מיר זײַנען פֿאַראַיאָרן אַװעקגע־

גאַנגענ פֿונ דער היים און קײנעם, ניִשט אַפֿילע ווײַב און קינדער, ניִשט געזאָגט כאָטש נאַ... טעבי!

פֿונ דעם דאָזיקנ שמועס אָנ האָבנ אונדזערע פֿאַרשװינענע אָנגעהױבנ טראַכטנ ווידער פֿונ זײער נעסיִע און זיכ אַלצ מעיאַשעװ געווענ ווי צו מאַכנ פֿלײטע. אינ בינִיאָמינענ האָבנ זיכ שטאַרק צעשפּילט די גע-בליטנ, ער איז געווענ שרעקלעכ אומרויִק און אַרומגעפּאַדעט צעקאָכט ווי אַ הונ, וואָס וויל, אינ ווּעסנע, זיכ זעצנ אַפֿ אײער. ער איז געווענ אַזוי פֿאַרטיפֿט אינ זײַנע געדאַנקענ, אַז ער האָט ניִשט געהערט, ניִשט געזעג, וואָס אַרום אים טוט זיכ. איז פֿאַרבײַ אים דורכגעגאַנגענ עפּעס אַנ עלטסטער, האָט ער מאַכמעס צעטראָגנקײַט ניִשט אַראָפּגענומענ דאָס היטל; ער האָט געכאַפּט אַ פּאַטש אָדער אַ זעצ אינ דער פּאָטיליצע, האָט ער אַפֿילע זיכ ניִשט פֿאַרקרימט, גלײַכ ווי ניִשט אים מײנט מענ; האָט מענ צו אים גערעדט עפּעס אינ איניִאָנע-האַמושטיר, איז אים ניִשט אַרײַנ אַפּילע אינ דער לינקער פּייע. ער האָט געהערט דאָס אוכדוימע אַזעלכע זאַכנ אַקוראַט ווי אינ משערנאָוויצ די מעגילע. ער האָט אײַנ-זינענ געהאַט ניִשט מער ווי די נעסיִע, און דער קאָפּ זײַנער איז גע-פֿלויגנ ווײַט, ווײַט!

אײנמאָל שפּעט בא דער נאַכט, אַז אַלע זעלנער אינ דער קאַזאַרמע האָבנ געשמאַק געשלאָפֿנ, איז בינִיאָמינ אַפֿ די שפּיצ פֿינגער צוגעגאַנגענ צו סענדערלס געלעגער.

— סענדערל, דו ביסט פֿאַרטיק? — האָט בינִיאָמינ שטילערהײט גע-פֿרעגט.

סענדערל האָט אַ שאָקל געטאָנ מיט דעם קאָפּ, אָנגענומענ בינִיאָ-מינענ פֿאַר דער פּאָלע און זײַנענ בײדע שאַ-קיטש אַרויסגעגאַנגענ אַפֿנ הויף.

אינדרויסנ האָט געבלאָזנ אַ וואַרעמ ווינטל, שטיקער שוואַרצע אַי בּרוינ-בלויע וואָלקנס האָבנ זיכ געטראָגנ אינ דער הייכ, און זיכ גע-צויגנ אײנע נאָכ די אַנדערע, גלײַכ ווי טויזנטער טשומאַקעס גײענ דאָרט מיט אָנגעלאָדענע פֿורנ סכוירעס, און יאָגנ זיכ, באַצײַטנס אָנצו-קומענ אינ הימל אַפֿ דעם יאַריד. די לעוואָנע איז ווי אַ פּריקאַשטשיק אויכ געגאַנגענ מיט דעם דאָזיקנ מעשונע-לאַנגנ צוג, פֿלעגט אַפֿ אַ מי-נוט נאָר אַרויסשטעקנ דעם קאָפּ, אַ קוק טאָנ, וואָס טוט זיכ אינדרויסנ, דערנאָכ ווײַטער אַפֿ אַ היפּשע צײַט זיכ באַהאַלטנ, און געלעגנ אײַנ-

גענודעט דאָרט ערגעץ אונטער א וואָלקנדיקן לאַנטוך, שווארץ אָפּגעשמירט ווי מיט סמאָלע.

אונדזערע פאַרשווינענע האָבן אין דער פינצטער זיך געלאָזט גיין איבער דעם הויף, און שטילערהייט צוגעגאַנגענע צום פּלויט. זיי זײַנען אַרופגעקראָכן אַפּ א בארג מיט האָלץ, און פון דאָרט איז זיי שוין גרינג געווען אַרופצוקלעטערן אַפן פּלויט. פלוצלים האָט סענדערל זיך א כאַפּ געטאָן און געזאָגט בינימינען אין אויער אַרײַן:

— אך, בינימין, איך האָב פאַרגעסן די טאָרבע! זאָל איך מיך אומקערן נעמען די טאָרבע?

— כאָלילע! — האָט בינימין געמאַכט. — אומקערן זיך איז א מיִעסע זאַך, אַז גאָט העלפט א מענטשן, העלפט ער אים אויך אַפּ א טאָרבע!

— עס קומט מיר איצט פיר, — האָט סענדערל געזאָגט, — וואָס דער זיידע רעב סענדערל, אָלעוו-האַשאָלעם, האָט מיך געוואָרנט אין כאָלעם: שטיי אויף, סענדערל, האָט ער געזאָגט, און לויף פונדאַנען אַוועק וווּהין די אויגן טראָגן! האַלעוואַי זײַן זכוס זאָל אונדז אַצינד בײַשטיין. ער איז געווען טאַקע מיטן פולן מויל א ייִד, נאָר אָן שום מעלאָכעס, די באָבע, אָלעהאָ-האַשאָלעם, פלעגט אַלץ דערציילן....

נאָר איידער סענדערל האָט זיך גענומען צו דערציילן, וואָס זײַן באָבע פלעגט אַלץ דערציילן פון זײַן זיידן, האָט זיך געלאָזט הערן א קאָל פון א זעלנער, וואָס איז דאָרט אין דער זײַט געשטאַנען אַפּ דער וואַך.

אונדזערע פאַרשווינענע האָבן זיך צוגעטוליעט צום פּלויט, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, געלעגן שטיל, קיין ריר זיך נישט צו טאָן, און אויסגעזען ווי צוויי גרויסע אַלטע שמאַטעס. שפּעטער א ביסל, אַז ס'איז ווידער געוואָרן רויִק-שטיל, האָבן די דאָזיקע שמאַטעס אַרויסגעוויזן א סימען פון לעבן און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם פּלויט. זיי זײַנען געקראָכן אַפּ די הענט און אַפּ די פיס און זיך געדרוקט פּאַמעלעך אַלץ ווײַטער, ווײַטער, ביז גאָט האָט זיי געהאָלפן אויסצומײַדן דעם זעלנער, וואָס אַפּ דער וואַך, און אַרויסצוקריכן אין א געסל. אונדזערע פאַרשווינענע האָבן זיך אופגעשטעלט אַפּ די פיס, געשטאַנען א ביסל צו כאַפּן דעם אָטעם, און זיך אָנגעקוקט פריילעך מיט פײַערדיקע אויגן.

— די באָבע, אָלעהאָ-האַשאָלעם, פלעגט אַלץ דערציילן, — האָט סענ-

דערל אָנגעהויבנ צו ריידנ, — ווי דער זיידע רעב סענדערל, אָלעווהאשאָלעם, פלעגט בעכאיאָוו אלצ דענקענ פאָרנ קיינ ערעצ־יסראָעל פארנ טויט האָט ער זיכ אופגעזעצט אונ געזאָגט מיט די ווערטער: אויב איכ האָב נישט זוכע געווענ בא גאָט כאָרנ קיינ ערעצ־יסראָעל, בינ איכ באָטועכ, אז איינער פונ מײַנע קינד'ער וועט דאָרט זײַנ, דאָס הארצ מײַנע זאָגט מיר איצט, אז דאָס האָט ער געמיינט מיכ. האלעוויי כונ מײַנ מויל אינ גאָטס אויערנ ארײַנ!

נאָר פונ סענדערל'ס מויל אָבער איז גאָר אינ אנדערע אויערנ ארײַנ! קוים וואָס סענדערל האָט ארויסגערעדט דעמ ווונטש זײַנעמ, האָט פלוצלימ איינער אפ מאָסקוויטערש זיי א פרעג געגעבנ: ווער איז דאָ? אונ אז ער האָט נישט באקומענ קיינ ענטפער, איז ער געשווינד צוגעגאנגענ אונ ווײַטער געפרעגט.

די לעוואָנע האָט, צומ שלימאזל, ארויסגעשטעקט דעמ קאָפ פונ אונטער א פינצטערנ שטיק כמארע אונ באלויכטנ אונדזערע בידנע פארשוינענ, וואָס זײַנענ געשטאנענ אָנ לאָשנ, טויט ווי די וואנט, אונ דעמ עלטסטנ זייערנ, וואָס האָט זיכ שרעקלעכ געבייזערט, געמאכט מיט די הענט אונ זיי, נעבעכ, געגעבנ אינ טאטנ אונ אינ דער מאמענ ארײַנ.

אינ עטלעכע מינוט ארומ זײַנענ אונדזערע פארשוינענ געזעסנ ווי ארעסטאנטנ דאָרט אפ דער הויפטוואכטע!

ס'איז גאָר נישטאָ אזעלכע ווערטער צו באשרײַבנ די שרעקלעכע יעסורימ, וואָס אונדזערע פארשוינענ האָבנ געפילט, זיצנדיק אינ געפענקעניש. זיי זײַנענ, נעבעכ, אראָפ שטארק פונעמ פאָנעמ אונ געווארנ פאָשעט אויס מענטשנ. סענדערל כאָטש פלעגט נאָכ שלאָפנ אונ שלאָפנדיק האָט ער וויינ־קסטנס עטלעכע שאָ נישט געפילט די ביטערע צאָרעס. ער פלעגט נאָכ אמאָל האָבנ א גוטנ כאָלעמ. דער זיידע רעב סענדערל האָט עפעס אָנגעהויבנ עפטערס זיכ צו זענ אונ געטריבנ מיט אימ שפאס. ער פלעגט קיינמאָל נישט קומענ ליידיק: אמאָל איז ער געקומענ מיט א פײַלנבויגנ, מיט א שווערדל אָדער מיט א האָמענ־קלעפל, פלעגט א קניפ געבנ דעמ אייניקל באמ בעקעלע אונ זאָגנ מיט א שמייכעלע: נא דיר, קונדעסל, טשאטשקעלעכ! שפיל זיכ, שקאָצ, דערמיט, מאכ פוי, פיפ, פאפ, סענדערל!... אונ אמאָל איז ער געקומענ מיט א דריידל, זיכ געזעצט שפילנ מיט זײַנ

ליבהארצעדיקן סענדערוניען. סענדערל האָט געדרייט, געדרייט, גע־
דרייט, געמאכט „ג״ און געוווּנען באַם זיידן א גראָשן.... גוט איז
דעם מענטשן אַז א גוטער כאָלעם. די וועלט אינגאַנצן איז דען נישט
א כאָלעם? — ביניאָמין אָבער האָט דאָס אויך נישט געהאַט, עס האָט
פון אים זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף. ער איז געווען מעשונע צעטראָגן,
און דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט ווי א קעסל. ער האָט געזען
דורך דעם פענצטער, די זון שײַנט גאָר מעכײַע, דאָס גרינע גראָז
וואַקסט און שפּראָצט, ביימער צוויטען וווּנדער־שיין, מענטשן גייען,
לויפן אַהין און אַהער, און פייגל פליִען פרײַ אין הימל. אצינד איז
די רעכטע צײַט צו וואַנדערווען, נאָר ער זיצט אָבער פאַרשפאַרט
און קען זיך נישט לאָזן אַפ זײַן נעסיִע. ער פּלעגט אַזש אונטער־
שפּרינגען פאַר גרויס אַגמעסנעפעש, זיך כאַפּן באַם קאָפּ, אַרום־
לויפן צעדולט און שרײַען, ריידן מיט גאַל: גוואַלד! וואָס האָב איך
זיי געטאָן? גוואַלד, גוואַלד! וואָס האָבן זיי צו מיר?..

דאָס פערצנטע קאפיטל

אויס קאלע — ווײַטער א מויד!

אין דער וואָיענער קאנצעלאריע זײַנען שפּעטער מיט עטלעכע טעג, נאָך דער מײַסע מיט אונדזערע פארשווינען, געזעסן א סאך אָפיצירן אין דער פאָלנער פאָרמע, צווישן זיי דער יענעראל מיטן פּאָלקאָווניק. אין דער זײַט לעבן דער טיר זײַנען געשטאנען צוויי זעלנער מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און האָבן אויסגעזען ווי א מויז, וואָס מען נעמט ארויס פון א לאדישקע זויערמילך. די אָפיצירן האָבן געקוקט אף די זעלנער, זיי באטראכט פון קאָפּ ביז די פיס, דערנאָך צווישן זיך עפּעס גערעדט און א ביסל אונטערגעשמייכלט.

— הערסטו, סענדערל, — האָט איינער זעלנער שטילערהייט געזאָגט, בעשאס די אָפיצירן האָבן צווישן זיך געשמועסט, — איך זאָל וויסן מײַן טויט זאָל דאָ אפילע זײַן, מוז איך זיי ארויסזאָגן דעם גאנצן עמעס. איך בין שטארק אָנגעלאָדן.

— פונמײַנעטוועגן, בִּיניאָמין, זאָג דיר זיי דעם עמעס, — האָט דער אנדערער זעלנער זיך אָנגערופן, — אויב דו ווילסט אזוי, זאָל זײַן אזוי, וואָס פאר א דײַגע איך האָב.

— איר זײַנט עס די לײַט, וואָס האָבן שפּעט בא דער נאכט זיך ארויסגעגאנוועט פון דער קאזארמע? — האָט דער יענעראל געפרעגט סטראָגע. — איר ווייסט, וואָס קומט פאר אזא שולד?

— אָ־ווא, אָ־ווא! — איז בִּיניאָמין אף גאָטס באראָט ארויס מיט א שפּראכע, האלב יידיש, פּאָלאָווינע רײַסיש, און אנידערגעלייגט א

שמועסל, אז כײַקל זאַיקע, דער באַלדאַבערע פֿון טונעיאַדעווקע, האָט געמעגט, כ'לעבן, זיך באַגראָבן נײַן איילן אין דער ערד.

דער יענעראַל האָט אָוועקגעקערט דעם קאָפּ מיט א געלעכטער, א מאַך געגעבן מיט דער האַנט, און דער פּאָלקאָווניק האָט אָנשטאָט אים אָנגעהויבן צו ריידן.

— איר האָט זיך שטאַרק פֿאַרזינדיקט, אײַך קומט מיעס צו באַשטראָפֿן פֿאַר אַזאַ שולד.

— וואָשע בלאַגאָראָדיע! — האָט בינ־יאָמין אויסגעשאָסן אַף א קאָל, — כאַפּן מענטשן אינמיטן העלן טאָג און פֿאַרקויפֿן זיי ווי הינער אַפֿן מאַרק, דאָס מעג מען, און אַז זיי, נעבעך, ווילן ניצל ווערן, דאָס רופֿט מען אָן א שולד! אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע הפֿקר א וועלט, און איך פֿאַרשטיי שוין, אָסער, נישט, וואָס הייסט אַזוינס מעגן און נישט מעגן! אַדרבה, לאָמיר פֿרעגן דאָ טאַקע מענטשן, זאָלן זיי זאָגן, ווער איז שולדיק. אַשטייגער, ווי וואָלט געווען, אַז מען זאָל אײַך כאַפּן ערגעץ אַפֿן וועג און מיט גוואַלד אַרײַנשטופּן אין זאַק אַרײַן, נו, וואָלט איר, כאָלילע, שולדיק געווען, ווען איר וואָלט מיט אַמצוס־קויעך פֿונעם זאַק אַרויס? איך זאָג אײַך בעפֿיירעש, דאָס איז געווען לעכאַטכילע א געניוויטע זאַך, א גענאַרערײַ. שולדיק זײַנען דאָ נאָר די יידן, מי־יעדייע, וואָס זיי האָבן נאָך אָנגערעדט. מיר זײַנען אײַך מויסער־מוידאָע — זאָג, סענדערל, זאָג! וואָס שטייסטו ווי א גוילעם? גיי אַרויס מיט דעם עמעס אַף גאָטס באַראָט, גאָר אָן מוירע, און זאָג מיט מיר אײנײנעם: — מיר זײַנען אײַך מויסער־מוידאָע, אַז פֿון טאַכסיסע־מילכאָמע האָבן מיר נישט געוווּסט, מיר ווייסן נישט און מיר ווילן נישט וויסן. מיר זײַנען, באָרעכאַשעם, באַווײַבטע, האָבן אינזינען עפּעס גאָר אַנדערש, און מיט אַזעלכע זאַכענישן קענען מיר לאַכלוטן זיך נישט אָפּגעבן. זיי גייען אונדז אַפּילע גאָר אין קאָפּ נישט. הײַנט, מיילע, וואָס טויגן מיר אײַך? מיר דאַכט זיך, אַז איר באַדאַרפֿט אַליין וועלן אונדזערער פּאָטער צו ווערן.

און בעעמעס איז בינ־יאָמינ טאַקע זייער גערעכט געווען. מען איז נאָך לאַנג טאַקע גערן געווען, זייערער פּאָטער צו ווערן. אַז די עלטסטע האָבן זיך געוווען צוגעקוקט צו אונדזערע פֿאַרשוינען, צו זייער הילעך, צו זייערע פּאָסטעמקעס, צו זייער שמועס, און צו

זייערע מארשנ, האָבנ זיי שוינ זיכ אָנגעשטויסנ, מיט וועלכע נעפאשעס זיי האָבנ צו טאָנ, אונ פלעגנ נישט איינ מאָל זיכ האלטנ בא די זייטנ לאכנדיק. דער קיווג פונ דער איצטיקער סאָבראַניע אָפיצירנ איז געווענ, צו נעמענ אונדזערע פארשויִנענ אפנ פארהער אונ פרווונ זענ, מיט וועמענ זיי האָבנ אנ אייסעק. ביניאָמינ מיט סענדערלענ האָבנ דאָ זיכ פארהערט. אונ, באָרעכאשעמ, שטארק אויסגענומענ, נאָכ מער ווי געווונטשנ, אזוי אז די אלע אָפיצירנ האָבנ עפעס מעשונע האנאָע געהאט פאר געלעכטער.

— נו, דאָקטער ? — האָט דער יענעראל געמאַכט צו איינ אָפיציר, וואָס האָט זיכ אריינגעלאָזט אינ א שמועס אונ מיט אונדזערע פארשויִנענ זיכ שטארק אָפגעגעבנ.

דער דאָקטער האָט אנידערגעלייגט א פינגער אפנ שטערנ אונ געמאכט שאָקלענדיק מיטנ קאָפ, גלייכ ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָ פעלט א קלעפקע !

דער שפיצ איז געווענ, נאָכ דעמ, אז די אָפיצירנ האָבנ צווישנ זיכ גערעדט אונ עפעס געשריבנ, האָט מענ געהייסנ אָפלאָזנ אונדזערע פארשויִנענ פריי פונעמ דינסט.

— גייט אייכ, — האָט מענ צו זיי געזאָגט, — גייט אייכ געזונטערהייט !

ביניאָמינ האָט זיכ זייער שיינ געזעגנט מיט א פארבייג, אונ זיכ געלאָזט אוועקגייג.

סענדערל האָט ווי א זעלנער געהויבנ פיסלעכ אונ געגאנגענ נאָכ אימ מיט א מארש.

דאָס קליינע מענטשעלע

1879

דאס קליינע מענשעלע

אדער

א לעבענסבעשרייבונג

פון

יצחק אברהם תקיף.

(גאר אין גאנצען אויף דאס נייא איבערגעמאכט).

געדרוקט בהשתדלות

מענדעלי מוכר ספרים

ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראָם

שנת תרל"ט לפ"ק

ДОСЬ КЛЕЙНЕ МЕНШЕЛЕ

т. е.

Маленькій человѣчекъ

Сочинение Ш. Я Абрамовича.

ВИЛЬНА,
Типографія Вдовы и бр. Роммъ.
Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 328.
1879.

טיטלבלאט פון דער אויסגאבע אין יאר 1879

1

„מא־שמייכעמ?“ דאָס איז די ערשטע שייַלע, וואָס א ייִד פרעגט דעמ אנדערנ, גאָר א ווילד־פרעמדנ, וויבאלד ער באגעגנט זיכ מיט אימ אונ שטעקט אימ אָפּ א שאָלעמ־אלייכעמ. קיינעמ גייט בעשאס־מייַסע גאָר אָפּ דער מאכשאָווע נישט ארופ, אז מענ זאָל זיכ קענענ אָנרופנ אשטייגער: „וואָס איז אייַכ, רעב קאָרעוו, אזוי דאָ געלעגנ צו וויסנ, ווי איכ הייס? מיר ווילנ דענ איינער מיט דעמ אנדערנ זיכ מעשאדעכ זייַנ? איכ הייס ווי מענ האָט מיכ א נאָמענ געגעבנ, אונ לאָזט מיכ געמאכ“. אדעראבע, די שייַלע „מא־שמייכעמ“ איז א גאנצ נאטירלעכע זאכ. עס ליגט אזוי אינ דער טעווע, אקוראט ווי א טאפּ צו טאָנ יענעמס נייַע קאפּאָטע מיט א פרעג: וואָס קאָסט אנ ארשינ; ווי צו בעטנ א פּאפּיראָס בעשאס יענער עפנט אופ זייַנ טייַסטערל מיט טיטונ; ווי אריינצושטעקנ די פינגער אינ יענעמס פּושקעלע אונ נעמענ א שמעק טאבעקע; ווי אריינצוקריכנ מיט א פוס אינ יענעמס ביטל, אייַנטונקענ דאָרט דאָס פארשמאָלצעוועטע פּאטשיילכנ אונ רייַבנ דערמיט דאָס לייַב; ווי צוצוגייַנ ווו צוויי מענטשנ שמועסנ צווישנ זיכ, צולייגנ אנ אויער אונ הערנ זייער שמועס; אָדער ווי א פרעג צו טאָנ איינעמ פּלוצלימ פונ דער העלער הויט מיקויעכ זייַנע געשעפטנ אונ אָנוואָרפנ זיכ אפ יענעמ מיט אייצעס, כאָטש יענער האָט גאָר אינ זיי קלאל זיכ נישט גענייטיקט אונ קענ אָנ זיי זיכ אויכ באגייַנ. אזעלכע אונ אוכדויבע נאָכ אזעלכע זאכנ זייַנענ גאנצ געוויינטלעכ. אזוי איז דער סיידער־האָוילעמ פונ אייביקע צייַטנ, אונ אָנצורופנ

זיך אקעגן דעם וואָלט אויסגעקומען עפּעס טאקע ריין מעשוגע, עפּעס מעשונע ווילד, גאָר שעלוי קעדערעך האטעווע. נישט נאָר אפ דער וועלט, אפילע אויך דאָרט אפ יענער וועלט איז בא ייִדן ײַנגערעדט, אז טייקעף באם ארײַנשטעקן אהין א פוס איז דעם מאלעך-האַ-דוימעס ערשטע שײַלע: „מא־שמייכעם, רעב קאָרעוו?" דער מאלעך, וואָס האָט זיך געראנגלט מיט יאנקעוו-אָווינו, ער אפילע האָט נישט מעשאנע געוועזן פון דעם סיידער־האָוילעם און אים באלד טאקע א פרעג געטאָן, ווי ער הייסט? הײַנט אפשיטע שוין א מענטש, א באָסער-וואָדאָם. איך ווייס זייער גוט, אז בא מײַן ערשטן ארויספאָר אין דער ייִדישער ליטעראטור מיט מײַנע מײַסעס וועט געוויס דעם אוילעמס ערשטע שײַלע זײַן: מא-שמייכעם, פעטער?

מענדעלע הייס איך! אזוי, ראבויסים, האָט מען מיך א נאָמען געגעבן נאָך מײַנעם אן עלטער-זיידן פון דער מאמעס צאד, רעב מענדעלע מאָסקווער, זיכרוינע-ליווראָכע. מאָסקווער האָט ער אין זײַנע צײַטן געהייסן דעריבער, ווײַל ער איז אמאָל געוועזן אין מאָסקווע אײַנצוהאנדלען דאָרט רוסישע סכוירע. דאָס האָט אים פארשאפט אין זײַן ווינקל א נאָמען און גרויס קאָוועד. אלע האָבן אים געהאלטן פאר א געניטן, וועלטלעכן מענטשן, און מען פלעגט בעשאָס עפעס א נויט און בא א פראָשעניע-אָנשרײַבן מיט אים פריִער זיך מעיאשעוו זײַן, נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

דערמיט אָבער בין איך נאָך נישט יויצע. נאָך דער דאָזיקער ערשטער שײַלע הייבן בא ייִדן ערשט אָן זיך צו שיטן נאָך אלערליי שײַלעס, ווי אשטייגער: פונוואנענט איז א ייִד? זײַנט איר א באַ־ווײַבטער? האָט איר קינדער? מיט וואָס איז אײַער האנדל? און וווהין פאָרט איר? אוכדוימע נאָך און נאָך אזעלכע מינע שײַלעס, וואָס אזוי איז שוין אָנגענומען געוואָרן בעכאָל טפוצעס ייִסראָעל זיי צו פרעגן, אויב מען וויל א פּאָנעם האָבן פאר לײַט, אז מען איז אן אויסגעריבענער מענטש, נישט קיין באנק־קוועטשער, און וואָס מען מוז אל־פּי מענטשלעכקײַט דערופ ענטפערן אזוי ווי א „גוט יאָר!" אפ איינעמס „א גוט שאבעס!" אָדער „גוט יאָנטעוו!" איך וויל מיט א וועלט נישט אײַנרײַסן און בין בערייט אפ די דאָזיקע שײַלעס אויך צו ענטפערן קורץ און גיך ווי נאָר מעגלעך.

אליין בין איך א געבוירטיקער פון צוויִאטשיטש, א קליין

שטעטל אין טעטעריוועקער גובערניע, בארימט מיט אירע גוטע בעהיימעס און נאָך מער מיט דעם צוויאטשער, לעהאוודל, וואָס מיט אים קלינגט די וועלט. נישט דאָס בין איך אויסן. אין מײַן פּאַספּאָרט שטײט איך אלט 52 יאָר, נאָר באשטימט וויפל איך בין אלט קען איך אײַך נישט זאָגן. מײַן טאטע מיט דער מאמען, אלייהעם־האשאָלעם, זײַנען שטארק מעכולעק געווען אין דער רעכענונג פון מײַנע יאָרן. נאָך זײ ביידע בין איך געבוירן געוואָרן צום ערשטן ליכטל בעשאס דער גרויסער סרייפע פון די קלייטן. נאָר נאָך דעם טאטנס כעזשבן איז דאָס געווען בעשאס די גרויסע קרירעס זײַנען פאַרשלעפּט געוואָרן אין אונדזער ווינקל, פּונקט אין דער צײַט, ווען דער אלטער, זיכרוינע ליווראָכע, איז ניסטאַלעק געוואָרן. און די מאמע פלעגט אויסווײַזן, אז דאָס איז גאָר געווען מיט א יאָר צוויי נאָך דער ערשטער בעהאָלע, נישט הײַנט געדאכט. א סימען אפילע, דענסטמאָל האָט זיך בא אונדז געקעלבט די רויטע קו, און זויסכאנעקע האָט זי פאר א האלב־שטעטל געמאכט מילכיקע ווארעניקעס, וואָס מען האָט פון זײ געלעקט די פינגער, און ליגן בא א טייל אלטע יידן נאָך אי הײַנט אין טאם. נישט דאָס אָבער בין איך אויסן. די פּרימעטעס מײַנע אין מײַן פּאַספּאָרט זײַנען אזוי: די וווקס — א מיטעלע; האָר, ברעמען — גרוי; אויגן — קארע, די נאָז, דער מויל — מיטלמעסיק, א באָרד — א גרויע, דאָס פּאָנעם א ריינס; אָסאָביע פּרימעטעס — נישטאָ. דאָס הייסט אינגאנצן פּראָסט גאָרנישט, א מענטש ווי געוויינטלעך דאָסראָוו מענטשן, נישט קיין קאָטער, קיין בעהיימע, כאָלילע. אײַ די קאשע איז, גלאט א פּאַספּאָרט גאָר אָן פּרימעטעס וואָלט דאָך אויך דאָס אייגענע באוויזן, אז מען איז א מענטש? וואָרעם, ווי האָבן דען בעהיימעס פּאַספּאָרטן? דער טערעץ איז אָבער, אז קאשעס פרעגן איז קיין סייכל נישט. הערסטו, דער גאנצער סייכל איז דאָך טאקע, אָט נאט אײַך פּרימעטעס און ווייסט פּאָרט נישט, וואָס פאר א פּאָנעם איך האָב... און בעעמעס טאקע, לאָמיר זיך נישט נארן, וואָס וועט אײַך ארויסקומען, אז איר וועט שוין וויסן אשטייגער, אז מײַן שטערן איז א הויכער מיט א סאך קנייטשן, אז מײַנע נאָזלעכער זײַנען זייער גרויסע און עפּעס מעשונע, אז איך קוק — מאכ איך דערבײַ צו א ביסל די אויגן ווי א קורצזיכטיקער, און אז איך פארצי די ליפּן — זעט עפּעס אויס ווי איך

שמייכל מיט א שטעכנדיק געלעכטערל? גלייבט מיר, מײַנ ווײַב אפילע פאר אונדזער כאסענע האָבנ אזעלכע קלייניקײַטנ אויכ קלאל נישט אינטערעסירט. מענ האָט איר געזאָגט: מאזלטאָוו, קאלע, דו האָסט א כאָ־ן! אונ גענוג. ווערמענס אייסעק דענ איז דאָס יענעמס א נאָז, יענעמס א פּאָנעם? וואָס מאכט עס אויס אונ ווערמענ גייט עס אָנ? מיילע, ווייסט איר דאָכ, אגעוו, שוינ, ראבויסײַ, אז איכ בינ א באווײַבטער. קינדער, פארשטייט זיכ דאָכ מעמיילע, אז איכ האָב, אונ אָנ אײַנאָרע נאָכ פיל, וואָרעמ, ווו האָט איר א באווײַבטנ ייִדנ, ער זאָל נישט האָבנ לעכאָלאפּאָכעס א האלב טוצ קינדערלעכ? ביפראט נאָכ אנ אָרעמאנ. האנדלענ האנדל איכ מיט רומל, דאָס הייסט מיט כומאָשים, מאכזיירים, סידורים, סליכעס, טכינעס אוכדוימע אזעלכע מינע ספאָרימ. דערבײַ געפינט זיכ בא מיר אלערליי מײַסעס — אונ א ביסל פונ הײַנטיקע מינע ביכלעכ. איכ האָב איבערגעהאט אינ מײַנ לעבנ א סאכ מינע פּארנאָסעס: באלד באמ אראָפּגיינ פונ קעסט בינ איכ געוואָ־נ א כאלפנ, דערנאָכ א בסאָמים-קרעמערל, א שענקער, א מויכער-טוועניק, א מעקלער אונ א מעלאמעד. איכ האָב מיכ געוואָרפנ, ווי דער שטייגער איז פונ ייִדנ, אפּ אלע זײַטנ, אונ בינ געוועזנ, לוי־אלייכעמ, א גרויסער עוויענ. ווי זאָגט מענ עפּעס, א סאכ מעלאָכעס אונ ווייניק בראָכעס. ביז לעסאָף האָב איכ מיכ גענומענ צו ספאָרימ אונ בינ דערפונ שוינ א צײַט מיט יאָרנ, באָרעכאשעמ, זייער שיינ זיכ מעפּארנעס. כוצ רומל פיר איכ נאָכ מיט מיר בערשעטער טאלייסימ, טאלעסקאָטנס, קאָפּלשמוינעדיקע ציצעס, רעצועס, שויפרעס, הייעלעכ, מעזוזעלע־, וואָלפציינדלעכ, קאָמייעלעכ, קינדערשע בליטשקענע שיכעלעכ אונ יארמעלקעלעכ, אונ אמאָל אויכ מעש אונ קופּערווארג. ווי ארומ מעש אונ קופּערווארג קומט צו ספאָרימ, ווייס איכ אליינ נישט, נאָר אזוי איז שוינ בא אונדז אײַנגעפירט מיקאמע-וועקאמע שאָנימ, פּונקט ווי א ייִדישער מעכאבער מוז אמאָל אויכ זײַנ אי א שאדכנ, א פּוילישער שאמעס אינ א קלײַזל, מוז דערבײַ דאָרט האלטנ א קליינ שענקל, ווי א סבאָרשטשיק מוז אמאָל אפּ א סימכע בא די פּײַנע־בעריעס קאָכנ פיש אונ זײַנ א סארווער, ווי עפּעס א קלייקוידעש מוז דאָסראָיו זיכ אָפּגעבנ מיט פלאָטקעס, פארקאָ־נ אמאָל א קאשע, אונ ווי א ליאד גווירל מוז האָבנ כיילעק אינ דער טאקסע... נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

יאָרנלאַנג בין איך אין אונטערוועגנס. איך פֿאָר ארום אין גאנץ פוילן און בין דאָרט פול אין אלע שטעט און שטעטלעך. מען קען מיך, באַרעכאשעם, אומעטום ווי א בייזן שילינגער. איר וועט מיך דאָרט טרעפן שטייענדיק מיט מײַן ביידל דאָסראָוו לעבן בעסמעדרעש. מײַן פערדל שטייט אויסגעדרייט מיט דעם פּאָנעם צום וואָגן און עסט, אויב ער האָט נאָר, פּיטשקע פון אן אויסגעשפרייטן לאנטוך, וואָס איז צוגעבונדן פון איין זײַט צו די קאָזלעס און פון דער אנדערער זײַט צו ביידע אין דער הייך אופגעשטעלטע האָלאָבליעס. יידישע קינדערלעך פארגאנוועגען זיך שטילערהייט און רײַסן געשמאק סטרונעס פון זײַן עק, נעבעך, און ער, שלימאזל, שטייט זיך גאנץ רויק, עס זאָל דאָס אים אָנהייבן צו ארן. ער לאָזט אמאָל דערבײַ אראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ, און עס דאכט זיך גאָר דענסטמאָל, ער לאכט עפּעס מיט ציינ, נאָר ווי לעהאוודל א מענטש. אז מאכט זיך אמאָל, ער האָט נישט וואָס צו עסן, שטייט ער זיך פארטראכט מיט אופגעשטעלטע אויערן און קוקט אין ביידל אפ די ספאָרים עפּעס אזוי, אז מען וואָלט געמעגט שווערן, ער פארשטייט דערינען זייער גוט מיט זײַן פערדישן מויעך און נעמט עס אפ זײַנע קיילים עפּשער נאָך פיל בעסער ווי אן אנדער באַהעלפער, מעכילע. נישט דאָס בין איך אויסן.

דאכט זיך, איך האָב שוין מײַנס יויצע געווען, אלצדינג אײַך אָפּגעזאָגט, און מעג שוין אָנהייבן מײַן סיפער-האמײַסע. איבעריקנס בין איך דאָך נישט מער ווי א מענטש, עפּשער האָב איך עפּעס פארגעסן, מעגט איר מיר זיכער גלייבן, אפ מײַן וואָרט, אז וויבאלד איך וועל מיך נאָך דערמאָנען, וועל איך עס גאנץ געוויס צושטעלן אין איינע פון מײַנע מײַסעס, וואָס איך האָב בעדייע מיט גאָטס קויעך איינע נאָך דער אנדערער אָפּצודרוקן. און ווײַטער, אויב עמעצער וועט קיין צײַט נית האָבן און טאקע באלד וועלן ויסן קאָל-שוירעש-דאָוואָר, איטלעכס פּיצעלע, מעג ער זיך מאטריעך זײַן צו מיר צו שרײַבן און וועט באקומען פון מיר אינגיכן א קלאָרע טשוווע. מײַן אדרעס איז: מענדעליו יודעלאָוויטשו מויכערו ספּאָרעמו אווו צוויאטשיטשו. דעם טיטל גאָספּאָדינו יעווריי באדארפ מען נישט שרײַבן. מען וועט אזוי אויך ויסן.

שאט, שאט, ראבויסים! איקער שאָכאכטי, גוט, כ'לעבן, וואָס איך

האָב מיכ באצײַטנס ארומגעקוקט. דער מינהעג פונ אונדזערע ייִדישע מעכאברים איז, ווי איטלעכנ איז באקאנט, ארײַנצושטעלנ זייערע ווײַבער, די צנועס, אינ זייערע ספאָרים בעפיירעש מיט די נעמענ, אָדער מיט א האמצאָעלע דורכ ראָשע־טייוועס אונ אָפּצולויבנ אינ טאָג ארײַנ זייער גוטסקײַט אונ פרומקײַט. בעכיינ וועט איר דאָכ אוואדע וועלנ וויסנ לעכאָלאפּאָכעס ווי מײַנ ווײַב הייסט, אונ וועט טאקע זײַנ זייער גערעכט.

שאט, זי הייסט יענטע!

2

אצינד, ראבויסים, אז מיר האָבנ שוינ א ביסל זיכ באקענט, זײַט מויכל אונ שטעלט אײַכ פיר מיר, מענדעלע מויכערספאָרים, ווי איכ שטיי מיר אָסיענ-צײַט מיט מײַנ בײַדל ערגעצ אפ א וועג, שטארק פארטראכט, אונ ריר מיכ נישט פונעם אָרט. עפשער וועט איר וועלנ מיינענ, אז מײַנ בײַדל האָט זיכ אײַנגעגריזנעט אינ בלאָטע אונ איכ טראכט דאָ, וויאזוי עס ארויסצושלעפנ? — ניינ! דאָס איז געווענ טאקע הײַנטיקס יאָר, תרט״ו, וואָס מענ מעג אים פארשרײַבנ אינ די קראָניקעס פאר א וווּנדער מיט זײַנ טרוקענעמ זייער שיינעמ אָסיענ. אינדרויסנ איז געווענ גאָר זומער, ווארעמ, ליטער. בעהיימעס האָבנ זיכ געפּיטערט אפ די פעלדער, פונ וועלכע עס האָט געדיכט ארויסגעשפּראָצט יונגע גרינע כווּע. די ביימער האָבנ אפ זיכ געהאט א געל-גרינ העמדל, ערטערווײַז אפילע מיעס אָפגעבליאקעוועט, צעהאקט, צעפאלנ מיט אויסגעטריפלטע לעכער, נאָר דאָכ האָבנ זיי נישט געהאט נאָכ בעדייע אויסצוטאָנ זיכ אינגאנצנ נאקעט אפ צו שלאָפנ זייער געוויינטלעכנ הארטנ שלאָפ דעמ גאנצנ ווינטער. אינ דער לופט זײַנענ אומעטומ געפלויגנ לאנגע ווײַסע פעדעמ פויטינע, א סימענ אפ גוטער שיינער פאָנאָדע, כאָטש דער לועכ האָט געשריבנ אפ כמארנע טעג, קאלטע רעגנס אונ בלאָטע. ער האָט, זאָל ער מויכל זײַנ, נישט געטראָפנ, געזאָגט, ווי דער שטייגער איז, א גרויסנ ליגנ. נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

עפשער וועט איר ווײַטער וועלנ מיינענ, אז איכ בינ געשטאנענ

מיט מײַנ בײַדל, ווײַל איכ האָב נישט געוווּסט דעמ וועג? נאָכ־אמאָל נײַנ! איכ האָב זייער גוט געוווּסט, אז דאָרט, ווו דער וועג צעטיילט זיכ, נעמט מענ זיכ רעכטס קיינ גלופסק אונ לינקס ערגעצ אנדערש אינ א שטעטל. נאָר וואָס דענ זשע? פּאָשעט איז פּאָשעט, איכ האָב מיר קיינ אייצע נישט געקענט געבנ, אינ וועלכער זײַט זיכ צו נעמענ. איכ האָב געהאט טײַמימ פאָרנ קיינ גלופסק, צו מאַכנ דאָרט עפּעס א שטיקל כילעפ אונ אָפּצוזעצנ דאָרט סטאַטשקעס אונ וועקסענע כאנעקע־ליכטלעכ. אקעגנ זשע האָב איכ ווידער געהאט טײַמימ צו פאָרנ אפנ יאריד דאָרט אינ שטעטל, אונ מאכמעס דעמ בינ איכ געבליבנ שטיינ אפנ וועג, נישט אהינ, נישט אהער, אזוי ווי אינ דער קלעמ. טראכטנדיק, האָב איכ מיכ גראָד פארקוקט אפ מײַנ פערדל, וואָס איז געשטאנענ זייער רויק, געקראצט דעמ האלדז אינ דער האָלאָבליע אונ איז פונעמ שטיינ, אפּאָנעמ, שטארק צופרידנ געוועזנ. איכ האָב גע־קוקט אפ אימ עפּעס מיט אזעלכע אויגנ, גלײַכ ווי איכ וואָלט פאר־לאנגט פונ אימ עפּעס אנ אייצע. אונ באלד איז מיר טאקע אײַנגע־פאלנ איבערצוגעבנ די גאנצע זאכ דעמ פערדל, ווי ער וועט וועלנ, אזוי זאָל זײַנ. לאכט נישט, לאכט נישט ראבויסימ! אז מענ איז אמאָל מעסופּעק אונ מענ ווייסט נישט, וואָס צו טאָנ, פארלאָזנ זיכ קלוגע אפילע אפ מעשונעדיקע מיטל. זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ, וואָס איז אזוינס א פאטש טאָנ זיכ, אינ אזא פאל, אינ שטערנ אונ מאכנ אפ דער האנט קנייטשנ? אָדער וואָס שטעקט אזוינס נאָכ אינ אנדערע אזעלכע גוירא־לעס אונ אלערליי סימאָנימ? א נאר אפילע גילט דענסטמאָל זייער שטארק, מענ פרעגט אימ אונ מענ נעמט אָנ זײַנ אייצע. עס טרעפט זיכ אינ דער וועלט זייער אָפט, אז קלוגע גיבנ זיכ איבער נאראָנימ אינ די הענט אונ לאָזנ זיכ פונ זיי פירנ. איכ קענ א סאכ אזעלכע נאראָנימ, וואָס שפּילנ א ראָליע, אונ דאפקע בא כאָכרימ, לײַטישע מענטשנ... נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

איכ האָב א שמיצ געטאָנ דאָס פערדל, אָפּגעלאָזט די לייצנ אונ אימ געלאָזט גיינ פרײַ, פירנ מיכ, וווהינ ער וויל. ער האָט זיכ גע־נומענ רעכטס אפ דעמ וועג קיינ גלופסק. נו, האָב איכ מיר געטראכט אונ א מאכ געגעבנ מיט דער האנט, פיר מיכ, פיר מיכ, עפּשער ביסטו גערעכט. אז דיר געפעלט גלופסק, לאָז זײַנ גלופסק!

דינסטיק פרי נאָכנ דאוונענ בינ איכ אָנגעקומענ קיינ גלופסק

און בין מיר, ווי מײַן שטייגער איז, צוגעפּאָרן גלײַך צום בעס-מעדרעש. איידער נאָך איך האָב אויספּייעס א נאָז אויסשנײַצן, האָבן זיך א לאָז געטאָן צו מיר ייִדן און באַלעבעסלעך, דער מיט א שאָ-לעם אַלייכעם, יענער א קוק אין בײַדל, איינער מיט דער שײַלע, דער אנדערער מיט אן אנדער שײַלע, דער א טאָפּ, דער א לאָפּ, ווי דער שטייגער איז פון ייִדן. די ווײַסע-כעווריע, די טאַלמעטוירע-ייִנגלעך האָבן זיך פריילעך-לעבעדיק געוויטעט מיט מײַן פערדל, גאָר פרײַנט-לעך מעקאַבל-פּאָנעם געווען זייער אלטן באַקאַנטן און שוין אפילע זיך דאָביוועט רײַסן סטרונעס פון זײַן וויידל.

אפן שולהויף האָב איך געזען רעדלעך מענטשן. עפּעס האַמפּעֶרט מען זיך, מען האָט וואָס צו טאָן, מען שמועסט, מען לאַכט, מען זאָרגט און שיקלט מיטן קאָפּ. באַלד האָבן עטלעכע רעדלעך זיך צו-נויפגענומען אין איין רעדל, עס האָט געאַרבעט, געקערט, געפּילדערט, געמאַכט מיט הענט אי מיט די פיס, און באַלד איז דאָס צונויפגע-שטיקטע רעדל צעשפּרונגען געוואָרן, ווי א זייפּבולבע, אף קליינע רעדלעך. אפּאָנעם, ס'איז עפּעס געשען, אז מען קלינגט איז א כאָגע. איך בין שטאַרק ציקאַווע געווען צו וויסן, וואָס טוט זיך דאָ אזוינס, איך בין דאָך עפּעס אויך א ייִד, מײַן נעשאָמע איז, ווי זאָגט מען עס, נישט פון קלאָטשע, מען באַדאַרף אין דער וועלט אַלצדינג הערן, אַלצדינג שמעקן. עס קומט אמאָל צונוץ. עס זײַנען דאָ זייער פיל ייִדן, וואָס ציִען זייער שטיקל פּאַרנאָסע דערפון, וואָס זיי שמעקן אומעטום ארײַן די נאָז און שמעקן, וואָס וו צוויי זײַנען זיי — דריטע און פאָדערן א כײַלעק, אָדער העפּ, ווי מען רופט עס אף זייער לאָשן. יאַכדאָוו! איז א ייִדישע זאַך... נישט דאָס בין איך אויסן.

אז איך האָב מיך צוגעהערט צו א נײַ רעדל, וואָס איז אויס-געוואַקסן לעבן מיר, איז מיר ארײַן אין אויער אָט דער דאָזיקע-שמועס:

— אָ־וואַ, אָ־וואַ, באָרוך דאַיען עמעס! נאָך קימאַט גאָר א יונגערמאַן, איב מיינע ארומ ארבאָיִמ. אָ-וואַ, אָ-וואַ! ס'טײַטש, אזא מענטש, אזא מענטש!

— מיילע, וואָס זשע זאָרגט איר זיך דאָ אזוי, רעב אוראָמצע, און קענט זיך נעבעך נישט טרייסטן? פיש, א טײַערע זאַך! א שיינע,

ריינע קאַפּאָרע, כ׳לעבן! וואָס איז דאָ אַזוי מיט אים דער ייִכעס? טאַקע, בעמעס טאַקע, ווער איז ער אַזוינס געווען?

— באַ דיר, יאָסל, איז אַלץ נישט קיין טײַערע זאַך, אַפֿצדינג נישט קיין ייִכעס! מיסטאָמע איז טאַקע רעב אַווראָמצע גערעכט. ס׳טײַטש, סטײַטש, אַזאַ מענטש, אַזאַ רײַכער, אַ גאַנץ רײַכער מענטש! אַ ראַכ־מאָנעס, ווי איך בין אַ ייִד, אַ ראַכמאָנעס!

— נאַט אײַך אַ נײַעם באַל־ראַכמים, לייבצע טעמעס! — באַסע־וועט אונטער רעב אַווראָמצע און ווײַזט אַרויס ווי אַן ערלעכער ייִד זײַן ראַכמאָנעס. — זאָג נאָר, וואָס האָסטו דאָרט, דאָרטן פֿריִער געזאָגט, לייבצע?

— געזאָגט?! וואָס, יאָסל, האָב איך געזאָגט, איך? אַדעראַבע, יאָסל, וואָס, וואָס, אַדעראַבע...

— טאַקע אַדעראַבע ווע־אַדעראַבע, דו אַליין, לייבצע, טאַקע דו אַליין האָסט אַקאָרשט מיט דײַן קאָשער מײַלכן געזאָגט: „אויך מיר אַ מענטש, איציק־אַווראָמל טאַקעס! ער איז געווען, זאָל ער מיר מויכל זײַן, נישט מויכל זײַן, אַ גראָבער יונג, אַ בלוטזויגער, אַ ראַמײַ. אַן אַכזער און דערצו נאָך אַ ביסל כושים”.

— וואָס איך, יאָסל?! עט? עט... אַ גוטן טאָג! איך האָב, אָסער, נישט קיין צײַט.

— אַ גוטן טאָג, אַ גוט יאָר! האַ? קומט, רעב אַווראָמצע, אין בעסמעדרעש אַרײַן, לאָמיר דאָרט נעמען צו ביסלעך בראַנפֿן. דער שאַמעס האָט הײַנט אַ גוט ביסל בראַנפֿן.

— זעסטו, יאָסעלע, אַ ביסל בראַנפֿן שאַדט טאַקע עפּשער נישט. האַ? האָסט, כ׳לעבן, קלוג געטאָן, יאָסעלע, וואָס דו האָסט אַזוי גוט מע־כאַבעד געווען דאָ דעם ליגנער. לאָמיר זיך נישט נאַרן. בעמעס טאַקע, וואָס איז ער דאָ אַזאַ פּאַרנעם? ער איז, אָלעוו־האַשאָלעם, גע־ווען אַן אַמאָרעץ, אַ קאָכלעפֿל, אַ באַרײַסער, אַ פּיאַווקע. ער האָט נישקאָשע געגנוג פֿרעמד געלט איבערגעלאָזן!

— אָט דערפֿאַר, רעב אַווראָמצע, האָב איך אײַך טאַקע ליב. זעט איר, דערפֿאַר טאַקע, וואָס איר האָט טאָמעד ליב צו זאָגן דעם עמעס ....[1]

---

[1] אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס, זינט 1907, האָט מענדעלע דאָ אַרײַנגעשטעלט פֿאָלגנדיקן צוגאָב:

— ניין, ניין! — האָב איך געהערט שרײַענדיק נאָך פון א רעדל מענטשן. — דאָס איז פאר איר נישט קיין שידעך! איך האָב פאר איר אן אנדער שידעך. עס וועט מיט גאָטס הילף גיין. ס'איז איר איבערגעבליבן א פארמעגן, זי האָט א געבליאַטצוועטע קסובע, און מײַנער וועט זי מיט גאָטס קויעך נעמען, כאפן מיט ביידע הענט.

— יאכדאָוו, יאָקל-גרוינעם! איך בין דערופ אויך געפאלן. יאכדאָוו! ייִדן, זײַט איידעס!

— א רועך אין דײַן טאטנס טאטן ארײַן! — האָט זיך געלאָזט הערן א קאָל, און דאָס רעדל איז זיך צעפלויגן.

איך האָב אויסגעשפאנט דאָס פערדל, אים אומגעקערט צווישן די האָלאָבליעס מיט דעם פּאָנעם צום וואָגן, אונטערצופּאשען עס מיט א ביסל סיטשקע, און דערנאָך האָב איך מיך גענומען צו דער ארבעט, אויסצופאקן מײַן בײַדל. נאָר קוים וואָס איך האָב געמאכט א שטיקל סיידער, ארויסגעהאנגען פון ביידע זײַטן בויד א קרענצל קאמייע-לעך, בליטשקענע יארמעלקעלעך, עטלעכע פעקלעך ציצעס, און ארויס-דערטאפּט א סטאָטשיק, א טאַלעסקאָטן אוכדו׳מע, איז דער בעסדנ-שאמעס געקומען צו לויפן הענדום-פּענדום אין איין אָטעם.

— אוי גוואלד, רעב מענדעלע! שאָלעם-אליכעם, רעב מענדעלע! דער רעבע, זאָל לעבן, האָט אײַך זייער שיין געלאָזט בעטן, איר זאָלט גיכער צו אים זיך מאטריעך זײַן מיט אײַער קאָוועד. גיכער, טאקע גיכער, רעב מענדעלע!

דאָס, וואָס דער ראָוו איז אזוי גיך געוווירן געוואָרן, אז איך בין

„— מאָמענ קוירעך ... אָנגעשטאָפּט מיט געלט געווען אָלעוו-האשאָלעם, — רײַסן זיך איין ייִדן דאָס געזונט, שרײַענדיק דאָרט אין א צונויפגעשטופּט רעדל.

— וויפל, אשטייגער, וועט איר אים געבן?

— א קאָן אלאָפים מיינ איך אים זיכער געבן.

— קארג! נישקאָשע, איר מעגט צולייגן נאָך, נאָך...

— מאכטייסע, אז איר ווילט...

— איך האָב מוירע, טאקע די גאנצע שין אלאָפים.

— איר זײַנט א נאר!... טאקע טאק אלאָפים.

— איך בין א נאר, און איר זײַנט א קאפצן!

— ווערסט כאפּן אין באק!

— ווערסט כאפּן אין ביירע.

עס ווערט א קאָכעניש, א בוצקעניש. ייִדן צעלויפן זיך". (אויסג. 1907, ז. 3—4)

געקומען — דאָס גראָד איז מיר קיין כידעש נישט געווען. וואָרעם גלופּסק איז א ייִדישע שטאָט, און ייִדן דערגייען זיך טאָמעד אַלצ־דיגג געשווינד. לאָז איינער בא זיך אויסריידן א וואָרט, באַלד טאַקע ווייסט מען עס אַפ דער צענטער גאס און מען צעטראָגט עס אַפ טעלער־לעך, א סאַך גיכער ווי דער טעלעגראַף. א כידעש איז מיר נאָר געווען, וואָס באַדאַרף מיך אַזוי דער ראָוו האָבן? און צו וואָס האָט ער נאָך מיר געשיקט דעם בעסרנ־שאַמעס אין אַזא אײַלעניש? באַלד אָבער איז מיר אַרופּ אַפן זינען — א דינטוירעלע... דאָ מוז עפּעס זײַן א קרעצעלע... און עס האָט מיר א טיאָכקע געגעבן אין האַרצן! וואָרעם ווי האָט איר דען א ייִדן, וואָס ער זאָל נישט פילן בא זיך אין די געשעפטן עפּעס א מאַקעלע, וואָס מען זאָל נישט קענען צו אים, נעבעך, זיך זוכן?... נישט דאָס בין איך אויסן.

איך האָב איבערגעמישט אין קאָפּ מײַנע געשעפטן און מיר איז אַרײַן אין דער מאַכשאָווע דער מעכוטן! עפּשער טשאַטשעוועט אַפ מיר דער מעכוטן, ווייל מיך צחינגען אײַנצופייגן דעם נאַדן, און ווייל ווייסן אַן עק, א סאָף. דער מעכוטן מײַנער איז א פּראָסטער מענטש, ער מיינט, וואָס עס שטייט אין די טנאָיִם מוז מען האַלטן, און וואָס מען האָט זיך מיסכײַעוו געווען, מוז מען טאַקע סילעקן. ער פאַר־שטייט נישט, דער נאַר, אַז דאָס אַלצדינג איז לאַוודאַפּקע. עס גייט אַזוי נאָר אין שמועס, גלאַט אַזוי פון איידלקײַט וועגן. מען באַדאַרף זיך ברייט שטעלן, מיטן פולן מויל, עס זאָל פאַר דער וועלט א פּאָ־נעם האָבן, ווי אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך נויהעג גע־ווען... נישט דאָס בין איך אויסן. אָדער, האָב איך געטראַכט, עפּ־שער גאָר, כאָלילע, דער מויכערספאָרים! יענער מויכערספאָרים, מיט וועלכן איך האָב פאַראיאָריקן זומער געשטעכעוועט אַפ פאַרלעגערטע מי־נים! איך האָב אים אין כילעפּ אָנגעגעבן האַגאָדעס, טיקנ־שוועס־לעך, הייעלעך, וואָלפּציינדלעך, הײַנטיקע נײַע מײַסעס, שמאָכטעס, קײַ־און־שפּײַ; און ער מיר — מײַנע־לאָשנס, טפילע־זאַקעס, כאַנע־באַס־טויוויס, מעש, מאַכזיירים, אוכדוימע נאָך מינע ספאָרים. א קאַשע אַפ א מײַסע, עפּשער האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט זיך גענאַרט און וויל איצט טײַנען א מעקעכ־טאָעס, אויסצומאַנטען בא מיר עפּעס! גאָט זאָל שוימער אומאַצל זײַן האָבן צו טאָן מיט א היגן מויכער־ספאָרים. עס קען צעזעצט ווערן די גאַל פון זייערע טײַנעס און

טווּיעס!... ניט דאָס בינ איכ אויסנ. האקלאל, ס'איז מיר געוואָרנ אפנ הארצנ עפּעס ניט פרייִלעכ. אהער־אהינ, מע מוז דאָכ גייִנ. מעיאשעוו האָב איכ מיר געוועג מיטצונעמענ א פּאָר סטאָטשקעס, עטלעכע קלייניקייטנ, גאָר א שפּאָגל נייִע טכינע, עפּשער וועט דאָס דער רעבעצנ טויגנ אונ מיר צונוץ קומענ... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. אפּ מייַנ פערדל בינ איכ געווענ עפּעס ברויגעז, וואָס אימ איז געפעלנ געווענ גלופּסק. דערפאר האָב איכ אימ מאקעס אונטער־געשאָטנ סיטשקע, אימ דערלאנגט א זעצ אינ דער מאָרדע מיט עטלעכע שטעכווערטלעכ אונ, איבערגעבנדיק אימ מיט דעמ בייַדל אונטער דעמ שאמעס האזשגאָכע, בינ איכ אוועקגעגאנגענ אינ קאס. זאָלנ אימ זייַנע גלופּסקער ייִנגלעכ רייַסנ סטרונעס וויפל זייער הארצ גלוסט. רעכט אפּ אימ, ער האָט אזוי געוואָלט. אז אימ איז ניכע — איז מיר אויכ ניכע. וואָס פאר א דייַגע איכ האָב.

ווי איכ האָב נאָר געעפנט די טיר אונ אריינגעטראָטנ מיט א פוס צומ ראָוו אינ שטוב, איז מיר דער ראָוו געלאָפנ אקעגנ מיט א קאָל:

— אוי, רעב מענדעלע! אוי, שאָלעמ-אלייכעמ, רעב מענדעלע! טאקע נאָר איינ גאָט האָט אייַכ געבראכט אהער, פּונקט אינ דער צייַט, וואָס איר זייַנט אונדז נייטיק, טאקע שטארק נייטיק, ליבער, הארצעדיקער רעב מענדעלע! רעב מענדעלע! דאָס איז מינ־האשאָמאיִמ, דאָס איז באשייַמפּערלעכ טאקע א נעס, רעב מענדעלע! איר האָט געטאָנ א גרויסע כאָכמע, וואָס אצינד גראָד זייַנט איר אָנגעקומענ. רעב מענדעלע!

די גרויסע כאָכמע האָט געטאָנ נישט איכ, מענדעלע, נאָר מייַנ פערדל — אזוי האָב איכ דענסטמאָל צו מיר אליינ געלאכט אונ זיכ איבערגעבעטנ אינ הארצ מיט מייַנ שלימעזאלניק, דאָס פערדל, נעבעכ. אפּ דינמוירעס, ווי עס האָט גאנצ קלאָר אויסגעזענ, האָט מענ מיכ דאָ נישט גערופנ. נאָר וואָס דענ זשע? דאָס האָב איכ נישט געקענט טאקע פארשטייִנ. אנ אנדערער וואָלט זיכער געמיינט, אז מענ האָט דאָ שטארק ארויסגעקוקט אפּ זייַנ בייַדל מיט סכוירע; נאָר איכ אָבער בינ ניט קיינ מעלופּימ־קינד אונ נישט ערשט נעכטנ פונעמ איי ארויסגעקראָכנ, אז איכ זאָל מיכ נישט קענענ אָנ־שטויסנ. איר זאָלט וויסנ א קלאָל: די וועלט באשטייט אפּ אָפּנארעכצ. דער וואָס באדארפ האָבנ עפּעס א נייטיקע זאכ, מאכט זיכ קלויִ־

מערשט געפייגערט, אזוי ווי די זאכ טויג אימ לאכלוטנ נישט, ביכ־דיי ער זאָל עס קאָנענ קויפנ בעכאָצי־כינעמ. ווענ, לעמאָשל, איינער געניײטיקט זיכ אינ א מאכזער, דינגט ער קלוימערשט א סליכע, א קינע, א פעקל ציצעס, דערווײַל טוט ער א כאפּ אפ קאטאָוועס דעמ מאכזער, גיט קלוימערשט אבי אָט א קוק אונ לייגט עס אנידער מיט א קנייטש אונ מיט א שמייכעלע: אָט פאר א קלייניקײַט וואָלט איכ עס עפשער אויכ געקויפט. גלייבט מיר, די גאנצע וועלט איז א מארק, איטלעכער זוכט מעציִעס, איינער באמ אנדערנ אָפּצוגאַנווענ; איטלעכער וויל, יענער זאָל פארלירנ אונ ער זאָל געפינענ; איטלעכער מיינט קוידעמקאָל זיכ, אונ ערשט דערנאָכ, אז גאָט האָט אימ געהאָלפנ כאפּנ מעציִעס, אזוי צי אזוי, אונ צו מאכנ א גליק, ערשט דענסטמאָל, אז עס קריכט אימ שוינ פונעמ האלדז, מיינט ער — טאקע נאָר זיכ... נישט דאָס בינ איכ אויסנ. איכ האָב אינ דעמ ראָווס פּאָנעמ מיכ אָנגעשטויסנ, אז קויפנ וויל ער בא מיר קלאָל נישט. זיסט וואָלט ער דאָכ נישט ארויסגעוויזנ, אז ער האָט אפ מיר ארויסגעקוקט. עמעס טאקע, דער ראָוו איז א קאָשערער, אָרנטלעכער מענטש, אזא יאָר זאָל איכ האָבנ, אָבער אפ דער וועלט מוז מענ דאָכ נארנ. אפילע די מאלאָכימ האָבנ געמוזט בא אווראָמ אָווינו באָכטאָנ דעמ סיידער פונ דער וועלט, וַיֹּאכֵלוּ[1] — אונ זיי האָבנ געטאָנ טאָנ גלײַכ ווי זיי האָבנ געגעסנ... נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

דער ראָוו, זאָל לעבנ, האָט מיכ אָנגענומענ בא דער האנט אונ ארײַנגעפירט צו זיכ אינ זײַנ באזונדער שטיבל[2]. דאָרט זײַנענ גע־

1 וואיויכיילו.

2 אינ די שפּעטערדיקע אויסגאבעס, זײַט 1907, האָט מענדעלע דאָ ארײַנגעטראָגנ אזא וואריִאנט:

„... אונ, אָנווײַזנדיק מיט דער האנט, מיכ געבעטנ זיצנ אפ א בענקל אימ אקעגנ. דאָס בענקל אָבער האָט באדארפט האָבנ, ווי דער שטייגער איז בא א ראָוו, א צעבראָכנ פיסל, אונ צעטראָגנ בינ איכ דאָכ דענסטמאָל פונעמ גאנצנ איניִענ אויכ געווענ, — דעריבער, פארשטייט זיכ, אז וויבאלד איכ האָב אינ כאפּעניש אונ אײַלעניש מיכ דערויפגעזעצט, בינ איכ מיר געפאלנ נאָר פונדעסטוועגנ אָנ סאקאָנעס. דער ראָוו האָט זיכ געמאכט נישט זעענדיק, אונ איכ ביט ווײַסנדיק.

צומ צווייטנ מאָל האָב איכ מיכ דערויפ געזעצט שוינ פּאמעלעכנ, נישט געכאפּט,

זעסנ די דאיאָנימ, אויכ א סאכ נעגידימ עפּעס אזוי ווי פאַרטראכט. נעגידימ זײַנענ אפּילע טאָמעד א ביסל פאַרטראכט, פאַרזאָרגט און קוקנ אפ יענעמ מיט א מאָרעשכוירע־פּאָנעמ, עפּעס אזוי, אז ווערט פאַרקילט אינ בויכ, עס גלוסט זיכ אוועקגיינ און זיי מער נישט אָנקוקנ. איכ ווייס, אָסער, נישט, אז מענ האָט געלט, וואָס האָט מענ דאָ אזוי צו טראכטנ, צו זאָרגנ און צו מאכנ אזא ערנסט פּאָנעמ? דאכט זיכ, צו געלט־צײלנ באדאַרפ מענ עפּעס ניט האָבנ אזעלכע הויכע געדאנקענ. מענ קענ, דאכט זיכ, האָבנ אינ קאסטנ געלט און קוקנ אפ א מענטשנ גלײַכ, נישט מיט קיינ קרומ פּאָנעמ, ווי סרעדא נא פּיאטניצא... מײלע, גאָרנישט, נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

— ראבויסײַ! — האָט דער ראָוו זיכ געווענדט צו די דאיאָנימ און צו די נעגידימ בעזע־האלאָשנ: — איכ האָב אײַכ מאטריעכ געווענ צו מיר איבער א דאָוואָר־גאָדל. נאָר אזוי ווי אלפי־נעס איז רעב מענדעלע גראָד הײַנט געקומענ אינ אונדזער קעהילע, בעכיינ האָב איכ מיכ מעיאשעוו געווענ, צו לאָזנ אײַכ א רעגע וואַרטנ, ביז

גוט היטנדיק זיכ די ביינער. דער ראָוו, זאָל לעבנ, האָט שווײַגנדיק געריבנ מיט ביידע הענט דעמ שטערנ, געגלעט די באָרד, עפּעס ווי ער האָט זיכ שטארק געיישעוועט. איכ האָב, אָסער, נישט געקענט פאַרשטיינ, וואָס זאָל עס אזוינס באטײַטנ. איכ האָב אפּילע אָנגעהויבנ גאָר שטארק זיכ וווּנדערנ, וואָס זאָל דאָס בעעמעס טאקע באטײַטנ? נאָר איכ האָב מיכ ווידער טאקע מעיאשעוו געווענ: לאָמיכ נישט זײַנ אזוי גײַציק, איכ וועל על־טער ווערנ נאָכ א ווײַלע, וועל איכ דאָכ שוינ אלצדינג וויסנ, קאכ־האווע: נאָכ אינ א ווײַלע ארומ נעמט דער ראָוו ארויס פונ דער בוזעמ־קעשענע עפּעס א היפּש פּעקל פּאַפּירנ און, א מאכ־געבנדיק מיט די אקסלענ, זאָגט ער צו מיר מיט אנ ערנסט פּאָנעמ קעהײַ־לישנע:

— רעב מענדעלע! אָט דאָס פּעקעלע פּאַפּירנ האָט מיר איבערגעגעבנ פאַרנ טויט ייִצכאָק־אווראָמ, אָלעוו־האשאָלעמ, מיט א באקאָשע, אז טייקעפּ נאָכ זײַנ יעציִעס־נעשאָמע זאָל איכ עס איבערלייענענ פאַר אלע אונדזערע נעגידימ און מעקײַעמ זײַנ אלצדינג, ביז אפּ א האָר, וואָס דערינענ שטייט, צוואָעס־האמעס, ווי איר ווייסט, איז דאָכ א מיצווע מעקײַעמ צו זײַנ. לאָכיינ האָב איכ באלד נאָכ דער פּטירע זײַנער, הײַנט טאקע, פאַר־בעטנ צו מיר די אלע נעגידימ, אלופע־האקאָהאָל אונדזערע, און האָב זיי געלייענט א מיקצעס פונ די פּאַפּירנ הײַנט, און דאָס איבעריקע האָבנ מיר אָפּגעלייגט אפ מאָרגנ. וואָס זשע וויל איכ פונ אײַכ? פונ אײַכ, רעב מענדעלע, וויל איכ, איר זאָלט זיכ מאטריעכ זײַנ מיט אײַער קאָוועד אויכ קומענ צו מיר מאָרגנ פרי, אימירצעשעמ, בעשאס קריִאס־האפּאַפּירנ. פאַרוואָס? אָט דאָס וועט איר וויסנ, אימירצעשעמ, לעאכער האקריִע מיסטאָמע איז רעכט. מאָרגנ וועט איר שוינ וויסנ, אז איכ האָב אײַכ מאטריעכ געווענ

איך װעל מאטריעכ זײַנ צו מיר אונדזער רעב מענדעלענ, װאָס ער איז שטארק נײטיק צום איניענ. זײַט זשע מיר הונדערט מאָל מויכל! הײַנט, ראבויסײַ, אז מיר אלע זײַנענ דאָ, װעל איך אײַכ דערצײלנ א דאָװאָר־פעלע....

איך האָב, אָסער, נישט געקענט פארשטײנ, װאָס זאָל דאָס באטײַטנ. איך האָב אפילע אָנגעהויבנ זיך שטארק װוּנדערנ, װאָס זאָל דאָס אינ עמעס ארײַנ באטײַטנ? נאָר איך האָב מיכ װידער טאקע מעיאשעװ געװענ: לאָמיכ נישט זײַנ אזוי גײַציק. איך װעל עלטער װערנ נאָכ א װײַלע װעל איך דאָכ שוינ אלצדינג װיסנ. דער ראָװ האָט נישט לאנג שיעס געמאכט, ארויסגענומענ פונ דער בוזעם־קעשענע עפעס א היבש פעקל פאפירנ אונ געזאָגט קעהײַ־לישנע:

— זעט, ראבויסײַ! דעם דאָזיקנ פעקעלע פאפירנ האָט מיר הײַנט פארטאָג צוגעשיקט די נײַע אלמאָנע, ייִצכאָק־אװראָמס װײַב. ער האָט אָנגעזאָגט פארנ טויט, אז טײקעפ נאָכ יעציעס־נעשאָמע זאָל מענ עס מיר איבערגעבנ. קוקט, זײַט מויכל, ראבויכײַ, דערופ אויבנ שטײט בעפײרעש אָנגעשריבנ מײַנ נאָמענ. איך װיל

איבער א דאָװאָר גאָדל. לעסאטע גיב איך אײַכ לײענענ, פאר זיך אינ דער הײם, בײַע־כידעס אָט־די עטלעכע בלעטלעכ, װעלכע איך האָב הײַנט פירגעלײענט פאר אונדזערע בעגידימ, קעדײ איר זאָלט באקאנט װערנ מיט דעם איניענ מיטכילאָ װעאד סאָפ.

אז איך בינ צוריקגעקומענ צום בעסמעדרעש, האָב איך געטראָפנ מײַנ הונגעריק פערדל, נעבעכ, װי עס שטײט, מיט אופגעשטעלטע אויערנ, אונ קוקט אינ בײַדל ארײַנ. נו, כאָכעמ מײַנער, זאָג איך, א נעמ געבנדיק אימ פרײַנטלעכ בא דער טשאָפרינע, קומ, זאָג איך, עסנ סיטשקע! לעסאטע, כאָכעמ מײַנער, ביסטו נישט קראנק צו עסנ סיטשקע. מאָרגנ, אימירצעשעמ, אז די כאָכמע דײַנע װעט אײַנגײנ אונ איך װעל זענ דעם פויעל־יויצע דערפונ, זיכ זענ מיט א גראָשנ, דענסטמאָל, זעסטו, האָסטו בא מיר א גאנצ מעסטל האָבער: איך נעמ פאר אײדעס די אלע בעהײמעס, װאָס נעכטיקנ דאָ אפנ שולהויפ!...

3

אפ אײנעמ פונ יענע בלעטלעכ, װאָס דער ראָװ האָט מיר געגעבנ, זע איך, שטײט אָנגעשריבנ מיט גרויסע אויסיעס:

װידע לעייִצכאָק־אװראָמ

אונ דערנאָכ הײבט זיכ אָנ צו דערצײלנ עפעס גאָר א גאנצע מײַסע, אזוי:

איך בינ געבוירנ געװאָרנ, דערצײלט ייִצכאָק־אװראָמ, אינ דעם שטעטל בעזלױרעט...

(אויסג. 1907, ז.ז. 7—8).

לאנג נישט מאריכ זײַנ, ליבער װעל איכ עס אײַכ באלד כאקע אי־בערלייענ. זיצט, רעב מענדעלע! לייגט, זײַט מויכל, אנידער אײַערע סטאָטשקעס אָט־אָ דאָ אפ דער פּאָליצע, אונ זעצט זיכ געזונטערהייט דאָ אקעגנ.

אינ שטיבל איז געװאָרנ שטיל. מענ האָט נישט געהערט קיינ פּיפּס. אלע האָבנ אויסגעשטעלט די אויגנ, אײַנגעהאלטנ דעם אָטעמ אונ שוינ געגארט הערנ, װאָס דער ראָװ װעט לייענענ. מײַסע־סאָטנ אָבער האָט דאָס בענקל, אפ װעלכנ דער ראָװ האָט מיכ געבעטנ זיצנ, באדארפט האָבנ א צעבראָכנ פיסל. װיבאלד נאָר איכ האָב מיכ דערופ געזעצט, בינ איכ געפאלנ, אונ דורכ דעם איז געװאָרנ א שטיקל איקעװ.

3

אז איך האָב מיך שוין גוט אנידערגעזעצט, האָט דער ראָוו, זאָל לעבן, צענומען די פּאפּירן, א גלעט געטאָן עטלעכע מאָל דאָס בערדל מיט אלע פינף פינגער, א מאך געגעבן מיט די אקסלען און אָנגעהויבן בינימעס, ריין, קלאָר לייענען אָט די דאָזיקע ווערטער:

אין די דאָזיקע פּאפּירן מיינע

שטייט מיין גאנצע לעבנסבאשרייבונג מיט מיין צוואָע, וואָס איך האָב געמאכט. איך בעט אייך, רעבע, איר זאָלט מעמאלע זיין מיין באקאָשע און מעקיים זיין אלצדינג ביז אפּ א האָר, וואָס איך פּארלאנג דאָ פון אייך. זייט מיר הונדערט מאָל מויכל, רעבע, וואָס איך באמי אייער קאָוועד מיט אזא לאנגער מייסע. צום סאָף וועט איר ארויסזען, אז דאָס איז, כאָ־לילע, נישט קיין דוואָרים-בעטיילים. אדעראבע, דאָס איז זייער נוצלעך,

און איך האָב עס באדארפט טאקע שרייבן.

איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל בעזליודעוו, בא אָרעמע עלטערן. מיין טאטן געדענק איך נישט, וואָרעם ער איז גע־שטאָרבן בעשאס איך בין נאָך געלעגן אין די וויקעלעך. ער האָט איבערגעלאָזן נאָכן טויט יערושע: א שלאפּ ווייב, נישט קיין געזונטע, מיט א היפּש ביסל קינדערלעך און מיך נאָך א צוגאָב. ווייטער גאָר־נישט. איך הייב אָן צו געדענקען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאסירט, ערשט אין דעם עלטער פון א פינף, זעקס יאָר. ווערליק ווי איך גע־דענק, האָט מען מיך אין דער יוגנט, אפּאָנעם, נישט געהאלטן פּאר

א גרויסנ כאָכעמ. אז איכ פלעג עפּעס זאָגנ אָדער עפּעס טאָנ, פלעגט מענ זייער לאכנ. געבאלעוועט האָט מענ מיכ קלאל נישט. מענ האָט מיכ נישט געקושט, נישט געגלעט, ניט געהאלדזט, ווי אנדערע קינדער, אונ אז איכ האָב אמאָל געוויינט, האָט מענ מיכ נישט איינ־געננומענ מיט לאקעטקעס, מיט צוקערקעלעכ, מיט שפּילכעלעכ, נאָר מיט פּעטש אונ מיט קלעפּ. דאָס וואָרט ראכמאָנעס האָב איכ קיינמאָל נישט געהערט. איכ האָב נישט געהערט, אשטייגער, מענ זאָל זאָגנ: א ראכמאָנעס, ער האָט, נעבעכ, נישט געגעסנ; א ראכמאָנעס, דאָס פּאָנעמ איז אימ, נעבעכ, געשוואָלנ; א ראכמאָנעס, ער האָט, נעבעכ, זיכ נישט אויסגערוט, ער קומט אָפּ אונ וואלגערט זיכ, נעבעכ; א ראכמאָנעס, ער ליידט, נעבעכ, קעלט, ער גייט נאקעט, באָרוועס; א ראכמאָנעס, עס דראָזשעט אימ די ביינער, ער האָט, נעבעכ, נישט אפּ זיכ קיינ לויט פלייש. איכ האָב געהערט נאָר זאָגנ: קוקט נאָר אָנ דאָס שיינע פּאָנעמ, די אָנגעבלאָזענע פּארצע, די רויטע פּיס ווי בורעקעס; קוקט נאָר אָנ דעמ פּרעסער, עס גייט אימ שוינ איבער די סליגנע; זעט נאָר דעמ שיינעמ נעפּעש, ער הייבט שוינ אָנ זיינע שטוטשקעלעכ — צאפּלענ, ציטערנ אונ קלאפּנ מיט די ציינדלעכ.... אנ אָרעמאנס א קינד איז אפּ דער וועלט אנ איבעריקע זאכ, איטלעכנ גרויס אינ די אויגנ, מענ ווינטשט אימ, נעבעכ, שטילערהייט דעמ טויט נאָכ ליגנדיק אינ בויכ. מענ נעמט אימ אופּ באמ געבוירנ ווערנ ווי אנ עקזעקוציע, נאָכ איידער ער קוקט אָנ די ליכטיקע וועלט איז מענ אימ, נעבעכ, שוינ דאמ־סאָנימ. איז ער שוינ דאָ, האָדעוועט ער זיכ ווי־עס־איז אונ דערוועקט אפּילע בא זיינע אייגענע עלטערנ נישט קיינ געפּיל פונ ראכמאָנעס צו זיכ. סיידנ ווענ ער ווערט, נעבעכ, מעסוקנ קראנק, ערשט דענסטמאָל רופּט זיכ אינ זיי אָפּ דאָס מענטשנס הארצ, וואָס איז פארשטיינערט געוואָרנ פונ צאָרעס אי לייד אינ דער ביטערער אָרעמקייט. ערשט דענסטמאָל צעגיסנ זיכ אינ זיי די עמעסע ריינע עלטערנס־געפילנ, אונ שטעלנ זיכ פיר דאָס גאנצע אומגליקלעכע לעבנ פונ זייער בידנע קינד, נעבעכ, וואָס אזא טייערע קאָשערע נעשאָמע איז אומשולדיק פארוויסט, פארשווארצט געוואָרנ, נע־בעכ, נישט געהאט קיינ גוטע, רויקע שאָ. זיי מאָלנ זיכ דאָס אלצדינג אויס מיט שרעקלעכע פארבנ, אונ זייער הארצ שרייט, וויינט מיט בלוטיקע טרערנ. אז א פארשטיינערט הארצ עפנט זיכ, איז עס נאָר א טייכ

בעשאס דאָס איַיז לאָזט און עס גייט די קריִע, — דאָס האָב איך אין דער לעצטער צײַט אליין געפילט, — עס טראָגט, קאָכט, רוישט מיט א שרעקלעכער קראַפט! דעריבער טאקע באוויינען זייער אָפט אָרעמע עלטערן זייערס א קינד א סאך שטארקער און רירנדיקער ווי די רײַכע לײַט....

געהאָדעוועט האָב איך זיך ווי א ווילד פערד אין סטעפ, — פארגרעבט, פארווילדעט, און האָב אין מיר געהאט די אלע מיִעסע קונדייסקע זאכן מיט אלע פישטשעווקעס. איין טעווע האָב איך געהאט ארײַנצוקוקן אין מויל בעשאס עמעצער האָט גערעדט און קוקן יענעם אין די אויגן. די מאמע מײַנע פלעגט מיך דערפאר נישט איין מאָל הארגענען, שלאָגן און אויסרײַסן מיר שטיקער פלייש. אמאָל, אז איך בין עפּעס געלעגן קראנק און די מאמע איז צו מיר גוט געווען, האָב איך מיך שטארק פארקוקט איר אין די אויגן, און אז איך האָב געזען, אז זי לאָזט זיך קוקן, נישט צו ריידן קיין קרום וואָרט, האָב איך מיך נישט געקענט אײַנהאלטן און זי א פרעג געגעבן: איך בעט דיך, מאמע, וואָס איז עס פאר א מענטשעלע בא דיר אין די אויגן? די מאמע האָט א שמייכל געטאָן און געענטפערט: נארעלע, דאָס קליינע מענטשעלע איז די נעשאָמע! דאָס קליינע מענטשעלע איז נישטאָ אין קיינעמס אויגן, נישט אין די אויגן פון כײַעס און בעהיימעס, נאָר אין די יִדישע אויגן.

דער מאמעס דאָזיקער ענטפער איז מיר ארײַן שטארק אין קאָפּ און האָט אין מיר דערוועקט א סאך פרישע צאפלדיקע געדאנקען. אז א מאמע זאָגט, מיסטאָמע ווייסט זי דאָך, וואָס זי זאָגט. זי איז דאָך א מאמע, א גרויסע, עפשער צען מאָל גרעסער פון מיר. איר איין פינגער איז גרעבער פון מײַן גאנצער האנט. דעריבער האָב איך אָנגענומען אירע ווערטער שוין ווי א געוויסע, אויסגעמאכטע זאך און דערינען געגלייבט פונעם גאנצן הארצן.

פון דענסטמאָל אָן איז מײַן קויעך-האמדאמע שטארק באשעפטיקט געווען מיט דעם קליינעם מענטשעלע. עס איז דאָך עפּעס גאָר א כידעש, זייער א ציקאווע זאך! אין שלאָף אפילע האָב איך נישט פארגעסן דאָס קליינע מענטשעלע. עס האָט מיר זיך געכאָלעמט, איך האלט דאָס קליינע מענטשעלע, איך שפיל מיך מיט דעם קליינעם מענטשעלע, איך בין גאָר אליין א קליין מענטשעלע, שפרינג אין די אויגן ווי

א קליינ מענטשעלע! האקלאל, דאָס קליינע מענטשעלע איז מיר נישט ארויס פונ זינענ. עס האָט מיר עפּעס זיכ אזוי געגלוסט אויכ צו זײַנ א קליינ מענטשעלע. א קאטאָוועס, א קליינ מענטשעלע איז דאָכ די נעשאָמע! אינגאנצנ גרויס ווי א פלוי, דאכט זיכ, א גאָרנישט אונ איז דאָכ דאָס כײַעס, דאָס לעבנ!... מיר איז ארופ א געדאנק, וויַאזוי דערטאפּט מענ דאָס קליינע מענטשעלע? אונ האָב אָנגעהויבנ וועגנ דעמ שטארק צו טראכטנ.

איינמאָל בינ איכ געפאלנ אפ אנ אויבער־האסבאָרע. בעשאס די מאמע האָט אײַנגעבויגנ דעמ קאָפּ ארויסצונעמענ א טעפּל פונעמ אויוונ, בינ איכ פלוצלימ צוגעלאָפנ ווי א פארמישטער — איכ ווייס אליינ נישט, וואָס מיר איז דענסטמאָל געשענ — אונ האָב איר פונ הינטנ אפ גאָטס באראָט א זעצ געטאָנ מיט דעמ קולאק אינ דער פּאָטיליצע, קעדיי דאָס מענטשעלע זאָל איר פונ די אויגנ כאָטש אפ א ווײַלע ארויסשפּרינגענ. איר קענט אײַכ מעשאער זײַנ, וויפל פעטש אונ קניפּ איכ האָב דערפאר געלייזט. אכוצ דעמ האָב איכ א גאנצנ טאָג נישט געגעסנ, וואָרעמ די מאמע, נעבעכ, האָט מיט איר שטערנ צעבראָכנ דאָס טעפּל קאָליש.

אנ אנדערש מאָל האָב איכ געכאפּט נאָכ א גרעסערנ פּסאק. ס'איז מיר ארײַנ אנ אפּיקאָרסישער געדאנק אינ מײַנ גלויבנ אינ דער מאמעס ווערטער, אונ איכ בינ ציקאווע געווענ אליינ צו פּרווונ, מיכ צו פּשיקאָנענ, אויב א בעהיימע האָט א מענטשעלע צי ניט. נו, איז מײַנער צוגעגאנגענ אפ דער גאס צו א קו, אונ, בעשאס איכ האָב מיכ גענומענ ארײַנקוקנ איר אינ די אויגנ, האָט זי מיכ דוירעס געווענ מיט די הערנער אונ שרעקלעכ שטארק סקאליעטשעט. דער צייכנ איז מיר טאקע אדאיעמ אפ דער לינקער באק געבליבנ. די אלע קלעפּ האָבנ נישט נאָר ארויסגעשלאָגנ, פארקערט, זיי האָבנ נאָכ מער אינ מיר ארײַנגעשלאָגנ דעמ געדאנק פונ א קליינ מענטשעלע.

געלערנט האָב איכ אינ דער טאלמעטוירע. וואָס א טאלמעטוירע איז, ווייסט איר זייער גוט אליינ, אונ פארשפּאָר עס אײַכ צו שילדערנ. דאָס איז א קייווער אפ צו באגראָבנ אָרעמע יידישע קינדער, צו דערשלאָגנ זיי די קעפּ אונ אָפּצורײַסנ פונ דער וועלט; א פאבריקע אפ צו פאבריצירנ טויגעניכטסנ, ליידיקגייער, בידנע, אומ־

גליקלעכע נעפּאשעס. דאָס איז א וויסטע גרוב, א לאָך, אַן אומריינע כורווע אַפן הינערשע פּיסלעך, ווי געוויינטלעך בא אונדז די טאַלמע־טוירעס, וואָס איז א כאָרפּע, א בושע, זיי זאָלן טראָגן אַף זיך אַזאַ טײַערן, הייליקן נאָמען... ווי מיר דאַכט זיך, בין איך נישט געווען א גראָבער יינגל. בא אַכט יאָר לעבער האָב איך שוין געלערנט כו־מעש מיט כיבער, מיט אַלע אויסריידענישן פון ראַשע, כאָטשע איך בין נאָך שטאַרק מספּיק געווען אַף דער איוורע. אפּאָנעם, מען קאָן זיך זײַן א לאַמדן און פונדעסטוועגן פּאָרט א גרויסער נאַר. איינס צום אַנדערן האָט נישט....

די מאַמע מײַנע פלעגט מיך רופן שלימאַזל און איז בעעמעס טאַקע זייער גערעכט געווען. אין דער טאַלמעטוירע בין איך שלי־מאַזלדיקער געווען מער פון אַלע אַנדערע קינדער. דער רעבע, וואָס פאַרדינט, אָסער, נישט אַזוי צו הייסן, האָט זייער ליב געהאַט דעם איניען פון שמײַסן, עפּשער נאָך מער פון א טרונק בראַנפן. ער האָט פאַשעט גרויס האַנאָע געהאַט צו פּײַניקן, גלאַט אַזוי זיך, די פאַרוויסטע, פאַרוואָגלטע קינדערלעך, נעבעך, וואָס זײַנען אָן דעם אויך געווען אָפּגעקומענע, און קוים וואָס די נעשאָמע האָט זיך געהאַלטן אין זייער דאַרן אויסגעדייוועט גוף. ער האָט געבראָכן די צעבראָכענע ביינער, געצופּט, געריסן דאָס דאַרע שטיקל לײַב, און דער בעסטער כיילעק קלעפּ איז אין מיר אָנגעקומען. ער האָט צום סאָף אַף מיר זיך שטאַרק פאַרעסן מאַכמעס א זאַך, מיך גע־האַרגעט, געשלאָגן אַזוי, אַז איך בין פון זײַנע הענט קוים לעבע־דיק אַרויס, און געמוזט אופהערן צו גיין אין דער טאַלמעטוירע. די מײַסע איז אַזוי געשען:

דער רעבע האָט מיט מיר אין דער סעדרע ברייִשיס אויס־גערעדט אַף דעם פּאָסעק „ויאמר למך לנשיו"[1] אַזוי: לעמעך איז געווען א בלינדער, טוּוואַל־קאַיִן האָט אים געפירט; און אַז ער האָט דערזען פונווײַטן זײַן ייִדן קאַיִן, האָט אים זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז א כײַע (דער רעבע האָט געזאָגט — א פוקס, ביכדיי דאָס בעסער מאַסביר צו זײַן). האָט ער צו דעם בלינדן, צו לע־מעך, געזאָגט, אַז ער זאָל צילן אַף דעם פוקס, האָט ער געצילט

---

1 וואָיאָמער לעמעך לענאָשאָוו.

און אים געהארגעט. און אז לעמעכ איז געווויר געוואָרנ, אז דאָס איז גאָר קאַינ, זייַנ זיידע, האָט ער געפּאטשט איינ האנט אינ דער אנדערער האנט, און ער האָט דערווייַל זייַנ זונ טווואל־קאַינ צעקלאפּט אפּ טויט. האָבנ זייַנע ווייַבער דערפאר פונ אים זיכ פוירעש געווענ, דאָס טייַטש אָפּגעשיידט, האָט ער זיי איבערגעבעטנ, ויאמר — און ער האָט געזאָגט, לנשיו — צו זייַנע ווייַבער עדה וצלה[1] — אָדאָ וועצילאָ, שמען[1] — הערט, קולי[1] — מייַנ קאָל, נשי[1] — ווייַבער, למך[1] — לעמעכ !....

ווייַהי האיום, איז מיטאמאָל געקומענ אינ דער טאלמעטוירע עפּעס א דייַטש, א געגאָלטער, דאכט זיכ, פונ פּעטערסבורג. מיט אים זייַנענ געקומענ אלע גאבאָים פּארהערנ די קינדער. צום שלים־שלימאזל, באדארפּ ער מיר גראָד הייסנ פּארטייַטשנ א שטיקל כומעש און נאָכ דעם גוטנ פּאָסעק „וואיוימער לעמעכ לענאָשאָוו״! ווענ האָב איכ דענ געערדט מיט א מענטשנ און ביפראט נאָכ מיט א דייַטש, א גאָלועכ? איכ האָב געפּלאטערט, געציטערט אזוי ווי א פיש אינ וואסער. עס האָט מיר געגרוישט אינ די אויערנ, געקלאפּט אינ הארצ, די האָר האָבנ מיר זיכ געשטעלט קאפּויר, און אינ די אויגנ איז מיר געוואָר. פינצטער און ליכטיק צוגלייַכ, אקוראט ווי בעשאס מענ קוקט אינ דער זונ. איכ האָב געפילט, אז איכ וועל נישט אימשטאנד זייַנ אויסצודערציילנ אזא גרויסע, לאנגע מייַסע מיט לעמעכנ. און דאָ שטייט מענ איבערנ האָלדז, איינ קאָל: זאָג, זאָג ! — וואָס זאָל איכ טאָנ, מענ מוז זאָגנ. עס האָט מיר פּארנומענ דער אָטעם. איכ בינ ארויס מיט דער שפּראכע, מיכ שטארק פּארבאלעמוטעט און אנידערגעלייגט, מישטייַנסגעזאָגט, א מינ טייַטש: „וואיוימער — א פוקס לעמעכ — א בלינדער, לענאָשאָוו — האָבנ די ווייַבער פונ אים זיכ אָפּגעשיידט, טווואל־קאַינ — האָט אים געפּירט, אָדאָ — אָדאָ, וועצילאָ — און ער האָט אים געהארגעט״. דער דייַטש איז געבליבנ שטיינ, ווי מענ קאָכט איינעם אָפּ מיט אָקרעפּ, איז אָראָרשט פונ דער הויכ נישט ארויסגעשפּרונגענ פּאר קאָס. ער האָט צוגערופנ דעמ רעבנ און מיט א בייזער אים געזאָגט: האָ, וואס הער איכ? ווי זאָ לערנענ זי אירע טאלמידים?! שאנדע און שפּאָט!... דער רעבע האָט זיכ געקראצט, קאלופּעט די נאָז און געטאלעפּעטשעט מיט דער

---

[1] אָדאָ וועצילאָ, שעמאאנ, נעשיי לעמעכ.

צו.ג: מײַנ הארענקע, דער קנאב האָט זיך פארשראָקענ, דער קנאב זײַ א גוטשקער יונגל אפ נעמאָנעס! נו, — האָט דער דײַטש געזאָגט צו מיר, — פירכטע ניכט, מײַנ קינד, עס ווירד דיר ניכטס געשענ. זאגע מיר, וואיומער, וואָס טײַטש וואיומער? איך אָבער האָב שוינ נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, האָב אויסגעשטעלט א פּאָר אויגנ ווי א ליימענער גוילעמ אונ א זאָג געטאָנ דעמ דײַטש גלײַך אינ פּאָנעמ: פוקס!... מיינ איך וואיומער, ער האָט זיך געבעטנ צו די ווײַבער... דער רעבע, נעבעך, איז געשטאנענ ווי אינ געהאקטע ווונדנ, אונ זיך שיר נישט באגראָבנ אינ דער ערד פאר גרויס בי־זויענ. ער האָט געלייזט פאר דאָס זײַניקע וויפל אינ איש איז ארײַנ אונ געהאט א וויסטנ, פינצטערנ טאָג. זײַנ שווער־ביטער הארצ האָט ער דערנאָך צו מיר אויסגעלאָזנ. פונ יענער צײַט אָנ פלעגט ער טאָמעד צו מיר זיך טשעפּענ אונ מיך שלאָגנ, מיימעסנ אפ וואָס די וועלט שטייט, ביזוואנענ מיר איז שוינ אומעגלעך געווענ אויסצוהאלטנ. איך בינ פארשלאפט געוואָרנ אונ אופגעהערט צו גיינ אינ דער טאלמעטוירע.

4

די מאמע מייַנע האָט געלעבט אינ דאכקעס אונ נישט געהאט פּאָשעט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומענ. זי פלעגט ארבעטנ זאָקנ, פליקנ פעדערנ, זיכ שטעלנ אמאָל פאר א ווארטערנ בא א קימפעטאָרנ אונ אונטער א פייסעכ וועלגערנ מאצע. זי פלעגט טאָג ווי נאכט, נעבעכ, ארבעטנ, אונ פונ איר גאנצער ארבעט קוים געהאט וואסער אפ קאשע. ווייַבערשע מעלאָכעס האָבנ אינ דער וועלט נישט קיינ ווערט אונ ווערנ זייער ווייניק באלוינט. וואָרעמ, וואָס זייַנענ דענ ווייַבער אינגאנצנ? וואָס פאר א פּאָנעמ, וואָס פאר א ווערט האָט, מישטיינסגעזאָגט, די גאנצע יידענע, אז זי איז שוינ אפילע א בעריע? פונ ווייַבער, אזוי איז באם אוילעמ שוינ איינגערעדט, קענ קיינמאָל קיינ גוטס נישט ארויסקומענ. זייערע אלע מעלאָכעס האָבנ נישט קיינ שומ מאמאָשעס. ענעס ועכטס אינ טאָכ אריינ, גוט אי נוצלעכ, איז נישט פארנ ווייַבערשנ מויעכ.... פונעמ טאטנס יערושע איז געוואָרנ א גוטער סאכאקל: צוויי מיידלעכ מיט א יינגל זייַנענ געשטאָרבנ, מע קענ טאקע זאָגנ, פּשוט פאר הונגער, איינ גרויסער באָכער האָט ערגעצ זיכ אוועקגעשלעפּט אונ פארפאלנ ביז אפ הייַנטיקנ טאָג, מענ ווייסט נישט, ווו זייַנ געביינ איז הינגעקומענ. לעבנ דער מאמענ איז געבליבנ א קראנק, שלאָפ מיידל, אינגאנצנ א צעבראָכענער שארבנ, אונ איכ, שלימאזל, וואָס איכ בינ איר געזעסנ אפנ האלדז. אנ אפּעטיט האָב איכ געהאט, אָנ איינאָרע, זייער א גוטנ. דאָס ביסל עסנ, וואָס איכ פלעג פונ

אירס, נעבעך, אוועקנעמען, האָט מיר נישט געקלעקט אַף אַ צאָן. איך פֿלעג אַלץ בעטן: עסן! עסן! כאָטש וואָס עס איז, אַבי עסן! די מאַמע, נעבעך, האָט געליטן און נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. לײַט פֿלעגן זי ראָטן מיך אַוועקצוגעבן עפּעס צו אַ באַל־מלאָכה. נאָר זי פֿלעגט פֿאַרוואַרפֿן מיטן קאָפּ און דערבײַ ריידן מיט האַרץ:

— אַ, די קאַפּאָרע בעסער זאָל ער ווערן, איידער אָפּצוגעבן אים צו אַ באַלמעלאָכע, צו פֿאַרשוואַרצן מיר דאָס פּאָנעם און דאָס פּאָנעם פֿון זײַן טאַטן, דאָרט אין קייווער! זײַן טאַטע וועט דאָך דאָרט נישט קענען רויִק ליגן. ס׳טײַטש, רעב טעוול דעם מעלאַמעדס אַ זון זאָל זײַן אַ באַלמעלאָכע, אײַנגעקױפּט אין דער כעווּרע פּאַץ! ס׳איז דאָך נאָר אַ ווייטעק אַזוינס צו הערן. אַ, נישט דערלעבן, נישט דערהאַרן, ריבוינעשעלױלעם, זאָלן עס מײַנע סאָנים!

גאָט האָט צום סאָף דער מאַמען געהאָלפֿן, מיך אַרײַנצוגעבן אין אַ קלייט פֿון צעלניק. זי איז געווען איבערגליקלעך און האָט געמיינט, איר זון איז שוין אַ סויכער.

נאָר איר זון אָבער איז גאָר געוואָרן אַ הונט! איך וועל עס אײַך באַלד טאַקע מעפֿוירעש זײַן.

מײַן אַוודע איז געווען אָנצוכאַפּן איטלעכן, וואָס איז פֿאַר־בײַ דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי און שלעפּן אים אין קלייט אַרײַן. איז עמעצער פֿאַרבײַגעגאַנגען אַף דער גאַס, פֿלעגט מען מיך אָנרייצן אַזוי ווי אַ הונט און איך האָב באַדאַרפֿט אַרויס־לויפֿן, שרײַען אין איין אָטעם: אהער, פּאַני! וועבלנע טיכלעך, לײַוונט, שלייקעס, מעסערלעך. קאָלאָשן אַמעריקאַנישע, יאַמ־שיי־מענע שטעקלעך, מאַנדל־זייף, פּאָמאַדע אוכדוימע נאָך אַזעלכע זאַכן. טכילעס איז מיר דאָס געווען אַ ביסל פֿריקרע. ווי גייט מען עס גלאַט אַרויס שרײַען אַף דער גאַס און פֿאַרשטעלן יענעם דעם וועג. ס׳איז דאָך עפּעס מעשוגע־ווילד! איך פֿלעג אַ ביסל אונטערפֿאַלשע־ווען, מאַכן די שפּיל בעקיצער, און אַרײַנבריינגען דאַדורך אין קאַס מײַן באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, וואָס פֿלעגן מיך זידלען, אויסמישן גלײַך מיט דער בלאָטע און אויכוואַרפֿן מיר, אַז איך פֿרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט. כאָטש איך, נעבעך, האָב געהאָרעוועט, געאַרבעט איבער מײַנע קויכעס און געטאָן אַלערהאַנט מעלאָכעס אין קלייט און אין שטוב, דערצו נאָך בין איך געווען אַ

מעשאָרעס בא די עלטערע מעשאָרסימ, פלעג זיי פאָלגנ אינ פייַער, אינ וואסער ארייַנ, קריכנ זיי אונטער די נעגל, אונ בינ נאָכ זייער גערנ געווענ, אז איכ האָב דערבייַ פונ זיי נישט געכאפט קיינ פסאק אונ טרוקנ פונ זייערע הענט ארויס. ווער שמועסט, ווענ א מעשאָרעסל פונ דער אנדערער קלייט פלעגט אמאָל ארויסרייַסנ א קוינע בא מיר פונ די הענט, דאָ האָב איכ שוינ געמעגט געזעגענענ מיט דעמ לעבנ. אלע בא אונדז אינ קלייט זייַנענ אפ מיר ארופ, דער מיט דער צונג, דער אנדערער מיט דער האנט, אונ מענ האָט מיר געגעבנ וויפל אינ מיר איז ארייַנ. מייַנ מאמע אונ דער טאטע, רעב טעוול דער מעלאמעד, זיכרוינע ליווראָכע, האָבנ דענסטמאָל אויכ גוט געלייזט, מענ האָט אָנ זיי כאָלילע נישט פארגעסנ. פונ עסנ אינ אזא ביטערנ שווערנ טאָג איז גאָר קיינ ריידע נישט געווענ. איכ האָב געפאסט, נישט טויעמ־טאמ געווענ. מענ האָט מיר אפילע מאטיר געמאכט עסנ ווערעמ, קרענק. נאָר אזוי ווי עסנ ווערעמ, קרענק איז נישט פאר קיינ מענטשלעכנ מאָגנ, האָב איכ פארבראכט דעמ טאָג פאָשעט אינ א טאָנעס. אונ אזעלכע טאנייסימ פלעגנ מיר אָפט זיכ מאכנ א פאָר מאָל די וואָכ. אז איכ האָב א קוק געטאָנ, ס'איז שלעכט, האָב איכ א נעמ געגעבנ זיכ צו מייַנ זאכ בישלייַמעס. וויבאלד אז עמעצער, וואָס נאָר פאָכאָזשע אפ א קוינע, האָט זיכ א ווייַז געגעבנ פונדערווייַטנס, — אז מייַנער איז ווי אנ אָפגעריסענער הונט פונ דער קייט געשווינד צו אימ ארויס, פארשריגנ אימ דעמ קאָפ מיט דעמ גאנצנ צעטל סכוירעס, אימ פארלאָפנ דעמ וועג אונ געשלעפט בא די פאָלעס. איכ פלעג אפילע אמאָל פונ אזעלכנ באקומענ א קלאפ אָדער א שפייַ אינ פאָנעמ, נאָר איכ אָבער פלעג מיר טאקע טאָנ מייַנ זאכ, גלייַכ ווי מיר איז גאָרנישט געשענ. דערנאָכ האָב איכ דערינענ מיכ אזוי אייַנגעווינט, אז דאָס שרייַענ איז בא מיר געווענ א כעדווע, א פרייד. איכ פלעג זייער האנאָע האָבנ, ווענ עס פלעגט מיר זיכ מאכנ ארייַנדערטאפנ עפעס א פאָרעצ, אימ פארדולנ דעמ קאָפ, אונ צווישנ דעמ צעטל מינע צעלניקסכוירע אימ אויכ רעכענענ מיט א געשריי: מאָזשע, פאני, פארי־זשעסקי הארצווייטעק מייַנע אפ דייַנ קאָפ! פאָמאדא, טאקעס, צאָראאס דיר, פאני!...

דער דאָזיקער איניענ-האמיסכער מייַנער אפ דער גאס פלעגט

מיכ אָפּט ברענגענ אינ א סיכסעכ מיט מעשאָרסימ פונ אנדערע קלייטנ, וואָס פֿלעגנ אויכ אָנכאַפּנ קוינימ אונ שרײַענ. מיר האָבנ זיכ געריסנ אינדרויסנ, אקוראט ווי אונדזערע באלעבאטימ האָבנ זיכ געריסנ צווישנ זיכ אינעווייניק אינ די קלייטנ איבערנ לייזעכצ. נישט מער מיט דעמ כילעק: בא זיי האָט מענ געוואָרפֿנ די מעקאָכימ, אראָפּגעלאָזנ די פּרײַזנ, בא אונדז האָט מענ געוואָרפֿנ קלעפּ, אראָפּגעלאָזנ פּעטש. אונ אזויווי איכ בינ געווענ דער קלענכטער, דער שלאַפֿסטער, איז פֿארעכנט געווענ פֿאר א מיצווע, די אלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פֿײַערדיקע פּעטש אלפּי מענטשלעכקײַט מיר איינעמ צוצולאָזנ. אזעלכע מאטאָנעס אָבער זײַנענ מיר אינ קאָריסט נישט געגאנגענ, אונ פונ אזעלכע מיצוועס אלפּי מענטשלעכקײַט בינ איכ אויס מענטש געוואָרנ. האגאמ צו אזעלכע מינע מיסכאָרימ איז א מענטש נישט אזוי שטארק נייטיק, אָנ דעמ קענ מענ אויכ זײַנ א מעשאָרעס, א „מענטש”, נאָר קויעכ, געזונט אָבער באדארפֿ מענ דאָכ טאקע האָבנ. אונ איכ בינ געוואָרנ, פּאָשעט איז פּאָשעט, אויס מענטש, דאָס הייסט אָנ קויעכ, אָנ קראפֿט, קוימ וואָס איכ האָב מיכ אפּ די פֿיס געהאלטנ. א קאטאָוועס וואָס איכ בינ, נעבעכ, אויסגעשטאנענ! אינ שטוב האָב איכ באדארפֿט טאָנ, העלפֿנ אינ דעמ באלעבאטישקײַט, אינ קלייט — ארבעטנ, ראָמענ, קערנ, איטלעכנ באדינענ, איטלעכנ צופרידנשטעלנ, עסנ פֿלעג איכ יעסורימ אונ קלעפּ האָב איכ געפֿייזט פונ פרעמדע אי פונ אייגענע. דער גרויסער מעשאָרעס אינ קלייט פלעגט מיר נאָכ מער פונ אלע טאָנ צומ טויט. אימ איז עפּעס נישט געפעלנ געווענ, וואָס איכ נעכטיק אינ דער קיכ, ווהינ ער פלעגט זיכ שטילערהייט ארײַנכאַפּנ. ער פֿלעגט זוכנ אלצ אפּ מיר זאכנ, ווי מיכ פונ דאָרט מעשאלייעכ צו זײַנ... איכ בינ אימ געווענ עפּעס ווי א דאָרנ אינ די אויגנ. פונדעסטוועגנ וואָלט איכ עס נאָכ עפּשער אלצדינג איבערגעטראָגנ, ווענ עס זאָל נישט געווורנ זיכ מאכנ די מײַסע מיט א קנעפּל.

איכ האָב אמאָל דערזענ אינ קלייט וואלגערנדיק זיכ א מוטערפּערלענ קנעפּל, וואָס האָט געפֿינקלט, געלויכטנ מיט אלערליי קאָלירנ אונ פֿארשײַנט די אויגנ אזוי, אז איכ האָב באקומענ צו אימ גרויס יעיצערהאָרע. דערבײַ איז מיר ארופּ אפּנ זינענ מײַנ קראנקע שוועסטער. איכ וועל איר עס געבנ א מאטאָנע. זי וועט א שאבעס,

א יאָנטעוו דערמיט זיך אויספוצן און זיך בארימען פאר אירע כאווערטעס. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבן מער כיישעק, און אז איך האָב גענומען דאָס קנעפל און אריינגעלייגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער מעשׂרעס, וואָס האָט עס אלצדינג פונדערווייטנס צוגעזען, באלד צוגעלאָפן צו מיר מיט א געשריי: „אזוי, שייגעץ, גאנעוו איינער, דו לייגסט אין קעשענע?! זעט איר, באלעבאָסטע, — האָט ער געזאָגט, — יענע זאכן, וואָס האָבן געפעלט, איז אויך זיין מעלאָכע!” דאָס האָט ער שוין געזאָגט בעקיווּן, קעדיי ארופצוווארפן אף מיר, אפאָנעם, זיינע אייגענע כאטאָיִם. און איך געדענק ווי פון שלאָף, אז ער פלעגט אמאָל טאקע אונטערוקן דער דינסט עפעס קלייניקייטן... קורץ, מען האָט מיר געמאכט א וויסטן פינצטערן סאָף, גוט אויסגעפאטשט און ארויסגעטריבן.

די מאמע האָט מיך ווידער באקומען צו זיך צוגאסט אין א גוטער, מאזלדיקער שאָ! איך זאָג נישט אומזיסט: „אין א מאזלדיקער שאָ”, וואָרעם יענע צייט גראָד איז געווען די צייט, וואָס זי האָט ערגעץ בא א בעקער געוועלגערט מאצע, און דורך איר כשיוועס איז איר געראָטן אויסצוארבעטן דאָרט פאר מיר א היסמאנעס פון א גיסער, אונטערצוגיסן מיט א קריגל וואסער דעם קנעטער, וואָס דענסטמאָל האָט עס בא מיר אזויפיל פארנומען ווי די גרויסע שטעלע פון א סאר־האמאשקים. איך האָב מיך מיט דער שטעלע בא זיך אין הארץ מעיאכעס געווען און געקוקט אף זיך עפעס מיט דערעכערעץ, ווי אף א מענטשן, וואָס מען באדארף צו אים אָנקומען און זיין הילף איז שטארק נייטיק. אין דער ערשטער צייט איז מיר אפילע אָנגעקומען שווערלעך צו פּאָטראפען אקוראט די מאָס וואסער. עס זיינען דורך מיר כאָמעצדיק געוואָרן עטלעכע מיערעס, און מען האָט מיר דערפאר מיִעס אָנגעריבן א נאָז. נאָר דערנאָך איז עס בא מיר געגאנגען ווי א פוטער. איך האָב מיך געהאלטן בא זיך פאר איינער גיסער אין דער וועלט. אפילע אין פאריז קען שוין קיין בעסערער פון מיר נישט זיין. צווישן די מענטשן, וואָס האָבן באם בעקער זיך איבערגעוואָרפן מאצע באקן, איז געווען אויך איינער א דארדעקע־מעלאמעד. ער איז געווען מיט מיין גיסן זייער צופרידן, און מיך אפילע א קניפּ געטאָן אין בעקעלע. די מאמע מיינע

האָט מיט דעמ מעלאמעד עפּעס אַלצ גערעדט, גערעדט. דערנאָכ האָט זי מיכ צוגערופנ און געזאָגט: זעכטו, יִצכאָק־אווראָמצע, רעב אזריִעל נעמט דיכ צו פאר א באהעלפער! דערביי האָט זי געמאכט צו דעמ מעלאמעד: איכ כידעש מיכ מער נישט, וויאזוי־דאָס איז מיר ביז איצינד נישט ארופ אפנ מויעכ! זיינ טאטע איז געווענ א מעלאמעד, זאָל דער זונ זיינער אויכ זיינ א מעלאמעד. נאָר, אויכ די אייגענע מייסע, זאָלט איר מיר געזונט זיינ, אז דער מויעכ, גישט פאר אייכ געדאכט, נישט פאר קיינ יידנ געדאכט, ליגט מיר, טאָנע־ציִענ, אינ דער ערד. איר, רעב אזריִעל, קענט עס טאקע פארשטיינ, איר האָט דאָכ מיינעמ, אייכ אפ צו לאנגע יאָר, גוט געקענט. אויכ די אייגענע מייסע, מיסטאָמע איז דאָכ אזוי אָנגעשריבנ געוואָרנ, דער זונ זאָל אויכ בלייבנ באמ טייטל. אז זיינ ליבנ נאָמענ איז ניכע, איז מיר אויכ ניכע. נימערעוגער! זאָל זיינ מיטנ טייטל...

ס'איז אָבער נישט געווענ, ווי די מאמע האָט געזאָגט, מיטנ טייטל. ס'איז גאָר געווענ מיט דער וויג, מיט דער ציג אוכדוימע מיט אזעלכע זאכנ! רעב אזריִעל מעלאמעדס ווייב האָט מיכ גענומענ אינ אירע הענט אריינ, מיט מיר געשפאקט, געקנעלט און מיכ מעכאבעד געווענ מיט איערליי מעלאָכעס. איכ בינ בא איר געווענ א פארשכעקל, א קאָרק, מיט וועלכנ זי האָט פארשטופּט אלע לעכער. אלע טאָג אינדערפרי האָב איכ באדארפט, ווי א ייִד פארפעלט נישט דאווענענ, אָפּפירנ די ציג אינ דער טשערעדע. זעלטנ, זעלטנ, אז רעב אזריִעל פלעגט זי מיט זיינ קאָוועד אליינ פירנ פאר די הערנער, און איכ פלעג זי מיט א ריטל פונ הינטנ אָנטרייבנ. אָפּגעפּארטיקט זיכ מיט דער ציג, איז נעגאנגענ א סעדרע פונ אָנטראָגנ האָלצ, צונויפקלייבנ אינ הויפ, אפנ מיכט, דארע שפּענדלעכ, אויסגיסנ די פאמויניצע, אויסקערנ די שטוב און האלטנ אפ די הענט דאָס קליינע קינד מיט א נאס פארקאטשעטע העמדל, וואָס האָט געוויינט, זיכ געריסנ נאָכ דער ברוסט, געצאפּלט מיט הענטלעכ אי מיט פיסלעכ, זיכ פארגאנגענ, פארקייכט און, מעכילע, פארסמאָרקעט. איכ האָב עס באדארפט איינעמענ, אויסטראכטנ שפּילכלעכ, בלאָזנ אינ קולאק ווי אפ א טרומייט, קנאקנ מיט דער צונג, מאכנ „סאָראָקע-וואָראָנע“, זינגענ „פּי-פּי-פּי“, „ציגעלע־מיגעלע“ און נאָכ אנדערע קינדערשע לידלעכ. כאָלילע אָפּצושטעלנ זיכ א רעגע! די רעבעצנ האָט געעפנט א

פיסק און אויסגעגאָסן אַף מיר א טויכעכץ, האַלטנדיק די קאָטשערע, נאָר אַף צו פּלעטן מיר דעם מויעך.

איבערגעקומענע בעשאָלעם אי די דאָזיקע מעלאָכעס, בין איך גע־לאָפן צוזאַמענעמען די קינדער אין כיידער אַרײַן. דאָ האָט זיך אָנגע־הויבן גאָר א נײַער קאַפּיטל — זער „מוידע-אַני" מיט אַלע טאַריאַג באַהעלפּערדישע מעלאָכעס: פּוצן שטיוועלעך, שיכלעך, אַרויס־נעמען נאַסע ווי א כלישטש פון די בעטלעך, אויסזוכן דאָס אָנטאָן, פאַרשפּיליען שפּענצערס, אָפּרײַבן שלומפּערס, אָפּבלאָזן פּעדערן, כוג־יאַרמעלקעלעך, אָפּווישן נעזלעך, שלעפּן מיט גוואַלד פון דער שטוב און אַרויסשטופּן אינדרויסן... אַזוי בין איך געגאַנגען פון שטוב צו שטוב ביז איך האָב צונויפגעזאַמלט די גאַנצע קאָמאַנדע. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער מעשונע־ווילדער מאַרש, וואָס מען האָט אים געמעגט אַף כידושים אָנקוקן. פאָרויס און הינטער מיר לויפן, שפּרינגען, קריכן ייִנגלעך אין דער פּאָלנע פּאָרמע, מיט אַרויס־געשטעקטע העמדלעך הינטן פונעם שפּענצער, דער גייט טרויעריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ווי צו דער שכיטע. יענער האַלט א שטיק ברויט מיט אַן איי און עסט, אײַנער מאַכט — קוקעריקו! און דער אַנדערער — ציגעלע מע־מע־מע! איך אַליין גיי וואַזשנע אינדער־מיט, אָנגעלאָדן אין די קעשענעס, אין דעם בוזעם, אין א קוישל אַפן אָרעם פּלעצעלעך מיט פּוטער, ברויט באַשמירט מיט שמאַלץ, ריפּט־לעך ברויט מיט א ווײַדל פון א הערינג, מיט טעפּעלעך קאַשקע, זויערמילך, קעז, ציבעלעס, קנאָבל אי שעאָריעראָקעס, און פיר פון ביידע זײַטן באַ די הענטלעך צו האַלב טוץ ייִנגלעך, וואָס א טייל כליפּען, סמאָרען מיט דער נאָז, א טייל שפּאַרן זיך אײַן און ווילן נישט גיין, א טייל פאַרדרייען דעם קאָפּ אַהינטער, רעוועט, שרײַען: מאַמע, מאַמע! הויך אַף א קאָל איבער דער גאַנצער גאַס....

אָנקומענדיק אין כיידער, האָט דער רעבע מיט דעם עלטערן באַ־העלפער איבערגענומען דעם גאַנצן עטאַפּ קליינע אַרעסטאַנטלעך, און זיך גענומען שמײַסן. איך האָב באַדאַרפט דערלאַנגען ריטער און האַלטן פאַר די פיסלעך. אָפּגעשפּיליעט און געלייגט אַפן בענקל האָט דער רעבע מיט זײַן קאָוועד אַליין. אז די אָפּגעשמיסענע קינדער האָבן זיך א לאָז געטאָן שפּילן אַפן בערגל מיסט אינדרויסן, האָב איך מיך געזעצט אָפּרוען — וויגן דאָס קינד, רעב אוריִעל דעם מע־

לאמעדס קאדעש, זינגען אים דערבײַ „אונטער כײַקלעס וויגעלע שטייט א ווײַס קלאָר ציגעלע”, אָדער אופפלאָנטען אמאָל א מאָטיק פאָדעם, גיין אופזוכן די הינער, שרײַען אקיש, אקיש! און טרײַבן דעם האָן מיט זײַן פעקל ווײַבער, די לעפּטשעכעס, אראָפּ פונעם בוידעם אי פונעם דאך. אין א פאָר שאָ ארום האָב איך מיך אײַנגעשפאנט גיין ברענגען די יינגלעך ווארמעס אין כיידער ארײַן, און אזוי האָב איך אהין און אהער מיך געדרייט, אָנגעטופּעט ביז פארנאכט, וואָס דענסטמאָל איז געקומען די צײַט אָפּצופירן די כאָפּטע קינדער אהיים. מײַנע צוינ־קאָדאָשים זײַנען לוסטיק געלאָפן, געשפּרונגען, דער מיט אן אונטערגעשלאָגן אויג, יענער מיט בלויע צייכנס אפ דער באק. איינעם האָט געפּלאַמט אן אויער, דעם אנדערן איז א ביסל אויסגעצופּט געווען א פּייע. קיינער אָבער האָט פאר סימכע דערויס זיך גאָר נישט געמאכט, אלע האָבן געשטיפט, גערײַלט, געיאָגט לעבעדיק־פריילעך, אין דער צײַט ווען די טשערעדע קי איז אויך צוריקגעגאנגען פונעם פעלד מיט די פארשײַטע ציגן פאָרויס. איך האָב אָפּגעלאָזן מײַנע צוינ־קאָדאָשים, געגאנגען מעקאבל־פּאָנעם זײַן רעב אזריעל דעם מעלאמעדס ציג, זי א כאפּ געטאָן בא די הערנער און אָפּגעפירט אהיים אין איר רו ארײַן. דערמיט האָב איך זי אָפּגעהאלטן פון א גרויסער מיעסער אווײרע — שפּרינגען ערגעץ צו א פרעמדן אין גאָרטן ארײַן, און מיר פארשפּאָרט א קאָפּדרייעניש זי צו זוכן ביז שפּעט אין דער נאכט.

מיקויעך מײַן עסן איז דער מעדובאָר געווען אזוי: רעב אזריעל האָט מיר צוגעזאָגט קעסט בא זײַנע באלעבאטים, בא איינעם אכטאָג, באם אנדערן צוויי וואָכן, אָדער א כוידעש, ווי עס האָט זיך געלאָזט. נאָר בעעמעס בין איך גאָר געווען אפּ קעסט נישט בא די באלעבאטים. ווי דען זשע? — בא זייערע קעכנס, וואָס זיי האָבן געהאט א מיגוי זייער אָפּט נישט צו האלטן רעב אזריעלס היסכײַוועס און מיך לאָזן פּאָשעט הונגערן. איך ווידער, פון מײַן זײַט, האגאם אין מײַנע טנאָים איז נישט געשטאנען צו טאָן דאָרט עפּעס א מעלאָכע, פונדעסטוועגן האָב איך פּאָרט נישט געקענט אזוי גראָבן זײַן, אָפּצוזאָגן זיך, ווען מען האָט מיך מעכאבעד געווען מיט ארבעט. איך פלעג רײַבן כריין, שארפן מעסערס, שײַערן, רייניקן די שאבעסדיקע מעשענע לײַכטער, גיין צום שויכעט קוילען אויפעס, לויפן

אין דער דינסטס שליכעס נאָך פעפער, אינגבער מיט ציי־מערינג צום קוגל, אוכדוימע נאָך זאכן אין דעם באלעבאטישקייט.

ס׳איז געווען ארום טישעבאָיר־צייט. איך האָב מיך שטארק מייכן געווען, אָנגעגרייט קלייזיין — הי־צערנע שווערדלעך פאר די יינגלעך, אָפגעפארבט מיט שווארצע יאגעדעס אי מיט אנדערע מיסע־מעשונע־פארבן און געהאָפט דערפון צו האָבן א שיינעם גראָשן. נאָר פלוצלים האָט אָפ מיר זיך אָנגערוקט א כמארע און צע־שטערט מיינע האָפענונגען. רעב אזריעל האָט אין דער צייט באדארפט גראָד שלאָגן טויטשלעק עפעס איינעמס א נאָגידס א יינגל, א בעניאָכידל, וואָס איז געווען שטארק ציטעריק בא די עלטערן. דאָס יינגל איז פארשלאפט געוואָרן און געלעגן צו בעט. די מאמע מ׳ט דעם טאטן האָבן געליארעמט, געשריגן און געזאָגט: זיי מוזן דעם רעב אזריעלן גוט אָנלערנען און צונעמען בא אים דעם גאנצן כיידער. רעב אז־ריעל האָט זיך שטארק איבערגעשראָקן, געזוכט א וועג ווי זיך צו ריי־ניקן און ארופגעלייגט די גאנצע שולד אָפ מיר. דאָס איז, האָט ער זיך מיסנאצל געווען, דעם באהעלפערס מעלאָכע. ער איז א גרויסער שייגעץ, א ווילדער אכבעראָש! דאָס יינגעלע, פון זיין זייט, האָט געשוויגן און שטארק מוירע געהאט, ווי געווייגטלעך, אויסצוזאָגן פונעם כיידער. עס איז אָנגענומען געוואָרן, אז איך בין שולדיק, און בא ביידע צדאָדים איז געבליבן, מ׳ך גוט אויסצופאטשן און ארויס־צוטרייבן פונעם כיידער. איך בין געוואָרן דאָס קאפאָרע־הינדל, און מען האָט מיט מיר, שלימאזל, טאקע באלד געשלאָגן קאפאָרעס!

5

— טא !—האָט די מאמע מײַנע זיך אָנגערופן אין א שמועס מיט עפּעס א יידענע, און בעשאסמײַסע געקוקט אפ מיר. — אויך די אייגענע מײַסע, ווי זאָגט מען עפּעס, עסטער, א מענטש טראכט און גאָט לאכט. איך האָב פון מײַן זײַט יויצע געוועז, זיך געלייגט, ווי זאָגט מען עפּעס, זאָלט איר מיר געזונט זײַן, אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט צו פארשווארצן מײַנעם דאָרט אין קייווער דעם פּאָנעם. נאָר גיי צעריַיס זיך, סאָנע־ציִען, אז פאלט אלץ מיט דער פּוטער אראָפּ. איך האָב אים, אזוי ווי איר קוקט אים אָן, עסטער, שוין געשטעלט אפ עטלעכע ערטער. ער האָט געקענט דאָרט ווערן א לײַט, טאקע וואָס לײַט הייסט, אז גאָט און לײַט וואָלטן מיר מעקאנע געוועז. נאָר גיי צערײַס זיך, עסטער, נעם כאָטש דאָ אײַן א מיסע־מעשונע און ווער די קאפּאָרע. אז קומט גאָר אויס, דיר אפ צעזעצעניש, סאָנע־ציִען, פּונקט בויבעריק! אויך די אייגענע מײַסע, ווי זאָגט מען עפּעס, אז דאָס שלימאזל לאָזט נישט אָפּ א מענטשן, מוז מען אָנבייגן דעם קאָפּ. אז מען קען נישט אריבער, זאָגט דער אוילעם א ווערטל, מוז מען ארונטער. יאק נימא ריבא טאָ אי ראק ריבא, זאָגט אפילע, לעהאוודל, אויך דער מוזשיק. איר זײַט דאָך א ווילקענעוודיקע, עסטער. טא! צו א באלמעלאָכע? לאָז זײַן צו א באלמעלאָכע. מיסטאָמע איז דאָך אויבן אזוי טאקע אָנגעכאסמעט געוואָרן, אז טעוול דעם מעלאמעדס זון זאָל זײַן א באלמעלאָכע. ווי אוּן ווינד איז מיר! אויך די אייגענע מײַסע, מע אָנו, מע כאיעינו, גיי פּרעג דעם ריבוינעשעלוילעם קאשעס!

אינ עטלעכע טעג ארומ בינ איכ אריינגעטראָטנ פאר א לערנייִנגל צו לייזער דעמ שניידער.

לייזער דער שניידער איז געווענ א קליינ דאר ייִדל מיט א בלייכ פּענעמל, זייער ספּריטנע, א ריירעוודיקס ווי קוועקזילבער, מיט אלע שניידערשע פּאָסטעמקעס, א פאלגע מיט די ביינער. מענ האָט אימ געקענט רופנ אי א ווייבערשער אי א מענשקער שניידער, אָדער, נאָכ גלייכער, נישט קיינ ווייבערשער, נישט קיינ מענשקער, ווייל ער האָט זיכ אונטערגענומענ נייענ אי ווייבערשע אי מענישע קליידער, אלצדינג אינ דער וועלט, אפילע א היטל, אונ האָט קיינ זאכ נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענט פלעגט א יופּע מעגולגל ווערנ אינ א שלאָפראָק, א שלאָפראָק אינ א קאפּאָטע, א קאפּאָטע—אינ א קליידל, אונ א קליידל אינ א קינדערש לייבל. דערצו איז ער געווענ א בעריע. עס האָט בא אימ אויסגעגעבנ טאָמעד מאטעריע אקוראט וויפל מענ באדארפ, אונ אימ איז נאָכ אויכ איבערגעבליבנ א היפּשער שטיק ייִטער. אונטער אנ אָסיענ די רעכטע צייט, ווענ בא ייִדנ אינ דער פאמיליע הייבנ אָנ קליידער איבערגעניצעוועט אונ מעגולגל ווערנ פונ איינ מאלבוש אינ דעמ אָנדערנ, דענסטמאָל איז ער געווענ פארוואָרפנ מיט ארבעט.

לייזער האָט פונ זיכ האנאָע געהאט אונ זיכ געהאלטנ פאר דעמ בעסטנ שניידער, ווענ נישט אינ דער גאנצער וועלט, אלקאָלפּאָנעמ פאר דעמ בעסטנ אינ בעזלידעוו, ווייל ער האָט אליינ נישט געוווסט, וואָס אימ פעלט. אז מענ פלעגט אימ אמאָל ווייזנ עפּעס א גוט שטיקל ארבעט ערגעצ פונ דער פרעמד, פלעגט ער געבנ א שמייכעלע אונ נישט וועלנ אפילע דעמ קאָוועד אָנטאָנ, דערצו זיכ רעכט צוקוקנ אונ צו באטראכטנ, ווי דאָס איז גענייט, ווי עס גייט דער שניט.

— עט,—פלעגט ער שמייכלענ מיט א קנייטשעלע אונ יענעמ אָפּשלאָגנ די פליגל,—עט, וואָס איז דאָ אזוינס פאר א כאריפּעס? וואָס האָט מענ דאָ געפונענ אזוינס וואָס צו זענ? אזעלכע ארבעטנ האָב איכ שוינ אינ מיינ לעבנ טויזנטער מאָל איבערגעמאכט. מענ באדארפ נאָר צו אלצ האָבנ מאזל.

א צינגל האָט ער געהאט א געשליפנס, זייער א געלויפיקס. אז עמעצער פלעגט וועלנ אימ אויסמאָלנ, ווי ער זאָל אימ נייענ,

האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסריידן, פאַרכאַפּט אי געֶרעדט אַלץ אַליין:

— איך ווייס, איך ווייס, איך ווייס! זייט זיכער, איך וועל אײַך, מיט גאָטס הילף, מאַכן נאָך בעסער ווי איר ווילט. דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאַכן אַזאַ אַרבעט? איך ווייס, זייט זיכער, איר וועט צופרידן זײַן.

באַם אָפּברענגען די אַרבעט, אַז יענער פלעגט זאָגן: דאָ קוועטשט אים, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט ער נישט געוואָלט גאָר הערן, אַלץ געֶרעדט, געֶרעדט און פאַרשאָטן מיט רייד:

— כאָלילע, ווי פאַלט איר אויס אַזוינס צו זאָגן? עס קוועטשט נישט! עס טאָר גאָר נישט קוועטשן, עס הייבט נישט אָן אַפילע זיך צו קנייטשן. גיט נאָר אַ צי, זײַט מויכל, אַהין אַ ביסל. עס ליגט גוט, אַזוי ווי אויסגעגאָסן. נאַט אײַך נײַס, ס'איז שמאָל! וואָס הייסט שמאָל! — אַז סע טאָר נישט זײַן שמאָל? איר האָט ערשט אָפּגעגעסן און זײַנט אַ ביסל פול, דאַכט זיך אײַך אויס, אַז ס'איז שמאָל. איך זאָל פאַרקרענקען אין דעם היגן העקדעש, וואָס מיר איז דערפון אַראָפּגעפאַלן, באַ מײַנע ייִדישע נעמאָנעס! מען איז קוים אויסגעקומען ווי מיט קרעפּל־פלייש. ס'איז איבערגעבליבן פונעם אונטערשלאַק אַ שמאָל פּאַסעקל פּערקאַל, האָב איך עס אײַך אָפּגעבראַכט. בעסער ווי איך האָב אײַך געמאַכט, קען מען שוין טאַקע ערגעץ נישט מאַכן. איר וועט זיך אַ ביסל אײַנגיין, וועט איר געווינט ווערן. טראָגט געזונט!

באַם צאָלן פלעגט זיך אָנהייבן אַ דינגעניש. ער האָט אוועקגערעדט אַ שאָ מיט שוועס, מיט כאַראָמעס, אָפּגעלויבט אין טאָג אַרײַן זײַן אַרבעט, אויסגערעכנט איטלעכס פּיצעלע באַזונדער, וואָס האָט אים געקאָסט, געמאַכט אַ שנײַדערשן כעזשבן און געשטעלט פאַר איידעס — אונטער די אויגן — דעם קרעמער, דעם שמוקלער אי די ייִדענע פונעם שאַפּקעלע, און אָפּגעשאָטן פּאָשעט מיט נײַן מאָס רייד, ביז מען האָט אים מויסעף געווען נאָך אַ צענגראָשן. טאַ, — פלעגט ער דערנאָך מאַכן, — גיט כאָטש אַ ביסל בראַנפן!... מיט אַ ביסל בראַנפן האָט באַ לײַזערן זיך אָנגעהויבן און אויסגעלאָזן אַלע געשעפטן. ער איז נישט געווען, כאָלילע, קיין שיקער, זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסן, נאָר טרינקען האָט ער

געקענט. די מעלאָכע האָט ליב דעמ טרונק — איז געווענ זײַנ ווערטל, און ער האָט טאקע עמעס ליב געהאט די מאשקע. צוליב דעמ פלעגט ער זײַנ א גאנצער מאכער אינ דעמ צעכ, האָבנ א גרויסע היסקארוועס מיט דעמ צעכמײַסטער, ארויסווײַזנ זיכ און שטארק ארבעטנ בעשאס עפעס א וויבאָר, ווײַל געווײנטלעכ איז מענ דאָ נישט זשעדנע א ביסל בראנפנ. לייזערס נעשאָמע האָט נישקאָשע געפילט, ווו מענ באקומט דעמ ביטערנ טראָפנ נאָר זאָגנ, אז פאר א קויסע האָט ער פארקויפט זײַנ הארצ, זײַנ פארשטאנד, ער האָט אופגעהערט צו פילנ, צו פארשטײנ, וואָס איז גוט און שלעכט — כאָלילע, דאָס נישט. פארקויסעט האָט ער עס נישט, ער טאקע בא זיכ געהאט זײַנ סייכל, און ווי אלע אנדערע זייער גוט געוווסט דעמ עמעס, ער האָט נאָר פארקויסעט, פארקויפט זײַנ גאלקע....

לייזער דער שנײַדער האָט מיכ גלײַכ בא מײַנ אָנקומענ צו אימ שטארק גענומענ אינ דער ארבעט, און מיט מיר אָנגעהויבנ דעמ אלעפבייז פונ דער מעלאָכע. דער אלעפבייז איז נישט באשטאנענ דערינענ, ווי מענ האלט די נאָדל, ווי מענ באדארפ א שטאָכ טאָנ, — נײנ! דאָס איז נאָכ געווענ צו פרי, דעמ דאָזיקנ קאָוועד האָט מענ מיר נאָכ א לאנגע צײַט נישט אָפגעגעבנ. לייזער האָט מיט מיר אָנגעהויבנ נאָר פונ דער האסכאָלע — פונ דער פאָמויניצע, האָלצ-טראָגנ אוכדוימע אזעלכע זאכנ. קימאט דער זעלביקער אלעפבייז, וואָס בא דעמ צעלניקער און בא אזויִעל דעמ מעלאמעד, נאָר מיט א ביסל פארענדערונגענ, ווי עס פאסט צו א שנײַדער, דעהײַנע: גײנ אינ מארק נאָכ קאָשערע פאָדעמ, ארײַנשטעלנ פרעסלעכ ווארעמענ אינ אויווג, בא לייזערנ גופע אינ שטוב אָדער אמאָל ערגעצ בא א שאָכנ, זוכנ א מאָל צענ אינ טאָג אונטערנ טיש, אונטער די בענק דעמ פינגערהוט, אָדער א דינ נאָדעלע, ארויסציִענ פארסטריגעס און אָפטראָגנ מיט דעמ באלעבאָס א שטיקל ארבעט. און אזויווי לייזער האָט געהאט א ווײַב, א באלעבאָסטע, א בעריע א יִדענע, האָט זי מיט מיר זיכ שטארק אָפגעגעבנ, אויסגעזוכט בא זיכ טאָמעד פאר מיר ארבעט, און מיכ נישט געלאָזט, כאָלילע, ליידיק זיצנ קײנ רעגע. די מאמע מײַנע האָט נאָכ לעסאטע נישט געהאט זיכ וואָס צו שעמענ פונ מײַנ מעלאָכע, און מײַנ טאטע, רעב טעוול דער מעלאמעד, האָט נאָכ דערווײַל געקענט רויִק ליגנ אינ קייווער. זייער זונ האָט

זיי נאָכ נישט פארשווארצט דאָס פאָנעמ. ביז דער נאָדל איז נאָכ געוועג גאנצ ווײַט. אונ מיקויעכ שלאָגנ, — דערינענ האָט מענ זיכ נישט געדונגענ. אמאָל האָט מיכ געשלאָגנ לייזער, אמאָל לייזערס ווײַב אונ אמאָל בײדע אינײנעמ טאקע; אָדער זיי בײדע נאָר אפ אנ אנדער מינ אויפנ, דעהײַנע אזוי: לייזער האָט פריִער אָפּגעשטעקט עטלעכע פעטש לייזעריכענ, אונ לייזעריכע האָט זיי מיר דערנאָכ געטרײַ איבערגעגעבנ מיט פּראָצענט, מיט געשמאקע עטלעכע קניפּ דערצו. אָדער פארקערט, לייזעריכע האָט גאָר אמאָל צומ ערשטנ ארײַנגעלייגט מיט אירע אייגענע הענט, וויפל זי האָט נאָר געקענט, אינ לייזערנ, אונ לייזער האָט נישט געקענט אויסהאלטנ, ער זאָל עס באלד נישט ארײַנוואַרפנ אינ מיר.... לייזער מיטנ ווײַב האָבנ געלעבט ווי א פּאָר טויבנ, גלײַכ אינ אלע זאכנ: בײדע זײַנענ געגאנגענ אינ ספּאָדעק, בײדע האָבנ געהאט א גלײַכע דייע, בײדע האָבנ מוירע געהאט אײנער פאר דעמ אנדערנ, בײדע האָבנ אויסגעלאָזנ זייער שווער, ביטער געמיט אײנער צומ אנדערנ, זיכ געהאלדזט, ארומגענומענ אונ זיכ געטײלט מיט דעמ שענסטנ בעסטנ — פּאטש....

קײנ האָניק האָב איכ בא לייזערנ נישט געלעקט. איכ האָב געארבעט אינ שטוב ווי אנ אייזל, אונ געכאפּט פונ אלע זײַטנ קלעפּ. דענסטמאָל האָב איכ געמיינט, אז דאָס אלצדינג מוז מענ א לערנייִנגל טאָנ, אונ אָנ דעמ, כאָלילע, וועט ער נישט קענענ זײַנ קײנ באלמעלאָכע, אקוראט ווי אָנ קלעפּ קענ מענ נישט לערנענ אונ זײַנ א לאמדנ. א פרימער האָב איכ פאר מיר געהאט לייזערס אנ ארבעטער, א דארער, אײַנגעהויקערטער, אויסגעבלייכטער באָכער, וואָס ער האָט זײַנע בעסטע יונגע יאָרנ פארבראכט בא לייזערנ, געטאָנ אווידעספּערעכ אונ געליטנ ביז ער איז געקומענ צו דער מא־דרייגע האלטנ א נאָדל אונ שטשאָבענ. דעריבער פלעג איכ, שלימאזל, נעבעכ, מעקאבל בעאהאווע זײַנ אלע פעטש אונ אפילע נישט הויכ וויינענ.

אײנמאָל אונטער א פאר-פּייסעכ רופט דער באלעבאָס צו מיר זיכ אָנ:

— איציק־אוורעמל, גיב נאָר א שפּרונג אינ קרעמל, כאפּ, פארכאפּט זאָלסטו ווערנ, פאר א גראָשנ קאָשערע פּאָדעמ אונ באוואַרפ,

ווארפנ זאָל עס מיט דיר, אָט פונ דעמ דאָזיקנ קלייד דעמ פעדערביילעק, דערנאָכ דעמ אונטערכיילעק. זשיוואָ, מאמזער!

איכ געדענק, ווי שטארק איכ האָב מיכ דערפרייט דענסטמאָל אפ דעמ קאָוועד — זיצנ באמ טיש אונ האלטנ א נאָדל, גלײַכ ווי מענ וואָלט מיכ אפ א כאסענע מעכאבעד געווענ האלטנ די כופעשטעקנס. הײַדא! איכ האָב מיכ אנידערגעזעצט באמ טיש, אקעגנ דעמ אויסגעבלייכטנ באָכער, פריילעכ, לוסטיק אונ מיט ביידע הענט געהאלטנ דעמ אונטערכיילעק, ווי עפּעס א טײַערע זאכ, אנ עווענטאָו. דער שנײַדער האָט אפ א בײַקאָלכנ צוגעזונגענ א שטיקל פונ קאָלנידרע, באלד איז ער איבערגעגאנגענ אינ א מארש, צוגעשאָקלט מיטנ קעפּל אונ צוגעפּיקט צומ טאקט מיט די פּיסקעס, באלד האָט ער געזאָגט א האמצאָעלע איבער מיר, איבער דעמ אויסגעבלייכטנ באָכער, אונ דערבײַ ארויסגעשטעקט א שפּיצ צינגל. באלד האָט ער געזונגענ ווײַנענדיק, ווי מענ באזעצט א קאלע, אונ באלד האָט ער געזאָגט, ווי דער מארשאלעק, גראמענ. „זשיוואָ, איציק־אוורעמל! — האָט ער מיניי־ואבײַ טאקע געזאָגט מיט א ניגנ. — שנײַצ אָפּ דאָס ליכט, מאמזער! גיי גיכער, אָנגעבלאָזענע פּארצע! א ביסל גיכער, איצק־אוורעמל, כאפּ בא מיר נישט, מאמזער, קיינ דרעמל!" אונ איכ, שטאָכ דא שטאָכ, שטאָכ דא שטאָכ אינ דעמ קלייד, אינ די פינגער, ווי עס האָט זיכ פּאפּאדעט. נאָר ווער הערט א שטאָכ בעשאס אפּנ הארצ איז פריילעכ?...

פלוצלימ אָבער האָט אפ מיר זיכ אָנגערוקט א כמארע. אינ דער גאנצער שטוב האָט אָנגעהויבנ צו שטינקענ סמאלינע. מענ זוכט דאָ, מענ זוכט דאָרט אונ מענ געפינט לעסאָפ, אז בא מיר, שלימאזל, סמאלעט זיכ דער אונטערכיילעק, יענער אונטערכיילעק, וואָס איכ האָב באוואָרנ. וואָרעמ בעשאס איכ האָב אָפּגעשנײַצט דאָס ליכט, איז א שנויצ דערופ אראָפּגעפאלנ! א גוואלד, א געשריי, א געפילדער! וואלײַ פּעטש, קולאקעס אונ קלעפּ איז מיר געפאלנ ווי האָלצ! איכ האָב געגנוג געהאט פאר דאָס מײַניקע. דער שנײַדער פּרוווט זיכ מאכנ פונעמ אונטערכיילעק א פעדערכיילעק, ארבל, עס גייט נישט! ער האָט שוינ, נעבעכ, פונעמ קאסטנ ארויסגענומענ דעמ שטיק ייטער פונ דעמ קלייד, נאָר מוטשע זיכ, סאָנע־ציענ, פונ הײַנט איבער א יאָר, עס גייט נישט! כאָטש טו דאָ פּיטער

ארײַנ, עס גײט נישט! דער [אונטערכײלעק מוז טאקע בלײַבנ אנ אונטערכײלעק, פונ א כאזערש עקל קענ מענ נישט מאכנ קײנ שטרײַמל....

— הער נאָר אויס, איציק־אוורעמל! —האָט געזאָגט דער שנײַדער— הער אויס, מאמזערוק, יונגאטש אײנער, א קרענק דיר אינ די בײנער! פאטשנ דיך האָב איך שוינ מער קײנ קויעך נישט, אז די באַלעבאָסטע וועט קומענ פונעמ מארק, וועט זי דיך מיסטאָמע אויך דערווארעמענ א ביסל אונ אויסטאפנ דיר די בײנדלעך. זי האָט אויך אזא רעכט גלײַך ווי איך, אונ זי וועט דיר אירס ניט שענקענ. נאָר דאָס אלצדינג אָבער איז אלצ גאָרנישט, א היוונ׳ק אקעגנ דעמ, וואָס דו וועסט ערשט לײזנ שפעטער בעימ עס וועט מיר נישט אײַנגײנ מײַנ האסבאָרע.

דער שנײַדער האָט באלד טאקע זיך פארטראכט איבער דעמ אונטערכײלעק אונ גערעדט צו זיך אלײנ: פארוואָס נישט טאקע א קעשענע?... פונעמ לאָך א קעשענע?... אײַ וואָס?... עט, מײלע, וואָס מאכט עס אויס?... דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אפ מיר א פאָר אויגנ אונ א געשריי געטאָנ:

— פאשאָל וואָנ, מאמזער! אלע־לולע (האלעלוהו) קאָל צעוואָוו, הינט זאָלנ מיט דיר האנדלענ!

איך האָב מיך ארויסגערוקט פונ אונטערנ טיש ווי א קעצעלע, אונ געווארט מיט א כארקלעבט הארצ א וויסטנ סאָפ.

די דאָזיקע טרויערדיקע מײַסע איז געשענ מיטוואָך טכילעס אָוונט. פרײַטיק, געדענק איך ווי הײַנט, האָט דער באלעבאָס מיר געהײסנ אָפטראָגנ נאָך אימ דאָס קלײד צו דעמ ארענדארס ווײַב. די ארענדארקע גיט א בליק — א דונער, א שלאק: א קעשענע סאמע אונטנ!

— וואָס איז דאָס אזוינס, שנײַדערל־לעב?! — האָט זי זיך צעשריגנ — סטײַטש, וואָס איז דאָס, דאָס? איך וועל, אָסער־כאזער, אזא קלײד בעשומויפנ נישט צונעמענ!

— אי, — האָט לײזער מײַנער געענטפערט מיט א זיס לאכעלע אונ איר פארשלאָגנ די רײד, — אי, שרײַט, כ׳לעבנ, נישט, ברײַנדל! אזוי העלפ מיר גאָט ווי איך האָב אײַך געמאכט גוט! איך האָב אײַך גענײט דאָס קלײד נאָך דער סאמע פאָסליעדנע מאָדע. ס׳טײַטש, בא אלע פריצעס

זײַנענ הײַנט אויפגעשפּאָלטנ קעשענעס אונטנ. א מעשוגענער מאכט הײַנט קעשענעס פאָרנט! איכ זאָג אזוי, ריבוינעשעלוילעמ, פּאָטער ווערנ פונ מײַנ מעלאָכע אונ נישט באדארפנ זײַנ קיינ שנײַדער (אזוי, געוויינטלעכ, פלעגט ער זיכ שווערנ, ווי דער שטייגער פונ אלע אנדערע יידישע באלמעלאָכעס), ווי שיינ דאָס זעט אויס! א שאָד, כ'לעבנ, וואָס איר קענט נישט אליינ מיט אײַערע אייגענע אויגנ אָנקוקנ דעמ זיבעטנ כיינ, וואָס דאָס האָט. טאפּט, כ'לעבנ, נישט, ברײַנדל, ס'איז גוט! אָט טראָגט געזונט, פארניצט געזונט, צערײַסט געזונט! גיט נאָר קרישטשענע מײַנ לערנייִנגל, ער פארדינט, כ'לעבנ, ער האָט נעבעכ די אויגנ זיכ ארויסגענומענ אונ א סאכ געהאָרעוועט אפ דער קעשענע. מיר קומט אויכ, כ'לעבנ, א קויסע!

לייזער איז געוועזנ פארעכנט אינ בעזלידעוו פאר איינעמ פונ די בעסטע שנײַדער, וואָס נייענ נאָכ זשורנאלנ, אונ דער ארענדאר דאָרט איז געוועזנ איינער פונ די גרעסטע נעגידימ. הײַנט אז מענ האָט געזענ זײַנ ווײַב, די ארענדארקע, גייט ארויס אונטנ מיט א קעשענע, זײַנענ דערנאָכ אלע בעזלידעווער מאָדנע ווײַבלעכ ארויסגעגאנגענ אונטנ מיט אויפגעשפּאָלטענע קעשענעס. נאָר האגאמ מײַנ קעשענע איז ארײַנ אינ דער מאָדע, איכ אָבער בינ דערפונ נישט געהאָלפנ געוואָרנ. לייזער האָט מוירע געהאט, איכ זאָל מיט דער צײַט נישט ארויסווארפנ עפּעס אזוינע נײַע מאָדעס, וואָס וועלנ אימ, כאָלילע, אָנמאכנ בויכווייטעק. אונ מאכמעס מוירע נישט געוואָלט געבנ מיר א שטאָכ ארבעט. ער האָט מיכ איינגאנצנ אוועקגעשענקט זײַנ ווײַב בעמאטאָנאָ-געמוראָ, זיכ נאָר איבערגעלאָזנ דאָס רעכט מיר אמאָל אָפּצושטעקנ א פּאטש. וואָס טויג מיר, האָט ער זיכ אָנגערופנ, אזא פארשלעפּטע ק־ענק, אזא מינ קינצלער? אונ דערבײַ אָפּגעזאָגט זײַנ געוויינטלעכנ פּאָסעק: אלע-לולע קאָל צעוואָאָו, הינט זאָלנ מיט אימ האנדלענ!.. לייזעריכענ האָב איכ אמאָל א שאָדנ אָנגעטאָנ, נישט ווילנדיק איר צעבראָכנ א טאָפּ מיט אייער, אונ האָב געמוזט לעסאָפּ דורכ דעמ אויקער זײַנ.

מענ האָט מיכ דערנאָכ אָפּגעגעבנ צו אלערליי אנדערע באלמעלאָכעס. וואָס א וואָכ צו אנ אנדערנ. איכ אָבער בינ געוועזנ א שלימאזל אונ ערגעצ נישט געהאט קיינ גליק. איטלעכער באלמעלאָכע באזונדער האָט מיכ דאָס ערשטע באקאנט געמאכט מיט דעמ באלע-

באטישקײַט, אונ מיכ אײַנגעשפאנט אינ דעמ יאָכ. איינ באלעבאָס האָב איכ אפ מיר געהאט, עפעס א שוסטערל, א פריילעכער קאפצנ. ער פלעגט מיכ אלצ שיקנ צווישנ די אומריינע ערטער — רײַסנ בא כאזיירימ כאזער־האָר פונעמ רוקנ. נארעלע, אזוי איז געווענ טאָמער זײַנ ווערטל: פונ א כאזער א האָר איז אויכ גוט, בא א כאזער איז א מיצווע צו רײַסנ.... בעשאס ארויסטראָגנ א פאָמויניצע פלעגט דער דאָזיקער פריילעכער קאפצנ אפ שפאס אופשטיינ אונ מאכנ מיט א ניגנ:

— טײַנ קאָוועד לעייצעניו! טראָג, טראָג, איציק־אוראָמעניו, איכ זאָל דערלעבנ טראָגנ דיר צו דער כאסענע וויַנ אינ א רעשעטע! טראָג, איצעניו, טראָג. אינ דײַנע יאָרנ האָב איכ גענוג פאָמויניצעס איבערגעטראָגנ!...

דעמ דאָזיקנ שוסטערל האָב איכ אינ הארצ ליב געהאט. ער איז מיט מיר זיכ באגאנגענ בעסער פונ אלע אנדערע. איכ וואָלט מיכ בא אימ געהאלטנ אונ עפשער עפעס וואָס אויסגעלערנט, נאָר ער איז אָבער שטארק קראנק געוואָרנ, אָנגעהויבנ שטארקער ווי פריער צו הוסטנ, צו שפײַענ מיט בלוט. ווײַל ער איז, נעבעכ, שרעקלעכ אָפּגעקומענ, געהאָרעוועט, געארבעט איבער זײַנע קויכעס, מעפארנעס צו זײַנ ווײַב אונ קינדער, אונ עסנ האָט ער, נעבעכ, געגעסנ יעסורימ. כוצ א דאר שטיקל ברויט מיט עפעס-וואָס־עס-איז דערצו איז אינ זײַנ מויל נישט געקומענ. דעמ טאמ פונ פלייש האָט ער שוינ לאנג פארגעסנ, בא א שמועס אמאָל פלעגט ער אלצ שפאסנ: פלייש דאָס איז נישט קיינ יידישע זאכ. איכ, מעשוגענער, האָב מיר טאקע אײַנגערעדט א שטיקל לונג־אונ-לעבער שאבעס אינ טעפל!... מענ האָט אימ, נעבעכ, אפ א וועגעלע אוועקגעפירט אינ העקדעש ארײַנ אונ ער איז דאָרט באלד טאקע געשטאָרבנ....

6

ווײַהי האיומ — איז אינ בעזלידעוו אָנגעקומענ איינער פונ די ארומפאָרנדיקע כאזאָנימ אונ האָט בא אונדז שאבעס געדאווענט מיט מעשוירערימ. דער אוילעמ איז פונ אלע קלײַזלעכ אימ געלאָפנ הערנ. א טייל האָבנ זיכ נויהעג געווענ, ווי זאָגט מענ עפּעס, ווי פּראָסטע באלעבאטימ — האָבנ אָפּגעדאווענט וואָסיקינ, פריער כאקע זיכ גוט קידעש געמאכט אונ דערנאָכ געגאנגענ הערנ. ס'איז געווענ א שרעקלעכע ענגשאפט, מענ האָט זיכ געשטופּט אפ די קעפּ, אונ איכ האָב מיכ צווישנ דעמ אוילעמ אויכ ארײַנגעשטופּט הערנ דעמ כאזנ, ווײַל איכ האָב ווי אלע ייִדנ זייער ליב געהאט זינגענ.

דער כאזנ האָט געהאט א קליינ מעשוירערל, א פּײַפער, אינ מײַנע יאָרנ. איכ האָב אימ עפּעס אזוי מעקאנע געווענ, ווי ער שטייט זיכ באמ אָמעד אונטערגעהאלטנ דאָס בעקל מיט דער האנט אונ טראלעלײַקעט, אז איכ וואָלט פונ מיר באָדײַ דאָס העמד אוועקגעגעבנ, אבי זײַנ ווי ער א מעשוירערל. איכ האָב אפ דעמ דאָזיקנ מעשוירערל געקוקט מיט גרויס דערעכערעצ דענסטמאָל, ווענ מיר, ייִנגלעכ, זײַנענ אלע געווענ אינ פּאָלעש בעשאס לייענענ. איכ בינ עפּעס פאר אימ אינגאנצנ באָטל געוואָרנ. מיר האָט זיכ גידאכט, אפ דער וועלט איז שוינ נישטאָ קיינ בעסערס פונ א מעשוירערל. ווי קומ איכ צו אימ! אז דאָס מעשוירערל האָט נאָר געעפנט דאָס מויל, נו, האָט מײַנער זיכ גענומענ אימ ארײַנקוקנ אינ דעמ מויל.

און ווענ עס וואָלט נאָר מעגלעכ געווענ ארײַנצושפּרינגענ אינ אימ ווי איכ שטיי אונ גיי, וואָלט איכ מיכ פּאָשעט מעכײַע געווענ.

אהיימ קומענדיק פונ דער שול, האָב איכ מיכ אלצ געפּרוּווט נאָכמאכנ דעמ מעשוירערל. בא די זמירעס האָב איכ מיכ שטארק צעלאָזט אפ א קאָלכענ אונ טראַלעלײַקעט אזוי, אז די מאמע האָט גרויס טײַנעג געהאט. נאָר איכ האָב קלאָל נישט געמיינט די זמירעס, ווי נאָכצומאכנ דעמ מעשוירערל. עס האָט מיר עפּעס זיכ געזונגענ. דאָס מויל האָט מיר נישט געקענט זיכ צומאכנ אפ א רעגע. מענ האָט שוינ אָפּגעגעסנ וואַרמעס, אונ איכ האָב טאקע אלצ נאָכ געזונגענ, געמאכט שטייגער. דאָס זינגענ איז לעסאָף איבערגעגאנגענ אינ קונדעס ארײַנ אונ איכ האָב מיכ געריסנ אפ אלערליי מעשונע-ווילדע קולעס. אז די מאמע האָט דאָ א קוק געטאָנ, אז איכ וויל גאָר ניט אופהערנ אונ לאָז זי נישט א ביסל אָפּדיכנ נאָכנ קוגל, האָט זי מיכ גוט אויסגעבאכעט אונ ארויסגעוואָרפנ פונ דער שטוב. וווהינ לויפט א יינגל שאבעס באטאָג? מיסטאָמע אינ בעסמעדרעש ארײַנ. הע, הע! דאָרט האָב איכ געטראָפנ די גאנצע ווײַסעכעוורע, די אלע רעכטע קונדייסימ. איכ האָב געמיינט, אז נאָר איכ איינער האָב נאָכגעמאכט דעמ מעשוירערל. ניינ! אלע אנדערע האָבנ דאָס אייגענע געטאָנ וואָס איכ. איטלעכער באזונדער איז געווענ שטארק באשעפטיקט. דער האָט געקוויטשעט, דער געריטשעט, דער האָט געברומט ווי דער באס, יענער נאָכגעמאכט דעמ פּיסטלזינגער, איינער האָט זיכ מעשונע געקרימט, געריסנ אפנ האלדז ווי דער כאזנ, אונ דער אנדערער האָט זיכ צעלאָזט ווי דער פּלייטער. דערנאָכ האָט כעוורע, אלע איניינעמ, זיכ א נעמ געטאָנ אָפּצושפּילנ דאָרט אויבנ, אינ דער ווײַבערשער שול, דאָס שיינע בעטלערל, מיט וועלכנ דער כאזנ האָט געזאָגט מישעביירעכ. מענ האָט געמיאוקעט, געפּישטשעט, געשווישטשעט, געהילכט, געשריגנ, ביז דער שאמעס האָט אונדז אָפּגעשפּריצט מיט וואסער אונ אונדז מיִעס טאקע ארויסגעטריבנ.

בעעמעס, מוזט איר וויסנ, האָב איכ טאקע געהאט א דינ קעלכנ, א שיינ געלענקל. איכ פלעג אמאָל אונטערהעלפנ לייזער דעמ שנײַדער באזעצנ א קאלע, אָדער אונטערהאלטנ אימ אינ א מעלעכעליווינ. לייזער פלעגט דערבײַ קוקנ אפ מיר אונ זאָגנ מיט א

שמייכל, ווי איינער, וואָס טוט אימ שטארק האנאָע: גוט, מאמזערוק איינער! אזוי, אזוי, אינ דיַינ טאטנ אריַינ, מאמזער!... מיר איז אריַינ אינ קאָפּ צו בעטנ די מאמע, זי זאָל מיכ אָפּגעבנ צומ כאזנ. איכ האָב מיכ צו איר צוגעטשעפּעט ווי א זלידנע, אזוי לאנג אזוי בריַיט, ביז זי האָט מיכ געמוזט פירנ טאקע צומ כאזנ. די אָרעמע פארוויסטע אלמאָנע, נעבעכ, איז שוינ אויכ טאקע גערנ געוועזנ אזא כבוירע ווי איכ פּאָטער צו ווערנ. אז דער כאזנ האָט מיר געהייסנ א קוויטש טאָנ אונ דערנאָכ געזאָגט, ער נעמט מיכ צו, האָב איכ פאר סימכע געמיינט, אז די וועלט איז מיַינע. איכ בינ גאָר ניט אימשטאנד צו שילדערנ, ווי מיר איז דענסטמאָל געוועזנ אפנ הארצנ. די מאמע מיַינע איז אפּאָנעמ דערפונ געוועזנ שטארק צופרידנ. טאקע שטארק וואָס שכארק הייכט. וואָרעמ אינ א שמועס מיט אירער א באקאנטער יידענע, האָב איכ געהערט, ווי זי האָט צו איר געזאָגט אזוי:

— אויכ די אייגענע מיַיסע, עסטער, זאָלט איר מיר מאריכ יאָמימ זיַינ, וואָס קענ א מענטש יענעמס טאכלעס פארזאָרגנ? צעברעכ דיר, סאָנע-ציִענ, דעמ קאָפּ, צערײַס זיכ אונ שפרינג דיר אפילע פונ דער הויט, וועסטו גאָר נישט מאכנ. ווי זאָגט מענ עפּעס, עסטער, אז האשעמ־ייִכבאָרעכ דערהייבט א מענטשנ, ווייס מענ גאָרנישט פונוואנענ דאָס איז געקומענ. איכ זאָג עס אקעגנ מיַינ יאָסעמ, זאָג איכ עס. אויכ די אייגענע מיַיסע, לײַט האָבנ געזאָגט: — צו א באלמעלאָכע, לאָז זיַינ צו א באלמעלאָכע. וואָס וואָלט פונ אימ געוואָרנ? באדארפ גאָר גאָט כעסעד טאָנ אונ באוויַיזנ, אז ניט אזוי ווי לײַט זאָגנ. נא דיר גאָר א כאזנ!.. געדאנקט אונ געלויבט איז, עסטער, האשעמ־ייִסבאָרעכ! מיַינ יאָסעמ איז שוינ אצינד פארזאָרגט, א לײַט, אפּ מיַינע ליבע געזאָגט געוואָרנ! איכ האָב עס גאָר אזויפיל בא זיַינ ליבנ נאָמענ נישט פארדינט. דאָ האָבנ נאָר זכוס־אָוועס זיכ געמיט.

מיט דעמ כאזנ בינ איכ מער ווי א האלב יאָר ארומגעפּאָרנ אפּ דער וועלט. מיר, שלימאזל, איז בא אימ אויכ שלעכט געווענ, ערגער פונ אלע איבעריקע מעשוירערימ. איכ האָב מיר, נישקאָשע, גוט מאפטיר געקויפט. דער שטייגער איז געווענ, ווענ דער כאזנ האָט ערגעצ געדאוונט, האָבנ די מעשוירערימ באדארפט אונטערוויַ-

לעכס קוקנ אפנ אוילעמ, זענ, אויב זייַנ דאוונענ געפעלט. וואָס זאָגט מענ אפ זייַנ געמבע אונ ווי ער זעצט איוורע. אונ אז דער כאזנ האָט איִנ דער היימ עמעצנ א רופ געטאָנ באמ נאָמענ, מיט עפעס א ווונק דערבייַ — האָט עס געהייסנ: נו, זאָג נאָר, איז מענ עפעס צופרידנ געווענ? קימאט טאָמעד אָבער איז דער גוירל, ווי אפצעלאָכעס, געפאלנ אפ מיר. עס קענ עפשער זייַנ דעריבער, ווייַל די איבעריקע מעשוירערימ פלעגנ באלד נאָכנ דאוונענ מאכנ פלייטע אונ אויסגעטריקנט ווערנ. קימ האָט ער נאָר א זאָג געגעבנ: אווראָמקע! אונ דערבייַ דערלאנגט א ווונק, אז מייַנער, וואָס האָט נישט געווּסט קיינ כאָכמעס, איז ארויס מיט דער שפּראכע: כאזנ, מענ האָט געלאכט, טאקע זייער שטארק עפעס געלאכט! נו, פלעגט ער מיר אָנעמענ באמ אויער, דרייענ אונ ציִענ, אונ ציִענ, אז איך זאָג אייַך, דער שנייַדערקעס קלעפ זייַנענ אקעגנ דעמ קאטאָוועסלעכ געווענ.

אמאָל האָבנ מיר ערגעצ איִנ א שטעטל געדאוונט שאבעס פארשע שקאָלימ. דער כאזנ האָט צומ דאוונענ זיך שטארק מייכנ געווענ, ווייַל ער האָט ארויסגעקוקט אפ יענעמ שטעטלס יכאזאָנעס. שאבעסצונאכטס האָבנ צו אימ זיך פארקליבנ מענטשנ, א גאנצער אוילעמ. מענ האָט געטרונקענ פונש, ווייַנ, אונ ס'איז געווענ א פרייִלעכע מעלאווע מאלקע. דער כאזנ האָט זיך געפעסטעט, זיך געקלאָגט אפנ האלדז: — ער האָט א ביסל זיך צוגעקילט אונ מוז עטלעכע טעג אָפּהיטנ זייַנ קיילע. זיך אלצ געקווענקלט, געקווענקלט, אונ פונדעסטוועגנ האָט ער דעמ אוילעמ פאָרט צוליב געטאָנ, געזאָגט „עליִאָהוס" אונ געזונגענ א וואָלעכל. דעמ כאזנ איז אויסגעקומענ נייטיק נאָכ עפעס צו שיקנ, אונ ווי ער האָט א רופ געטאָנ: אווראָמקע! — הא־הא, דאָ האָב איך געעפנט א פיסקל אונ א זאָג געגעבנ: „כאזנ, מענ האָט פונ אייַך געלאכט!" גאנצ הויך אפ א קאָל אונ פריילעכ, ווייַל איך האָב געהאט איִנ קאָפּ א ביסל מאשקע. דער כאזנ, נעבעכ, איז געוואָרנ אָנגעצונדנ, רויט ווי אנ אינדיק, דאָס פּאָנעמ האָט אימ זיך געמינעט, אונ דער גאנצער אוילעמ איז געבליבנ עפעס ווי צעמישט מיט אויסגעגלאָצטע אויגנ. איך האָב געמיינט, אז דער כאזנ וויל מיר נישט גלייבנ. בארעדעווודיק בינ איך גראָד דענסמאָל געווענ פונעמ ביסל פונש. נו, האָב איך מיך צעלאָזט מיט מייַנ זיס ציִנגל אונ אָנגעהויבנ צו שווערנ:

— ווי איך בינ א ייִד, כאזנ, מענ האָט פונ אײַך געלאכט! אָטאָ די דאָזיקע מענטשנ טאקע האָבנ זיך געקרימט, שטארק כויזעק געמאכט!... ווער שמועסט, יענער, יענער, וואָס טרינקט אונ סוידעט זיך אלצ מיט אײַך, ער האָט, כ'לעבנ, זייער געלאכט בעשאס מיר האָבנ געארבעט אינ דער קעדושע. עפּעס האָט ער, דאכט זיך, געזאָגט: קאטשאנ! ווייס איך, וואָס קאטשאנ הייסט? אינדיק-זוימענ צי קאטשקע־פּוטער...

דער כאזנ האָט פארביסנ די ליפּנ, קלאָמפּערשט געמאכט זיך לאכנדיק, אונ געזאָגט דעמ אוילעמ אפ מיר, אז איך בינ א שויטע, שטארק טאמעוואטע, ווייסט נישט, ווער עס האָט מיך געשוירנ. צו די אלע מײַלעס בינ איך נאָך גראָד איצט א ביסל פּארפעקט; נאָר ער מוז אזא אָנשיקעניש האלטנ צוליב דעמ קעלכל. דעמ אוילעמ איז געוואָרנ עפּעס אויך פּריקרע. די מעלאווע־מאלקע האָט זיך נישט געקלייעט, אונ מענ איז זיך פּאנאנדערגעגאנגענ עפּעס צעשטורכעט. איר קענט אײַך מעשאער זײַנ, וואָס איך האָב דערנאָך געליזט. דער כאזנ האָט מיר געוויזנ, וואָס פאר א גאָט מיר האָבנ, אונ דאָס ביסל פּונש איז מיר באָקאָמ אויסגעפאלנ.

איך בינ מיט דעמ כאזנ ווײַטער ארומגעפאָרנ, זיך אויסגעשלעפּט אינ א סאך ייִדישע שטעטלעך, אונ אפ שאבעס-נאכמו זײַנענ מיר ארײַנגעפאָרנ קיינ צוויאַטשיטש. דער כאזנ האָט ארויסגעקוקט אפ צוויאַטשיטשער כאזאָנעס. ער האָט דאָרט אײַנגעלייגט די וועלט אונ געארבעט אפ אלע קיילימ. די גאבאָימ האָבנ אימ געבעטנ פּארבלײַבנ דאָרט אפ יאָמימ־נויראָימ, אונ דערנאָך וועט מענ מיט אימ זיך אויסגלײַכנ, אפצדינג, אימירצעשעמ, גוימער זײַנ. איך בינ דערווײַל א ביסל באקאנט געוואָרנ מיט צוויאַטשיטשער קונדייסימ, אונ בינ, באָרעכאשעמ, בא דער דאָרטיקער ווײַסער־כעוורע געווענ א שטיקל כאָשעוו. הײַנע, אז ס'איז אויסגעקומענ צו לויפנ מיט א הורא נאָך דעמ דאָרטיקנ מעשוגענעמ, האָט מענ מיך געלאָזט לויפנ פאָרויס. אָדער אז מענ האָט באדארפט עמעצנ מאכנ א פּאָנפּע, פלעגט מענ דערצו נעמענ קלאָטשע בא מיר פונ דער קאפּאָטע, אונ ווענ ס'איז אמאָל געראָטנ ארויסצוגאנווענענ פונעמ שאמעס שאפּקעלע דעמ שויפער, פלעגט מענ מיך מעכאבעד זײַנ מיט דעמ ערשטנ בלאָז. עס וואָלט מיר אָנגעהויבנ אפילע צו ווערנ גוט, נאָר וואָט העלפט עס אָבער, אז ס'איז נישטאָ קיינ מאזל!

הערט נאָר מײַנ סאָפ באמ כאזנ! ראָשעשאָנע, קענט איר זיכ פירשטעלנ, ווי מײַנ כאזנ, נעבעכ, האָט געהאָרעוועט. ער האָט געארבעט, ווי מענ זאָגט, אפ אלע זאסטעווקעס, גערדרייט איטלעכס וואָרט א מאָל צענ ארופ אונ אראָפ, אויסגעטײַטשט מיט דעמ פינגער, פונ דער געמבע פלוצלימ ארײַנ אינ דעמ בײַקאָל — הײדי־די־די אהער, הײדי־די־די אהינ, אונ איז שיר נישט געקראָכנ אפ די ווענט. דער באס איז אָכריפּנעט געוואָרנ פונעמ שטײגער־מאכנ. בא איטלעכס שטיקל א נײַ שטײגערל. נאָכאמאָל לאטומדומ-דומ-דומ! ווידעראמאָל לאטומדומ-דומ-דומ! ער איז אָפּגעגאנגענ מיט שווייס אונ זיכ אלצ געווישט מיט דעמ פאטשײלכענ, וואָס איז אימ נישט ארויס פונ דער האנט. דעמ פלײטער, נעבעכ, האָט שוינ נישט גערדינט דער קאָל, ער האָט באדארפט אריבערשרײַענ דעמ באס, נאָר עפּעס א פײַפ, א קוויטש. אונ איכ, שלימאזל, האָב קימאט אלע רעגע באדארפט א קוויטש טאָנ: טא־טע־ניו! אָדער א לאנגנ טראטאטא־טי! אזש נו.... האקלאל, מענ האָט געארבעט, זיכ געריסנ אפ וואָס די וועלט שטײט.

אינ דער שול האָט געדאווענט א יונגערמאנ, א נאָגיד. ער איז געווענ א ביסל פונ הײַנטיקער וועלט, א דיקער, א געזונטער, א שטיקל לעצ אונ זײער א גוטער מענטש. ער פלעגט ליב האָבנ זיכ נאריש צו מאכנ מיט קינדער אונ ער האָט שרעקלעכ פײַנט געהאט דעמ כאזנ פאר זײַנע מיעסע האווײַעס. אז דער כאזנ איז א ביסל זיכ צעפאָרנ אינ דעמ „אטאָ זויכער”, וואָס אינ דער מוסעפּדיקער שמוינעסרע, זיכ געגאנגענ ווי אפ פּאָטשטאָווע וועג אונ פלעגט ארויסוואַרפנ געטאָקטע ווענעמערלעכ „פּאָ מאָלאָדעצקי”, איז צו מיר שטילערהײט צוגעגאנגענ דער לעצ, דער נאָגיד, אונ האָט מיכ עפּעס גאנצ ערנסט א פרעג געטאָנ: — זאָג נאָר, קלײנער, קענסטו מאכנ א ווײַנשל? אונ מיני־אובײ טאקע איז שוינ בא אימ אפ די ליפּנ פארטיק געוואָרנ א ווײַנשל, אזא גרויסע, אזא רויטע, אז איכ האָב מיכ שטארק צעלאכט. אָבער דענסטמאָל גראָד האָט דער כאזנ שוינ אויסגעטאָקט א ווענעמערל אונ געווארט, איכ זאָל מאכנ טראַ-טא־טא־טי! אז דער אוילעמ האָט געזענ, דער כאזנ איז עפּעס געבליבנ שטיל ווי דערוואָרגנ, האָט מענ אָנגעהויבנ פּאטשנ אפ די שטענדערס. דער כאזנ האָט מיט קאס זיכ ארומגעקוקט צו מיר, גלײַכ ווי איכ וואָלט אימ געגאזלט, אָדער נישט געוואָלט אָפּגעבנ

וואָס אימ קומט. די אויגנ האָבנ אימ געפּײַערט אונ זײַנ פּאָנעמ איז געווענ רויט, אויסגעפּריִעט ווי א צימעס. דער באס האָט אויסגעדרייט דעמ קאָפּ צו מיר מיט א ברומ, ווי א קו צו א קעלבל: איכ זאָל שוינ אָפּענטפּערנ מײַנ טראטא־טא־טי! נאָר קוימ וואָס איכ האָב מיכ גענומענ קוויטשענ, האָט דער נאָגיד אקעגנ מיר געמאכט נאָכאמאָל א ווײַנשל, אונ איכ האָב פונ דער העלער הויט אויסגעשאָסנ א גע־לעכטער הויכ אָפּ א קוויטש! דער כאזנ האָט זיכ ראספּאָלאָשעט, פּארפּוטעט אונ פּארפּלוטעט, איז ארויסגעשפּרונגענ פונ די האָלאָב־ליעס, אראָפּ פונעמ גלײַכנ שליאכ, האָט איבערגעהיפּערט א שטיק שמוינעסרע אונ דערצו נאָכ געמאכט עטלעכע גרײַזנ. דער אוילעמ האָט פונ אלע זײַטנ געמאכט פארווונדערט: „אי, אי!", געקלאפּט אונ געסטוקעט. די ווײַבער דאָרט אינ דער ווײַבערשער שול האָבנ זיכ שטארק דערשראָקנ אונ אינ איינ אָטעמ א געשריי געטאָנ: אוי, עס ברענט!... דאָ האָבנ שוינ ווידער די מאנצבילנ זיכ דערשראָקנ, זיכ אָנגעהויבנ שטופּנ אונ ארויסלויפנ פונ דער שול. דער קלאל, ס'איז שוינ געווענ א צערודערט דאוונענ. דער אוילעמ איז שרעקלעכ נישט צופרידנ געווענ.

אפ מאָרגנ נאָכ ראָשעשאָנע האָט דער כאזנ מיכ ארויסגעטריבנ אונ אליינ איז ער, נעבעכ, בעוושע ווערכארפּע אוועקגעפאָרנ, זיכ ווײַטער ערגעצ ארומשלעפּנ. איכ, שלימאזל, בינ איבערגעבליבנ אינ צוויִאטשיטש ווי אנ אבנ וואסער.

7

דער ראָוו, זאָלֿ לעבנ, האָט אינמיטנ איניענ אנידערגעלֿייגט די פּאַפּירנ אָפּצוורוענ זיכ א ביסל אונ צו כאַפּנ דעמ אָטעמ. ער האָט א קוק געטאָנ אפ די נעגידימ אונ געזאָגט צו זיי מיט די ווערטער:

— איכ בעט איבער אײַער קאָוועד, ראַבויסײַ, וואָס איכ פארנעמ אײַכ מיט אזא מײַסע, איר זײַנט דאָכ מענטשנ סאָכרימ, איטלֿעכער פונ אײַכ איז א טאָרעד, פארדרייט אינ זײַנע אסאָקימ אונ האָט אוואדע קיינ צײַט נישט! נאָר וואָס זאָלֿ איכ טאָנ, ס'איז דאָכ א מיצווע מעקײַעמ צו זײַנ צאוואָעס-האמעס. ער, אָלעוואשאָלעמ, האָט עס פונ מיר פארלֿאנגט אונ פארדינט טאקע מיט רעכט, מענ זאָלֿ מעמאלע זײַנ די באקאָשע זײַנע, אזוי ווי איר וועט צומ סאָף אליינ ארויסזענ. זײַט זשע מיר הונדערט מאָלֿ מויכל, ראַבויסײַ!

— נישקאָשע, נישקאָשע!—האָבנ די אלֿע נעגידימ זיכ אָנגערופנ.— אדעראבע, רעבע, די מײַסע געפעלֿט אונדז זייער. מיר וואָלֿטנ נישט מיד געוואָרנ זי צו הערנ ביז אינ סאָפ ארײַנ כאָטש א טאָג מיט א נאכט, אזוי שיינ געפעלֿט זי אונדז. דערבײַ האָט ייִצכאָק-אווראָמ עס טאקע בא אונדז אלֿע פארדינט, מיר זאָלֿנ פונזײַנעטוועגנ אוועקלֿייגנ א ביסלֿ צײַט אונ הערנ זײַנ באשרײַבונג. מיסטאָמע וועט דאָכ עס צו עפּעס פירנ. דער סאָפ מוז אוואדע זײַנ וווּנדערשיינ, אונ מיר וועלֿנ קיינ כאראָטע נישט האָבנ, וואָס מיר האָבנ אזוינס געהערט.

פלֿוצלֿימ האָט זיכ געעפנט די טיר. די רעבעצנ האָט ארײַנגעשטעקט דעמ קאָפּ מיט א פרעג: אויב עמעצער קענ איצט צומ ראָוו ארײַנ-

גײַנ. עפּעס זײער מיט א גענײטיקער זאכ. אונ אז זי האָט באקומענ אנ ענטפער: יאָ! האָט זי באלד טאקע ארײַנגעפירט אינ שטיבל עפּעס א ייִדענע, א בילד-שײנע, א שווארצכענעוודיקע, מיט א פּאָר אויגנ ווי די קארשנ, נאָכ אינ די מיטעלע יאָרנ. די נעגידימ האָבנ פונ דער זײַט דערלאנגט א געשמאקנ קוק מיט אפּעטיט, אונ געגעסנ מיט די אויגנ די אומבאקאנטע שײנע ייִדענע, וואָס איז אקעגנ א פּאָר מינוט געבליבנ שטײנ מעוווּלווּל אינדערמיט שטיבל, אונ די פארב איז איר געשטאגענ אינ פּאָנעמ. דערנאָכ איז זי מיט א פארנײג צוגעגאנגענ צומ ראָוו אונ געזאָגט אפּ א ביסל א ציטערדיקנ קאָל, אז זי האָט צו אימ עפּעס א זאכ. זי קענ אָבער מיט אימ דערפונ נישט רײדנ נאָר אונטער פיר אויגנ. דער ראָוו האָט זײער שײנ איבערגעבעטנ דעמ אוילעמ אונ איז מיט דער ייִדענע אוועקגעגאנגענ אינ אנ אנדער כײדער ארײַנ.

— א, רעב מענדעלע! וואָס מאכט איר גוטס? — האָט די רעבעצנ צו מיר זיכ געווענדט, נאָכ דעמ, אז דער ראָוו איז ארויסגעגאנגענ. — שוינ א לאנגע צײַט, רעב מענדעלע, זײַנט איר הי בא אונדז נישט געווענ. האָט איר עפּעס געבראכט נײַס? די מאנצבל מײנענ, אז נאָר פונזײערטוועגנ באדארפ מענ דרוקנ ספּאָרימ, אלצדינג פונזײערטוועגנ. ווײַבער האָבנ גאָר קײנ נעשאָמע נישט, זײ זײַנענ גאָר קײנ מענטשנ נישט אונ באדארפנ קײנ זאכ נישט האָבנ. גענוג פונזײערטוועגנ אי דאָס, וואָס זײ לעבנ, וואָס זײ טראָגנ, האָבנ קינדער, האָדעווענ זײ, קאָכנ ווארמעס, היטנ אָפּ די מאנענ אונ ווערנ פארשווארצט.

— געלויבט איז גאָט, וואָס מענ זעט זיכ געזונט! — האָב איכ געענטפערט. — נישקאָשע, רעבעצנ, איכ האָב אינ אײַכ נישט פארגעסנ. איכ האָב אײַכ געבראכט א „טכינעס ערעצייִסראָעל“, גאָר א שפּאָגל-נײַע. זעט איר, רעבעצנ קרוינ, איר באשולדיקט אומזיסט די מאנספארשוינענ. מענ האָט אײַכ, כ'לעבנ, אויכ אינזינענ. קוקט, זײַט מויכל, אונ באטראכט די טכינעס, וואָס מענ מאכט פאר אײַכ אָנ. וואָס ווילט איר האָבנ? מיר דאכט זיכ, מענ האָט שוינ גענוג, איבערגענוג אײַכ, ווײַבער, אָנגעמאכט... נישט דאָס בינ איכ אויסנ.

— אײ, אײ, רעבעצנ! — האָט אײנער פונ די נעגידימ מיט א שמײכעלע זיכ אָנגערופנ. — איר ווילט, כ'לעבנ, מאכנ א מערידע אונטער די ווײַבער! הערנדיק אײַכ, וועלנ דאָכ אונדזערע ווײַבער

פארײַסנ די נעז, אָנהייבנ פאָדערנ עפעס גאָר נײַע זאכנ, אונ אונדז נאָכ, כאָלילע, װעלנ געטנ! נאָר איכ פרעג אײַכ, רעבעצנ, אז ס'איז שוינ יאָ געקומענ צו רייד, זאָגט זשע, זאָלט איר מיר געזונט זײַנ, פארװאָס זשע האָט פאָרט שלוימע האמעלעכ אָנגעשריבנ, אז אפילע אונטער טויזנט װײַבער האָט ער נישט געפונענ אי איינע א רעכטע?

— טאקע דעריבער האָט ער נישט געפונענ,— איז די רעבעצנ ארויס מיט א טערעצ,— װײַל ער האָט געהאט, מעכילע, טויזנט װײַבער. מאנצבל, װאָס זוכנ צו האָבנ א סאכ װײַבער, קענענ טאקע איינע א רעכטע אויכ נישט האָבנ. זאָגט מיר, איר װאָלט אפ זייער שטעלע בעסער געװענ, מאנצבל?...

— נאָר פארװאָס אָבער,— האָט נאָכ איינער זיכ אָנגערופנ,— שטייט אינ אונדזערע ספאָרימ, אז די גאנצע כאָכמע פונ אנ אישע באשטייט אינגאנצנ נאָר אינ דעמ שפינדל?

— ס'איז דעריבער,— האָט די רעבעצנ געענטפערט,— װײַל דאָס האָט אָנגעשריבנ א מאנצבל. אװאדע זײַנט איר כאכאָמימ, אז איר געװעלטיקט אונ האלט די װײַבער, נעבעכ, אינ אײַערע הענט! דער שטארקער בלײַבט טאָמעד דער קלוגער, דער גערעכטער, װי זאָגט מענ עפעס: דער מאלעכאמאָװעס שעכט אונ בלײַבט גערעכט. נאָר װערטלעכ אינ דער זײַט. איכ פרעג אײַכ נישט מער, װי קענט איר אונדז אָפפאסקענענ אזוינס, װאָס מיר װייסנ אונ װאָס מיר זעענ מיט אונדזערע אויגנ, אז ס'איז נישט אזוי! װייניק װײַבער נעװיִעס אי כאכאָמעס זײַנענ בא אונדז ייִדנ געװענ אמאָל אינ די אלטע צײַטנ, אונ װייניק װײַבער כאכאָמעס, בעריעס, זײַנענ דאָ בא אונדז אויכ הײַנטיקע צײַטנ, װאָס שטייענ א סאכ העכער פונ אנדערע מאנצבל? מיר דאכט זיכ, אז טאקע דאָ, בא אונדז, אינ דער שטאָט, קענ מענ אופציילנ פיל װײַבער, װאָס נאָר זייער בעריעשקײַט אונ כאָכמע אלײנ האָבנ די מאנענ צו פארדאנקענ אלצדינג, זייער קאָװעד אי זייער אשירעס. װענ נישט די װײַבער, װאָלט פונ זיי גאָרנישט געװאָרנ. פונדעסטװעגנ זאָל אויסקומענ אמאָל עפעס בא א שטאָט־זאכ, אָדער בא עפעס אנ אנדערנ װיכטיקנ איניענ, װייסט מענ נישט מער װי די דאָזיקע באלעבאטימ, װאָס טויגנ נישט, מעכילע, א קאצ אנ עק צובינדנ. די װײַבער זײַנענ פארעכנט װי גאָרנישט. אלצ באלעבאטימ,

באַלעבאַטים. אפילו אין מערכעץ אַרײַן, מעכילע, רופֿט מען אויך נאָר באַלעבאַטים. באַלעבאַטים, אין באָד אַרײַן!...

— עפּעס זײַנט איר מיר הײַנט, רעבעצן, זייער שטאַרק אופּגע־בראַכט, — האָט דער נאָגיד ווײַטער זיך אָנגערופֿן, — עפּעס רעדט איר מיט פּאַרדראָס, ס'איז אײַך עפּעס נישט גוט אויפֿן האַרצן, און איר לאָזט אויס אײַער קאַס צו די מאַנצבל, נעבעך!

— גלייבט מיר, — האָט די רעבעצן געזאָגט, און אין די אויגן האָבן איר זיך געשטעלט טרערן, — גלייבט מיר, וויפֿל איך האָב גע־רעדט איז נאָך קיין מײַסער מיַן האַמײַסער נישט וויפֿל איך האָב נאָך באַדאַרפֿט ריידן, אַזוי פֿאַרביטערט איז מיר דאָס האַרץ. די ביך־נע ייִדענע, נעבעך, וואָס איר האָט זי דאָ ערשט נישט לאַנג געזען, זי האָט בײַ מיר הײַנט אַ שטיק געזונט צוגענומען און מיר געוויזן מיט איר גרויס אומגליק, וועלכעס עס האָט זי געטראָפֿן, וואָס מאַנצבל זײַנען, וואָס זיי זײַנען אימשטאַנד צו טאָן, און ווי פֿינצטער און ביטער אונדזער ווײַבערשע לאַגע איז, נעבעך. אַז אָך און וויי איז אונדז, וואָס מיר זײַנען אויף דער וועלט גאָר געבוירן געוואָרן! — האָט די רעבעצן טיף פֿונעם האַרצן אַ זיפֿץ געטאָן און מיט אַ טיכל זיך געווישט די אויגן.

— נאַט, רעבעצן! — האָב איך געזאָגט און איר געגעבן די טכי־נע, וועלכע איך האָב אַרויסדערטאַפּט פֿונעם פּעקל. — איך ווייס, אַז די טכינע איז פֿאַר אײַך גוט, פֿאַר אײַך איז טאַקע, כ'לעבן, גוט די טכינע....

— עמעס טאַקע, רעב מענדעלע! — האָט די רעבעצן זיך אָנגע־רופֿן. — פֿאַר אונדז, בידנע ווײַבער, נעבעך, איז טאַקע גוט נאָר טכי־נעס, איין איינציקע רעפֿועה צו העַרצער פֿול מיט מאַקעס, מיט ווונדן; איין־איינציק מיטל אויסצווויינען זיך כאָטש אַמאָל און אויסצוגיסן דאָס שווער ביטער געמיט אין הייסע וואַרעמע קוואַלן טרערן.... ס'איז נאָר אַ ווייטעק, אַ צעזעצעניש, ווי די מאַנצבל, וואָס פֿאַרשטייען נישט און ווילן גאָר נישט פֿאַרשטיין אונדזער האַרץ, לאַכן, שפּאָטן פֿון די ווײַ־בערשע טכינעס און פֿאַרגינען אונדז נישט אויך די דאָזיקע איינצי־קע רעפֿועה. זיי זאָלן זיצן אַמאָל אין דער ווײַבערשער שול, אַ שאַ־בעס אָדער אַ יאָנטעוו, און צוזען דאָרט אַ סאַך בידנע אומגליקלע־כע ווײַבער, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעריסן פֿון דער היים: די

מיט אפינצטערער דאָליע פון איר מאן, יענע א ווײסטע אגונע, אײ-
נע מיט א שווער טראָגן, די אנדערע מיט א פארביטערט געמיט פון
אירס א זויגנדיקס, קראנק קינד, וואָס לאָזט זי דורך די נעכט נישט
שלאָפן און פארמוטשעט זי, נעבעך, די מיט געשוואָלענע אָפּגעבריטע
הענט פונעם שטיין באם אויוון, און די מיט א פאַרזאָרגט, אויס-
געבלייכט פּאָנעם פון דער שווערער פאנשטשינע, פונעם שטענדיקן
גײן אין יאָך,—ווי די דאָזיקע אלע פארומערטע, דערשלאָגענע, נעבעך,
שטײען ארום דער זאָגערן דאָרט, יאָמערן, קלאָגן מיט אופגעהוי-
בענע אויגן צום בארעמהארצעדיקן, געטרײַען פאָטער אין הימל, בא-
וואשן זיך מיט טרערן און וויינען פון זיך ארויס די נעשאָמע.
ווען זיי, די מאנצבל, זאָלן עס באטראכטן און צוזען מיט זייערע
אייגענע אויגן, וואָלט, כ'לעבן, זיי זיך נישט געעפנט דאָס מויל צו
שפּעטן פון די ווײַבערשע טכינעס.... א דאנק אײַך, רעב מענדעלע, וואָס
איר האָט אין מיר נישט פארגעסן. איך וועל אײַך באלד ארײַנשיקן
פאר דער טכינע.—אזוי האָט די רעבעצן א זאָג געטאָן צום סאָף,
זיך אויסגעווישט די אויגן און שטילערהייט ארויסגעגאנגען.

אלע מענטשן אין דעם שטיבל זײַנען א היפּשע צײַט געבליבן
שטיל, ווי דאָס לאָשן האָט זיי אָפּגענומען. די רעבעצן מיט אירע
רייד האָט אפ זיי אָנגעוואָרפן עפּעס א מאָרעשכוירע. איך בין מיר
געזעסן אומעטיק אין א ווינקל און צעקײַט דער רעבעצנס איטלעכס
וואָרט. אירע ווערטער זײַנען געווען אָנגעזאפּט ווי א שוואָם מיט
שארפע, ביטערע געפילן, און מיך געשטאָכן, געצופּט אי אָנגעכאפּט
באם הארצן וואָס מער איך האָב זיי צעקײַט. מיר איז דענסטמאָל
געווען צר־מוט, עפּעס גלײַך ווי מען וואָלט פאר מײַנע אויגן גע-
פּאלמעסט א לעבעדיקן מענטשן, ארויסגענומען דאָס ווארעמע, נאָך
צאפּלענדיקע הארץ, עס געעפנט, געשניטן, ארײַנצוקוקן און זען אלצ-
דינג, וואָס דאָרט אינווייניק גייט פיר. פאר מײַנע אויגן האָבן גע-
רונען בלוט, גאל, טרערן מיט אייטער, און אין די אויערן האָט מיר
זיך געהערט א זיפצן מיט א קרעכצן. צווישן א סאך מעשונע־טרוי-
ערדיקע געשטאלטן האָט מיר זיך אלץ געדרייט אין קאָפּ די בילד-
שיינע יִדענע, וואָס די רעבעצן האָט זי אזוי באדויערט. זי איז מיר
פירגעקומען ווי זי וויינט, ברעכט די הענט, און בלוט גיסט זיך איר
פון די אויגן ווי די קארשן. וואָס איז דאָס פאר א יִדענע? וואָס

איז איר, נעבעכ, אזוינס? ווער האָט אזעלכע געקענט באַליידיקנ? אונ אינ וואָס באשטייט איר אומגליק? די דאָזיקע אלע זאכנ האָב איכ אלצ געטראכט בא מיר אינ די געדאנקענ שטארק פארטיפט. אזוי האָב איכ אוועקגעטראכט גאנצ היפּש ביז איכ האָב פּלוצלימ מיכ אופגעוואכט ווי פונ א שלאָפ אונ א קוק געטאָנ אפ דעם אוילעם.

— וואָס זיפצט איר אזוי, רעב כאָנע? — האָט איינ נאָגיד דעם אנדערנ געפרעגט.

— איכ זיפצ, רעב בעריש, — האָט רעב כאָנע געענטפערט, — אפ דער אווידע, וואָס מיר האָבנ פארלאָרנ. ייִצכאָק־אווראָמ איז געווענ זייער א נוצלעכער מענטש. מיר האָבנ אלע אינ אימ געהאט א פרײַנט, א טוער אונ א באַל־סאָד. ער איז אונדז צו פרי אָפּגעשטאָרבנ. ער האָט באדארפט כאָטש נאָכ עטלעכע יאָר לעבנ. א שאָד, כ׳לעבנ! מיר מעגנ אלע טאקע זיפצנ אפ אזא גרויסער אווידע. קיינעמ איז ייִצכאָק־אווראָמ אזוי נישט אָפּגעשטאָרבנ ווי דער שטאָט, אונדז אלע, מיינ איכ!

— טאקע גאנצ עמעס, רעב כאָנע, — האָבנ אלע געענטפערט אונ זיכ שטארק פארטראכט.

— איר, רעב פײַוויש, געהערט דאָכ טאקע צו וויסנ, ווער די קוורע וועט זײַנ, — האָט איינער א פרעג געטאָנ. — איר זײַנט דאָכ, רעב פײַוויש, א טוער אינ דער כעוורע־קאדישע.

— די קוורע, רעב אבע, וועט ערשט זײַנ מאָרגנ. איינמאָל איז, הײַנט שווער געווענ זיכ אויסצודרייענ, עס איז געווענ אנ איקעוו, מאכמעס קאמע זאכנ. אונ צווייטנס טאקע, האָט כעוורע זיכ נאָכ נישט אויסגעגלײַכט.

— איכ האָב נאָכ הײַנט א כאסענע, — האָט זיכ אָנגערופנ איינ דאיענ, — איכ בינ מעסאדער־קידושנ.

— אונ מיר כאלעשט גאָר דאָס הארצ, — האָט געזאָגט דער אנדערער דאיענ, — פונ אלע זאכנ וואָלט איכ גענומענ עפּעס אינ מויל. מיר איז שוינ טאקע צײַט צו עסנ. איכ האָב נאָכ הײַנט כוצ א גלעזל ציקאָריע נישט טויעמ־טאמ געווענ.

— מײַנע מערידנ טוענ מיר אָנ גאָר צאָרעס! — איז ארײַנ איינ־דערמיט נאָכ א דאיענ. — זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ, וואָס טוט איר עפּעס צו אײַערע מערידנ? מערנ־צימעס, זאָגט מענ, זאָל דערצו גוט

זײַן. ווייס איך? איך האָב אַלץ ביז אהער געהאַלטן פון געקאָכטע פלוימען מיט צענעס.

— צו מערידן איז די בעסטע רעפּוע, — האָבן ביידע פּריִערדיקע זיך גלײַך ארויסגערעדט, — זיך גאָר נישט ווינסדיק מאכן און גאָרנישט טאָן. מיר האָבן עס בעקאַבאַלע פון אונדזערע טאַטעס...

איך בין געזעסן ווי אף שפּילקעס און געציילט די מינוטן, דער ראָוו זאָל אַרײַנקומען, איך זאָל שוין זוכע זײַן צו הערן דעם סאָף פון דער גאנצער מײַסע און צו וואָס בין איך דאָ אזוי נייטיק געווען. ס'איז מיר צו גרויס געווען איטלעכע רעגע, און איך בין מיד געוואָרן ווארטנדיק. פּלוצלים איז אַרײַן דער ראָוו עפּעס ווי שטארק צעטראָגן, מיט א געקנייטשטן שטערן, וואָס דאָס האָט זייער גוט באוויזן, אז אינווייניק אין קאָפּ זײַנען דאָ פיל מאכשאָוועס, און ס'איז עפּעס נישט גלאטיק. ער האָט עטלעכע מאָל א פיר געטאָן די האנט איבער דעם פּאָנעם און דערבײַ אויסגעצויגן די האָר פונעם באָרד, דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום אוילעם בעזע־האַלאָשן:

— זײַט מיר הונדערט מאָל מויכל, ראבויסײַ, וואָס איך האָב אײַך דאָ געלאָזט אזוי לאַנג ווארטן. איך בין געווען טאָרעד מיט דער דאָזיקער יידענע, נעבעך, אצינד בין איך זייער צעטראָגן. עס טוט מיר, לוי־אַלייכעם, א ביסל ווי דער קאָפּ. דערבײַ איז שוין טאקע א ביסל שפּעטלעך. דעריבער וואָלט איך געזאָגט, לאָז דאָס לייענען פאר היינט גענוג זײַן. אימירצעשעם, מאָרגן פרי, בעט איך אײַך, זאָלט איר מויכל זײַן קומען, וועלן מיר בעלי־נעדער דערלייענען ביז אין דעם סאָף ארײַן. נאָר איך בעט אײַך צו קומען, אויב אײַער גוטער ווילן וועט זײַן, פרי, טאקע גאנץ פרי, באַלד נאָך דעם דאווענען.

דער אוילעם איז זיך צעגאנגען. אז איך בין צוריקגעקומען צום בעסמעדרעש, האָב איך געטראָפן מײַן הונגעריק פערדל, נעבעך, ווי ער שטייט מיט אופגעשטעלטע אויערן און קוקט אין בײַדל ארײַן.

נו, כאָכעם מײַנער, האָב איך געזאָגט און אים א נעם געטאָן פרײַנטלעך בא דער טשאָפּרינע, קום עסן סיטשקע! לעסאטע, כאָכעם מײַנער, ביסטו נישט קראנק צו עסן סיטשקע. מאָרגן אימירצעשעם, אז די כאָכמע דײַנע וועט אײַנגיין, דענסטמאָל, זעסטו, האָסטו בא מיר א גאנץ מעסטל האָבער.

8

קומ וואָס איכ האָב דערלעבט מאָרגנ פרי אָפּצוראוונענ, האָב איכ עפּעס איבערגעכאַפּט אינ דער גיכ, איבערגעלאָזנ ווײַטער אַפּ דעמ שאַמעס מײַנ בײַדל מיט דעמ פערדל אונ מיכ געיאָגט געשווינד צומ ראָוו, וואָס אַהינצו איז באַלד טאַקע אָנגעקומענ דער איבעריקער נעכטיקער אוילעמ — כוץ אײנ רעב פײַוויש אַלײנ האָט געפעלט צומ מיספּער. אַלע האָבנ פּאָשעט געבערענט הערנ דעמ סאָפּ פונ דער מײַסע אונ זיכ געריכט אַפּ עפּעס נײַס.

דער ראָוו האָט זיכ אַנידערגעזעצט, גענומענ אינ האַנט די פּאַפּירנ, אונ נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ א ביסל אויסגעהוסט, האָט ער געזאָגט:

— מיר זײַנענ נעכטנ, דאַכט זיכ, געבליבנ דערבײַ: „איכ, שלימאַזל, בינ איבערגעבליבנ אינ צוויאַטשיטש ווי אַפּנ וואַסער". יאָ, טאַקע דאָ, דאָ! אַצינד, ראַבויסײַ, הערט, זײַט מויכל, ווײַטער אונ זײַט מיכ נישט מאַפּסיק. אָט וואָס ער שרײַבט ווײַטער:

.... ראָשעשאָנע האָב איכ אינ צוויאַטשיטש געגעסנ בא א ייִדנ, וואָס איז שווער אַקוראַט צו באַשטימענ, וואָס פאַר א מענטש ער איז געווענ: עפּעס נישט קײנ כאָסיד, נישט פונ הײַנטיקער וועלט, עפּעס אַי אַהינ, אַי אַהער, אונ דאַכט זיכ ווידער טאַקע נישט אַהינ, נישט אַהער. נישט געקלײדעט אַלטפעטעריש, נישט הײַנטיק מאָדיש, נישט, ווי מענ זאָגט, פלײשיק, נישט מילכיק. עפּעס גאָ — האַלבגעבראָטנ, גלאַט פאַר זיכ עפּעס א מינ ייִד. איכ האָב

דערנאָך אין דער וועלט באַגעגנט אַ סאַך אַזעלכע מינע ייִדן, נאָר איך בין קיינמאָל אף זיי קיין מייווינ ניט געווען, און נישט געקענט רעכט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מענטשן זיי זײַנען...

אַז איך בין דאָ געבליבן עלנט, זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ שעפּעלע איינער אַליין, נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען, און בין געגאַנגען צו דעם דאָזיקן ייִדן און האָב אים דערציילט מײַן אומגליק, די גרויסע צאָרע, וואָס מיך האָט געטראָפן. דער דאָזיקער ייִד איז געווען בעטעווע נישט קיין שלעכטער, אַ שויסעק, אַ רענדל אַ וואָרט. ער האָט מיך שווײַגנדיק אויסגעהערט און אַלץ געגלעט די וואָנצעס. דערנאָך האָט ער פאַרטראַכטערהייט אַ מאַך געטאָן, איך זאָל בלײַבן בא אים אין שטוב, און געהייסן, מען זאָל מיר געבן עפּעס עסן. בא דער נאַכט, אַרום זייגער צען, עלף, אַז אף דער גאַס האָט מען שוין נישט געזען קיין מעשוגענעם הונט, און אינדרויסן איז געווען אַזוי פינצטער, כאָטש אַן אויג אַרויסצונעמען, איז ער מיט מיר געגאַנגען העט־העט אין עק שטאָט, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל. אין דעם דאָזיקן געסל איז געווען רויִק, שטיל ווי אף אַ בעסוילעם. עס האָט נאָר זיך געהערט דאָרט אַ רוישן פון ביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט זיי געטרעשטשעט, ווי אויך אַ געשושקערײַ פון עטלעכע איבערגעבליבענע דאַרע בלעטלעך ערגעץ דאָרט אף אַ בוימל, און אַ קאָל פון אַ דריבנע אָס־ענדיק רעגנדל, וואָס האָט צו־ווײַלן געקראָפּעט אף אַראָפּגעפאַלענע בלעטער אי אף פאַרטריקנטע גראָז פון אַלערליי מינע גאָרטנוואַרג. איז דער ווינט אף אַ רעגע אַנשוויגן געוואָרן, האָט פונדערווײַטנס זיך געלאָזט הערן אַ געקלאַפּערײַ ערגעץ פון אַ מיל און אַ ליאַרעם, אַ גערויש פון אַ ביסטרע פלייצנדיק וואַסער. קוים האָט דער ווינט ווידער אָפּדאָסנײַ אָנגעהויבן, האָבן מיט אים, באַם אָנהייב, פון דער שטאָט זיך פאַרטראָגן מעטושטעשע, פאַרמישטע מינע קוילעס: אַ קריי פון אַ האָן, אַ מרוקען פון אַ קו, אַ סקריפּ פון אַהין־און־אַהער זיך שלײַדערנדיקן טויער, אַ גערודער, אַ געטומל פון אַ באַלעגאָלישער פאָרנדיקער יאַזדע און אַ בילן, אַ האַווקען פון אַ באַלעבאַטישן הונט. אָפּאָנעם, אַז אין יענעם געסל זײַנען נישט געזעסן קיין ייִדן, זיסט וואָלט דאָך דאָרט נישט געווען קיין גערטנער מיט ביימער, אף דער ערד וואָלט דאָך נישט געווען צעזייט,

צעשפרייט קיינ בלעטער, אונ מײַנ ייִד וואָלט דאָכ געמוזט טאפנ דעמ וועג, ער זאָל, כאָלילע, אינדערמיט גאס נישט ארופ אפ א קו, אָדער נישט אָנשלאָגנ זיכ אינ צעבראָכענע טרעפלעכ פאר איטלעכער טיר. מײַנ ייִד איז מיט מיר אלצ געגאנגענ, געגאנגענ, נישט צו ריידנ אפילע איינ וואָרט. ביז צומ סאָפ זײַנענ מיר צוגעקומענ צו א הויפל אונ ארײַנגעגאנגענ דאָרט אינ א נידעריקס, נישט קיינ גרויס הײַזל. אינ א קליינ פאָר־כיידער האָט געצאנקט א ליכט. דאָרט האָט מײַנ ייִד' אויסגעטאָנ זײַנ אויבערקלייד אונ איז ארײַנגעגאנגענ אינ צווייטנ כיידער. מיר אָבער האָט ער געהייסנ ווארטנ דאָ אינ דעמ פאָר־כיידער. מיר איז גראָד אויסגעקומענ דאָרט שטיינ הינטער דער צו־געמאכטער טיר. האָב איכ געהערט אָט אזא מינ שמועס [1]:

1 אינ דער אויסגאבע פונ 1907 איז דאָ צוגעקומענ אזא ווארִיאנט:
„אר קאנ איימרימ בעשאבעס האגאָדל — דערמיט האָט זיכ געענדיקט דאָס לעצטע בלעטל פונ די, וועלכע דער ראָוו האָט מיר געגעבנ, אונ אזוי ווי ס'איז געווענ שוינ שפעטלעכ באנאכט, האָב איכ געלייענט קרישמע אונ זיכ געלייגט אפ מײַנ אָרט אינ בעס־מעדרעש שלאָפנ.

קאפיטל 10

קוימ וואָס איכ האָב דערלעבט מאָרגנ פרי אָפצוראווענ, האָב איכ עפעס איבערגע־כאפט אינדערגיכ, איבערגעלאָזנ ווײַטער אפ דעמ שאמעס מײַנ בײַדל מיט דעמ פערדל אונ מיכ געיאָגט צומ ראָוו.

אינ שטיבל באמ ראָוו האָב איכ געטראָפנ א היפשנ אוילעמ מענטשנ, אָנ אײַנ־אָרע — דאיאָנימ אונ בעגידימ. דער ראָוו אליינ איז דאָרט ניט געווענ. אלע אינ שטיבל זיצנ עפעס אזוי ווי פארטראכט...

[איצט קומענ פארשיידענע רעפליקעס, וואָס געפינענ זיכ אינ דער אויסגאבע פונ 1879 (אינ אנדערע ערטער) אונ דערנאָכ אזא דיאלאָג:]

— זײַנט איר, ראבויסײַ, דאָ אלע? — טוט דער ראָוו א פרעג, אנידערזעצנדיק זיכ אפ זײַנ שטול.

— אלע, רעבע, אלע, כוצ איינ רעב פײַוויש פעלט צומ מיספער.

— רעב פײַוויש איז הײַנט א באל.. ווי זאָל איכ זאָגנ? א באל־טימכע... כעווערע־קאדישע, רעב פײַוויש, מיינ איכ, וועט נעמענ א גוטנ ראכאש קוווער־געלט פונ ייִצכאָק־אוו־ראָמס יאָרשימ, מיינ איכ,—רופט זיכ אָנ איינער פונ די בעגידימ מיט א שטארק פאר־קרימטער, עסיק־זויערער צורע, וואָס האָט די גאל אינ מויל...

[איצט ווידער רעפליקעס פונ דער אלטער אויסגאבע אונ דערנאָכ:]

... דער ראָוו, זאָל לעבנ, נעמט עפעס א פעקעלע פאפירנ, אונ, אויסהוסטנדיק זיכ א ביסל, טוט ער א זאָג:

— גוטענ אבענד, הער גוטמאַנ!

— ווילקאָמענ, הער יאקאָבזאָנ! אָ, וואָס פאר א גאסט! שױנ זײַט דרײַ וואָכענ ווארענ זי ניכט בײַ מיר. וואָס זאָל עס דײַטנ, הער יאקאָבזאָנ?

— ליבער הער גוטמאנ, ווי האָב איך געקאָנט? זי וויסענ דאָכ, הײַנט איז די הייליגע פײַער־טאגע, יאָנטויוויִמ־צײַט, אונ די היזיגע יודענ זײַנענ אצינד נאָכ מער פאנאטיש ווי אנ אנדערש מאָל, זי קענענ דאָכ מײַנ לאגע, ווי אָפּהענגיק איך בינ פונ דיזע לײַט. זיי זאלנ מיכ, אשטייגער, דערזענ גיינ צו אינענ....

— זי האָבנ פאָלקאָמענ רעכט, הער יאקאָבזאָנ. אויב אזוי, האָבנ זי רעכט. יא, זי זינד אָפּהענגיק, זי האָבנ פאמיליע.

— האָט איר שוינ געענדיקט אײַער ווערק, הער גוטמאנ?

— אָ, יא, דאס בוכ איזט מערקווערדיק געלונגענ, זייער א נוצליכער סייפער! שאדע נור, דאָס בײַ אונדז זייער ווייניק מענטשנ זינד, וועלכע העברייִיש לעזנ.

— זאָגנ זי בעסער, הער גוטמאנ, דאָס איר קיינ בעלוינונג פאר אײַער ארבײַט האָט, אונ זי מיסענ אָפּטמאָל, נעבעכ, דארבענ אונ דערצו נאָכ אונפערדינט לײַדענ פערפאָלגונג אונ רעדיפעס.

— גלויבנ זי מיר, הער יאקאָבזאָנ, דער שרײַבער, דער דיכטער, ברויכט

— מיר זײַנענ נעכטנ, דאכט זיכ, געבליבנ דערבײַ: „האָב איך געהערט אָט אזא מינ שמועס".

— יאָ, דאָ! דאָ! — רופ איך מיכ אָנ אונ טו א לייג פאר דעמ ראָוו די עטלעכע בלעטלעכ, וואָס ער האָט מיר געגעבנ נעכטנ.

— א־א, גוט, גוט, רעב מענדעלע! — מאכט דער ראָוו פרײַנטלעכ צו מיר אונ שטעלט מיכ פאָר פאר דעמ אוילעמ:

— דער דאָזיקער אוירעכ, ראבויסײַ, איז רעב מענדעלע... אונדזער רעב מענדעלע! איכ האָב אימ געלאָזט מאטריעכ זײַנ צו מיר, ווײַל ער איז נייטיק צומ איניענ. אצינד, ראבויסײַ, הערט, זײַט מויכל, וואָס עס שטייט געשריבנ ווײַטער.

עס יוערט באלד טאקע, ווי דער שטייגער איז, א הוסטערײַ, א נאָז־שנײַצערײַ, מיט די בענקלעכ א געריקערײַ. דער ראָוו, זאָל לעבנ, קוקט ארײַנ ערנסט אינ די פאפירנ, גלעט די באָרד אונ ווארט ביז דער אוילעמ וועט זיכ בארויִקנ.

קאפיטל 11

אונטער דער צוגעמאכטער טיר — הייבט דער ראָוו אָנ לייענענ ווײַטער — האָב איך געהערט אָט אזא מינ שמועס"... (אויסג. 1907, זז. 32—34).

אייגנטלעכ קיינעמ אנדערש לאָז אויסער פערשטאנדענ צו ווערדענ. פעראכטונג, רעדיפעס, מאנגעל, דיזע שפּאָרנענ נור זײַנ גײַסט צו ארבײַט אנ. ערסט דענסטמאָל גלוסט זיכ ארבײַטענ. אונפערדינטע פעראכטונג, אומקאָוועד, איזט עבענ זאָ דעמ מענשענ אנגענעמ, ליב, ווי פערדינטע אכטונג. פיר די ווארהײַט, דעמ עמעס, צו לײַדענ איזט אייגנטלעכ קיינ לײַדענ. לײַדענ הייסט כאנפענענ, צוואטשענ, זיכ זעלבסט פערלייגנענ, זײַנ געוויסענ, זײַנ הערצ, זײַנ סייכל צו פערקויפענ. זי מיינענ, אײַנ כוינעפ, אײַנ פאלשער מענש צו זײַנ איזט אײַנע גרינגע, לײַכטע ארבײַט? כאָלילע! עס איזט אָבער עבענ זאָ שווער ווי אײַנ גאנעוו צו זײַנ. דער כוינעפ, דער צוואק, דער פאלשער מוז אימער זאָ פירכטענ, אימער זאָ אפ דער הוט זײַנ, זיכ שטענדיק זאָ היטענ ווי דער גאנעוו. גלויבענ זי דענ, דאָס אלע מײַנע פערפאָלגער, וועלכע מיר רוידעפנ, רעליגיעז, עמעס פרומ אונ גליקלעכ זינד? אָ, ניינ, ניינ! אײַנ געוויסער טייל פונ זיי רוידעפנ, פערפאָלגענ מיכ בלאָס אויס נײַד, אויס קינע. גאנצ פּאָשעט, זיי פילענ זיכ פאר ליידיגע, אונגעוויסענדע, אוניצליכע מענשענ, זיי שטעכט, פארוואָס איז דאָ אײַנ פערשטענדיגער מענש, וועלכער אפ זיי א מיוונ איזט אונ נעמט זיי דורכ אונ דורכ מיט אָפענע אויגנ. זיי שײַענ זיכ, שײַענ זיכ פאר אָפענע אויגנ, זאָ ווי פלעדערמײַזע פאר די שטראלנ פונ דער ליכטיקער זונ.

— ווירקלעכ, הער גוטמאנ, מיט זעלכע אייגנשאפטנ אונ זעלכע גוטע מאכשאָוועס זינד זי בעעמעס טאקע בענײדענסווערט. מענ דארפ זי טאקע מעקאנע זײַנ. וויסענ זי, וואָס אייגענטליכ בינ איכ יעצט צו אײַנענ געקאָמענ? איר האָט מיר שוינ אײניקע מאָל געזאָגט, אז איר ברויכט נײטיק א ייִנגל, צו שיקנ אמאָל א גאנג. אצינד האָב איכ אזעלכנ בעקאָמענ אונ האָב אימ געבראכט. עס שײַנט, ער איז אײַנ ערלעכ ייִנגל, כאָטשע א ביסל א לעקיש, ניט געשליפענ.

איכ האָב דעמ דאָזיקנ שמועס קימאט אינגאנצנ פארשטאנענ. דאָס הייסט נישט דעמ געדאנק, דעמ פשאט דערפונ. דאָס איז געווענ נישט פאר מײַנ מויעכ. איכ האָב נאָר פארשטאנענ ווערטער. א טייל ווערטער זײַנענ געווענ פונ אונדזער לאָשנ, ייִדיש-טײַטש, אונ אפנ ביסל דײַטשע ווערטער האָב איכ שוינ געקענט ווי ס'איז מיכ אָנשטויסנ, מאכמעס ארומפּאָרנדיק מיט דעמ כאזנ האָב איכ אלערליי סאָרטנ מענטשנ

געהערט ריידן. דער כאזן אַליין פלעגט אויך ליב האָבן אַרײַנצוּוואַרפן אַמאָל אין זײַן שמועס עפּעס אַ דײַטש וואָרט, ווען עס האָט אים געפּאַסט. אַמאָל פלעגט אים נאָך גאָר אויסקומען צו זאָגן, אַז ער זינגט נאָך נאָטן און קאָרכיש דאַוונען קען ער אויך.... די טאַלמעטוירע האָט מיר אויך געגעבן אַ ביסל דײַטש פון די טײַטשווערטער אין כו־מעש, ווי אַשטייגער: „וואַלאַטאַ“ — און אַ נעפל; וועסאַדו ליב־בעם“ — און לענט אונטער אײַער האַרצ; „יערײכי“ — מײַן דיך; „מאַכשויפ“ — אַנטפּלעקט; „באָאָכו“ — אַפן געמײזעכצ; „ביין האַמיש־פּעסאָים“ — צווישן די געמאַרקן; „וואַטכאַלעלעהאָ“ — און דו האָסט זי פאַרשוועכט; „קוימעמיִוס“ — האָפּערלעך, אוכדוימע נאָך אַזעלכע טײַטשן. אין דער צעלניק־קלייט האָב איך אויך געכאַפּט עטלעכע דײַטשע ווערטער פון די עלטערע מעשאָרסים, וואָס פלעגן אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַ קוינע זיך צעלאָזן אַף דײַטש: „מײַן האַר, קוקן זיי אָן די וואַרע! איך האָב, בענעמאָנעס, ניכט טײַער געביטן, שוין וועלוועלער פון באַרשטש, זאָג איך אינען. זיי וועלן, מײַן האַר, קיין כאַראָטע ניכט האָבן“. נאָר כוץ דעם גאָר, פאַרשטייען טאַקע אַלע ייִדן דײַטש. ס׳איז דאָך פאָרט זייער מוטערשפּראַכע....

די טיר האָט פלוצלים זיך אופגעעפנט, און מען האָט מיך אַרײַנ־גערופן אין דעם צווייטן כיידער. מײַן ייִד איז דאָרט געזעסן אָן דעם היטל. דער דײַטש האָט מיך אָנגענומען בא דער האַנט און געזאָגט צו מיר גאָר פרײַנטלעך:

— נו, ליבער, יונגער מענטש! דו ווילסט בא מיר אין הויז זיך שטעלן? בא מיר וועסטו נישט האָבן קיין שווערע מעלאָכעס, דו וועסט באַדאַרפן טאָן געוויינטלעכע זאַכן און גיין אַמאָל אַ גאַנג.

איך האָב אויסגעטאַפּעפּעטשעט אַ פּאָר אויגן און עפּעס אַזוי טאַמעוואַטע געקוקט, אַז דער דײַטש האָט נישט געקענט זיך אײַנ־האַלטן אַ שמייכל צו טאָן. ער איז מיר אָבער באַלד זייער געפעלן. זײַן פּאָנעם האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי גוט, און ער האָט מיט מיר עפּעס אַזוי פרײַנטלעך גערעדט, נישט ווי אַלע אַנדערע, ווי דער שנײַדער, דער כאַזן, אַשטייגער, און ווי די מאַמע מײַנע אפילע, און געקוקט אַף מיר מיט אַזאַ רויִקער, גוטער מינע, אַז עס האָט מיך צו אים עפּעס געצויגן. איך האָב אופגעהויבן די האַנט צו מײַן שמויסן־מיצל (וואָרעם איך בין שטענדיק געגאַנגען אין אַ

שמויסנ־מיצל, סײַ ווינטער, סײַ זומער אינ די גרויסע היצנ, בעשאס אפילע איכ בינ געגאנגענ באָרוועס), האָב עס א קאָפּ אונטערגעהויבנ אונ געהאַלטנ איבער דעמ קאָפּ. דערנאָכ האָב איכ עס א רוק גע־טאָנ אפ איינ זײַט, אפ דער אנדערער זײַט קאָפּ, א ביסל א בייג גע־געבנ צומ פּנימ, א שלעפּ געטאָנ פונ הינטנ, אהינ־אהער, א קאַ־פּעכשקע העכער, אונ מיט דער אנדערער האנט א טאפּ געגעבנ די פּייעס, א קראַצ די פּאָטיליצע. איכ האָב פּאָשעט אליינ נישט גע־ווּסט, וואָס צו טאָנ מיט דעמ קאָפּ אונ מיט דעמ מיצל. ביז לעסאָפּ האָב איכ מיר געכאכט א הארצ אונ האָב עס אפ גאָטס באַראָט ראפּטאָמ אראָפּגעראַפּט פונעמ קאָפּ. איכ האָב בעשאסמײַסע געפילט, ווי איבער מײַנ הוילנ קאָפּ ווייעט עפּעס א קיל ווינטעלע, גלײַכ מענ וואָלט מיכ געשוירנ. אלע רעגע האָב איכ געמוזט מיכ בא אימ א טאפּ טאָנ. ס'איז מיר פאָרגעקומענ עפּעס ווילד־מעשונע!

— נו, מײַנ ליבעס קינד, — האָט דער דײַטש געזאָגט אונ מיר ארופגעלייגט זײַנ האנט אפ דעמ אקסל. — דו ביסט א גוטער בורש! ווי הייסטו?

איכ בינ געשטאנענ פארדולט, אקוראט ווי אמאָל פאר יענעמ דײַטש אינ דער טאלמעטוירע, האָב געעפנט א מויל, אויסגעשטעלט די אויגנ אונ געקוקט לעקישעוואטע, נאָר ווי אנ אָנגעמאָלטער גוילעמ.

— ווי הייסטו? — האָט דער דײַטש מיכ נאָכאמאָל א פרעג געטאָנ.

— איכ ווייס?!

— ס'טײַטש, דו ווייסט נישט ווי דו הייסט! ווער דענ זשע ווייסט?

— די מאמע, — האָב איכ געענטפערט, — די מאמע מײַנע פלעגט מיכ רופנ ייִצכאָק־אווראָמצע; דער טאלמעטוירע־מעלאמעד — איצע־אווּרעמעלע; דער שנײַדער — מאמזערוק איציק־אווּרעמל; דער שוסטער, בעשאס ער פלעגט מיר צעווינטשעווענ, ווענ איכ האָב געטראָגנ די פּאמויניצע, — האָט מיכ גערופנ — איצעני־אווראָמעניו; אונ דער כאזנ — אווראָמקע. הײַנט ווי זאָל איכ וויסנ וויאַזוי איכ הייס?

— גערעכט! — האָט דער דײַטש געזאָגט מיט א שמייכל. — נאָר זיבנ נעמענ ווי ייִסרע האָסטו פאָרט נישט. דו האָסט נאָר איינ צונויפגעפּאָרטנ נאָמענ: ייִצכאָק־אווראָמ, זייער א שיינער, נאָכ די אָוועס. איכ וועל דיכ טאקע אזוי רופנ. דו הייסט בא מיר

איזאַק-אבראהאם, אָדער אבראהאם. נו, ווילסטו בא מיר זײַן, אבראהאם?

— איר זאָלט מיך אָבער נישט הארגענען, שלאָגן. איך האָב שוין, כ׳לעבן, קיין גאנץ ביינדל נישט.

בא דעם דײַטש האָבן טרערן זיך געשטעלט אין די אויגן.

ער האָט מיך אָנגענומען בא דער פּלייצע און, ארײַנקוקנדיק מיר אין פּאָנעם, געמאכט אזוי:

— נעבעך, נעבעך! עס ווײַזט אויס, ער האָט זייער פיל געליטן. אזוי יונג און האָט שוין, נעבעך, קיין גאנץ ביינדל נישט! יאָ, יאָ, — האָט ער זיך אָנגערופן דערנאָך צו מײַן ייִדן. — יאָ, ער איזט ווירקלעך פּלומפּ, זייער נאיִוו, טאמעוואטע, אָבער אײַן גוטער בורשע.

מײַן ייִד האָט געשוויגן און נאָר געגלעט די וואָנצעס.

— ניין! — האָט דער דײַטש ווידער צו מיר געזאָגט. — איך וועל דיך, אף מײַן וואָרט, נישט אָנרירן. דו ביסט דאָך אזא מענטש ווי איך. כוץ דעם ביסטו נאָך אן עלנטער אויך. זײַ רויִק, איך וועל דיך נישט שלאָגן. נו, בלײַבסטו בא מיר?

— יאָ! — האָב איך געענטפערט, און בין געבליבן באם דײַטש.

דער דײַטש איז, נעבעך, געווען זייער אָרעם, נאָר די אָרעמקײַט אָבער האָט בא אים אין הויז קיין שפּיטע נישט געהאט ארויסצוווײַזן זיך מיט איר אומריינקײַט, פּוילקײַט, אָפּגעלאָזנקײַט און מיט אלע אירע איבעריקע מיִעסע סימאָנע־דאלעס, ווי געוויינטלעך בא אלע אנדערע, און ביפראט נאָך בא ייִדישע אָרעמע, נישט קיין פארמעגלעכע לײַט. אין שטוב בא אים איז געווען ריין, אלצדינג אף זײַן אָרט. עס האָט געלויכטן, געפינקלט אין איטלעכס ווינקעלע. די מאדאם, זײַן ווײַב, האָט אכטונג געגעבן אין איטלעכער שפּארונע, נישט געזעסן קיין רעגע ליידיק: געקאָכט, געבאקן, געשמירט, גערייניקט, געארבעט, גענייט, פאריכט גרעט. און בא די אלע דאָזיקע מעלאָכעס, וואָס מאכן אן אנדערע בייז ווי א רוצח, איז זי שטענדיק געווען רויִק, שטיל, מיט א פריילעך פּאָנעם. צו אלצדינג האָט זי געהאט צײַט. ווי פארטראָגן זי איז געווען, איז איר נאָך איבערגעבליבן צײַט צו האלטן אמאָל א בוך, צו לייענען און וויסן, וואָס טוט זיך, וואָס הערט זיך אף דער וועלט. דער מאן איז בא איר

געוועג געהויכט אונ געקרוינט. זי האָט פונ אימ אי פונ זייַנ שרייַבנ געהאלטנ אוילעמ-אומלויע, נישט צוגעלאָזנ צו אימ קיינ שומ אגמעכנעפעש, וואָס האָט אימ געקענט שטערנ פונ דער ארבעט, אונ איז געוועג מיט אימ בעעמעס איינ גופ, איינ נעשאָמע. זייער עלטסטע טאָכטער, א פייַנע, אנ איידעלע, פלעגט צוהעלפנ דער מוטער, פלעגט וואשנ, פרעסנ, טאָנ וואָס מעג באדארפ אונ זייער שייג שטריקנ. זי האָט געהאט אפ איבערצובייַטנ נאָר איינ קלייד, אָבער ווי שיינ אונ ריינ איז עס טאָמעד געוועג, נאָר שפּאָגל-נייַ, ווי ערשט פונ דער נאָדל! אלע טאָג, אינ איינ באשטימטער צייַט, פלעגט זי לערנענ מיט אירע צוויי קליינע שוועסטערלעכ, וועלכע זי האָט מאָדריכ געוועג, געגעבנ א גוטע עדוקאציע, זיי טאָמעד געצוואָגג אונ געפירט ריינ ווייַס אָנגעטאָנ. דער עלטערער זונ האָט געלערנט אינ אוניווערסיטעט, וואָס פונ דאָרט פלעגט ער אָפט שיקנ צו די עלטערנ הייסע ווארעמע בריוו, אינ וועלכע ער פלעגט זיי טרייסטנ אונ בעטנ, זיי זאָלנ זיכ נישט זאָרגנ, אָפעסנ זיכ דאָס הארצ דערפונ, וואָס זיי זייַנענ נישט בעיעכוילעס אימ צו העלפנ מיט עפעס געלט אפ זייַנע היצטארכעס. עמעס טאקע, ער לייַדט א ביסל דאכקעס, אָבער ער האָפט, אז ער וועט ווי-עס-איז זיכ אויסדרייענ אונ נישט שטארבנ פאר הונגער. „נישקאָשע, פלעגט ער אויסלאָזנ מיט א טרייסט, דאָס, וואָס איר האָט מיר געגעבנ, האָבנ עס אנדערע רייַכע טאטעס אונ מאמעס זייערע קינדער בעשומויפנ נישט געגעבנ. איר האָט מיר געגעבנ א סאכ מער פונ געלט — איר האָט מיכ געלערנט, אויסגעיידלט מייַנ הארצ, ארייַנגעלייגט אינ מיר גוטע געפילנ: ליבשאפט צו מענטשנ, ראכמאָנעס צו בידנע אומגליקלעכע לייַט אונ מיכ געוווינט זיכ צו באגנוגענענ מיט ווייניק, איבערצוטראָגנ צאָרעס אונטער א שלעכטע צייַט מיט א פרייליכ געמיט. אזעלכע מידעס-טויוועס, וואָס רייַכע עלטערנ קענענ זיי מיט גאָר זייער געלט אונ דעמ גאנצנ פארמעגנ זייערע קינדער נישט געבנ“...

דעמ זונס דאָזיקע בריוו פלעגנ אלע אינ שטוב זייער אָפט לייענענ הויכ, זיכ בעשאסמייַסע פרייענ אונ צוגלייַכ זיכ באוואשנ מיט טרערנ. האקלאל, דאָס איז געוועג זייער א טייַערע, זעלטענע פאמיליע. איכ האָב דענסטמאָל אָבער נאָכ גאָר אזוי ווייַט קיינ סייכל נישט געהאט דאָס אלצדינג צו פארשטייג, אקוראט ווי איכ האָב עס איצט דאָ

באשריבן. איך האָב נישט מער ווי געפילט, אַז גוטמאַן און זײַן ווײַב זײַנען עפּעס גאָר אַנדערע מינע מענטשן, נישט אַשטייגער ווי לייזער דער שנײַדער מיט לייזעריכען, ווי רעב אזריאל דער מעלאַמעד מיט זײַן פּלוינעסטע און אויך נישט אַפילו ווי דער רײַ־בער צעלניקער מיט זײַן דיקער, געזונטער צעלניקערן, די איישעס־כײַעל, וואָס האָט געהאַט אַ פּיסק אַף שרויפן, געטראָגן אַ האַלדז פּערל, אַ זײַדן קלייד, און אײַנגאַנצן איז זי געווען פאַרשמירט, פאַרשלומפּערט, — האָב מער נישט ווי גלאַט געזען, אַז דאָס איז נישט דאָס הויז, נישט, מישטיינסגעזאָגט, יענע ייִדישע אָפּגע־לאָזענע, צעקראָכענע קינדערלעך, נאָר אין טאָך אַרײַן צו פאַרשטיין דעם ווערט זייערן, דאָס איז דענסטמאָל נאָך נישט געווען פאַר מײַן מויעך.

דער דײַטש מײַנער איז געזעסן טאָג ווי נאַכט אין זײַן באַזונ־דער כיידער, אַרום אים האָבן זיך געוואַלגערט ביכער אַפן טיש און אונטער דעם טיש, און ער האָט אַלץ געשריבן. ער איז געווען אין דעם שרײַבן זייער פאַרטיפט, און מע האָט באַשײַמפּערלעך געזען, אַז ער האָט דערפון כּיעס. ער פלעגט דערבײַ אַמאָל ריידן צו זיך אַליין, לאַכן, אָדער קריצן מיט די ציין, גלײַך ווי ער וואָלט מיט עמעצן עפּעס געהאַט וואָס צו טאָן. האָט מען אים אַמאָל אין דער מיט מאַפּ־סיק געווען מיט עפּעס אַ זאַך, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פלו־צלים, גלײַך ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל, געקוקט עפּעס צעטראָגן און געענטפערט בוידעם, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. איך פלעג נישט איין מאָל מאַכן מיט די אַקסלען און אַוועקגיין, נישט צו וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט. שטיוול האָב איך אים פאַר־שפּאָרט צו פּוצן, וואָרעם ער איז זייער זעלטן אויסגעגאַנגען. דער־פאַר האָט בא אים דער כאַלאַט און די שטעקשיך שטאַרק מיִעס קריִע געריסן.

מײַן איקער־אַרבעט איז געווען — פאָלגן אַ גאַנג. ער פלעגט מיך אָפּט שיקן אַף דער פּאָטשט, אָפּצונעמען און אָפּצושיקן בריוו אָדער פּאָסילקעס. אַמאָל פלעגט ער מיר שיקן צו איינעם מיט אַ קוויטל אָדער מיט אַ בוך אויכדוימע נאָך אַזעלכע גענג. דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? זייער אַ גרינגע זאַך. נאָר אָבער ניין! ס'איז נאָך אַזאַ ביטערע, מיִעסע, שווערע אַרבעט

גאָר ניסטאָ! אז איכ פֿלעג אמאָל אָפּטראָגנ איינעמ א קוויטל, פֿלעגט ער פֿאַרדרייענ שטארק מיט דער נאָז, גלײַכ ווי ס'איז אימ פֿארגאנגענ א רייעכ פֿונ שארפֿנ, ערשט-אָנגעריבענעמ כריינ, אונ מיט א בייז פּאָנעמ מיר הייסנ קומענ מאָרגנ. מאָרגנ האָט ער געזאָגט — איבערמאָרגנ. איבערמאָרגנ האָב איכ אימ אינ דער היימ נישט געטראָפֿנ, אונ באמ קומענ צו אימ שפּעטער נאָכאמאָל, פֿלעגט ער שוינ אפּ מיר א היק טאָנ: וואָס וויל אָט-אָ דאָס ייִנגל פֿונ מיר האָבנ? עפּעס איז דאָכ פֿונ אימ נישט פּאָטער צו ווערנ! אנ אנדערער פֿלעגט פּאָשעט אָנזאָגנ זײַנע מעשאָרסימ, מענ זאָל מיכ נישט לאָזנ אפּ דער שוועל; א דריטער פֿלעגט איבערלייענענ דאָס קוויטל, קווענקלענ זיכ אונ אוועקגיינ, מיר נישט צו זאָגנ אפֿילע א וואָרט; א פֿערטער פֿלעגט זיכ אָנרופֿנ: זאָג דעמ הער דײַנעמ, אז איכ בינ נישטאָ אינ דער היימ! פֿארשטייסטו?.. האקלאל, מענ פֿלעגט מיכ טרײַבנ, אויסוויײַכנ ווי אנ איפּעש. אז מענ האָט מיכ נאָר דערזענ פֿונדערווײַטנס מיט א קוויטל צי מיט א ביכל, פֿלעגט מענ פּראָסט די טיר פֿארשליסנ, אָדער אָנרייצנ אפּ מיר א הונט, א מעשאָרעס.... מענ האָט געזענ, אז פֿיל באקומענ פּאָשעט דעמ שלאק, דער רועכ נעמט זיי צו פֿאר א ביכל, עס מאָרדעוועט עפּעס מיט זיי די ביינער. פֿארוואָס זיי האָבנ דערפֿאר אזוי מוירע? דאָס האָב איכ דענסטמאָל נישט געקענט פֿארשטיינ. האָט איינער אונטער צענ אמאָל זיכ שוינ דערבארעמט אונ צוגענומענ א ביכל, פֿלעגט ער עס באלד טאקע א שלײַדער געבנ צו אלדי שווארצע יאָר, ערגעצ אונטער א בעט, אָדער אונטער א באנק אונ מיר געבנ א צעריסנ קערבל אָנ א נומער.... יענע צײַט איז פֿאר מיר געווענ זייער א ביטערע. איכ ווינטש, אלע מײַנע סאָנימ זאָלנ געפּרוווט ווערנ, גיינ מיט ביכלעכ צו ייִדישע נעגידימ, הערנ דערבײַ זייערע שטעכווערטלעכ, זענ, ווי עס ענדערט זיכ זיי דאָס געשטאלט, ווי זיי בלאָזנ זיכ אָנ, ווערנ אייטלעהאָווע, אונ אָנקוקנ זייער פֿינצטער פֿארצעפּ-פּאָנעמ!

מײַנ ייִדל, אָדער הער יאקאָבזאָנ, פֿלעגט אָפּט קומענ צומ דײַטש שפּעט בא דער נאכט, זיצנ דאָרט א ביסל אונ שמועסנ. אונ ווענ איכ בינ נאָר נישט מיד געווענ, פֿלעג איכ אמאָל זיכ צוהערנ אונטער דער טיר צו זייער שמועס. גלאט אזוי, אבי די צײַט צו פֿארטרײַבנ. איינמאָל האָב איכ געהערט, ווי יאקאָבזאָנ האָט עפּעס דער-

ציילט פון א דאָקטער שטיינהערצ, און זיך אלצ שטארק געכי-
דעשט.

— עט, — האָט גוטמאנ זיך אָנגערופנ, — וואָס כידעשט איר זיך דאָ אזוי און ווערט ניספּאָעל? דער דאָקטער שטיינהערצ איז א קליינ מענטשעלע, און דעריבער טאקע איז ער אזוי רײַך און בא אלע גאָר די נעשאָמע. איז דענ בא אײַך נײַס, אז מענ ווערט א קליינ מענטשעלע, איז מענ דאָס לעבנ און מע דערגרייכט אלצדינג אפ דער וועלט?

איך בינ דערצאפּלט געוואָרנ הערנדיק די דאָזיקע ווערטער! ס'טײַטש, גוטמאָנ, מײַנ הער גוטמאנ זאָגט אויך, אז א קליינ מענ־טשעלע איז די נעשאָמע און איז רײַך!.. איך האָב פאר גרויס וווּנ־דער א שפּרונג געטאָנ, זיך אָנגעכאפּט באמ קאָפּ און בינ געווענ שטארק צעטראָגנ. גוטמאנ אָבער האָט מיך גראָד א רופ געגעבנ, און אז ער האָט דערזענ מײַנ נאריש פּאָנעמ דענסטמאָל, איז אימ או־מעגלעך געווענ זיך אײַנצוהאלטנ, נישט צו טאָנ א שמייכל. מײַנ יידל האָט, אָנקוקנדיק מיך, געשאָקלט מיט דעמ קאָפּ און געמאכט: ע-ע! ער איז דאָך טאקע אלצ טאמעוואטע, דער אייגענער לעקיש וואָס פריער!...

אינ א קורצער צײַט ארומ האָב איך ווידער געהערט אונטער דער טיר, ווי יאקאָבזאָנ האָט אינ א שמועס גערעדט פונ איסער ווארגער, ווי רײַך און גליקלעך ער איז, אינ שטאָט דער גאנצער פירער. זײַנ כשיוועס, זײַנ שטארקײַט איז עפּעס גאָר שעלוי קעדע-רעכ האטעווע.

— ס'איז גאנצ פּאָשעט, — האָט דערופ גוטמאנ געזאָגט, — איסער ווארגער איז א קליינ מענטשעלע, און איז בא דעמ גוויר די נע-שאָמע. דאָס אלצדינג איז דאפקע קעדערעכ האטעווע, ס'איז גאנצ נאטירלעך, און מענ האָט זיך דאָ גאָרנישט צו כידעשנ.

— יאָ טאקע זייער עמעס, גוט אפ דער וועלט איז טאקע נאָר א קליינ מענטשעלע! — האָט יאקאָבזאָנ געזאָגט מיט א זיפצ, זיך באלד טאקע געזעגנט און אוועקגעגאנגענ.

9

באָרעכ־האבאָ, קליינ מענטשעלע! ווידער דאָס קליינע מענטשעלע, נאָכאמאָל טאקע מײַנע ערשטע פריִערדיקע געדאנקענ! דאָס קליינע מענטשעלע איז מיר געווענ זייער אנ אָנגעלייגטער גאסט, פונקט ווי געווונטשנ, אינ דער רעכטער צײַט ווענ איכ בינ געווענ זייער צעבראָכנ, פארומערט. דערשלאָגנ פונ די צאָרעס, וואָס איכ בינ אויסגעשטאנענ, אונ בינ שטארק גערנ געווענ כאָטש א ביסל זיכ אויסצורוענ. א גאנצע נאכט נאָכ דעמ פריִערדיקנ שמועס, האָב איכ שטארק אומרויִק מיכ געוואָרפנ פונ איינ זײַט אפ דער אנדערער, אונ בא מיר אלצ געטראכט אזוי: איסער ווארגער איז א קליינ מענטשעלע, א נעשאָמע, אונ א רײַכער גליקלעכער מענטש. הייסט דאָכ, אפאָנעמ, אז מענ איז א קליינ מענטשעלע איז מענ א רײַכער, א גליקלעכער! אונ אפאָנעמ טאקע, ווי ס'איז מאשמע, קענענ מענטשנ ווערנ קליינע מענטשעלעכ ווענ זיי ווילנ. אונ אז זיי ווערנ קליינע מענטשעלעכ, ווערנ זיי אי רײַכ אי גליקלעכ, אונ דערגרייכנ אלצדינג אפ דער וועלט. האָב איכ דאָכ טאקע, האָט אפאָנעמ, זייער רעכט, וואָס מיר האָט טאָמעד זיכ אלצ געגלוסט ווערנ א קליינ מענטשעלע. יאָ, דאָס אלצ איז זייער רעכט, טאקע זייער גוט! די שײַלע איז אָבער, וויִאזוי ווערט מענ א קליינ מענטשעלע? ווי קומט די קאצ איבערנ וואסער? ווענ אפילע איכ זאָל מיכ דאָ אפילע בייגנ, קרימענ, אײַנהויקערנ זיכ אינ צענטנ, וועל איכ דאָכ פאָרט נישט ווערנ א קליינ מענטשעלע. אפאָנעמ, אז א קליינ מענטשעלע

צו זײַן איז א גרױסע קונצ, טאקע א קונצ, װאָס א קונצ הײסט, נאָכ א סאכ א גרעסערע װי צו מאכנ מיט דער רײפ אונ אלע אנדערע קאָמעדיאַנטסקע שטוקעס. דערינענ מוז אװאדע שטעקנ עפּעס א גרױסע האמצאָע. װאָרעמ זיסט װאָלטנ דאָכ אלע געקענט זײַנ קלײנע מענטשעלעכ, נעשאָמעלעכ, רײַכע אונ גליקלעכע לײַט!...

אָט די דאָזיקע אלע געדאנקענ האָב איכ זײער לאנג אלצ געטראכט, געטראכט אפ מײַנ געלעגער, אונ אז איכ בינ לעסאָפּ אנשלאָפנ געװאָרנ, האָט מיר זיכ געכאָלעמט װוּנדער־שײנע זאכנ: װי איכ באגעגנ אפ דער גאס א קלײנ מענטשעלע, װאָס ארבעט מײַסימ, דרײט זיכ אונ װארפט זיכ אפ אלע זײַטנ. אָט שפּרינגט ער צו צומ קאָהאָל־שטיבל, כאפּט זיכ דאָרט ארײַנ צװישנ א געזעמל קאָהאָלס־לײַט, דרײט אונ מאכט מיט זײ, נעבעכ, די קאָמעדיע. דער אױלעמ לאָזט זיכ נישט לאנג בעטנ, נעמט זיכ צומ בײַטל אונ באצאָלט איטלעכער גאנצ פײַנ פאר די אָנשטעלנ.... פונדאנענ איז ער װי א גילגל ארײַנ צו דעמ באלטאקסע אינ בוזעמ, אימ געטאָנ א געשמאקנ קיצל, בײדע האָבנ געלאכט, עס האָט זײ עפּעס מעשונע האנאָע געטאָנ, אונ איז דערנאָכ ארױס צוריק אינגאנצנ װי אָפּגעגילט פונעמ באלטאקסעס קעשענע. דער באלטאקסע, נעבעכ, האָט דרײַ מאָל אױסגעשפּיגנ, אונ באלד טאקע זיכ געמאכט גאָר אנדערע קעשענעס!.... פונעמ באלטאקסעס קעשענע איז ער—פּוטצ!—ארײַנ אינ דעמ מױל פונ א פּאָר שײנע־ נעפאשעס, בעשאס זײ האָבנ זיכ געזעצט מאכנ „ספּראװעטשנע צענעס” אפנ פּלײש. נאָר װאָס זײ זײַנענ ברײט געװענ ארױסזאָגנ: פינפ אונ פערציק גראָשנ אנ אָקע, האָט ער זײ עפּעס א שמיר געגעבנ, ארײַנגעכאפּט זײער צונג אינ זײַנ הענטל, זײ, נעבעכ, האָבנ זיכ פאריקעט אונ גאָר א זאָג געטאָנ: ז ע כ צ י ק!... פונ זײער מױל, װאָס איז געװאָרנ, נישט פאר קײנ ײדנ געדאכט, א כאָלעװע, האָט ער, װי א דיבעק, זיכ אָנגעטשעפּעט אינ עפּעס א גװירל, מיט אימ געדרײט, געדרײט, געקערט װעלטנ אונ געמאכט פונ אימ א לעדערנעמ דישל... פונ דעמ לעדערנעמ דישל איז ער מעגולגל געװאָרנ אינ א „קאָכלעפל”. פונעמ קאָכלעפל אינ א טאלעסקאָטנ, פונ א טאלעסקאָטנ אינ א קורצ רעקל, אונ פלוצלימ זיצט ער גאָר רײַטנדיק אפ דעמ קאָהאָלשנ צאפּ, װאָס פּאשעט זיכ געװײנטלעכ צװישנ דער טשערעדע ש ט אָ ט-ב ע ה י י מ ע ס!...

האקלאל, דאָס קלײנע מענטשעלע האָט געארבעט, געטאָנ, אונ וואָס ער האָט געטאָנ איז עפּעס אויסגעקומענ נאָר גוט, גוט אונ גוט. איכ האָב אימ אזוי שטארק מעקאנע געווענ, אז איכ האָב אזש אָנגעהויבנ מיכ צונויפּצוציִענ, האָב ארונטערגענומענ די פיס אונטער זיכ, זיכ געקרימט, געקוועטשט אונ אײַנגעהאלטנ דעמ אָטעמ, ביז איכ האָב אויפגעהערט צו דענקענ, צו פילנ, צו זענ אונ צו הערנ — אונ פּלוצלימ בינ איכ, אז ווײל איז מיר, געוואָרנ א קלײנ מענטשעלע, אזוי קלײנ ווי א פלוי! איכ האָב מיכ פּאָשעט מעכײַע געווענ. ס'איז מיר אָפּגעגאנגענ די בײנער, ליכטיק געוואָרנ אינ אלע ראמאכ איִוורימ. באלד טאקע בינ איכ געוואָרנ א נעשאָמע, בא איטלעכנ דאָס לעבנ, אונ דאָס גליק האָט מיר אָנגעהויבנ צו גײנ פונ אלע זײַטנ. איכ בינ געפאָרנ אינ א קארעטע, אָנגעטאָנ ווי א סראָרע. אלע האָבנ מיר אָפּגעגעבנ קאָוועד, מיר צוגעטראָגנ דאָס שענסטע, דאָס בעסטע. מײַנ קוויטל איז געגאנגענ. איכ האָב געטאָנ וואָס איכ וויל, אונ געפירט די גאנצע שטאָט בא דער נאָז. איטלעכער האָט פונדערווײַטנ אפּ מיר געטײַט מיט די פינגער: אָט פאָרט די נעשאָמע, אָט גײט די נעשאָמע, אָט רעדט דאָרט עפּעס די נעשאָמע! אכ, קוקט נאָר אָנ די נעשאָמע! שא! וואָס זאָגט עפּעס די נעשאָמע? וואָס, איר האָט נאדנ-געלט? לײגט עס אײַנ בא דער נעשאָמע! איר האָט עפּעס א מישפּעט, א בוירערעס? גײט, כ'לעבנ, צו דער נעשאָמע! איר באדארפט עפּשער א טויווע האָבנ? צו א טויווע איז נאָר די נעשאָמע! א כאָכעמ, א באלאײצע, א כאָשעוו, א מאכער, א גאבע, א צונויפנעמער איז טאקע נאָר די נעשאָמע!..

פּלוצלימ אָבער האָב איכ אָנגעהויבנ זיכ אויסצוגלײַכנ, אויסצוציִענ, עפּעס האָט אָנגעהויבנ ליכטיק צו ווערנ מיר אינ די אויגנ — אונ, גוט מאָרגנ דיר, מאמזערוק, איציק־אוורעמל! איכ אלײנ טאקע לינ צעלײגט, ווי באמ טאטנ אינ ווײַנ-הויז, אפּ מײַנ געלעגער. איכ טאפּ מיכ: דאָ א טאפּ, דאָרט א טאפּ, יאָ, ווי איכ בינ א ייִד, איכ בינ עס טאקע אלײנ! איכ, שלימאזל, מיט מײַנ אײגענעמ קאָוועד, אינגאנצנ ווי גרויס איכ בינ. פונוואנענ האָב איכ פּלוצלימ דאָ מיכ גענומענ? אכ, האָב איכ עס א ביסל מיכ פײַנט געהאט, פארוואָס איכ בינ אויפגעשטאנענ, אונ פארוואָס איכ בינ עס טאקע איכ אלײנ!...

נו, האָב איך דערנאָך בא מיר געטראַכט: נישקאָשע! איך וועל שוין דערגיין, וויאַזוי מען ווערט א קליינ מענטשעלע. מײַנ טויט זאָל דאָ אפילע זײַן, מוז איך עס דערגיין. דאָ האָב איך באַלד אָנגע־הויבנ ווידער זיך צו באַטראַכטנ אַזוי: בעשאס מיר האָט זיך גע־כאָלעמט, אז איך בינ געוואָרנ א קליינ מענטשעלע — א רײַכער, א גליקלעכער, א פײַנע־בעריע און א גאַנצער מאַכער אינ דער שטאָט, האָב איך דענסטמאָל, דאַכט זיך, אופגעהערט צו דענקענ, צו פילנ, צו זענ און צו הערנ. איז דאָך אפּאָנעם מאַשמע, אז מענ קענ אַנ־דערש נישט זײַנ א קליינ מענטשעלע, סײַדנ טאַקע מענ מוז פריער אופהערנ צו דענקענ און צו פילנ. דאָס הייסט, פּאָשעט איז פּאָשעט, מענ זאָל לעגאַמרע גאָר נישט דענקענ, גאָר נישט פילנ, יענער זאָל אפילע דאָ פאַר דיר די קאַפּאָרע ווערנ און זיך א מײַסע אָנטאָנ. נאָר וואָס טוט מענ אָבער דערצו? וויאַזוי הערט מענ עס אופ צו דענקענ און צו פילנ? דאָס איז דאָך טאַקע די גאַנצע מע־לאָכע. דערינענ ליגט דאָך טאַקע דער הונט באַגראָבנ! איך בינ געפאַלנ אפ א האַמצאָע — פרעגנ מײַנ הער. איך האָב אָבער קעריק טאַ־קע זיך מעיאַשעװ געווענ: סטײַטש! ווענ גוטמאַנ זאָל וויסנ דעם סאָד דערפונ, וואָלט ער דאָך אליינ, נעבעך, געוואָרנ א קליינ מענטשעלע! ער וואָלט דאָך געווענ רײַך, זיך נישט אַזוי געמוטשעט און פאַר־שפּאָרט זיך, נעבעך, שווארצנ דאָס פּאָנעם, שיקנ ביכלעך און אונ־טערוואָרפנ זײַנ די מיינונגענ פונ איטלעכנ באַזונדער. איך האָב אַי־בערגעקלערט די זאַך אפ אלע זײַטנ און בינ געבליבנ בא גאָרנישט.

דעם גאַנצנ טאָג דערנאָך בינ איך ארומגעגאַנגענ ווי א דולער: רער קאָפּ האָט מיר זיך געשפּאָלטנ, איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איך טו און אפ וואָס פאַר א וועלט איך בינ. צו וואָס איך האָב מיך צוגערירט, האָב איך אָנגעמאַכט שאָדנ. איך האָב יענעם טאָג צעבראָכנ צוויי טיי־גלעזער, עטלעכע פאַרצעלײַענע טעלער זײַנענ מיר פונ דער האַנט ארויסגעפאַלנ, איבערגעקערט א טינטער מיט טינט און פאַרביטנ די יאָצרעס באַם סאַמאָוואַר אופשטעלנ: אינ דעם אָרט פונעם וואַסער האָב איך ארײַנגעשאָטנ קוילנ, און אינ דעם אָרט פונ די קוילנ ארײַנגעגאָסנ וואַסער. אלע אינ שטוב האָבנ מיך אָנגעקוקט עפּעס שטאַרק פאַרוווּנדערט, זיך געשושקעט, און געפּילט, אפּאָנעם, ס'איז מיט מיר עפּעס נישט גלאַטיק. גוטמאַנ האָט, אָנווײַזנדיק אפ

מיר דער מאדאמ זײַנער, אנידערגעלייגט א פֿינגער אפֿנ שטערנ, אונ איר געזאָגט שטיל: באמ ייִנגל איז דאָ, אינ קאָפּ, עפּעס נישט רויִק. נאריש-טאמעוואטע האט ער טאָמער אויסגעזענ, נאָר הײַנט זעט ער עס נאָכ מער אויס. ער איז, נעבעכ, ווי שטארק דערשלאָגנ. ער איז נאָכ גאָר א קינד!...

א לאנגע צײַט בינ איכ געווענ עפּעס בייז ווי צענ רוכעס, זיכ אלצ געקרימט אונ נישט געווענ צופֿרידנ. דאָס הארצ האָט מיר געקלאפּט שרעקלעכ שטארק. עס האָט מיר דאָרט אינווייניק גערוישט, זיכ גערודעוועט ווי אינ א מיל. עפּעס ווי א קאָל האָט מיר אלצ געשריגנ: ייִצכאָק-אווראָמ! וואָס וועט פֿונ דיר זײַנ דער טאכלעס? ביזוואנענ וועסטו אזוי פֿארשווארצט ווערנ אונ זײַנ פֿארוואָגלט? ווער א קליינ מענטשעלע, ייִצכאָק-אווראָמ! טו אלצדינג, וואָס דו קענסט, אונ ווער א קליינ מענטשעלע, וועסטו לעבנ גליקלעכ, אינ אוישער, אינ קאָוועד, אונ אויסגלײַכנ דיר דײַנע ביינער!... דאָס קאָל האָט נישט אופֿגעהערט קיינ רעגע מיר צו פּיקנ דעמ קאָפּ. איכ בינ ארומגעגאנגענ ווי א נעכטיקער, שטארק צעמישט, אונ מיר קיינ אייצע נישט געקענט געבנ, וואָס מענ טוט, וואָס מענ הייבט אָנ. פּלוצלימ איז מיר ווי א בליצ ארײַנ דער געדאנק — זיכ שטעלנ פֿאר א מעשאָרעסל באמ דאָקטער שטיינהערצ! בא אימ וועל איכ גאנצ גוט מיכ צוקוקנ צו איטלעכס פּיצעלע, אונ מיט דער צײַט דערגיינ דעמ סאָד, וויאזוי מענ ווערט א קליינ מענטשעלע.

מענ באדארפֿ זײַנ אזא מעגעגע, אזא דערשלאָגנ ייִנגל ווי איכ בינ געווענ, צו פֿארשטיינ דענסטמאָל מײַנ הארצ אונ די מעשונע-שטארקע געפֿילנ, וואָס דער דאָזיקער געדאנק האָט אינ מיר אופֿגעוועקט. איטלעכער אפֿ דער וועלט, אפֿילע אזעלכע, וואָס פֿארשטייענ אנ אייטעק אונ קלוגע אינ מילע-דעאלמע-זאכנ, טאקע איטלעכער באזונדער האָט זיכ זײַנע מאנקאָליעס, זײַנע זאבאבאָנעס, זײַנע נארישקײַטנ, שמאָכטעס, וואָס רעדט זיכ זיי אײַנ, וואָס ליגנ אימ אײַנגעבאקנ אינ הארצ, אונ איטלעכנס אײַנגערעדטע זאכנ קומענ פֿיר דעמ אנדערנ עפּעס מעשונע-ווילד, אָנ טאמ, אָנ רייעכ. קיינער קענ נישט אונ וויל נישט ארײַנ אינ יענעמס לאגע, פֿילנ זײַנ הארצ אונ פֿארטראָגנ זײַנע נארישקײַטנ. איטלעכער נעמט נאָר א רײַע פֿונ זיכ. אײַנער לאכט פֿונעמ אנדערנ אונ אלע זײַנענ מעשוגע!...

איך האָב אופגעזוכט א מעקלער, אים צוגעזאָגט א שיינ מעקלערײַ, אז ער זאָל מיך ארײַנדרייענ פאר א מעשאָרעסל באם דאָקטער שטיינהערצ. עס האָט נישט געדויערט לאנג, האָב איך אָפּגעטראָטנ פונ מײַנ גוטנ הער גוטמאנ, קימאט פונ אים זיך אָפּגעטראָגנ, פארגעסנ דעמ זײַ-געזונט אונ איבערגעגאנגענ אפ מײַנ נײַ אָרט, צום דאָקטער!

10

מיט מײַנ אריבערטרעטנ דאָס ערשטע מאָל די שוועל פונעם דאָקטערס הויז בינ איכ געגליכנ געווענ נאָר צו א וואנצ, וואָס כאפט זיכ ארײַנ צוגאסט אינ א שפעלטל פונ אונדזער בעט, זיצט דאָרט איבער דעם גאנצנ טאָג אונ נעמט זיכ ארויס די אויגנ קוקנ־דיק, ווענ ווענ מיר, מענטשנ, זיכ שוינ אָפפארטיקנ פונ אונדזערע געשעפטנ, זיכ ארײַנלייגנ אינ בעט, זי זאָל שוינ קענענ, לעמאזל, מאכנ מיט אונדז באקאנטשאפט, איבערשמועסנ א ביסל מיקויעכ דער פארנאָסע. די גאנצע קאווואָנע פונ איר קומענ איז דאָכ טאקע נאָר דאָס שטיקל פארנאָסע — צו האָבנ פונ אונדז, פײַנע-בעריעס, די יע־ניקע... דער דאָקטער שטיינהערצ, דער פײַנע־בעריע, איז פאר־טראָגנ געווענ ערגעצ אינ וויכטיקע זאכנ, געשארט גאָלד פונ אלע זײַטנ, אונ אימ איז גאָר אפ דעמ זינענ נישט געקומענ, אז הײַנט פרי האָט צו אימ אינ הויז זיכ פארקליבנ עפעס א וואנצ — מאמזע־רוק איציק-אוורעמל, וואָס וועט אימ דאָ גוט נאָכקוקנ אלע זײַנע גענג, כאפנ דעמ סטרי זײַנעמ אינ דער פארנאָסע אונ לערנענ זיכ בא אימ די קונצ, ווי צו פארווארפנ זיכ אינ א קליינ מענטשעלע.

א גאנצנ טאָג האָב איכ געארבעט, געטאָנ די מעלאָכעס, וועלכע די מאדאמ האָט מיר געגעבנ, אונ שטילערהייט אינ הארצנ אלצ גע־גארט, איכ זאָל שוינ דערלעבנ זענ דאָס קליינע דאָקטערל! מיט־אמאָל עפנט זיכ פארנאכט אופ די טיר, אונ עס קומט ארײַנ א הויכער מענטש, א בורלאק מיט א בויכ, הויכ אונ גרויס ווי גויג־מאָגויג. ווי איכ האָב אימ נאָר דערזענ, האָב איכ אויסגעשטעלט

*

א פּאָר אויגן, און נאָך מײַן שטייגער נאָך, אים אָנגעקוקט שטארק טאמעוואטע. דעם בורלאק איז מײַן קוקן נישט געפעלן. ער האָט מיך דורכגעשטאָכן מיט זײַנע אויגן און אף מיר בייז א קוק געטאָן:

— טשטאָ טי טאק סמאָטריש, באָלוואַנ!

אזא לאָשן האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט און האָב גאָר נישט פארשטאנען דעם פיירעש דערפון. אוי, אוי! האָב איך אָנגעהויבן ציטערן, פלאטערן, גלײַך ווי ער וואָלט מיך געוואָלט קוילן:

— איך הייס איציק-אוורעמל, הייס איך... אבראהאמקע!... איך בין א יאָסעמ... דאָ א מעשאָרעסל, בין איך דאָ!..

— ווידנאָ, טשטאָ טי באָלשוי דוראק! — האָט זיך אָנגערופן דער בורלאק. — נו זשע, דו, פון הײַנט אָן, סמאָטרי! אז איך וועל קומען, זאָלסטו פון מיר געשווינד צונעמען דעם פעלץ, די קאלאָשן, סלישעש?!

איך האָב מיך פאר אים עפּעס אזוי איבערגעשראָקן, אז איך האָב אינגאנצן, ווי גרויס איך בין, מיך דערלאנגט א וואָרף אף דער ערד און שטארק ארומגעכאפּט מים מײַנע הענטלעך דעם בורלאקס געזונטע פיס, אויסצוטאָן אים די קאלאָשן. גאָט האָט מיר געהאָלפן איבערצוקומען בעשאָלעם דעם דאָזיקן שרעק, און דער בורלאק איז ארײַנגעגאנגען אין דעם זאל. איך האָב שפּעטער א ביסל ארײַנגעבראכט דעם סאמאָוואר, און א גאנצן אָוונט דעם שיינעם פארשווינ מיט דער מאדאם באדינט.

בא דער נאכט האָב איך אף מײַן געלעגער אלץ געטראכט, ווער זאָל עס זײַן אָט דער דאָזיקער בורלאק, אָט-אָ דער פּעמפּיק? א גאנצע נאכט זיצט ער עפּעס אליין מיט דער מאדאם, און מאכט מיט איר קוצעניו־מוצעניו, ער זי — ליובעניו, און זי אים צוריק — קעצעלע. וואָס איז דאָס עפּעס פאר א מין קעצעלע? און ווו איז ערגעץ דער דאָקטער אליין? — אזוי האָט א פּאָר טעג קעסיידער דער פּעמפּיק געמאכט זײַנע לאנגע וויזיטן. ווי ער איז נאָר ארויס אָדער ארײַנגעגאנגען, האָב איך מיך אויסגעצויגן אף דער ערד, אָנצוטאָן אָדער אויסצוטאָן אים די קאלאָשן. ער פלעגט בעשאסמײַסע זיך האלטן בא די זײַטן און קוקן מיט גאדלעס אף דער סטעליע. ס׳איז אים קיין פּיצל אפילע נישט אָנגעגאנגען, אז ער האָט מיט זײַנע גראָבע פיס ווי די קאָפּיטעס מיר צוגעקלעמט די פינגער. איך האָב

טאקע לעסאטע נאָכ אלצ נישט געוווּסט, ווער זאָל עס אזוינס דער־פּעמפּיק זײַנ, אָט-אָ דער געזונטער אייסעוו?

אָפּגעפּארטיקט זיכ איינמאָל אינאָווגט פונ מײַנ ארבעט אונ איבערגעלאָזט דאָס קעצעלע שפּילנדיק זיכ מיט דער ליובעניו, בינ איכ מיר ארונטערגעגאנגענ אונטנ אינ דער קיכ, א ביסל בעסער באקאנט צו ווערנ מיט דער קעכנע. אונ האָב זי דאָרט אגעוו עפּעס מיט א ראכמאָנעס-פּענעמל געטאָנ א פרעג:

— זאָגט מיר, איכ בעט אײַכ, ווער איז עס אָט-אָ דער, וואָס קומט אָפּט צוגאסט, איז עפּעס א גאנצער שמעלקע מיט דער מאדאמ אונ שלאָפט אינ דער ספּאלניע?

— הא, וואָס?! — האָט די קעכנע געמאכט, אונ מיכ אָנגעקוקט פארוווּנדערט. — וואָס זאָגסטו? ס׳טײַטש, עמעצער שלאָפט אינ דער ספּאלניע? וואָס הייסט עמעצער?

— ווי איכ בינ א ייִד! — האָב איכ מיכ אָנגעהויבנ צו שווערנ. — זאָל איכ אזוי אופגעריכט ווערנ! זאָל איכ אזוי הערנ שויפער שעל מאָשיעכ. ווי איכ אליינ מיט מײַנע אייגענע אויגנ אונ אויערנ האָב אימ געזענ אונ געהערט ארײַנגיינ אהינ! ס׳טײַטש, אוואדע, איכ זאָל מיט אײַכ טאקע אזוי געזונט אונ גליקלעכ זײַנ! ווי הייסט ער עפּעס דאָרט באמ שפּיצ־נאָמענ, קעצעלע, צי קאָטערל? ווייס אימ דער שווארציאָר!

— נו, אונ דער באלעבאָס? — האָט די קעכנע געפרעגט מיט א פריילעכ פּענעמל, אונ די אייגעלעכ האָבנ איר זיכ צעפלאקערט אזוי ווי אינ אויוונ בעשאס כאלע־באקנ.

— דער באלעבאָס! — האָב איכ געענטפערט, אונ בא דעמ נאָמענ עפּעס א ביסל געשטאמלט, ווי אײַנער, וואָס ווערגט זיכ אונ וויל פאר יענעמ עפּעס נישט ארויסריידנ. — דער באלעבאָס נעכטיקט, אפּאָנעמ, נישט אינ דער היימ. ער האָט געמוזט ערגעצ אוועקפאָרנ ארבעטנ אינ זײַנ אייסעק...

— נו, אז ס׳איז יאָ אזוי די מײַסע, — האָט די קעכנע געזאָגט מיט עפּעס א ווילד געלעכטערל, — בינ איכ טאקע א באלנ אליינ ארופצוגיינ זענ. איכ וועל מיר אויסזוכנ עפּעס אנ אויסרייד. ס׳איז קעדײַ, כ׳לעבנ, צו זענ, אז די דאמעס זײַנענ נישט בעסער פונ די דינסטנ... זאָלנ זיי נישט מאכנ אזוי קיינ כיינ!

אין עטלעכע מינוט ארום איז די קעכנע צוריק אראָפּגעקומענ פארפלאמט, רויט אָנגעצונדנ ווי א העליש פייַער און האָט אפ מיר, נעבעכ, געעפנט א פּיסק מיט טויטע קלאָלעס:

—א דו, אכבעראָש, יונגאטש איינער! ביסט דאָכ ווערט, מענ זאָל דיכ דאָ צערייַסנ ווי א הערינג. ס'איז דאָכ א האָזע פונ אזא סמאָרקאטש, פונ אזא פארשטונקענע נעשאָמע, פונ אזא שטיק פלייש, א ווערעמדיק באָכערל! אוורעם אזעספּאָנעם! צו דייַנ קאָפּ, צו דייַנ לייַב אונ לעבנ! וואָס עס האָט געזאָלט זייַנ מיר אונ קאָל-ייִסראָעל, ריבוינעשעל-ווילעמ, טאקע צו דייַנ קאָפּ! פארכאפּט זאָלסטו ווערנ, ריבוינעשעל-ווילעמ, א קיינ טכיִעס-האמייסימ זאָלסטו נישט אופשטיינ! אזוי יונג אונ קענ שוינ צונויפירנ פלאָטקעס, לאָקש-בוידעמ-פּאָליצע! ס'טייַטש, אפ קיינ גוט-אָרט זאָלסטו נישט ליגנ, דער הער אליינ, ס'טייַטש, זיצט דאָכ עס מיט דער מאדאמ דאָרט אינ ספּאלנע!

— גאָט איז מיט אייַכ, וואָס זאָגט איר? — בינ איכ ארויס מיט דער שפּראכע, פאריכטנ מייַנ מאזל בא דער קעכנע. — באטראכט זיכ נאָר, וואָס איר רעדט. סטייַטש, אָט-אָ דער הויכער בורלאק, אָט-אָ דער גראָבער פּעמפּיק!..

— א רועכ אינ דייַנ טאטנס-טאטנס-טאטנס טאטנ ארייַנ, שייַ-געצ! — האָט די קעכנע זיכ צעשריגנ אפ א קוויטש אונ א כאפּ גע-טאָנ די קאָטשערע. — ס'טייַטש, שייגעצ, דעמ באלעבאָס רופסטו בור-לאק? ארויס, שייגעצ, וואָרעמ איכ וועל דיר דאָ פלעטנ דעמ קאָפּ!

איכ האָב מיכ ארויסגערוקט געשווינד פונ דער קיכ אונ בינ מיר ווידער ארופגעגאנגענ אויבנ, שא-קיטש. אז איכ האָב מיכ אנידער-געלייגט אינ דער פּערעדניע שלאָפנ, האָב איכ נישט געקענט פאר גרויס ווונדער קיינ אויג צומאכנ, אונ אלצ בא מיר געטראכט: וואָס הער איכ אונ וואָס זע איכ? דער דאָקטער איז גאָר א הויכער, א גרויסער, א דיקער! הייַנט וואָס זשע האָט גוטמאנ געזאָגט, ער איז א קליינ מענטשעלע?! זאָל גוטמאנ זאָגנ א ליגנ, אזא גראָבנ ליגנ? ניינ, עס קענ נישט זייַנ! גוטמאנ האָט קיינעמ קיינמאָל נישט אָפּגע-נארט. וואָס גוטמאנ האָט געזאָגט איז טאָמער עמעס געווענ. וואָס טוט זיכ דאָ אזוינס? דאָ מוז אוידע עפּעס זייַנ.... עפּשער גאָר שטעקט דערינענ קישעפ. א קאָמעדיע? וויבאלד, אז מענטשנ קענענ אמאָל זיכ פארווארפנ אינ א וואָלפ, אינ א וואָקעלאק, אונ אָנעמענ

אַלערלײ געשטאַלטנ, וואָס דאָס איז דאָכ א געוויכטע זאכ, אזוי קלאָר ווי דער טאָג, אונ איכ האָב עס א סאכ מאָל געהערט דערציילנ פונ אַלטע יידנ מיט גרײַז־גרויע בערד, מיילע איז דאָכ גאנצ גרינג צו גלייבנ, אז מענטשנ קענענ אויכ אמאָל זיכ פארוואַרפנ אינ קליינע מענטשעלעכ אונ דורכדעמ מאכנ א גליק! נאָכאמאָל, אז א מענטש קענ ווערנ א וואָלפ — א כײַע־ראָעֿ, וואָס לויפט ארומ מעשוגענערווײַז אונ בילט, וואָס פרעסט אונ איז מאזיק וועמענ ער באגעגנט, איז דאָכ נאָכ דעמ פונ א מענטשנ אינ א קליינ מענטשעלע זיכ צו פארקערנ עפעס גאָר ניט אזוי שווער. מענ בלײַבט דאָכ טאקע בא דעמ פריערדיקנ מענטשלעכנ געשטאלט, מיט דעמ אייגענעמ פּאָנעמ, ווי איטלעכער, נאָר פונ גרויס ווערט מענ קליינ.... יאָ, איכ גיי, דאנקענ גאָט, דאכט זיכ, אפ א שטיקל דערעכ. די מײַסע דערפונ איז, אפּאָנעמ, טאקע אזוי. דאָ שטעקט הוקעס־פוקעס! מענ מוז די זאכ באטראכטנ, גוט נאָכקוקנ אונ דערגייכ דעמ סאָד, די וועלט זאָל אפילע זיכ איבערקערנ!

מיט דעמ דאָזיקנ נײַעמ געדאנק מײַנעמ האָט מײַנ קינדערשער סייכל, ווי איר זעט, געשטעלט פעסטער א פיסל, אונ שוינ געמאכט א טריט ווײַטער. אָנשטאָט וואָס פריער איז מײַנ גלויבנ אינ דעמ קליינעמ מענטשעלע געווענ מעגושעמ־גראָב שטארק קינדעריש, — גלאט בעפּאשטעס, עס קומענ אפ דער וועלט אראָפ פּארטיקע קליינע מענטשעלעכ — איז ער איצט שוינ אויסגעפײַנטער, אויסגעיידלטער, עס ליגט שוינ אינ אימ א קאוואָנע, עפעס א קויעכ, א רוכניעס־זאכ, מיט א דערעכ־האטעווע. דאָס הייסט: קומענ אפ דער וועלט קומענ מענטשנ טאקע אלע גלײַכ ווי זיי זײַנענ, נאָר א טייל מענטשנ קענענ זיכ פארוואַרפנ אונ ווע״נ אמאָל קליינע מענטשלעכ דורכ שיימעז, דורכ רוכעס. דערינענ ליגט שוינ גאָר עפעס אנ אויבער־האסבאָרע!...

אז איכ בינ אינ עטלעכע טעג ארומ געשטאַנענ הינטער דער טיר, וואָס גייט ארײַנ פונ דער פּערעדניע אינ דעמ דאָקטערס קאבינעט, איז מיר אויסגעקומענ צו האָרכנ אזא מינ שמועס צווישנ דעמ דאָקטער אונ זײַנ רויפע.

— הײַנטיקע וואָכ, דאָקטער, האָט איר געהאט אָנ אײַנאָרע זייער א גוטע. איכ האָב אײַכ, נישקאָשע, א סאכ צוגעשארט. איכ טו פאר

אײַך דאָס מײַניקע בישלײמעס, צעפּויק אומעטום אײַער גרויס־קײַט. וואָס נאָר עפּעס, זאָג איך, מען באַדאַרף האָבן אײַך, אײַך, נאָר אײַך. און איר פאַר מיר מאַכט זיך נישט ווי׳סנדיק.

— וואָס זאָגסטו, געצל? ס׳טײַטש, און נעכטן, ערשט נעכטן?

— וואָס, דאָקטער, נעכטן? וואָס איז אַזוינס געווען נעכטן?

— ער האָט אַ קורצן זיקאָרן! ווי הייסט, דו האָסט פאַרגעסן, געצל? צוליב וועמען האָב איך נעכטיקן קראַנקן געהייסן שטעלן אַ דרײַסיק פּיאַווקעס? צווישן אונדז גערעדט, ער האָט אַזוי באַדאַרפט דײַנע פּיאַווקעס, ווי איך מיט דיר. אַ נאַס טיכל צום קאָפּ וואָלט גאַנץ גענוג געווען. פע! מעגסט זיך, כ׳לעבן, שעמען, געצל! נאָר צוליב דיר, וואָרהאַפטיק, בין איך נעכטן געווען אַ קליינ מענטשעלע!...

— איר, דאָקטער, זײַנט געווען נעכטן אַ קליין מענטשעלע, ווי איר זאָגט, און איך בין געווען צוליב אײַך אַ קליין מענטשעלע טאָמעד, אי איירענעכטן, אי נעכטן, אי הײַנט. צווישן אונדז גערעדט, האָט דער הײַנטיקער כוילע באַדאַרפט אַ דאָקטער? ער האָט פּראָסט דעם קאַטער. אַפּ מיר קוקנדיק נאָר האָט ער אײַך גערופן און אַצינד איז שוין דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט אײַך טאַקע שוין באַדאַרפן אַקעגן אַ פּאָר וואָכן רופן, און נאָך צוויי מאָל אין טאָג....

— נו, נו, וואָס זשע ווילסטו, געצל?

— פּיאַווקעס, דאָקטער! איך האָב אַ סאַך פּיאַווקעס!...

— זײַ רויק, געצל! דו וועסט שוין שטעלן פּיאַווקעס. שאַ! האָסטו נאָר גוטע סכוירע, געצל? דו ווייסט דאָך, איך בין אַ מאַקפּיד אין אַזעלכע זאַכן...

— עכט פּרישע פּיאַווקעלעך, דאָקטער, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן! איך אַליין האָב אויך פּײַנט יענעם צו נאַרן...

העע-העע! אַזוי איז גאָר די מײַסע!? — האָב איך געטראַכט בײַ מיר אין האַרצן, נאָך דעם, ווי איך האָב געהערט אַזאַ שמועס און די זאַך אַ ביסל בעסער צענומען, ליגנדיק בײַ דער נאַכט אויף מײַן געלעגער: — אַפּאַנעם, ווי איך הער דאָ און זע, הייסט אַ קליין מענטשעלע נישט פּאַשעט זײַן אַ קליינינקער, ווי איך, נאַרעלע, האָב פריער געמיינט. מען קען גאָר זײַן אַ גרויסער, אַפילו אַ גאַנץ גרויסער און פאָרט אַ קליין מענטשעלע. מען קען דערבײַ טאַקע אַפילו בלײַבן אַ גרויסער, טאָמעד טאַקע אַ גרויסער... איך בין מיר מעשאַער, אַז אַ

קליינ מענטשעלע הייסט גאָר צאפּנ פרעמד בלוט אונ אויסנארנ געלט. אָט ווו דער הינט ליגט באגראָבנ! איצט אָ האָב איכ א ביכל שוינ אָנ־געהויבנ רעכט צו פארשטיינ אונ קומענ צום עמעסנ סייכל. אָט וואָס הייסט רייבנ זיכ אינ דער וועלט, צווישנ לייט! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, וואָס איכ ווייס שוינ פונ דעם סאָד, אז איכ בינ דאָכ נישט קיינ דאָקטער, קיינ רויפע אונ קענ נישט שטעלנ קיינ פּיאווקעס? מענ מוז זוכנ עפּעס אנדערע מיטל, עפּעס קעמוי אזוי ווי אזא וועג, נאָר אפ אנדער אויפנ. עפּעס צאפּנ אונ פאָרט נישט צאפּנ פּאָשעט בלוט.

דערצו מוז אוואדע זיינ נאָכ א סאכ אנדערע מינע טאכבולעס, וואָס מענ מוז זיי דערגיינ. דאָ האָב איכ שוינ פּאָשעט מער נישט וואָס צו טאָנ. וואָס זשע טוט מענ ווייטער? הא! כ׳לעבנ, דאָס איז גאָר נישט קרום, דאָס איז, כ׳לעבנ, גאנצ גלייכ. טאקע איסער ווארגער: מענ באדארפ זיכ ארייננדרייענ צו איסער ווארגער! ווי איכ בינ א ייִד — צו איסער ווארגער! דאָס הארצ זאָגט מיר עפּעס: — צו אים, צו איסער ווארגער! איסער ווארגער איז דאָכ אויכ א קליינ מענ־טשעלע, אונ זייער א גרויסער פארנעם. הא?...

אָט אזעלכע געדאנקענ האָבנ זיכ מיר געדרייט אינ דעם קאָפּ אונ מיכ נישט געלאָזנ שלאָפנ קימאט די גאנצע נאכט. איכ בינ די נאכט עלטער געוואָרנ מיט עטלעכע יאָר מער אונ געפילט אינ מיר עפּעס א פארענדערונג. אפ מאָרגנ האָב איכ נישט געמאכט לאנג שי־עס, אופגעזוכט מיינ באקאנטנ מעקלער, אים צוגעזאָגט נאָכ א בעסער מעקלערײַ ווי פריער, אונ נאָכ אינ עטלעכע טעג ארום האָט ער מיכ ארייגעשלייערט צו איסער ווארגער.

11

איסער וואַרגער איז געווען איינער פון די פּאַרנעמסטע באַלע־
באַטים אין צוויאַטשיטש. אַלע האָבן פאַר אים געהאַט דאָס נײַניאָ־
ריקע קאַדאָכעס, און עס האָט מיט איטלעכן געוואָרפן, אַז ער
האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. וואָס טײַטש איסער, עפּעס אַ קליינ־
קײַט איסער! איסער אַליין האָט נישט געהאַנדלט, נישט אַרײַנגעטאָן
קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער, און פונדעסטוועגן האָט בײַ אים
אין שטוב טאָמעד געקאָכט ווי אין אַ קעסל, דער אַרײַן, יענער אַרויס.
קינד און קייט — אַלע בײַ רעב איסערן. מיינט איר עפּשער, איסער
איז געווען אַ גרויסער לאַמדן, אַ גרויסער יאַכסן? — כאָלילע!
אַפילע נישט קיין קליינער. ער האָט קוים־קוים געקענט דאַוונען, און
איז געווען, ווי מען זאָגט — „האַמאַקע בעעוואָסוי", דאָס הייסט שטומ־
פּיק אָפּ דער איווריע. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ טאַלעס־און־
טפילן־זאַק זייער אַ גרויסן, זייער אַ גראָבן פון עטלעכע בנײַ־פּעקוע־
לעך, אַרומגעליאַמעוועט מיט רויטע קרײַקעס. דאָרט אינווייניק האָט
זיך געפונען אַ אַ סידער „דערעך האַכאַים" מיט אַלע נייטיקע די־
נים, אַ אַ טילים מיט מאַאַמאָדעס, אַ אַ „כאָקל" און אַ „שאַאַריי־ציִען".
אַ האַנט צום שרײַבן האָט ער געהאַט זייער אַ שווערע. די פּען האָט,
ווי אַפּצעלאָכעס, בעשומויפן נישט געוואָלט בײַ אים גיין אין זײַנע
שליכעס. ער האָט זי געשטופּט אַהין, און זי איז גאָר פאַרקראָכן קיין
בויבעריק, זי האָט געשפּריצט, געמאַכט קלעקן, געקריצט, געדריגעט און
זיך געשטעלט דיבאָם. עס האָט אים, נעבעך, געננוג צאָרעס געקאָסט

איטלעכס וואָרט, און איידער ער האָט בא איר ארויסבאקומען שווארץ אף ווײַס זײַן כסימע „איסער“, זײַנען אים די אויגן פונעם קאָפּ שיר נישט ארויסגעקראָכן און איז פּאַשעט אָפּגעגאנגען מיט שווייס. ער פלעגט דערנאָך זיך ווישן דעם שטערן מיט דעם ארבל פונעם העמד אָדער פון דער קאַפּאָטע, און סאָפּען, גלײַך ווי ער וואָלט געהאקט האָלץ. די מײַלע קען מען אפ אים זאָגן, אז אין דעם אויסלייגן איז ער נישט געווען, ווי אנדערע, א שטארקער מאכמיר, אן אָס האָט בא אים נישט געשפּילט אזא וויכטיקע ראָליע. שטיי פּאָרנט צי הינטן, אָדער שטיי אפילע גאָרניט, מאכט אויך נישט אזוי אויס. מען וועט זיך אָנשטויסן, נישקאָשע. און ווען ער פלעגט דערינען אמאָל עפּעס מעסופּעק זײַן, דאָ איז אים די פּען דאפּקע בײַגעשטאנען אין די נויטן, זי פלעגט זיך טאָן א יאָג, מאכן א צוק מיט א קלעק, און דערמיט האָט ער שוין געקענט יויצע זײַן לעכאָל־האדייעס. פון זײַנע אלע זאכן שטעל איך דאָ אײַך ארויס זײַן „ן ו י י א כ“ מיט זיבן גרײַזן, און זײַן איוורע־זעצן אין דער האגאָדע: „תרח אבי, אברהם ואבי, נחור ויעבדו“[1] וועלכעס דערפון וועט אײַך בעסער געפעלן, ווייס איך נישט. מיר אָבער זײַנען ביידע גלײַך זייער געפעלן.

מײַלע, דאָס האָט איר זײַן לאָמדעס. און וואָס אָנבאלאנגט זײַן יִכעס, איז נישט געווען מיט וואָס זיך איבערצונעמען. ער האָט נישט געשטאמט פון דער גילדענער פּאָן, און האָט אין דער יוגנט קיין פלעצלעך מיט פּוטער נישט געגעסן. דער עמעס טאקע איז, אזוי ווי איך בין עס שפּעטער דערגאנגען, ער איז געווען א קליין מענטשעלע, און דערמיט האָט ער א יאָם בעסער געמאכט ווי אן אנדערער מיט זײַן טוירע אָדער מיט זײַן סכוירע. בא דעם צוויִאטשער גוויר איז ער בעעמעס טאקע געווען גאָר די נעשאָמע, נאָר עפּעס—איסער. האקלאל, איסער, איסער, נאָר איסער! איסער איז געווען זײַן נעשאָמע, זײַן פּוס, זײַן האנט, זײַן אלצמיטאנאנדער, און דורך דעם מעמײַלע א גרויסער כאָשעוו, דער גאנצער קאָלוועלאָכ אין דער שטאָט.

אָט פון דעם רעב איסערן האָב איך א סאך זאכן מיך אויסגעלערנט. ער, טאקע נאָר ער, איז מײַן עמעסער רעבע. ער האָט מיר געעפנט די אויגן; ער האָט מיר אין דעם מויל א פינגער ארײַנגעלייגט און

---

1 טעראכ אוזי אווראָהאָם וואָאוזי נאָכויר וואיאָאווּדו.

מיר געגעבן צו פארשטיין זייער פיל זאכן, וואָס גייען אין דער וועלט פיר, מיר פארענטפערט הארבע קאשעס, דערקלערט גוזמעס, רעטענישן בא אונדז אין דער פירונג; ער האָט מיך געשטעלט אפ א שטייגער, מיך אויסגעריבן, אויסגעשליפן און געמאכט פון מיר א קיילע. קורץ, ער האָט מיר געוויזן א וועג און אנטפלעקט דעם סאָד, ווי צו ווערן א קליין מענטשעלע.

בעטעווע איז איסער געווען א פארביסענער, זייער א באהאלטענער מענטש, מען האָט בא אים קיינמאָל נישט געקענט וויסן דאָס מינדסטע, וואָס ער דענקט און ווי מען האלט מיט אים. וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער נישט גערעדט, און וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער נישט געמיינט. אפילע דאָס ווייַב זייַנס האָט בא אים גאָרנישט געוווּסט. ער האָט פון איר און פון זייַנע קינדער זיך געהאלטן טאָמעד ווייַט. אלע אין שטוב האָבן פאר אים געהאט דערעכ־ערעצ. ער האָט נישט גערעדט, נישט געטייַנעט קיין סאך, און קוים האָט ער עפּעס ארויסגערעדט א וואָרט, האָט עס געמוזט באַשאפן ווערן, טאקע גיך אין דער הייסער רעגע. זייַן פּאָנעם איז שטענדיק געווען אלציינס: טאָמעד ערנסט און ווי עפּעס פארטראכט. קיין הויך געלעכטער האָט מען פון אים קיינמאָל נישט געהערט. זעלטן נאָר פלעגט ער מיט א פארמאכט מויל טאָן עפּעס א שמייכל, נאָר דאָס זויערע שמייכעלע איז אָבער געווען נישט מער ווי א צי מיט איין זייַט פון די דינע ליפן. דער איבעריקער טייל פּאָנעם האָט דערפון אפילע נישט געהאט קיין רעמעז-דירעמיזאָ, איז געבליבן אייַז־קאלט, די אויגן גלעזערנע, אזוי ווי פריער.

א גוטן ברודער אָבער האָט ער געהאט, אין וועלכן ער האָט געקלעפּט מיט לייַב און לעבן. מיט אים איז ער שוין געווען באַרעדעוודיק, זיך נישט פארשטעלט אפ קיין האָר. מיט אים האָט ער ליב געהאט צו פארברענגען אָפט די צייַט בא א גלעזל ווייַן, און ארייַנצולאָזן זיך אין א שמועס. מיט אים איז איסער עפּעס ווי איבערגעביטן געוואָרן, און איז נישט געווען גאָר דער איסער. פאר אים איז געווען זייַן הארץ אָפן אפ ביידע כויערג, און ער האָט אהין געקענט אלע צייַט פראנק־און־פרייַ ארייַנגיין, איבערלייענען דאָרט, און וויסן איסערס אלע סוידעס. ווער שמועסט, אז איסער איז נאָך געווען א קאפּ פארלעקט, דענסטמאָל פלעגט ער שוין גאָר אוועקגעמען

די האנט פונעמ הארצנ, אונ וואָס אפ דער לונג דאָס אפ דער צונג. ער פלעגט געוויינטלעכ מיט זײַנ גוטנ ברודער זיכ פארקלײַבנ אינ זײַנ באזונדער כיידער, אוועקשמועסנ אונ אויסריידנ זיכ פרײַ דאָס הארצ. איכ האָב שוינ לאנג באקומענ די נאטור, צו שטיינ הינטער דער טיר אונ זיכ צוהערנ צו דעמ, וואָס מענ רעדט.

איכ וויל דאָ אײַכ איבערגעבנ א מיקצעס פונ איסערס שמועסנ מיט זײַנ גוטנ ברודער, צו וועלכע איכ האָב מיכ אונטערגעהערט, וואָס דאָס וועט אײַכ א ביסל כאָטש דערקלערנ איסערס גאנג, איסערס שיטע אינ דעמ לעבנ אונ איסערס בליק אפ דער וועלט, אינ וועלכנ איכ האָב אײַזנפעסט מיכ געהאלטנ.

— הער נאָר אויס, גוטער ברודער! — האָט איסער ווארגער איינמאָל זיכ אָנגערופנ, אז ער איז געקומענ מיט זײַנ גוטנ ברודער עפּעס פריילעכ, א ביסל פארקנאקט, אונ מיט אימ זיכ אנידערגעזעצט בא זיכ אינ כיידער. — הער נאָר, דו, טיפּעש איינער! איכ זאָג דיר, אז אזא טײַער, אזא גוט פאָלק, ווי יידנ זײַנענ, איז אפ דער גאנצער וועלט נישטאָ. טאקע זייער א גוט פאָלק, א גאָלדנס, בענעמאָנעס! מענ קענ פונ זיי האָבנ — א גראָשנ!..

— זאָג בעסער, איסער, א נאריש פאָלק. ס'איז נאָכ אזעלכע נאראָנימ ווי יידנ אפ דער גאנצער וועלט גאָר נישטאָ!

— גערעכט, גוטער ברודער! וואָס עמעס איז טאקע עמעס. ס'איז נאָכ אזא טײַער, אזא גוט, אזא נוצלעכ, אזא גאָלדנ אונ אזא נאריש פאָלק ווי אונדזערע אטאָבעכארטאָניקעס, גאָר נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

— וואָס האָסטו עפּעס אזוי זיכ צערעדט, איסער, אינ די שוואָכימ פונ די קנעסעס־יסראָעל! גענוג גערעדט! דערצייל נאָר בעסער, מיט וואָס האָט זיכ אויסגעלאָזנ דער סאָפ פונ דער הײַנטיקער אסיפע?

— וואָס פאר אנ אסיפע?! וואָס פּלוידערסטו מיר עפּעס, גוטער ברודער!

— רייד דיבורימ, איסער! וואָס הייסט, דו האָסט פארגעסנ די אסיפע, הײַנטיקע אסיפע מיקויעכ דעמ פליישׂ?

— וויים איכ פונ וואָס דו רעדסט, טיפּעש איינער! א וויכטיקע זאכ א ביסל, די אסיפע! זי האָט געהאט אזא מאמאָשעס, מישטיינס-

געזאָגט, ווי אלע אנדערע זייערע אסיפעס. דו האָסט באדארפט שטייג דאָרט און זען עפּעס שיינס. אריַינקומענדיק אהינצו, האָב איך געטראָפנ א גערודער. דער אוילעמ האָט עפּעס געזוזשעט, געזוזשעט, ווי די פליגנ. איך האָב זיכ מעיאשעוו געווענ, וואָס וועל איך דאָ מיכ שטעלנ א יאמ בריַיענ מיט דעמ גאנצנ פּעקל, און נישט לאנג געטראכט האָב איך הויכ א זאָג געטאָנ, גלאט אזוי אינ דער וועלט אריַינ: מא-ראש, אז מער מיט עטלעכע גראָשנ? ס'איז נאָכ נישט גאָר אזא אומגליק. גלייבט מיר, ייִדנ, א סאכ א גרעסערער אומגליק וועט זיַינ, אז דער באלטאקסע וועט אינ קאס ווערנ און, כאָלילע, זיכ וועלנ אָפּזאָגנ! גלייבט מיר, ייִדנ, ס'איז אזוי. — טאָמער מיינסטו, איך האָב געוווסט, וואָס איך האָב גערעדט, פארוואָס ס'איז אזוי? אָסער! נו, האָסטו באדארפט זענ, ווי עטלעכע שיינע באלעבאטימ, וואָס האלטנ זיכ פאר קלוגע, געניטע מענטשנ, האָבנ געמאכט ערנסטע פּנעמלעכ, זיכ גענומענ פאר די בערדלעכ און מיט א נאריש קנייטשעלע זיכ אָנגערופנ: טאקע עמעס, ס'איז אזוי. מענ האָט גאָרנישט 'צו ריידנ, ס'איז געוויס אזוי.... דער איבעריקער אוילעמ האָט אקעגנ דעמ נישט געהאט וואָס צו ענטפערנ, גליַיכ ווי אקעגנ א געוויסער, שוינ אנ אויסגעמאכטער זאכ, און זיַינענ אלע קימאט געבליבנ עפּעס ווי דערוואָרגנ, עמעצער, זאָל עס זיכ בארעכענענ, כאָטש זיכ אליינ פרעגנ: פארוואָס איז עס אזוי? איינער נאָר, עפּעס א שייגעץ, א מאמזער בענ־האנידע, אפ וועלכנ איך האָב שוינ לאנג אנ אויג, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבנ און אלצ געטיַינעט: ס'איז גאָרנישט אזא אומגליק, אדעראבע, אדעראבע.... אָנ א באלטאקסע קענענ מענטשנ אפ דער וועלט אויכ לעבנ. נאָר די קלוגע, געניטע באלעבאטימ, וואָס פארשטייענ אנ אייסעק, האָבנ אפ אימ געקוקט, ווי אפ א ייִנגל, נישט קיינ געניטנ מענטשנ, מיט וועמענ ס'איז גאָר נישט קעדיַי צו ריידנ, און האָבנ אימ אפילע נישט מעזאקע געווענ מיט א וואָרט. פונדעסטוועגנ וויל איך דעמ דאָזיקנ שייגעצ פארזאָרגנ. דו וועסט מיר מוזנ, גוטער ברודער, אפ אימ אָנשריַיבנ א שיר-האמיַילע, צולייגנ אימ א גוט קנייטל, עס זאָל גוט אָנריַיסנ.... דו ווייסט דאָכ, איך האָב דערצו א שווערע האנט.

— דאָס, איסער, איז א שפּעטערדיקע זאכ, מיסטאָמע וועט שוינ

זײַנ רעכט. לאָמיכ שוינ נאָר דערלעבנ הערנ, מיט וואָס די אסיפע האָט הײַנט זיכ אויסגעלאָזנ.

— וואָס פארשטייסטו דאָ גישט, טיפּעש איינער! ס'איז דענ נאָכ אזא גוט, אזא גאָלדנ פאָלק ווי יידנ ערגעצ דאָ? מענ האָט אלצדינג נאָכגעגעבנ, ארופגעצויגנ נאָכ עטלעכע גראָשנ, מער נאָכ וויפל מיר האָבנ אליינ זיכ געוווּנטשנ, אונ מענ איז זיכ פאנאנדערגעגאנגענ שטארק צופרידנ. איכ בינ, טיפּעש איינער, אוואדע צופרידנ.

— אוואדע, איסער, מעגסטו צופרידנ זײַנ, אָבער....

— וואָס אָבער? טיפּעש איינער! וואָס אָבער? אָבער א ראכמאָנעס! ווילסטו עפּשער זאָגנ? א ראכמאָנעס אפ א שטאָט אָרעמע־לײַט! גיי שוינ, גיי, נארעלע איינער, מיט דײַנ נארישנ פּוסטנ וואָרט ראכמאָנעס! ראכמאָנעס האָבנ אויסגעטראכט נאָר שלאפע, שלימעזאל־ניקעס, שאָפ, וואָס ווײַל זיי פילנ זייער שלאפקײַט, אז זיי זײַנענ טויגעניכטסנ, אָנ קויעכ, אָנ בעריעשקײַט צו דערלאנגענ זייער ווונטש, צו נעמענ אלצדינג, וואָס זיי פארלאנגענ, אז זיי פעלנ אי נעגל, אי ציינ זיכ צו ראנגלענ אונ ווערנ,— דעריבער האָבנ זיי אויסגעטראכט דאָס וואָרט ראכמאָנעס, עס גענומענ פאר א קלייזײַענ, שרײַענ, מוסערנ, בעטנ ראכמימ, מאכנ ראכמאָנעס־פּענעמלעכ אונ מיינענ דער־מיט צו פּויעלנ... ס'איז אָבער שווינדל, גוטער ברודער, לויטער שווינדל! מענ פארשטייט, נישקאָשע, אזעלכע אָנשטעלנ, אזא מוסער מיט אזעלכע מוסער־זאָגער... איכ בינ שוינ, ברודער, אנ אָנגעלערנ־טער, אנ אויסגערייכערט ליולקעלע, א שטיקל מייווינ, באָרעכאשעמ, אינ דעמ סיידער־האָוילעמ, כאָטשע נישט אזא גרויסער לאמדנ. מענ ברויכט גאָר דערצו נישט קיינ גרויסע לאָמדעס. גענוג, כ'לעבנ, נאָר א גלײַכנ סייכל, א שטיקל טפיסע, קענ מענ שוינ טויפעס זײַנ, אינ וואָס די גאנצע וועלט באשטייט. זי באשטייט פונ צוויי צדאָ־דימ: פונ שטארקע אונ פונ שלאפע, פונ וועלפ, כײַעס־ראָעס אונ פונ שאָפ, בעהיימעס־טעהוירויס: די נעמענ אונ יענע גיבנ דאָס הײַטל. אנדערש קענ עס גאָר נישט זײַנ. בײַט איבער די יאָצרעס, וועט אויסקומענ פּונקט דאָס אייגענע. לאָז דער שלאפער נאָר בא־קומענ קויעכ, שווימט ער ארופ פונ אויבנ, ווערט ער דער פאָרעצ אינ צעפירט זיכ די הענטלעכ. לאָז דאָס שעפעלע דערטאפנ נעגל אונ ציינ, וועט ער שטארק קראצנ, שארפנ די ציינ אונ ארויפציִענ

די הויט. פרווו, אשטייגער, איינעם פון די ראכמאָנעס־שרײַער, פון די שלימעזאלניקעס און מוסער-זאָגער געבן עפּעס א היסמאנעס אינ קאָהאָל, אפ אנ אנדערנס א שטע.ע, אבי ער וועט נאָר דער־שמעקנ זײַנ קויעכ, או ער האלט די בײַטש, הייבט ער שוינ אָנ צו שמײַסנ און צו געוועלטיקנ בעיאד־ראָמאָ. נעם איינעם א נעבעכל און גיב די טאָקסע אימ איבער, הייבט ער דאָס אייגענע אָנ לער־נענ באָלעק מיט דעם אוילעם — צופּנ, רײַסנ און ארויסציִענ די קליי פון די ביינער. „ני דײַ באָכ איז איוואנא פאנא!” איז דאָ א ווערטל. זייער א גלײַכ, עמעסדיק ווערטל! מעשוגע צי כאָסערדייע האָט „פאנ” באדארפט זײַנ. איוואנענ איבערגעבנ די לייצנ. בלײַב דיר בא דײַנ ראכמאָנעס-פּענעמל, דו, גוטע, קאָשערע נעשאָמע, דו פרום שעפעלע, זאָג דיר מוסער, וויפל דו ווילסט. פון דײַנע נעגל און ציינ, ווענ זו זאָלסט זיי נאָר באקומענ, וואָלט, כ׳לעבנ, טויזנ־טער מאָל נאָכ ערגער געווענ!...

— כאָלילע, איסער, וואָס פאלט דיר אײַנ? איכ מיינ גאָרנישט קיינ ראכמאָנעס. נאט אײַכ גאָר ראכמאָנעס! עפּעס אנדערש גאָר מיינ איכ. דו, איסער, זאָג איכ, מעגסט אוואדע זײַנ צופרידנ. מאכ־טייסע, אָבער.... איכ!

— רייד זשע, טיפּעש איינער, ווערטער! אזוי.... דו ווילסט אויכ צופרידנ זײַנ? גיי זשע, זײַ מויכל, צו אלדי שווארצע יאָר אהינ.... שטעק ארײַנ די לאפּע, וועסטו אויכ כאפּנ א לעק. ביסט נישט קראנק, כ׳לעבנ, אליינ צו באשטיינ דײַנ שטעטל. דער רועכ, נישקאָשע, האָט דיכ אויכ נישט גענומענ. מאָרגנ, ברודער, גייט א נײַע סעדרע פון קאָהאָלשע איניאָנים, מענ וועט מוזנ א ביסל צוקנעפּנ. הײַנטיקע וואָכ גייט בא אונדז טרומע. ווענ זאָגסטו, טיפּעש איינער, האָבנ מיר פארשע שקאָלימ?...

— זייער קלוג, טיפּעש איינער, האָסטו געטאָנ, וואָס דו ביסט אצינד געקומענ, — האָט איינמאָל איסער אינ אנ אנדער שמועס גע־זאָגט צו זײַנ גוטנ ברודער. — איכ גיי ארום מיט א פול הארצ מאכ־שאָוועס, ווי א קו מיט פולע אײַטער, און קענ אינ מיר שוינ מער נישט אײַנהאלטנ. איכ מוז שטילערהייט אמאָל כאָטש דאָס הארצ אָפּ־ריידנ: אזויפיל הערנ און זענ ווי איכ און שטענדיק שווײַגנ, טראָגנ אינ זיכ — איז איבער אלע מענטשלעכע קויכעס. זאָל איכ נישט האָבנ,

צו אלדי שווארצע יאָר, אזא שווערע האנט, וואָלט איך אפ פּאפּיר מיך אמאָל אויסגעגאָסן און אָנגעשריבן א שיין טריאטער, כ'לעבן.... פאַרזוך נאָר דעם וויין. הא, וואָס זאָגסטו אפ אים? דאָס האָב איך היינט באקומען א מאטאָנע פאַר עפּעס א געשעפטל.

— זייער א גוט גלעזל וויין, איסער... נאָר דערציילט מיר, וואָס איז דאָס געווען פאַר א געשעפט?

— עט, א געשעפטל! לעמלס עפּעס א דיעלע. ער האָט מיך שוין לאנג געבעטן, איך זאָל ים דערינען א טויווע טאָן, גלייך ווי איך וואָלט געווען א זאקאָנשטשיק. נאָר די נאראָנים אָבער בא אונדז אין שטאָט מיינען, אז אלצדינג איז אָנבאלאנגט אין מיר, אבי איך וויל נאָר, קען איך העלפן. אז עטלעכע שרייבערלעך עסן בא מיר אמאָל שאבעס פיש, ווייל דאָס כיעס גייט זיי אויס נאָך יידישע פיש, מיינען זיי שוין, אז איך בין מיט אלע טשינאָווניקעס פון גרויס ביז קליין איינ לעבן און אלצדינג געווענדט זיך אין מיר. נאָר זאָל זיין אזוי, טיפּעש איינער. זאָלן זיי, די נאראָנים, טאקע אזוי זיך מיינען, און מיך קומען אלץ בעטן טויוועס. בא מיר איז פאַר זיי טאָמעד איין ענטפער: מיר וועלן זען, מיר וועלן זען! מיט א מימאָ־נעפשעך זאָג איך עס: — שפּילט יענער ויס, הייסט עס: איך האָב געזען, כאָטש איך האָב אזויפיל געזען, ווי איך זע מיינע אויערן, און נעם דערפאַר אראָפּ פון ים א מאָנע־יאָפע. איי וואָס, יענער פאַרשפּילט, פאַרליר איך דאָך נישט מיין ווערט, מיינע טקיפעס. יענער דעקט זיך, ער האָט פאַרשפּילט נאָר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט זען, אָבער ווען איך וואָלט טאקע בעעמעס געוואָלט זען, וואָלט איך גאנצ זיכער טאקע אויסגעפירט. נו, האָט יע ער אפ מיר א ביסל טארומעס, לאָז ער מיך קומען ווארג, לאָז ער מיך רופן קנאקניסל! אָבער איך האָב מיין שעם „טאקעף״ נישט פאַרלאָרן. עט, ער וועט זיך איבערברויגעזן, נאָכאמאָל טאקע קומען בעטן מיין לאסקע, און איך וועל אים ווידער נאָכאמאָל טאקע ענטפערן: מיר וועלן זען, מיר וועלן זען. פאַרשטייסטו?.. לעמלען האָב איך אויך אזוי געענטפערט: מיר וועלן זען, און אים דערביי טאקע בעטוירעס־איי־צע אָנצוהערעניש געגעבן.... אָפּצושטעקן דאָרט עפּעס, פאַרשטייסטו? דאָרט, ווו מען באדארף.... איך האָב זייער גוט געזען, אז מיין זען אליין קען אים אזויפיל העלפן, ווי א טויטן באנקעס. לעמל אָבער

איז בא זיך געווען גאַנץ זיכער, אַז איך זע, און בעט דעם גוויר, ער זאָל אויך זען. הײַנט באַטאָג, גייענדיק אין דער גאַס, האָסטו באַדאַרפֿט זען, ווי לעמל מיטן ווײַב זײַנען ביידע מיך באַפֿאַלן פֿאַר אַן איידע ייִדן מיט אַ סימכע און מיט טרערן אַפֿ די אויגן: „רעב איסער, טאַטעניו, נעשאָמעניו! טאַקע פֿריִער גאָט, דערנאָך אײַך, נעשאָמעניו, האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען מיט אונדזער אייסעק, וואָס מיר האָבן הײַנט אויסגעשפּילט. ווען איר, רעב איסער, זאָלט זיך דאָ נישט געווען אַרײַנלייגן, וואָלטן מיר, נעבעך, געקענט גיין מיט די האָר. מיר וועלן עס טאַקע דער גאַנצער וועלט זאָגן, רעב איסער!” — פֿאַרשטאַנען האָב איך, אַז דאָ האָט געהאָלפֿן מײַן אָנצוהערעניש — לעמל האָט, אַפֿאָנעם, גוט אויסגעפֿאָלגט מײַן אייצע. האָסט באַדאַרפֿט זען בעשאַסמײַסע ווי זיי האָבן מיר דאָ אַזוי געדאַנקט, וואָס פֿאַר אַ קרים איך האָב זיך געטאָן, גלײַך ווי איינער רעדט: וויפֿל געזונט און לעבן האָט מיך אײַער אייסעק געקאָסט! וויפֿל מי האָב איך דערבײַ געהאַט ביז איך האָב געפּויעלט! — לעמל האָט מיר שפּעטער אַ ביסל אָפּגעשיקט אַהיים מײַן ראַכאַש און דערצו נאָך עטלעכע פֿלעשלעך גוטן ווײַן. נו, טיפּעש איינער, וואָס זאָגסטו אַפֿ דעם ווײַן?

— האַלעווײַ, איסער, לאָז מען אַזוי האָבן צו זאָגן אַפֿ דיר, אַפֿ דײַנע נאַראָנים און אַפֿ דעם גאַנצן שווינדל.... לעכאַיִם!

— ווער דערוואָרגן, טיפּעש איינער! שווינדל, זאָגט ער, שווינדל! פֿאַרוואָס הייסט דאָס בא דיר שווינדל? וואָס זײַנען דען די אַלע אַסאָקים, אַלע מיסכאָרים, האַק־און־פּאַק פֿון אויבן ביז אַראָפּ, נישט קיין שווינדל? איך זאָג דיר: אַלע אַסאָקים, אַלע, אַפֿילע אין אוילעם־האַבע־זאַכן. פֿאַרשטייסטו?!.... אַפֿ וואָס באַשטייען די אַלע מיסכאָרים נאָך גאָר פֿון דער האַסכאָלע, וויִאַזוי ווערן זיי געפֿירט און מיט וואָס לאָזן זיי זיך אויס לעסאָף? עפּשער אַפֿ דעם עמעס, מוזטו זיכער מיינען? ניין, ברודער! עמעס איז נאָר אַ ווערטל, וואָס איטלעכער פֿאַרשטייט עס אַפֿ זײַן גאַנג, אַפֿ אַן אַנדער אויפֿן, ווי עס פּאַסט צום איניען. דער עמעסער עמעס איז גאָר נישטאָ און קען טאַקע גאָר נישט זײַן, ווײַל אונדזער סייכל קען אים נישט מאַסיג זײַן און ער וואָלט אויך פֿאַר אונדזערע מיסכאָרים גאָרנישט געווען קיין גוט אַרטיקל. טויזנטער קאָנטאָרן, טויזנטער קלייטן און טויזנ־

טער אנדערע מיסכאָרים, וועלכע דו זעסט הײַנט בא אונדז, וואָלטן ווי פּויטינע זיך פאנאנדערגעפלויגן, און עס וואָלט פון זיי קיין זייכער, קיין סאָריד־אופאָליט נישט איבערגעבליבן. א סאך נעגידים אונדזער׳ע וואָלטן מיט די טאָרבעס זיך ארומגעשלעפּט. עפּשער אפ ארבעטן, מיינסטו, באשטייט עס אלצדינג? כאָלילע! ארבעטן ארבעט א האָלצהעקער, א וואסערפירער, א טרעגער, א באלמעלאָכע אוכדוימע. מיט ארבעט וועסטו קיין סאך נישט פארדינען. דו זאָלסט אפילע צעזעצטערהייט ארבעטן, וועסטו פאָרט צען מאָל אין טאָג פייגערן פאר הונגער. גיי גיב זיך טאקע אָפּ, אשטייגער, מיט רעמלס א דיעלע, וועסטו דערופ פארברענגען א סאך צײַט, וועסט האָבן דאָס לויפעניש, זיך אָפּשרײַבן די פינגער און לעסאָפּ, אז וועט דיר שוין גערעטן אויסצופירן עס, וואָס וועט דיר קלעקן דאָס פארדינגסט? די כאלע וועט דיר נישט קלעקן אפ דער האמויצע. כאָלילע אָבער, אז גערעט דיר נישט, איז פארלוירן דײַן מי און בלײַבסט נאָך בא דער וועלט א קאליקע, א טויגעניכטס, וואָס פארשטייט נישט מײַ־דעקאָאמרע־רעבעצן און קען א קאָץ אן עק נישט צובינדן. דו האָסט פוילע פיש און פארשטונקענעם הערינג.... קנייטש, ברודער, נישט אזוי דעם שטערן! איך זאָג דאָ דיר גאָר נישט אזא פילוסופיע, נאָר פּראָסטע ריינע ווערטער. פילוסופיע טויג אויך אפ קאַפּרעס. צו גרויסע כאָכמעס איז דאפקע א גרויסער כיסאָרן. די וועלט האָט עס פײַנט און היט זיך דערפאר ווי פאר פײַער. גרויסע בעריעס, געלערנטע מענטשן גייען ארום אין צעריסענע שטיוול אָן פּאָדעשוועס. א סאך, גאָר נישט דער ערעך בעסער גייט עס אין דער וועלט דעם קליינעם מענטשעלע. מען באדארפ גאָר אזוי נישט טויגן, זײַן א בעריע. דער איקער, וואָס מען מוז אָבער קענען, איז: כאנפענען, צוואטשען, ליגנערן, ווארפן זיך אהין און אהער, ווי עס קומט אויס צום אייסעק. וואָס זאָל מען טאָן? געלט מוז מען האָבן, אָן געלט ביסטו דאָך אוואדע גאָרנישט, נאָך טויזנט מאָל קלענער, ווי דאָס קלענסטע קליינע מענטשעלע. דו ביסט אי קליין אי געמיין. וואָס איז, ברודער, אין דער וועלט א קאפּצן? דו קענסט דען דיר גאָר אזוי מעשאער זײַן, אפּאָנעם, ווי נעגידים האָבן פײַנט א קאפּצן! דאכט זיך, זיי ריידן אמאָל מיט אים און האָבן אפ אים אמאָל קלאָמפערשט ראכמאָנעס. אינעמעסן אָבער קענען זיי אים נישט ליידן.

ער איז זיי גרויס אין די אויגן, און טראכטן: צו וואָס דרייט זיך
גאָר ארום אזא נעפּעש אפ דער וועלט? עפּעס קומט ער זיי פיר
ווי א קאָלטן, אן איבעריק ביינדל, א שטיק ווילדפלייש, א פּע־
גע, אן אָנשיקעניש, און עס גיט זיי עפּעס א שטאָך אין הארץ, אז
זיי דערזעען אים. זיי דאכט זיך אלץ, אז ער איז אויסן אפ זייער
לעבן- אפ זייער בייטל, אז ער איז לאָהוט נאָך זייער נעשאָמע—
נאָך זייער געלט איך האָב, אָסער, נישט קיין ווערטער, איך זאָל דיר
עס אזוי ווייט ארויסזאָג. ביסט, ברודער, א קאפּצן, ביסטו אָפּגע־
שטאָרבן פון דער וועלט. דיינע פריִערדיקע פריינט, בעִים זיי
זיינען רייך, האלטן זיך פון דיר ווייט, מאכן זיי דיר אמאָל א ווי־
זיט, האָט עס נאָר א פּאָנעם, ווי אן אופגעקומענע גווירע כאפּט זיך
אמאָל אראָפּ ערגעצ אין א קליין שטעטל אפ קיי־וועראָוועס צו א
געשטאָרבענעם טאטן, א קאפּצן, און פּוצט זיך דערביי אויס אין
פּערל, אין דימענטן, דאָס אָרעמע קליינע שטעטל זאָל פון איר הא-
נאָע האָבן... אין כומעש צי אין שיר־האשירים, דאכט זיך, שטייט
איך, ווי זאָגט מען עפּעס: העני כאסיע נעכאמעס (עני חשוב כמת[1]),
דאָס הייסט א קאפּצן שמעקט מיט קוואָרעס-בלעטלעך. אין געלט,
ברודער, באשטייט די גאנצע כאָכמע, אלצדינג... האָסטו געלט, האָסטו
די און יענע וועלט. נאָר בא דער צייט געלט צו האָבן הייסט
צו זיין א קליין מענטשעלע, און א קליין מענטשעלע הייסט—
כאנפּענען, צוואטשען, וואָס אין דער קאָרט... לעכאִים, גוטער ברודער!

— לאָמיר זיין געזונט, איסער, און האָבן טאָמעד אזעלכע לעמ־
לעך! נו, איסער, דיין גוויר, בא וועלכן דו ביסט די נעשאָמע, וואָס
איז ער אזוינס?

— אָט פון אים, ברודער, וויל איך נישט ריידן. פארשטייסטו?
איך וויל פון אים נישט ריידן. פון דער צייט, וואָס איך האלט אים
אפ דער ארענדע, וויל איך פון אים נישט ריידן.

— וואָס הייסט, איסער, אפ דער ארענדע? נאט אייך גאָר א
ניִיס! וואָס הייסט, דו האלסט דיין גוויר אפ דער ארענדע? א מיל
איז ער, צו אלדי שווארצע יאָר, אָדער א קרעטשמע, וואָס דו האלטסט
אים אפ דער ארענדע?

---

1 אָ.י. כאָשווו קעמעס.

— וואָס מאכט עס אויס, טיפּעש איינער? וואָס איז די נאַפּקע־מינע: א גוויר, א מיל, א קרעטשמע, א רועכ, א טײַוול און דער שווארציאָר ווייסט, וואָס נאָכ אזעלכעס? אבי אנ ארענדע! הע־ע־ע, ברודער! דו ביסט נאָכ גאָר א מעלאמעד, א פּריצ. מענ מוז דיר נאָכ אלצדינג אויסטײַטשנ. נו, איכ וועל עס דיר איצט דערווײַל ווי ס׳איז דערקלערנ. לאָמיר טאקע אָנהייבנ פונ א מיל!

א וואסער אָדער א ווינט איז אפ דער וועלט א גרויסער קויעכ. קומט דאָס מענטשעלע, וואָס וויל מיט אלצדינג זיכ באנוצנ, שטעלט אנידער א געבײַ מיט רעדער אי שטיינער, און מאכט, אז דאָס וואסער, אָדער דער ווינט זאָל דרייענ די רעדער. די רעדער דרייענ די שטיינער און עס מאָלט זיכ. פאַרשטייסטו? הײַנט, טיפּעשל מײַנער, לאָמיר גייג ווײַטער. ריישיס־כאָכמע איז קויעכ, דערופּ שטייט די וועלט מיט אלע זאכנ. א נאָגיד איז אינ דער וועלט אויכ א גרויסער קויעכ. אלע וועררנ פאר דעמ נאָגיד באָטל. אלע קריכנ און שאפּקעווענ פאר דעמ רײַכנ, אי אזעלכע אפּילע, וואָס זיי קומט פונ אימ לאכלוטנ גאָרנישט ארויס; וואָס זיי האָבנ פונ אימ נישט געהאט אמאָל, האָבנ פונ אימ נישט אצינד און וועלנ קיינמאָל פונ אימ נישט האָבנ אי שפּעטער אפּילע א טרונק וואסער, גלאט, ווײַל א רײַכנ קומט קאָוועד, ווײַל א נאָגיד קומט אלצדינג. כאָטש איכ, איסער, זאָג: דעריקער, וואָס אינ א נאָגיד באדארפ מענ שעצנ, איז נאָר זײַנ געלט. פאַרשטייסטו? זײַנ געלט איז נומער 1, און ער אליינ איז נומער 2. אזא נאָגיד, וואָס נוצט דיר קאל נישט, ער זאָל בא דיר אזא אָרט פארנעמענ ווי גאָרנישט. וויבאלד אז נישט דער איקער — וואָס זשע איז מיט אימ דער ייכעס? קוק זיכ אפ אימ אפּילע נישט אומ, און הער אימ אזוי ווי אינ טשערנאָוויצ די מעגילע.... הײַנט באדארפסטו וויסנ ווײַטער, אז א קלוגער באדארפ מיט אלצדינג אינ דער וועלט זיכ באנוצנ. פאַרשטייסטו? אצינד וועל איכ דיר עס איבערכאזערנ נאָכאמאָל. זאָג זשע, טיפּעשל איינער, זאָג: אפ קויעכ באשטייט אלצדינג, א נאָגיד מיט געלט איז אינ דער וועלט א גרויסער קויעכ, און א קלוגער באדארפ מיט אלצדינג אינ דער וועלט זיכ באנוצנ. בעכיינ באדארפ מענ פונעמ רײַכנ קענענ מאכנ א נוצנ. וואָס מיינסטו, מענ זאָל בא אימ נעמענ נאָר געלט? ניינ! מענ באדארפ אויכ לעבנ אימ קענענ שטעלנ א ווינטמיל, ער זאָל מיט זײַנ ווילדנ קויעכ טרײַבנ

און דרייען אײַערע רעדער — עס זאָל זיך מאָלן! אָדער לעבן אים זײַן אזוי ווי א קאָמעדיאַנט לעבן דער קאָמעדיע, אָדער ווי א ציגײַנער לעבן זײַן בער. האָסטו מיר אָפּגעמאָסטן א גוט מעסטל מיט א ווערך, נו, גיי מאָל דיר געזונטערהייט אין מײַן ווינטמיל! האָסטו באַצאָלט פאר א בילעט, גיי זשע דיר אַרײַן אין דער קאָמעדיע און זע די שיינע אָנשטעלן! אָדער האָסטו מיר געגעבן עטלעכע גראָשן, וועל איך דיר הייסן מײַן בער טאַנצן! פאַרשטייסטו? איך האַלט מײַן גוויר אַף דער אַרענדע! דו ווילסט צום גוויר, צו מײַן ווינטמיל — גיב זשע מיר „מעכטל", איך בין דער אַרענדאַר. דו ווילסט, מען זאָל פאר דיר מאַכן די קאָמעדיע, דיך „אונטערהאַלטן" א ביסל מיט אָנשטעלן — באַצאָל מיר פריִער פאר א בילעט, איך בין דער קאָמעדיאַנט. אָדער ווילסטו עפּעס, מײַן גוויר זאָל זיך פאר דיר שטעלן אַף די לאַפּעס, לייגן זיך פאר דיר אין דער לענג אין דער ברייט, און ברומען — אַרויס פריִער מיט עטלעכע גראָשן און גיב מיר, זײַ מוחל, וואָס מײַן גוטער ווילן וועט זײַן, איך בין זײַן ציגײַנער!... הײַנט פאַרשטייסטו, טיפּעשל? גענוג פאר הײַנטיקס מאָל געלערנט!... לחיים, גוטער ברודער!

— לחיים, איסער, פאר דײַן ווינטמיל, פאר דײַן קאָמעדיע און פאר דײַן בער! דײַנע רעדער זאָלן זיך דרייען, דײַן קאָמעדיע זאָל אָנגיין, און דײַן בער זאָל טאַנצן....

12

עס פאַרשטייט זיכ, איסערס דערעכ, איסערס בליק אָפּ דער וועלט איז פאַר מיר טכילעס געווענ צו הויכ, אונ אַ סאַכ ווערטער גאָר טאַרגעמ. איכ האָב גאָר נישט געוווּסט, מיט וואָס מענ עסט עס. נאָר דאָס אָבער האָב איכ באַלד אינ דער רעגע אופגעכאַפּט: „בא דער צייַט געלט צו האָבנ הייכט צו זייַנ אַ קליינ מענטשעלע, אונ אַ קליינ מענטשעלע הייכט כאַנפענענ, צוואַטשענ, וואָס אינ דער קאָרט". אָט־אָ דאָ בינ איכ שוינ דערגאַנגענ דעמ רעכטנ סאָד. אָבער וואָס הייסט 'אַזוינס כאַנפענענ, צוואַטשענ — האָב איכ נאָכ לעסאָטע נישט רעכט פאַרשטאַנענ.

איכ מוז אייַכ דאָ באַמערקנ, אַז דענסטמאָל האָב איכ נאָכ נישט גוט געוווּסט ביכלאַל צו אונטערשיידנ, וואָס מענ מעג אונ וואָס מענ טאָר נישט. אַנ אַווירע האָט בא מיר געהייסנ: קוקנ אָפּ די קויהאַנימ בעשאַס דוכענענ, נישט שלאָגנ קיינ קאַפּאָרעס, נישט גיינ צומ טאַשליכ, שנייַדנ די נעגל קעסיידער, נישט איבערהיפּערנ אַ פינגער איבער אַ פיננער אונ נישט צולייגנ צו די אָפּגעשניטענע נעגל דרייַ פּיצלעכ שטיקלעכ האָלצ, אָפּגעשניצט פונ אַ שטענדער צי פונ אַ טיש זיי זאָלנ דינענ כאַר קאָשערע איידעס; נישט גלייבנ אינ אַ באַלשעמ; נישט גלייבנ אינ אַ לעצ; נישט גלייבנ, אַז אינ דער גרויסער שול דאַווענענ בא דער נאַכט מייסימ; נישט גלייבנ אינ אוילעמ־האַטויהו — דאָס הייסט: נישט גלייבנ, אַז אַ סאַכ מענטשנ גייענ אַרומ צווישנ אונדז, זיי האַנדלענ, דאַכט זיכ, זיי מאַכנ גע-

שעפּטנ, זיי פאָרנ אפ יארידנ, קויפנ אונ פארקויפנ, הור־הא־הו, אונ בעעמעס זײַנענ זיי גאָר מייסימ, טויטע, געשטאָרבענע, נעבעכ, אפ דעמ או לעמ־ה׳ טויהו... נישט גלייבנ, אז צומ בעזלידעווער ראָוו פלעגנ קומענ מייסימ צומ מישפּעט, אונ דער מאלעכ־האדוימע האָט זיי אהינ געפירט ווי א פּארטיע רעקרוטנ. אָדער נישט צו גלייבנ, אז דער דאָזיקער ראָוו טאקע האָט געהאט קפּיצאס־האָארעצ, געוועג א כאָשעוו אינ הימל אונ געהאט אינ דער האנט דעמ שליסל פונ קינדער, פונ שניי אונ רעגנ; נישט גלייבנ אינ א גילגל, דאָס הייסט נישט גלייבנ, אז דעמ מענטשנס הייליקע נעשאָמע ווערט מעגולגל אינ בעהיימעס, כײַעס אונ אויפעס, אז א געוויסער אוישער איז געוואָרנ אמאָל א כאזער; איינער, עפּעס א פײַנע־בעריע — א קעלבל, נישט פאר אונדז געדאכט; נאָכ איינער, עפּעס א גרויסער פּאָדריאטשיק – א פויגל, וואָס האָט שטארק אָנגעפּײַפט, נישט פאר יידישע קינדער געדאכט; ווײַטער איינער, עפּעס א „גלאסנע״, איז געוואָרנ א פיש נעבעכ, פּונקט מיט אזא „גאָלאָס״, אזא שטימע, ווי פונ א שלײַענ; אונ נאָכ איינער, א באלטויוועס עפּעס — גאָר א קאצ, ראכ־מאָנעליצלאנ.... קורצ, אָט אזעלכע זאכנ האָבנ בא מיר געהייסנ אוויירעס. אָבער כאנפענענ, צוואטשענ אונ זײַנ א קליינ מענטשעלע, דאָס איז אינ מײַנ צעטל נישט געשטאנענ. מאכטייסע, פארוואָס נישט זײַנ א קליינ מענטשעלע? מענ איז דאָכ רײַכ אונ גליקלעכ. א קליינ מענטשעלע האָט מענ נישט די האָזע צו הארגענענ, צו שלאָגנ — אונ אז מע שלאָגט, טוט דאָכ עפּעס אזוי וויי! א שנײַדערקע, אז דערלאנגט א טעלעמעטשע, ווערט דאָכ אזש פינצטער אינ די אויגנ. ווער שמועסט, אז א כאזנ דרייט באמ אויער, קענ מענ טאקע יאָרצײַט פארגעסנ. אונ אויסציִענ זיכ אפ דער ערד, אָנצוטאָנ אָדער אויסצוטאָנ יענעמ קאלאָשנ, בעשאס יענער האלט זיכ בא די זײַטנ אונ קוקט אפ דער סטעליע, — דאָס איז, כ׳לעבנ, אויכ עפּעס נישט קיינ געשמאקע זאכ. אוודע האָט מיר זיכ געגלוסט זײַנ א קליינ מענטשעלע מיט די אלע פּישטשעווקעס, פּאָטער ווערנ מיטאמאָל פונ אלע צאָרעס אונ לעבנ גליקלעכ אינ אוישער אונ אינ קאָוועד. דעריבער טאקע פלעג איכ באשטענדיק מיט גרויס כיישעק מיכ אונטערהערנ הינטער דער טיר, בעשאס איסער ווארגער פלעגט שמועסנ מיט זײַנ גוטנ ברודער. איכ האָב זיכ אָנגעהערט זייער פיל זאכנ אונ דערנאָכ

טאקע זויכע געווענ צו פארשטייג זײַנע ווערטער. איך האָב אים מיט דער צײַט א סאך בעסער פארשטאנענ ווי דעם טאלמעטוירע-מע־לאמעד.

עמעס טאקע, א לעקיש בינ איך געווענ אינ דער יוגנט, זייער גארישעוואטע, נאָר, ווי שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזנ, בינ איך נישט געווענ א נאר פונ דער נאטור. וואָס דענ זשע? די מײַסטע דערפונ איז גאָר געווענ, וואָס טאָמעד, פונ דער קינדהײַט אָנ, בינ איך געווענ פארוויסט, פארוואָגלט אונ דערשלאָגנ. מענ האָט מיך אופּגע־האָדעוועט מיט שמיצ, מיט קלעפּ, מיט קולאקעס אונ מיט סויט־שלעק. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אינ מיר ארײַנגעלייגט אונ געבראָכנ מיר די דארע ביינער. נו, ווי זאָגט מענ עפּעס: פונ אל־כעט ווערט מענ נישט פעט. פונ א סאך שלאָגנ ווערט מענ טאקע דערשלאָגנ. א קאטאָוועס עפּעס, וואָס מײַנ לײַב, דאָס אויסגעמאָרעטע, אויסגעדעווערטע לײַב מײַנס, האָט אינ זיך נעבעך ארײַנגענומענ! איך, נעבעך, לײַד הונגער, קעלט, פיל, אז גייענ מיר אויס די קוּיכעס, עס שטעכט מיך אינ אלע גלידער, ס'איז מיר נישט גוט — אָנשטאָט מענ זאָל זאָגנ: א ראכמאָנעס, א קינד, נעבעך, גייט אויס, א מענטש, אָדער לאָז זיך זײַנ אפילע גאָטס א באשעפעניש צאנקט, נעבעך, ווי א ליכט, ער איז הויט אונ ביינ, נעמט מענ נאָך אונ מענ רײַסט מיר מײַנ דארע־קווארע שטיקל פלייש, נעמט מענ נאָך אונ מענ גיט מיר נאָך ווייטעק אי שטעכעניש, נעמט מענ נאָך אונ מענ צופּט מיר דאָס איבעריקע שטיקל הויט אויס!... איך בינ פּאָשעט געווענ דערטשמעליעט, פארטומלט אונ פארמאראָטשעט. היינט דערצו נאָך, בינ איך געבוירנ געוואָרנ אינ בעזלידעוו, וואָס אינ טאָך ארײַנ איז זי א קליינ שטעטל, אונ א קליינשטעטלדיקער בלײַבט טאקע א קליינשטעטלדיקער. די קליינשטעטלדיקע לײַט זײַנענ, כ'לעבנ, עפּעס גאָר אנדערע מינע מענטשנ, מיט אנדערע כושים, מיט אנ אנ־דער טאמ, אנ אנדער רייעך, אנ אנדער מויעך. זיי שטינקענ נישט, זיי שמעקנ נישט, ני מע, ני מו, ני קאקירעקו! נישט פיש, נישט פלייש, עפּעס מינע ברוים... איך וויל דערמיט אײַך נישט מער אויסברײַענ, אז איר זאָלט זיך נישט וווּנדערנ, וויאזוי א נאר, ווי איך, פלעג אמאָל פּאָרט פאלנ גלײַך אונ דענקענ מיט א גאנג. עמעס טאקע, א נאר בינ איך גע־ווענ, אונ בינ מיט מײַנ נארישקײַט געפאלנ איטלעכנ אינ די אויגנ,

אָבער פונדעסטוועגן נישט קיין נאַטירלעכער, נאָר גלאַט אַ פֿאַרדול־טער, אַ פֿאַרלאָזטער, אַ דערהאַרגעטער. עס האָט מיר אין קאָפּ נישט געפֿעלט קיין קלעפּקע, נאָר די קלעפּקע איז נאָך נישט געווען אָפּגעטעסיעט. אָט־אָ דאָס בין איך געווען. דעריבער האָב איך מיך נאָך געקענט עפּעס אויסלערנען, מיך עפּעס אָנשטויסן. און דעריבער האָב איך געקענט איבערנעמען רעב איסער ווארגערס טוירעס.

באַ איסער ווארגער האָב איך אוועקגעדינט אַ סאַך יאָרן. אין דער צײַט האָב איך מיך אויסגעשליפֿן, האָב גוט פֿאַרשטאַנען און געקענט אַלצדינג, וואָס אַ קליין מענטשעלע באַדאַרף צו קענען, וואָ־רעם איך פֿלעג זיך שטאַרק צוהערן מיט קאָפּ און בין געווען אַ מאַסמיד. איך האָב שוין געקענט אין מײַן גראַד אָפּאַרבעטן מײַ־סים, מאַכן פֿוילע טנועס און גיין אַלץ מיט שפּיצלעך. די גרעסטע האַנאָע האָב איך געהאַט אָפּצוטאָן איינעם אַפּ טערקיש, גלײַך ווי איך וואָלט מיך אין אים נויקעם געווען, און זיך אויסדרייען גלאַט ווי אַפּ אַ טעלער. דאָס געפֿיל פֿון יוישער, פֿון ראַכמאָנעס האָט באַ מיר נישט דערלעבט רעכט אויסצוּוואַקסן.

„יוישער, — האָט רעב איסער ווארגער געזאָגט, — איז אַ שטיקל גומילאַסטיק, וואָס לאָזט זיך ציִען ווי מען וויל. דאָס איז אַ „כּי הנה כּחומר"[1], פֿון וועלכן דער מענטש האָט בעיאַד צו מאַכן עפּעס נאָך זײַן פֿאַרלאַנגען און צו בייגן עס אַזוי צי אַזוי. ראַכמאָנעס דאָס איז אַן אויסגעטראַכט פּוסט וואָרט, אײַנגאַנצן נאָר אַ שווינדל! איך, אַז איך בין שטאַרקער פֿון דיר, איז באַ מיר דער יוישער, און דו, אַז דו ביסט שלאַפֿער פֿון מיר, ווילסטו מיך אײַנריידן עפּעס ראַכמאָנעס!" — אַזוי איז געווען באַ זיך איסערס אַ ווערטל.

איך בין געווען איסערס אַן עמעסער טאַלמיד, האָב מיר אַלץ געגעבן מי מײַן רעבן צופֿרידנצושטעלן, טאָן אַלצדינג נאָך זײַן גע־שמאַק, אים אין אַלץ צו פּאָטראַפֿען. איך בין אים שטאַרק געפֿעלן, אַז ער וואָלט פֿאַר מיר, ווי מען זאָגט, קיין זאַך באָרשטש נישט גע־נומען.

אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן מיך אַלץ צו באַטראַכטן און זיך אַליין צו פֿרעגן: „מתי אעשה לביתי[2]?" — דאָס

[1] קי היניי קאָכוימער.

[2] מאָסײַ עעסע לעווייסי.

הייסט, ווענ וועל איכ שוינ אָנהייבנ עפּעס צו טאָנ, איכ זאָל אופ־געריכט ווערנ? „ואני באתי בימים“[1] אונ איכ בינ דאָכ שוינ א באָכערל! עמעס טאקע, איסערס טוירע קענ איכ גוט מיט אלע פּשעט־לעכ, נאָר „לא המדרש עקר“[2] — נישט דאָס לערנענ איז די קונצ, דער איקער איז דאָכ די מעלאָכע. איכ האָב אלצ זיכ מעיאשעװ געװענ, אזוי לאנג אזוי ברייט, ביז איכ בינ געפאלנ אפ אזא האסבאָרע: סטײַטש, האָב איכ צו מיר אליינ געזאָגט, וואָס פאר א נאר איכ בינ! איסער אליינ זאָגט: „א קלוגער באדארפ מיט אלצדינג אפ דער וועלט זיכ באנוצנ, אונ דעמ נאָגיד באדארפ מענ נעמענ אפ דער ארענדע, מיט אימ צו שפּילנ די קאָמעדיע אונ צו מאכנ די קאָפּעקע“. איסער אליינ איז דאָכ אויכ א נאָגיד, סטײַטש, איכ וועל אימ נעמענ אפ דער ארענדע אונ וועל ווערנ איסערס ארענ־דאר, איסערס נעשאָמע! איסער אליינ איז דאָכ אויכ א קויעכ. נו, וועל איכ מיר שטעלנ א ווינטמיל, איסער זאָל דרייענ מײַנע רעדער! סטײַטש, געבראָטענע טויבנ פליִענ מיר אינ מויל, אינ דער האנט האלט איכ אנ אָפּגעשיילט אייעלע אונ שרײַ: עסנ!...

איכ וועל אײַכ דאָ נישט א יאמ ברײַענ, איכ האָב אָנגעהויבנ צוויז טשענ אונ איסערנ כאנפענענ, מיר אויסגעזוכט טויזנטער וועגנ, ווי צו אימ זיכ צוצושמייכלענ, ווי ארײַנצוקריכנ אינווייניק אימ אינ הארצ, ביז איכ האָב אימ, לעמאזל, דערטאפּט אונ אָנגעהויבנ, אינ א גוטער שאָ, ווערנ זײַנ נעשאָמע!... איסער איז דאָכ נישט מער גע־וועזנ ווי א מענטש, ער האָט אויכ ליב געהאט, מענ זאָל אימ כאנ־פענענ, קעטשקענ, אימ באוואונדערנ אונ פונ אימ שטארק האנאָע האָבנ, האגאמ ער האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס פאר א האפּט, פאר א מאמאָשעס דאָס כאנפענענ האָט. ער אליינ, אשטייגער, אז ער זאָגט איינעמ: איר זײַנט דאָכ א כאָכעמ, א גוטער, א פרומער, א באל־צדאָקע, א קאָשערער, ערלעכער מאנ, הייסט עס גאָר קאפּויר: איר זײַנט א פראָסטער נאר, אנ אכזער, א צוואק, א קארגער הונט אונ א גאנעװ־שעבעגאנאָוימ, דאָס שווארצאפּעלע פונעמ אויג! אזוי איז שוינ, אפּאָנעמ, אפ דער וועלט, אז איטלעכער לאָזט זיכ אײַנ־

1 וואאני באָסי באיאָמימ.

2 לוי האמידרואָש איקאָר.

ריידן, איטלעכער האָט ליב זיך צו נארן..... נאָר נישט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. עס האָט לאנג געדויערט ביז מיר איז געראָטן צו ווערן איסערס כאָשעוו. אײַך וועט עפּשער קאָשע זײַן, וויאזוי ווערט עס פון א מעשאָרעס א כאָשעוו? אײַ, האָט מיר קיין פאריבל נישט; אויב אזוי, קענט איר דאָך נישט די וועלט! קימאט אלע מעשאָרסים זײַנען כאשווים, און קימאט אלע כאשווים זײַנען מעשאָרסים....

אז דער אוילעם האָט דאָ ארויסגעזען מײַן כאשיוועס, אז איך בין איסערס נעשאָמע, זײַן כאָשעווער מעשאָרעס, האָט מען מיך אָנגעהויבן צו גלעטן, אָפּצוגעבן מיר א ברייטן גוט־מאָרגן, ווי אומעטום אין דער וועלט פירט זיך: אז מען באדארף עפּעס האָבן צו דעם פּאָרעץ, זעט מען פריִער זיך צוצושארן צו זײַנע כאָשעווע מעשאָרסים, זיי צו געפעלן, ארײַנצולאָזן זיך מיט זיי אין עפּעס א שמועס מיט זיסע ריידעלעך, ווערן קלאָמפּערשט מיט זיי נאָענטע שמעלקעס און אנעוו טאקע ארײַנשטופּן זיי עפּעס אין הענטל. מען טראכט זיך דערבײַ, לאָמיך זיי פארשטופּן דאָס מויל, לאָזן זיי זיך נישט קרימען, נישט בילן. אָדער גאָר אזוי: נישקאָשע, לאָזן זיי דעם פּאָרעץ באם וועג גייענדיק ארײַנלאָזן אין אויער א גוט וואָרט. א מעשאָרעס קען בא זײַן אָדן אמאָל זייער פיל העלפן. דאָס, וואָס א מעשאָרעס פויעלט אמאָל, קענען עס גרויסע לײַט נישט פויעלן. דער מעשאָרעס ווייסט באם אָדן דאָס הארץ און פארזעט אים מיט אזעלכע זאכן, וואָס מען טאָר נישט זאָגן.... האָט איינער באדארפט עפּעס צו איסערן — און ווער האָט דען נישט באדארפט צו איסערן? — דאָ האָט ער שוין פריִער אָפּגענוצט מײַן לאסקע, איך זאָל בעטן פאר אים סטאנציע און דערמאָנען אים צום גוטן בא א שמועס. פון געלט און מאטאָנעס איז שוין קיין ריידע נישט געווען. יענער האָט געמיינט, אבי בא מיר האָט ער געפויעלט, אז איך זאָל בא מײַן רעב איסערן פארווארפן פאר אים א וואָרט, איז ער שוין געהאָלפן, כאָטש איך האָב מיר געוווסט מײַנס, אז איסער אליין קען אים אזויפיל העלפן, טאקע אף איסערס רייד, ווי א טויטן באנקעס. וואָס ארט עס מיך? לאָז ער מיינען און געבן געלט. און ווען אפילע ס'איז א מעגלעכקײַט געווען צו העלפן, וועט דאָך איסער נעמען געלט און טאָן זײַנס גאָר אָן מײַן שטאדלאָנעס.

יהיה איך שיהיה[1], איזוי צי אזוי, וועט דאָך איסער אלץ נעמען געלט און מאכן ווי דער שטייגער זיינער: „מיר וועלן זען, מיר וועלן זען!" היינט צו וואָס טויג איך נאָך דאָ אין דער מיט! נאָר ווי־טער טאקע, וואָס ארט עס מיך? לאָז יענער מיינען און געבן געלט.

אָט אפ אזא אויפן האָב איך מיר אָנגעהויבן ביסלעכווייז ניס־גאדל צו ווערן, צונעמען אפ זיך לייב און טאקע צונויפגעקליבן שיינע עטלעכע גילדן.

---

1 יִהיע אייך שעיִהיע.

13

— נאָר איין וואָרט, נישקאָשע! נישט מער ווי איין וואָרט! — האָט זיך געהערט הינטער דער טיר עפּעס א גראָב קאָל, און באלד טאקע איז ארײַנגעגאנגען אין שטיבל א געשפּיקעוועט ייִדל, אָן א קאפּאָטע, נאָר אין א פארלאטעטע לײַבל, פון וועלכן עס האָבן ארויס-געקוקט שטיקלעך פארשמירטע ציצעס, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט אף די קני, און אין גראָבע טאכטוינים, מעכילע, מיט גרויסע מעגושעמדיקע שטיוול, אף וועלכע ס'איז געלעגן עפּשער א פּוד בלאָטע און וואָס האָבן פון זיך ארויסגעגעבן א שטארקן רייעך עפּעס פון שווייס אינאיינעם מיט דיאָד.

— א, בעניע, — האָט דער ראָוו געזאָגט, א קוק געבנדיק אף דעם דאָזיקן פארשוין, — וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן, בעניע?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט בעניע געענטפערט און זיך א קראַץ געגעבן אין דער פּאָטיליצע. — עט, גאָרנישט זאָג איך. געלט פאר הײַנטיקן כוידעש האָב איך שוין בא אײַך אָפּגענומען. וואסער האָב איך נאָך נעכטן בא דער נאכט אָפּגעגעבן. איך האָב נעכטן די גאנצע נאכט קימאט געהאט דאָס פירעניש. ייִצכאָק-אווראָמס שטארב האָט מיך גוט אָפּגעפירט. מײַנע באלעבאטים, וואָס לעבן אים אין שכיי-נעס, האָבן דאָס וואסער אויסגעזאָסן, געבליבן א גאנצן טאָג אָן וואסער, נישט געהאט מיט וואָס צו קאָכן. ווער איז שולדיק? דער וואסערפירער. יענעם גלוסט זיך שטארבן, און אויסגיין גייט עס אויס צום וואסערפירערס קאָפּ. גיי פיר זיי די גאנצע נאכט וואסער!

אז איכ האָב אקעגנ טאָג צוגעמאכט אנ אויג, קומט די מאמע, זאָל לעבנ, אונ וועקט מיכ: „בעניע, בעניע! שטיי אופ, פארקייטל די טיר, איכ גיי צום ערשטנ מיניענ הערנ קעדושע, פונ דער שול גיי איכ אפנ הייליקנ אָרט, הייַנט האָב איכ יאָרצייַט. גיב דאָ אכטונג צום טעפל קאָליש, וואָס איכ האָב צוגעשטעלט אפנ פריפעטשיק". איכ פאטער ארויס די מאמע אונ לייג מיכ ווידער צו. קוים וואָס איכ כאפ א דרעמל, הער איכ: — פיק, פיק, פיק. דער האָנ מיט די הינער זייַנענ אראָפ פונ דער סידעליע, שטייענ אונ פיקנ געשמאק א ריפטל ברויט אפנ טיש. אקיש, אקיש!... שרייַ איכ. אקיש אהינ, אקיש אהער — זיי פיקנ טאקע אלץ. לעבנ מיר איז גראָד געלעגנ א הילצערנ לעפל, א פליישיקס, כאפ איכ דאָס לעפל אונ לאָז מיכ צו די הינער. פלוצלימ האָרכ איכ, אפנ פריפעטשיק לויפט דאָס טעפל. מייַנער כאפט אינ אייַלעניש אונ שטעקט אריַינ אינ דעמ מילכיקנ טעפל דאָס פליישיקע לעפל אונ מאכ אָנ א שייַלע! דער לעפל איז פליישיק נאָר, ווייַל ס'איז נישט געקארבט מיט דרייַ קארבנ, כאָלילע נישט ווייַל מענ עסט דערמיט פליישיקס. איכ זאָל אזוי באהיט ווערנ פונ קרענק! דאָס טעפל ווידער איז מילכיק, נאָר ווייַל מענ האָט דערינענ קיינמאָל נישט געקאָכט קיינ פלייש. זינט מייַנ ציג איז מיר געפייגערט קומט אפילע אינ מייַנ גוויל קיינ מילכ נישט אריַינ. איר מעגט מיר גלייבנ אפ מייַנ יידישקייַט! הייַנט, רעבע, פאסקעט מיר א שייַלע!

— עפעס א גרויס טעפל? — האָט דער ראָוו געפרעגט.

— גרעסער פונ מייַנ קאָפ, — האָט בעניע געענטפערט, — עפשער אקעגנ אנ עמער. איכ זופ מיכ דערמיט אָנ פול ווי א פעסל, אונ ארבעט אוועק דעמ גאנצנ טאָג אָנ א פאָפאס.

— קאָשער! — האָט דער ראָוו געזאָגט.

אונ איידער בעניע איז ארויסגעגאנגענ, איז אריַינגעלאָפנ עפעס א ווייַבל מיט א יאָמער, א קלאָג:

— רעבע, איכ האָב שוינ מער קיינ קויעכ נישט אויסצוהאלטנ! איר האָט אוודע זייער גוט געמיינט, וואָס איר האָט צווישנ אונדז געמאכט א לעבנ אונ נישט צוגעלאָזט קיינ געט, נאָר אזא לעבנ אפ אלע מייַנע סאָנימ געזאָגט געוואָרנ! אייַערע טייַערע ווערטער זייַנענ צו אימ אזויפיל צוגעשטאנענ ווי אנ ארבעס צו דער וואנט. ער טוט זיכ טא-

קע זײַנס אונ מאכט מיר אַלצ דעמ טויט. איכ שווארצ דאָס פּאָנעמ, לײַ־באָרג, קויפ אײַנ אפנ מארק אייער, הינער, ווו ס׳איז עפּעס צו פּארדינענ, אבי צו דערהאלטנ די נעשאָמע פונ די הונגעריקע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדערלעכ. אונ ער ווייסט נישט מער ווי די כסידארניע, ווו ער פארברענגט די גאנצע טעג מיט זײַנע לײַט אונטערנ אויוונ, טרינקענ, שמועסנ, פּאַטשטנ. אונ אז ער קומט אהיימ, מוז אימ אַלצדינג זײַנ. ער זאָל עס כאָטש א קוק טאָנ אפּ די קינדער, זיי גייענ אימ קלאל נישט אָנ, ווי זיי וואָלטנ געווענ פרעמדע. צו מיר רעדט ער נישט קיינ גוט וואָרט, גלײַכ ווי איכ וואָלט געווענ צו אימ פארקויפט, זײַנס א דינסט, וואָס איכ בינ נישט ווערט צו וואשנ אימ די פיס אונ טרינקענ דאָס וואסער. איכ הער נישט מער פונ אימ אַלצ שאטיע, טיפּעשטע, שפּיילע! אונטער עפּעס א יאָנטעוו פאָרט ער זיכ אוועק צו זײַנ רעבנ, נעמט בא מיר צו דאָס לעצטע, אונ ליגט דאָרט אָפּ א צײַט מיט זײַנ קאָמפּאניע, אזעלכע ווי ער. עס זאָל עס אימ אָנהייבנ ארנ א היימ, עפּעס א ווײַב מיט קינדער, וואָס זײַנענ זשעדנע א שטיקל ברויט, אונ קומענ, נעבעכ, אָפּ. רופ איכ אמאָל מיכ אָנ אקעגנ דעמ עפּעס א וואָרט, סטראשעט ער מיכ, ער מוז מיכ נאָר אוועקווארפנ, מיכ מאכנ פאר א וויסטע אגונע אונ ווײַזנ מיר, ווער עלטער איז, וואָס א ייִדענע איז אזוינס. הײַנט אינדערפרי קומט ער פונעמ קלײַזל, אינ שטוב איז קאלט — כאָטש וועלפ צו טרײַבנ. שוינ מער פונ צוויי טעג איז קיינ רויכ פונ מײַנ קוימענ נישט געגאנגענ. די קינדער דראָזשענ, ציטערנ אונ בעטנ עסנ. דאָס קליינע קינד אינ וויג איז שוינ הייזעריק שרײַענדיק, וויל, נעבעכ, זויגנ, אונ בא מיר איז נישטאָ קיינ קאפּ מילכ. פונוואנענ זאָל עס זיכ נעמענ, אז איכ דארב, אונ צוויי טעג איז אינ מײַנ מויל קיינ לעפל געקעכצ נישט געקומענ. שאטיע, מאכט ער מיט א קאלט געמיט, לייג מיר ארײַנ אינ קלומעקל א העמד מיט דער שאבעכדיקער קאפּאָטע. איכ האָב פארשטאנענ, אז ער קלײַבט זיכ פאָרנ „אהינ" מיט זײַנ קנופּיע. עס גייט דאָכ א כאנעקע. דאָס הארצ איז מיר געווענ זייער פארביטערט, נעמ איכ אונ רופ מיכ אָנ: גאזלענ איינער! וואָס טראכסטו זיכ? קוק כאָטש אָנ דײַנע קינדער, ווי זיי בידעווענ, לײַדנ, אונ דו האָסט אינזינענ פוסטע, נארישע זאכנ! מיילע, דאָס ווײַב איז א גאָרנישט, א שאטיע, א ייִדענע, א

צויג, אָבער די קינדער, גוואלד, דײַנע קינדער!.. ווי איך האָב עס אים נאָר ארויסגערעדט, אז ער פאלט עס אפ מיר אָנ מיט א קאס, מיט א געפילדער: אזוי, שאטיע! דו וועסט עס מיך אזוי זידלענ אונ אָנרופנ נארישקײַטנ אזעלכע הויכע זאכנ, וואָס זײַנענ נישט פאר דײַנ ווײַבערשנ מויעך! אזוי, דו שפיילע איינע! נו, הײַנטיקס מאָל אינ אנ עק. איך מוז דיך אפ אייביק, טאקע אפ אייביק אוועקווארפנ, אז דו זאָלסט בלײַבנ א וויסטע אגונע. נישקאָשע, איך וועל מיר דאָרט ערגעצ כאסענע האָבנ, איך מעג, נישקאָשע. אונ דיך מוז איך אָנלערנענ, דו זאָלסט וויסנ, וואָס איז אזוינס א יידענע... ער האָט זיך נישט געקילט מיט די רייד, אונ מיך נאָך אָנגעהויבנ צו קנײַפּנ. נאט, זעט, זײַט מויכל, ווי ער האָט מיר צעקניפּנ די הענט, ברוינ אונ בלוי מיר געמאכט דאָס לײַב! גוואלד, רעבע, ראטעוועט מיך! לאָז ער מיר געבנ געט. איך האָב שוינ מער קיינ קויעך נישט אויסצוהאלטנ!...

— גיי שוינ, גיי אהיים! — האָט דער ראָװ געזאָגט. — איך וועל נאָך הײַנט שיקנ דעם שאמעס, ער זאָל אים צו מיר ברענגענ.

קוים איז דאָס ווײַבל ארויסגעגאנגענ, האָט די שאמעסטע זיך ארײַנגעכאפּט, אָנגעטאָנ די יופּע אפ איינ ארבל, מיט א טײַלעך אונטערנ אָרעם.

— גאָט העלפ! — האָט זי געזאָגט צום ראָװ, נאָך דעם ווי זי האָט פריער מיט דער האנט אָנגערירט די מעזוזע אונ א קוש געטאָנ די פינגער. — איך האָב אײַך געוואָלט אפ א רעגע מאטריעך זײַנ מיט א „שײַלעס־נאָשים”. נאט אײַך, זײַט מויכל, דעם לײַלעך.

אינ דער צײַט, ווענ דער ראָװ איז באשעפטיקט געווענ מיט זײַנע ראבאָנישע זאכנ, איז דער אוילעם אינ שטיבל געזעסנ עפּעס מעשונע פארטראכט. די נעגידים האָבנ זיך געבלאָזנ, געקוקט מיט פארדראָס אונ זײַנענ געווענ עפּעס שטארק צעקאָכט, גלײַך ווי אייבער וואָלט פלוצלים פונ דער העלער הויט אפ זיי אָנגעפאלנ אונ זיי גערופנ שווינדלער פאר א וועלט מענטשנ.

— וואָס זיפצט איר אזוי, רעב כאָנע? — האָט איינ נאָגיד זיך אָנגערופנ אונ אליינ אויך עפּעס ווי א קרעכצ געטאָנ.

— עט, רעב בעריש, — האָט רעב כאָנע געמאכט מיט א קנייטשל, —

איך ווייס, כ׳לעבן, נישט, וואָס ייִצכאָק־אוורעם וויל האָבן מיט זײַן מײַסע. עפּעס קומט דאָ פיר אַזעלכע ווערטער, וואָס פּאַסן קלאָר נישט פאַר אים. וואָס זאָגט איר, רעב בעריש, צו די שטעכווערטלעך? איר זײַנט א מייוון, ווּהינ זיי דערלאַנגען? ווער ווייסט ביז־וואַנען דאָס לייענען וועט נאָך געדויערן. איך האָב הײַנט, אָסער, נישט קיין צײַט. איך זיץ דאָ ווי אף שפּילקעס.

— איך זיץ אויך, כ׳לעבן, ווי אף שפּילקעס, — האָט רעב בע־ריש געענטפערט. — אויב איך בין א מייוון, פרעגט איר, ווּהינ די שטעכווערטלעך גייען, ווּהינ זיי דערלאַנגען? אוי־אוי, בין איך א מייוון, רעב כאָנע! פע, פע, איך וואָלט מיך אַזוינס פון ייִצכאָק־אוורעם קיינמאָל נישט געריכט! ער איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין נארישער מענטש, און פאַרשטאַנען אַן אייסעק... עפּשער וואָלט א סוואָרע געווען, מיר זאָלן איצט טאַקע אַוועקגיין. מיר זײַנען דאָך באַשעפטיקטע מענטשן. אָט, כ׳לעבן, פאָלגט מיך, לאָמיר אַוועקגיין.

— כאָלילע, כאָלילע! — האָבן זיך עטלעכע נעגידים אָנגערופן. — עס וועט אויסזען, אַז מיר האָבן זיך געפונען געטראָפן. אדעראַבע, דאַרפן זיצן און אויסהערן ביז אין סאָף אַרײַן.

רעב כאָנע האָט ווײַטער א זיפץ געטאָן, און רעב בעריש האָט מיט דער האַנט זיך אָנגענומען בא דער נאָז און געברומט עפּעס אונטער זיך, ווי איינער, וואָס איז שטאַרק בערויגעז.

— א גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! — האָט רעב פײַוויש געזאָגט, אַרײַנקומענדיק אין שטיבל זייער פרייִלעך, און דאָס פּאָנעם האָט אים געפלאַמט, ווי בא איינעם, וואָס איז א ביסל פאַרלעקט. — איך בין ביז איצט טאָרעד געווען און נישט געקענט מיך אויס־רײַסן אַהער. וואָס איז די מײַסע? — האָט ער געמאַכט, א קוק געבנ־דיק אף די נעגידים, — וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי אומעטיק?

— וואָס איז די מײַסע, רעב פײַוויש, וואָס איר זײַט אַזוי פרייִלעך? — האָבן די נעגידים צו אים זיך אָנגערופן.

— מען האָט שוין, אַפּאָנעם, דערווײַל אָפּגעלייענט אָן מיר, — האָט רעב פײַוויש געזאָגט. — א שאָד, כ׳לעבן, וואָס איך האָב נישט געהערט. עס האָט געמוזט זײַן זייער שיין.

— אַזאַ יאָר זאָלט איר האָבן, — האָט רעב בעריש געברומט אונ־טער זיך.

— נישקאָשע, רעב פײַוויש, ס'איז פאר אײַך נאָך אויך גענוג איבערגעבליבן, — האָט אײנער פון די נעגידים זיך אָנגערופן.

— א גוט מאָרגן, רעבע! — האָט רעב פײַוויש געזאָגט צום ראָיו, וואָס איז צוגעקומען צום טיש. — זײַט מיר מויכל, וואָס איך האָב מיך פארזאמט. איך בין ביז אצינד פארטראָגן געווען אלץ וועגן ייִצכאָק-אווראָמען. כעוורע האָט ערשט זיך אויסגעגלײַכט וועגן דעם קוווי-רע־געלט. ביידע צדאָדים האָבן א ביסל זיך אײַנגעשפארט, פאראקשנט. כעוורע איז אָבער געווען גערעכט און האָט טאקע אויסגעפירט. פון וועמען דען זאָל כעוורע אָפּלעקן א ביינדל, אז נישט פון אזא פעטן בארמינען? א שאָד, כ'לעבן, רעבע, וואָס איר האָט דערווײַל געלייענט, און [איך האָב] נישט געהערט. אזא מײַסע, כ'לעבן, מעג מען הערן, זי איז מאָסויק-מידוואש. איך האָב מיך נעכטן פּאָשעט מעכײַע געווען זי הערנדיק פון אײַער קאָשערן מויל. דער סאָף מוז זײַן גאָר אנ־טיק, אָ-וואַ! א שאָד, כ'לעבן, וואָס איך האָב נישט געהערט!

— אוואדע, רעב פײַוויש, — האָט דער ראָוו געזאָגט, — האָבן מיר דערווײַל אָן אײַך היפּש אָפּגעלייענט. נאָר ס'איז נאָך געבליבן שיראַים. אָט וועל איך מיך טאקע נעמען לייענען ביז אין דעם סאָף אריַין.

14

דער ראָוו האָט נישט געמאכט לאנג קיינ שיעס און אָנגעהויבנ וויַטער לייענע אזוי:

...פוצנ אונ קליידנ זיכ, דאָס איז געווענ מיַינ בעסט פארגעניגנ, ווי דער שטייגער איז פונ אלע אופגעקומענע מעשאָרסימ, וואָס האָבנ ליב ארופצוציענ אפ זיכ אלצדינג, וואָס נאָר זיי קענענ — צו גיינ באהאנגענ מיט בלישטשענדיקע קייטעלעכ אונ פינגערלעכ, אונ זייערע שטיוול זאָלנ גלאנצנ ווי די שפיגעלעכ, ביכדיי די וועלט זאָל זיכ אפ זיי ווונדערנ אונ כידעשנ. שאבעס פלעג איכ געוויינטלעכ מיכ אויספוצנ ווי א טאָק אונ דורכגיינ זיכ מיט מיַינע כאוויירימ, צו וויַיזנ זיכ אפ כידושימ פאר דער וועלט, אונ צו באטראכטנ די אלע וויַיבלעכ אונ מיידלעכ, וואָס גייענ קאָמפאניעסוויַיז שפאצירנ. איכ האָב געקענט אינ דער שטאָט קימאט אלע דינסטנ אונ געוווסט היסטאָריעס פונ א סאכ וויַיבלעכ, צווישנ וועלכע איכ האָב געהאט זייער פיל באקאנטע.

אז איכ האָב איינמאָל שאבעס-נאכמו געשפאצירט מיט כעוורע אינ דער שטאָט, ווו עס האָבנ זיכ געשאָטנ יידישע טעכטער אינ זיַידענע אונ סאמעטענע מאלבושימ, באהאנגענ מיט פערל אונ מיט אלערליי מינע צירונג, איז מיר אקעגנ געקומענ עפעס א מיידל, אָנגעטאָנ זייער פראָסט אינ א ציצנ קליידל, ריינ ווי זילבער, איר פאָנעמ האָט געשיַינט ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערנ אונ פארטונקלט אלע אנדערע מיט זייערע פערל אונ דימענטנ. זיי האָבנ אקעגנ

איר זיך אָנגעזען ווי א ליכט אקעגן דער זונ. בא דער זייַט איז איר געגאַנגען א יונוערמאַנ, א כטאַטעטשנער, זייער שיינ געוואַקסנ. איר שיינקייַט האָט מיר פארנומען די אויגנ, איך בינ געבליבנ א היפּשע צייַט שטיינ ווי צעקאָכט, אונ נישט געהערט, נישט געזענ, וואָס ארום מיר טוט זיך. אז איך האָב שפּעטער א ביסל מיך פאָמיעטענט, האָב איך זי מער שוינ נישט געזען. זי איז דורכגעגאַנגען צווישנ דעם אוילעם אונ פארשווּנדנ געוואָרנ אזוי ווי א פליענדיקער שטערנ אינ די זומער־נעכט. נאָר איר בילד אָבער איז מיר געבליבנ אייַנגעבאַקנ טיפ אינ הארצנ. אונ פונ יענער צייַט אָנ האָב איך זי נישט געקענט אפּ א רעגע ארויסשלאָגנ פונעם קאָפּ. עס האָט טאָמעד פאר מיר זיך אויסגעמאָלט איר פּאָנעם, איר געשטאַלט, אונ בא דער נאַכט, אינ דער פינצטער, האָבנ אקעגנ מיר געפינקלט, געלויכטן אירע ברענענדיקע אויגנ, ווי צוויי אָנגעצונדענע סטעארינעווע ליכט. עס האָט מיר זיך אלץ געדאַכט, אז זי איז מיר שוינ לאַנג באַקאַנט, איך האָב זי אינ מייַנ לעבנ שוינ אמאָל געזען. נאָר ווענ אונ ווו האָב איך נישט געקענט מיך דערמאָנענ. איך האָב מיר פירגענומען, אז איך מוז מיך דערגייינ, ווער זי איז, אונ אופזוכנ זי ווו זי זיצט.

אמאָל בינ איך צווישנ טאָג אונ נאַכט גראָד געגאַנגען ערגעץ אינ א פארלעגנ געסל. דער בלויער לויטערער הימל האָט בא די ברעגנ זיך באַדעקט מיט שווארצע פּאַסנ כמארע, אינ וועלכע עס האָבנ צייַטנ־ווייַז זיך דורכגעוואָרפנ בליצנ ווי לאַנגע פייַערדיקע שטרייַפּעלעך. אינ דעם געסל איז געווען שטיל, נישט קיינ פוס פונ א מענטשנ. אונ איך בינ מיר געגאַנגען זייער פארטראַכט, עפּעס שטארק מאָרעשכוירעדיק. פלוצלים דערהער איך א ביטער געשריי, וואָס האָט מיך אָנגעכאַפּט באַם הארצ. איך גיב א בליק — אקעגנ מיר לויפט איינער מיט א פּעקל גיך אונ געשווינד, ווי א גאַנעוו, וואָס וויל אנטרינענ ווערנ. שטיי! האָב איך א געשריי געטאָנ, זיך געשטעלט באַהארצט אים אקעגנ אונ אופגעהויבנ אפּ אים מייַנ גראָבנ שטעקנ. יענער האָט זיך שטארק דערשראָקנ, ארויסגעלאָזט פונ די הענט דעם פּעקל, אונ אליינ איז ער אנטלאָפנ, גיך פארשווּנדנ געוואָרנ. נישט ווייַט פונ מיר לעבנ א פּלויט איז געלעגנ אפּ דער ערד עפּעס א מענטש. אז איך בינ צוגעלאָפנ צו אים מיט דעם פּעקל, האָט ער אפילע קיינ

ריר זיך נישט געטאָן. אינדרויסן איז טונקל געוואָרן פון א שטיק שווארצע כמארע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויבן אין הימל. איך כאַפּ אין איילעניש אָן דעם מענטשן באַם קאָפּ און מונטער אים. פּלוצלים האָט אָנגעהויבן צו בליצן, איין בליץ נאָך דעם אַנדערן, און איך דערזע אקעגן מיר א פּאָר אָפענע ברענענדיקע אויגן. עס האָט מיר א קלאַפּ געגעבן אין הארץ, דער קאָפּ האָט מיר זיך פאַרדרייט, און איך בין געבליבן שטיין שטארק פארמישט. איך האָב דערקענט זי — דאָס איז געווען זי...

זי האָט מיר דערציילט, אז בעשאס זי איז פריִער א ביסל געגאנגען אליין דאָ אין דעם געסל, איז אונטערגעשפּרונגען עפּעס א מענטש, ער האָט איר דערלאנגט א שטארקן זעץ איבער דער האנט און געשווינד ארויסגעכאַפּט בא איר דאָס פּעקל מיט העמדער, וואָס זי האָט אָנגענומען ערגעץ אין אן אָרט צו נייען. ווען איך זאָל נישט געווען אונטערקומען — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — און אָפּנעמען באַם גאנעוו די זאכן, וואָלט זי געבראָכן געוואָרן פון ברויט, אין נאָך אריין אין א מיִעסן רוף בא לייט. קיינער וואָלט איר מער נישט געגעבן קיין שטאָך ארבעט. זי האָט מיר געדאנקט פונעם גאנצן הארץ, דאָס פּאָנעם האָט איר דערבייַ געפלאמט, און איטלעכער בליק פון אירע פייַערדיקע אויגן האָט מיך געסמאליעט, געבריט. איך האָב געפילט, אז דאָס הארץ ווערט מיר אינווייניק צעשמאָלצן ווי וואקס.

— גאָט זאָל אייַך באצאָלן! — האָט זי צולעצט געזאָגט מיט א ציטערדיק קאָל, און געוואָלט גיין איר וועג.

— ניין, ניין! — האָב איך מיך אָנגערופן צעקאָכט. — איך וועל אייַך בעשומויפן נישט לאָזן גיין איצט איינע אליין. איך מוז אייַך אונטערפירן ביז צו אייַער היים.

זי האָט זיך עפּעס ווי געקווענקלט. דאָס פּאָנעם אירס האָט געזאָגט, אז איר איז עפּעס פּריקרע צו גיין אין דער צייַט מיט א פרעמדן יונגנמאן. נאָר איך האָב זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, געשווינד גענומען צו מיר אין האנט איר פּעקל העמדער, און בין מיט איר געגאנגען ווייַטער דורך געסלעך, וווהין זי האָט מיך געפירט. דעם גאנצן וועג האָבן מיר נישט גערעדט קימאט קיין וואָרט. איך האָב נאָר הינטערווייַלעכס אַפּ איר געקוקט און געצי-

טערט, ווי אינ א קאדאָכעס. אונ ווענ זי האָט מיכ אָנגערירט בא דער האנט בעשאסמייַסע, אז זי פלעגט אלצ וועלנ צונעמענ בא מיר דעם פעקל, איז מיר דורכ דעם גאנצנ לייַב דורכגעלאָפנ עפעס א דראָזש, דאָס בלוט איז מיר געבליבנ שטיינ פארגליווערט אינ די אָדערנ, אונ עס האָט מיר פארנומענ דער אָטעמ. אזוי זייַנענ מיר ביידע געגאנגענ, ביז זי האָט מיכ צוגעפירט צו א שטוב, וואָס אפ דעמ טירל, אינ הויפ ארייַנ, איז געהאנגענ א קליינע ווייַסע וויוועסקע מיט שווארצע קסיוועטע אויסיעס: „דאָ זיצט גאָלדע יאקאָבזאָנ, די נייטערנ".

— יאקאָבזאָנ! — האָב איכ א זאָג געטאָנ פארווונדערט אונ האָב מיכ דערמאָנט אינ יאקאָבזאָנענ, וואָס האָט מיכ אמאָל ארויסגעהאָלפנ אינ דער נויט.

— יאָ, — האָט זי זיכ אָנגערופנ, — איכ הייס גאָלדע יאקאָבזאָנ. וואָס איז עס עפעס אייַכ אזא וווּנדער?

— אייַער טאטע איז מיר פונ גאנצ לאנג באקאנט, — האָב איכ געענטפערט, — ער האָט מיר אמאָל געהאָלפנ אינ א שלעכטע צייַט.

— מייַנ טאטע איז שוינ עטלעכע יאָר טויט, — האָט זי געזאָגט מיט א זיפצ.

אונ איידער מיר האָבנ זיכ געזעגנט האָט א שטארקער דונער געטאָנ, אונ א שלאָקס-רעגנ האָט אָנגעהויבנ צו פלייצנ ווי א מאבל. זי האָט מיכ געבעטנ ארייַנצוגיינ מיט איר צו זיכ אינ שטוב, איבערווארטנ דאָרט דעמ רעגנ. עס פארשטייט זיכ, אז איכ האָב עס געטאָנ בעסימכע, אונ בינ פונ דעמ רעגנ זייער שטארק צופרידנ געווענ. פונמייַנטוועגנ האָט געמעגט גיסנ א מאבל, גאָר קיינמאָל נישט אופהערנ, אונ איכ זאָל בלייַבנ מיט איר איניינעמ אינ שטוב ווי אינ נויעכס טייווע.

די שטוב, אינ וועלכער איכ בינ ארייַנגעגאנגענ, איז באשטאנענ פונ איינ כיידער, איבערגעטיילט אינ דער מיט מיט שפאנישע ווענטלעכ. איינ העלפט איז געווענ א ספאלניע, אונ די אנדערע העלפט — א כיידער אפ צו זיצנ. באמ ערשטנ אָנבליק האָט מענ געקענט זייער גרינג ארויסזענ, אז דאָרט וווינענ מענטשנ אָרעמע, אָבער נישט קיינ פוילע, אָפגעלאָזענע. דאָרט האָבנ זיכ געפונענ עטלעכע אלטע בענקלעכ מיט א קאנאפקעלע, איבערגעצויגנ מיט א

געלבלעכנ, אָפּגעבליאקעוועטנ ציצ. לעבנ וואנט איז געשטאנענ א קאמאָדע, איבערגעדעקט מיט א טישטעכ, ווײַס ווי שניי, אונ דערופ איז געווענ אויסגעשטעלט שמאָכטעלײַענ: א פּאָר קלײנע פּאָרצעלײַענע שעלכלעכ מיט רויטע קווייטנ, א צוויי בלויע געשליפענע קעלישקעלעכ אונ א פּושקעלע פונ טשערעפּאשקעס, א שפּיגעלע מיט קלײנע פּארפומע־פּלעשלעכ אוכדוימע נאָכ אזעלכע קלײניקײַטנ, וואָס זײַנענ געווענ דאָס גאנצע צירונג, דאָס שײַנדל אינ דער שטוב. דערצו האָט מענ נאָכ געקענט צורעכענענ די עטלעכע בלומענטעפּלעכ אפ די פענצטער אונ דעמ אויסגעשטריקטנ פּאָרטרעט פונ מוישע ראביינו מיט די לוכעס אינ דער האנט. לעבנ פענצטער איז געשטאנענ א טיש, אָנגעלייגט מיט לײַוונט, מיט פּאסמעס פעדעמלעכ אונ מיט אלע אנדערע זאכנ, וואָס צו דער ארבעט.

ארײַנקומענדיק אינ שטוב, האָט גאָלדע מיכ פאָרגעשטעלט פאר איר מוטער, א דארע, א שלאפע יידענע פונ א יאָר פופציק, אונ אינקורצנ איר דערציילט דאָס גאנצע באגעגעניש אירס ערשט נישט לאנג. די מוטער האָט מיר געמאכט א שיינעמ באָרעכ-האבע אונ מיכ געבעטנ זיצנ. לעבנ עק טיש אפ א בענקל איז געזעסנ א קלײנ מיידעלע פונ א יאָר אכט, זי האָט קלאָמפערשט עפּעס ווי גענייט אונ הינטערווײַלעכס אפ מיר געקוקט מיט כיטרע אייגעלעכ. גאָלדע האָט זיכ אויכ געזעצט לעבנ טיש, אונ פאנאנדערגענומענ דאָס פּעקל, וואָס זי האָט געבראכט. עטלעכע מינוט בינ איכ געזעסנ שטיל ווי א כאָסנ-באָכער אונ נישט גערעדט קײנ וואָרט. אפנ הארצ איז מיר געווענ עפּעס פריילעכ. איכ האָב געקוקט, ווי גאָלדע ארבעט מיט אירע ווײַסע פּוכקע הענטלעכ, אונ עס האָט מיר עפּעס שטארק האנאָע געטאָנ.

דערנאָכ איז געוואָרנ א רייד איבער דער פּאָגאָדע, ווי נייטיק דער רעגנ איז. די אלטע האָט עפּשער א מאָל צענ איבערגעכאזערט, אז דאָס גייט נישט קײנ רעגנ, נאָר ברויט, אונ האָט געמאכט האָפענונגענ, אז נאָכ דעמ רעגנ וועט מיט עטלעכע גראָשנ זיכער וועלוועלער ווערנ דער מעקעכ פונעמ פּוד מעל. גאָלדע האָט עפּעס זיכ איבערגעווונקענ מיט דער מוטער, אונ איז ארויסגעגאנגענ. די אלטע איז געבליבנ לעבנ מיר, האָט אלצ גערעדט אונ ארופגעקומענ אינ שמועס דערופ, ווי דער מאנ אירער האָט א צײַט, נעבעכ, גע־

קרענקט און פארקרענקט דעם לעצטנ גראָשנ, ביז ער איז געשטאָרבנ און איבערגעלאָזט זי, וויסטע אלמאָנע, מיט צוויי קינדער, ווי אפ דעם וואסער. נאָר גאָט אָבער האָט זי געבענטשט מיט א טאָכטער, וואָס איז ווײַט אינ דער וועלט צו זוכנ איר גלײַכנ. איר גאָלדעניו איז גוט אי פרום, מיט אלע מײַלעס. זי ארבעט, נעבעכ, טאָג ווי נאכט, נייט, שטיקט און נעמט זיכ די אויגנ ארויס איבער דער נאָדל, ווי ס'איז ארויסצוברענגענ דאָס שטיקל פארנאָסע. מענ לעבט טאקע אינ דאכקעס, אינ צאָרעס. איר ביטערע שווערע ארבעט קלעקט קוים־קוים אפ די נייטיקסטע באדערפעניש. נאָר נישט צו פארזינ־דיקנ, מענ לעבט דאָכ פאָרט. גאָט ווייסט, וואָס פונ אונדז וואָלט געוואָרנ, ווענ נישט גאָלדעניו.

— אוואדע מעג איכ מיכ פרייענ, זיכ שעצנ גליקלעכ מיט אזא מאטאָנע פונ זײַנ ליבנ נאָמענ. נאָר ווי ווייגט אי'נ מיר אָבער דאָס הארצ, — האָט זי געזאָגט מיט א שטארקנ זיפצ, און טרערנ האָבנ איר זיכ געשטעלט אינ די אויגנ, — קוקנדיק, ווי גאָלדעניו ארבעט אפ אונדז אלע מיט נויט־שוויס, נעבעכ, שטעלט אײַנ דאָס געזונט, דאָס לעבנ, און פארגינט נישט אפ זיכ אליינ אויסצוגעבנ אמאָל, איר זאָלט זאָגנ, אפילע א צעבראָכענעם שילינגער. וואָס איכ בעט זי אמאָל: גאָלדעניו, סערדצע! האָב ראכמאָנעס אפ דײַנ לעבנ, קויפ דיר עפעס אפ צו דערקוויקנ זיכ, און רו זיכ א ביסל אויס, נע־שאָמע מײַנע... ענטפערט זי אלצ מיט א געלעכטער: — איכ באדארפ מיכ נישט קוויקנ, מאמע! עס נודעט מיכ כאָלילע נישט באם הארצ. לאָזנ זיכ קוויקנ יענע, וואָס זיצנ פארלייגט די הענט און ווייסנ אליינ נישט, וואָס גייט זיי אָפ. אפ אויסרוענ זיכ איז דאָ בא אונדז א גרויסער טאָג — שאבעס. אזוי ענטפערט זי אָפ, טאָמעד מיט א ווערטל, און טוט טאקע ווײַטער דאָס אירע, שטיל, פײַנ, ווי א שטילע טויב. לאָז מיר זײַנ פאר איר קאָפ!...

אינמיטנ שמועס איז ארײַנגעקומענ גאָלדע און אנידערגעשטעלט אפנ טיש א טאצ מיט פיר גלעזער טיי.

אז מיר האָבנ אָפגעטרונקענ טיי, האָט דער רעגנ אופגעהערט. גאָלדע האָט געהייסנ איר שוועסטערל זיכ גיינ לייגנ שלאָפנ.

— גיי, שיינדעלע, — האָט זי צו איר געזאָגט און זי א גלעט געטאָנ איבער דעם קעפעלע, — דיר איז שוינ צײַט צו שלאָפנ. דו

וועסט בעסער פריִער אופשטיין. דײַנ לערער וועט שוינ הײַנט נישט קומענ.

שיינדעלע האָט א קוש געטאָנ די מוטער אי די שוועסטער, געזאָגט איטלעכנ א גוטע נאכט, אונ געגאנגענ שלאָפנ. מיר איז שוינ אויכ צײַט געווענ צו גיינ. איכ האָב מיכ אופגעהויבנ פונעם בענקל, זיכ געזעגנט אונ אוועקגעגאנגענ.

די האלבע לעוואָנע האָט געשײַנט אונ איז ווי א גילדנ שיפּעלע זיכ געשווומענ אינ דעמ גרויסנ, בלויענ יאמ פונ דער לופט, וואָס איז געווענ רויִק, שטיל, אָנ א שומ ווינטעלע. דער הימל האָט מיט טויזנטער ליכטיקע שטערנ אראָפּגעקוקט ווי א פארליבטער כאָסנ אפ דער געליבטער ערד, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א גרינ קלייד פונ גראָז, פארפּוצט מיט אלערליי שיינע בלומענ, פונ וועלכע עס האָבנ געשמעקט זיסע, געשמאקע רייכעס ווי פונ די טײַערסטע פּארפּומעס. זשאבעס האָבנ לוסטיק געקוואקעט אינ די טײַכלעכ, אונ ערגעצ פונ א גאָרטנ האָט זיכ אָנגערופנ אפ זײַנ קאָל א סאָלאָוויי, איינ בעריִע אפ דער וועלט. א קאפּאָרע אלע כאזאָנים!... מיר האָט עפּעס אויכ זיכ געזונגענ אפנ הארצ. איכ האָב גייענדיק אונטערגעזונגענ, אונ אליינ נישט געהערט וואָס. נאָר, צוקומענדיק נאָענט לעבנ דער היימ, האָב איכ מיכ עפּעס ווי א כאפּ געטאָנ, אונ דערהערט, אז איכ זינג לייזער דעמ שנײַדערס א ניגנדל ווי מענ באזעצט א קאלע. א, אינ דער ערד ארײַנ, פּאלגע! האָב איכ אינ שפּאס געשאָלטנ לייזערנ, אונ מיט א פריילעכ שמייכעלע אימ אָפּגעשיקט צו אלדי־שווארצע יאָר.

הערט א מײַסע! נאָכ אזא פריילעכ באגעגעניש האָט די גאנצע נאכט מיר זיכ גאָר געכאָלעמט עפּעס טרויערדיקע סצענעס, ווי מענ וויינט מיכ אָפּ מיט טרערנ, אונ קוילעס פונ מענטשנ שרײַענ עפּעס ארויס ווי פונ דער ערד — גוואלד, וואָס האָט מענ צו אונדז געהאט!...

15

איכ האָב אָנגעהויבנ צו ווערנ בא גאָלדענ אינ שטוב אנ אָפּטער גאַסט, עס האָט מיכ געצויגנ אהינצו עפּעס ווי א מאגנעט. מיכ האָט געצויגנ צו איר נישט אירע מײַלעס אונ מידעס־טויוועס, ווי זי דערנערט זיכ קאָשער אונ האלט אויס שײנ־פּײַנ אנ אלטע מוטער אונ א שוועסטערל מיט איר ארבעט. ניינ! אזעלכע זאכנ האָט אייסערס א טאלמיד נישט געקענט שעצנ. געלט, דאָס איז געוועזנ בא מיר דער ארשינ אפּ צו מעסטנ דעם מענטשנס מײַלעס, ווי אויכ דאָס עכטע געוויכט אפּ אָפּצוּוועגנ אלע מינע מידעס־טויוועס. א קלוגער, א בעריע, א מענטש האָט בא מיר געהייסנ דער, וואָס האָט געלט אונ לעבט אינ ווילטאָג. וויאזוי ער האָט עס באקומענ אונ אפּ וועמענס הויצאָעס ער לעבט — דאס מאכט גאָרנישט אויס. אינ אזעלכע זאכנ גייענ ארײַנ פּאָדראָבנע נאָר אָרעמעלײַט, שלימעזאלניקעס, מאכמעס קינע אונ פּארדראָס, ווי אויכ מאכמעס דעם, ביכדיי מיט זייער בארײדנ יענעם צו פּארגלעטנ דערווײַל זייערע אייגענע פּעלער, וואָס זיי זײַנענ שלימעזאלניקעס, טויגעניכטסנ, אונ צו קילנ זיכ א ביסל דאָס הארצ, צו טרייסטנ זיכ, קלאָמפּערשט, פּאר דער וועלט, אז זייער אָרעמקײַט איז נאָר פּאר זייער גוטנ כאראקטער, דערפּאר, וואָס זיי קענענ נישט, ווי אנדערע, זײַנ פּאלשע, נידעריקע מענטשנ.

ניינ! נישט גאָלדעס שיינע, גוטע מײַלעס זײַנענ מיר געפעלנ. מיר איז געפעלנ געוועזנ נאָר איר שיינ פּאָנעם, מיכ האָט געצויגנ צו איר א מעגושעמדיקע ווילדע ליבשאפט. וואָס איכ האָב מיט דער ליבשאפט

געמיינט, דאָס האָב איכ מיר נאָכ אליינ קיינ כעזשבנ נישט געקענט אָפגעבנ — איכ בינ דערווײַל צו גאָלדענ געגאנגענ. טכילעס האָב איכ איר געבראכט ארבעט, מיר געלאָזט נייענ בא איר העמדער, מאניש־קעס, אונ דערנאָכ פלעג איכ מיר שוינ אזוי קומענ גלאט, ווי א גוטער באקאנטער.

אינ דער גאנצער צײַט, וואָס איכ בינ געגאנגענ צו גאָלדענ, פלעג איכ דאָרט אלצ טרעפנ יענעמ יונגנמאנ, וועלכנ איכ האָב דאָס ער־שטע מאָל באגעגנט שאבעס גייענדיק מיט איר שפאצירנ. ער איז געווענ דאָרט זייער היימיש, ווי אנ אייגענער, א גאנצער בענבאיס. ער פלעגט לערנענ מיט שיינדעלענ, העלפנ אינ שטוב, ברענגענ אמאָל מיט זיכ פונעמ מארק נייטיקע זאכנ, אויכ אמאָל לײַענ אונ געבנ אונטער אנ ענגער צײַט. קיינער אינ שטוב האָט אימ נישט גע־ירצט, אונ אימ גערופנ פראָסט באמ נאָמענ — מיכל.

מיכל איז געווענ א שרײַבער, וואָס פלעגט לערנענ מיידלעכ אונ ייִנגלעכ שרײַבנ, אונ ציִענ דערפונ זײַנ שטיקל פארנאָסע. פונ א שמועס אמאָל מיט דער אלטער האָב איכ מיכ דערגאנגענ, אז מיכל איז דער פאמיליע א גאנצע אָנהאלטעניש, א גרויסע פאָדפאָ־רע. אָנ אימ וואָלט אויסגעקומענ אמאָל זייער שלעכט. ער איז אי־דער א ווײַטער קאָרעוו אונ איז גאָלדעניוס שוינ קימאט א כאָסנ. לעסאַטע איז דאָס נאָכ פאר דער וועלט בעסאָד, נאָר אינ א קור־צער צײַט פארהאָפט זי, אימירצעשעמ, מאכנ טנאָימ אונ ברעכנ טעפ. די דאָזיקע ווערטער האָבנ מיכ געשטאָכנ אינ דער זיבעטער ריפ. נאָר איכ האָב מיכ געמאכט נישט וויסנדיק, גלײַכ ווי עס גייט מיר גאָר נישט אָנ.

פונ יענער צײַט האָב איכ געהאלטנ מיכלענ פאר מײַנ ערגסטנ סוינע, וואָס שטייט מיר אינ וועג, אונ האָב אלצ געטראכט, ווי אימ בײַצוקומענ. איכ פלעג מיכ ווי א קעצעלע צושארנ צו גאָלדענ אי צו דער מוטער מיט גוטע, זיסע ריידעלעכ, שפילנ זיכ מיט שיינ־דעלענ אונ ברענגענ איר אָפט א צוקערקעלע, אָדער עפעס א שפילכל, אינ דער האָפענונג צו ווערנ דורכ דעמ א כאָשעוו אונ ארויסשטופנ מיכלענ, אוועקשטעלנ אימ אינ דער זײַט. איינמאָל האָב איכ מיכ אפילע געפרווט צו געבנ עפעס געלט, אז איכ האָב בא־מערקט, אינ שטוב איז עפעס ענג. נאָר גאָלדע האָט מיר געהייסנ

צוריקנעמען דאָס געלט, עפּעס מיט אזא שמייכעלע, וואָס האָט מיך געלערנט דערעכערעץ, און וואָס איז א סאך ערגער געווען פון א פּאטש. דאָס האָט נאָך טויזנט מאָל מער פארשטארקערט מײַנע סינע צו מיכלען. עס האָט מיך געברענט ווי א העליש פײַער. נאָר וואָס מער אָבער די סינע מײַנע צו אים איז געוואָרן אלץ שטארקער, האָב איך מיך אלץ מער פארשטעלט, גערעדט מיט אים זיס און געוויזן אים טאָמער א פריילעך פּאָנעם. פארשטעלן זיך, דאָס האָב איך שוין אין יענער צײַט זייער גוט געקענט, ווײַל דאָס איז די ערשטע זאך, וואָס א קליין מענטשעלע באדארף קענען. אז איסער האָט שוין פֿירגענומען זיך איינעם צו באגראָבן, פלעגט ער אים אופנעמען זייער פרײַנטלעך, לויפן אים אקעגן מיט א סימכע און זיך קושן מיט אים אין די פּיסקלעך. מאכן יענעם די מיסע „בינשיקע", דאָס הייסט קושנדיק בא יענעם די נעשאָמע צונעמען, איז אי פיל זיכערער, אי מען איז נאָך מעקײַעם די מיצווע פון „וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ"[1], לויט איין כאָכעם האָט געזאָגט, דערמיט, וואָס מען קלײַבט אויס פאר דעם כאַווער א שיינע מיסע, א שטילן טויט, אז קיין האָן אפילע זאָל נישט קרייען...

איך פלעג קומען צו גאָלדען אויסגעפּוצט און אויסגעשמירט די האָר מיט א סאך פּאָמאדע, ביכדיי דערמיט צו געפעלן און ארויפוואַרפן אין אירע אויגן מיכלען, וואָס איז געגאנגען פּראָסט געקליידט. נאָר בא גאָלדען האָבן קליידער גאָר נישט אזוי אויסגעמאכט. זי האָט מיר גאָר איינמאָל דעליקאט אָנצוהערעניש געגעבן, אז פון אויסגעפּריעטע פּאָמאדע אף יענעמס קאָפּ באקומט מען דעם קאטער. מיכל האָט דערבײַ א שמייכל געטאָן, און אין ווייניק אין מיר האָט געקאָכט, געזאָטן אף אים דאָס בלוט. שיינדעלע האָט אמאָל זיך אָנגערופן:

— פע, מיכל, ווי דו גייסט! רעב איציק-אווּרעמל שײַנט טאקע, ער איז אויסגעפּוצט, אויסגעצוואָגן, מיט רויטע בעקעלעך און פּאָמסענע ליפּעלעך ווי א שיין מיידל.

— נארעלע! — האָט מיכל איר געענטפערט גאנץ רויק — וואָס זאָל איך טאָן, אז איך בין אָרעם און האָב נישט אזא דינסט, וואָס זאָל מיר אף אלצדינג טראָגן.

מיר האָט זיך געדאכט, אז מיכל גיט מיר א שטעכווערטל, אז

1 וועאָהאַווטאַ לערייאַכאַ קאָמויכאָ.

איכ בינ א מעשאָרעס, אונ וויל מיכ דערמיט בא איטלעכנ שטארק אראָפּווארפנ. איכ האָב עס אָבער אראָפּגעשלונגענ, פארביסנ די ליפנ אונ נישט אָפּגעענטפערט קיינ קרומ וואָרט.

אפ אזא אויפנ איז אוועקגעגאנגענ דער גאנצער זומער אונ א שטיק פונעם אָסיענ. איכ בינ שיר אויס דער הויט נישט געשפרונגענ פאר גרויס ליבשאפט, נאָר ס'איז גאָרנישט געווענ צו מאכנ. מיכל איז מיר געשטאנענ ווי א ביינ אינ האלדז. איכ האָב געזענ, אז ווענ איכ וועל מיכ נישט אײַלנ דעמ ביינ ארויסנעמענ, וועל איכ דערוואָרגנ ווערנ. עס האָט שוינ געהאלטנ, אז אָט־אָט ווערט מיכל א כאָסנ פאר גאָלדענ. די אלטע האָט אימ ליב געהאט ווי אנ אייגנ קינד, אונ זי האָט געוואָלט דערלעבנ דעמ טאָג צו זענ אימ פארבונדנ מיט איר טאָכטער אפ אייביקע יאָר. זי האָט א פאָר מאָל געמאכט א שמועס פונ די האכאָנעס, וואָס מענ באדארפ דערצו האָבנ, אונ אלע אינ שטוב זײַנענ געווענ פריילעכ. שיינדעלע איז אזש געשפרונגענ פאר פרייד, געשטיפט, זיכ גערייצט מיט מיכלענ אונ געפאלנ אימ דערנאָכ אפנ האלדז, ארומנעמענדיק אימ מיט ביידע הענטלעכ. גאָלדע האָט געקוקט אפ זיי מיט פײַכטע ברענענדיקע אויגנ, וואָס האָבנ אויסגעדריקט זייער פיל טײַנעג, אונ איז רויט געוואָרנ ווי פײַער. ס'איז איר דענסטמאָל אינ פאָנעמ נישט געווענ ארײַנצוקוקנ, ווי אינ דער ליכטיקער זונ, אזוי שיינ איז זי געווענ. איכ האָב אויכ געמאכט א פרײַנטלעכ פאָנעמ, ווי א היימישער מענטש, וואָס טוט אימ האנאָע, אז אינ הויז איז א סימכע. נאָר אינ הארצ אָבער האָט מיר געברענט א גענעמ. אוועקגייענדיק פונ דאָרט האָב איכ געקריצט מיט די ציינ אונ געשוואָרנ, אז איכ מוז זוכנ עפעס א טאכבולע, ווי צומ גיכסטנ אָפראמענ מיר דעמ וועג צו גאָלדענ.

עס האָט נישט לאנג געדויערט, אונ די טאכבולע איז מיר געקומענ אינ האנט ארײַנ. אינ יענער צײַט גראָד איז געווענ א נאָבאָר. איכ האָב אָפגעארבעט שטילערהייט, דורכ איסערנ, אונ מענ האָט מיכלענ גענומענ פאר א רעקרוט !....

אז איכ בינ געקומענ צו גאָלדענ, איז דאָרט אינ הויז געווענ טישעבאָוו. די אלטע איז געלעגנ אינ בעט, קראנק, צעבראָכנ, אונ אפנ קאָפ א נאס טיכל מיט קאלט וואסער. גאָלדע איז געווענ

בלייב ווי די וואנט, מיט רויטע געשוואָלענע אויגן און זיך ארומגע־דרייט לעבן דער מוטער צעפּאטלט די האָר, פאַרזאָרגט, פאַרו־מערט ווי א דערשלאָגענע. שיינדעלען איז גאָר נישט געווען צו דערקענען. זי איז איינגעגעבעט געזעסן אין א ווינקעלע, פארלייגט די הענטלעך, און געקוקט מיט אראָפּגעלאָזענע אויגן אף דער ערד. בא מיין אריינקומען האָבן אלע מיטאמאָל זיך צעוויינט מיט הייסע טרערן, אָן ווערטער, ווי אומגליקלעכע, בעשאס זיי דערזעען זייער בעסטן פריינט.

— וואָס איז אזוינס געשען? — האָב איך ווי א טאמ א פרעג געטאָן און געבליבן שטיין פארוואונדערט.

אקעגן א פּאָר מינוט איז געווען שטיל. דערנאָך האָט די אלטע אף א וויינענדיק קאָל ארויסגערעדט און זיך געוואָרגן מיט טרערן: אָך, וויי און ווינד איז מיר! מיכל... נישטאָ מיכל!... די כאפּערס האָבן גענומען מיכלען!...

עס האָט איר זיך געעפנט א פרישער קוואל טרערן. גאָלדע איז לעבן איר אפן בעט געזעסן אָנגעבויגן, מיט ביידע הענט אפן פּאָ־נעם. די קראנקע מוטער האָט איר ארופגעלייגט די האנט אפן קאָפּ, און אלע האָבן געוויינט, געיאָמערט, ווי מען באקלאָגט א טויטן. איך האָב געמאכט א טרויערדיק פּאָנעם, געזיפצט, געקרעכצט, און אין הארצ האָט מיר האנאָע געטאָן קוקנדיק אף גאָלדען, וואָס צו איר פארשטעלט מיר איצט שוין קיינער נישט דעם וועג. איך האָב זי געגעסן מיט די אויגן, אָנגעקוקט זי פון אויבן ביז אראָפּ, ווי א וואָלף קוקט אף א שעפעלע. און בא מיר אין הארצ געטראכט: נישקאָשע, דו וועסט זיין מיינס, וועסט פון מיינע לאפּעס זיך שוין נישט ארויסדרייען...

א פּאָר כאדאָשים נאָך דער דאָזיקער סצענע זיינען פארגאנגען. מיכלען האָט מען אָפּגעגעבן און אוועקגעפירט ווהין מען באדארף. בא גאָלדען אין שטוב איז געווען א כורבן. אלצדינג האָט געטרויערט און פארלוירן זיין געשטאלט. די בלומענטעפּלעך זיינען געשטאנען פארדארט, ווייל ס'איז נישט געלעגן אינזינען זיי אין דער געהעריקער צייט צו באגיסן. די קליינינקייטן אף דער קאמאָדע זיי־נען נישט אויסגעשטעלט געווען מיט א שיינעם סיידער, ווי פריער,

און אפֿ „מוישע ראַביינו“ איז געלעגן אַ געדיכטער שטויב. ער האָט אויסגעזען עפּעס מאָרעשכוירעדיק און אַרויסגעקוקט פֿון אונטער דעם גלאָז עפּעס ווי סטראָגע, זייער שטאַרק בערויגעז. מיר, וויניקסטנס, האָט זיך אַזוי געדאַכט, און איך פֿלעג מיך היטן אַפֿ אים אַ קוק צו געבן. שיינדעלע האָט אויפֿגעהערט צו לערנען, נישט געהאַט מער מיט וועמען זיך צו שפּילן. זי איז אַראָפּ פֿונעם לײַב, אויסגעזאַנגען ווי אַ ליכט און איז געוואָרן גאָר אויס קינד. אַפֿ גאָלדען איז געלעגן די ערד, קיין פֿריילעכע מינע האָט מען פֿון איר נישט געזען. ס'איז איר עפּעס ווי נישט ניכע געוועזן דאָס לעבן. די אַלטע פֿלעגט קוקן אַפֿ אירע קינדער, שאָקלען מיטן קאָפּ און זיך באַוואַשן מיט טרערן. זי פֿלעגט אַלץ אײַנפּאַלן און צײַטנווײַז ליגן אין בעט.

איך פֿלעג עפּעטערס אַהין קומען, זיצן בעשאַס גאָלדע פֿלעגט אַרבעטן, פֿלעג זי שטאַרקן מיט גוטע, זיסע ריידעלעך און מיט מײַנע טרייסט־ווערטער געזוכט אַלץ וואָס ווײַטער־ווײַטער זיך אַרײַנצוזאָגן־וועגען אין איר האַרץ. שפּעטער אַ ביסל האָב איך באַמערקט אין שטוב אַן עלנט. גאָלדעס האַנט־אַרבעט אַליין, ווי זי האָט זיך געמוטשעט, געפּלאָגט און קריץ־געריסן, האָט נישט מאַספּיק געוועזן אַפֿ די אַלע לעבנס־באַדערפֿעניש, ווײַל די באַלוינונג פֿאַר איר אַרבעט איז געוועזן זייער קליין. דעריבער האָט באַשײַמפּערלעך זיך אַרויסגעוויזן, ווי מיכל גייט אָפּ, ווי שטאַרק נוצלעך ער איז פֿאַר דער אָרעמער פֿאַמיליע געוועזן. זײַן ביילעך הילף האָט איצט געפֿעלט. דערצו איז נאָך גראָד דענסטמאָל געוועזן טאַקע וויניק אַרבעט. מען האָט באַדאַרפֿט גיין איינמאָל אין דער אַפּטייק אַרײַן נאָך אַ רעצעפּט פֿאַר דער אַלטער, און דערויף איז נישט געוועזן קיין גראָשן. איך האָב מיך אײַנגעשטעלט און פֿאַרגעלייגט גאָלדען צו נעמען בײַ מיר עפּעס געלט. גאָלדע איז רויט געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געענטפֿערט קיין וואָרט. מען האָט געזען, אַז בײַ איר אינ־וויניק אין האַרץ איז נישט רויק. דאָרט רוישט אַ שרעקלעכער שטור־רעמווינט פֿון ביטערע געפֿילן. איך האָב גאָלדען געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך לײַ איר עס נאָר אַפֿ אַ צײַט אויס, זי מוז עס נעמען צו־ליב דער קראַנקער מוטער, וואָס זי געגייטיקט זיך אַצינד אין דעם רעצעפּט, וואָס זייער מעגלעך, דערינען הענגט אָפּ איר לעבן. די אַל־טע האָט בעשאַסמײַסע בײַ איר אין בעט גראָד אַ שטאַרקן קרעכץ

געטאָנ. גאָלדע איז פארצאפּלט געוואָרנ, גענומענ בא מיר מיט א ציטערדיקער אייַז-קאַלטער האנט דאָס געלט, ארופגעכאפּט אפ זיך א שאַל, אונ איז געשווינד ארויסגעלאָפנ פונעם שטוב...

בא מיר אינ שטיבל בינ איך איינמאָל שפּעט בא דער נאכט געלעגנ אפ מייַנ געלעגער אונ נישט געקענט קיינ אויג צוטאָנ. עס האָט פונ מיר זיך אָפּגעטאָנ דער שלאָף. די ליבשאפט מייַנע צו גאָלדענ האָט מיך שרעקלעך געמוטשעט, נישט געלאָזט רוענ, אונ איך האָב מיך גענומענ טראכטנ, וואָס קענ דערפונ ווערנ? ביזוואַנענ נאָך וועל איך מיך אזוי פּייַניקנ אונ נישט ברענגענ די זאך צו אנ עק. נאָר אפ וואָס פאר אנ אויפנ אָבער ברענגט מענ עס צו אנ עק?—כאסענע האָבנ? נאָר דאָס איז פאר מיר זייער א שווע־רע זאך, דאָס לוינט מיר נישט מיקאמע טייַמים. ערשטנס, וועל איך דורך דעם מוזנ ארויסטרעטנ פונ דינסט בא איסערנ, אונ אוועק־גייִנ פונ איסערנ הייסט אזויפיל ווי אופהערנ צו זייַנ א קליינ מענ-טשעלע, א כאָשעוו, אָפּזאָגנ זיך פונ פארדינענ גרינג געלט, פונ א גליקלעך לעבנ אָנ צאר, אָנ מי אונ אופגעבנ אלע מייַנע האָפענונגענ אפ שפּעטער. צווייטנס, וואָס וועל איך בא איר נעמענ? גאָרנישט! זי איז דאָך הויל, נאקעט, אזוי ווי די מאמע האָט זי געבוירנ. זי וועט מיר אָנהאָבנ א סאך קינדער, פּופּקעלעך, וואָס וועלנ מיר פאר-דרייענ דעם קאָפּ, איך וועל אופעסנ דאָס ביסל געלט אונ וועל דער-נאָך בלייַבנ א קאפּצנ, א טויגעניכטס, א לוי־יוצלעך, צו קיינ זאך נישט אינ דער וועלט; וועל לייַדנ, פארשווארצט ווערנ, ווי אמאָל אינ דער יוגנט איך בינ פארשווארצט געוואָרנ, אונ צוליב וואָס? צוליב א ליבשאפט!... וואָס, אשטייגער, האָב איך געטראכט, וואָלט דערצו געזאָגט איסער? איסער וואָלט זיכער געמאכט דעם גרעסטנ געלעכטער אונ געזאָגט, אז:

„ליבשאפט איז נישט מער ווי א שיינ פּענעמל, א זייפנ-בולבע, וואָס שפּילט פארנ אויג אינ אלערליי וווּנדער־שיינע קאָלירנ, אונ פּלוצלים צעשפּרינגט עס, מענ ווייסט נישט, ווּהינ עס קומט אהינ. דאָס איז א שפּילכנ, א קלייניקייַט, וואָס מענ באדארפ עס טאקע נאָר פאר א קלייניקייַט באקומענ, אונ וואָס עס לאָזט זיך זייער גרינג אייַנהאנדלענ, אבי מענ איז נאָר קיינ שוטע נישט. ליבשאפט—דאָס איז א שווינדל־זאך, וואָס דעם מענטשנס הארצ שווינדלט אינ די

געפילן פונקט אזוי ווי דער קאָפּ שווינדלט אין פראָסטע סאָכרישע געשעפטן. דער שפּיץ איז — דאָס איז א מיסכער, א דעליקאטע קונציק־אויסגעארבעטע נעץ, צו פאנגען דערינען נאראָנים, שוואכע מענטשלעך, וואָס צעקריכן ווי א שניי און צעגיסן זיך וויבאלד מען גיט זיי נאָר עפּעס א ווארעם...״

וואָס דען זשע? זאָל איך קיין נאר נישט זײַן און דערגרייכן מײַן ווונטש גאָר פּראָסט, אָפּ אן אנדער אויפן? נאָר דאָס איז אָבער א ריינע אומעגלעכקײַט. ווי איך האָב געקענט גאָלדען, איז גאָר אומעגלעך געווען אזעלכס אפילע צו טראכטן. זי האָט טאָמער געקענט עפּעס זיך אזוי האלטן, אז מען האָט געמוזט האָבן פאר איר דערעכערעץ, און די צונג האָט זיך נישט געלייגט ארויסריידן אין אירע אויגן עפּעס א מיִעס וואָרט. איינמאָל האָב איך מיך ארויסגעכאפּט מיט עפּעס נישט אזא שיינ ווערטל, וואָס רא אנדערע גייט עס אײַן, נישט צו מאכן דערויס קיין שום פּיירעש, האָט זי דערבײַ געמאכט עפּעס אזא מינע, אז איך בין באָטל געוואָרן, און א קעלט איז מיר דורכגעלאָפן אין אלע אייוורים. ניין! אזעלכע ווי גאָלדע לאָזט זיך נישט אײַנהאנדלען, מען זאָל אפילע קלוג זײַן ווי צען רוכעס. וואָס זשע דען, לאָמיך אינגאנצן א שפּײַ טאָן און זי פארגעסן? דאָס, האָב איך געפילט, איז איבער מײַנע קויכעס. גיכער וואָלט איך מיך אָפּגעזאָגט פון מײַן לעבן איידער פון איר. די ליבשאפט מעג זיך זײַן אינגאנצן א שפּילכן, אָבער איך האָב אזא שפּילכן בעשומויפן נישט געקענט אוועקווארפן. איך האָב געטראכט, געטראכט און ווידער געקומען צום ערשטן — איינ ברײרע, טאקע כאסענע האָבן! אײַ וואָס, דאָס קען מיר דאָך שאטן? נו, דערצו וועט מען מוזן געפינען עפּעס א טאכבולע, מאכן עפּעס א פּשאָרע, עס זאָל אי אהין אי אהער גוט זײַן. כאסענע מוז מען האָבן, און וואָס גיכער איז אלץ בעסער. מער פרעגן זיך האָב איך שוין קיין קויעך נישט. עס מוז באלד נעמען אן עק. גאָלדע באדארף זײַן מײַנע!... מיט דעם דאָזיקן געדאנק בין איך אנשלאָפן געוואָרן און געהאט זיסע גוטע כאלוימעס.

איך בין אויפגעשטאנען א ביסל שפּעטלעך אפן טאָג, און בא מיר אָפּגעמאכט, עס זאָל אפילע דונערן און בליצן, מוז איך הײַנט פארנאכט מיט גאָלדען מיך דערקלערן. דענסטמאָל איז גראָד געווען פאר פיי־

סעכ. גאָלדענ איז זייער ענג געווענ. זי האָט באדארפט זייער פיל האָבנ און נאָכ נישט געהאט קיינ אָנהייב אפ יאָנטעוו. צו מייַנ זאכ איז דאָס געווענ סאמע די בעסטע צייַט. אז איכ בינ געקומענ צו גאָלדענ, האָב איכ זי געטראָפנ איינע אַליינ זיצנדיק איבער דער ארבעט, די אלטע איז געלעגנ אינ בעט אונטער די ווענטלעכ, און שיינדעלע לעבנ איר. מענ האָט פונ דאָרט נישט מער געהערט ווי א הוסטנ — דאָס האָט געהוסט די אַלטע און דאָס שיינדעלע, ביידע האָבנ געקייַכט אינ איינ אָטעמ, גלייַכ ווי זיי האָבנ זיכ פארהערט, ווער פונ זיי קייַכט שטארקער. דערצו האָט נאָכ צוגעשווישטשעט א גריל, און אינײנעמ איז ארויסגעקומענ עפּעס א שרעקלעכער קאָנצערט. גאָלדע איז געווענ פארזאָרגט, אַלצ גענייט, געמאכט מיט דער נאָדל און נישט פארגונענ זיכ אפּילע א רעגע דעמ קאָפּ אופצוהייבנ.

איכ האָב מיר געמאכט א שמועס. זי געמוסערט, פארוואָס זי האָרעוועט אזוי איבער די קרעפטנ, פארלירט איר געזונט און האָט נישט קיינ ראכמאָנעס אפ זיכ אַליינ, נישט אפ איר פאמיליע, וואָס האלט זיכ אינגאנצנ נאָר אפ איר, און נישט אויכ אפ אירע גוטע פרייַנט, וואָס איר געזונט איז זיי שטארק טייַער, און וואָלטנ פאר איר דאָס לעבנ אוועקגעגעבנ.... גאָלדע האָט בא די דאָזיקע ווערטער אפ מיר א בליק געטאָנ, און אינ דעמ בליק איז געלעגנ עפּעס אזוינס, וואָס איז שווער איבערצוגעבנ. איכ האָב גערעדט נאָכ מער באַהארצט, וואָס ווייַטער-ווייַטער אַלצ מיט מער פייַער, און ארויס לעסאָפּ מיט דער גאנצער שפּראכע, אז זי איז מיר ליב ווי דאָס לעבנ, און איכ וואָלט מיכ געשעצט איבערגליקלעכ, ווענ איכ זאָל מיט איר כאסענע האָבנ. גאָלדענ איז די נאָדל פונ די פינגער ארויסגעפאלנ און געבליבנ זיצנ צעמישט, אָנגעשפּארט דעמ קאָפּ אפ ביידע הענט. אפ א פּאָר מינוט, לעערעכ, בינ איכ אנשוויגנ געוואָרנ. עס האָט מיכ באשלאָגנ א שווייס, און דאָס הארצ האָט מיר שטארק געקלאפּט, גלייַכ ווי איכ וואָלט איבערגעגאנגענ א הויכנ בארג.

דאָס הוסטנ און קייַכנ פונ אונטער די ווענטלעכ איז אַלצ געגאנגענ שטארקער און שטארקער. א צעבראָכענע שויב אינ דעמ פענצטער האָט זיכ געשאָקלט אהינ און אהער פונעמ ווינט און צוגעקלאפּט צומ טאקט עפּעס זייער מאָרעשכוירעדיק. מיר האָט זיכ געעפנט ווייַטער א מויל, איכ האָב גערעדט מיט היצ, גערעדט און אַלצ אייַנ-

גערעדט גאָלדענ. איך האָב געשילדערט איר איצטיקע לאגע, ווי זי איז געקוועטשט פונ אלע זייַטנ, איך האַב איר אָנגעוויזנ אפ דער קראנקער, שלאפער מאמע מיט שיינדעלענ, ווי זיי לייַדנ, נעבעך, אונ קומענ אָפּ. נאָר צוליב זיי אליינ באדארפ זי עס טאָנ. בא מיר וועט דאָך אלע, אימירצעשעם, זייַנ גוט. מיר וועלנ לעבנ גליקלעך אונ צופרידנ, אז גאָט אונ לייַט וועלנ האנאָע האָבנ. גאָלדע האָט מיר ארייַנגעקוקט אינ פּאָנעם, אונ הייסע טרערנ האָבנ אינ גרויסע טראָפּנס ווי פּערל איר געקאפּעט פונ די אויגנ.

— לאָזט מיך צורו א קורצע צייַט, — האָט זי זיך אָנגערופנ עפּעס מיט א קאָל פונ געבעט, גלייַך ווי איינער, וואָס אינ דער קלעמ, — איך וועל מיך א ביסל באטראכטנ, זיך מעיאשעוו זייַנ מיט דער מאמע אונ אייַך באלד געבנ א קלאָרע טשוווע.

אז איך בינ געקומענ אפ מאָרגנ צו גאָלדענ, האָב איך זי געטראָפנ זיצנדיק אונטער די ווענטלעך לעבנ דער מאמע. די אלטע האָט מיך אָנגענומענ בא דער האנט אונ געזאָגט, אָנווייַזנדיק מיר מיטנ קאָפּ אפ גאָלדענ, אז זי איז מערוצע אָפּצוגעבנ מיר אינ די הענט ארייַנ איר טייַערנ בריליאנט, איר שאצ, איר מאטאָנע פונ זייַנ ליבנ נאָמענ. נאָר איך זאָל אָבער וויכנ, כאָטש א צענטכיילעק פונ איר, ווי זי טייַער צו האלטנ, ווי זי צו שאצנ. דערבייַ טאקע האָט זי צוגעשטעלט א פונקט, אז איך זאָל מיך אָפּזאָגנ פונ מייַנ שטעלע, וואָרעמ, ווי פאר א כאָשעוו איך בינ, בינ איך דאָך פאָרט טאקע נאָר א מעשאָרעס, אונ איר גאָלדעניו אָפּגעבנ פאר א מעשאָרעס, איז איר נישט לעקאָוועד, אויך נישט איר מישפּאָכע. איך האָב מיך אקעגנ דעמ געשטעלט, איר אויסגעוויזנ ווי ס׳איז נישט גוט, נישט קלוג אָפּצוזאָגנ זיך פונ אזא גיילדענער שטעלע, וואָס טראָגט מיר פיל אייַנ אונ קענ דאָרט מיט דער צייַט ווערנ א מענטש וואָס א מענטש הייסט.

— א סאך מעיוכאָסימ, כ׳לעבנ, ליגנ מיר אמאָל צו די פיס, זייַנענ מיר מעקאנע אונ וועלנ מיר ערשט שפּעטער, אימירצעשעמ, נאָך מער מעקאנע זייַנ. נישקאָשע! איך בינ שוינ איצט אזא מעיוכעס ווי זיי אלע. נאָר ווי די מייַסע איז, אצינד אָפּזאָגנ זיך איז זייער קרומ, א גרויסע אוויירע. לעסאטע איז פיל גלייַכער אינ אלע אויפאנימ, איך זאָל לעבנ איסערנ אי נאָך דער כאסענע טאקע ווייַטער בלייַבנ. וואָס מאכט עס אויס? זאָל זיך דאכטנ, איך בינ א קרעמער אונ זיצ גאנ-

צענע טעג אינ קלייט, אָדער איכ בינ א סויכער אונ פאָר די גאנצע וואָכ ארום. אינ ליידיקע צײַטנ, ווי אויכ שאבעס אונ יאָנטעוו, וועל איכ מיר צוברענגענ בא זיכ אינ דער היימ. לעסאטע מוז זײַנ אזוי אונ שפּעטער איז דאָכ גאָט א טאטע... מיסטאָמע וועט שוינ זײַנ רעכט... אײַ וואָס, אײַכ קומט אלצ פיר פאָרט עפּעס מעשאָרעס, ס'איז אײַכ עפּעס פּריקרע פאר דער וועלט,—נו, וועלנ מיר אָפּמאכנ די כאסענע שטיל, אָנ ראש, אָנ געפּילדער אונ זיכ מוזנ באגיינ אָנ די אלע מעיוכאָסימ. אויכ מיר א וואזשנע זאכ! פונ וועמענ מענ האָט דאָ צו ריידנ!...

דער שפּיצ איז געווענ—מײַנע רייד זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ, אונ מיר האָבנ געמאכט א האנטשלאָג.

— זע זשע, דו זאָלסט אָפּהיטנ מײַנ ברילִיאנט אונ כאָשעוו האלטנ מײַנ קינד, מײַנ טײַערע נעשאָמע!—האָט די אלטע נאָכאמאָל מיכ געבעטנ אונ זיכ צעוויינט.

גאָלדע מיט שיינדעלענ האָבנ אויכ געוויינט, געכליפּעט, אונ איכ בינ דענסטמאָל געווענ אפ דעמ זיבעטנ הימל פאר פרייד, וואָס מיר איז געראָטנ אָפּצומאכנ די זאכ גלאט, ווי איכ האָב מיר געווונטשנ.

לאגבוימער אינ א שיינעמ טאָג בינ איכ מיט גאָלדענ איניי־נעמ מיט דער מוטער אונ שיינדעלענ זיכ דורכגעפאָרנ נישט ווײַט אינ א דערפל אונ פאר א מיניענ יידנ דאָרט שטיל אָפּגעשטעלט א כופּע.

16

די ערשטע צײַט נאָך דער כאַסענע האָב איך געהאַט מיט גאָלדענע זייער א גוט לעבן. אַלע אינן שטוב זײַנען צופרידן געווען. איך בין טאַקע ווי פריער געוועזן בא איסערן אין הויז, האָב מיך געהאַלטן אין אים אײַזנפעסט, און געאַרבעט אין מײַן זאַך זייער געשמאַק, נאָך א סאַך געשמאַקער ווי אַמאָל. מיר איז קיין רעגע נישט אַרויס פון עם זינען, אַז איך בין א באַווײַבטער און באַדאַרף האָבן געלט. איך האָב מיר גוט איבערגעכאַזערט אין קאָפּ די אַלע הילכעס „קליינ מענטשעלע" מיט אַלע פּירושים פון רעב איסערן, אויך מיט מײַנע אייגענע האַגאָעס, וואָס איך האָב דערינען ווי א לאַמדן מופלעג אויפגעטאָן שטאַרק סײַכלדיק, גאָר א כריפּעס. לאָז די וועלט פון איצט אָן פּילן, וואָס פאַר א גרויסער לאַמדן, וואָס פאַר א קיילע-שליימע, א צאַצקעלע איך בין; לאָז זי גוט טאַקע פּילן, אַז איך האָב א ווײַב, אַז איך בין א באַלהויצאָע און באַדאַרף הײַנט א סאַך האָבן; לאָז זי געבן געלט און אויסשטיין מײַנע הויצאָעס. נישקאָשע, די וועלט איז נישט קראַנק, דער רוח וועט זיי נישט נעמען! — אַזוי האָב איך בא מיר אין האַרץ אָפּגעמאַכט, און אַרופגעצויגן די מעקאָכים אַף מײַנע אַלע שטוקעס, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק מיט כיישעק צו מאַכן.

איסערס גוויר, דער בער, האָט געטאַנצט בא איסערן אין דער קאָמעדיע, און איסער אַליין האָט געטאַנצט ווי א בער אין מײַן קאָמעדיע. מיר האָבן ביידע געהאַט גרויס שעפע. דער נאַרישער אַוי-

לעם איז צו אונדז געגאנגען און געצאָלט געלט אין טאָג אַרײַנ. מיר האָבנ געמאכט גוטע געשעפטנ און זײַנען בײדע צופרידנ געװען. איכ האָב באקומען א גרויכנ כײשעק צו געלט. װיפל איכ זאָל נישט געװען פארדינען, איז מיר אלצ געװען װײניק, און האָב שטארק געציטערט איבערנ קערבל.

אינ דער הײמ בא מיר האָט מענ געלעבט זײער קארג. איכ פלעג זענ אײַנשפּאָרנ, אײַנקארגנ, װי װײַט נאָר מענ קענ, און זײער בערוי-גען זײַנ, אז פלעגט אװעקגײנ אנ איבעריקער גראָשנ. די אלטע פלעגט זיכ דערופ בלאָזנ און אמאָל זאָגנ, אז איכ צײל די גרויפּנ אינ דעמ טאָפּ און פארגינ קײנעמ נישט דעמ ביסנ. איכ פלעג מיכ צוריק בלאָזנ און איר געבנ שטעכװערטלעכ, אז אפּ פרעמדס איז איטלעכער א װאטרען, אז מענ זאָל מיכ אומזיסט האָדװען — מאכ-טײסע, װאָלט איכ אויכ קײנ קארגער נישט געװען. גאָלדענ פלעגט אזעלכע װערטער קרענקען, זי פלעגט אויש געל און גרינ װערנ, און נישט אײנ מאָל נאָר איז מאכמעס דעמ צװישנ אונדז ארויסגעקומען א רויגעז. ס׳איז אמאָל געגאנגען אזוי װײַט, אז איכ האָב מיעס מיכ צעקריגט מיט גאָלדען, זי גראָב באלײדיקט, געזידלט װי איכ האָב געקענט, בינ אינ אײנ קאס ארויסגעלאָפנ פונעמ שטוב, א שטארקנ קלאָפּ געבנדיק מיט דער טיר, און אקעגנ א װאָכ נישט אהײמ געקומען.

די פריערדיקע הײסע ליבשאפט מײַנע האָט אלצ װאָס װײַטער-װײַטער זיכ אָפּגעקילט. גאָלדעס שײנ פּאָנעמ איז בא מיר געװאָרנ א געװײנטלעכע זאכ. איכ האָב שוינ דערינען גאָרנישט עפּעס אזוינס ארויסגעזען. א פּאָנעמ װי אלע פּענעמער מיט א נאָז, מיט אויגנ. גאָלדע האָט בא מיר פארלוירנ דעמ כײנ, און אויסגעזען פּראָסט א װײַבל װי אלע װײַבלעכ. איכ האָב אינ הארצ כאראָטע געהאט אפ דעמ גאנצנ שידעכ. צו װאָס האָט עס מיר געטויגט, — האָב איכ בא מיר געטראכט, — צו נעמען אפ מיר אזא שװערנ יאָכ, א גאנצע געזינד, װאָס פרעסנ מיר אָפּ דעמ קאָפּ, און ברענגען מיכ אויס? נאָר א בײזע שאָ איז אפ מיר דענסטמאָל געװען, װאָס איכ האָב מיכ געפּאָזט פארפירנ פונ א שײנ פּענעמל און אויסגעבראכט דערופ אזויפיל געלט. איכ האָב מיכ געכידעשט, װוּ איז דענסטמאָל געװען מײַנ טײכל, מײַנ פארשטאנד! װי קומ איכ צו אזא נארישקײַט? האָב

בארעכנט, וויפל די נארישקייט האָט מיך אָפּגעקאָסט און מיט וויפל איך וואָלט איצט רייכער געווען, אז איך זאָל זי נישט געווען טאָן. דאָס האָט מיך שטענדיק געערגערט אזוי, אז איך פלעג מאכמעס דעם טאָמעד זיך קרימען, קוקן אפ איטלעכן אין שטוב מיט א פינצטער פּאָנעם, און האָב נישט גערעדט דאָרט מיט קיינעם קיין גלייך וואָרט. אין א צייט פון א יאָר צוויי איז גאָלדע פון מיר גענוג אויסגעשטאנען. זי האָט געהאט פון מיר די גאַל. נאָר זי האָט אלצדינג אראָפּגעשלונגען, און פלעגט אפילע נישט הויך וויינען, קיין פּיפּס אפילע נישט געטאָן.

אינמיטן דערינען באדארפ זיך גראָד טרעפן, אז דער גוויר, בא וועלכן איסער איז געווען די נעשאָמע, זאָל גאָר פּלוצלים א שטארב טאָן און די ווינטמיל מוז בלייבן שטיין — די רעדער קענען מער זיך נישט דרייען!... מיט דעם גווירס טויט ווערט מיין רעב איסער אויס נעשאָמע, אויס מאכער, און מיט רעב איסערס אויס נעשאָמע ווערן ווער איך דאָך אויך מעמיילע אויס נעשאָמע, אויס אלצמיטאנאנדער. דער אוילעם האָט מיט דער צייט שוין אופגעהערט גיין מיט באקאָשעס צו איסערן, וואָרעם ער איז דאָך שוין מער נישט געווען קיין ארענדאר, ער האָט דאָך שוין מער נישט געהאט דעם בער. דערצו נאָך איז אים שוין טאקע שטארק צוגעטראָטן דאָס עלטער. ער איז אויסגעוועפּט געוואָרן, עפּעס גאָר אויווערבאָטל, גאָר נישט דאָס פּאָנעם, נישט דער סייכל, די כאָכמע, וואָס אמאָל. הייַנט אז איסער איז אויס כאָשעוו געוואָרן, פארשטייט זיך דאָך, בין איך אויך אויס כאָשעוו געוואָרן און שוין מער נישט געגאָלטן, אקוראט ווי אן אָפּגערופּענע מאטבייע. בא איסערן בין איך נאָך אפּילע אלץ טאקע געבליבן דער אייגענער כאָשעוו, און נישט אופגעהערט בא אים צו גילטן; נאָר וויבאלד אָבער ער האָט מיר שוין מער נישט געקענט נוצן, האָב איך אים באדארפט אפ נייַנציק טויזנט קאפּאָרעס, האָב איך אים אזוי געהערט ווי אין טשערנאָוויץ די מעגילע. אזוי האָט דאָך מיך געלערנט טאקע רעב איסער אליין, איך האָב דאָך דאָס בעקאבאָלע טאקע פון אים, דאָס זיינען דאָך זיינע אייגענע ווערטער. איך האָב נישט לאנג געטראכט און אָפּגעטראָטן פון איסערן, וואָס ער האָט בא מיר א פּאָנעם געהאט ווי א נעווייליע.

א געפּייגערט באשעפעניש מאכט אפ דעם מענטשן נישט אזא

טרויערדיקנ, שלעכטנ רוישעמ, ווי א באשעפעניש, וואָס איז ווי געפייגערט און האָט נאָכ אינ זיכ פאָרט א סימענ לעבנ. איכ זאָג עס אקעגנ מיר און אקעגנ נאָכ א סאכ אנדערע נעפאשעס, ווי, אשטייגער, אקעגנ אנ אויסגעוואָרענעמ באל־טאקסע, אנ אָפגעזאָגטנ סבאָרשטשיק, אנ אויסגעמאכטנ קלייקוידעש און אלערליי מינע אראָפגעוואָרפענע קאָהאָלס־לײַט. מיילע, א פעגירע איז כאָטש א פעגירע, עס לעבט נישט און באדארפ נישט קיינ שומ זאכ; יענע לײַט אָבער, יענע נעפאשעס, אז זיי ווערנ פלוצלימ אויס און פארלירנ זייער פארנאָסע, אינ וועלכער דאָס כיעס זייערע איז געהאנגענ א צײַט מיט יאָרנ — זיי, נעבעכ, ווערנ, עמעס, טאקע פעגירעס, אָבער לעבעדיקע, צאפלדיקע פעגירעס, וואָס ווילנ עסנ, טרינקענ, כאָטש א ביסל מאשקע, און באדארפנ אלצדינג טאקע האָבנ! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אז זיי קענענ זיכ נישט רירנ; אז זיי זײַנענ, לוי־אלייכעמ, גרויסע ביטערע קאליקעס, האָבנ, דאכט זיכ, א מויל, הענט און פיס און טויגנ נישט פונדאנענ אהינ!...

דאָס הארצ, כ׳לעבנ, רײַסט קוקנדיק אפ אזעלכע לעבעדיקע פעגירעס, אזעלכע שלימאזלדיקע, מעכילע, פארשטונקענע באשעפענישנ!

אָט אזא מינ באשעפעניש בינ איכ געווענ נאָכ דעמ, אז איכ האָב אָפגעטראָטנ פונ איסערנ. איכ האָב נישט געוווסט, וואָס מענ טוט, צו וואָס מענ נעמט זיכ, וואָרעמ כוצ מײַנ קליינ־מענטשלדיקע פארנאָסע האָב איכ דאָכ גאָרנישט געקענט און צו קיינ שומ זאכ נישט געטויגט. די לאגע מײַנע איז דענסטמאָל געווענ זייער א שלעכטע. איכ האָב געלעבט פונעמ גרייטנ: געביטנ קערבלעכ און געגעסנ. און בא איטלעכנ קערבל, וואָס איכ האָב צעביטנ, איז מיר אָפגעפאלנ א שטיק פלייש, געשטאָרבנ געוואָרנ אנ אייווער. שטענדיק בינ איכ געווענ אינ קאס, האָב קיינעמ אינ שטוב נישט פארגונענ דאָס לעבנ, און צו איטלעכנ באזונדער זיכ געזוכט. בא איטלעכנ גראָשנ, וואָס איכ האָב גאָלדענ געגעבנ אפ דער הויצאָע, פלעג איכ איר פארצאפנ דאָס בלוט, אלצ זאָגנ: וואָס וויל מענ פונ מיר האָבנ? איכ קענ נישט אויסהאלטנ אזא געזינד.

די אלטע האָט פונ מיר געקײַט די ערד. זי האָט זיכ פארעסנ און האָט פאר שיורע־לעוו מעסוקנ קראנק זיכ ארײַנגעלייגט אינ בעט ארײַנ. מענ האָט געזענ, אז עס עקט איר זיכ דאָס לעבנ, זי

וועט נישט געדויערנ לאנג. איכ בינ זיכ מוידע, אז איכ האָב איר געווונטשנ דעמ טויט, אונ עס האָט מיר אינ הארצ האנאָע געטאָנ, וואָס באלד וועל איכ פאָטער ווערנ פונ א פרעסער, אונ די הויצאָע וועט קלענער ווערנ. דעריבער האָב איכ מיכ פארשטעלט, זיכ געמאכט, קלאָמפערשט, ווי איר קרענק רירט מיכ אָנ בא דער נעשאָמע, איכ בינ גאָר אויס מענטש. איכ האָב נישט געזשאלעוועט אפ קיינ דאָקטער, אפ קיינ אפטייק — אבי גיכער זי זאָל שוינ זיכ איבערפעקלענ, האָב זי באדינט ווי א געטריי קינד, גאנצע נעכט נישט צוגעמאכט אנ אויג, איר איינגעגעבנ די רעפועס אונ געטראכט דערביי: ווענ וועט דער מאלעכאמאָוועס דיכ שוינ צונעמענ? בא איטלעכנ אינ שטוב בינ איכ געהויבנ געוואָרנ פאר מיינ געטריישאפט, דערפאר, וואָס איכ לייג מיכ דאָ אזוי אוועק, אונ מענ האָט מיר פארגעסנ אלע צאָרעס, וועלכע מענ איז פונ מיר פריער אויסגעשטאנענ. גאָלדע פלעגט מיכ אָפט טרייבנ פונ דער מוטערס בעט, איכ זאָל גיינ א ביסל מיכ אויסרוענ, נאָר זי האָט עס בא מיר נישט געקענט בעשומויפנ · פויעלנ.

— גיי דו, — האָב איכ איר דערופ געזאָגט, — דו, נעבעכ, גיי, כ׳לעבנ, לייג זיכ א ביסל צו, אונ איכ וועל מיר דאָ בלייבנ אליינ, נישקאָשע.

איכ דערמאָנ מיכ איצט מיט שרעק יענע ווינטערדיקע נאכט, ווענ די אלטע איז געלעגנ שטארק פארדולט מיט פארגלאָצטע אויגנ, גערעדט עפעס נישט צו דער זאכ, אונ אינ הארצ האָט בא איר שרעקלעכ געכריפעט, אזוי אז מענ האָט געהערט אפ דער גאנצער שטוב, גלייכ ווי עמעצער וואָלט געזעגנ האָלצ. גאָלדע איז נישט טויט נישט לעבעדיק געזעסנ לעבנ בעט אפ א בענקל, מיט רויטע פארוויינטע אויגנ, אונ געבראָכנ די הענט. שיינדעלע, די אויסגעבלייכטע, אויסגעדארטע, אויסגעטריקנטע שיינדעלע לעבנ איר האָט מיט א פינצטער פאָנעמ געקוקט אפ דער נויטע־לאָמוס׳ער מאמע, געקוקט אונ געכליפעט, אונ כליפענדיק זיכ שרעקלעכ פארהוסט. פלוצלימ האָט די אלטע זיכ אופגעזעצט, געקוקט אפ אירע קינדער, אונ טיפ פונעמ הארצ דערלאנגט א זיפצ.

— איכ בעט דיכ, — האָט זי אפ א שלאפ קאָל צו מיר זיכ אָנגערופנ, נאָכ דעמ, אז זי האָט פריער אקעגנ א מינוט שווייגנדיק מיכ אָנגעקוקט מיט אזא בליק, וואָס האָט מיכ דורכ־אונ־דורכ גענומענ אינ

אלע גלידער, — איך בעט דיך, האָב ראכמאָנעט אפ מײַנע קינדער! זיי בלײַבן נעבעך, עלנט ווי א שטײן — יעסוימים אָן פאָטער און מוטער, אָן א קאָרעוו, אָן א גויעל... איך וועל רויִקער גײן פון דער וועלט, רויִקער ליגן אין קייווער, אז דו וועסט מיר עס הייליק צוזאָגן און טאקע מעקײַעם זײַן...

זי האָט ווידעראמאָל א זיפץ געטאָן, ארופגעלייגט איין האנט צו גאָלדען, די אנדערע צו שיינדעלען אפן קאָפ, און זיי געבענטשט שטילערהייט, קוים-קוים וואָס מען האָט געהערט איר קאָל. ביידע קינדער זײַנען צעשמאָלצן געוואָרן וויינענדיק, און צוגעפאלן צו דער מוטער, וואָס האָט זיי געהאלדזט, געקושט, צוגעקוועטשט צו איר הארץ. זי איז באלד טאקע אָן קייעך אנידערגעפאלן ווידער אפ איר געלעגער, זיך אומגעקערט מיט דעם פאָנעם צו דער וואנט, א כראָפע געטאָן, און אנשלאָפן געוואָרן אפ אייביק...

גאָלדע מיט שיינדעלען האָבן ארויסגעלאָזן אזא יאָמער, אזא ביטער קלאָג, אז א שטיין האָט עס געקענט אפילע רירן. איך האָב פארשטעלט דעם פאָנעם מיט ביידע הענט און... ס'איז א ווייטעק, א כארפע, א שרעק צו זאָגן — און עפעס א שמייכל געטאָן צופרידן, ווי איך וואָלט פון מיר א שווערע מאסע אראָפגעוואָרפן.

די אלטע, דאָס איז געווען לעסאטע דער צווייטער קאָרבן, וואָס איז דורך מיר געפאלן. שפעטער א ביסל האָט באדארפט גיין א גאנג אויך דער דריטער קאָרבן — די דארע, אויסגעטריקנטע שיינדעלע!...

17

מיר איז דערנאָכ שטארק נימעס געוואָרנ צו זיצנ אינ דער היימ מיט פארלייגטע הענט און לאָזנ שימלענ די גוטע מאטאָנע, דאָס שטארקע געפיל פונ א קליינ מענטשעלע, וואָס איכ האָב אינ מיר געהאט. אנ אוויירע, כ'לעבנ, אז אזא געפיל זאָל פארפאלנ ווערנ, אזא גוטע מאטאָנע זאָל פוילנ, ווערנ א לעגער־סכוירע, אינ דער צייט, אז איכ בינ נאָכ יונג מיט אלע קרעפטנ, און וואָלט דערמיט געקענט מאכנ דאָס בעסטע געשעפט, גיינ אינ גאָלד! איז דענ נאָר, האָב איכ געטראכט, איינ צוויִאטשיטש א וועלט און ווייטער איז שוינ מער נישטאָ קיינ אנדערע שטעט מיט יידנ, ווו מיינ סכוירע זאָל האָבנ אנ אָפגאנג? די וועלט, באָרעכאשעמ, איז גרויס. עס זיינענ דאָ נאָכ יידישע שטעט. יידנ זיינענ אומעטומ יידנ מיט איינ טעווע, מיט איינ כאראקטער, און יידישע גווירימ זיינענ אויכ דאָ, אָנ איינאָרע, ווי מיסט, וואָס לאָזנ זיכ מיסטאָמע נעמענ אפ דער ארענדע און וואָס מענ קענ מיט זיי מאכנ די שפּיל! צו וואָס זשע זאָל איכ פארוויכטנ מיינ לעבנ, פוילנ דאָ אינ דער היימ ביז איכ וועל אופעסנ מיינ ביסל געלט און ליידנ דערנאָכ דאכקעס, צאָרעס און לייד ווי אמאָל. וואָס אז איכ דערמאָנ מיכ נאָכ אצינד, ציטערט אפ מיר די הויט און עס שטעלנ זיכ מיר קאפּויר די האָר? ניינ, מענ טאָר דאָ מער אזוי נישט בלייבנ! קאָלזמאנ איכ בינ נאָכ יונג און האָב נאָכ שיינע עטלעכע גילדנ, מוז איכ פּרוּוונ דאָס גליק און אפ מאזל זיכ אוועקלאָזנ.

— זײַ געזונט! — האָב איכ אינ אײנ שײנעמ מאָרגנ געזאָגט גאָלדענ, וואָס איז דענסטמאָל געוועג מעובערעס, אונ בינ אַוועק אינ דער וועלט אַרײַנ.

גלופּסק איז דער בעסטער פּלאַצ, וואָס איז מיר באַלד געפֿעלנ. זי איז אַ גרויסע ייִדישע שטאָט מיט אַ סאַכ נאַראָנימ, וואָס לאָזנ זיכ פֿירנ באַ די נעז פֿונ אײַטלעכנ באַזונדער, אונ אײַטלעכער טראָגט נאָכ די נאָז זײַנע אַנטקעגנ, שטופּט זיכ מיט איר פֿאָרויס, ביכדיי מענ זאָל זי אָנעמענ באַ אימ צומ ערשטנ, ווײַל ער מײנט, אַז לאָזנ זיכ פֿירנ באַ דער נאָז איז אַ כיִעוו, אַ ייִדישע זאַכ, וואָס אַנדערש קענ עס גאָר נישט זײַנ. גלופּסק איז אַ שטאָט מיט זײער פֿיל כעוורעס, מיט אַלערהאַנט גאַבאָימ, מיט מינע אַלע קלײקוידעש אונ מיט אַלערלײ שײנע ייִדנ. אונ גאָט, וואָס ער שפּײַזט פֿונ די גרויסע באַשעפֿעניש, ווי די געהערנערטע בופֿלאַקסנ, ביז די אײער פֿונ די קינימ, שיקט דאָרט די דאָזיקע מינע באַשעפֿעניש אויכ צו זײער פּאַרנאָסע בעקאָוועד. קורצ, גלופּסק איז מיר באַלד טאַקע זײער געפֿעלנ, אַקוראַט ווי געוווּנטשנ. זי איז פֿאַר מיר געוועג דאָס, וואָס אַ שטײענדיקע זומפּיקע בלאָטע איז פֿאַר אַ זשאַבע, ווו זי קענ זיכ קוואַקענ אונ צעפֿירנ אַ ביסל די הענט[1].

דענסטמאָל בינ איכ אַלט געוועג אַ יאָר דרײַ, פֿיר, אונ עפּשער פֿינפֿ, זעקס, זיבנ אונ צוואַנציק (איכ האָב מײַנע יאָרנ נישט געצײלט, אונ נישט געוווּסט, ווענ איכ בינ געבוירנ געוואָרנ, וואָרעמ צו וואָס האָט עס מיר געטויגט וויסנ?). געלט האָב איכ באַ מיר געהאַט, אונ דעריבער איז מיר גרינג געוועג באַקאַנט צו ווערנ מיט די גלופּסקער פֿײַנע־בעריעס. איכ פֿלעג טכילעס זאָגנ, קלאָמפּערשט, אַז איכ טראַכט דאָ מאַכנ עפּעס אַ געשעפֿט. אָבער אינ עמעס אַרײַנ האָב איכ גאָר אַרויסגעקוקט אַפֿ מײַנ אַרענדע. וואָרעמ כוצ דער אַרענדע האָב

1 אינ דער אויסגאַבע פֿונ יאָר 1865 לײענענ מיר אינ דעמ אָרט אַזאַ אַנטי־כאַסידישנ עפּיזאָד, וואָס פֿעלט אינעמ וואַריאַנט פֿונ 1879:

„אַפֿ דעמ וועג קײנ גלופּסק האָב איכ אָפּגעטראָטנ צו דעמ גוטנ־ייִדנ, וואָס גלופּסק געהער צו אימ. וואָרעמ, אַז מענ ווײַל נעמענ אַ גוויר אַפֿ דער אַרענדע, מוז מענ זיכ פֿריִער זענ מיט דעמ רעבנ. ער איז די ערשטע אינסטאַנציע. אַזוי האָט זיכ אויכ נויהעג געווענ רעב איסער בעדוירוי. דעמ רעבנ האָב איכ געגעבנ אַ שײנעמ פּידיענ, ער האָט מיכ געבענטשט, איכ זאָל נויסע־כײַנ זײַנ, אונ מיט זײַנ בראָכע בינ איכ אַרײַנ־געפֿאָרנ קײנ גלופּסק".

איך געטויגט אַפּ סימסאָט קאַפּאָרעס. מײַן גאַנצע קאַוואָנע איז גע-
ווען צו נעמען דאָרט דעם גרעסטן גוויר אַפּ דער אַרענדע און מאַכן
מיט אים די קאָמעדיע, ווי רעב איסער וואַרגער אַמאָל מיט זײַן
גוויר.

ווי איר ווייסט דאָך, איז דער גלופּסקער גוויר בײַ זיך זייער
פּראָסט. ער האָט ליב זיך אָפּצוגעבן מיט אַלע נאַרישקײַטן, און צו
ווײַסן אַלצדינג, וואָס קאָכט זיך בײַ איטלעכן אין טאָפּ. און דאָס איז
דאָך פּאַר מ״ר געוועזן טאַקע אַזוי ווי אָנגעמאָסטן, אַזעלכע ווי ער האָב
איך דאָך טאַקע ווי אין לעבן אַרײַן באַדאַרפט האָבן. נאָר וויאַזוי אָבער
קומט מען צו אים? וויאַזוי דערטאַפּט מען אים אין די הענט אַרײַן
און מען מאַכט פון אים אַ בער? דערצו, האָב איך אַרויסגעזען,
קען מען אַנדערש נישט קימען סײַדן צו ווערן אַן עכטער גלופּ-
סקער טוישעוו, אַרײַנצודרייען זיך ווי אַן אייגענער צווישן גלופּ-
סקער קלייקוידעש און ווערן מיט זיי פאַרקניפּט און פאַרבונדן. איך
האָב אָנגעהויבן מיקויעך דעם שטאַרק צו טראַכטן.

דערווײַל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היפּשע צײַט, און איך בין מיט
דעם פּלאַץ אַלץ וואָס ווײַטער מער באַקאַנט געוואָרן. שאַדכאָנים האָבן
מיך נישט געלאָזט רוען און אַרום מיר זיך געדרייט ווי די בינען.
זיי איז געפעלן געווען, אַז איך בין אַן אַלמען. פונוואַנען זיי האָבן
דאָס גענומען, ווייס איך אַליין נישט. פאַר זיי איז גענוג געווען דאָס
אַליין, וואָס איך בין אַ מאַנצבל און זיץ אַ צײַט אָן אַ ווײַב. מיס-
טאָמע באַדאַרף איך און וויל כאַסענע האָבן. אַנדערש האָט זיי זיך
גאָר נישט געלייגט אין קאָפּ. דעריבער פלעגן זיי מיך באַפאַלן ווי די
היישעריקן און מיר אָנשלאָגן שידוכים. איך פלעג זיי צוהערן טאָ-
מעד מיט אַ שמייכל און בײַ מיר טראַכטן, וואָס אַרט עס מיך, לאָזן
זיי זיך ריידן, ס׳איז דאָך דערווײַל גלאַט גוט, אַ פאַרגעניגן צו
שמועסן פון קאַלעס, צו פאַרברענגען די צײַט אין אַ שמועס איבער
שיינע מיידלעך, און נאָך דאַפקע מיט ערלעכע יידן, וואָס שטעלן
אַרויס זייער שיינקײַט, זייער פײַנקײַט, וואָס ליבן אָפּ אין טאָג אַרײַן
זייערע מײַלעס און לעקן פון זיי די פינגער מיט גרויס כיישעק און
היסלײַוועס.... מאַכטייסע, האָב איך געטראַכט, לאָזן יידן זיך ריידן,
אפילע צעזעצטערהייט, וועמען קען עס אַרן?... די שאַדכאָנים האָבן
דערווײַל מיך צעטראָגן אַפּ טעלערלעך. און מיט זייערע רייד מיך

אַרײַנגעבראַכט אין אַ גוטן שעם באַ דער גאַנצער שטאָט: אַז איך בין שטאַרק רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אַ יאַכסן, אַ קלוגער, אַ בעריע אַ מענטש, איך זינג גאָר מעכײַע, דערצו בין איך נאָך אַ דימענט, אָן אַ גאַל, מיט אַ ײדיש האַרץ און מיט גילדענע מײַלעס. — גאַנץ גוט, האָב איך מיר געטראַכט, רעדט, רעדט, ײדישע קינדער, נאַט אײַך אַ טרונק בראַנפן און רעדט ווי ווײַט איר קענט!... איינער פון די שאַדכאָנים האָט מיר צולעצט אָנגעשלאָגן אַ שידעך, דאַפקע נישט מיט קיין געלט, אָבער מיט אַ גרויסן פײַנע-בעריע, מיט אַ באַרימטן יאַכסן, איינער אין דער וועלט.

דער גרויסער פײַנע־בעריע, מיט וועלכן מען האָט מיר גערעדט, האָט געהייסן אַ פירגאָרנדיקן נאָמען: רעב יויסעפ־מאַרקל רעב מאָניש־לייבעלעס. ער איז געווען אײַנגעטונקט אין גאָלע ײכעס, געשטאַמט פונעם פאַרצײַטיקן גלופּסקער רעבעס געזינד. קאָל-יאָמאָוו האָט ער קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט אַרײַנגעטאָן, נאָר פון דעם ײכעס זײַנעם טאָמעד זייער שיין געלעבט און אויסגעגעבן קינדער. גאָט האָט אים געלײַטזעליקט מיט אַ סאַך דאַרע, שוואַרצע, מיִעסע מיירלעך, צו אַלע מײַלעס נאָך גרויסע שלימעזאַלניצעס. נאָר ער האָט זיי אַלע אויסגעבראַכט, ווי מען זאָגט, אַפן לויט. גרויסע נעגידים, ווי, אַשטייגער, אופגעקומענע מעשאָרסים, פלוצלים רײַך-געוואָרענע קליינע מענטשעלעך פלעגן פּאָשעט אויסגיין מיט רעב יויסעפ מאַרקל רעב מאָניש־לייבעלעס זיך מעשאַדעך צו זײַן און זיך אײַנקויפן דורך דעם אין ײכעס. קוים האָט זײַנע אַ טאָכטער דערלעבט אַלט צו ווערן פערצן, פופצן יאָר, האָט זיך שוין געפונען אַפ איר אַ באַלן, וואָס ער איז געשווינד פאַרלאָפן אַנדערע דעם וועג, אַרויסגעכאַפּט די טײַערע מעציִע פון זײַנע הענט און נאָך אים געגעבן אין בײַטל אַרײַן. דאָס מיידל, וועלכע מען האָט מיר גערעדט, איז נאָך געווען שוואַרצער, מיִעסער פון אירע אַלע איבעריקע שוועסטער. מיט אַן אויסגעוויקט פּנעמל, קליין, דאַר, ווי אַ גרויגערעס דערעב צאָדעק, דאָס הייסט ווי רעב צאָדעקס אַן אויסגעטריקנטע פײַג!... אין פאַרגלײַך מיט גאָלדענע האָט זי אַ פּאָנעם געהאַט ווי אַ מאַלפּע אַקעגן אַ מענטשן. דער שאַדכן אָבער האָט אין איר קיין שום כיסאָרן נישט געפונען, באַ אים אין די אויגן האָט זי געהאַט דעם ײדישן כיין.

— מײלע, — האָט ער געזאָגט, — אז זי איז א ביסל טונקל, אָדער װײס איך נאָך װאָס אזוינס, נו, מײלע, װאָס מאכט עס אױס? װער קוקט אפ אזעלכע נארישקײַטנ, אונ װעמענ באדארפנ אזעלכע קלײניקײַטנ אָנגײנ? מײלע, װאָס מאכט עס א ייִדנ אױס, שװארצלעכ צי װײַסלעכ א ביסל? אלצײנס, כ'לעבנ! דעריקער איז דאָכ דער קערנ אלײנ. אָט אפ װאָס מענ באדארפ קוקנ. אונ אױב דער קערנ, װאָס איכ גיב אײַכ דאָ פיר, איז גוט — דאָס, דאכט זיכ, קענ א בלינדער אפילע אױכ אָנטאפנ.

עס פארשטײט זיכ, אז איכ האָב געלאכט פונ דעמ שאדכנס דאָזיקע װערטער. פונדעסטװעגנ האָב איכ האנאָע געהאט אימ צו הערנ, אונ דער שידעכ איז מיר אלצ װאָס װײַטער מער אינ קאָפּ ארײַנ. עס האָט מיר זיכ געעפנט די אױגנ, אונ איכ האָב דערזענ, אז דער אײנציקער װעג, אפ װעלכנ איכ קענ קומענ צו מײַנ ארענדע אונ מאכנ א גליק, איז טאקע נאָר דורכ אזא מינ שידעכ. רעב יױסעפ-מארקל רעב מאָניש-לײבעלעס איז דאָכ א קלײקוידעש, א שטיקל קאָכלעפל, א גאבע אינ א סאכ כעװורעס אונ איז זײער אײַנגעזענ בא דעמ גװיר, װאָס לײגט אפ אימ גרויס קאָװעד, אונ האלט זיכ מיט אימ אײצעס מיקויעכ ייִדישע זאכנ. הײַנט אז איכ זאָל װערנ זײַנע אנ אײדעמ, װאָלט איכ דאָכ געװאָרנ זײער גרינג דעמ גװירס געשאָמע. ער װאָלט דאָכ בא מיר געטאנצט גאָר א װונדער. איכ װאָלט געהאט שעפע, ארײַנ אינ די גרויסע אלאָפימ אונ געלעבט גליקלעכ, נאָכ א סאכ בעסער װי איכ האָב מיר אמאָל פירגעשטעלט! נאָר אײַ װאָס, דער קערנ? זי איז דאָכ מיִעס? נו, מײלע, בעעמעס טאקע, װאָס מאכט עס אױס? נו, אז גאָלדע איז שוינ א שײנע, מײלע, װאָס זשע קומט מיר פונ איר שײנקײַט ארויס? אלצדינג איז גוט מיט ברויט....

איכ האָב מיכ דערמאָנט אינ גאָלדענ, אונ געהאט גרויסע צאָרעס, װאָס זי הענגט מיר װי א קאָלטנ אונ איז אויסנ אפ מײַנ נעשאָמע. איכ האָב זי אינ הארצנ געשאָלטנ אונ געטראכט, װי מענ װערט אירער פּאָטער.

דער שאדכנ האָט דערװײַל טאקע געטאָנ זײַנס, מיר אלצ געפּיקט, געפּיקט דעמ קאָפּ אונ געזאָגט, אז בעִימ איכ װעל מיכ נישט אײַלנ, װעט אונטערשפּרינגענ אנ אנדער באלנ אונ װעט אױס-

באפנ אזא גליק, אזא קאָשערע מעציִע בא מיר פונ די הענט. עס וועט מיר דערנאָכ מעשונע באנג טאָנ. איכ האָב מיכ געלאָזט אײַנרײדנ, אונ דער שאדכנ האָט ווי א בעריע מיכ פלוצלים צונויפגעפירט מיט רעב יויסעפ-מארקל רעב מאָניש־לייבעלעס, פאר וועלכנ ער האָט אָנגעזאָגט אפ מיר האָרים־אוגוואָעס אונ אויסדערצײלט שוואָכים, נאָכ מער ווי אפ א ייִדנס א מאצ־יווע. אלצ גוט, אלצ שיינ, נאָר דער איקער, וואָס דער מעכוטנ האָט געפאָדערט, איז געוועג, איכ זאָל נישט האָבנ פונעם ערשטנ ווײַב קיינ קינדער. פרעמדע קינדער אָנהענגענ זײַנ טאָכטער האָט ער נישט געוואָלט בעשומויפנ. איכ האָב אימ פארזיכערט, אז איכ האָב נישט קיינ קינדער. דער שאדכנ האָט אימ, פונ זײַנ זײַט, אויכ וועגנ דעם בארויִקט אונ אימ געשוואָרנ בא זײַנע הייליקע נעמאָנעס אי בא זײַנ כייילעק אוילעמהאבע אוכדוימע נאָכ אזעלכע מינע שוועס. מיר האָבנ לעמאזל געמאכט א טקיִעסקאפ אונ אָפגעלײגט די טנאָיִמ אינ א קורצער צײַט שפעטער. איכ האָב מיכ געשמאק געגומענ טראכטנ צו געפינענ עפעס א מיטל, ווי איכ זאָל דערווײַל אינ דער דאָזיקער צײַט לויז ווערנ פונ גאָלדענ — שא, שטיל, קיינ האָנ זאָל נישט קרייענ.

אקעגנ א דרײַ וואָכנ נאָכ דעם טקיִעסקאפ איז אינ צוויאטשיטש אָוונט־צײַט ארײַנגעפאָרנ א בויד אונ זיכ אָפגעשטעלט לעבנ גאָלדעס שטוב. א קאלטע עלעלדיקע לופט האָט געווייט אונ אראָפגעבלאָזנ פונ א טייל ביימער די געלע בלעטלעכ, וואָס האָבנ, ליגנדיק אפ דער ערד, זיכ שטילערהייט געשושקעט צווישנ זיכ עפעס זייער אורמעטיק אונ אָנגעמאכט אפנ הארצ א מאָרעשכוירע. פונעם בויד איז ארויסגעקראָכנ א מענטש, וואָס איז פאמעלעכ צוגעגאנגענ צו דער טיר, אונ געבליבנ דאָרט א ביסל שטיינ מיט אזא מינע, גלײַכ ווי אימ וואָלט עפעס פריקרע געוועג אָנצונעמענ בא דער קליאמקע. דער דאָזיקער פארשוינ איז געוועג טאקע איכ מיט מײַנ קאָוועד אליינ.

באמ ארײַנקומענ אינ שטוב האָט מיר א קלאפ געטאָנ אינ הארצ אונ איכ בינ געבליבנ שטיינ לעבנ דער טיר אָנ לאָשנ. גאָלדע איז איינע אליינ געזעסנ אפ דער ערד, אינ א ווינקל, אָנגעשפארט דעם קאָפ מיט דעם פאָנעם אראָפ אפ א בענקל, גלײַכ ווי זי האָט גע־

דרעמלט, און נישט באמערקט ווי איך בין אריינגעגאנגען. אפן פענצטער האָט מיט א רויטן פלאם געברענט א כיילעוודיק ליכטל. לעבן אים איז געשטאנען א גלאָז וואסער מיט א שטיקל ליינווּנט. איך האָב באלד פארשטאנען, וואָס דאָס אלצדינג באטייט, און אין מיר האָבן געקאָכט פארשיידענע געפילן. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיינע ערשטע אריינקומען אהער, ווי פריילעך, ווי שיין דאָ האָט דענסטמאָל אלצדינג אויסגעזען; ווי שטארק צופרידן האָט דאָ אמאָל זיך געלעבט אן אָרעמע פאמיליע! אלע האָבן זיך ליב געהאט, האָבן גע־האט גוטע האָפענונגען אף שפעטער, און געלעבט מיט דער האָפענונג דערווייל זייער גליקלעך. פלוצלים האָב איך מיך אהער אריינגעכאפּט, ווי א קאץ אין א נעסט פון גריקלעכע, צופרידענע טויבן, און האָב פון איטלעכן געמאכט אן עק. מיכל איז ערגעץ פארוואָגלט, די אלטע מוטער און שיינדעלען האָב איך געטריבן אין דער ערד אריין, און אצינד וויל איך אינגאנצן אויך עקן מיט גאָלדען, פארווּסטן איר אף אייביק דאָס לעבן....

איך האָב געטאָן א טריט ווייטער. גאָלדע האָט ווי פון שלאָף זיך אופגעכאפּט און מיך אָנגעקוקט א רעגע, עפּעס ווי צעמישט. מיט איר בלייך פּאָנעם, אף וועלכן ס׳איז געלעגן אויסגעדריקט די גרוי־סע צאָרעס, וואָס זי איז אויסגעשטאנען, אי מיט אירע רויטע פאר־שוואָלענע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט איר פינצ־טער געמיט, האָט זי אין מיר אף א ווײַלע דערוועקט א מענטשלעך געפיל פון ראכמאָנעס, און איך האָב נישט ווילנדיק א זאָג געטאָן:

— וואָס מאכסטו, גאָלדע?

— א טייערער גאסט, כ׳לעבן! — האָט גאָלדע מיט א טיפן זיפץ זיך אָנגערופן און אוועקגעקערט דעם קאָפּ. — נאָך אזא לאנגע צייט שווייגן האָט ער זיך פאָרט דערמאָנט און איז געקומען מענאכעם־אָוול זיין דעם ווייב!... אָט וואָס איך מאך. שיווע זיץ איך.... אך, שיינדעלע, שיינדעלע!...—זי האָט עס געזאָגט אזוי טרויערדיק, אז עס האָט געקענט רירן אפילע א שטיין.

— גאָלדע! — האָב איך ווייטער א זאָג געטאָן, געמאכט עפּעס מיט דער צונג און אליין נישט געוווּסט, וואָס איך רייד.

— וויסט און פינצטער איז מיר דאָס לעבן, — האָט גאָלדע גערעדט ווי צו זיך אליין, — איך וואָלט מיר בעסער געווּנטשן דעם טויט, ווען נישט ער..

קומ! — האָט גאָלדע, אופשטייענדיק פונ דער ערד, געזאָגט שוינ ווייכער א ביסל, מיכ אַרייַנגעפירט בא דער האַנט אינ ספּאַלניע אונטער די ווענטלעכ אונ איז מיט מיר צוגעגאַנגענ דאָרט צו א וויגעלע, וואָס אינווייניק איז געלעגנ א שלאָפנדיק קינד, מיט ביידע צוגעמאַכטע הענטלעכ אפנ מייַלכנ, אונ א זיס שמייכעלע איז אימ צייַטנווייַז איבערגעפלויגנ איבער זייַנ פּעַנעמל.

— אָט צוליב וועמענ איכ וויל לעבנ! — האָט גאָלדע געזאָגט, אָנווייַזנדיק מיר אפ דעמ קינד, אונ דאָס פּאָנעמ איז איר דערבייַ געוואָרנ לעבעדיקער, פרייַלעכער.

דאָס קינד האָט פלוצלימ געעפנט די אייגלעכ, זיכ גענומענ וויגנ א פינגערל, געבעבעט אונ געמאַכט קינדערשע אָנשטעלנ. די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוואָלנ אונ פאַרגעסנ אינ דער מינוט אירע ביטערע צאָרעס, גלייַכ ווי זי אַלייַנ איז געוואָרנ א קינד.

— קוק נאָר, זונ! — האָט זי אפ קינדערש גערעדט צומ קינד. — קוק נאָר, ווער דאָ שטייט: טיא-טיא! מיט ליב דיר דייַנ גאַסט! אָט איז דייַנ טיא-טיא, טיא-טיא!...

עס האָט אינ מיר פלוצלימ אָנגעהויבנ צו זידנ דאָס בלוט. איכ האָב דאָכ דעמ מעכוטנ געגעבנ א וואָרט, אז איכ האָב נישט קיינ קינד, אונ אַצינד זע איכ גאָר ליגט פאַר מיר דאָ א קאַדעש, וואָס טויג מיר קלאַל נישט צומ אייסעק. דאָס געפיל פונ ראַכמאָנעס איז אינ מיר באַלד אויסגעלאָשנ געוואָרנ, איכ בינ געשטאַנענ אָנגעלאָדנ מיט א בערויגעזדיק פּאָנעמ, אונ אָנגעקוקט בייז דאָס אומגליקלעכע קינד, נעבעכ, וואָס האָט אָנגעהויבנ צו מאַכנ פיסקלעכ אונ זיכ שטאַרק צעשריגנ, אוועקערנדיק פונ מיר דאָס קעפּל.

— שא, שא! — האָט גאָלדע צו אימ געמאַכט. — שא, נאַרעלע, וואָס האָסטו אזוי מוירע פאַר דייַנ טאַטנ?... — אונ בעשאַס זי האָט זיכ אָנגעבויגנ צומ קינד, האָב איכ ארויסגענומענ פונ דער בוזעמ־קעשענע א געשריפטס אונ האָב עס געשווינד אַרייַנגעוואָרפנ איר אינ די הענט אַרייַנ מיט די ווערטער:

— אָט האָסטו דיר פונ מיר א געט!...

גאָלדע איז געבליבנ שרעקלעכ צעמישט, גלייַכ ווי מענ וואָלט איר מיט א דובנע געגעבנ אינ קאָפּ. זי האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר גלעזערנע אויגנ אונ געקוקט, נישט צו ריידנ א וואָרט.

— הער נאָר אויס, גאָלדע! — האָב איך צו איר געזאָגט. — ווי די מײַסע איז, דו ביסט שוין מער נישט מײַן ווײַב. מיר געהערן זיך שוין ביידע נישט מער אָן. נאָר אַז דו ווילסט קיין נאַר נישט זײַן, נישט מאַכן דערפון קיין ראַש און האַלטן בײַ זיך דאָס קינד, וועל איך דיך מיסטאָמע נישט פאַרלאָזן, און וועל דיר צײַטנווײַז צושיקן עפּעס געלט.

בײַ די דאָזיקע רייד מײַנע האָט גאָלדע אויסגעשאָסן עפּעס מיט אַ מעשונע־ווילדן געלעכטער, אַזוי אַז איך האָב געמיינט, זי איז זיכער אַראָפּ פונעם זינען. דער דאָזיקער ווילדער מין געלעכטער איז איבערגעגאַנגען דערנאָך אין אַ ביטער געשריי.

— אַרויס! — האָט זי אויף מיר געשריגן און אָנגענומען דערבײַ אַ שטאָלצע מינע. — דו ביסט נישט ווערט אַ רעגע צו בלײַבן דאָ אין שטוב, וווּ עס האָבן געלעבט אַמאָל ערלעכע לײַט, וואָס זײַנען דורך דיר געגאַנגען פון דער וועלט! זײַ רויִק, איך וועל אַזאַ פאַר־שוין ווי דו נישט נאָכיאָגן. ס׳איז מיר גאָר אַ כאַרפּע צו זאָגן, וועמען איך האָב געהאַט פאַר אַ מאַן. מעגסט דיר גאַנץ רויִק כאַ־סענע האָבן! איך און מײַן קינד באַדאַרפן נישט דײַן הילף האָבן! קאָלזמאַן איך לעב, וועל איך מיר, נישקאָשע, מיט מײַנע הענט קאָשער פאַרדינען אונדזער באַדערפעניש. אַרויס פון דאַנען און פאַרגעס גאָר, אַז דו האָסט ערגעץ אַ קינד. אַרויס, אַררױס!...

איך האָב געשווינד מיך אַרויסגעכאַפּט פונעם שטוב, און בין באַלד טאַקע בײַ דער נאַכט אוועקגעפאָרן.

18

דער שווער מײַנער רעב יויסעפ-מארקל רעב מאָניש-לייבעלעס איז געווענ א טײַער שליכעלע, וואָס האָט געעפנט פאר מיר אלע טירנ פונ די גרעסטע גלופסקער פײַנע־בעריעס אונ מיר אנטפלעקט א סאכ סוידעס פונ דער גאנצער קנופיע שטאָט-פירער. זײַנ ייִכעס אונ זײַנע זכוס-אָוועס זײַנענ מיר בײַגעשטאנענ צו נעמענ לעסאָפ דעמ גלופ-סקער גוויר אפ דער ארענדע אונ ווערנ בא אימ די נעשאָמע. ווי איטלעכנ איז באקאנט, האָט דער גוויר פונ טאָמעד אָנ ליב געהאט צו שפּילנ א ראָליע. די גאנצע שטאָט, אָרעמ אונ רײַכ, קליינ אונ גרויס, אלע האָבנ פאר אימ געשאפקעוועט אונ געבעטנ זײַנ לאס-קע. נאָר זינט אָבער איכ האָב אימ גענומענ אינ מײַנע הענט ארײַנ אונ געמאכט פונ אימ א בער האָט ער ערשט אָנגעהויבנ צו מאכנ אָנשטעלנ. ער האָט געארבעט, געמאכט טנועס אונ געטאנצט אזוי ווי מיר האָט זיכ געוואָלט. איכ האָב געמאכט מיט אימ די שפּיל קעדאס איסער וואַרגער וועהאקליינ-מענטשעלע. ייִדנ האָבנ גע־געבנ געלט, געצאָלט פאר אלע אָנשטעלנ אינ טאָג ארײַנ, אונ איכ האָב בעכוש טאקע ארויסגעוויזנ איסערס ווערטער, אז אזא טײַער, אזא גוט, אזא גאָלדנ אונ אזא נאריש פאָלק ווי ייִדנ זײַנענ איז אפ דער גאנצער וועלט נישטאָ....

מײַנ ווידע וועט אײַכ דאָ געבנ צו פארשטיינ א מײַסער־מינ־ האמײַסער פונ מײַנ דערעכ אונ פונ מײַנ אופירונג אינ מײַנ לעבנ:

על חטא שחטאתי באיש־קטן ובארענדע ובאמץ הלב[1]. דאָס הייסט פּאָשעט: איך בין געווען א קליינ מענטשעלע מיט אלע פּי־שטשעוקעס. א קאפּאָרע, האָב איך געזאָגט, אלע פּארנאָסעס, אלע מע־לאָכעס אין דער וועלט. פון זיי קע: מען אייביק נישט אופקומען, מען בלייבט דערנידעריקט, דערשלאָגן, טאָמער דאָס קאפּאָרע־הינדל, און נאָך א נעס, אז מען פייגערט כאָטש נישט צען מאָל אין טאָג פאר הונגער. בעסער, האָב איך געזאָגט, לאָזן אנדערע האָרעווען, פּראצעווען און די קאפּאָרע ווערן, איך אָבער וויל לעבן, — און האָב מיך געוואָרפן גאָר אפ א נייעם מין פּארנאָסע: צו האלטן גווירים אפ דער ארענדע. דאָס הייסט: גאָרנישט טאָן, גאָרנישט ארבעטן, נאָר אָנטשעפּען זיך ווי א זלידניע אין רייכע, שטארקע מענטשן און דרייען, מאכן די קונץ מיט זיי איניינעם. זייער א גרינגע, אן איינ־ברענגענדיקע פּארנאָסע, וואָס איך האָב זי מעקייעם געווען מיט אלע אירע פּוילע טנועס און אירע קאוואָנעס און מיט אלע אָפּשניצלעך, וואָס אין איר שטעקט! די ארענדע מיינע האָט מיך פּארפּירט, מיר פּארשטאָקט דאָס הארץ. איך האָב אופגעהערט צו גלייבן אין עמעס, אין אָרנטלעכקייט, אין ראכמאָנעס, אין פריינטשאפט און אין אלע אנ־דערע גוטע מענטשלעכע געפילן. איך האָב נישט מער געוווסט נאָר דאָס, וואָס מיר טויג, וואָס מיר נוצט, און געריסן בא איטלעכן, אי בא אָרע־מע, בא אלמאָנעס און יעסוימים, ווי ווייט און וויאזוי איך האָב נאָר געקענט. אז אן אָרעמאן האָט פאר מיר געוויינט, געגאָסן ריקעס טרערן, האָב איך אים אזויפיל געהערט ווי דעם קאָטער. וואָס טויג מיר דיינע טרערן, פלעג איך בעשאסמייסע טראכטן, גיב בעסער געלט! „תן לי הרכוש והדמעות קח לך"[2] — דאָס הייסט אפ קליינ־מענטשלדיק לאָשן: „זשיד, דאוויי הראָשי!" אָדער: „הונט, גיב געלט און מיט די טרערן דערווארג זיך אליין!"....

ועל חטא שחטאתי ב׳בער וב׳בלענדעניש: איך האָב גענומען א גוויר, גאָט א מין באשעפעניש אפ צוויי פיס מיט א געשטאלט ווי בא א מענטשן, און געמאכט פון אים א בער! איך האָב געהאלטן אין דער סוואָרע, ווי רעב איסער ווארגער נאָך בעדוירוי האָט געזאָגט, אז א נאָגיד איז בא יידן א גרויסער קויעך. אלע אין דער שטאָט, ווו ער ווינט, קוקן

1 אל כעט שעכאָטאָסי בעיש קאָטאָן אובעארענדע אובעימוץ האליוו.
2 טען לי האָרכוש ווההאדמאָוס קאך לאָך.

אים אין מויל אַרײַן און װילן אים אַלץ פּאַטראַפּען אין אַלצדינג, װאָס זײ טוען. אין זײערע האַנדלונגען צװישן זיך, אין זײער מעגאַדל זײַנען די קינדער און זײער לעבן בײַ זיך אין דער פאַמיליע, אין זײער גאַנצן הילעך, װי אויך אין זײער גלויבן, אין זײער פרומקײַט און עמונע־זאַכן זעט זיך באַשײַמפּערלעך אַרויס דעם נאַגידס גוסט, זײַן געשמאַק און זײַן כאַראַקטער. די אַלע דאָזיקע האַנהאָגעס פון עפּעס אַ שטאָט, גוטע צי שלעכטע, קלוגע צי נאַרישע, געװענדט זיך זײער פיל טאַקע אין דעם, װאָס פאַר אַ מין מענטש דער דאָרטיקער נאָגיד איז. דעריבער, אַז איך האָב געשפּילט מיט דעם גװיר אין בלענדעניש און געמאַכט נאַרישע האָװײַעס, װאָס האָט אונדז שטאַרק געפּאַסט צום אײַסעק, זײַנען דורך מיר אַ סאַך טאַקע פאַרבלענדזט געװאָרן און האָבן, נעבעך, מיעס זיך נאַריש געמאַכט. װאָס מער נאַרישער, איז אַלץ אויסגעקומען שענער, ייִדישלעכער. אַ נאַר האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו גילטן, װער שמועסט דערצו נאָך אַן אַמאָרעץ, דער איז גאָר אַרויף אויף אַ העכער מאַדרייגע... איך, װײ איז מיר, פלעג קוקן און האַנאָע האָבן פון מײַנע נאַראָנים. איך פלעג אויף זײ קוקן װי דער אָקסן־הענדלער אויף זײַנע אָקסן און מיט אַ פרײלעכן האַרץ אָפּשאַצן דעם רעװעך, װאָס מען קען פון זײ האָבן.

על חטא שחטאתי בגלאַסנעס ובגאַלגאַנסקע הינער. די גלאַסנעס אין דער דומע האָב איך געהאַלטן אין מײַנע הענט. זײ האָבן געמוזט טאָן אַלצדינג, װאָס איך האָב געהײסן, װאָס מיר האָט געטויגט, װײַל זײ האָבן זיך נישט געקענט מיט מיר אײַנרײַסן און מוירע געהאַט, איך זאָל זײ, כאָלילע, נישט אויסמאַכן. זײ האָבן זיך געמעגט זײַן אַפילע קאָשערע מענטשן, האָבן זײ געמוזט דורך מיר טרײפע װערן, אַקוראַט װי די קאָשערע גרױסע גאַלגאַנסקע הינער, װאָס די דאַיאָנים, נעבעך, האָבן זײ געמוזט אַסערן און זײ זײַנען טרײפע געװאָרן נאָר מעהײַ־טײַמע, װײַל איך האָב אַזױ געהײסן, װײַל איך האָב געהאַלטן בלאַט מיט דעם באַלטאַקסע, און אים האָט דאָך נישט געטויגט, מענטשן זאָלן זיך גלאַט עסן אַזעלכע גרױסע הינער, װאָס קומט פאַר זײ אײַן שכיטע־געלט, װי פאַר קלײנע.

ועל חטא שחטאתי בעזאָנאָסן: איז אײנעם נישט געפעלן געװען אַמאָל מײַנע האַנהאָגעס אין דער שטאָט, ער האָט נישט געקענט

צוזען דעם שרעקלעכן שווינדל, ווי מען פארבלענדזט דעם אוילעם די אויגן, ווי מען פארדרייט אים דעם קאָפּ, ווי מען פירט אים בא דער נאָז און מען פארפירט אים ביז דעם האלדז אין מיִעסע בלאָטעס אריין, אזעלכע פלעג איך און מײַנע לײַט פארזאָרגן מיט א שיר־האמײַלע, דאָס הייסט א דאָנאָסל, וואָס מיר פלעגן שיקן אהין, ווו מען באדארף, און אפּ אזא אויפן האָבן מיר א סאך מײַלער פארשטאָפּט.

על חטא שחטאתי בעהוקעס־פּוקעס. פּאָשעט איז פּאָשעט, איך בין געווען א פּאָקוסניק, וואָס ווײַט אזעלכע אפּ דער וועלט צו זוכן. איך פלעג מאכן מיט דער רייף, צאפּן פון דער וואנט געלט, מאכן פון שניי גאָמעלקעס, ארײַנ יענעם אין דער גארגערעס, שטיינ פונדערווײַטן און דערלאנגען א ביס, מאכן פון שווארץ ווײַס, ריידן מיט א מענטשן און פון דער העלער הויט ארומשטעקן אים מיט פעדערן, כאפּן פיש פאר דער נעץ און מאכן פונעם מויל א כאָליעווע אוכדוימע נאָך אזעלכע פּאָקוסן, וואָס פינעטע אפילע, דער בארימטער פּאָקוסניק, איז נישט בעיִעכוילעס געווען זיי צו מאכן.

ועל חטא שחטאתי בעוויבאָרעס. יענע מײַלעס, וועלכע מען באדארף האָבן אין מענטשן באם אויסקלײַבן זיי צו עפּעס א היסמאנעס, ווי אשטייגער: ערלעכקײַט, א קאָפּ מיט סייכל, א מויל און א פּען אוכדוימע — די דאָזיקע אלע מײַלעס, מיט וועלכע מען קען א פּאָנעם האָבן פאר דער וועלט און פיל נוצן ברענגען דער שטאָט, זײַנען פאר מיר און פאר מײַנ קנופּיע געווען גאָר כעסרוינעס. איך האָב באדארפט דאפּקע אזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין פּאָנעם פאר דער וועלט און קענען קיין נוצן נישט ברענגען דער שטאָט. וואָרעם דאָס, וואָס האָט געטויגט דער שטאָט, האָט לאכלוטן מיר נישט געטויגט. איך האָב גאָר באדארפט האָבן עפּעס א לאפּנמיצל, א לויִוצלעך, א לעדערנעם דישל, וואָס איך זאָל אים בייגן, וווהין איך וויל, וואָס פאר א גראָשן זאָל ער פארקויפן זײַן נעשאָמע, וואָס ער זאָל זיך שטארק מאכניִע זײַן און כאנפענען מיך מיט מײַן גאנצן פּעקל. און ווײַל דער גלופּסקער אוילעם איז דאָך געווען טאָמעד שטארק פארנארישט, ווי א קליין קינד, און זיך געלאָזט פירן בא דער נאָז, דעריבער האָט ער טאָמעד בעשאס וויבאָרעס א א גלאסנע, אָדער אפּ א ראָוו אוכדוימע, אויסגעקליבן יענעם לאפּנ־

מיצל, יענעמ טויגעניכטס, יענעמ לעקיש, וועלכנ איכ האָב געוואָלט, אונ דורכ וועלכנ ער פלעגט דערנאָכ באקומענ בויכווייטעק. וואָס ווייסט דענ א נאריש קינד צו בארעכענענ, וואָס שפּעטער וועט זײַנ? ער איז זייער גערנ צו פאָלגנ אלצדינג, אבי מענ גיט אימ א שמיר איבער די ליפּלעכ מיט א ביסל ווײַנ, מענ רוקט אימ ארײַנ אינ הענטל א לעקעכל אונ מענ פארשטו.ט אימ דעמ מויל מיט א קנישעקל... אײַ, דערנאָכ וועט אימ דערפונ גרימענ אינ בײַכל אונ עס וועט אימ באָקעמ ארויספאלנ, נו, מיילע, וועט אימ טאקע ווי טאָנ. מײַנ אוילעמ, מײַנ נאריש קינד, נעבעכ, פלעגט דאָס קנישעקל נישט באקומענ, ער פלעגט עס שפּעטער אויסקרענקענ, אונ איז דורכ דעמ שטארק, נעבעכ, אראָפּ פונעמ פּאָנעמ...

על חטא שחטאתי בעכעוורעס, בעכאפ-לאפ אובעכאטע-פּאָקרישקע. בעוורעס האָב איכ זייער ליב געהאט פאר דעמ גרויסנ נוצנ, וואָס מענ האָט פונ זיי... מיסאסקימ אינ אונדזערע כעוורעס באקומענ דאָכ א נאָמענ: באלע-ראכמימס, קלייקוידעש. אונ צו דעמ דאָזיקנ טיטל פאָ.ט זיי נאָכ שטילעהייט צו אנ אָפּטער, זייער א היפּשער, א שיינער גראָשנ. מײַנ שווער האָט דערגרייכט דעמ טיטל „דייסטוויטעלנע טײַנע גאבע”, דאָס הייסט א גאבע, וואָס כעוורעש געלט איז בא אימ אינ די הענט בעסאָד-כוידעס, אונ קיינער, כוצ אימ, ווייסט נישט, ווהינ דאָס געלט קומט אהינ... איכ בינ אויכ ארײַנגעטראָטנ אינ א סאכ כעוורעס, אונ זיכ דערדינט צומ טיטל נעעמענ, דאָס הייסט איינער פונ יענע מינע מיסאסקימ, וואָס מענ גלייבט זיי אפּ נעמאָנעס: אלצדינג, וואָס זיי טוענ — איז געטאָנ, אונ זײַנענ נישט מעכויעוו קיינעמ רעכענונג אָפּצוגעבנ... מיר האָבנ אלע, איטלעכער אפּ זײַנ שטייגער, געמאכט כאפּ-לאפּ, אונ אלצדינג איז געבליבנ „כאטע־פּאָקרישקע”....

ועל חטא שחטאתי בעטאקסע. די טאקסע אָדער דאָס קעסטעלע, איז דאָס פאריפּעשטע, אומריינע אָרט, וואָס דאָרט פּלאָדיענ זיכ וואנצנ, טאראקאנעס, ווערעמ אונ נאָכ אזעלכע מינע שראָצימ; זי גיט בא אונדז ארויס יענע מינע מענטשלעכ, יענע מינע שלעק, וואָס עסנ אָפּ דעמ קאָפּ אונ טוענ אָנ גרויסע צאָרעס; זי איז אנ אָנשיקעניש, א פּלאָג, וואָס מאכט קאליע דאָס בלוט, פארדארבט אויכ דעמ גײַסט, די נעשאָמע, אונ פארגיפטעט אונדז דאָס גאנצע לעבנ.

זי איז אזא גיפט, וואָס גייט דורכ און דורכ אינ אלע אייוורימ, אינ אלע יידישע זאכנ, אומעטום לאָזט זי זיכ דערפילנ און האָט א ביילעק אינ אלע צאָרעס. דורכ דער טאקסע זײַנענ יידנ קראנק, דאר, אויסגעמאָגערט און לײַדנ ביטערע שלאָפקײַטנ, וואָס גייענ איבער בעיערושע פונ דאָר צו דאָר. נאָר דערפאר, וואָס זיי איז אומעגלעכ צו עסנ גענוג פלייש — דאָס איינציקע שפּײַז, וואָס איז שטארק נייטיק צום מענטשנס געזונט. דורכ דער טאקסע געפינט מענ זיכ בא אונדז טאָמעד אנ אויסרייד, ווי צו בארײַסנ דעמ אוילעמ. איטלעכער גראָשנ טאקסע־געלט ציט ווי א מאגנעט צו זיכ צו נאָכ א סאכ יידישע גראָשנס, ביז עס ווערט פונ זיי א היפּש בערגל. דורכ דער טאקסע שפּרינגענ כאָפּטעסווײַז ארויס און האָבנ בא אונדז א קיעמ יענע מינע נעפאשעס, וואָס פארשווינדלענ דעמ אוילעמ מיט אלערליי נארישקײַטנ, און נאָגנ אימ אויס. עס שפּרינגענ דורכ איר ארויס און האָבנ פונ איר זייער גאנצע יעניקע די אלע גאָטס סטריאפּטשעס, קאָכלעפל, באסאָקעס און אלערליי מינע באלעטויוועס, וואָס נעמענ צו פּאָשעט דאָס כיעס מיט זייער גוטסקײַט און פרומקײַט, קורצ, דורכ דער טאקסע באקומענ א סאכ מענטשלעכ דעמ קויעכ, די שליטע צו טאָנ אלצדינג, וואָס זיי טויג און וואָס זיי ווילנ. איכ אליינ, ווי איז מיר, בינ דאָכ געווענ איינער פונ יענע מענטשלעכ. איכ אליינ פלעג דאָכ נעהענע־זײַנ פונ דער טאקסע און געהאלטנ פאר איר טאָמעד שטאָל און אײַזנ, ווײַל איכ האָב געוווסט דעמ סאָד, אז קאָלזמאג בא יידנ וועט זײַנ די טאקסע, וועלנ זיי בלײַבנ אינ גאָלעס בא אזעלכע מענטשלעכ, ווי איכ מיט מײַנ גאנצער קנופּיע; מענ וועט זיי קענענ האלטנ אינ דער מוירע, ווי קליינע קינדער, ארופירנ זיי אפ נארישקײַטנ, און טאָנ מיט זייר אלצדינג, וואָס מענ וויל. איכ האָב געהאלטנ פאר דער טאקסע, און די טאקסע האָט מיכ געהאלטנ אפ די פיס. איכ האָב געגעסנ אומזיסט דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פלייש, און די אָרעמעלײַט האָבנ געצאָלט טײַער און געגריזעטביינער. זיי זײַנענ געווענ די שאָפ און איכ דער וואָלף. איכ האָב געביסנ, געוואָרגנ און גענוג יידיש בלוט אינ מײַנ לעבנ אויסגעזויגנ....

על חטא שחטאתי ביראת שמים ובײַדישע גזיירעס[1]. אלע

1 אל כעט שעכאָטאָסי בעיירעס שאָמאַימ.

פאַרשקײַטן מײַנע האָב איך אַרײַנגעלייגט אין דער ייִרע. עס פלעגט עפּעס אויסקומען, אַז אַלצדינג, וואָס איך טו, איז נאָר לעשעם־שאָמאַיִם, איך נעם מיך אָן גאָטס קריוודע, און וויל פאַרהיטן זײַנע ייִדן, זיי זאָלן בלײַבן טאַקע דאָס, וואָס זיי זײַנען. און ווײַל פאַר מיר מיט מײַן קנופּיע איז גלײַכער געווען, ייִדן זאָלן בלײַבן נאַראָנים, דערשלאָגענע מענטשן, דעריבער קענט איר דאָך שוין פאַרשטיין, ווי מיר האָט נישט געשמעקט יענע קלוגע זאַכן, וואָס וואָלטן זיי געקענט די אויגן עפענען; ווי שטאַרק איך האָב, קלאָמפערשט פון גאָטס וועגן, מיך נאַריש געמאַכט, און זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע קרעפטן, דאָס מינדסטע נאַרישקייט צו דערהאַלטן; ווי ווײַט פאַלש איך בין געווען און וואָס פאַר אַ מין טאַם מײַן ייִרעס־שאָמאַיִם האָט געהאַט... איז אַמאָל אָנגעקומען עפּעס אַ גוטע זאַך אַף ייִדן, האָב איך עס גערופן „גזיירע" און אָנגעווענדט אַלע טאַכבולעס אײַנצײַנעם מיט מײַנע לײַט, די דאָזיקע „גזיירע" מעוואַטל צו זײַן. ייִדישע קינדער, אַשטייגער, זאָלן זיך לערנען שרײַבן, רעכענען, ביכדיי צו פאַרדינען דערנאָך זייער ברויט בעקאָוועד, האָט באַ אונדז געהייסן אַ „גזיירע". ייִדן זאָלן זיך טראָגן שיין און נישט זײַן מער באָזוי־אומוויזאָ מיט יענע קליידער, אין וועלכע זייערע סאָנים האָבן פאַרצײַטן זיי געצוווּנגען זיך אָנצוטאָן — האָט ווײַטער געהייסן אַ „גזיירע". טאָמער איז דאָ אַ סוואָרע, אַז די טאַקסע זאָל באָטל ווערן, האָט אויך געהייסן אַ גזיירע... האַקלאַל, אַלצדינג, וואָס אונדזער קנופּיע האָט נישט געטויגט, האָט געהייסן „גזיירעס"... דערווײַל האָבן מיר צו די גזיירעס נישט דעוולייגט, פאַרקערט, פיל האָבן דערפון געמאַכט אַ פּאַרנאָסע, און לעבן זיך דאָרט ערגעץ... גאַנץ שיין נאָך ביז אַצינד. מיר, פּושע־ייִסראָעל, מיר, אַשטייגער, איז פון לאַפּנמיצלעך און יאַרמלקעס, נישקאָשע, גענוג געלט אין קעשענע אַראָפּגעפאַלן.

ועל חטא שחטאתי בעקנופּיע, וועכאָל־וועלאָך, בעלעקן אובעמאַניפאַרגעס, בענאַצכאָנעס, בעסבאָרשטשיקעס אובעספּראַוועטשנע צענעס, בעאַזעס, בעפאַקטרעווען, ביצוויִעס אובעציגײַנעריש, בעקאָמעדיעס, בעקאָהאָל־שטיבל אובעקוימעמיִעס־זאָגן, בערעכילעס אובעראַציִעס־לאָזן, בעשטוסים, בעשקאָרים, בעשווינדל, בעשלישים־געלט, בעשייגעץ אובעטקיפעס. דער פיירעש פון די דאָזיקע אַלע זאַכן ליגט פונויבן אויף, און איך פאַרשפּאָר עס גאָר צו דערקלערן.

האקלאל, איך בין געווען א קליין מענטשעלע און האָב דורך דעם געלעבט אין אוישער און אין קאָוועד. דעם גוויר מײַנעם האָב איך געהאלטן אפ דער ארענדע, און מיר ביידע האָבן געמאכט די קאָמעדיע. איך באדארף דאָ פאר מײַן גוויר זיך נישט מיסוואדע זײַן. ער לעבט נאָך און ער וועט נאָך צײַט האָבן אליין זיך מיסוואדע צו זײַן....

19

אויבנ האָב איכ געזאָגט, אז בעטעווע בינ איכ נישט געווענ קיינ נאַר, קיינ שויטע, איכ בינ נאָר געווענ א דערשלאָגענער, א פאַר־וואָגלטער. אזוי מוז איכ אצינד באמערקנ, אז קעפּי עס זעט אויס, בינ איכ, אפּאָנעמ, פונ דער נאטור אויכ נישט געווענ אזוי גראָב, שלעכט, נישט מער איכ בינ געווענ פארפירט. די צאָרעס, וואָס איכ בינ אמאָל אויסגעשטאנענ פונ דער וועלט, האָבנ מיר פארשטארקט דאָס הארצ אונ מיכ געמאכט שלעכט. אז איכ האָב געטאָנ אמאָל א שרעקלעכע מייסע־רא, פלעגט אינ מיר דערנאָכ דורכלויפנ עפּעס נישט קיינ פרייליכער געדאנק, וואָס פלעגט מיכ אפּ א רעגע א שטאָכ טאָנ ווי א שפּילקע [1].

1 אינ דער אויסגאבע פונ 1907 גייט פונדאנענ אָנ אונ ווייטער אזא ווארִיאנט:

„אָבער נאָר אפּ א רעגע אונ באלד טאקע אופהערנ. אָט האָט איר, אשטייגער, גוט־מאנענ! אזא בראווער אָרנטלעכער מאנ מיט א גוט הארצ ווי גוטמאנ, וואָס האָט מיכ אזוי פריינטלעכ באהאנדלט, אימ, הערט א מייסע, אימ אונ אלע אנדערע זיינע גלייכנ האָב איכ געווייכט ווי אנ איפּעש! איז מיר צו די הענט געקומענ אזעלכע ווי ער מיט ביכלעכ, האָב איכ אימ אָפּגעטאָנ שפּיצלעכ ווי דעמ ערגסטנ סוינע, ס'איז פונ מיינ זייט געווענ טאקע א מייסע־רא, איכ האָב עס אמאָל אויכ טאקע געפילט, נאָר פיינט האָבנ אזעלכע האָב איכ געמוזט, אנדערש האָב איכ נישט געקענט.

„יענע לייט, וואָס מאכנ ביכלעכ, א, נישט געדאכט ווערנ זאָלנ זיי! האסנ זאָל מענ זיי, היטנ זיכ ווי פאר פייער זאָל מענ פאר זיי! אריינצוקריכנ יענעמ אינ דער גארגערעס זיינענ זיי אויסנ, אָנצוטאָנ צאָרעס מיט זייערע באשרייבעכצנ אונ שטעכווערטלעכ. אלצ אָגיל וועסטאכ — קיילעכדיק אונ שפּיצעכדיק איז בא זיי, א נעס, וואָס דער אייזל האָט קיינ הערנער נישט, וואָס אזעלכע אָנשיקעניש האָבנ נישט קיינ געלט, קיינ גראָשנ בא

איכ געדענק, איסער ווארגער האָט אמאָל צו זײַנ גוטנ ברודער אינ איינ קאס געזאָגט: „מענ באדארפ נישט קענענ אָנקוקנ אזעלכע לײַט ווי גוטמאנ, יענע אלע שיינע נעפאשעס, וואָס מאכנ ביכלעכ. מענ מוז אינ טאָכ ארײַנ זיי האסנ, שפּײַענ אפ זיי קלעק, אונ אויסווײַכנ זיי ווי ווײַט מענ קענ, אינ זייערע דאלעד-אמעס טאָר מענ נישט שטיינ, וואָרעמ זיי זײַנענ ערגער פונ פײַער, זיי זײַנענ אמאָל אויסגנ דער נעשאָמע, אונ זײַנענ, געלויבט דער אייבערשטער, קאפצאָנימ, גרויסע דאלפאָנימ. זיי באדארפנ פּאָרט אָנקומענ צו אונדזער גראָשנ, זיסט וואָלט געווענ שלעכט! די אייבציקע רעפּוע אקעגנ די וואנצנ, זיי זאָלנ נישט אזוי בײַסנ, איז א גראָשנ — פארשטאָפּ זיי דאָס מויל, אונ אגעוו טאקע אונטנ־ארומ זיי באגראָבנ“, — אזוי האָט געזאָגט איסער ווארגער:

אונ איסערס א וואָרט איז בא מיר געווענ א טוירע:

נאָר דאָס אלצדינג איז געווענ פריִער, אז דער יעיִצערהאָרע פונ געלט איז בא מיר געווענ זייער שטארק, איכ האָב ווי א גאָמקע אלצ געזאפּט־געזאפּט, אונ די מוירע פארנ אָרעמקײַט מיט אלע זײַנע צארעס אונ לייד איז מיר שטענדיק געשטאנענ פאר די אויגנ. וואָס זשע פאר אנ אָרט האָט געקענט בא מיר אינ הארצנ פארנעמענ א גוט געפיל? העכסטנס איז עס ווי א בליצ דורכגעלאָפנ אונ באלד פארשווונדנ געוואָרנ. שפּעטער אָבער, אז איכ האָב מיכ איבערגעגעסנ אָנגעזאפּט, שוינ געכאפּט די זעט, די מוירע פארנ אָרעמקײַט איז שוינ אוועק אינ דער זײַט, דער יעיִצערהאָרע איז געוואָרנ שוואכער, — דענסטמאָל האָט זיכ אינ מיר גערירט דער פארשלאָפענער יעיִצערטאָוו, איז ארויס פונ א פארבאָרגנ ווינקל טיפ אינ מײַנ הארצ מיט א שטיקל מוסער. פריִער געלאסנ, שטיל, געצייילטע ווערטער, אונ וואָס ווײַטער־ווײַטער האָט ער זיכ צערעדט, אופהייבנדיק דאָס קאָל, אלצ העכער אונ העכער, בייזער אונ בייזער. אומשטענדנ אזוינע, נישט קיינ גוטע, מיט וועלכע איכ בינ אינ די לעצטע יאָרנ געפּוּווּט געוואָרנ, זײַנענ געווענ ווי בוימל אפנ פײַער פונ געגעמ, וואָס האָט געברענט אינ מיר.

דאָס ווײַב, זאָגט מענ, איז דאָס הויז. ווי דאָס ווײַב, הייסט עס, אזא פּאָנעמ האָט דאָס הויז. אונ ווי איכ האָב ארויסגעזענ, איז דאָס טאקע עמעס. מיילע, פונ מײַנ ווײַב וויל איכ דאָ גיט ריידנ. איכ בינ איר מויכל... די רעדע איז דאָ פונ מײַנ הויז. מײַנ הויז, זאָג איכ, האָט קיינ פּאָנעמ ניט געהאט, איז געווענ פארלאָזט. דאכט זיכ, נעגידיש מעבל, צאצקעלעכ, צירונג; נאָר דאָס אלצדינג אומריינ, שמוציק, מיִעס דערופ צו קוקנ, א פּאָנעמ ווי א שווארציאָר. עס האָט דאָרט געהערשט א מאָרעשכוירע, געשמעקט מיט כורווע, אינגאנצנ נישט ווי א הויז באדארפ זײַנ. אינ די יונגע יאָרנ, אז איכ בינ געווענ מיט לײַב אונ לעבנ ארײַנגעטאָנ אינ דעמ קערבל, טאָמעד הו־הא, פלעג איכ מיכ נישט־וויסנדיק מאכנ — מיילע, עט, גאָרנישט! אונ אז מיר האָט זיכ געוואָלט אמאָל א ביסל לעבנ, אָנטאָנ זיכ טײַנעג, פלעג איכ עס זוכנ אינ דער פרעמד, אפ דער עלטער אָבער, אז עס ווילט זיכ האָבנ רו, זיצנ אמאָל צווישנ היימישע, בא זיכ אינ שטוב, האָב איכ שטארק געפילט דאָס עלנטקײַט, דאָס אומגליק מײַנס, אז איכ האָב נישט קיינ היימ, אונ דאָס האָט געפירט דערצו, אז מיר איז נישט ניכע געוואָרנ דאָס לעבנ. באטראכטנדיק מײַנע אלע מײַסימ ארומ און

ארײַנצוקריכנ יענעמ אינ דער גארגערעס אונ אָנצוטאָנ גרויסע צאָרעס מיט זייערע באשרײַבעכצנ אונ שטעכנדיקע ווערטלעכ, אָפּצאָגיל וועסמאכ, קײַלעכדיק אונ שפּיצנדיק. דאָס גאנצע שטיקל נעמ נאָכ, וואָס דער אייזל האָט נישט קיינ הערנער, וואָס אזעלכע שלימאזלענ האָבנ נישט קיינ געלט, קיינ העלער בא דער נעשאָמע אונ זײַנענ, געלויבט איז האשעמ-ייִסבאָרעכ, גרויסע קאלפּאָנימ, וואָס באדארפנ פּאָרט אָנקומענ אמאָל צו אונדזער גראָשנ. זיסט וואָלט מענ געהאט פונ זיי צו זינגענ אונ צו זאָגנ. מענ וואָלט, כאָלילע, זיכ געקראצט אונ פונ זיי געליטנ נאָכ ערגער ווי פונ די וואנצנ". עס פארשטייט זיכ, אז איסערס דאָזיקע ווערטער זײַנענ בא מיר פארעכנט געווענ ווי טויראס-עמעס, אונ כאָטש מיר האָט הארציק באנג געטאָנ פײַנט צו האָבנ אזא מענטשנ ווי גוטמאנ, וואָס ער איז מיר געלעגנ טיפ אינ מײַנ זעל, נאָר רעב איסערנ האָב איכ דאָכ געמוזט הערנ, ווענ נישט וואָלט דאָכ מיר קיינ סוואָרע נישט געווענ צו זײַנ א קליינ מענטשעלע, אנ ארענדאר, אונ וואָלט נעבעכ געמוזט ווײַטער לײַדנ צאָרעס אונ קלעפּ אפּנ פּוד. מײַנ פוס איז פונ יענער צײַט צו גוטמאנענ נישט געקומענ. איכ האָב אימ אונ אזעלכע מענטשנ ווי ער אויסגעווײַכט ווי אנ איפּעש. איז מיר אמאָל צו די הענט געקומענ עפּעס א מינ פארשווינ מיט די ביכלעכ, האָב איכ אינ אימ מיכ נויקעמ געווענ, ווי אינ דעמ ערגסטנ סוינע, אונ האָב אימ געטאָנ

ארומ, האָב איכ שטארק באדויערט, אלצ געזאָגט: ריבוינעשעלוילעמ, איי, האָב איכ געזינדיקט! אונ אלצ מיכ געפרעגט: צו וואָס, גוואלד, האָט עס מיר געטויגט, אָט די גאנצע מי, די אלע זאכנ מײַנע? צו וואָס דאָס רײַכקײַט, פאר וועמענ?... צוויי קינדער מײַנע, שוואכע, קרענקלעכע, זײַנענ מיר אויכ נישט לאנג געשטאָרבנ. עס האָט מיר געבראָכנ דאָס הארצ, אונ, דערשלאָגנ ווי פונ א דונער, האָב איכ מיט א ביטער געמיט אלצ געפרעגט דאָס אייגענע טאקע: צו וואָס איז דאָס רײַכקײַט, אז איכ בינ אזוי עלנט, אז איכ האָב נישט קיינ דאָס... קיינ הויז, קיינ היימ מיינ איכ? איי, ריבוינעשעלוילעמ, איכ האָב אזויפיל געזינדיקט — גוואלד, צוליב וועמענ?!

אָט דענסטמאָל פלעגט מיר אלצ זיכ פארשטעלנ דער גוטער אונ שטילער גוטמאנ. ווי פרײַנטלעכ, ווי צוגעלאָזט ער איז צו אלע מענטשנ געווענ. ער איז געווענ, נעבעכ, אנ אָרעמאנ, נאָר ווי געלויכטנ, געפינקלט האָט אינ איטלעכס ווינקעלע בא אימ אינ שטוב! וויפל פארגעניגנ האָט ער געקליבנ פונ זײַנ שיינער טײַערער ווײַב, א גילדענע באלעבאָסטע, אונ פונ זײַנע גוטע, געלערנטע קינדער, וואָס האָבנ אימ הערצלעכ געשעצט אונ געליבט! ער האָט געליטנ דאכקעס, פונדעסטוועגנ ווי לוסטיק אונ צופרידנ ער איז טאָמער געווענ"... (אויסג. 1907, ז. ז. 100—102).

שפּיצלעך, ווי ווײַט נאָר איך האָב געקענט. „ווער די קאַפּאָרע, האָב איך בעשאַסמײַסע געטראַכט, פֿאַר מײַן מינדסטן נאָגל, דו אזוינער און אזוינער, דו אָנכאַפּער, דו אָנשיקעניש, דו פּוישע־יִסראָעל איינער! ליג אין דער ערד און באַק בייגל, דו אַפּיקוירעס איינער!...“ נאָר אַז איך בין שוין געווען שטאַרק רײַך און האָב שוין מער נישט באַדאַרפֿט מוירע האָבן, אַז איך וועל לײַדן, בידעווען, אָט דענסטמאָל האָט מיר אָנגעהויבן צו טיאָכקען מײַן האַרץ, דענסטמאָל פֿלעגט מיר אַלץ זיך פֿירשטעלן דער גוטער, דער גוטער און שטילער גוטמאַן. אַך, וואָס פֿאַר אַ גוטער, פֿאַר אַ טײַערער מענטש ער איז געווען! אַך, ווי פֿרײַנטלעך, ווי צוגעלאָזט ער איז געווען צו אַלע מענטשן! ער האָט מיך ליב געהאַט און מיך באַהאַנדלט נישט ווי אַ מעשאָרעס! ער איז געווען, נעבעך, אַן אָרעמאַן, האָט געליטן דאַכקעס. פֿונדעסטוועגן — ווי לוסטיק און צופֿרידן איז ער טאָמעד געווען!...

אַמאָל, געדענק איך, האָט זײַן ווײַב, נעבעך, זייער געוויינט. ס'איז שוין געווען נאָענט צו פּייסעך, אינגאַנצן עטלעכע טעג, און דאָ איז נאָך אין שטוב נישט געווען קיין סימען אַף יאָנטעוו. ער האָט מיך אַרומגעשיקט אַ גאַנצן טאָג מיט ביכלעך, נאָר קיינער האָט זיי אין די הענט אַפּילע נישט געוואָלט נעמען. איטלעכער, צו וועמען איך האָב אָפּגעטראָגן קוויטלעך, האָט שטאַרק פֿאַרדרייט די נאָז און מיר נישט געענטפֿערט קיין גוט וואָרט. די מאַדאַם, די טײַערע מאַדאַם, זײַן געטרײַ ווײַב, האָט, נעבעך, געוויינט און איז געווען זייער פֿאַרומערט.

— אַך! — האָט צו איר גוטמאַן זיך אָנגערופֿן און זי געטרייסט. — זינדיק, כ'לעבן, נישט, נעשאָמע מײַנע, מיט דײַנע טרערן! אונדז איז נאָך בעסער פֿון אַ סאַך אַנדערע רײַכע, מיר זײַנען דאָך ערלעכע לײַט. מיר האָבן, כאָלילע, בא קיינעם נישט צוגענומען, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. מיר לײַדן?... נאָר פֿאַר דעם עמעס צו לײַדן איז אַ סאַך בעסער און שענער, ווי פֿון דעם שעקער גליקלעך צו זײַן. זאָרג נישט, מײַן לעבן, זאָרג, כ'לעבן, נישט! גאָט האָט געהאָלפֿן, גאָט וועט ווײַטער העלפֿן. אַ ברײרע וועט ער דען האָבן? מיסטאָמע וועט ער דאָך מוזן ווי ס'איז עפּעס אַרויסהעלפֿן. וואָס ניצט מיר בעעמעס צוויי רעק מיט אַ פּעלץ? טראָגן טראָגט מען דאָך נאָר

איינ ראָק, נישט קיינ צוויי, אונ דער פעלצ איז, כ'לעבנ, אויכ איבעריק, עס גייט דאָכ צו זומער; ליגנדיק אינ קאסטנ קענ אימ נאָכ גאָר דער מאָל אופעסנ. אָט, כ'לעבנ, אבראמ, פויל זיכ נישט, נעמ טאקע באלד דעמ פעלצ מיט מײַנ ראָק אונ גיי פארזעצ זיי, פארקויפ זיי, כו מיט זיי וואָס דו ווילסט, וועלנ מיר האָבנ מאצעס אפ פייכעכ, קארפעס אונ מאָרער מיט אלע זיבנ זאכנ.

די דאָזיקע סצענע האָט מיר טאָמעד זיכ פירגעשטעלט פאר מײַנע אויגנ. איכ האָב געזענ, אז גוטמאנ איז גליקלעכ געוועננ אָנ געלט. איז דאָכ, אפאָנעמ, מאשמאָעס, אז דאָס גליק באשטייט נישט אינ געלט, נאָר גאָר אינ עפעס אנדערש. ער האָט נאָכ געזאָגט בעזועהאלאָשנ: „אונדז איז בעסער פונ א סאכ אנדערע רײַכע, מיר זײַנענ דאָכ ערלעכע לײַט". איז מאשמע, אפאָנעמ, אז נאָר ערלעכע לײַט זײַנענ גליקלעכ אונ צופרידנ. דערבײַ איז מיר נאָכ טאָמעד געלעגנ אײַנזינענ, וואָס ער האָט אמאָל געזאָגט יאקאָבזאָנענ: „לײַדנ הייסט כאנפענענ, צוואטשענ, דער כוינעפ, דער צוואק מוז טאָמעד זאָ פירכטנ, טאָמעד זיכ היטנ אזוי ווי דער גאנעוו". איכ האָב אָנגעהויבנ באשײַמפערלעכ ארויסצוזענ, ווי ענ׳עס, ווי ריכטיק זײַנע ווערטער זײַנענ. גוטמאנ האָט נאָר מיט דעמ סייכל זײַנעמ פארשטאנענ, אז דעמ כוינעפ, דעמ צוואק איז אזוי שלעכט ווי דעמ גאנעוו, וואָרעמ זיי אלע מוזנ טאָמעד מוירע האָבנ אונ זיכ היטנ, מענ זאָל זיי נישט דערטאפנ, מענ זאָל נישט דערגיינ זייערע מיִעסע זאכנ — אונ זײַנ טאָמעד אינ דער מוירע, זיכ באדארפנ טאָמעד צו באהאלטנ, איז עפעס נישט אזא געשמאקע זאכ. איכ אָבער האָב דאָס אייגענע טאקע געפילט בא מיר אינ הארצ, אז א פאלשנ מענטשנ איז עפעס גלאט שלעכט, גאָר אָנ אלע טײַמימ. עפעס קאָרטשעט עס אימ, עפעס ליגט ווי א שטיינ אפ דעמ הארצנ, עפעס קאָכט אינ אימ דאָס בלוט, דער קאָפ ווערט אימ שיר נישט צעזעצט. ער ברענט ווי א פלאמ פײַער, עפעס איז אימ ענג די וועלט, אונ ער ווייסט נישט זיכ וואוהינ צו טאָנ. ער וואָלט געשפרונגענ אויכ דער הויט אונ פונ זיכ אליינ גערנ געוועננ צו אנטלויפנ ערגעצ, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט, העט וויַיט־ווײַט צו אלדי שווארצע יאָר!

יאָ, איכ האָב טאקע בעכוש געפילט, אז לײַדנ הייסט כאנפענענ, צוואטשענ. איכ בינ דאָכ געוועננ רײַכ, אָנגעשטאָפט מיט געלט

און בין נישט פאָרט גליקלעך געווען. איך פלעג האָבן בייזע, ביטערע
כאַלוימעס, עס פלעגט מיר זיך אויסדאַכטן, אַז איך האַלט אַ כאַ־
לעפּ און קוילע. איך פלעג הערן קרעכצן, זיפצן, כאָרכלען, גוסי־
סען, און מײַנע פאָלעס זײַנען געווען פאַרשמירט, פאַרשלומפּערט אין
בלוט. מיכל, דער גוטער, דער שטילער מיכל, פלעגט מיר אָפט זיך
דרייען פאַר די אויגן, טויט־בלאַס ווי די וואַנט. ער פלעגט אַף מיר
קוקן זייער באַטריבט, מיר ווײַזן אַף די קייטן, אין וועלכע ער איז
געווען געקאָוועט, און מיט אַ טרויעריק פּאָנעם מיך אַלץ פרעגן: גוואַלד,
ייִצכאָק-אַווראָם, וואָס האָסטו צו מיר געהאַט? גוואַלד, ייִצ־
כאָק־אַווראָם, וואָס האָב איך דיר געטאָן?!...

די אַלטע און שיינדעלע פלעגן אויסוואַקסן ווי פון אונטער דער
ערד. ביידע פלעגן הוסטן, זיך פאַרקײַכן; ביידע פלעגן זיך אײַנעסן
אין מיר מיט רויטע ברענענדיקע אויגן און שרײַען: אָט איז אונ־
דזער מאַלעכאַמאָוועס! אָט איז ער, דער רויצייעך, דער קוילער! פלוצ־
לים פלעגט פון זיי ווערן אַ הויפןביינער, פון די ביינער פלעגן
אַרויסקריכן ווערעם און גיפטיקע שלאַנגען, זיך לאָזן צו מיר מיט אָפענע
מײַלער, און מיך בײַסן, שטעכן, ווי מיט שפּילקעס....

מער פון אַלע פלעגט מיך קרענקען גאָלדע. זי פלעגט מיר זיך
אויסדאַכטן, ווי זי זיצט דערשלאָגן, פאַרוויסט, פאַרומערט, מיט עפּעס
אַ שטיקל אַרבעט אין די הענט. זי שטשאָבעט, נייט און צעשטעכט
זיך די פינגער, נאָר זי פילט אָבער נישט, גיט זיך אפילע נישט
קיין קרים. זי שטשאָבעט, נייט אַלץ ווײַטער, ווי אַ מאַשינע, און
שאָקלט מיטן פוס אַ שווערע סקריפּענדיקע וויג, צוזינגענדיק דערבײַ
„אַליו־ליו־ליו־ליוליעניו!‟ אַף אַ מעשונע אומעטיק קאָל. די וויג אָבער
איז ליידיק, קיינער איז אין איר נישטאָ. גאָלדע! שרײַ איך: ווו איז
ער? ווו איז דאָס קינד? גאָלדע וויגט און זינגט ווײַטער נישט צו
ריידן מיט מיר קיין וואָרט:

א־ליו־ליו־ליו, בידנע קינד,
וויי איז דער מאַמע, וויי און ווינד!

איוויייניק אין וויגעלע
ליגט אַ קלאָר ווײַס ציגעלע —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט זשע שרײַ, ניט זשע וויינ, —
ביסט דאָכ עלנט ווי א שטיינ —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

וויסט אונ פינצטער איז דײַנ וועלט,
לײַד זשע שטיל הונגער אונ קעלט —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

דאָרט אינדרויסנ, הער נאָר, הער,
וויעט א וואָלפ, ברומט א בער —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ליידיק, ליידיק איז דאָס וויגעלע,
נישטאָ, נישטאָ מײַנ ווײַס ציגעלע!

א-ליו-ליו-ליו, בידנע קינד —
ווי איז דער מאמע, ווי אונ ווינד!

בא די דאָזיקע ווערטער שטייט גאָלדע אופ, בלוטיקע טרערנ קאפנ איר פונ די אויגנ, זי שטרעקט אויס די הענט אינ אלע זײַטנ אונ שרײַט אפ א ווילד קאָל: „נישטאָ, נישטאָ מײַנ ווײַס ציגעלע!” איכ לויפ ארויס פונעמ שטוב שטארק צעקאָכט. עס דאכט זיכ מיר, ווי וועלפ אונ בערנ יאָגנ מיכ נאָכ, זיי קנאקנ מיט די ציינ יונגע ביינדלעכ — אונ איכ הער ביטערע קוילעס פונ אנ אומגליקלעכ ציגעלע[1]...

1 אינ דער אויסגאבע פונ 1907 גייט פונדאנענ אָנ אונ ווײַטער אזא וואריאנט:

קאפיטל 27

דאגה בלב איש, איז א מענטשנס הארצ פול מיט צאָרעס — זאָגט דער פאָסעק — ישחנה, זאָל ער עס ארויסדערציילנ. טראָגנ אינ זיכ צאָרעס, נישט ארויסזאָגנ זיי, איז א ווייטעק, וואָס נישט צו דערהאלטנ. א קעסל פונ אײַזנ, א קאָכנדיקס, קענ צעזעצט ווערנ, אויב די צונויפשטיקנדיקע פארע אינ אימ געפינט נישט קיינ אָרט אפ ארויסצוגיינ. בא מיר אינ הארצ האָט געקאָכט שטארקער ווי א קעסל — עס האָט דאָרט געברענט א גענעמ!... אלטע כעזשבוינעס פונ מײַנע זינדיקע מײַסימ, ביטערע געפילנ אונ שרעקלעכע

די דאָזיקע אלע פינצטערע כאַלוימעס און ביטערע געפילן האָבנ מיך היינטיקס יאָר אזוי זאמוטשעט, אז איך האָב אָנגעהויבנ צו קרענקען. איך האָב געפילט, אז איך וועל נישט לאנג געדויערנ, און מיך געכאפט ווי־עס־איז אופצושרייבנ מײַנע אלע האנהאָגעס, אלצ־דינג, וואָס מיט מיר האָט זיך פאסירט, און וואָס איך האָב געטאָנ

פינצטערע כאַלוימעס אלע אינײנעם, ווי געדיכטע פלאמענדיקע זײַלנ פונ פײַערשפײַענדיקע בערג, האָבנ אינ מיר זיך געריסנ, נאָר אומצוקומענ. פיל בעסער פאר דעמ זינדיקנ מענטשנ זײַנ אינ גענעמ, ווי דער גענעמ זאָל זײַנ אינ אימ.

דענסטמאָל ערשט האָב איך ארויסגעזעענ, אז דער מענטש טראָגט זײַנ גענעמ און זײַנ גאנ־עדנ אינ זיך. דער שויפעט זײַנער זיצט אפנ גערעכט־שטול אינווייניק אינ אימ. אוי, איך זאָל געווענ קענענ אויסגיסנ מײַנ הארצ, לינדערנ א ביסל מײַנע ווייטעקנ! איך האָב אָבער נישט געהאט פאר וועמענ. גאָלד און זילבער האָב איך דערוואָרבנ אפ דער וועלט א סאך, אָבער גוטע פרײַנט — נישט איינעמ.

פאר א גרויסנ כעסעד פונעמ אייבערשטנ האלט איך עס, וואָס ער האָט מיר אײַנגעגעבנ אינ זינענ ארויסצוזאָגנ זיך, ווענ נישט דורכ דעמ מויל, זאָל עס זײַנ דורכ דער פענ.

דער גאָט, וואָס האָט אָנגעוויזנ א בוימ אפ זיס צו מאכנ דערמיט דאָס ביטערע וואַסער אינ מאָראָ, ער האָט עס מיר אָנגעוויזנ אפ צו לינדערנ מײַנע יעסורימ — די פענ.

אינ שווערע ביטערע מינוטנ, ווענ אפנ הארצנ איז מיר געווענ שטארק נישט גוטפלעג איך אפנ פאפיר אויסגיסנ מײַנ ביטער געמיט, ווי איך האָב געקענט. פריִער איז עס מיר אָנגעקומענ שווערלעכ, איך בינ נישט געווענ געוווינט, דערנאָכ האָט זיך עס געגאָסנ עפעס ווי פונ זיך אליינ, גלײַכ ווי איך וואָלט איינעמ א גוטנ ברודער מײַנעמ דערציילט, אימ אנטפלעקט מײַנ הארצ. אינ פארלויפ פונ דער צײַט איז אויסגעוואקסנ פאר מיר א א גאנצע לעבנסבאשרײַבונג — און הערט א מײַסע, באמ איבערלייענענ עס פונעמ אָנהייב ביזנ סאָפ איז מיר א ביסל גרינגער געוואָרנ אפנ הארצנ! די כאטאָימ זײַנענ מיר שוינ נישט אויסגעקומענ אזעלכע שווערע, דאָס הייסט די כאטויס האאָכיד, מײַנע זינד, זײַנענ נישט אײַנגאנצנ מײַנע אייגענע זינד, נאָר אויכ כאטויס־האציבער, אינ זיי האָבנ א כיילעק — און עפשער נאָכ דעמ גרעסטנ כיילעק — די געמיינדע מיט אירע שלעכטע אײַנפירונגענ.

אָט נעמט די יידישע טאלמעטוירעס!

מענ נעמט אָרעמע קינדער, יעסוימימ נעבעכ, און מע פארטרײַבט זיי ערגעצ אינ א כורווע, א שטאל, מישטיינסגעזאָגט, ווו זיי וואלגערנ זיך הונגעריקע, אָפגעריסענע, אינ מיסט, אינ שמוצ, כאפנ קלעפ און שמיצ וויפל אינ זיי גייט ארײַנ, און לערנענ — לערנענ זיי דאָרט נישט קיינ וואָרט. מענ מאכט פונ זיי ליידיקע, אומגליקלעכע מענטשנ, טויגעניכטסנ, נישט צו גאָט, נישט צו לײַטנ — און נישט בעסער פונ די ווילדע מעלאמדימ זײַנענ אויכ, מישטיינסגעזאָגט, די גאבאָימ, וואָס טרייסלענ פושקעס, רײַסנ פונוואנענ זיי קענענ, קלוימערשט פונ יידישע קינדערוועגנ. אייג וואָרט איז בא זיי אלצ: מאכנ די אָרעמינקע פאר יידנ — און מאכנ זיי פאר בעהיימעס, אויס מענטשנ!..

אין מיין לעבן, ביכדיי דאָס זאָל מיר זיין לעקאפּאָרעס־אָוועג. גאָל־דענ האָב איך לעסאָפּ אָנגעשריבן א בריוו, אינ וועלכנ איך בינ זיך מיסוואדע, ווי שלעכט איך האָב אקעגנ איר געהאנדלט, אונ בעט זי ראכמים, מויכל צו זיינ מיינע שווערע זינד. איך שרייב דאָרט אונ בעט ראכמים, זי זאָל קומענ מיט אונדזער קינד, אויב ער איז נאָך

א קליינינקייט עפּעס בינ איך, איך, עלנט יאָסעמל, אויסגעשטאנענ קינדוויי איז אינ דער טאלמעטוירע! איך רייד שוינ נישט דערפונ, ווי מענ האָט געפּייניקט מיינ אויסגעדייווערט שטיקל לייב. דערופּ בינ איך דאָך געווענ אָרעמ, אז איך זאָל ליידנ הונגער, קעלט אונ קלעפּ. אָבער גוואלד, ריבוינעשעלוילעמ, וואָס האָט מענ געהאט צו מיינ נעשאָמע? מענ האָט דאָך דערנ־דעריקט אינ מיר די מענטשלעכע נעשאָמע, נישט גענוג, וואָס מענ האָט מיך נישט געלערנט צו קענענ לעבנ ווי א מענטש אפּ דער וועלט, האָט מענ געטויט אינ מיר דאָס געפּיל פונ קאָוועד, פונעמ מענטשלעכנ ווערט דורך א גראָבער באנעמונג מיט מיר — דורך זידלערייענ, מיעסע, גראָבע ווערטער.

אָט דאָס איז די טוירע, דאָס יידישקייט, מיט וועלכע יידנ באראכמימס פארזאָרגנ אָרעמע קינדער!

באט אייך אויך בא אונדז די מעלאָכע, אשטייגער.

מעלאָכע, ווי ס'איז באקאנט, איז מיעס געפאלנ בא יידנ. אפּ אזויפיל ווי א ליידיק־גייער, א קלויזניק, איז א שיינדל, איז א באלמעלאָכע א פלעק אינ דער מישפּאָכע. דער וואָס האלט זיך פאר א שטיקל באלעבאָס, ער מעג זיך כאָטש געשווענ פאר הונגער, וויל נישט די קינדער זיינע לערנענ וועלכע ס'איז מעלאָכע. דערופּ זיינענ דאָ פארוואָר־לאָזטע יעסוימימ, קינדער פונ נידעריקנ, גראָבנ אוילעמ. אָט אזעלכע שטעלנ זיך עס פאר לערניינגלעך בא באלמעלאָכעס, אונ ווערמעס דייגע איז עס אכטונג צו געבנ, ווי זיי לערנענ זיך אונ ווי מענ באגייט זיך מיט זיי דאָרט. די מעלאָכע הייבט זיך געוויינטלעך אָנ מיט קאָל־אווידעס־פּערעך: פּאָמויניצעס טראָגנ, וואסער אָנטראָגנ, מיט דעמ באלעבאָס קינ־דערלעך זיך ארומטראָגנ, דער באלעבאָסטע באמ איינקויפנ אלצדינג צוטראָגנ, שטיקלעך ארבעט אהינ־אהער אָפּטראָגנ, מיט דעמ באלעבאטישקייט שטענדיק זיינ פארטראָגנ אונ איטלעכנס קאפּריז, קלעפּ אונ באליידיקונג איבערצוטראָגנ. א צוגאָב דערצו איז אָנהערנ זיך צווישנ פּויאלימ מיעסע ניוולפּה, מייסעס פונ ליבעס אזוינע אונ אזויגע, וואָס טאָ־מער איז נאָך אינ דיר איבערגעבליבנ א פונק מענטשלעכקייט, לעשנ זיי עס אויס אינ־גאנצנ. אָט דערמיט הייבט זיך אָנ די מעלאָכע, אונ אויסלאָזנ לאָזט זי זיך אויס מיט גאָר־נישט — מענ איז א פּארטאטש, אבי־אָט, הייסט עס, מענ ארבעט.

שולדיק מאכנ אינגאנצנ די באלמעלאָכעס קענ מענ אויך נישט. זיי אליינ זיינענ דאָך אויך אזוי, נעבעך, פארשווארצט געוואָרנ, האָבנ, ווי איך אונ ווי טויזנטער אנדערע אָרעמע קינדער, אויך אָנגעהויבנ די ארבעט פונ טראָגנ פּאָמויניצעס אוכדוימע ווייטער אינ ווייטער אזויגע זאכנ. אציינד ערשט קלינגענ מיר טרויעריק אינ די אויערנ דעמ שוסטערלס לידל, מיט וועלכנ ער פלעגט מיר אפּ שפּאס צושפּילנ בעשאס ארויסטראָגנ בא אימ א פּאָמויניצע: „טייג קאָוועד לעיצעניו! טראָג, טראָג, איציק־אווראָמעניו! אינ דיינע יאָרנ האָב איך גענוג פּאָמויניצעס איבערגעטראָגנ!“

דאָ אפ דער וועלט, ביכדיי איך זאָלֿ זיי מינדלֿעך מעכילֿע בעטנ אונ קענענ רויִקער שטארבנ. נאָר דערינענ איז שוינ עטלֿעכע וואָכנ אונ גאָלֿדע איז נאָך נישטאָ!

איך בעט אײַך, רעבע, איר זאָלֿט פאר מיר זיך פארווענדנ אונ פויעלֿנ באַ גאָלֿדענ, זי זאָלֿ מיר מויכלֿ זײַנ, וואָס איך האָב איר

ריבוינעשעלֿוילֿעמ, איך בינ זינדיק, נאָר די זינד פאלֿט נישט אפ מיר אינגאנצנ. איך דאנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געעפנט די אויגנ!

דו האָסט מיר געעפנט די אויגנ, ריבוינעשעלֿוילֿעמ, נישט אומזיסט. איך ווילֿ טאָנ אזוינס צו פארהיטנ דערמיט אנדערע פונ בייז אונ צוגלֿײַך ווײַזנ יִדנ א וועג, צו פאַריכטנ זייערע פעלֿער, וואָס זיי זײַנענ באגאנגענ ביז אהער אקעגנ אָרעמינקע קינדערלֿעך, נעבעך.

לֿויט דער צאוואָע מײַנער, פונ וועלֿכער איך שיק אײַך דאָ ארײַנ, רעבע, א קאָפּיע, לֿאָז איך איבער דאָס גרויסע הויז מײַנס אפ צו מאכנ דאָרט פאר אָרעמע קינדער א טאלֿמעטוירע אונ אויך א שולֿ, צו לֿערנענ זיי דאָרט מעלֿאָכעס. די האכנאָסעס פונ די קלייטנ דאָרט אונ א טײלֿ פּראָצענט פונעמ קאפּיטאלֿ, וואָס איך לֿאָז איבער אפ אוילֿעמעס, זאָלֿ גײנ אפ אויטצוהאלֿטנ די ביידע שולֿנ. אינ דער טאלֿמעטוירע, ווילֿ איך, זאָלֿ געלֿערנט ווערנ, כוץ יִדישקײַט אונ לֿאָשנקוידעש, אויך דאָס לֿאָשנ פונעמ לֿאנד אונ וועלֿטלֿעכע זאכנ, ביכדיי צו מאכנ פונ די קינדער יִדנ אונ מענטשנ צוגלֿײַך, זיי זאָלֿנ טויגנ צו גאָט אונ צו לֿײַט. אינ דער צווייטער שולֿ, ווילֿ איך, זאָלֿ געלֿערנט ווערנ טוירע אונ מעלֿאָכע אינאיינעמ, די לֿערנייִנגלֿעך זאָלֿנ דערצויגנ ווערנ אזוי, אז זיי זאָלֿנ נישט וויסנ פונ קײנ כארפּעס, באלֿײדיקונגענ אונ דערנידערונגענ, אונ זאָלֿנ ארויסגײנ פונ דאָרט גוטע געלֿערנטע באלֿמעלֿאָכעס, וואָס וועלֿנ וויסנ אלֿײנ זייער אייגענעמ ווערט אונ דערמיט טאקע צווינגענ אנדערע זיי צו שעצנ, וויסנ זייער ווערט.

אונ קעדיי צו דערגרייכנ דעמ דאָזיקנ ווונטש, זײַנענ אינ די דאָזיקע שולֿנ בײטיק צו האָבנ גוטע לֿערער, מענטשנ מיט געפילֿ אונ פארשטאנד, מיט הארצ אונ מיט קאָפּ, זיי זאָלֿנ פארשטײנ אונ לֿיב האָבנ זייער זאכ. דער איקער איז לֿיבע, ווײַלֿ זיי וועלֿנ דאָך האָבנ צו טאָנ מיט אָרעמינקע, פארוואָגלֿטע, עלֿנטע קינדער, וואָס לֿעכצנ נאָך לֿיבשאפט אזוינס, וואָס א יונג הערצלֿ, אפילֿע פונ אנדערע לֿעבעדיקע באשעפעניש, גלֿוסט זיך, אונ זיי מאנגלֿט עס, נעבעך. יענעמס א גוט וואָרט נעמט זיי בעסער פונ אלֿע שטראָף־רייד אונ מוסער־זאָגנ אינ דער וועלֿט, אונ זײַנענ גרייט צו פאָלֿגנ אינ פײַער אונ אינ וואסער ארײַנ. דאָס האָב איך געפילֿט אמאָלֿ קינדווײַז אינ מיר.

דאָס אלֿצדינג אָבער פאָדערט גוטע פירער, וואָס אונטער זייער האזשגאָכע זאָלֿנ די אלֿע זאכנ אפ דעמ בעסטנ אויפנ דערפילֿט ווערנ, אונ אזעלֿכע פירער, ווינטש איך, זאָלֿנ זײַנ איר, רעבע, אונ דער הער גוטמאנ. מיט אײַך ביידע וועט אינ די נײַ־געמאכטע שולֿנ זיך פארײַניקנ טוירע מיט כאָכמע. איר, רעבע, וועט קוקנ אפ די יִדישע לֿימודימ, זיי זאָלֿנ געלֿערנט ווערנ גוט, געהעריק, אונ גוטמאנ, פונ זײַנ זײַט, זאָלֿ האָבנ אנ אויג אפ די איבעריקע איניאָנימ אינ האסקאָלֿע־זאכנ. ווי איך קענ זייער גוט אײַך ביידנ, פארהאָפּ

פאַרוויסט, פאַרומערט איר גאַנץ לעבן. גאָלדע, ווייסט איר דאָך, האָט אל־פּי־ דין נישט געקענט כאַסענע האָבן, זי האָט געלעבט אוואַדע אין צאָרעס, אין לייד, אין דער צײַט ווען איך האָב געלעבט אין אוישער און אין קאָוועד, און האָב אינגאַנצן פאַרגעסן זי און דאָס אומגליקלעכע קינד, וואָס איך האָב איר אָנגעוואָרפן און פאַרלייקנט, אַז איך בין

איך, אַז איר וועט ביידע איינער פון דעם אַנדערן צופרידן זײַן. איר ביידע ווינטשט דאָך גוטס דעם פאָלק ייִסראָעל, און איטלעכער פון אײַך וועט טאָן פאַר אים פון זײַן זײַט, וויִאַזוי ער קען, און אים ברענגען נוצן מיט וואָס ער קען. די באַלוינונג פאַר אַזאַ מי איז באַשטימט בא מיר אין דער צוואָע...

[פונדאַנען אָן גייט דער אַבזאַץ „אויב עס וואָלט אַ סוואָרע געווען”, וואָס אין טעקסט (זע ז. 361), ביז „וואָס נאָר מעגלעך” (ז. 362). דערנאָך גייט ווײַטער דער נײַער וואַריִאַנט :]

...דאָס אָבער, וואָס דורך מיר וועט געטאָן ווערן פאַר אָרעמע קינדער דאָ, אין מײַן שטאָט, איז נאָך נישט גענוג. אײַך שוועלבעלע קען קיין זומער נישט מאַכן. מען באַדאַרף באַוועגן דערצו אַנדערע, זיי זאָלן אויך אַזוינס טאָן אין די אַלע ייִדישע מעקוימעס דאָרט. דעריבער פאַרלאַנג איך, אַז מײַן ווידע מיט דער דאָזיקער צוואָע מײַנער זאָלן אָפּגע־ דרוקט ווערן, זיי זאָלן קלינגען אין די אויערן פון נעגידים, פײַנע־בעריעס, אומעטום צווישן דעם ייִדישן עוילעם. ווען אַפילע די ווערטער מײַנע וועלן נישט ווירקן אַף זיי צו בעסערן זיך באַם לעבן, צו פאַרשטיין, ווי צו אַרבעטן פאַר זייערע אָרעמע ברידער, צו טאָן גוטס און ווי צו לעבן, וועלן זיי, לעכאָלאַפּאָכעס, זיך אויסלערנען ווי צו שטאַרבן... וויפל נעגידים מיר איז אויסגעקומען צו קענען אין מײַן וועלטל, זײַנען ביז דער לעצטער מינוט זייערער געבליבן דאָס, וואָס זיי זײַנען געווען — געשטאָרבן ווי נאַראָנים. אָט לאָזן זיי הערן דעם ווידע און די ווערטער מײַנע, און, אַף מיר קוקנדיק, זיך אויסלערנען כאָטש שטאַרבן, אוועקגיין פון דער וועלט ווי מענטשן.

שטאַרבט, נעגידים, שטאַרבט — שטאַרבט ווי מענטשן !..

נאָך „נגידי עירך קודמין”, דאָס הייסט — ביז מײַן ווידע וועט אָנקומען אַנדערע צו די אויערן, זאָלט איר דערווײַל, רעבע, פאַר דער קוורע מײַנער עס פאַרלייענען די אַלע אונדזערע היגע נעגידים. מיר וועט עס זײַן אַ קאַפּאָרעס־אָוועט און זיי אַ מוסער בישקאָשע, לאָזן זיי וויסן !..

אַף מעסאַדער צו זײַן מײַנע דאָזיקע פּאַפּירן ווי געהעריק, אויסצובעסערן די גראָבע גרײַזן מײַנע דאָרט, צוצוגעבן אַ ביסל פּעפּער, אַ ביסל געווירץ, עס זאָל לאָפּצען, עס זאָל אַ טאַם האָבן, אָפּצודרוקן זיי אין באַזונדערע ביכלעך און צו פאַרברייטן זיי דערנאָך אין דער וועלט — דערוף איז דאָך אײַך בעריע טאַקע רעב מענדעלע מויכער־ספאָרים. איך גע־ דענק אים נאָך פון צוויִאַטשיטש, בעשאַס ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, אַ באַלעבעסל. אים, רעבע, אים זאָלט איר עס איבערגעבן, און ער וועט, אַזוי פאַרהאָף איך, דערפילן מײַן ווונטש ווי צום בעסטן, עס פאַרשטייט זיך, אַז ער באַדאַרף פאַר זײַן טירכע זייער שיין באַלוינט ווערן”. (אויסג. 1907, ז. ז. 105—109).

זײַן טאטע. זי האָט נישקאָשע געהאַלטן וואָרט און מיך אויך פאַרגעסן. זי האָט מיך די גאַנצע צײַט, וואָס איך בין פון איר אוועק, געלאָזט צורו, און ס'איז איר א כאַרפּע געווען צו זאָגן, ווען זי האָט געהאַט פאַר א מאַן. גאָלדע איז שטאָלץ, זי איז אָבער גוט. אַז איר וועט זי בעטן פאַר מיר, וועט זי מיר מוחל זײַן. זאָגט איר, אַז יִצחָק־אַבֿרהָם איז געווען פאַרפירט, ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען צו שעצן, ער האָט געמיינט, אַזוי ווי א סך אַנדערע, אַז א ווײַב איז נישט אַזאַ גרויס יאָנטעוו, מען האָט מיט איר זיך נישט וואָס צו צערעמאָניען. זאָגט איר, אַז יִצחָק־אַבֿרהָם האָט פאַרן טויט אָנגעהויבן זי *עמעס* ליב צו האָבן. ערשט דענסטמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו פילן, אַז א ווײַב מיט מײַלעס איז א טײַערע זאַך, טײַערער פון דימענטן און בריליאַנטן א סך...

20

דאָ, רעבע, האָט איר אײַך אינגאנצן מײַן צוואָע.

פון מײַן גרויס פארמעגן און אשירעס, וואָס איך לאָז איבער, וויל איך, אז מען זאָל אזוי טאָן.

מײַן ווײַב זאָל מען מעסאלעק זײַן איר קסובע מיט דער טויספעס־קסובע, וואָס זי האָט פאָרמאלנע פון מיר ארויסגענומען. דאָס גאנצע צירונג לאָז זי זיך אויך נעמען און גײן געזונטערהייט. זי וועט דאָך מיסטאָמע אלײן נישט וועלן בלײַבן אין הויז, און זיך אוואדע אײַלן כאסענע האָבן. זי וואקסט דאָך פון אזא הויז, וואָס דאָרט לאָזט מען בסולעס אָדער אלמאָנעס נישט לאנג זיצן אָן שידוכים...

גאָלדע זאָל נעמען אזויפיל וויפל מײַן איצטיקע ווײַב, נאָר אקעגן דעם צירונג זאָל מען איר דערלייגן מיט געלט. דאָס הויז, וואָס איך זיץ אליין, זאָל געהערן מײַן עלטערן זון, דעם בכאָר, וואָס איך האָב געהאט מיט גאָלדען.

און ווײַטער, פון מײַן מעזומען קאפיטאל באדארף ער נעמען א גלײַכן כײלעק מיט מײַנע צוויי יינגלעך פונעם צווייטן ווײַב. בעיִם מײַן עלטערער זון איז, כאָלילע, נישטאָ אף דער וועלט, באדארף אים גאָלדע יארשענען.

דאָס גרויסע געמויערטע הויז מײַנס מיט א קאפיטאל פון 85 טויזנט רובל אוילעמעס־געלט לאָז איך איבער אף מיצווע־זאכן אזוי:

אזויווי איך ווייס זייער גוט, אז די ייִדישע טאלמעטוירעס טויגן לאכלוטן גאָרנישט און האָבן נישט קיין שום זין: מען נעמט אָרעמע קינדער און מען פארטרײַבט זיי — גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די רייד! — אין א שטאל, ווו זיי וואלגערן זיך אין מיסט, אין בלאָטע, ווי די קעלבער, מען לערנט מיט זיי דאָרט נישט קיין וואָרט, וואָס מען באדארף, מען מאכט נאָר פון זיי דראבעס, טויגעניכטסן, אומגליקלעכע מענטשן, וואָס טויגן נישט שפּעטער נישט צו גאָט, נישט צו קיין לײַט... און אזויווי איך ווייס ווײַטער, אז די טאל־מעטוירעס קאָסטן נאָך ייִדן זייער פיל געלט, מען רײַסט דערופ פון טויטע אי פון לעבעדיקע, מען נעמט אויך פון דער טאקסע, און דאָס געלט גייט נאָר לעיִבעד, עס פאלט ארײַן שלעכטע מענטשן אין די הענט, זיי האָבן האנאָע — און אָרעמע, נעבעך, לײַדן, זיי טוען קאָל־האפּאסלאָנעס און הייסן נאָך פײַנע מענטשן, גאבאָיִם, באלע־ראכמימס, וואָס פארזאָרגן ייִדישע קינדער און לערנען זיי טוירע...

דעריבער, ביכדיי נישט צולאָזן מער אזעלכע מיִעסע זאכן, גיב איך אוועק מײַן הויז אפּ א טאלמעטוירע פאר אָרעמע קינדער. דאָרט זאָל מען מיט זיי לערנען ווי עס געהער צו זײַן אלצדינג, וואָס איז נייטיק: ייִדיש, רוסיש, שרײַבן און רעכענען. דאָס אלצדינג זאָל זיי שפּעטער צוניצקומען אין דער וועלט קאָשער צו פארדינען זייער ברויט.

דערבײַ זאָל מען דאָרט מאכן א שולע פאר באלמעלאָכעס, ווו מען לערנט אלערליי מינע מעלאָכעס, ביכדיי די לערנייִנגלעך זאָלן, נעבעך, נישט לײַדן פון די שנײַדערקעס, זאָלן נישט באדארפן בא זיי אוועקזײַן א צײַט מיט יאָרן און, נעבעך, טראָגן פּאָמוי־ניצעס. א ראכמאָנעס, כ׳לעבן, פיל יעסוימים, לערנייִנגלעך, בלײַבן דורך דעם קאליקעס, אָן א גאנצ ביינדל, נעבעך, און לעסאָף ערשט הייבן זיי נישט אָן צו קענען די מעלאָכע. די האכנאָסעס פון די קלייטן אין דעם דאָזיקן מויער זאָלן גיין אפּ אויסצוהאלטן די טאלמע־טוירע מיט דער רעמעסליענע (באלמעלאָכישע) שולע.

אײַך, רעבע, און דעם הער גוטמאן מאך איך פאר פירער, מאזשגיכים איבער די דאָזיקע צוויי זאוועדעניעס. דעם גרויסן פליגל אין הויף גיב איך אײַך ביידע אָפּ פאר א דירע, איר זאָלט דאָרט ביידע וווינען מיט אײַערע פאמיליעס, און אײַער געהאלט צום

לעבנ זאָלט איר באקומענ פונ די זיכערע האכנאָסעס. איכ בעט אייַכ, רעבע, אז איר זאָלט לעמאנאשעמ ווי צומ גיכסטנ שיקנ נאָכ דעמ הערנ גוטמאנ קיינ צוויַאטשיטש אונ אָנהייבנ צו טאָנ דערינענ, וואָס איכ פארלאנג דאָ. איר, רעבע, זייַנט א צאדיק, א גוטער, ערלעכער מאנ: א סימענ, איר זייַנט דאָכ א גרויסער עוויענ. ווענ איר זאָלט וועלנ, וואָלט איר דאָכ אויכ געקענט זייַנ רייַכ אונ האָבנ געלט אפ פּראָצענט ווי אנ אנדער דאַיענ. גוטמאנ איז, כ'לעבנ, אויכ א צאדיק, א גוטער, א טייַערער מענטש, כאָטש ער גייט אָנ א היטל אונ צוגעפּוצט די באָרד. ער האָט אייַער טייַערנ כאראקטער. איכ בעט אייַכ, רעבע, האָט אימ ליב. ער אייַכ וועט זיכער ליב האָבנ, וואָרעמ ער האָט ליב אלע מענטשנ. ער איז א ווארעמער ייִד, מיט א ייִדיש הארצ, אונ ער וואָלט פאר ייִדנ זיכ מאקריוו געווענ, אזוי עמעס ליב האָט ער זיי. ער איז נאָר בערויגעז אפּ די צוויאקעס, פארפרומטע נעשאָמעס, וואָס גיבנ זיכ אויס פאר פרומע, קאָשערע ייִדנ, ווייסנ, דאכט זיכ, נישט מער ווי גאָט אונ ציצעס, אונ שטילערהייט טוענ זיי קאָל-האפּאסלאָנעס, פארפירנ די ייִדנ, נעבעכ, אינ דער בלאָטע, אונ טוענ זיי אָנ גרויסע צאָרעס. רעבע, איר וועט שפּעטער אליינ ארויסזענ, וואָס פאר א טייַערער מענטש אונ א ווארעמער, עמעסער ייִד גוטמאנ איז. ער וועט אייַכ שטארק צוניצקומענ אינ די אלע זאכנ, וואָס איכ בעט דאָ אייַכ צו טאָנ.

ווייַטער: די האכנאָסעס פונ דעמ אוילעמעס-געלט זאָלט איר אינייַנעמ מיט גוטמאנענ געברויכנ אפ נאָכ גוטע זאכנ אינ דער שטאָט, וועלכע איר ביידע וועט געפינענ פאר נייטיק.

אויב עס וואָלט א סוואָרע געווענ, אייַנצופירנ אינ דער שטאָט עפּעס אזא מינ כיידער פאר א סאכ קינדער, מיט עמעס גוטע מעלאמדימ אונ לערער, וואָס דאָרט זאָל געלערנט ווערנ געטרייַ ייִדישע לימודימ אונ וועלטלעכע זאכנ; וואָס דאָרט זאָלנ די קינדער זיכ אויסלערנענ צו זייַנ עכטע ייִדנ אונ אויכ נוצלעכע, פארשטענדיקע מענטשנ, — אפ אזא מינ שטאָט־כיידער וואָלט מיר זייער ניכע געווענ, איר זאָלט אלע יאָר געבנ א געוויסע סומע פונ די האכנאָסעס פונעמ אוילעמעס-געלט, נאָר ביטנייַ, אז איר מיט גוטמאנענ זאָלט האָבנ די האזשגאָכע איבער דעמ דאָזיקנ מינ כיידער. איר, רעבע, זאָלט קוקנ אפ די ייִדישע לימודימ, זיי זאָלנ געלערנט ווערנ

פײַנן, מיט א גוטן דרעבל, אקוראט װי עס באדארף צו זײַן, און גוטמאנ, פון זײַן זײַט, זאָל האָבן אן אויג אף די איבעריקע איניאָ־נים אין האסקאָלע־זאכן. איך װײס, אז אזא מין שטאָט־כײדער, װאָס זאָל געפירט װערן דורך אזעלכע מענטשן, װי איר און גוטמאנ, װאָלט פאר ייִדישע קינדער געװען א גליק. נאָר איך װײס אָבער צוריק, אז װײַל טאקע פאר ייִדישע קינדער װאָלט אזא כײדער געװען א גליק, דעריבער װעט עס א סאך מינע מענטשעלעך קלאָל נישט שמעקן. זײ װעלן אקעגן דעם זיך ארויסשטעלן, זײ װעלן ארײַנ־לײגן זײער שמאד־שטיק אין דער ייִרע: קלוימערשט איז אזוינס עפּעס נישט ייִדישלעך, און װעלן זוכן אלע מינע מיטל, אזעלכעס נישט צולאָזן. פונדעסטװעגן, איר, רעבע, זאָלט פון אײַער זײַט פרוּװן טאָן װעגן דעם אלצדינג, װאָס נאָר מעגלעך. אולײַ יעראכעמ, עפּשער װעט גאָט פאָרט ראכמאָנעס האָבן אף ייִדישע קינ־דער, זײ זאָלן קליגער װערן און זען מיט אָפענע אויגן, װער װיל זײער ראָע און װער זײער טויװע, װאָס פאר זײ איז שלעכט און װאָס גוט. איך װיל עס דערװײַז פאר זײ פּרוּװן אף מײַנע אײ־גענע צװײ קינדער. איך װיל און פאָרלאנג עס פונעם גאנצן הארצ, אז איר, רעבע, און גוטמאנ, בײדע זאָלט איר לערנען מיט מײַנע קינדער, איר בײדע זאָלט זײ מאדריך זײַן, ביכדײ זײ זאָלן זײַן ייִדן, נוצלעכע מענטשן, און געפעלן אי גאָט אי לײַט.

די דאָזיקע אלע פּאפּירן מײַנע זאָלט איר, אײדער מען װעט מיר מײַן רעכט טאָן, פּירלײענען די אלע היגע נעגידימ. מיר װעט עס זײַן א קאפּאָרעס־אָװענ און זײ א מוסער.

אויב איך און מײַנע װערטער װעלן נישט װירקן אף זײער לעבן, זײ זאָלן זיך בעסערן און אװעקװארפן זײערע שלעכטע, נאַ־רישע גענג באם לעבן — לעבאָלאפּאָכעס װיל איך זײ אויסלערנען װי צו שטארבן, זײ זאָלן כאָטשע שטארבן װי מענטשן... װיפל נע־גידים איך האָב ביז אהער בא אונדז געקענט, זײַנען ביז דער לעצ־טער מינוט געבליבן דאָס, װאָס זײ זײַנען געװען, און געשטאָרבן אָן סײכל, האָבן טאָמעד אין זײער גאנצן לעבן אינזינען גע־האט נאָר זיך אלײן, נאָר זיך. און באם טויט אפילע נישט קליגער, נישט בעסער געװאָרן. לאָזן זײ הערן מײַנע װערטער, און לאָזן זײ

אפ מיר קוקנדיק זיכ אויסלערנענ כאָטשע שטארבנ, אוועקגיינ פונ דער וועלט ווי מענטשנ....

שטארבט, זאָג איכ אייַכ, נעגידימ, שטארבט, שטארבט ווי מענטשנ !...

מייַנע דאָזיקע פאפירנ זאָלט איר מויכל זייַנ, רעבע, דערנאָכ אָפּצודרוקנ. לאָז די גאנצע וועלט וויסנ, אז מיט רייַכקייַט איז מענ נישט גליקלעכ. גליקלעכ איז מענ נאָר מיט א גוט הארצ אונ מיט מייַסימ־טויווימ. בעסער פארשווארצט צו ווערנ אונ לייַדנ, אבי זייַנ א בראווער, ערלעכער מאנ, איידער צו האָבנ פונ פויגל־מילכ אונ זייַנ א קליינ מענטשעלע.

די דאָזיקע אלע פאפירנ וועט איר מויכל זייַנ געבנ רעב מענדעלע מויכער־ספאָרימ, וואָרעמ ער וויסט שוינ הילכעס־האדפאָסע. אכוצ דעמ פאָרט ער ארומ אינ גאנצ פוילנ, וועט ער עס קענענ אומעטומ אָפּזעצנ. פאר זייַנ טירכע דערבייַ זאָלט איר אימ אָרנטלעכ באצאָלנ. ער איז דאָכ, נעבעכ, אנ אָרעמאנ. איר זאָלט אימ געבנ פונ מייַנע קליידער א פאָר קאפאָטעס, העמדער, זאָקנ, הויזנ אוכדוימע אזעלכע קלייניקייַטנ. לאָז ער, נעבעכ, האָבנ אינ וואָס זיכ אָנצוטאָנ אונ א פאָנעמ האָבנ פאר מענטשנ. לאָז ער, נעבעכ, נישט גיינ אָפּגעריסנ, אָפּגעשליסנ, פארשמירט אונ — איכ בעט אייַכ איבער — פארשטונקענ ווי אלע אנדערע יידישע מויכרע־ספאָרימ.

21

אַז דער ראָוו האָט אָפּגעלייענט אײַנגאַנצן און אַנידערגעלייגט די פּאַפּירן, איז צווישן דעם אוילעם אײַנ שטיבל געוואָרן עפּעס אַ קאָ־כעניש. די נעגידים זײַנען געווען שטאַרק אײַנ קאַס. אַ טייל האָבן געביסן פאַר פאַרדראָס די ליפּן און האָבן געשוויגן. אַ טייל האָבן געזוזשעט ווי די פליגן, און אַ טייל האָבן געזיפצט און גע־ײַקעט.

— האַ, רעב כאָנע! — האָט איינ נאָגיד זיך אָנגערופן און דערבײַ אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן. — וואָס זיפצט איר אַזוי, רעב כאָנע?

— טאַ־טאַ־טאַ! — האָט רעב כאָנע געמאַכט און געשאָקלט מיט דעם קאָפּ — עט, וווּהינ ער איז פאַרקראָכן! הײַנט, גיי גלייב מענטשן. די וועלט איז שוינ, כ׳לעבן, קיינ וועלט נישט... אַזאַ כאַרפּע, אַזאַ בושע! אַ שרעק, ווי איך בינ אַ ייִד!.. עס קומט דאָך שוינ טאַקע הײַנט אויס, רעב בעריש... נו־נו, אַזאַ מײַסע, אַזאַ בושע!..

— איך האָב שוינ אָבער פריִער פאַרשטאַנען, — האָט רעב בעריש געענטפערט, — וווּהינ די קויל פליט. מיר, נאַרן, האָבן נאָך באַדאַרפט זיצן ווי די פערד און וואַרטן ביז די קויל וועט אונדז טרעפן. פאַרוואָס זײַנען מיר נאָך פריִער נישט אַוועקגעגאַנגען? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט: רעב כאָנע, קומט! וואָס זשע זײַט איר דאָ גע-בליבן הערן ביז אינ דעם סאָף אַרײַנ די אַלע שטעכווערטלעך?.. נאָר אָבער צוריקשמועסנדיק, נו, מיילע... אַוואַדע איז עס אַ ביסל נישט גלאַטיק, אַ ביסל טערפּקע, נאָר צוריִקשמועסנדיק אָבער, וואָס

איז אזוינס די מייַסע? עט... מען האָט שוין אזעלכע זאכן געהערט. נישט אזא גרויסע סאקאָנע, כ'לעבן! אוואדע, לעכאטכילע זייַנט איר טאקע גערעכט, ס'איז א ביסל פּריקרע... עס לאָפּטשעט באם הארצ... נאָר בעדיִעוועד איז... עט, כ'לעבן, גאָרנישט!.. א נאר בלייַבט א נאר, און די וועלט בלייַבט א וועלט, טאקע ווי פריִער א וועלט...

— ניין, ניין, רעבע! — האָבן עטלעכע נעגידים געשריגן אפּ א קאָל שטארק אופגעבראכט. — אזעלכס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, מען זאָל נעמען מענטשן און זיי זאָגן אין די אויגן ארייַן אזעלכע מינע זאכענישן!.. וואָס שווייַגט איר, רעב כאָנע? וואָס שווייַגט איר, רעב בעריש, רעב פּייַוויש, רעב אבע?! סטייַטש, סטייַטש, אזעלכע מענטשן, מען זאָל נעמען מענטשן, באָרעכאשעם, אָנגעזעענע, פּייַנע-בעריעס, און מאכן פון זיי מעכילע.... לעמעשקע! ווער האָט אים געבעטן אזוינס צו זאָגן? וואָס געהערן זיך מיט אים אָן אנדערע? אפּ דיר אליין זאָג, שרייַב כאָטש צעזעצטערהייט, אָבער וואָס גייט דיך אָן יענער? מיר זאָגן בעפּיירעש: ניין, ניין! רעב כאָנע, רעב בעריש, רעב פּייַוויש, זאָגט, זאָגט, ניין, ניין! וואָס איז, אין דער קאשע וועלן מיר זיך לאָזן שפּייַען, אין דער קאשע?

— נו, רעב מענדעלע, — האָט דער ראָוו צו מיר געזאָגט אוועקערנדיק זיך מיט א קאלטער מינע פון די נעגידים און זיי געלאָזט שרייַען, — איך בעט אייַך, ערשטנס, רעב מענדעלע, איר זאָלט מיר זאָגן, ווער איז אזוינס בא אייַך אין צוויִאטשיטש דער הער גוטמאן? איז ער טאקע אזא ערלעכער מאן? קענט איר אים?

— רעבע, — האָב איך געענטפערט, — גוטמאן גייט מיט א געפּוצטער באָרד, נאָר אן ערלעכער מאן איז ער טאקע.

— נו, — האָט דער ראָוו געזאָגט, — אבי ער איז אן ערלעכער מאן, ארט מיך נישט זייַן געפּוצטע באָרד. מען זאָגט: בעסער א ייִד אָן א באָרד ווי א באָרד אָן א ייִדן (בא די ווערטער האָט דער ראָוו א קוק געטאָן אפּ עטלעכע פּייַנע-לייַט פון די נעגידים). צווייטנס, בעט איך אייַך, אזויווי איר זייַנט א צוויִאטשיטשער, זאָלט איר טאקע מויכל זייַן פאָרן אין אייַער צוויִאטשיטש, טאקע בעלי-נעדער מאָרגן. איר וועט אָפּגעבן דאָרט דעם הערן גוטמאן מייַן בריוו און אים בעטן, אז ער זאָל לעמאנאשעם גיך קומען אהער צו פאָרן, ביכדיי מיר ביידע זאָלן באלד קענען מעקייַעם זייַן צאוואָאס־

האמעס. און דריטנס, זאָלט איר, ליבער, הארצעדיקער רעב מענ־דעלע, אָפּדרוקן די דאָזיקע אַלע פּאַפּירן אין א באַזונדער סייפערל און עס פארקויפן אין גאנצ פוילן פאר זייער א וואָלוועלן מעקעכ, ביכדיי דער אוילעם זאָל עס מער קויפן. אײַך וועל איך מיסטאָמע גוט באַלוינען.

— קענ[1] מען ארייַנגיין? — האָט פּלוצלים זיך געלאָזט הערן א קאָל און דערבייַ טאקע עטלעכע קלעפּ מיט די פינגער אפ דער צו־געמאכטער טיר. און אז דער ראָוו האָט געענטפערט: נו, נו, ארייַן! איז אין שטיבל ארייַנגעקומען די רעבעצן און די נעכטיקע אומבא־קאנטע שווארצ-כיינעוודיקע ייִדענע מיט די אויגן ווי די קארשן. וויפל מענטשן עס זייַנען געווען אין שטיבל, האָבן בא איר ארייַנקומען געפילט עפּעס א דערעכערעצ, און זייַנען גלייַך אלע מיטאמאָל ווי פארשטומט געוואָרן.

— גוט, כ'לעבן, וואָס איר זייַנט דאָ! — האָט דער ראָוו געזאָגט צו דער ייִדענע און זי געבעטן זיצן. — פריִער א ביסל, א ביסל פריִער ווען איר וואָלט געווען קומען, וואָלט גאָר גוט געווען. איר האָט זיך עפּעס געזאמט, וואָס איז די מייַסע, הא?

— איר ווייסט דאָך, רעבע, — האָט די ייִדענע בינימעסדיק גע־ענטפערט, און טרערן האָבן איר זיך געשטעלט אין די אויגן, — איך האָב דאָך אייַך נעכטן דערציילט מייַן אומגליק, די גרויסע צאָרע, וואָס מיך האָט געטראָפן. די שטאָט האָט אָפּגעגעבן מייַן איינ־ציק קינד, מייַן איין אויג אין קאָפּ. און איך האָב פון אים א לאנגע צייַט שוין נישט געהאט קיין בריוו — אזוי ווי אין וואסער ארייַנ־געפאלן. הייַנט אינדערפרי אין א שמועס מיט מענטשן איז גראָד

1 דער דאָזיקער עפּיזאָד ביז צום סאָף קאפּיטל 21 האָט מענדעלע אין די אויס־גאבעס זייַט 1907 אויסגעמעקט. די טרייַ־אונטערטעניקייַט און דער איבערגעטריבענער פּאט־ריִאָטיזם איז אים שוין דעמלט געווען פרעמד. דאָס קלייַנבירגערטום, וואָס מענדעלע האָט פאָרגעשטעלט, האָט זיך שוין דעמלט געהאט אנטוישט אין די גליקן, וואָס קאָנען קו־מען פון צאריזם. פון דער טיפ־רעאקציאָנערער טרייַ־אונטערטעניקייַט איז מענדעלע צו יענער צייַט שוין לאנג אוועק צום נישט ווייניקער רעאקציאָנערן נאציאָנאליזם, וואָס האָט אין זייַן אידעאָלאָגיע פארנומען דאָס אָרט פון זייַן פריִערדיקן פּאטריִאָטיזם.

דאָס דאָזיקע בילד האָט מענדעלע געשריבן, האָבנדיק אינזינען דאָס געזעצ וועגן אלגעמיינעם מיליטער־פליכט (1874), פאר וועלכן מענדעלע האָט אפ פארשיידענע אויפא־נים אגיטירט.

צו רייד געקומענ, אז איינער עפעס א היגער יידישער סאָלדאט איז צוריקגעקומענ פונ דער קרימ, פונעמ אָרט, וואָס דאָרט איז ערשט געווענ די גרויסע שרעקלעכע מילכאָמע. מײַנ הארצ האָט מיר עפעס געזאָגט, איכ זאָל מיכ זענ מיט דעמ דאָזיקנ סאָלדאט. ביז איכ האָב מיכ צו אימ דערפרעגט, ווו ער זיצט, איז אוועק א היפשע צײַט. גאָט האָט געהאָלפנ, איכ האָב אימ לעסאָפ אופגעזוכט. אז איכ האָב אימ בעויסעס-אומויפסימ געפרעגט אפ מײַנ זונ, אויסגעמאָלט זײַנ געשטאלט אונ אימ אָנגערופנ באמ נאָמענ, האָט דער סאָלדאט אויסגעשטעלט אפ מיר א פאָר אויגנ אונ געבליבנ ווי צעמישט. דערנאָכ האָט ער זיכ אָנגערופנ מיט א זיפצ:

— אויב אזוי, קענ איכ אײַער זונ. דאָס הארצ טוט מיר ווײ אָנצוזאָגנ אײַכ נישט קיינ פריילעכע בסורע. אײַער זונ, אײַער זונ איז, נעבעכ, פארוואונדעט. ער האָט באקומענ א גרויסע ראנע. איכ מיט נאָכ צוויי סאָלדאטנ האָבנ מיר אימ געפונענ פאָכנדיק מיט דער נעשאָמע אפנ פרײַענ פעלד צווישנ געפאלענע, דערהארגעטע סאָלדאטנ, נעבעכ. קוימ וואָס ער האָט געזשיפעט. אז מיר האָבנ נעענטער צוגעלייגט צו אימ די אויערנ, האָבנ מיר דערהערט פונ אימ עפעס א פארדומפט קאָל גאנצ שטיל: אכ, עס ברענט, עס ברענט... גוואלד, א ביסל, כאָטש א טרער וואסער, אונ אז מיר האָבנ אימ אינ מויל ארײַנגעגאָסנ א ביסל וואסער אינגאנצנ וויפל בא אונדז האָט דענסטמאָל זיכ געפונענ, האָט ער אופגעעפנט די אויגנ, אונדז שארפ אָנגעקוקט, זיכ אָנגעטאָנ א קויעכ אונ מיט אלע קרעפטנ ארויסגעלאָזט א געשריי: „שמא יִסראָעל! זא צאריא אי זא אָטעטשעסטוואָ!“ (פאר דעמ קייסער אונ פאר דעמ פאָטערלאנד). — הורא! האָבנ מיר אלע א געשריי געטאָנ אונ אימ אופגעהויבנ פונ דער פײַכטער, פארבלוטיקטער ערד. די אויגנ האָבנ אימ באלד ווידער זיכ צוגעמאכט. ער איז געווענ שטארק פארדולט, דאָס פאָנעמ טויט, בלייכ ווי די וואנט אונ אײַנגעשמירט מיט פארבאקנ בלוט. מיר האָבנ אימ געטראָגנ אפ די הענט אונ געבראכט אינ לאזארעט ארײַנ. דאָרט ליגט ער איצט שטארק קראנק, אָפגעשוואכט, נעבעכ. פאר מײַנ אוועקגאנג אהער בינ איכ צו אימ ארײַנ. איכ האָב געפועלט, מענ זאָל מיכ צו אימ צולאָזנ, זענ, וואָס ער מאכט. מײַנ הארצ האָט עפעס צו אימ געצויגנ. ער איז א פײַנער, בראווער יונגערמאנ. זײַנ נאטשאלסטווע איז בא־

ווּסט, ווי ער איז בעשאַס מילכאָמע געגאַנגען אין פייער, שטאַרק באַהאַרצט, און זיך געשלאָגן ווי אַ לייב. צוויי מאָל האָט ער אָפּגע-שלאָגן באַם סוינע אונדזער פענדל און דערהאַלטן דערמיט דעם קאָ-ווער פון זיין פאָלק. באַם געזעגענען זיך מיט אים האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם אַדרעס פון זיין מוטער, און מיט הייסע טרערן אַף די אויגן מיך געבעטן, בעיִמ עס וועט אוועקגיין אַ היפּשע צייט און פון אים וועט נישט זיין קיין שום ידיִעה, זאָל איך מודיִע זיין דער מוטער אַלצדינג, וואָס מיט אים האָט זיך פּאַסירט. לאָז זי, בידנע, נעבעך, כאָטש וויסן, ווו איר קינדס געביינער איז אַהינגע-קומען, לאָז זי כאָטש וויסן, ווי עמעס געטריי איר זון האָט ביז דער לעצטער מינוט זי געליבט. יאָ, ער האָט מיר נאָך דערביי מיטגעגעבן זיין פּאָרטרעטל, וואָס ער האָט אויספּייעט פאַר דער מילכאָמע באַ אַ פאָטאָגראַף פון זיך אַראָפּצונעמען, מיט דער באַקאָשע, איך זאָל עס דער מוטער זיינער איבערגעבן. אָט האָט איר עס...

— אָך ווי איז דער מאמע! — האָט די ייִדענע, נעבעך, צום סאָף זיך צעוויינט. — אָך ווי איז דער מאמע, ווי און ווינד!..

די רעבעצן האָט, אַף דער ייִדענעס קוקנדיק, זיך אויך צעוויינט. אין שטיבל איז געוואָרן אַ כאַשכעס. אַף איטלעכן איז אָנגעפאַלן אַ מאָרעשכוירע. עס האָט זיך געגלוסט עפּעס וויינען. דער ראָוו האָט אַ היפּשע צייט געשוויגן. מען האָט געזען, אַז ער גייט פּאַשעט אויס פאַר גרויס אגמעסנעפעש.

דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט די טרייסט-ווערטער:

— גענוג, כ'לעבן, אַזוי צו וויינען! גאָט קען העלפן, אייער קינד זאָל נאָך געזונט זיין! אוואדע איז אייַך, נעבעך, נישט גוט. נאָר וואָס קען מען מאַכן? מען באַדאַרף נאָר נישט פאַרלירן דעם ביטאָכן. זעט איר, ראַבויסיי, — האָט דער ראָוו זיך געווענדט צום אוילעם, — די דאָזיקע ייִדענע מיט אַזאַ געבראָכן געמיט, נעבעך, דאָס איז....

— צדקה תציל ממות[1]! — האָט פּלוצלים זיך געלאָזט הערן פון-דרויסן אַ מעשונע-טרויערדיק קאָל. דער ראָוו האָט נישט אויסגעפירט זיינע רייד, זיך געלאָזט געשווינד אַרויסלויפן פונעם שטיבל און גע-בעטן אַלע, וואָס זיינען דאָ געווען, זיי זאָלן אים נאָכגיין.

1 צדאָקאָ טאַציל מימאָוועס.

אינדרויסן איז געווען זייער א גרויסע איידע מענטשן. ס'איז געווען אזוי ענג, א שפּילקע אפילו נישט דורכצוווארפן. אז איך האָב מיך צום לעצטן קוים מיט צאָרעס דורכגעשטופּט צווישן אזא אוילעם, האָב איך דערהערט דעם ראָווס קאָל, ווי ער זאָגט עפּעס שטייענדיק לעבן דער מיטע און בעט די שווארצכיינעוודיקע אום־באקאנטע יידענע אין דעם נאָמען פונעם מעס, זי זאָל אים מויכל זיין. די יידענע איז וויינענדיק צוגעפאלן מיט דעם קאָפּ צו דער מיטע און אויסגעוויינט איר שווער, ביטער הארץ.

— ראבויסיי! — האָט דער ראָוו זיך אָנגערופן צו אונדז אלע — די דאָזיקע יידענע מיט אזא ביטער געמיט, נעבעך, דאָס איז יִיצכאָק־אוורהאָמס פריערדיקע ווייב — גאָלדע!....

22

צוריקומענדיק צום בעסמעדרעש, האָב איך געטראָפֿן מײַן פֿערדל, נעבעך, אין זײער א שלעכטער לאגע. װײַסע־כעװרע, קונדײסים, האָבן אים אױסגעריסן קימאַט אַלע סטרונעס, איבערגעלאָזט אים עפשער נאָר אקעגן א פֿערציק. עסן האָט ער געהאט מאקעס, ער איז געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעהאַנגענע אונטערשטע ליפּ, געקוקט אין בײַדל אַף די ספאָרים און געטראַכט. װאָס א פֿערד טראַכט קוקנ־דיק אין ספאָרים — דאָס איז נישט פֿאַר אונדזער מױעך צו פֿאַר־שטײן. איך װײס נישט מער, מײַנער קוקט און טראַכט, לאָז זיך זײַן כאָטש פֿערדיש, אָבער אַלץ א קוק איז דאָך עס פּאָרט... נישט דאָס בין איך אױסן.

— נו, כאָכעם מײַנער! — האָב איך פֿרײַנטלעך געזאָגט און אָנ־גענומען מײַן שלימעזאַלניק בא דער טשאָפּרינע. — דיר קומט הײַנט א סאַך האָבער. דו האָסט טאַקע געטאָן א גרױסע כאָכמע, װאָס דו האָסט מיך געפֿירט קײן גלופּסק. דו האָסט מיט דײַן כאָכמע געבראַכט א גרױסן נוצן אי מיר אי דער ליטעראַטור. דו װײסט, פֿערד, װאָס דו האָסט געטאָן? װאָס פֿאַר א שײנעם כיבער מיר איז אָציַנד באַשערט דער װעלט אַרױסצוגעבן, נאָר צוליב דיר טאַקע, צוליב דײַן מױעך, װאָס האָט גראָד א נעם געטאָן גלופּסק? פֿון הײַנט אָן פֿיר דו מיך, כאָכעם מײַנער, איך לאָז אָפּ די לײצן און לײג פֿאַר דיר אװעק די בײַטש!

אַף מאָרגן האָב איך מיך גרײט געמאַכט מיט אַלע נײטיקע זאַכן און בין אַװעקגעפֿאָרן קײן צװיִאַטשיטש.

ארויספאָרנדיק פון גלופסק, נישט ווײַט פון דער ראָגאטקע, איז אונטערגעפאָרן א פאָטשט מיט דרײַ פערד ווי די לייבן. אין וועגעלע איז געזעסן א ייִדענע, וואָס איך האָב זי באלד אפּ דער רעגע דערקענט. אז איך האָב זי א פרעג געגעבן: זײַט זשע מויכל, גאָלדע, זאָגט, וווהין איר פאָרט? איז די פאָטשט ווי א פײַל אויסן בויגן אוועקגעפלויגן און צו מײַנע אויערן איז צווישן די פארטראָגענע קוילעס פארנעם גלעקל דערגאנגען נאָר דאָס איינציקע וואָרט: — קרים.

אהיים אז איך בין געקומען, האָב איך מיך דערוווּסט אין שטאָט, אז גוטמאן איז ארויסגעפאָרן פון צוויִאטשיטש, און מען ווייסט נישט, ווו ערגעץ ער געפינט זיך הײַנט.

איך האָב מיך געאײַלט גיכער אָפּצודרוקן דעם דאָזיקן סייפער און בין דאָ מודיִע: אז ווער פון אײַך, ראַבויסײַ, וועט זיך באגעגענען ערגעץ מיט הערן גוטמאן, אָדער ווער פון אײַך ווייסט, ווו ערגעץ ער געפינט זיך, זאָל ער מויכל זײַן טייקעף־אומיִאד טאקע אים צו מעלדן, אז ער זאָל לעמאנאשעם אולעמאנאשעם ווי צום גיכסטן קומען קיין גלופסק. טאָמער האָט ער נישט אפּ הויצאָעס, זאָל ער כאָטש פארזעצן א מאשקן, נישקאָשע, און קומען. וואָרעם דער ראָוו דאָרט קוקט אפּ אים ארויס, זיי זאָלן ביידע אײַנפירן א באַרימטע טאלמעטוירע מיט א באלמעלאָכישער שקאָלע, אקוראט ווי מען באדארף, און מעסאקן זײַן דאָרט נאָך א סאך אנדערע גוטע זאכן.

ייִסראָעל בניי-ראכמאָנים! האָט ראכמאָנעס און טוט עס צוליב אָרעמע ייִדישע קינדער!...

באמערקונגען

באמערקונגענ צו „מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי"

די ראָליע פונ די פאנטאסטישע ריטער־ראָמאנענ, וואָס פונ זיי שעפט סערוואנטע־סעס דאָנ קיכאָט „קאָנקרעטנ" מאטעריאל פאר זײַנ צעדרייטנ וועלט־בילד, שפּילנ בא ביניאָמינענ אינ מענדעלעס „מאסאָעס" די פארשיידענע מיטלעלטערלעכע העברייִשע אָדער יִידיש־איבערגעזעצטע רײַזע־באשרײַבונגענ, פאנטאס־טישע ביכער וועגנ געאָגראפיע, ווו ס'געפינענ זיכ אויכ מעשוגעדיק פארקריפלטע לעגענדארישע יעדיִעס וועגנ זאָאָלאָגיע, באָטאניק, עטנאָגראפיע אאוו. אינ פארלויפ פונ זײַנע נעסיִעס אונ פונ זייער באשרײַבונג ציטירט אויכ ביניאָמינ (פונקט ווי דאָנ קיכאָט די ריטער־ראָמאנענ) די דאָזיקע ביכער, פונ וועלכע ער האלט, אז זיי זײַנענ א פארגלויביקטער בעסטער וועגווײַזער פאר אלע זײַנע טריט. פונקט ווי דאָנ קיכאָט, האָט אויכ ביניאָמינ צו קעמפנ קעגנ אויסגעטראכטע מעניִעס, אונ איז לאכ־לוטנ בלינד בענעגייע די עמעסע געפארנ, וואָס לאָקערנ אפ אימ. ביידע אָריענטירנ זיכ אפ פאנטאסטישע אויסטראכטענישנ, פאנטאזירנ אפ דער וואָר אונ פאלנ ארײַנ אינ די קאָמישסטע אונ שווערסטע סיטואציעס.

צו דער פאָלקסטימלעכער מיטלעלטערלעכער ליטעראטור, וואָס האָט געשפּײַזט ביניאָמינ דעמ דריטנ מיט נײַסטע אונ ווייטיקסטע יעדיִעס פאר זײַנ גרויסער נעסיִע, געהער אויכ די אזויגערופענע „רײַזע־באשרײַבונג פונ ביניאָמינ פונ טודעלא". דער דאָזיקער ביניאָמינ פונ טודעלא איז דאָס, לויט מענדעלעס מיינ, ביניאָמינ דער ע ר ש ט ע ר. מענדעלעס „מאסאָעס" איז קלוימערשט נאָכגעמאכט לויטנ סטיל פונ די דאָזיקע „מסעות בנימין מטודלה".

ביניאָמינ פונ טודעלא (אינ קאנט נאווארא, שפּאניע), א באוווסטער יִידישער וועלט־רײַזנדער אינ XII יאָרהונדערט, האָט זײַנ רײַזע־באשרײַבונג ניט אליינ גע־שריבנ. אנ אנאָנימער שרײַבער האָט זי צונויפגעשטעלט לויט נאָטיצנ, וואָס ביניאָמינ פונ טודעלא האָט זיכ געמאכט אינ פארלויפ פונ זײַנע (מיסטאמע סאָכרישע) נעסיִעס אונ האָט זיי געבראכט אינ יאָר 1173 קיינ קאסטיליע. זײַנ נעסיִע האָט געדויערט 13

יאָר, 1160—1173, זײַנ מארשרוט איז געווענ: סאראגאָסא, בארסעלאָנא, מאָנפּעליע, איטאליע, גריכנלאנד, קאָנסטאנטינאָפּאָל, סיריע, פּאלעסטינע, מעסאָפּאָטאמיע, באגדאד — אונ צוריק: כוזיסטאנ, אינדישער אָקעאנ, יעמענ, עגיפּטנ, סיציליע, שפּאניע. ביניאָמינ פונ טודעלא איז, ווי פאר יענער צײַט, געווענ א גענוג געבילדעטער מענטש, האָט געהאט אינטערעס אונ פארשטענדעניש פאר א סאך זאכנ, וואָס ער האָט אפּ זײַנע נעסיִעס געזענ, אונ אויך א באשטימטנ פארשטאנד פאר געשיכטע. דעריבער האָט זײַנ בוכ א געוויסנ ווערט אלס היסטאָרישער קוואלנ־מאטעריאל פאר דער דעמאלטיקער פּאָליטישער געאָגראפיע, פאר די דעמאלטיקע האנדלס־וועגנ, עקאָנאָמיק, פּאָליטיק אונ קולטור, באזונדערס פאר דער געשיכטע פונ די ייִדנ אינ יענער צײַט; פאר „ביניאָמינ דעמ דריטנ" זײַנענ אָבער די דאָזיקע קוואלנ פונ XII יאָרהונדערט — די סאמע נײַסטע נײַס, דער פארלאָזלעכסטער פירער אפּ זײַנ ווײַטנ וועג!

ביניאָמינ פונ טודעלאס רײַזע־באשרײַבונג ווערט דורכנ אנאָנימענ שרײַבער געפירט אינ נאָמענ פונ ביניאָמינ. נאָכמאכנדיק דעמ דאָזיקנ נוסעכ, שרײַבט אויך מענדעלע אינ „מאסאָעס": אָמאר ביניאָמינ — זאָגט ביניאָמינ אאוו. די דאָזיקע „מאסאָעס" פונ ביניאָמינ „דעמ ערשטנ" זײַנענ צומ ערשטנ מאָל געדרוקט געוואָרנ אינ קאָנסטאנטינאָפּאָל, אינ יאָר 1543. א ייִדישע איבערזעצונג איז צומ ערשטנ מאָל געדרוקט געוואָרנ אינ אמסטערדאמ 1691: „דיזי זײַן דיא רײַזי פון רבי בנימין טודעלענס רופא, וועלכי ער דורך די דרייא עקין פון דען עולם געמאכט האט". א לאטײַנישע אויסגאבע איז צומ ערשטנ מאָל דערשינענ 1575 אינ אנטווערפּנ. העברעיִשע אויסגאבעס אינ XIX יאָרהונדערט: אינ לעמבערג 1859, ווארשע 1884 אאוו.

דאָס איז, הייסט דאָס, געווענ ביניאָמינ דער ע ר ש ט ע ר.

ביניאָמינ דער צווייטער, וועלכנ מענדעלע דערמאָנט אינ זײַנ האקדאָמע צו „מאסאָעס" (זע אויבנ ז. 77), איז אויכ געווענ א ייִדישער וועלט־רײַזנדער, וואָס האָט אינגעמענ געהייסנ יאָסעפ ייִזראעל (געב. 1818 אינ פּאָלטיטשעני, מאָלדאוויע, געשט. 1864 אינ לאָנדאָנ). אורשפּרינגלעכ א הענדלער מיט אלטע זאכנ, האָט ער אָבער באוויזנ א נייגונג צו נעסיִעס, ער האָט זיכ געקליבנ אופזוכנ די פאנטאסטיש־לעגענדארישע קלוימערשט פארלאָרענע „צענ ייִדישע שוואָטימ". פונ גרויס פארערונג צו ביניאָמינ פונ טודעלא, האָט ער אָנגענומענ זײַנ נאָמענ אונ האָט זיכ אָנגערופנ „ביניאָמינ דער צווייטער". דער מארשרוט פונ זײַנ וועלט־רײַזע איז געווענ: 1844 וויִנ, 1845 קאָנסטאנטינאָפּאָל, א ריי שטעט פונ מיטללענדישנ יאמ, 1847 — 1850 אלעקסאנדריע, דורכ קײראָ קיינ פּאלעסטינע, פונדאָנענ ווײַטער אפּ מיזרעכ, סיריע, באבילאָניע, קורדיסטאנ, פּערסיע, אינדיע, קאבול, אפגאניסטאנ, 1851 צוריק קיינ וויִנ. דערנאָכ האָט ער געמאכט א ריי נעסיִעס קיינ אפריקע. 1856 האָט ער ארויסגעגעבנ זײַנ בוכ „פינפ יאָר אפנ מיזרעכ" (העברעיִש, דערנאָכ איבערגעזעצט אפּ פראנצויזיש, אונ אינ א ברייטערער אויסגאבע אפּ דײַטש). דײַטשע געלערנטע אונ וועלטרײַזנדע (פּ. הומבאָלדט, קײַזערלינג אא.) האָבנ דעמ דאָזיקנ בוכ געלויבט. 1859 האָט ייִזראעל געמאכט א נעסיִע קיינ אמעריקע אונ האָט זי באשריבנ אינ א בוכ. 1864 איז ער געשטאָרבנ, קימאט א בעטלער, אינ לאָנדאָנ.

פונ דעמ טאראראמ, וואָס די כאָכמאס־האיאהאדוסדיקע זשורנאלנ האָבנ געמאכט וועגנ

די אופטוענ פונעמ דאָזיקנ ביניאָמינ II, כויזעקט דאָס מענדעלע איינ זײַנ האקדאָמע צו זײַנע „מאסאָעס״.

מענדעלעס ביניאָמינ האָט זיכ אַלס פּאָרזעצער פונ דער ביניאָמינישער רײַזע־טראַדיציע אָנגערופנ ב י נ י אָ מ י נ ד ע ר ד ר י ט ע ר.

וועגנ די איבעריקע ביכער, וואָס האָבנ באַ אונדזער ביניאָמינ דעמ דריטנ געשפּילט די זעלבע ראָליע ווי באַ דאָנ־קיכאָטנ די ריטער־ראָמאַנענ, דאַרפ מענ אָט וואָס זאָגנ:

1. ראַבע באַר באַר כאָנעס רײַזע־מײַסעס זײַנענ פאַנטאַסטיש־קאָמישע, לעגענדאַריש־גוזמעדיקע (א לא מינכהאַוזענ) אַנעקדאָטישע מײַסעלעכ, וואָס ווערנ אינעמ טאַלמוד דערציילט אינ נאָמענ פונ ראַבע באַר באַר כאָנע.

2. די פאַנטאַסטישע אויסגעטראַכטע רײַזע־באַריכטנ פונ עלדאָד האַדאָני (א רײַזנדער, אַוואַנטיוריסט אונ שווינדלער פונ IX יאָרהונדערט) זײַנענ דערשינענ אַפ העברעיִש 1448 אינ מאַנטואַ, 1516, 1519 אינ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אינ פראַנצויזישער שפּראַכ 1838 אינ פּאַריז. אינ ייִדישער איבערזעצונג: 1769 אינ פירט (דײַטשלאַנד), 1849 ווילנע. אינ רוסישער שפּראַכ: 1841 ספּ״ב.

3. „שבחי ירושלים״ (שוואָכע יערושאָלאַיִמ) — א קלעריקאַלישע פאַנטאַסטיש־לעגענדאַרישע געשיכטע אונ טאָפּאָגראַפיע פונ יערושאָלאַיִמ, ווו ס׳ווערט דערציילט אויכ וועגנ פאַרשיידענע שטעט אונ קוואָרימ פונ באַרימטע לײַט אינ פּאַלעסטינע, וועגנ פאַרשיידענע „וווּנדער״, אויסטערלישקײַטנ אאַוו. אינעמ דאָזיקנ בוכ ווערט אויכ געבראַכט די באַשרײַבונג פונ איינעמ א רײַזנדנס א נעסיִע אינ יאָר 1520—1521 פונ ווענעציע קיינ פּאַלעסטינע מיט קאָלערליי פאַנטאַסטישע יעדיִעס. אונ צומ סאָפ אויסצוגנ פונ ביניאָמינ טודעלאַס רײַזע־באַשרײַבונג. דאָס דאָזיקע בוכ איז א קאָמפּיליאַציע פונ דעמ פאַרלעגער יאַקאָב קאַצ באַרוכ, אונ איז צומ ערשטנ מאָל אַרויס אינ ליוואָרנאָ (איטאַליע) 1785. שפּעטער איז עס א סאַכ מאָל איבערגעדרוקט געוואָרנ: לעמבערג 1799, ווילנע 1817 אאַוו.

4. „צל העולם״ (צייל האָוילאָמ) פונ מאַטאַטיא דעלאַקרוט — א פּוילישער געלערנטער ייִד פונ XVI יאָרהונדערט, וואָס האָט אינ דער יוגנט אויסגעוואַנדערט קיינ איטאַליע אונ האָט שטודירט אינ באָלאָניער אוניווערסיטעט סכאָלאַסטישע פילאָסאָפיע אונ מיסטיק. דעלאַקרוט האָט פאַרפאַסט פאַרשיידענע קאָמענטאַריעס צו העברעיִשע איבערזעצונגענ פונ נאַטורוויסנשאַפטלעכע ווערק. „צל העולם״ איז א העברעיִשע איבעראַרבעטונג פונ גאָסועגס (Gossouin) קאָסמאָגראַפיע: Livre de clergie אָדער L’image du monde. די דאָזיקע העברעיִשע איבעראַרבעטונג איז צומ ערשטנ מאָל דערשינענ אינ אַמסטערדאַמ 1763, אונ איז שפּעטער א סאַכ מאָל איבערגעדרוקט געוואָרנ.

אזא אונ ענלעכע ליטעראַטור מיט פאַרשיידענע, נאָכ מער פאַרקריפּלענדיקע צוגאָבנ, זײַנענ עס אינ „בעסטנ פאַל״ (אינ ערגסטנ — זײַנענ עס געווענ אויסשליסלעכ די ביבל, דער טאַלמוד, מעדראָשימ אונ מיטלעלטערלעכע מוסער־ספאָרימ) געווענ די

קוואלן, פונוואנען די שטעטלדיקע מאסן פון יענער צײַט האָבן געשעפּט קאָנקרעטע יעדיעס און מאטעריאלן פאר זייער וועלט־אָנשויונג. אויב מענדעלע האָט א שטיק צײַט געהאט איבערגעטריבענע האָפענונגען אף די רעזולטאטן, וואָס קאָנען קומען פון (בלויזער) בילדונג־פּראָפּאגאנדע — איז אָבער דאָס דאָזיקע אונטערשטרײַכן דעם ווערט פון דער בילדונג פארן קאמף קעגן דער מיטלעלטערלעכער אָפּגעשטאנענקײַט, פאר דער אויסבילדונג פון א נײַעם בירגערלעכן באוווסטזײַן, פאָרט געווען א דורכויס אקטועלער, א זייער פּראָגרעסיווער אופטו. מענדעלעס שילדערונג פון ביניאָמינס „ערודיציע" האָט געדארפט דינען דעם דאָזיקן ווערטפולן פונקט פון זײַן מאסקילישער פּראָגראם.

די ערשטע קאפּיטלען פון „מאסאָעס" (ביז די ווערטער: „פירט זיי אויס", ז. 108 פון אונדזער אויסגאבע, שורע 8, אונטן) זײַנען צום ערשטן מאָל דערשינען אין „דער ניטצלעכער קאלענדאר פאר דיא רוסישע יודען", זשיטאָמיר 1876. מענדעלע זאָגט דאָרט צו א ווײַטערדיקע פּאָרזעצונג פון דער דערציילונג: — „זײַט מיר געזונט, ראבויסים! לאָמיר לאָזן דערווײַל אונדזערע פארשויגענע גייַן זייער וועג, אײַנקורצן וועל איך אײַך ווײַטער דערציילן די מײַסע, ווי איך בין א ייִד! ווי מײַן נאָמען איז מענדעלע מוכער־ספאָרים!".

אלס א גאנצע בוך איז „מאסאָעס" צום ערשטן מאָל דערשינען אין יאָר 1878, אין ווילנע. די קאפּיטלען, וואָס זײַנען שוין פריִער אין יאָר 1876 דערשינען, ווערן אין דער אויסגאבע פון 1878 איבערגעכאזערט אָן שום ענדערונגען, אכוץ עטלעכע זאצן אין דער האקדאָמע וועגן די „סבאָרשטשיקעס" (זע אונדזער אויסגאבע, ז. 76, אונטערן טעקסט, ווו מיר ברענגען דעם דאָזיקן וואריאנט). מע דארף פארצייכענען, אז אפן טיטל־בלאט פון דער דאָזיקער ערשטער בוך־אויסגאבע זײַנען געדרוקט די ווערטער: „ספר ראשון", דה. „ערשטער בוך". דאָס באטײַט, אז מענדעלע האָט אמאָל, לעפּאָכעס נאָך אין יאָר 1878, אין זינען געהאט פאָרצוזעצן די מאסאָעס־דערציילונג און צו באריכטן וועגן דעם ווײַטערדיקן גורל פון ביניאָמין און סענדערל, נאָכדעם ווי זיי זײַנען פרײַ געוואָרן פון דער קאזארמע.

1904 איז דערשינען אין ווילנע א פּינקטלעכער איבערדרוק פון דער 1878־ער אויסגאבע אָן שום ענדערונגען.

פאר דער יובילעום־אויסגאבע (די ערשטע זיבעצן בענדער 1911 — 1913) האָט מענדעלע די „מאסאָעס" אפּסנײַ איבערעדאגירט, אָבער קיין באדײַטנדיקע ענדערונגען האָט ער ניט ארײַנגעפירט.

די שפּעטערדיקע אויסגאבעס פון „מאסאָעס" אין אויסלאנד זײַנען איבערגעדרוקט לויט דער יובילעום־אויסגאבע.

די סאָוועטישע אויסגאבע פון 1930 מיט כ' י. נוסינאָווס ארײַנפיר ברענגט דעם טעקסט לויט דער יובילעום־אויסגאבע אכוץ אייניקע קליינע צוגאָבן לויט דער אויסגאבע פון 1878.

פון די איבערזעצונגען וועלן מיר פאָלגנדיקע דערמאָנען. 1885 — 1886 (איבער־

געדרוקט 1899) האָט דער פּוילישער שרײַבער קלעמענס יונאָשא (שאַניאַווסקי) פאַרעפנטלעכט אַ עטוואָס געקירצטע איבערזעצונג (צום טייל בלויז איבערדערציילונג) פון „מאַסאָעס“ מענדעלעס טיטל מיט אין זײַן אַווטאָביאָגראַפיע «Donkiszot Zydowski», (אין „ספר זכרון“), אַז באַלד נאָכן דערשײַנען פון דער פּוילישער איבערזעצונג איז לויט איר געמאַכט געוואָרן און דערשינען אַ טשעכישע איבערזעצונג. די רוסישע איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין 1899 יאָר אין קאַזאַן, איז איבערגעזעצט געוואָרן פון דער פּוילישער דורך ו. פּ. באָרדזיטש (אין די לעצטע יאָרן איז אין אַ פּריוואַטן פאַרלאַג, „פּוטשינאַ“, אין ראָסטאָוו־אויפן־דאָן, דערשינען אַ נײַע רוסישע איבערזעצונג פון „מאַסאָעס“ לויט יונאָשאַס פּוילישער איבערזעצונג). 1934 איז אין מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע דערשינען אַ נײַע אוקראַיִנישע איבערזעצונג מיט איליוסטראַציעס. אין יאָר 1896 האָט מענדעלע פאַרעפנטלעכט אין די העברעיִשע זאַמלביכער „פּרדס“, בוך 3, אַלס בײַלאַגע, אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון „מאַסאָעס“. אינעם איבערדרוק פון דער דאָזיקער העברעיִשער איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין דער העברעיִשער אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק, בד. II, 1911, אָדעס, איז צום סאָף פאַראַן אַ קלײנער צוגאָב, וואָס מיר װעלן װײַטער (ז. 384) ברענגען אין אַ יידישער איבערזעצונג. אַ דײַטשע איבערזעצונג האָט זיך צוריק מיט עטלעכע יאָר געגרייט, סע פעלן אונדז אָבער ידיעות, צי זי איז דערשינען.

אונדזער אויסגאַבע פון „מאַסאָעס“ ברענגען מיר לויט דער אויסגאַבע פון 1878, און אָט איבער וואָסערע סיבעס:

אין אַלגעמײן האָט מענדעלע אין דער יובילײ־אויסגאַבע פון „מאַסאָעס“ קײן װעזנטלעכע ענדערונגען ניט אַרײַנגעטראָגן (זע וועגן דעם כ׳ י. נוסינאָוו אַרבעט: „פון בוך צו בוך“, מינסקער „צײַטשריפט“, 1928, בד. II—III, זז. 427 און ווײַטער, זע אויך אונדזער אַרײַנפיר, אויבן ז. 41). די דיפערענצן באַשטײען פון דרײַערלײ מינים: 1) אין דער יובילײ־אויסגאַבע זײַנען עטלעכע זאַצן פון דער 1878־ער אויסגאַבע אויסגעמעקט, עטלעכע נײַע זײַנען צוגעגעבן, און עטלעכע לײַכט געענדערט געוואָרן; 2) אַ רײ ניט־וועזנטלעכע סטיליסטישע לעקסישע און גראַמאַטיקאַלישע ענדערונגען; 3) ענדערונגען אין דער קאַפּיטל־נומעראַציע, אין דער טײלונג פון די אָפּזאַצן און אין דער אינטערפּונקטואַציע.

די וויכטיקסטע דיפערענצן זײַנען די פון פּונקט 1. ווי קלײן זײ זאָלן ניט זײַן, ווײַזן זײ אָבער אָן אויף די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין מענדעלעס אידעאָלאָגיע, און אויף דער ווירקונג, וואָס די דאָזיקע ענדערונגען האָבן געהאַט אויף מענדעלעס סטיל (פון סטיליזירנדיקער פּאַראָדיסטישקײט — צו ערנסט געמײנטער סטיליזאַציע). אַז״, לעמאָשל, איז אין דער יובילײ־אויסגעפאַלן דאָס פּאַראָדיסטיש סטיליזירטע טיטלבלאַט: „קיצער מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי, דאָס הײסט, די נעסיִע, אָדער אַ רײַזע־באַשרײַבונג פון ביניאָמין דעם דריטן, וואָס ער איז אויף זײַנע נעסיִעס פאַרגאַנגען“... אַאַוו. סע הײסט דאָרט פּאָשעט: „מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי“, מער גאָרניט. און קלאָר פאַרוואָס. דעמלט איז שוין מענדעלע זײער ווײַט אַוועק פון זײַנע פּאַראָדיזירנדיקע קאַוואָנעס. דאָס, וואָס איז פריִער געווען אַן אָנשטעל, דאַרף שוין

איצט זײַנ „נאציִאָנאלער סטיל“. איצט זײַנעג שוינ מענדעלענ ניט ניכע די צו בוילעט פאראַדיסטישע ערטער אפילע אינ זײַנע פריִערדיקע ווערק, מעקט ער זיי אויס. ארויסגעבנדיק מענדעלעס „מאסאָעס“, זײַנענ מיר אָבער לאכלוטנ ניט מעכויעוו נאָכצוגײנ נאָכ די ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ דער אידעאָלאָגיע פונ שפּעטנ מענדעלע. מיר האָבנ גראָד א באזונדערנ אינטערעס אינ יענע מאָמענטנ פונ מענדעלעס עלטערנ סטיל, וואָס אנטשפּרעכנ צו זײַנ געזעלשאפט־קריטישער אָנצילונג, וואָס זײַנענ געווענדט קעגנ דער פעאָדאלישער אָפּגעשטאנענקײט.

אנ אנדער בײַשפּיל: אינ דער יובילײ־אויסגאבע האָט מענדעלע אויסגעמעקט פאָלגנדיקע זאצנ, וואָס געפינענ זיכ אינ דער האקדאָמע פונ דער 1878־ער אויסגאבע (זע אויבנ ז. 75—76): „...אונ מיקאָלשעקיינ נאָכ מער די פײַנע־מענטשעלעכ, שיינע־יִדעלעכ, זיי האָבנ דאָכ בעוואדע לעכאָלאפּאָכעס א מייע קיטעס מאלאָכימ, וואָס שלאָגנ איטלעכנ פונ זיי באזונדער אונ זאָגנ אשטייגער אזוי: כײַקעלע, טײַערע נעשאָמע, גיי.אנטלײַגעלט וויפל דו קענסט. גיי, גיי נעמ אָנ דאָרט בא די דײַטשנ סכוירע וויפל דו ווילסט! שפּראָצ, וואקס, כײַקעלע, קריכ ארויס, שקאָצ איינער, פונ דער בלאָטע! גיי, גיי, גיי גאנווע שטילערהייט ארויס די גאנצע סכוירע דײַנע, פונ דײַנ קלייט טאקע, אונ ענטפער דערנאָכ דעמ אוילעמ קוימעמיעס... גיי, גיי, איציקל קאָלבויניק, זײַ זיכ מאטריעכ צו דײַנ פּאָרעצל, מאכ עפּעס א מאניפארגעלע, אונ רוימ אימ דאָרט אײַנ אינ אויער עפּעס א פּיזמענ אפ דעמ, אפ יענעמ אונ אפ ווועמענ דו ווילכט...“

דער בירגערלעכער אופקלערער ווענדט זיכ מיט די ווערטער קעגנ דעמ אָפּגעשטאנענ־שווינדלערישנ שטעטלדיקנ האנדל־שטייגער מיט פּיקטיווע גנייוועס, מיט באנקראָטנ בא די „דײַטשנ“, וואָס גיבנ סכוירע אפ קרעדיט, קעגנ די פעאָדאלישע מאיאָפּעסניקעס אונ מאָסרימ באמ פּאָרעצ אאוו. דאָס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר מענדעלעס דעמלטיקע אָנטוויונגענ. אינ דער יובילײ־אויסגאבע מעקט ער אויס די דאָזיקע סאטירישע ערטער, וואָס קלינגענ איצט אינ זײַנע אויערנ אלס א צו שארפער אָנגריפ, ווי א „רעכילעס אפנ יִדישנ פאָלק“, אונ שטעלט אָנשטאָט דעמ ארײַנ א זאצ, וואָס אנטהאלט בלויז בלאסע סטאמ־שטראָפווערטער קעגנ דער אינערטישקײט פונ די שטעטלדיקע יִדנ. דערבײַ גיט ער, דער אמאָליקער מאסקל, אזוי זיכ, גאנצ דערעכ־אגעוו, א שטאָכ ניט בלויז די כאסידימ, נאָר אויכ די מאסקילימ... „קיינ נאר כאפּט זיכ פריִער פונ איטלעכנ נישט ארויס מיט א וואָרט בא אונדז, קיינ שויטע ווערט נישט קיינ באל־אייצע, קיינ אמאָרעצ — קיינ כאָסיד, קיינ גראָבער יונג — א מאסקל, ביזוואנענ עס שלאָגט נישט איטלעכנ פונ זיי זײַנ מאלעכ, נויטנדיק אימ דערצו...“

אָדער: די האקדאָמע אינ דער אויסגאבע פונ 1878 לאָזט זיכ צומ סאָפּ אויס, אנטשפּרעכנדיק צומ פאראָדיסטישנ נוסעכ, מיט א פערסיפלאזש אפ דעמ באנאל־פאָלקלאָרישנ „סטיל“ פונ א באשטימטנ מינ אומגעלומפערט־נארישער טכינעדיק־באדכאָנישער קלאָמערשט „פאָלקסטימלעכער“ ליטעראטור:

ביזכוס דער נעסיִע לאָמיר גיכ אינ אלע זײַטנ זיכ ווענדנ אונ קערנ,
איטלעכער קעפּי זײַנ גאנב אונ קעפּי זײַנ באגערנ,
אונ ווענ כאָלילע איינער באגייט עפּעס א פעלער,

לאָז ער זיך אויסדרייען גלאַט ווי אַפּ אַ טעלער,
און בלײַבן טאָמיד גוט און פרום אי גערעכט,
אַזוי ווי עס ווינטשט אײַך אײַער געטרײַער קנעכט.
האַקאָטן מענדעלע מויכער־ספאָרים.

דאָס דאָזיקע שטיקל דירעקטע פּאַראָדיע איז שוין מענדעלען אין דער צײַט פון דער יובילײ־אויסגאַבע ניט געווען צום האַרצן. ס'איז געשמאַנען אין אַ צו בוילעטער סטירע צו זײַנע איצטיקע סטיליזיר־טענדענצן. סע וואָלט אָפּן און דײַטלעך דעשיפרירט די פּאַראָדיסטישקײַט פון גאַנצן בוך. האָט ער דאָס דעריבער אויסגעמעקט.

דאָס אייגענע דאַרף מען זאָגן אויך וועגן אַ היפּשן טייל אַנדערע קירצונגען. לעמאָשל: די קירצונג פון דעם „דרינגענדיש” אַפּ ז. 13 פון דער 1878־ער אויסגאַבע (זז. 15—16 יובילײ־אויסגאַבע) באַטײַט, אַז דער כויזעק אַפּ דעם טאַלמודיש־סכאָלאַס־טישן פּילפּול, וואָס ווערט דאָ פּאַראָדירט, איז אים שוין ניט מער ניכע. דעם זאַץ אַפּ ז. 13 אין דער 1878־ער אויסגאַבע: „אײַ, בינימאָמין? וואָס טוט מען מיט בינימאָמינען? טייקו! בלײַבט אַ קאַשע” פאַריכט מענדעלע אין דער יובילײ־אויסגאַבע (ז. 16): „אײַ, בינימאָמין? מיילע בע...” ווײַל „טייקו! בלײַבט אַ קאַשע” איז אַ קאַנאָנישע טאַלמודישע פאָרמולע, פון וועלכער מענדעלע וויל איצט שוין ניט אָפּכויזעקן.

אָדער: אינעם זאַץ ז. 29 פון דער אויסגאַבע אין יאָר 1878: „ער פאַרלאָזט זײַן פּאָטערלאַנד, ער וואַרפט אוועק ווײַב און קינדער און גייט אין גאָטס שליכעס” מעקט מענדעלע אויס פאַר דער יובילײ־אויסגאַבע דאָס וואָרט „גאָט”: — אין דעם כויזעקדיקן קאָנטעקסט איז אים דאָס דערמאָנען גאָטס נאָמען אויסגעקומען צו פריוואָל. מענדעלע כויזעקט אַפּ ז. 65 (אויסג. 1878) פון די אישעס־צנועס טרײַנע און טאָלצע, וואָס וואַרטן אַפּ מאָשיִעכן, פּאַקטיש כויזעקט ער דאָ בִיכלאַל פונעם וואַרטעניש אַפּ מאָ־שיִעכן: „...דאָרט וועט איר געפינען אײַער גלײַכן. דאָרטן וואַרטן אַפּ אײַך אײַערע טאָלצעס, אײַערע טרײַנעס, און טויזנטער ערלעכע ייִדן, קאָשערע נעשאָמעס”. אין דער יובילײ־אויסגאַבע פעלט „טויזנטער ערלעכע ייִדן”. מענדעלע וויל שוין דעמלט ניט מער, אַז זײַן כויזעק זאָל זיך באַציִען אַפּ „טויזנטער ערלעכע ייִדן”. אאַוו. אאַוו. (דה. פ ר ו מ ע)

וואָס שײַעך די אַלע דאָזיקע אויסגעמעקטע ערטער האַלטן מיר, אַז פאַר אונדז איז גראָד אינטערעסאַנט זיי זאָלן יאָ בלײַבן, ווײַל זיי זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר מענ־דעלעס אופקלערישקײַט אין די 60־ער און 70־ער יאָרן. גיין אין דעם פּראַט נאָך דער יובילײ־אויסגאַבע וואָלט באַטײַט אויסמעקן כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם א י י ג נ ט ל ע כ נ מענדעלע. דאָס איז די וויכטיקסטע סיבע, פאַרוואָס מיר ברענגען אין אונדזער אויסגאַבע דעם טעקסט פון 1878.

דאָס דאָזיקע צענטראַלע געזעלשאַפט־קריטישע ווערק מענדעלעס האָט געדאַרפט אָפּגעהיט ווערן אין יענער פאָרם, וואָס איז אַמכאַראַקטעריסטישסטן פאַרן אינהאַלט, לויט דער רעדאַקציע פון יענעם פּעריאָד, אין וועלכן מענדעלע האָט געלעבט מיט די אָנשויונגען, וואָס קומען אין דעם בוך צום אויסדרוק.

דער צווייטער מין דיפערענצן צווישן דער 1878־ער און דער יובילײ־אויסגאַבע,

די סטיליסטישע, לעקסישע און גראמאטיקאלישע ענדערונגען, גייען אפ דער ליניע פון פארשארפטן שפראכלעכן פוריזם. מענדעלע באמיט זיך איצט ווי ווײַט מעגלעך צו באזײַטיקן און אויסצוואָרצלען די סלאוויזמען און רוסיציזמען, אלציינס ווי פּאָפּולער און פארשפרייט זיי זאָלן צווישן די מאסן ניט זײַן. די שעפע פון סלאוויזמען און רוסיציזמען איז א זייער כאראקטעריסטישער שטריך פון זײַן פריִקן סטיל (זע באזונדערס אין „דאָס קליינע מענטשעלע"). דאָס האָט טיף אנטשפּראָכן צו זײַנע דעמלטיקע אָנשוייונגען, דאָס איז געווען ענג פארבונדן מיטן אינהאלט פון זײַן שאפן אין די 60־ער און 70־ער יאָרן. מענדעלע האָט געוואָלט ריידן צו די מאסן, דעריבער האָט ער זיך גענומען שרײַבן יִדיש, דעריבער האָט ער באנוצט אזויפיל סלאוויזמען און רוסיציזמען, וויפל ס'איז פאר יענער צײַט נייטיק געווען, קעדיי זײַנע רייד זאָלן זײַן צוטריטלעך פאר די ברייטסטע מאסן. פארן שפּעטן מענדעלע, וואָס האָט זיך שוין אין א באדײַטנדיקער מאָס אָריענטירט אפ גאָר אן אנדערן לייענער, איז דאָ שוין די ברייטסטע צוטריטלעכקײַט ניט מער געווען אזוי וויכטיק, דערפאר אָבער איז פאר אים, אנטשפּרעכנדיק צו זײַן נאציאָנאליסטישן קער, שוין וויכטיק געוואָרן די „נ א צ י אָ נ א ל ע ריינקײַט" פון דער שפראך.

אויב מיר זײַנען אויסן צו געבן די עכטע „מאסאָעס", יענעם טעקסט, וואָס היט אָפּ מענדעלעס אײַנשטעלונג אין דער אורשפּרינגלעכער, ניט געמינערטער, ניט אָפּגעשוואכטער סאטירישער קראפט און געשטאלט, מוזן מיר דאָס דאָזיקע ווערק ברענגען לויט דער אויסגאבע פון 1878, מיט אלע יענע שפּעטער אויסגעמעקטע ערטער, וואָס באטאָנען דעם פּאראָדיסטישן כאראקטער פונעם בוך, מיט אלע אורשפּרינגלעכע—אגעוו דורכויס אָרגאנישע — סלאוויזמען און רוסיציזמען. מיר טאָרן אויך דאָ בעשומויפן ניט נאָכטאנצן נאָך די פּוריסטיש־עסטעטיציסטישע, קלאָמערשט אָביעקטיוו־וויסנשאפטלעכע (קלאָמערשט מוז דער טעקסט פון א קלאסיקער שטענדיק געבראכט ווערן לויט זײַן לעצטן ווארי‌אנט!) פּרינציפּן און געשמאקן פון דער בורזשואזער קריטיק. פארשטייט זיך, אין באשטימטע פאלן זײַנען די סטיליסטישע ענדערונגען אין דער יובילײ־אויסגאבע געווען א רעזולטאט פון מענדעלעס פארפולקומטער שפּראך־געניטקײַט, א רעזולטאט אויך פון די פאָרשריטן, וואָס די שפּראך־אנטוויקלונג און די ליטעראטור האָבן געמאכט אין מעשעך פון די יאָרצענדליקער צווישן דער 1878־ער און דער יובילײ־אויסגאבע. דער דאָזיקער טייל אויסבעסערונגען איז באזונדערס אין „מאסאָעס" זייער א קליינער און אפילע פון א ריין פאָרמאל־עסטעטיציסטישן שטאנדפּונקט דורכויס ניט וועזנטלעך. אָבער אפילע ווען זיי וואָלטן געווען צאָלרײַכער און באדײַטנדיקער, וואָלטן זיי ניט געקאָנט איבערוועגן די ארגומענטן, וואָס מיר האָבן געבראכט לעטויוועס דער אויסגאבע פון יאָר 1878. —

וואָס שײַעך דעם דריטן מין דיפערענצן צווישן ביידע אויסגאבעס: ענדערונגען אין דער קאפּיטל־נומעראציע, אין דער טיילונג פון אָפּזאצן און אין דער אינטערפּונקטואציע — האָבן מיר זיך אין די דאָזיקע פראָטים יאָ אָריִענטירט אפ דעם טעקסט פון דער יובילײ־אויסגאבע, ווײַל דאָס רירט לאכלוטן ניט אָן דעם כאראקטער פונעם ווערק, ס'ברענגט אָבער ארײַן אינעם טעקסט א גרעסערע אָרדענונג און קלאָרקײַט.

אינ דער האקדאָמע צו „מאסאָעס" האָט מענדעלע, דערעכאגעוו, אינ צוזאמענהאנג מיט זײַנ אָפשפּאָטערישער טענדענצ אפ דער מאָשיִעכ־וואַרטעניש, אָפגעכויזעקט אויכ פונעמ כאָכמאס־האיההאדוסדיקנ זוכנ די „פארלוירענע צענ יִדישע שוואָטימ", לעמאָשל, אינ צאָפנ־אפריקע בא די נעגרישע טראָגלאָדיטנ (הײלנ־באַוווינער), אינ אביסיניע, אינ אינדיע, כינע, יעמענ, קורצ אומעטומ, ווו סע לאָזט זיכ נאָר. מענדעלע האָט אָפגעכויזעקט פונ דער דאָזיקער זוכעניש, וואָס איז אינ טאָכ א מאָדיפיקאציע פונ מאָשיִעכיזמ אונ וואָס זוכט א באשטעטיקונג פאר דער נאציִאָנאליסטישער אל־יִדישקײַט.

ס'איז אינטערעסאנט, אז ווענ מענדעלע האָט אינ יאָר 1911 (אינ דער העברעיִשער אויסגאבע פונ זײַנע ווערק, בד. II) איבערגעדרוקט זײַנ העברעיִשע איבערזעצונג פונ „מא־ סאָ עס", האָט ער צומ סאָפ פונעמ בוכ[1] צוגעגעבנ א קלײנעמ צוגאָב, גע־ האלטנ אינעמ גײַסט פונעמ אורשפּרינגלעכנ טעקסט, אונ דירעקט פארבונדנ מיטנ אָפשפּאָט אפנ זוכנ די „אסערעס־האשוואָטימ" אונ סאָפּקאָלסאָפּ טאקע אויכ אפ דער גאנצער פרומער כאָכמאס־האיאהאדוסדיקער פאָרשונג — פונקט אזוי ווי אינ דער אלטער האקדאָמע צו „מאסאָעס". אזא צומאָליק אופבליצנ פונ זײַנע פריִערדיקע טענדענצנ קאָנ מענ באמ שפּעטנ מענדעלע אָפט טרעפנ (זע אונדזער ארײַנ־ פיר). דעמ דאָזיקנ קלײנעמ צוגאָב מענדעלעס וועלנ מיר דאָ ברענגענ אינ א יִדישער איבערזעצונג.

דערצו דארפנ מיר אָט־וואָס באמערקנ. זײַט דעמ סאָפ XIX יאָרהונדערט האָט זיכ, אונטער דער ווירקונג פונ די פארשײדענע נאציִאָנאליסטישע שטרעמונגענ, אינ די קרײַזנ פונ דער בורזשואזער יִדישער אינטעליגענצ פארשטארקט דער אינ־ טערעס פאר די פארשײדענע „פארלוירענע טײלנ פונ יִדישנ פאָלק" אינ אזיע, אפריקע אאוו. גראָד 1910 לעמאָשל, קורצ פארנ דערשײַנענ פונ מענדעלעס צוגאָב צו די „מאסאָעס", איז ארויס זשאק פײַטלאָוויטשעס בוכ וועגנ די אביסינישע פא־ לאשאס (א יודאיִזירנדיקער שײוועט אינ אביסיניע — דעמלט אנ ערעכ 50 טויזנט נעפאשעס, — וואָס האָט אָבער אכוצ די יודאיִסטישע עלעמענטנ אינ דער רעליגיע קײנ שומ שײַכעס ניט צו יִדנ, אויכ ניט אינ פראט פונ ראסע). דער דאָזיקער בוכ וועגנ די קלאָמערשטע „פארלוירענע צווײַגלעכ פונ יִדישנ פאָלק" האָט ארויס־ גערופנ א באשטימטנ טאראראמ אינ די יאהודישע קרײַזנ אינ מײַרעוו־אײראָפּע אונ אויכ צווישנ די פארשײדנערלײ קלעריקאלע אונ ציִעניסטישע קרײַזנ אינ מיזרעכ־ אײראָפּע. ס'האָבנ זיכ דעמלט געגרינדעט קאָמיטעטנ אפ צו דערנעענטערנ די פאלא־ שאס צו די יִדנ, אפ ארויסצושיקנ א נײַע עקספּעדיציע אאוו. אינ דער זעלבער צײַט האָבנ זיכ די געלערנטע פונ דער כאָכמאס האיאהאדוס שטארק גענומענ אינטערעסירנ מיט די כינעזישע „יִדנ" פונ קאָכינכינא, מיט „יִדנ"־טראָגלאָדיטנ אינ צאָפנ־אפריקע אאוו. — אפ די דאָזיקע אונ ענלעכע פאקטנ פונ פריִער גיט דאָס מענדעלע אנ אָנצוהערעניש אינ זײַנ נײַעמ צוגאָב צו „מאסאָעס". ס'האָט זיכ דאָ אינ אימ אָפגערופנ דער אלטער מענדעלע, וואָס קאָנ ניט פארלײַדנ די דאָזיקע

---

1 כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, אודיסא, תרע"א (1911), בד. II, ז. 164.

אומגעלומפערטע ראָמאַנטיק, דעם טומלדיקן אינטערעס פאַר עפּעס „ייִדן״ פון אונטער די האָריי־כוישעך, בייס סע דאַרבן און פוילן אין טיפער אָפּגעשטאַנעקייט און אָרעמקייט ברייטסטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, גאָר ניט ערגעץ ווײַט, נאָר האַרט אונטער דער נאָז.

אין דעם דאָזיקן אינטערעס זעט ער א נײַ־באַטלאָנישע מאָדיפיקאַציע פון ביניאָ־מין דעם דריטנס זוכענישן — און שרײַבט צו צו זײַן מײַסטער־ווערק א נײַ שטיקל פאַמפלעט, וואָס טרעפט מיט פעסטע, זיכערע קלעפּ ניט בלויז די „פאָרשונגען״ פון די קאָלערליי כאַכמיי־האַיאַהאַדוס און קלעריקאַלע וויסנשאַפטלער פון יענער צײַט, נאָר אַפ פאָרויס אויך די גרויסאַרטיקע „איבערמאָדערנע״ באַטלאָנעס, וואָס ווערט פּראָדוצירט צוליב גאָטס נאָמען און אַדאַנק די קאָלערליי ציִעניסטישע פושקעס פון רעב מייער באַלאַנעס — אין דער יערושאָלאַיִמער „אוניבערסיטה״, און פון פאַרשיידענע אַנדערע אוינעג־שאַבעסדיקע געלערנטע אין „די לענדער פונעם גאָלעס״.

מענדעלעס צוגאָב צו „מאַסאָעס״ פון יאָר 1911 [1] איבערגעזעצט פון העברייִש:

„זאָל זײַן באַוווּסט און באַקאַנט

זאָגט מענדעלע מויכער־ספאָרים: ווי איך האַלט מיר אַזוי אין דרוקן מײַנע מײַסעס וועגן די נעסיִעס פון ביניאָמין דעם דריטן, וואָס דערווײַל האָב איך פון זיי אַרויסגעבראַכט, מיט גאָטס הילף, דעם דאָזיקן טייל, וואָס ליגט פאַר אײַך, ראַבויסײַ, האָבן די צײַטונגען געבראַכט די יעדיִע, אַז אונדזער ביניאָמין דער פאָרער קלײַבט זיך איצט א צווייט מאָל, אין דער שפּיץ פון א גרופּע פאָרשונג־פאָרערס, אין די ווײַטע לענדער און אינדזלען אַפ יענער זײַט האָריי־כוישעך, ווו ער איז שוין איין מאָל געווען. די מײַסע דערפון איז אַזוי:

דער קאָל פון א נײַעם בוך הערט זיך אין לאַגער פון ייִסראָעל — „ספר דרישת כבוד חכמי התורה״ („א בוך, וואָס נעמט זיך אָן פאַרן קאָוועד פון די טוירע־גע־לערנטע״ — מ. וו.), אַרויסגעגעבן דורך די ריין־פאַרשטאַנדיקע טוערס דאָ אין דער הייליקער שטאָט יערושאָלאַיִם — אין יאָר תרנ״ח [2] לפ״ק (לויט דער קליינער יאָרן־ציי־לונג — מ. וו.). די דאָזיקע טוערס זאָגן אָן און טוען צו וויסן: „האַקאָדעש באָרוכ־הו (דה. גאָט — מ. וו.) האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם קוואַלן־אויסגאַנג פונעם טײַך סאַמבאַטיען (וואָס ער איז דאָס דאָך א באַוווּסטער, אַז שאַבעס איז פון גאָט, אַזוי ווי אונדזערע לערערס זאָגן) און דער דאָזיקער טײַערער טײַך איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אָט־אָ פאַר אונדזערע אויגן... איז טאַקע קעדײַ זיך אין דער דאָזי־קער זאַך ניט צו פוילן... נאָר זיך צוצוײַלן און צו ברענגען א פּאָרטל, אַז די

---

1 מענדעלע האָט אָפּאָנעם דעם צוגאָב אָנגעשריבן פריִער איידער ער איז אין יאָר 1911 געדרוקט געוואָרן. וואַרשײַנלעך קורץ נאָך 1898. אין „אגדות הקדמונים״ („לעגענדעס פון פאַרצײַטנס״) פאַרופט זיך מענדעלע (1902) אַפּ פאַקטן, וואָס ווערן דערציילט אין דעם דאָזיקן צוגאָב.

2 דער בוך, פון וועלכן מענדעלע האָט דאָ אָפּגעכויזעקט, איז טאַקע טאַטזעכ־לעך דערשינען אין יערושאָלאַיִם אין יאָר 1898.

אזעספּענעמער זאָלנ זיכ ניט מער דערוועגנ גרינג צו שאַצנ, כאָלילע, די ווערטער פונ די כאַכאָמימ (רעליגיעזע אווטאָריטעטנ — מ. וו.)... דעריבער האָבנ מיר געגרינדעט א כעוורע מיטנ נאָמענ „פּארטיידיקערס פונעמ קאָוועד פונ די טוירע־געלערנטע" אפּ צו מאכנ די נעסיִע אהינ אונ צוריק... אונ מיר בעטנ פונ אלע, וואָס דער קאָוועד פונ גאָט אונ דער קאָוועד פונ זײַנע כאַכאָמימ איז זיי ציטעריק, אז זיי זאָלנ אונדז העלפנ אונ זאָלנ זיכ באטייליקנ מיט אונדז אינ אונדזער כעוורע אָדער אלס פאָרערס, אָדער אלס מיטהעלפערס פונ דער נעסיִע, יעדער לויט וויפל זײַנ הארצ וועט באוויליקנ צו געבנ... דער איניִענ פאָדערט גרויסע הויצאָעס אפּ צו דערלאנגענ מאטאָנעס אונ אפּ געבעט (דה. אפּ כאבאר פאר פארשיידענע באאמטע — מ. וו.)... אפּ צו באצאָלנ בילעטנ... אונ שפּײַז אפנ וועג... אפּ צוצוגרייטנ, אז מיר זאָלנ האָבנ די מעגלעכקייט צו דאוונענ ווי געוויינלעכ די טפילעס אונ אויכ די וועג־טפילעס יעדנ טאָג מיט א מיניענ מענטשנ... פונ די פאָרערס, וואָס דארפנ דעריבער פאָרנ צענ אירע איניינעמ".

ביניאָמינ האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיכ געפעדערט אונ גענומענ סענדערל די ייִדענע, זײַנ טאלעס אונ טפילנ, זײַנ שטעקנ אונ זײַנ קלומעקל, אונ האָט זיכ באהעפט צו יענע בעקאָוועדע טוערס, די ריינ־פארשטאנדיקע. אונ איצט פירט ער זיי ווי א פערד אינ דער שרעקלעכער מידבער, וואָס איז פול מיט עגדעשנ אונ פיפערנאָטערס אונ טיראנענ פונ די פעלקער ווי פרישטא יואנ אונ קאָפּר אל טורכ. אונ איכ בענטש אימ פונ טיפסטנ הארצנ: זאָל גאָט באגליקנ זײַנ וועג, אונ זאָל אימ אונדז אומערנ בעשאָלעמ. אונ איכ וועל זיכ באמיִענ צו וויסנ טונ צווישנ אלע ייִדנ אוי־ די מײַסעס פונ זײַנ צווייטער נעסיִע".

אינ זײַנ פאראָדיע „אגדות הקדמונים" („לעגענדעס פונ פארצײַטנס"), וואָס איז אָפּגעדרוקט אינ דער זאמלונג „אחיאסף" פונ יאָר 1902, זז. 145—147, גיט מענדעלע א צונאָג א ו י ס פ י ר ל ע כ צו דערציילנ וועגנ די וווּנדערבארע פּאסירונגענ, געשעענישנ אונ רעזולטאטנ פונ דער דאָזיקער צ ו ו י י ט ע ר נעסיִע ביניאָמינס צו די רויטע ייִדעלעכ איניינעמ מיט די אויבנ דערמאָנטע „ריינ־פארשטאנדיקע טוערס" פונ ירושאָלאַיִמ. דערווײַל באנוגנט זיכ מענדעלע בלויז מיט א קורצנ באריכט אינ דער פאָרמ פונ אנ אוראלטער לעגענדע פונ אנ אגאָדע, וואָס ביניאָמינ האָט מיטגעבראכט פונ די רויטע ייִדעלעכ. די דאָזיקע לעגענדע איז קלאָמערשט אוראלט, זי אנטהאלט אָבער נעוויִעסנ אפּ דער צוקונפט, דעריבער ווערט אינ איר שוינ פאָרויסגעזענ דאָס אָנקומענ ביניאָמינס צו די רויטע ייִדעלעכ. ווי געוויינלעכ אלטע לעגענדעס אונ דאָקומענטנ זײַנענ די דאָזיקע אגאָדעס פארהוילנ אונ אומפארשטענדלעכ, צומ טייל פארגרײַזט, די פארשיידענע טיילנ דורכגעוואָרפנ, דער אָנהייב אינ דער מיט אאוו. דאָס אלצ קלײַבט זיכ מענדעלע, קלאָמערשט, קאָרעגירנ, אויסטײַטשנ, אויסשטעלנ אפנ ריכטיקנ אָרט. די אלטערטומ־פאָרשערס האָבנ, דערציילט מענדעלע, דאָס שוינ אָפּגעדרוקט אפּ דײַטש אונ ענגליש (אָפּשפּאָט אפּ דער „וויסנשאפט פונ ייִדנטומ" אינ די פארשיידענע שפּראכנ) אונ מע האלט דאָס אינ איינ פאָרשנ. דערווײַל אָבער, זאָגט מענדעלע, איידער מע וועט דאָס דורכזיפּנ דורכ דרײַצנ זיפּנ, וויל ער דאָס אָפּדרוקנ אינ העברעיִשנ אָריגינאל בלויז איינמאָל דורכגעזיפּט. ברענגט מענדעלע דעמ קלאָמערשטנ טעקסט פונ אזא

אגאָדע מיט אויספאַריכטונגען, קאָניעקטורן, אויסטײַטשונגען אונטערן טעקסט און מיט אַלע קונצן פון דער אַרכעאָלאָגישער טעקסט־קריטיק. און די דאָזיקע פּאַראַדיסטישע אגאָדע אינאיינעם מיט די אויסטײַטשונגען אַנטהאַלט אייגנטלעך אין זיך דעם באַריכט וועגן ביניאָמינס צווייטער נסיעה.

דער אינהאַלט פון דעם באַריכט איז אינקורצן אַזאַ.

די עקספּעדיציע פון די „ריין־פאַרשטאַנדיקע טוערס" פון ירושלאַיִם, אינאיינעם מיט ביניאָמינען און סענדערל די ייִדענע, איז אָנגעקומען ביז צום טײַך סאַמבאַטיען. אָבער דאָ האָבן שוין די „ריינפאַרשטאַנדיקע טוערס" מוירע געהאַט ווײַטער צו גיין, זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר די אומגעהייערע בערג, פאַר די שרעקלעכע שטורעם־ווינטן, פאַר דער פינצטערניש און פאַרן סאַמבאַטיען, וואָס האָט געפערלעך גערוישט, געטראַסקעט מיט שטיינער אַזוי. זײַנען זיי געבליבן טרויעריק זיצן מיט זייער געפּעק און פונדערווײַטנס געקוקט אויפן סאַמבאַטיען. ביניאָמין האָט זיך אַנידערגעלייגט באַם ברעג פון דעם טײַך, אויפן זאַמד, און אַרײַנגעקוקט אין אַ סייפערל, בײַ סענדערל איז לעבן אים געזעסן און געשיילט קאַרטאָפליעס אויף וועטשערע. פּלוצעם שפּרינגט ביניאָמין אויף ווי אַ לייב און זאָגט מיט באַגײַסטערונג:

„הוישײַנאָ, סענדערל! ווילסט פליִען?

פליִען מיטן קאָפּ אַראָפּ אין טיפער גרוב און ברעכן רוק און לענד, ווילסטו ביניאָמינן? — האָט סענדערל קאַלטבלוטיק געפרעגט און זיך ניט אָפּגעקערט פון די קאַרטאָפליעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שיילן.

— ניין, סענדערל, פליִען צום הימל און העכער.

— מיט בלויזע הענט און פיס?"

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביניאָמין האָט נאָרוואָס אַרויסגעלייענט פון ביניאָמין טודעלאַס רײַזע־באַשרײַבונג, וויאַזוי יאַם־רײַזנדע, וואָס זייער שיף ווערט דורך שטורעם־ווינטן פאַרוואָגלט אין אײַז־יאַם, ראַטעווען זיך אַרויס פון זייער האָפענונגלאָזער לאַגע. זיי קריכן אַרײַן אין אַ פעל פון אַ בהמה און נייען זי פון אינווייניק צו. דערנאָך וואַרפן זיי זיך, אַזוי אין דער פעל, אַנידער אויפן אײַז, קומט טייקעף צו פליִען אַן אָדלער, וואָס ווערט אָנגערופן „גריפוז" (דה. Greif—Гриф), ווײַל ער מיינט, אַז דאָס איז אַ בהמה, פּאַקט די פעל, און פליט מיט איר צו דער טריקעניש, קעדיי זי דאָרט, די קלאָמערשטע בהמה, אויף אַ פעלדז־שפּיץ אויפצופרעסן. מוז דעמלט דער מענטש גיך אויפשנײַדן מיט אַ מעסער די פעל, אַרויסקריכן פון איר און דערהאַרגענען דעם אָדלער. דערנאָך מוז ער גיין און זוכן די ערטער, ווו מענטשן וווינען.

ביניאָמין האָט פאָרגעלייגט דער עקספּעדיציע, אַז זיי זאָלן זיך אַלע אויף אַזאַ מין קונציקן אויפן אַריבערפליִען איבערן טײַך סאַמבאַטיען און איבער די פינצטערע הויכע בערג צו די רויטע ייִדעלעך. האָבן די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע מוירע געהאַט און זיך אָפּגעזאָגט. בלויז ביניאָמין און סענדערל האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און געטאָן אַזוי ווי די פאַרוואָגלטע יאַמען־פאָרערס. קיין בהמהשע פעלן האָבן זיי ניט געהאַט, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט זייערע לעדערנע טשעמאָדאַנעס. טייקעף האָט זיי דער אָדלער גריפוז געפּאַקט, און איז מיט זיי אַריבערגעפלויגן צום לאַנד

פון די רויטע יִדעלעך. ווי נאָר סענדערל איז ארויס פונעם טשעמאָדאַן האָט ער פריִער פאר אלץ אָנגעהויבן שטעלן פיס און ווײַזן די רויטע יִדעלעך א סאָלדאטישן מארשיר, קעדיי זיי זאָלן זען, אז ער פארשטייט אויך א טאָלק אין מילכאָמע־זאכן. דאָ איז זיך אים צוניצגעקומען דאָס, וואָס ער איז אמאָל געווען א רעקרוט. די רויטע יִדעלעך האָבן זיי ביידע גאָר גרויסארטיק אופגענומען, אָנגעשטאָפּט זיי מיט גאָלד און זילבער און טײַערע זאכן. צוריק זײַנען זיי געפלויגן ווי אהינצו. א טייל פון די זאכן, וואָס זיי האָבן געבראכט, זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן דעם בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן, זיי שטייען דאָרט גאָר אויבנאָן, און אלע מענטשן כידעשן זיך אָן אן עק. אזוי לעמאָשל א פלעשל זאמד פונעם סאמבאטיען. א גאנצע וואָך שטורעמט און ברויזט דער זאמד אינעם פלעשל, אָבער שאבעס רוט ער. איז דאָס אן איניען פאר ניט־יִדן, אָבער פאר יִדן האָבן ביניאָמין און סענדערל געבראכט עפּעס בעסערס, פארשיידענע טוירעס און אגאָדעס פון די רויטע יִדעלעך. איינע פון זיי איז דאָס טאקע די דאָזיקע קונציקע פאראָדיע, וואָס אנטהאלט אין זיך (אלס נעוויִע) דעם באריכט, וואָס מיר האָבן נאָרוואָס איבערדערציילט.—

מענדעלע כויזעקט דאָ סײַ פון די ווילד־באטלאָנישע ראבאָנים סײַ פון די כאָכ־מאס־האיאהאדוסניקעס, פון דער נאציִאָנאליסטישער ראָמאנטיק און, אין אָנצוהערעניש, אויך פונעם ציִעניזם. מע מוז דאָ אָבער אויסדריקלעך פעסטשטעלן, אז די ציִעניסטן גרײַפט דאָ מענדעלע אָן פון אן אָרטאָדאָקסיש־קלעריקאלישן שטאנדפּונקט. אין זייער „וועלטלעכן" נאציִאָנאליזם זעט ער א געפאר פאר דער רעליגיע! אזוי מישן זיך בא מענדעלען אין יענעם שפּעטן פעריִאָד פון זײַן שאפן אָרעמע רעשטלעך פון זײַנע אמאָליקע אופקלערערישע טענדענצן (כויזעק פון ראבאָנים, פון נאציִאָנאליסטישער ראָמאנטיק אאוו.) מיט אויסגעשפּראָכענעם קלעריקאליזם.

באמערקונגען צו „דאָס קליינע מענטשעלע״

דעם ערשטן וואַריאַנט, אַזוי צו זאָגן דעם אור־וואַריאַנט פון „דאָס קליינע מענטשעלע״ (1864), ברענגען מיר אין אונדזער אויסגאַבע אינגאַנצן אַלס אַ זעלבשטענדיק ווערק אינעם ערשטן באַנד, אין וועלכן סע ווערן אויפגעזאַמלט אַלע כאַראַקטעריסטישע פרייִקע ווערק מענדעלעס, קעדיי אַזוי־אַרום צו שאַפן אַ קלאָר בילד וועגן זײַנע שרײַבערישע אָנהייבן אין די 60־ער יאָרן. צווישן דעם ערשטן וואַריאַנט פון 1864 און דעם צווייטן פון 1879 איז זייער אַ גרויסער כילעק, דאָס ווערק איז אַפּ מער ווי דרײַ און אַ האַלבן מאָל גרעסער געוואָרן, ס'זײַנען אַרײַנגעפירט געוואָרן אַ היפּשע צאָל וועזנטלעכע נײַע עפּיזאָדן, פונעם אורשפּרינגלעכן זייער אייגנאַרטיקן מײַסע־ביכל (1864) איז ערשט אין דער אויסגאַבע פון 1879 אויסגעבויט געוואָרן אַ ליטעראַריש ווערק. אין פאַרגלײַך מיטן צווייטן איז דער ערשטער וואַריאַנט בלויז אַ פּלאַנירנדיקע סקיצירונג. אַ „דערוואַקסן״ ליטעראַריש ווערק איז „דאָס קליינע מענטשעלע״ ערשט זײַט דער אויפלאַגע פון 1879.

יאָרצענדליקער שפּעטער האָט מענדעלע דאָס ווערק איבערגעאַרבעט אין אַ נײַעם וואַריאַנט, אָבער אין דער אויסגאַבע פון 1879 פאַרמאָגן מיר שוין טאַקע דאָס גאַנצע ווערק, דער שפּעטערדיקער וואַריאַנט טראָגט ניט אַרײַן, טראָץ די זייער צאָלרײַכע ענדערונגען, קיין שום נײַס, און פאַרשמירט אין אַ סאַך פּראָטים ווערטפולע מאָמענטן פון דער 1879־ער אויסגאַבע (ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער אויספירלעך דערקלערן). מיר האַלטן, אַז די אויסגאַבע פון יאָר 1879 איז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר דאָס „קליינע מענטשעלע״. דעריבער דאַרף עס אין דער געזאַמלטער אויסגאַבע, אַנטשפּרעכנדיק צו דער כראָנאָלאָגיע, אומבאַדינגט גיין אײַנייִנעם מיט „מאַסאָעס״ און אומיטלבאַר נאָך דעם דאָזיקן בוך.

„דאָס קליינע מענטשעלע״ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין „קול מבשר״, 1864 — 1865. צום צווייטן מאָל — אין אָדעס, 1865 (צענזור־דערלויבעניש: דעקאַבער 1864).

צום דריטן מאָל — אין ווילנע, 1866 (געדרוקט בא אווראָם יִצכאָק דוואָרזשעץ). די דאָזיקע אויסגאַבע איז ביז איצט פון קיין שום ליטעראַטור־היסטאָריקער ניט באַ־

שריבן געוואָרן. מענדעלע גופא מאכט, דערמאָנענדיק די דאָזיקע דריטע אויסגאבע (איג „ספר הזכרון”) א פרעג־צייכן. וויַינרייַכ („בילדער פונ דער יִדישער ליטעראטור־גע־שיכטע”, ז. 335) שרייַבט וועגנ איר אלפי־טאָעס, אז זי איז דערשינענ איג יאָר 1865, אונ גיט צו צו דער דאָזיקער באהויפּטונג מענדעלעס פרעג־צייכנ. די דאָזיקע אויס־גאבע האָט דעמ פאָרמאט פונ א קליינ זעכצנטל אונ האלט זעכציק זייַטלעכ. דאָס איז א ניט־געענדערטער איבערדרוק פונעמ טעקסט איג „קול מבשר”.

די פערטע אויסגאבע („גאָר אינגאנצנ אפּדאָסנייַ איבערגעארבעט”) איז דערשי־נענ איג יאָר 1879. זי איז דרייַ אונ א האלב מאָל גרעסער פונ די פריִערדיקע אויסגאבעס.

די פינפטע אויסגאבע איז דערשינענ איג ווילנע, 1904. זי איז א מאטריצנ־איבער־דרוק פונ דער 1879־ער אויסגאבע.

די זעקסטע אויסגאבע איז דערשינענ איג אָדעס, 1907 (די ע ר ש ט ע יובילײ־אויסגאבע פונ מענדעלעס ווערק, פונ וועלכער ס'איז דערשינענ בלויז אײנ באנד: „דאָס קליינע מענטשעלע” אונ „פישקע”).

די זיבעטע אויסגאבע: ניו־יאָרק, היברו פּאָבלישינג קאָמפּ., אָנ דער דערלויבעניש אונ קעגנ דעמ ווילנ מענדעלעס.

די אכטע אויסגאבע: 1911, איג דער גרויסער יובילעומ־אויסגאבע פונ מענדעלעס ווערק.

אנ איבערזעצונג אפ רוסיש איז ארויס פונ ד. יאָפּע איג Евр. Ежегодник איג יאָר 1902.

אונדזער אויסגאבע ברענגט דעמ טעקסט פונ „דאָס קליינע מענטשעלע” לויט דער אויסגאבע פונ 1879, דה. לויט דער ע ר ש ט ע ר רעדאקציע פונעמ ג ר ו י ס נ ווארִיאנט.

בא דער צ ו ו ײ ט ע ר רעדאקציע פונעמ ג ר ו י ס נ וואריִאנט (אויסגאבע פונ 1907) האָט מענדעלע ארייַנגעטראָגנ אינעמ ווערק זייער אויספירלעכע ענדערונגענ.

די דאָזיקע ענדערונגענ באשטייענ דעריקער פונ: 1) אנ אויספירלעכער סטיליסטי־שער, גראמאטיקאלישער, לעקסישער איבערארבעטונג; 2) ניט־וועזנטלעכע טעקסטלעכע ענדערונגענ, צוגאָבנ אונ שטרייַכונגענ; 3) א לייַכטער איבערקאָנסטרויִרונג איג דער קאָמפּאָזיציע; 4) איבערגרופּירונגענ פונ פארשיידענע קליינע עפּיזאָדנ, זאצנ אאוו. (מענ־דעלע וואַרפט אָנגעשריבנס ניט גערנ אוועק; זייער אָפט באגעגענענ מיר פּלוצעמ א זאצ, א בילד, א פארגלייַכעניש, דיִאלאָג־שורעס אאוו., וואָס ער האָט פונ אײנ אָרט ארויסגעוואָרפנ אונ איג אנ אנדערנ ווייַטנ טייל פונעמ זעלבנ ווערק אָדער אמאָל אפילע איג אנ אנדער בוכ זייַנעמ ארייַנגעשטעלט; 5) ענדערונגענ איג דער קאפּיטל־נומעראציע, איג דער אייַנטיילונג פונ אָפּזאצנ, איג דער אינטערפּונקטואציע.

די באדייַטנדיקסטע, צאָלרייַכסטע ענדערונגענ צווישנ די צוויי רעדאקציעס פונ גרויסנ וואריִאנט זייַנענ פונ דעמ מינ, וואָס ווערנ כאראקטעריזירט אונטער פּונקט 1: די סטיליסטישע, גראמאטיקאלישע אונ לעקסישע איבערארבעטונגענ. מע קאָנ זיי פעסט־שטעלנ קימאט איג יעדער דריטער—פערטער שורע אונ אמאָל נאָכ אָפטער. פאקטיש איז דאָס דער וועזנטלעכסטער כילעק צווישנ דער אויסגאבע פונ 1879 אונ פונ 1907.

דער אידעאָלאָגישער הויפּט־פּרינציפּ פונ די דאָזיקע ענדערונגענ איז געווענ: שטרענגער שפּראַכלעכער פּוריזמ מיט דער אָריענטאַציע אפּ יִידישלעכנ נאציאָנאליזמ. פארשטייט זיך: די ענדערונגענ ברענגענ אָפּט אויכ טאטזעכלעכע אָביעקטיווע אויסבעסערונגענ, ליטעראטור־שפּראַכלעכע, סטיליסטישע, ס'ווערנ פאריכט מאָמענטנ פונ גראמאטיקאלישער אָדער סינטאַקסישער ניט־לאָגישקייט, א טייל ליאפּסוסנ, איבעריקע לעקסישע רויִקייט און הארבקייטנ. דאָס אויכ. דער הויפּט־פּרינציפּ אינ דער איבערארבעטונג איז דאָ אָבער געווענ (צו דעמ האָט אויכ אינ גרונט אנטשפּראָכנ דער פּראַקטישער רעזולטאט פונ דעמ פּרינציפּ) קלעריקאל־יִידישלעכער נאציאָנאליזמ.

לויט דעמ דאָזיקנ פּרינציפּ האָט מענדעלע אינ דער ערשטער ריי אויסגעוואָרצלט ביז צומ גרונט אלע רוסיציזמענ און אויכ די דורכויס און פונ לאנג איינגעוואקסענע סלאַוויזמענ. ער האָט זיי אָדער „פאריִידישט”, אָדער „פאַרהעברעיִשט”, אָדער אנטשפּרעכנדיק ארומגעשריבנ, אָדער גלאט אויסגעמעקט — ווענ ער האָט פאר זיי ניט געפונענ קיינ פּאסיקנ אדעקוואט לויט זיינ נייעמ פּרינציפּ.

און פארשטענדלעכ פארוואָס: די פריִערדיקע אופקלערערישע טענדענצנ זיינענ שוינ בא מענדעלענ דעמלט, אינ יאָר 1907, לאנג אויסגעוועפּט, זיינ פריִערדיק שטרעבנ צו זיינ צוטריטלעכ פאר די סאמע ברייטסטע מאסנ האָט זיך אָפּגערוקט צומ הינטערגרונט. אינ פאָדערגרונט איז דאָ ארויסגעטראָטנ זיינ שטרעבנ צו שאפנ דעמ „נאציאָנאלנ סטיל”. די עלעמענטנ, וואָס האָבנ זיינ פריִערדיקנ סטיל געמאכט צוטריטלעכ פאר די ברייטסטע מאסנ אפּנ כעזשבנ פונ דער „שפּראַכ־איידלקייט”, האָבנ איצט פּונקט אזוי געמוזט אויסגעוואָרצלט ווערנ ווי יענע אנדערע עלעמענטנ, וואָס האָבנ ארייִנגעטראָגנ אינ זיינ אמאָליקנ שפּראַכ־נוסעכ שטריכנ פונ פאראָדיסטישקייט. דער שפּראַכלעכער נוסעכ האָט געדארפט צוגעפּאסט ווערנ צו יענעמ טאָנ, וואָס פּאסט צו „גאָטס יִידיש” (דער לאָזונג פונ קלעריקאל־שאָוויניסטישנ וואריִאנט פונ יִידישיזמ). די רעאליסטישקייט, וואָס איז געלעגנ אינעמ כאראקטער פונ זיינע פריִערדיקע זייער צאָלרייכע רוסיציזמענ און סלאַוויזמענ, איז פאר מענדעלענ איצט געוואָרנ ניט־אקטועל, פּונקט אזוי, ווי דאפקע די סאמע ברייטסטע צוטריטלעכקייט. דער סטיל האָט געדארפט קלעריקאל־נאציאָנאליסטיש יִידישלעכ־באלעבאטיש אויסגעפּיינט ווערנ. די דאָזיקע ענדערונגענ פונ זיינ שפּראַכ־סטיל זיינענ ענג פארבונדנ מיט א גאנצער ריי אנדערע ענדערונגענ אינ זיינ ליטעראַרישנ סטיל ביכלאל, וואָס זיינענ געווענ א רעזולטאט פונ די ענדערונגענ אינ זיינ וועלטאָנשויונג און פונ די אידייענ, וואָס ער האָט זיך איצט געמאכט פאר זיינ אופגאבע קינסטלעריש צו רעאליזירנ.

מיר אָבער האָבנ, וואָס שייעכ דער יערושע פונ מענדעלעס שאפנ, גאָר א קנאפּנ אינטערעס געטריי אָפּצוהיטנ אלע פּינטעלעכ און שטריכעלעכ פונ דער דאָזיקער נייער, אינ טאָכ רעאקציאָנערער סטיל־אנטוויקלונג פונעמ שפּעטנ מענדעלע. גראָד אזעלכע ווערק ווי „דאָס קליינע מענטשעלע” (דער גרויסער וואריִאנט), ווו ס'קומט אזוי דייטלעכ צומ אויסדרוק דאָס טיפּיש־מענדלשע אינ די 60־ער און 70־ער יאָרנ, איז בייטיק צו ברענגענ אינ יענער פאָרמ, וואָס איז פארנ אינהאלט אמיינסטנ כאראקטעריסטיש, אינ דער פאָרמ פונ די 70־ער יאָרנ, אינ דער פאָרמ, אינ וועלכער דאָס ווערק האָט געקאָנט האָבנ און האָט געהאט די סאמע גרעסטע פארשפּרייטונג.

מיר האָבן שוין באַטאָנט: אין אַ טייל ערטער האָט מענדעלע אין דער צווייטער רעדאַקציע פֿון גרויסן וואַריאַנט טאַקע אויך פּאַקטיש און אָביעקטיוו פֿאַרבעסערט די שפּראַך, אָבער ניט ווייניקער אָפֿט האָט איצט זײַן קלערי־קאַל־נאַציאָנאַליסטישער פּוריזם דעם פֿריִערדיקן סטיל קאַליע געמאַכט. אַפֿילו אַזעלכע אויסבעסערונגען, וואָס געהערן צו די רעלאַטיוו ניט־שטערנדיקע, ווי אָנשטאָט „ביסטרע־פֿלייצנדיק" — „האַסטיק־פֿלייצנדיק", זײַנען לעכאָלאָפּאָכעס זייער סאָפּעקדיקע אויסבעסערונגען. „האַסטיק" איז גוט, אָבער „ביסטרע" — צו יענער צײַט אַן אָרגאַניש אײַנגע־וואַקסענע אַנטלײַונג — איז לאַכלוטן ניט ערגער, קלינגט גאַנץ נאַטירלעך, דערבײַ אָבער מײַדט עס אויס דעם שלעכטן גלײַכקלאַנג, וואָס סע גיבן די ענדונגען פֿונעם אייגנ־שאַפֿט־וואָרט און צײַטוואָרט, צוויי מאָל „יק": האַסטיק פֿלייצנדיק. מענדעלע איז אין זײַן פּוריזם דערגאַנגען דערצו, אַז דאָרט, וווּ ער מאַכט פֿריִער כויזעק פֿון די גווירימס „וואַזשנע געדאַנקען" — שרײַבט ער איצט אָנשטאָט דעם סלאַוויזם „וואַזשנע" — „הויכע געדאַנקען", און טעמפּט אָפּ די איראָניע פֿונעם אייגנשאַפֿטוואָרט.

מענדעלע פֿאַריכט שוין איצט אַפֿילו אַזעלכע ווערטער ווי „כמאַרנע טעג" — אָפּ „וואָלקנדיקע טעג". אַזעלכע ווערטער ווי „כאָטש" און „בלאָטע" מעקט ער גאָר אינגאַנצן אויס, ניט געפֿינענדיק פֿאַר זיי קיין אַדעקוואַט. דעם ייִדישיסט ווײַנרײַך, וואָס ציטערט פֿאַר דער „ריינקייַט" פֿון ייִדיש, נאָך מער ווי דער שפּעטער מענדעלע (כאָטש ס'האָט זיך, אַפֿילו אין דעם פּראַט, צו אים ניט פֿאַרוואַלגערט, כאָלילע, קיין מינדסט ברעקל פֿון דעם גרויסן שרײַבערס טאַלאַנט), הייבט דאָס שוין אָן צו פֿאַר־דריסן: „דאָ קאָן זיך שוין אָפּדרוקטן, אַז מיט זײַן פּוריזם האָט דער זיידע איבער־געכאַפּט די מאָס: „כמאַרנע טעג" וואָלט גאַנץ גוט אָנגעגאַנגען, „כאָטש" האָט שוין פֿון הונדערטער יאָרן באַקומען בירגער־רעכט אין אונדזער שפּראַך, און וואָס האָט מענדעלע געהאַט צו דער „בלאָטע", נעבעך?..." („בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַ־טור־געשיכטע", זז. 341—342). דער ייִדישיסט ווײַנרײַך נעמט זיך אָן פֿאַר דער אוילע, וואָס מענדעלע טוט דאָ, לויט זײַן מיינונג, עטלעכע קאָשערע ייִדישע ווערטער, וואָס ער פּאַסקנט זיי אַלס טריף. ער האָט טײַנעס צו מענדעלען, אַלעמײַ ער קאָן זיך ניט ווי געהעריק ייִדישיסטיש פֿאַנאַנדערקלײַבן צווישן סלאַוויזמען, וואָס זײַנען „עכט־ייִדישע": „בלאָטע" — זאָגט ווײַנרײַך — „איז דאָך אַן עכט ייִדישער איניען" (!) — און סלאַוויזמען, וואָס מעגן אַלפּי הילכעס ייִדישיזם אויסגעוואָרצלט ווערן. ביכלאַל אָבער האָט ער לאַכלוטן ניט קיין איבעריקע טײַנעס צו מענדעלעס אויסבעסערונגען, פֿאַרקערט, ער האַלט, אַז זיי האָבן די שפּראַך אויסגעיידלט.

מיר אָבער האָבן קיין גרונט ניט דורכויס און אומעטום מיט דער דאָזיקער אויסיידעלונג זיך צו קוויקן. מיר זעען, אַז די דאָזיקע אויסבעסערונגען פֿאַרשמירן אָפֿט אין אַ באַשטימטער מאָס דעם אורשפּרינגלעכן כאַראַקטער פֿונעם ווערק, אַז זייער אָפֿט שטייען זיי אין ווידערשפּרוך צו דער מאַסנדיקייט און שטראָפֿנדיקער געזעלשאַפֿט־קריטיק, אָפּ וועלכע דאָס ווערק איז געווען אָנגעצילט און צו וועלכע די פֿריִערדיקע „ניט־פֿאַר־בעסערטע" רעדאַקציע האָט בעסער אַנטשפּראָכן איידער די שפּעטערדיקע. דער דאָזיקער מאָמענט איז גראָד יאָ פֿאַר אונדז וויכטיק און דאָס וועגט איבער די וואָג פֿון די צומאָליקע פּאַקטישע שפּראַכלעכע אויסבעסערונגען, וואָס סע ברענגט די צווייטע רעדאַקציע. —

די טעקסטלעכע ענדערונגען, צוגאָבן און שטרייַכונגען זייַנען הויפּטזאַכלעך א רעזולטאט פון דער קאָמפּאָזיציאָנעלער איבערשטעלונג, וואָס מענדעלע האָט געמאכט, דערציילנדיק ביז צו וועלכן אָרט פון יִיצחאָק אווראָמ טאקעפּס ווידע דער מויכער־ספּאָרעמניק איז דערגאנגען, איידער ער האָט זי געהערט באגלייַכ מיט גאנצ „קאָ־האָל״. די איבערשטעלונג גופא האָט ניט קיינ וועזנטלעכן באטייַט פאר דער קינסטלערישקייַט פונעמ ווערק. ער האָט דערמיט און מיט א ריי אנדערע קלענערע איבערשטעלונגען געוואָלט פאריכטן די מאָנאָטאָנישקייַט, וואָס ליגט בעטעווע אינעמ מינ „רעמל״דערציילונג (אייַנגעשאכטלטע דערציילונג — א מייַסע אינ א מייַסע). דאָס רעמל ארומ דעמ טאָכ פון דער דערציילונג (דאָס וואָס מענדעלע דער מויכער־ספּאָרעמניק דערציילט וועגנ זיכ) איז אָבער סיַיווי געבליבנ ניט געענדערט, אָנ פאבוליארישער פארב, האָבנ דעריבער די איבערשטעלונגען דאָ ניט געקאָנט עפּעס וועזנטלעכס פארבעסערנ. די דאָזיקע אָנשטרענגונג מענדעלעס מאכט ניט קיינ שומ אייַנדרוק. פריִער איז די קאָמפּאָזיציע פון דער פאבולע געווענ נאִיוו (פאבוליארישקייַט איז געווייַנלעכ ניט מענדעלעס שטארקע זייַט). איצט איז דאָ צוגעקומענ בלויז די אָנשטרענגונג צו מאכנ די דערציילונג „ראָמאנהאפטיקער״. ס'איז אָבער געגייט מיט ווייַסנ פּאָדעמ, און סע העלפט זייער ווייניק. די דאָזיקע אויסבעסערונג קאָנ מענ דאָ מעװאַטער זייַנ (נעמענדיק אינ באטראכט די נעגאטיווע מאָמענטנ פון דער צווייטער רעדאקציע, אפ וועלכע מיר האָבנ פריִער אָנגעוויזנ) מיט א גרינג הארצ.

א טייל צוגאָבנ פון דער צווייטער רעדאקציע זייַנען דירעקט פארבונדנ מיט מענדעלעס קער אפ רעכטס. לעמאָשל: אפ ז. 47 פון דער 1879־ער אויסגאבע שרייַבט מענדעלע: „ביימער, וואָס דער ווינט האָט מיט זיי געטרעשטשעט״. אינ דער אויסגאבע פון 1907 גיט ער צו די מעטאפער: „ווי מיט א לולעוו״, קעדיי יִדישלעכער צו מאכנ, „מעגייַער״ צו זייַנ, די נאטור. אָדער: די האקדאָמע צו „דאָס קליינע מענטשעלע״ פון 1879 (דאָרט אלס קאפּיטל א), וואָס איז שפּעטער געוואָרנ דער אריַינפיר צו אלע זייַנע ווערק, איז אינ דער אויסגאבע פון 1907 באדייַטנדיק גרעסער געוואָרנ, דעריקער דורכ דעמ, וואָס מענדעלע האָט דאָ אריַינגעפירט פארשיידענע לירישע רעפלעקסיעס, וועלכע דארפנ אזוי צו זאָגנ פּראָגראמאטיש (ער האָט דאָכ די דאָזיקע האקדאָמע געמאכט פאר אנ אריַינפיר צו אלע זייַנע ווערק) אָנמערקנ זייַנ באציִונג צו דער „נאטור״. די דאָזיקע רעפלעקסיעס דארפנ באוויַיזנ, אז די שיינקייַט פון דער נאטור שטייט ניט אינ ווידערשפּרוכ צו רעליגיע, פארקערט, זי קאָנ און דארפ זי, לויט מענדעלעס דעמלטיקער מיינונג, אונטערשפּארנ און פארפעסטיקנ. מענדעלע דערציילט דאָ ווי עס ציט אימ צו דער נאטור „עפּעס ווי אפּצעלאָכעס דאפקע אינ דער באשעפטיקונג מיט עפּעס ערנסטס, וויכטיקס, ווי מיט יִדישקייַט, אשטייגער, און מיט פּארנאָסע־זאכנ, אינ דער מיט קידעש־לעוואָנע״ אאוו. ער וויל דערמיט זאָגנ, אז דאָס איז גוט אזוי, אז „קידעש־לעוואָנע״ שטייט ניט אינ ווידערשפּרוכ צו דער קוויקעניש מיט דער שיינער נאטור, פארקערט, איינס מיטנ אנדערנ איז פארבונדנ. אינ די דאָזיקע רעפלעקסיעס ברענגט מענדעלע אזעלכע בילדער: „איכ זע פאר מיר א לויפנדיק, מורמלדיק וואסערל, שטאָלצ שווימענדיקע גענדז, עס ווייעט א ווינטל, עס שושקענ זיכ הויכגעוואקסענע „טשערעט״ (צו באמערקנ: די אויס־

טײלנדיקע גענדזנפיסלעכ צום סלאַוויזם „טשערעט״! — מ. וו.), עס שווענקט זיכ, עס שפּיגלט זיכ א הוישײַנע־בײמל (א קלעריקאַלישע באַצײכענונג, וואָס דאַרפ „מעגײַער״ זײַנ די „נאַטור״—מ.וו), אָנבײגנדיק זיכ מיט די צווײַגלעכ אינ וואַסער״ אאַוו. — קורצ: רעליגיע אונ „נאַטור״ זײַנענ ניט קײנ ווידערשפּרוכנ, ווײַל די נאַטור איז „גאָטס קונציק שײנ ווערק״.

ס׳איז קלאָר, אַז אויכ פונ אַזעלכע אויסבעסערונגענ, אויסמעקונגענ אונ צוגאָבנ, ווי די באַרוואָס דערמאָנטע, קאָנענ מיר זיכ אָפּזאָגנ. מענדעלעס ווערק פאַרלירט דורכ דעם ניט, פאַרקערט, סע געווינט דורכ דעם, וואָס סע בלײַבט אַזוי ווי ס׳איז געווענ אינ יאָר 1879.

מיר דאַרפנ אָבער אויכ פאַרצײכענענ, אַז אינ דער רעדאַקציע פונ 1907 איז פאַראַנ אײנ וויכטיקע אויסמעקונג פונ אַנ אַנדערנ מינ ווי די, וואָס מיר האָבנ ערשט וואָס כאַראַקטעריזירט. אינ דער צווײטער רעדאַקציע האָט מענדעלע אויסגעמעקט דעם עפּיזאָד מיט יִצכאָק אַווראָמס זונ פונ זײַנ ערשטער פרוי, וועלכער האָט אָנטײל גענומענ אינ דער קרימער מילכאָמע אונ האָט זיכ דאָרט געוואַלדיק פאַטריאָטיש אויפגעפירט. דער דאָזיקער הויכ־פאַטריאָטישער אונ טרײַ־אונטערטעניקער עפּיזאָד איז אינעם ערשטנ וואַריאַנט פונ 1864 — 1865 ניט פאַראַנ געווענ; מענדעלע האָט אים ערשט אַרײַנגעשטעלט — מינאַסטאַמ אונטער דעם אײַנדרוק פונ דער טרײַ־אונטערטעניק־פאַטריאָטישער כוואַליע בײַס אָדער נאָכ דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע — אינעם טעקסט פונ דער 1879־ער אויסגאַבע. אינ דער אויסגאַבע פונ 1907־טנ יאָר האָט מענדעלע דעם דאָזיקנ רעאַקציאָנערנ עפּיזאָד ווידער צוריק אויסגעמעקט. אינ דעם פעריאָד האָבנ שוינ אַפילע א טײל בורזשואַזע יִדישע שיכטנ אויפגעהערט צו גלויבנ אינ עמאַנסיפּאַציע פאַר יִדנ דורכנ צאַריזמ. דער צאַריזמ האָט זײ שוינ טיפ אַנטויִשט, כאָטש זײ האָבנ ניט אויפגעהערט בא פּאַסיקע געלעגנהײַטנ זיכ מיט אים צו קײנדלענ אונ מיט אים אײַנצוגײנ אַפ די סאַמע שענדלעכסטע קאָמפּראָמיסנ אונ אָפּמאַכנ, איז אָבער אַזא מינ נאַיִווער אונ גראָבער הורא־פאַטריאָטיזמ, ווי סע קומט צומ אויסדרוק אינ יענעמ קלײנעמ עפּיזאָד, שוינ אַפילע פאַר בורזשואַזע אויערנ נאָכ די פּאָגראָמענ אַרומ דעמ פינפטנ יאָר — געווענ לעכערלעכ, ווער שמועסט פאַר מענדעלענ אינ יענער צײַט. דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס מענדעלע איז אינ דער דאָזיקער דעטאַל בא דער רעדאַקציע פונ דער 1907־ער אויסגאַבע געווענ פאָרשריטלעכער ווי אינ דער אויסגאַבע פונ 1879 — לעהײפּעכ צו דעמ ווײַט גרעסטנ טײל פונ די איבעריקע אויסבעסערונגענ. די דאָזיקע אײנציקע ווענטלעכע, טאַקע עמעסדיקע אויסבעסערונג, קאָנ אָבער ניט איבערוועגנ די אַרגומענטאַציעס, וואָס מיר האָבנ געבראַכט לעטויוועס דער אויסגאַבע פונ 1879. דאָ האַנדלט זיכ בלויז וועגנ — טאַקע א שווערוואָגיקנ — אָבער פאָרט נאָר אַנ אײנציקנ קלײנעמ עפּיזאָד, וואָס איז לאַכלוטנ ניט פאַרבונדנ מיטנ פּאַבוליארישנ אופבוי אונ סוזשעטישנ טאָכ פונ דער גאַנצער דערצײלונג, אונ איז בלויז אויבנופיק אַרײַנגעקלעפּט געוואָרנ. וואָס שײַעכ אָבער די זײער צאָלרײַכע ענדערונגענ, וואָס מענדעלע האָט געמאַכט אַפ יעדער דריטער פערטער שורע אונ אַמאָל נאָכ אָפטער, דרינגענ זײ דורכ דאָס גאַנצע ווערק אונ זירנ אָנ דעמ אורשפּרינגלעכנ כאַראַקטער (דעמ מענדעלשנ פונ

די 60־ער יאָר און 70־ער יאָרן) און א גאַנצע רײ װערטפּולע שטריכן פון דעם דאָזיקן װערק. —

מיר האָבן שױן באַטאָנט, אז די איבערקאָנסטרויִרונג אין דער קאָמפּאָזיציע פונעם 1907־ער טעקסט איז פאַר דער קינסטלערישקײט פונעם װערק לאַכלוטן ניט װעזנטלעך. מענדעלע האָט דאָ ניט אָפּסנײַ געשריבן די איבערקאָנסטרויִרטע ערטער, ער האָט דעריקער בלויז איבערגעשטעלט, איבערגרופּירט פאַרשײדענע שטיקלעך און פאַרשײדענע ערטער און צוגעשריבן בלויז די נײטיקע איבערגאַנג־און פאַרבינדונג־זאַצן. קעדײ דער לײענער זאָל האָבן א פאָרשטעלונג װעגן די ענדערונגען אין דעם פּראַט, האָבן מיר די כאַראַקטעריסטישע װאַריִאַנטן (פון די איבערקאָנסטרויִרונגען) געבראַכט אַלס צוגאָב אונטער די אַנטשפּרעכיקע ערטער אינעם טעקסט.

באַשטימטע ענדערונגען אין דער קאַפּיטל־נומעראַציע, אין דער אײַנטײלונג פון אָפּזאַצן און אין דער אינטערפּונקטואַציע, װאָס מענדעלע האָט געמאַכט אין דער אױסגאַבע פון 1907 — האָבן מיר פאַר אונדזער טעקסט יאָ גענומען אין אַכט. האַלטנדיק זיך גענױ לױט דער אױסגאַבע פון 1879, האָבן מיר זיך אין דעם דאָזיקן פּראַט דערלױבט נאָכצוגײן נאָכן טעקסט פון 1907, װײַל דאָס רירט ניט אָן און בײַט ניט אָפּ קײן האָר דעם טאָכ, און סע פאַרגרינגערט דאָס לײענען.

װאָס שײַעך װאַריִאַנטן בִּיכלאַל, האָבן מיר גענומען אין אַכט בלויז די סאַמע װיכטיקסטע. אונדזער אױסגאַבע האָט זיך ניט געשטעלט די ציל פון אן אַקאַדעמישער אױסגאַבע. דעריבער פאַרצײַכענען מיר ניט אַלע װאַריִאַנטן. סטיליסטישע, גראַמאַטיקאַלישע און לעקסישע װאַריִאַנטן האָבן מיר בִּיכלאַל ניט געבראַכט. די װאַריִאַנטן ברענגען מיר געװײנלעך אונטערן אַנטשפּרעכיקן טעקסט, אָפּן זעלבן זײַטל, לױטן מוסטער פון א טײל דײַטשע פּאָפּולערע קלאַסיקער־אױסגאַבעס. װאָרום אױב דער װאַריִאַנט זאָל דערגײן צום לײענער, אױב ער זאָל אױספירן דעם צװעק, צוליב װעלכן ער װערט בִּיכלאַל געבראַכט, דאַרף ער אין א פּאָפּולערער אױסגאַבע געבראַכט װערן טײקעף אָפּן אָרט.

װעגן טראַנסקריפּציע פון די העברײיִשע װערטער אין מענדעלעס טעקסט.

אין מענדעלעס טעקסטן זײַנען פאַראַן ביז גאָר א סאַך העברעיִזמען, באַזונדערס אָבער אינעם טעקסט פון „מאַסאָעס״ — צוליב די פּאַראָדירנדיקע קװאָטעס. בא דער יִדישער טראַנסקריפּציע פון די העברעיִזמען איז אָפּט שװער געװען צו געפינען די גרענעץ, װו א װאָרט הערט אױף צו זײַן א העברעיִזם און הײבט אָן צו זײַן פּאָשעט א פרעמדשפּראַכיקע (העברײיִשע) ציטאַטע. דעריבער איז אױך אָפּט שװער געװען פעסטצושטעלן, װו ס׳איז נײטיק אַזעלכע װערטער צו טראַנסקריבירן לױטן יִדישן און װו לױטן העברײיִשן אױסלײג. ס׳איז לאַכלוטן איבעריק צו אַדאָפּטירן דורך א יִדישער טראַנסקריפּציע אַזעלכע העברײיִשע עלעמענטן, װאָס געהערן בעפירעש ניט צו דער יִדישער שפּראַך און װאָס װערן פון מענדעלען באַװוסטזיניק געבראַכט אַלס א.ג. מאַקאַראָניזמען. פון דער אַנדערער זײַט אָבער האָבן מיר ניט געטאָרט צופיל איבער־

לאָדן דעם טעקסט מיט ארויסשטארצנדיקע העברייִש־טראנסקריבירטע זאצן, וואָס וואָלטן ביז גאָר פארשווערט דאָס לייענען: פאר זיך גענומען האָבן מיר ניט קיין שום סיבע אָפצוהיטן די ריינקייט פונעם העברייִשן אויסלייג.

מיר האָבן דעריבער אָנגענומען אלס פרינציפּ: ווי ווייט *מעגלעך* זיך דאָ צו האלטן בא דער ייִדישער טראנסקריפּציע. באזונדערס ווו סע גייט וועגן איין אָדער צוויי ווערטער. סיידן אין יענע פאלן, ווו דער ציטאטן־כאראקטער איז א דייטלעכער און בוילעטער און דאָס וואָרט איז אויך אין מענדעלעס צייטן ניט באקאנט געווען די ברייטסטע ייִדיש־ריידנדיקע מאסן. גאנצע העברייִשע זאצן האָבן מיר געווייגלעך געבראכט אין דער העברייִשער טראנסקריפּציע, קעדיי אָנצווייזן אפ זייער אנדערש־שפראכיקן כאראקטער. די ייִדישע טראנסקריפּציע פון די דאָזיקע זאצן האָבן מיר געבראכט צום סאָף פונעם בוך אינעם צעטל וואָרט־דערקלערונגען.

דעם צעטל וואָרט־דערקלערונגען האָט כ׳ מ. העך זיך באמיט צו מאכן אפן ברייטסטן אופן. אָן דער ברייטסטער וואָרט־דערקלערונג בלייבט פארן גרעסטן טייל פון אונדזערע לייענער מענדעלעס טעקסט ניט צוטריטלעך. אונדזער סאָוועטישע ייִדישע שפראך האָט זייט דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע דורכגעמאכט א גוואלדיקע אנטוויקלונג, ווער שמועסט ערשט אויב מע זאָל זי פארגלייכן מיט מענדעלעס שפראך. אין אונדזער סאָוועטישער שפראך איז שוין לאנג ארויס פון געברויך דער ווייט־גרעסטער טייל פון מענדעלעס העברעיִזמען (אָפּגערעדט פון די אויסגעשפּראָכענע „מאקאראָנישע" העברייִשע פראזעס) און אויך *זייער א גרויסע צאָל* אלטע דורכויס ייִדישע ווערטער, וואָס מענדעלע באנוצט אין זיינע ווערק. זיי בייטיקן זיך אומבאדינגט אין א דערקלערונג. דעריבער האָט כ׳ מ. העך אויך געגעבן א דערקלערונג פאר א טייל עלטערע ייִדישע ווערטער. ער האָט אויך דערקלערט די פארשיידענע שטייגערישע, היסטאָרישע, רעליגיעזע און אנד. טערמינען, קעדיי מענדעלעס געזעלשאפטלעך־קריטישע סאטירע זאָל זיין פארשטענדלעך פארן לייענער. אָן אזעלכע דערקלערונגען וואָלט פאר זייער א גרויסן טייל לייענער געבליבן אומקלאָר, קעגן וואָס מענדעלע האָט מיט זיין סאטירע געקעמפט. אין יענע פאלן, ווו מענדעלע אליין טייטשט אויס באשטימטע, צוליב פאראָדיע געבראכטע, העברייִשע זאצן אָדער ווערטער — ווערט אינעם צעטל וואָרט־דערקלערונגען די אויסטייטשונג ניט געגעבן, און בלויז געבראכט די ייִדישע טראנסקריפּציע פונעם העברייִשן זאץ אָדער וואָרט. אין אלגעמיין אָבער איז דאָ געווען דער פרינציפּ: וואָס מער דערקלערונגען, אלץ בעסער פארן לייענער.

די דערקלערונגען גופא ווילן געבן ניט מער ווי א קורצגעפאסטע איבערזעצונג לויטן זין און אינהאלט פונעם געגעבענעם וואָרט. פון עטימאָלאָגישע און ביכלאל ברייטערע דערקלערונגען האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט, ווייל בא דער גרויסער צאָל פון טייטשן וואָלט דאָס צו ווייט פארפירט און פארנומען מער אָרט, ווי ס׳איז פאר דעם צוועק באשטימט.

פאר דער ענדגילטיקער קארעקטור פונ מענדעלעס טעקסט איז פאראנטוואָרטלעכ כ׳ מ. איטקאָוויטש.

מיר דאנקענ די פארשיידענע ביבליאָטעקנ אונ וויסנשאפטלעכע אנשטאלטנ, וואָס האָבנ אונדז געהאָלפנ אינ אונדזער ארבעט באמ אופזוכנ אינ פארשיידענע ביכער, מענדעלע־אויסגאבעס אונ אנדערע מאטעריאלנ. א דאנק דעמ כ׳ א. וואָראָבייטשיק פאר עטלעכע זייער ווערטפולע ביבליאָגראפישע אָנווייזונגענ.

א באזונדערס ווארעמענ דאנק דער ווייסרוסישער מעלוכישער ביבליאָטעק אינ מינסק אונ דעמ פארוואלטער פונ ייִדישנ אָפטייל, כ׳ נ. רובינשטיינ, וואָס האָט זיכ שטענדיק מיט גרייטקייט אָפגערופנ אפ אונדזערע באקאָשעס. דאָס האָט אונדז א סאכ מיטגעהאָלפנ אינ אונדזער ארבעט.

מאָסקווע, אָקטיאבער 1933.

מ. הער

וואָרט־דערקלערונגען

באַ די העברעייִשע ווערטער איז אין קלאַמערן אָנגעצייכנט
זייער העברעייִשער אויסלייג

מאַסאָעס בּיניאָמינס האַשלישי

צו ז. 75.

קצור מסעות בנימין השלישי (קיצער מאַסאָעס בּיניאָמין האַשלישי) — אַ פאַרקירצונג (געמיינט: אַ קורץ געפאַסטע איבּעראַרבּעטונג) פון בּיניאָמינס דעם דריטנס רייזעס.

מיצאַד דער פאָרם איז די דאָזיקע דערציילונג מענדעלעס מויכער־ספאָרימס אַ סטיליזירטע פּאַראָדיע אַף דער רייזע־באַשרייבּונג פונעם מיטלאַלטערלעכן ייִדישן וועלט־רייזנדער בּיניאָמין פון טודעלאַ („מסעות של ר׳ בנימין“, קאָנסטאַנטינאָפּאָל 1543) און אין אַ געווויסער מאָס — אויך אַף דער רייזע־באַשרייבּונג פון דעם רומענישן ייִדן יאָסעפ־איזראַעל (1818 — 1864), וועלכער איז אַזוי אָנציקט געוואָרן פון בּיניאָמין פון טודעלאַס בּוך, אַז ער האָט אַפילע אָנגערופן זיך אַליין בּיניאָמין דער צווייטער. וועגן אָט דעם בּיניאָמין דעם צווייטן און זיין רייזע גיט עס מענדעלע אַן אָנצוהערעניש אינעם פאָרוואָרט צו דער דערציילונג (זע ז. 77). מענדעלעס דערציילונג אימיטירט (ריכ־טיקער: פּאַראָדירט) אויך בּיניאָמין פון טודעלאַס „מסעות“ אין פּראַט פון געבוי: צוערשט גייען קלוימערשט ציטאַטן פון בּיניאָמין דעם דריטנס באַשרייבּונג גופע אין ערשטער פּערזאָן (זיי הייבּן זיך געוויינלעך אָן אין העברעייִש), און נאָכדעם קומט אַ פּאַראַפראַז פון בּיניאָמינס רייזע־פּאַסירונגען אין דריטער פּערזאָן.

נסיעה (נעסיִע) — רייזע.

אונטער די הרי חושך (האָרע־כוישעך) — הינטער די פינצטערע בּערג. די דאָזיקע לעגענדאַרישע „פינצטערע בּערג“ ווערן דערמאָנט אין די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע רייזע־באַשרייבּונגען.

חידושים (כידושים) — וואונדער.

שבעים לשונות (שיווים לעשוינעס)—זיבעציק שפראכנ. לויט דער יידישער לעגענדארישער טראדיציע איז עס קלוימערשט די צאָל פונ אלע שפראכנ פונ דער וועלט.

בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים (בעהישטאדלעס מענדעלע מויכער־ספאָרימ) — לויט דער באמיִונג פונ מענדעלע מויכער־ספאָרימ.

ספר ראשון (סייפער רישנ) — ערשטער בוכ.

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראָם (בידפוס וועהויצאָעס האָ־אלמאָנאָ וועהאָאכימ ראָמ) — דרוק אונ פארלאג פונ דער אלמאָנע אונ די ברידער ראָמ.

האקדאָמאס מענדעלע מויכער־ספאָרימ (הקדמת מענדעלי מוכר ספרים) — מענדעלע מויכער־ספאָרימס פאָרוואָרט. דער סטיל פונעם פאָרוואָרט אימיטירט פאראָדיסטיש די טראדיציאָנעלע „האקדאָמעס” צו די העברייִשע ספאָרימ אונ אלט־יידישע ביכער.

אָמאר מענדעלע מויכער־ספאָרימ (אמר מענדעלי מוכר ספרים) — זאָגט מענדעלע מויכער־ספאָרימ.

דער בוירע (בורא) — דער באשעפער (גאָט).

גאלגאלימ (גלגלים) — פלאנעטנ.

מיקאָלשעקיינ (מכל שכן) — אוואדע; שוינ אָפגערעדט; ווער שמועסט.

לעכאָלאפאָכעס (לכל־הפחות) — ווייניקסטנס.

א מייע (מאה) — הונדערט.

קיטעס (כתות) — גרופעס.

צו ז. 76.

קוימעמיִוס (קוממיות) — האָפערדיק. ענטפערנ קוימעמיִוס — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: אָנזעצנ; ארויסשטעלנ א פייג.

א מאניפאָרגעלע — א שפיצל, א קונצ, א ניט־ערלעכ געשעפטל.

א פיזמענ (פזמון) — א רעפרענ. אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט הייסט א ייִנרוימענ א פיזמענ — עפעס אָנריידנ אפ עמעצנ, מאסערנ.

קוינע שעמ (קונה שם) געווענ — בארימט געוואָרנ, געמאכט זיכ א נאָמענ.

ארצויס־האמיזראָכ (ארצות המזרח) — די מיזרעכ־לענדער.

קליי־זייִענ (כלי־זין) — וואָפנ, געווער.

פידיענ (פדיון) — אויסלייזונג; לייזונג; דאָס אויסגעלייזטע געלט. אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: דאָס געלט, וואָס גלויביקע פלעגנ געבנ דעמ כסידישנ רעבנ.

סבאָרשטשיקל — שטייִערנ־זאמלער.

צו ז. 77.

מאסיג (משיג) זייִנ — באגרייִפנ.

בעכאָל האָויפאנימ (בכל האופנים) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: יעדנפאלס.

די מאפע — די געאָגראפישע קארטע.

כאכאָמימ (חכמים) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: געלערנטע.

אָדאָמ־האָרישנ (אָדם הראשון, אָדער סטאמ: אָדאָמ — אדם) — לויט דער ביבלישער מיטאָלאָגיע — דער ערשטער מענטש.

נויסימ (נוסעים) — וועלט־רייזנדע.

ביניאָמינ דער ערשטער — ביניאָמינ רויפע פונ טודעלא, געלעבט אינ XII יאָרהונדערט אינ שפאניע.

ביניאָמינ דער צווייטער — א רומענישער ייִד, א וועלט־רייזנדער (1818 — 1864). זיינ אייגנטלעכער נאָמענ איז געווענ: יאָסעפ איזראעל.

מאפליג (מפליג) צו זיינ — אויסצוציִכענענ, באזונדערס רימענ.

קנופיע (כנופיא) — כאָפטע, קליקע.

כיעס (חיות) — לעבנ.

מעקאבלימ (מקבלים) — געמיינט: אָרעמעלייט, שלעפער.

נויסייע (נוסע) — רייזנדער (איינצאָל).

פאָסעק (פסוק) — א פראזע פונ דער ביבל.

לא בא כבושם הזה (לוי באָ קאבויסעמ האזע) — ס׳איז נאָכ ניט געווענ (אזוינע) ווי די דאָזיקע געווירצנ.

פסאָמימ (בשמים) — געווירצנ.

צו ז. 78.

פע עכאָד (פה אחד) — איינמוטיק, איינשטימיק.

לאָשנ האקוידעש (לשון הקודש) — העברייִש.

וואאני מענדעלע (ואני מענדעלי) — אונ איכ, מענדעלע.

קעפי (כפי) — נאָכ, לויט.

מעכאברימ (מחברים) — אוטאָרנ.

וואָס זייער מינדסטער פינגער איז גרעבער פונ מיינע לענדנ — דאָס איז א ייִדישע איבערזעצונג פונ דער העברייִשער מעליצע „שקטנם עבה ממתני״.

ספאָרימ (ספרים) — ביכער.

קיצער (קיצור) — א פארקירצונג.

לוי־אליכעמ (לא עליכם) — ניט פאר אייכ געדאכט; א רעדנסאַרט — א באוואָרעניש, ווענ א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגנ עפעס בייז.

פאר די קינדער־ייִסראָעל — געמיינט: פאר די ייִדנ.

האָקיצאָ (הקיצה) — כאפ זיכ אופ.

פאָטראוועס — גערירכטנ.

ראבויסימ (רבותים) — (מיינע) הערנ.

אוביזכוס (ובזכות) — אונ אינ זכוס.

אייער געטרייער קנעכט, האקאָטנ (הקטן)... — דאָס איז אזא מעליצעדיקער עפיטעט, ווי „אייער געהאָרכזאמער דינער״ (האקאָטנ באטייט: דער קליינער).

צו ז. 79.

קאַל יאָמײַ (כל ימי) — געמיינט: מײַן גאנצ לעבנ.

ניסגאדאלטי (נתגדלתי) ב... — איכ האָב זיכ געהאָדעוועט אינ...

ניסגאדל (נתגדל) געוואָרנ — אופגעהאָדעוועט געוואָרנ.

לעמאזל (למזל) — מיט מאזל.

אימ אישטי (עם אשתי) — מיט מײַנ פרוי.

האצנועמאָראסזעלדעטיכיע (הצנועה מרת זעלדע תחיה) — די צנוע, פרוי זעלדע זאָל לעבנ.

פירקאשעס (קשיות) — פיר פראגנ, וואָס די קינדער פלעגנ, לויטנ יידישנ רעליגיעזנ ריטואל, פרעגנ זייער פאָטער פייסעכ באמ סיידער.

צו ז. 80.

באלע־האמצאָעס (בעלי המצאות) — וויצלינגענ, מענטשנ מיט אײַנפאלנ.

אינ קולאק — אינ פויסט.

סטאמבול — קאָנסטאנטינאָפאָל.

דער טויגער (תוגר) — געמיינט: דער טערק, טערקײַ.

קירע (די העברייִשע אברעוויאטור: קיר״ה) — געמיינט: עסטרײַכ.

העג (הן) — סײַ.

פאָטשטנ — געמיינט: פרישע יעדיִעס, נײַסנ.

גזיירעס (גזרות) — הארבע געזעצנ אָדער פאראָרדענונגענ. געמיינט: רעפרע־סיעס פונ דער צארישער מעלוכע, געווענדט־קעגנ דער יידישער באפעלקערונג.

רויטע יידעלעכ — די לעגענדארישע יידישע שוואָטימ, וואָס לעבנ קלוי־מערשט הינטער די „האָרע־כוישעכ״.

ראזבירײַעט — געמיינט: באטראכט, באהאנדלט.

באטאָגטע — באיאָרנטע.

זײַנענ מאפקער (מפקיר) — לאָזנ אפ העפקער, אפ גאָטס באראָט.

בישליימעס (בשלימות) — פולקומ. אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט (אונ בא מענ־דעלע מויכער־ספאָרימ ביכלאל) געמיינט: געוויסנהאפטיק.

לעשעמ שאָמאַימ (לשם שמים) — פונ גאָטס וועגנ (דה. אָנ אייגננוצנ).

פראצע — ארבעט.

העלער — אנ אלטע דײַטשישע אונ אויכ עסטרײַכישע קליינע מאטבייע. אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: א גראָשנ.

אינ א פאָלנער סאָבראַניע — אינ א פולער (פלענארער) פארזאמ־לונג.

אוטווערדעט — באשטעטיקט.

וועהאקל שאָריר וועקאיאָמ (והכל שריר וקים) — א טראפארעט פונ א באשטעטיקונג אינ די פראָטאָקאָלנ פונ די אמאָליקע קאָהאָל־פארזאמלונגענ, ראבאָ־

נישע אופרופן, צירקולאַרן און פּריוואַטע אָפּמאַכן. לויט זיין באַדייטונג ענלעך צום רוסישן: „быть посему“, „и тому (написанному) верить“.

קאָל מאַלכע מיזרעך אומייִרעוו (כל מלכי מזרח ומערב) — אַלע קיניגן פון מיזרעך און מייִרעוו.

בעגילופן (בגילופין) — שיקער, פאַרקנאַקט. אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: באַ א גוטער שטימונג.

צו ז. 81.

צוגעלאָזט — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: צוגעגעבן.

קאַן (ק״ן) — 150. (דער העברעיִשער אַלפאַבעט האָט אויך געדינט אַלס ציפערן. דער אָס „ק“ באַטייט 100, „נ“ — 50).

באַלע־ביטאָכנס — אָפּטימיסטן, מענטשן מיט גרויסער האָפענונג.

איז זיך מעפּאַרנעס (מפרנס) — דערנערט זיך, שפּייזט זיך.

ביטמימעס (בתמימות) — נאַיוו, טאַמעוואַטע.

האַשעם־ייִסבאָרעך (השם־יתברך) — גאָט (זאָל געבענטשט זיין).

באָרעכאַשעם (ברוך השם) — גאָט צו דאַנקען. א רעדנסאַרט.

א קיילע (כלי) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אַן אינסטרומענט.

א קאָל־נעגינע (קול נגינה) — א געזאַנג־שטים.

מוסאָפים (מוספים, אין איינצאָל: מוסעף — מוסף) — די צוגאָב־טפילעס פאַר שאַבעס און יאָנטעוו.

יאָמים־נויראָים (ימים נוראים) — ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער.

אין דער סוויווע (סביבה) — אין דער אומגעגנט. געמיינט: אין א ייִשעוו אויסער דער שטאָט.

א שטאָט — געמיינט: א שטענדיק אָרט אין שול.

אָן אייִנאָרע (עין־הרע) — קיין בייז אויג (זאָל ניט שאַטן). א רעדנסאַרט — אַן אָבערגלויביש באַוואָרעניש באַם דערמאָנען עפּעס גוטס.

די ייִסראָעל (ישראל) — די ייִדן.

ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים (רחמנים בני רחמנים) — דערבאַרעמדיקע, קינדער פון דערבאַרעמדיקע.

דעם שוואַך (שבח) נאָכזאָגן (ריכטיקער: דעם שעוואַך נאָכזאָגן) — לויבן, זאָגן א קאָמפּלימענט.

כאָלילע (חלילה) — גאָט באַהיט. א רעדנסאַרט — אַן אָבערגלויביש באַוואָרעניש, ווען א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגן א מעגלעכן אומגליק.

אין דער האַלבאָשע (הלבשה) — אין דער קליידונג.

צו ז. 82.

א קאָליש (אוקראַיִניש кулиш) — א פּראָסטער זופּ.

א מייכל־מעלאָכים (מאכל מלכים) — א מייכל (א געריכט) פאַר קיניגן.

כאַמישאָ־אָסאָר (חמשה־עשר) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: כאַ־

מישאָ־אָסאָד בישוואט — דער 15־טער טאָג פון כוידש שוואט (יאנוואר — פעברואר). לויט אן אלטן רעליגיעזן מינהעג פלעגט מען דעם טאָג עסן באָקסער און אנדערע פּיירעס.

מעכייע־נעפאָשעס (מחיה נפשות) — דערקוויקט די נעשאָמע.

ערעצייִסראָעל (ארץ ישראל) — פּאלעסטינע.

וועסויליכייני (ותוליכנו) — און דו זאָלסט אונדז פירן.

לעארצייני (לארצנו) — אין אונדזער לאנד.

אלפּי מיקרע (על פי מקרה) — לויט א צופאל, צופעליק.

כומעש (חומש) — די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל.

טאָמאָר (תמר) — א טייטל.

יארדן (ירדן) — דער הויפט־טײַך פון פּאלעסטינע.

מעאָרעס־האמאכפּיילאָ (מערת המכפלה) — לויט דער ביבלישער לעגענדע די הייל, ווו עס זײַנען באגראָבן געוואָרן די „אורפּאָטערס״ פון די ייִדן: אווראָהאָם, ייִצכאָק און יאנקעוו.

די מוטער ראָכל (רחל) — א לעגענדארישע „אורמוטער״ פון די ייִדן. וועגן איר ווערט דערציילט אין דער ביבל.

קויסל־מאַראָווי (כותל מערבי) — די מײַרעוודיקע וואנט. געמיינט: די פאר־בליבענע רעשט וואנט פון אן אלט געבײַ, וואָס געפינט זיך אין יערושאָלאיִם, אפ דעם בארג, ווו איצט שטייט אָמארס מעטשעט. די וואנט שײַנט צו זײַן א וואנט פון א פעסטונג, אָבער לויט דער ייִדישער טראדיציע איז דאָס די מײַרעוו־וואנט פונעם אמאָליקן ייִדישן בייס־האמיקדעש (טעמפּל), וואָס איז כאָרעוו געוואָרן אינעם יאָר 70 פונעם ערשטן יאָרהונדערט פון אונדזער ערע.

כאמיי־טווארייע (אָדער ריכטיקער: כאמיי טיבעריא — חמי טב־ריה) — דיווארעם־בעדער פון טיבעריע (אין פּאלעסטינע).

האר־האזייסים (הר הזיתים) — „דער בארג פון איילבערט־ביימער״, ניט ווײַט פון יערושאָלאיִם.

ערעצייִסראָעל־ערד — פלעגט מען לייגן, לויטן רעליגיעזן מינהעג, צו־קאָפּנס פון א טויטן באם באגראָבן.

צו ז. 43.

פּריסטאוו — דער נאטשאלניק פון א פּאָליציי־צירקל בא דער צארישער רע־גירונג.

בעיאָד ראָמאָ (ביד רמה) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: שטרענג.

זיך געדורעט — געדולט, געפּאָרעט.

אד מאָסײַ? (עד מתי?) — ביז וואנען?

דער סאר שעל ייִשמאָעל (שר של ישמעאל) — דער מאלעך, דער הימ־לישער געניוס פון ייִשמאָעל (דאָ געמיינט: פון די טערקן).

שוילעט (שולט) זײַן — הערשן, האָבן די מאכט. לויט א פארשפּרייטן אָבער־גלויבן האָט יעדע עמונע, יעדע מעלוכע איר „סאר״ (מאלעך און באשיצער) אין הימל.

דער זינ פונ דער פראזע איז: „ביזוואנענ וועט דער סאר פונ די טערקנ האָבנ די מאכט (אונ וועט ניט לאָזנ ייִדנ קיינ ערעציייִסראָעל) ?“

א ס ע ר ע ס־ה א ש ו ו אָ ט י מ (עשרת השבטים) — די צענ שוואָטימ, וואָס האָבנ אינ אוראלטער צײַט באוווינט דאָס קיניגרײַכ ייִסראָעל אונ זײַנענ פארטריבנ געוואָרנ פונ פאלעסטינע אינ יאָר 719 פאר אונדזער ערע, ווענ דאָס דאָזיקע קיניגרײַכ איז כאָ־רעוו געוואָרנ. וועגנ דעמ, ווו די דאָזיקע צענ שוואָטימ געפינענ זיכ, זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אָנ א שיר לעגענדעס. אינ מיטלאלטער, ווענ קיינ אייראָפע זײַנענ דערגאנ־גענ ניט־קלאָרע יעדיִעס וועגנ אומאָפהענגיקע שוואָטימ פונ ייִדישנ גלויבנ, וואָס ווינענ אינ אביסיניע, האָבנ די לעגענדעס גענומענ פיקסירנ דאָס וווינאָרט פונ די צענ שוואָ־טימ אינ אפריקע, אונ די פאנטאזיע פונ דער מיטלאלטערלעכער ייִדישער מאסע האָט באזעצט די דאָזיקע ווײַטע לענדער מיט „רויטע ייִדעלעכ“, „בניי מוישע“ (מוישעס זינ“) אאוו.

ו ו ײַ ט ע מ ע ק ו י מ ע ס (מקומות) — ווײַטע ערטער.

א ו י ש ע ר (עושר) — רײַכקײַט.

„בניי־מוישע“ (בני משה) — א לעגענדארישער ייִדישער שייוועט, וואָס וווינט קלוימערשט „הינטער די האָרע־כוישעכ“ (הינטער די פינצטערע בערג). ס'איז מעגלעכ, אז די לעגענדע וועגנ „בניי־מוישע“ האָט אָפגעשפיגלט די אומקלאָרע יעדיִעס, וואָס זײַ־נענ דערגאנגענ אינ מיטלאלטער קיינ אייראָפע וועגנ די שווארצע ייִדנ פונ אינדיע (בני ישראל — „בניי־ייִסראָעל“).

ע ל ד אָ ד ה א ד אָ נ י (אלדד הדני) — א ייִדישער רײַזנדער פונ IX יאָרהונדערט.

פ א ר ע וו ע ט ע פ — ניט קיינ פליישיקע אונ ניט קיינ מילכיקע.

א ה אָ ד ע ס ל — א בסאָמימ־פושקעלע, געווײַנלעכ א זילבערנס.

צו ז. 84.

ג ע ה א ט א י ע ד י ע (ידיעה) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: געוווּסט, פארשטאנענ.

ט י ש ב ו י ר ע ס (תשבורת) — ברוכצאָל.

א ז א ה א ד ר א ס־פ אָ נ ע מ (הדרת פּנים) — אזא שיינעמ (אימפאָזאנטנ) אויסזענ.

ב י נ י מ ע ס ד י ק — אָנגענעמ, ליבלעכ.

מ ו מ כ ע (מומחה) — ספעציִאליסט.

ר ו י פ ע (רופא) — א פעלדשער.

ק ע פ י ה א ש מ ו ע (כפי השמועה) — לויט די קלאנגענ, וואָס גייענ ארומ, ווי מע זאָגט.

כ אָ כ מ א ס (חכמת) האדאָקטאָריע — די וויכנשאפט (די קונסט) פונ דאָקטאָריע, מעדיצינ.

כ א ר ט ו מ י י מ י צ ר א י מ (חרטומי מצרים) — די מאגנ, קישעפמאכער פונ עגיפּטנ (מיצראימ).

ד א כ ק ע ס (דחקות) — ענגשאפט.

קריִע־בליִע (קריעה־בליאה) — אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן.
ניל קעד (נלכד) — געפאנגען.
דער מוזשיק — דער פויער.
גאָראלנע (גוראלניע) — בראנפן־זאוואָד.
געקאטשעט — געוואלגערט.
מעצורעפ לאָזע (מצורף לזה) — צוגעגעבן דערצו.

צו ז. 85.

א ניצוצ (ניצוץ) — א פונק. דאָ געמיינט: א געבאָרענער טאלאנט.
מײַסעס (מעשיות) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: געשעענישן.
מעסוגל (מסוגל) געווען — פייִק געווען.
ראבע־באר־באר־כאָנע (רבה בר בר חנה) — איינער פון די טאלמוד־געלערנטע פון סאָף III יאָרהונדערט. וועגן זײַנע רײַזעס ווערן אין טאלמוד געבראכט פאנטאסטישע דערציילונגען.

„שוואָכע־יערושאָלאִים" („שבחי ירושלים") — א העברייִש ביכל וועגן דער שטאָט יערושאָלאִים. דער אווטער — יאקאָוו באָרוכ. דערשינען אין יאָר 1785.
הויסאָפעס (הוספות) — צוגאָבן.
„ציל אוילאָם" („צל עולם") דאָס קאָסמאָגראפישע ווערק „L'image du monde" פון גאָסוען, וואָס מאטיסיאָהו דע לא קראָטי האָט איבערגעארבעט אַפ העברייִש (געניוער זע אויבן, ז. 377).
איז ער קוילעל (כולל) — אנטהאלט ער.

אלע שעווע כאָכמעס (שבע חכמות) — אלע זיבן וויסנשאפטן, געמיינט: די גאנצע וויסנשאפט ביכלאל.

כידושים־וועניפלאָעס (חידושים ונפלאות) — וווּנדער איבער וווּנדער.
איבערגעקערט — פארוואנדלט, געמאכט.
גוימער (גומר) געווען — באשלאָסן.

צו ז. 86.

א קאָדעש (קדוש) — א הייליקער, א מארטירער.

אן אגונע (עגונה) — א פרוי, וואָס איר מאן האָט זי פארלאָזן און איר ניט געגעבן קיין געט, אזוי אז, לויט דער רעליגיִעזער פאָרשריפט, האָט זי מיט קיין אנדערן ניט געקאָנט כאסענע האָבן.

בעטעווע (בטבע) — פון דער נאטור.
באל־פּאכדן (בעל פחדן) — א פאכדן, א שרעקעדיקער.
מאלע וואָס — ווייניק וואָס, ווער ווייסט וואָס.
אײמעס־מאָוועס (אימת מות) — טויט־שרעק.
טאמוז (תמוז) — יוני—יולי.

אימירצעשעם (אם־ירצה־השם) — אויב גאָט וועט וועלן. אַן אָבערגלויבישע רעדנסאַרט, אַ באַוואָרעניש, ווען אַ רעליגיעזער ייִד רעדט וועגן צוקונפט־פּלענער.

געדופּעט — געהאָפּט, פאַרלאָזט זיך.

צו ז. 87.

מעכילע (מחילה) — געמיינט: מיט רעספּעקט צו מעלדן.

טאַכטויינים (תחתונים) — אונטערהויזן.

פעלפּענע — זייַד־סאַמעטענע, וועלוועטענע.

דער ליוויאָסן (לויתן) — אייגנטלעך: דער וואַלפיש. לויט דער טאַלמודישער לעגענדע — אַ פאַנטאַסטישער ריזן־פיש.

דער פּאַכעד (פּחד) — די שרעק.

האַנהאָגע (הנהגה) — אויפירונג.

אַ פּליִע (פּליאה) — אַ וווּנדער.

שויטעוואַטע — נאַרישלעך.

אַ קיִמעלאָן (קימא־לן) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אַן אָנגענומענע אַקסיאָמע.

איר וואָיר וואַכאַכאָמעהאָ, איר וואָיר אומעשוגאָעהאָ (עיר ועיר וחכמיה, עיר ועיר ומשוגעיה) — יעדע שטאָט האָט אירע כאַכאָמים און אירע מעשוגאָיִם.

זעלט עס — וואָלט עס.

צו ז. 88.

אַ גוזמע (גוזמא) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אָן אַן ערעך.

טייקו (תיקו) — אין טאַלמוד אַ פאָרמולע פון אַריבערגיין צו אַן אַנדער איניען, ווען עס ווערט געשטעלט אַ פראַגע און עס ווערט אַף איר קיין ענטפער ניט געגעבן. געוויינלעך פלעגט דאָס וואָרט געטייַטשט ווערן: „טייקו — בלייַבט אַ קאַשע“, בלייַבט עס ניט פאַרענטפערט.

מיט דעם באַל דאָווער (בעל דבר) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: מיטן שעד, מיטן טייַוול.

געבליבן מוסקעם (מוסכם) — געבליבן באַשטימט.

בוידעק (בודק) זייַן — איבערקוקן, רעווידירן. דער אָבערגלויביקער האַמויג האָט געגלויבט, אַז די מעזוזעס איבער די טירן היטן אָפּ פון רוכעס און שיידים. האָט זיך געטראָפן עפּעס אַן אומגליק, פלעגט מען זיך נעמען רעווידירן די מעזוזעס — איבערצייַגן זיך, צי די וואַך איז זיכער...

צו ז. 89.

אַ קאָהאָלשע זאַך — געמיינט: אַ געזעלשאַפטלעכע זאַך.

פאָלזע — נוצן.

לאָכיין (לכן) — דעריבער.

אלפי דרעכ האטעווע (על פי דרך הטבע) — נאָך דער נאַטור, נאָכן נאַטירלעכן גאַנג.

דער סייכל (שכל) איז מיסכייעוו (מתחייב) — געמיינט: דער סייכל איז מעכייעוו, די לאָגיק פאָדערט.

סוף כל אדם למות וסוף יהודי לטאקסע (סאָף קאָל אָדאָם לאָמוס וועסאָף יעהודי לעטאַקסע) — דער סאָף פון יעדן מענטשן איז שטאַרבן און דער סאָף פון אַ ייִדן איז צאָלן טאַקסע (קאָראָבקע — אַ קאָהאַלשער שטייַער־אָפּצאָל אַפּ פלייש. די דאָזיקע שטייַער־אינסטיטוציע איז געווען איינס פון די שווערסטע עקספּלואַטאַציע־מיטלען אין די הענט פונעם קאָהאָל און די גווירים קעגן דער ייִדישער אָרעמשאַפט).

טכום־שאַבעס (תחום־שבת) — דער שטעטל, וואָס אַ רעליגיעזער ייִד האַלט פאַר דערלויבט צו גיין אום שאַבעס (אויסערן שטאָט).

אַלעקסאַנדער מוקדען — אַלעקסאַנדער, קיניג פון מוקדען (מאַקעדאָניע, אין גריכנלאַנד, 356—323 פאַר דער אייראָפּייִשער ערע) איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער לעגענדאַרישער ליטעראַטור (און אין דער ייִדישער אויך).

פּיפּערנאָטער — גיפטיקע שלאַנג.

לינדענוואָרעם — דראַקאָן. די ביידע ווערטער באַטייַטן פאַנטאַסטישע, אויסטערלישע בהמות.

מישלאַכעסן — געמיינט: אָנשיקענישן.

צו ז. 90.

איבן מאַכשאָוועסן — (אין דער צייַט, ווען ער איז געווען פאַרטיפט) אין געדאַנקען.

מייַרעוו (מעריב) — די אָוונט־טפילעס.

סאָנע־ציִען (שונאי־ציון) אָדער סאָנע־ייִסראָעל (שונאי ישראל) — בוכשטעבלעך: די פייַנט פון ציִען (פון די ייִדן). אַ שאָוויניסטישע רעדנסאַרט, אַ באַוואָרעניש, ווען אַ רעליגיעזער ייִד רעדט וועגן אַ מעגלעכן אומגליק.

כייַעס־ראָעס (חיות רעות) — בייזע כייַעס.

ווילדע אומעס (אומות) — ווילדע פעלקער.

צו ז. 91.

זיך מעיאַעש (מיאש) געווען — געקומען אין פאַרצווייפלונג.

האָבן די זכיִע (זכיה) — האָבן דעם פאַרדינסט, ווערט זייַן.

קלאַל־ייִסראָעל (כלל ישראל) — אַלע ייִדן, די ייִדישע געזעלשאַפט.

פּאָדראָבנע — אויספירלעך.

ביסטו מענאַצייאַכ (מנצח) — באַזיגסטו.

פּכאָדים (פחדים) — שרעקן.

אַ קיילע שליימע (כלי־שלמה) — אַ פולקומע זאַך.

א ב ר אָ כ ע (ברכה) — א בענטשונג; ווערטער, מיט וועלכע מע בענטשט איינער דעם אנדערן.

ד אָ ב ר י ד י ע נ — גוטן טאָג!

צו ז. 92.

ק אָ ר אָ ב ק ע ל ע כ — קעסטעלעכ.

ש ע אָ ר־י ע ר אָ ק ע ס (שאר ירקות) — די איבעריקע (אנדערע) קרײַטעכצער.

ניט געוועג ל ע ר אָ צ נ (לרצון) — געמיינט: ניט געפעלן.

א ס ו י ש ט ש — א פײַפ.

א ש א ל ש ע ל ע ס (שלשלת) — א באשטימטע נאָטע פונ דעם רעטשיטאטיוו (לייענ־געזאנג, „טראָפּ״), מיט וועלכנ מע פּלעגט לייענעג די ביבל אינ שול.

א יי ו ע ר (אבר) — א גליד.

ב ע י מ (באם) — אויב.

א ו מ ע ס־ה אָ ו י ל אָ מ (אומות העולם) — די פעלקער פונ דער וועלט. געמיינט ניט־יידנ.

ד י מ ײַ ס ע פ ו נ י אָ ס ע פ ה א צ א ד י ק מ י ט ז ל י כ ע נ — די ביבלישע דער־ציילונג (בראשית, קאפיטל 34) וועגנ דעם, ווי פּויטיפערס פרוי האָט געפּרוּווט פאַרפירנ יאָסעפנ (יאנקעווס זונ). די שפּעטערדיקע יידישע לעגענדע רופט אָנ פּויטיפערס פרוי מיטנ נאָמענ זליכע (זולייקא „געליבטע״) — אינ דער אלטער אראבישער אונ פּערסישער פּאָעזיע.

צו ז. 93.

נ ו, ז ש י ד ק אָ, א ש ט ש אָ, ט ר אָ ש ק ע ל י פ ש ע? — נו, יידל, וואָס, עטוואָס בעסער?

ג ו י י ש — ניט יידיש. א שאָוויניסטישע באצייכענונג.

דער אָ ר ל (ערל) — געמיינט: דער ניט ייד. א שאָוויניסטישער אויסדרוק.

ט ר אָ ש ק ע ט ע ב ע ל י פ ש ע? — איז דיר עטוואָס בעסער?

ב י נ ש י מ ע א כ א ס (בנשימה אחת) — אינ איינ אָטעם.

ל י פ ש ע, ר א ק ר י ב י מ אָ, א ײַ, א ײַ, א ײַ — בעסער, נאָר די פיס מײַנע... אײַ, אײַ, אײַ. ר א ק (רק) — נאָר, „ריבי״ באטײַט פיש. ביניאָמינ אונטערשיידט ניט צווישנ ש אונ ס אונ אזויארום טײַטשט ער פ י ס — ר י ב י.

א י ז ו י ד ק י ט י, ז ש י ד ק אָ? — פונוואנענ ביסטו, יידל?

מ ײַ פ א כ־פ א ש ט אָ (מהפך פשטא) — צוויי באשטימטע טענער פונ דער טראדיציאָנעלער גאמע פונעם רעטשיטאטיוו (פונ די „טראָפּ״), מיט וועלכנ מע פלעגט לייענענ די ביבל.

י א נ י אָ מ ק א, ב י נ י אָ מ ק א ז ו ט ו נ ע י א ד ע ו ק ו — איכ בינ ניאָמקע אינ טוניאדעווקע.

ט י א י ז ט ו נ ע י א ד ע ו ו ק י? ק א ז ש י ז ש ע, ש ט ש אָ ט י ו י ט א ר א־ש ט ש י ל נ א מ ע נ י אָ ט ש י א י ג ל י א נ י ש י א ק ש א ל י אָ נ י? א ל י ע מ אָ ז ש ע

טי טאקי אי שאליאָני? טראסצא טוואָ? מאטערי! — דו ביסט פונ טוניאדעווקע? זאָג זשע, וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אפ מיר די אויגנ אונ קוקסט, ווי א מעשוגענער? אונ עפשער ביסטו טאקע מעשוגע? א רועכ אינ דײַנ מאמענ אַרײַנ!

יא טעבי לעכאטכילע קאזאטע, יא ניאָמקע טאמ אוו טונע־יאדעווקו! — איכ האָב דיר לעכאטכילע געזאָגט, איכ בינ ניאָמקע, דאָרטנ אינ טונעיאדעווקע.

אוו טונעיאדעווקי זשינקא טעבי דאמ טשארקי שליש אי שאבאשקאָווע בולקע, אי דאָברע דאנקויעט טעבי — אינ טונעיא־דעווקע וועט דיר (מײַנ) ווײַב געבנ א קעלישעק בראנפנ אונ שאבעסדיקע כאלע אונ וועט דיכ גוט באדאנקענ.

דאָברע זשידקאָ — גוט, ייִדל.

שײַלעס (שאלות) — פראגנ.

צו ז. 94.

טשויעש, סקילקע כאָטשעש זא פיוועני? זא ציבולי? — הערסט, וויפל ווילסטו פארנ האָנ? פאר די ציבעלעס?

מאָזשע מאיעש קארטאָפלי, יאיקי? — עפשער האָסטו קארטאָפל, אייער?

בעסויכ האבאָ:מ (בתוך הבאים) — צווישנ די אָנקומענדיקע.

טשויעש, מאָזשע טי באטשיל נא דאָראָגי זשידקא? או נאס יעדינ זשידקאָ, ביניאָמקא, ווטשאָרא פראפאל יאק אוו וואָדו — הערסטו, עפשער האָסטו געזענ אפנ וועג א ייִדנ? בא אונדז איז איינער א ייִד, ביניאָמקע, נעכטנ פארפאלנ געוואָרנ ווי אינ וואסער.

אוספײעט — באוויזנ.

צו ז. 95.

ראטונעק — רעטונג.

טאכבולעס (תחבולות) — מיטלענ.

גענעזנ ווערנ — אויסגעהײלט ווערנ.

גוימל (גומל) בענטשנ — זאָגנ אינ שול די בראָכע, וואָס איז באשטימט פאר די, וועלכע ראטעווענ זיכ פונ א טויט־געפאר.

צו ז. 96.

גויווער (גובר) געווענ — בײַגעקומענ.

א כאקרענ (חקרן) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: א פילאָסאָפ.

כשושנה בין החוחים (קעשוישאנאָ בײנ האכויכימ) — ווי א רויז צווישנ דערנער.

צו ז. 97.

מיט יעשועס (ישועות) אונ נעכאָמעס (נחמות) — מיט הילפ אונ טרייסט.

איישעס כא:ל (אשת חיל) — א פרוי א בעריע.

א נאס אפטײקל — געמיינט: א שענק.

נאָכן קעסט אראָפּגייענדיק — נאָכן אופהערן עסן קעסט באַם שווער. אין די ייִדישע באַלעבאַטישע פאַמיליעס איז געווען איַינגעפירט, אַז די ערשטע ציַיט נאָך דער חתונה (אָפט עטלעכע יאָר) פלעגט דאָס יונגע פאָרפאָלק וווינען און עסן בא דער קאַלעס פאָטער — דאָס האָט געהייסן „זיצן אַפּ קעסט". ווען דער איידעם פלעגט אָנהייבן לעבן אַפּ אייגענע הוצאָעס, פלעגט עס הייסן, אַז ער „גייט אַראָפּ פון קעסט".

איז זיך מעהאַנע (מהנה) — האָט פון דעם האַנאָע, קוויקט זיך.

פראַוודע — עמעס.

צו ז. 98.

ייִטער (יתור) — דער רעשט, וואָס בליַיבט בא א שניַידער פון דעם באַשטעלערס ציַיג.

זיך מיסכיַיעוו (מתחייב) געווען — זיך אונטערגענומען, פאַרפליכטעט זיך.

סילעקן דעם מויסער (מותר) — דעקן דעם רעשט.

בישטיקע (בשתיקה) — אין דער שטיל, בעסאָד.

מיַיסע־ליטוואַק — ווי א ליטוואַק. די ייִדישע באַפעלקערונג פון וואָלין (און פוילן) האָט געהאַלטן די ייִדן פון דער ליטע פאַר ניט קיין פרומע און בעמיילע אויך פאַר ניט קיין ערלעכע.

צו ז 99.

הינדיאָ — אינדיע.

סאַמבאַטיען (סמבטיון) — דער לעגענדאַרישער טיַיך, וואָס זעקס טעג אין וואָך האַלט ער קלוימערשט אין איין אַרויסוואַרפן פון זיך שטיינער און שאַבעס רוט ער.

אַנטיקודאַ — אַנטיפּאָד?

קעצאַפּיכיס (כצפיחית) — א ביבליש וואָרט. באַטיַיט: ווי א קוכן. די קאָמענטאַטאָרן פון דער ביבל האָבן ניט געוווסט די עטימאָלאָגיע פונעם וואָרט, און דאָס וואָרט איז אַזויאַרום פאַרעכנט געוואָרן אַלס אַן עקזאָטישס.

איש אחד היה בטונעיאַדעווקע (איש עכאָד האָיאָ בעטונעיאַדעווקע) — א מענטש איז געווען אין טונעיאַדעווקע.

ושמו סענדערל (אושמוי סענדערל) — מיטן נאָמען סענדערל.

היה איש פשוט (האָיאָ איש פּאָשוט) — איז געווען א פּאָשעטער מענטש.

וואָלנע סלושאַטעל — פריַיער צוהערער.

האַמצאָע (המצאה) — איַינפאַל.

א פּאָקאָרנער — א געהאָרכזאַמער.

מוידע (מודה) זיַין — אַנערקענען.

צו ז. 100.

בערלעך (בוזיקעס אָדער שישקעס) — פלעגן שטיפעריש וואַרפן טישעבאָוו די ייִנגלעך, ווען די דערוואַקסענע האָבן געזאָגט „קינעס" (קלאָג־לידער אַפּן חורבן פון בייס־אַמיקדעש אין יערושאָלאַיִם).

קישעלעכ — מיט קישעלעך פלעגט מען זיך באוואָרפן הוישײַנאַראַבע באַנאַכט, קעדיי ניט לאָזן אײַנשלאָפן, ווען מע זאָגט דעם „טיקן".

טיקן (תיקון) — א ריי ספּעציעלע אויסצוגן פון דער ביבל פאַר דער נאַכט פון הוישײַנאַראַבע (און פאַר דער ערשטער נאַכט פון שוועס).

קאַפּאָרע־הינדל — דאָס הינדל, מיט וועלכן רעליגיעזע ייִדן פלעגן ערעוו יאָנקיפּער, לויט אַן אָבערגלויבערישן מינהעג, „שלאָגן קאַפּאָרעס": דה. דרייען מיטן הינדל איבערן אייגענעם קאָפּ און דערבײַ זאָגן דעם שפּרוך: „זע קאַפּאָראָסי, זע כאַליפּאָסי, זע טמוראָסי" (דאָס איז מײַן קאַפּאָרע, דאָס איז אָנשטאָט מיר, דאָס איז מײַן בײַט)... נאָכדעם פלעגט מען דאָס הינדל קוילען און אופעסן. — א „קאַפּאָ־רע־הינדל" איז א סינאָנים פאַר אָפּקומען ליידן פאַר פרעמדע זינד.

ראָצן (רצון) — ווילן.

מעוואַטל (מבטל) זײַן — פאַרניכטן, צונישט מאַכן.

קונדייסים (קונדסים, אייַנצאָל: קונדעס — קונדס) — פאַרשײַטע ייִנגלעך.

טאַרבעס (תרבות) — געמיינט: דערציערעץ.

שקאָצים (שקצים) — דאָס וואָרט, אלס א שאָוויניסטישער אויסדרוק, ווערט באַנוצט צו באַצייכענען ניט־ייִדישע קינדער, איז אָנגעווענדט געוואָרן צו ייִדישע קינ־דער אלס א זידל־וואָרט.

צו ז. 101.

דאָליע — גורל.

מעקאַבל בעאַהאַווע (מקבל באהבה) זײַן — אָנעמען פאַר ליב.

שויעל־בעייצע (שואל בעצה) זײַן — פרעגן אַן אייצע, האַלטן זיך אַן אייצע.

דער טאַם (טעם) — דער מאָטיוו, די סיבע.

זיך מעכײַע (מחיה) זײַן — זיך דערקוויקן.

כעלקאַס־האַלאָשן (חלקת הלשון) — גלאַטקײַט פון צונג, גלאַטיק צינגל.

ויהי כבוא בנימין לסענדערל (ווײַהי קעוווי ביניאָמין לסעענדערל) — און עס איז געווען, אז ביניאָמין איז געקומען צו סענדערלען.

כשהוא יושב על ספסל החלב וקולף קארטאָפליעס (קעשעהו יוי־שעוו אל סאַפּסל העכאָלאָוו וועקוילעף קאַרטאָפּליעס) — ווי ער זיצט אף דער מילכיקער באַנק און שיילט קאַרטאָפליעס.

לימדינאס האיאַמ (למדינת הים) — אין א לאַנד, וואָס געפינט זיך אף דער אַנדערער זײַט יאַם. געוויינטלעך געמיינט: קיין אמעריקע.

אישע (אשה) — א פרוי.

צו ז. 102.

מיט היסלײַוועס (התלהבות) — מיט ענטוזיאַזם.

צו ז. 103.

א טרופע (תרופה) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א מיטל.

מיט גאדלעס (גדלות) — מיט גרויסקייט.

ישמעילים (ישמעאלים) — געמיינט: מאכמעדאנער.

דער נאָגיד (נגיד) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: דער האר, פירשט פון די דאָרטיקע יידן.

א יאָר דרייסיק אין דעם — א יאָר דרייסיק צוריק.

שייוועט שימען (שבט שמעון) — איינער פון די „צען שוואַטים". זע „אסערעס האשוואָטים" (באמ. צו ז. 83).

שייוועט ייסאָכער (שבט יששכר) — זע „אסערעס האשוואָטים" (באמ. צו ז. 83).

איז זיך אויסעק (עוסק) — פארנעמט זיך.

צו ז. 104.

די בערג ניסבוין (ריכטיקער: ניסבאָר) — די בערג נישאפור אין צאָפן־מיזרעך פון איראן.

אפ דעם טייך גויזאָן — ווארשיינלעך, דער טייך קישעפ (אטרעק), וואָס פאלט אריין אין קאספישן יאם.

קראכים (כרכים) — רייזיקע שטעט. מערצאָל פון קראך אָדער ריכטיקער קאָראָך (כרך) — גרויסע שטאָט.

פון די אומעס (אומות) — געמיינט: פון די ניט־יידישע פעלקער.

א בריס (ברית) — א בונד.

דער קויפער אל־טורעך (כופר אל־תור״ך) — ווארשיינלעך, דער פירער פון א רעליגיעזער סעקטע בא די טורקמענער.

בניי רייכאָוו (בני רכב) — די קינדער פון רייכאָוו (אָדער ריכטיקער: די קינדער פון יוינאָדאָוו בען רייכאָוו — יונדב בן רכב) — א שטאם, וואָס ווערט עטלעכע מאָל דערמאָנט אין דער ביבל. אין דער נאָך־ביבלישער און מיטלאלטערלעכער ליטעראטור איז דער דאָזיקער שטאם געוואָרן אן אָביעקט פון צאָלרייכע לעגענדעס.

אפן גאָלעס ייסראָעל (גלות ישראל) — געמיינט: אף די (פון פאלעסטינע) פארטריבענע יידן.

א מישנע־לעמעלעך (משנה למלך) — א וויצע־קיניג.

טקיעסקאפ (תקיעת־כף) — א האנט־שלאָג; צו באצייכענען, אז ס'איז עפעס אָפגערעדט געוואָרן.

צו ז. 105.

דו האָסט דען בעדייע? (בדעה) — דו מיינסט דען?

א גמילעסכעסעד (גמילות חסד) — א (קליינע) האלוואָע (אָן פראָצענט).

בעסימכע (בשמחה) — מיט פרייד.

דו ביסט מוסקעם? (מוסכם, ריכטיקער: מאסקים — מסכים) — דו שטימסט איין?

צו ז. 106.

ג ע ב אָ ב ר ע ט — געפּאַרעט.

י ע ר כ ע — ווײַסע זעמש.

אין דער ה א ס כ אָ ל ע (התחלה) — אין אָנהייב.

מ ע ק ײַ ע מ פּ ס א ק (מקים פסק) זײַן — אויספירן א גערייכטלעכן באשלוס. דאָ געמיינט: אָפּטאָן זײַן רעכט, אָפּשמײַסן...

צו ז. 107.

א כ אָ ק ל — דער סייפער „כאָק־לעיִסראָעל" (חק לישראל).

צו ז. 108.

ט ש א ט ש ק ע ל ע — צאַצקעלע.

ב אָ ב נ — באָב.

ש א ל נ — טרומייטערן.

אין ג אָ ט ס ש ל י כ ע ס (שליחות) — לויט גאָטס אופטראָג.

וו אָ ס ג ײ ט מ י ר אָ פּ? — וואָס פעלט מיר?

פּ י ר ט ז יי א ו י ס — העלפט זיי אויס.

ד י ל ע פּ צ נ — די ליפּן.

„מ ע ל ע כ ע ל י ו י נ" („מלך עליון") — איינער פון די הימנען, וואָס גייען אריין אין דער ליטורגיע פון ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער.

ק י ס ע ־ ה א ק אָ וו ע ד (כסא הכבוד) — גאָטס טראָן.

צו ז. 110.

ג ע ל ו ג ט — געלויערט, געקוקט, אויסגעקוקט.

א א י נ ד — א סארנע.

ס ק א ל ע — פעלדז.

מײַנ געטרײַען ג ע ז ע ל נ — מײַן געטרײַען כאַווער, געהילפן, יונג.

לָעמײַ? (למאי?) — צו וואָס?

צו ז. 111.

סטוק, סטוק, סטוק — קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ.

צו ז. 113.

וו אָ ר אָ נ ע ס — ראָבן.

איז נישט ב ע י ע כ ו י ל ע ס (ביכולת) — קאָן ניט.

צו ז. 114.

א ס ל ע ד — א שפור.

ס י נ י א ק ע ס — בלאָע צייכנס.

פ ע ט ש א ט אָ ק — פּאָטשאטעק, אַנ אָנהייב.

ביז דעמ ע ל ע פ ה א ש ו ו ? (אלף השביעי) — ביז דעמ זיבעטנ טויזנט. געמיינט: ביז עס וועט ווערנ זיבנ טויזנט יאָר נאָכ דער טראדיציאָנעלער יידישער צייט־רעכע־נונג (דאָס יאָר 1878, ווענ ס'איז דערשינענ „מאסאָעס", איז לויט דער דאָזיקער צייט־רעכענונג געווענ דאָס יאָר 5638).

צו ז. 115.

א ס ר אָ ר ע (שורה) — א מאגנאט, א גרויסער פּאָרעצ.

מ יי ס ע ־ ס אָ ט נ (מעשה שטן) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: ווי אפּ־צעלאָכעס, ווי לויט א שפּיל פונעמ טייוול.

ווי א ק א ז א י ע ס (כזית) — ווי אנ איילבערט די גרייס.

א פּ ע ר ט ל ד י ק נ ס יי פ ע ר — א סייפער געדרוקט אינ קווארטאָ.

א מ א כ ז ע ר ל — א בוכ, וואָס אנטהאלט די ליטורגיע פאר די פארשיידענע יאָנטויווימ.

א ק ד אָ מ ע ס (אקדמות) — א רעליגיעזער הימנ פארנ יאָנטעוו שוועס. דער דאָ־זיקער הימנ איז אָנגעשריבנ אפּ אראמיש; פארפאסט האָט אימ מייער שאצ אינ XI יאָרהונדערט, אונ ניט עלדאָר האדאָני, ווי ביניאָמינ מיינט.

מ א פ ס י ק (מפסיק) געווענ — איבערגעהאקט, איבערגעריסנ.

צו ז. 116.

ק אָ ל י ז ש י ד ס פּ י ו ו א י ע, ק אָ ל י ו י נ ג אָ ל אָ ד נ י — ווענ זינגט א ייד, ווענ ער איז הונגעריק.

מ ע פ ו י ר ע ש (מפרש) זיינ — דערקלערנ.

ט א מ (טעם) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: מאָטיוו, זינ.

אינ אלע ר א מ א כ א יי ו ו ר י מ — געמיינט: אינ אלע גלידער. דער אויסדרוק „ראמאכ אייוורימ" (רמ"ח אברים — 248 גלידער) בעמט זיכ דערפונ, וואָס לויט די פאָרשטעלונגענ פונ די אויטאָרנ פונעמ טאלמוד וועגנ אנאטאָמיע פארמאָגט א מענטש 248 גלידער.

פונ ק אָ ל ט ו ו ו (כל טוב) — פונ אלדאָסגוטס.

מאנ (מן) — די הימלישע שפּייז, מיט וועלכער די קינדער ייִסראָעל זאָלנ זיכ האָבנ דערנערט אינ דער מידבער, לויט דער ביבלישער לעגענדע.

א ו נ ט ע ר ג ע ל ע נ ט ז יי ע ר ה א ר צ — איבערגעביסנ. א מעטאפאָרישער ביבלי־שער אויסדרוק.

צו ז. 117.

גאָט באָרעכ־הו (ברוך־הוא) — גאָט, געבענטשט איז ער.

כידעשלעכ — וווּנדערלעכ.

א קאָראָבקעלע — דער קאָראָבקע־אָפּצאָל (אָדער: די קאָראָבקע); א ספּעציעלער אָפּצאָל אַפ קאָשער פלייש בא דער צארישער רעגירונג.

א קליי־קוידעשל — א גײַסטלעכער, איינער פונ דעמ קלער: א ראָוו, א שויכעט, א דײַענ, א כאזנ, א שאמעש.

א כעווּרעלע — א (רעליגיעזע אָדער צדאָקע־)געזעלשאפט.

מעכאברישער — אווטערשער.

א זיווּעג מינ האשאָמאַימ (זיווג מן השמים) — געמיינט: א באשערטע פּאָר.

אינ גאשמיעס (גשמיות) — אינ מאטעריעלע זאכנ.

אינ רוכניעס (רוחניות) — אינ גײַסטיקע זאכנ.

א גרויסנ **קיווּנ** (כוון) — א גייסע קאוואָנע, א וויכטיקער מיינ.

טארגעמ (תרגום) — בוכשטעבלעכ: איבערזעצונג. געוויינלעכ געמיינט: די קאָנאָניזירטע איבערזעצונג פונ דער ביבל אַפ אראמיש. **טארגעמ־לאָשנ** הייסט די אראמישע שפראכ. בא דער יידישער פּאָלק־מאסע האָט עס אָבער באקומענ די באדײַטונג „אנ אומפארשטענדלעכע שפראכ".

כוּצ לאָארעצ (חוץ לארץ) — בוכשטעבלעכ: אויסלאנד. געמיינט: אלע לענדער, אכוּצ פּאלעסטינע.

מיט דײַטש — געמיינט: מיט יידיש.

צו ז. 118.

בעהאכנאָע (בהכנעה) — אונטערטעניק.

ביטאָכנ (בטחון) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: דאָס פארלאָזנ זיכ.

קעהײַ לישנאָ (כהאי לישנא) — געמיינט: מיט די ווערטער.

דאָברי דיענ! קאזשי נאָ, טשעלאָוויטשע, קודי דאָראָגי אַפ ערעצ־יסראָעל? — גוטנ טאָג! זאָג נאָר, מענטש, ווו איז דער וועג אַפ ערעצ־יסראָעל?

טשטאָ?.. יאקי סרול? ניע באטשיל יא סרוליא — וואָס?.. וואָס פאר סראָעל? איכ האָב קיינ סראָעלנ ניט געזענ...

ני, ני! עטאָ ווי סרול, א וינ, לעהאוודל, ערעצ־יסראָעל קאזאטי, וינ — ניינ, ניינ! דאָס זאָגט איר „סראָעל", ע. לעהאוודל, זאָגט „ערעצ־יסראָעל", ער.

אַפּ ערערעצ־יסראָעל קודי דאָראָגי? — אַפּ ערעצ־יסראָעל ווו איז דער וועג?

א פיעס וואס, זשידקי, זנאיעט, שטשאָ ווי מאָראָטשעטע מעני גאָלאָווו. עטאָ דאָראָגי דאָ פיעווּקי, א וואָני עלעסלאָעל! עלעסלאָעל! — ווייסט אײַכ דער הינט (געמיינט: דער רוּעכ), וואָס איר דולט מיר דעמ קאָפּ. דאָס איז דער וועג קיינ פּיעווּקי, אונ זיי — עלעסלאָעל, עלעסלאָעל!

צו ז. 119.

מעצאער (מצער) געווען — פארשאפט צאר, אגמעסנעפּעש.
כאָלילע (חלילה) — גאָט באהיט. א צושפּרוך א באוואָרעניש, ווען א רעליגיע־זער ייִד רעדט וועגן א מעגלעכן אומגליק.
הילעכ (הילוך) — גאנג.
מא שמייכעמ? (מה שמכם?) — ווי איז אייער נאָמען? ווי רופט מען אייך?
א מעשאמעש (משמש) — א באדינער.
באסמאלקע (בת מלכה) — פּרינצעסן.

צו ז. 120.

בענמעלעכ (בן מלך) — פּרינץ.
אפ וועלכן אוילעמ (עולם) ער איז — אפ וועלכער וועלט ער איז.
א טקיִע־גדוילע (תקיעה גרולה) — א לאנג אויסגעצויגענער טאָן באם שויפער־בלאָזן.
שומ — טומל.
פּאָמסענע — פּאָנסאָווע, רויטע.
אסיפע (אסיפה) — פארזאמלונג.
רייב — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אבסאָליוט.

צו ז. 121.

אפ מישקוילעס (משקולת) — געמיינט: אפ א האָר, אפּן ברעג, קאנט.
סטראָיען — שטעלן אָן.
ליכוויד (לכבוד) — לעקאָוועד. וועליכוויד (ולכבוד) — און לעקאָוועד.
ולכבוד כל המסובים בכאן (וועליכוויד קאָל האמעסובים בעקאן) — און לעקאָוועד אלע אָנוועזנדיקע.

צו ז. 122.

מעגאלע (מגלה) זיין — אנטפּלעקן, אויסזאָגן.

צו ז. 123.

א כידעש ניפלע (חדוש נפלא) — געמיינט: א גרויסער ווונדער.
ראבויסיי (רבותי) — מיינע הערן.
אזא פּיירעש (פירוש) צו מאכן — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: צו מאכן אזא ווערן.
נישט גוירעס (גורס) געווען — ניט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג; אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: ניט געוואָלט ליידן.

צו ז. 124.

„ל י ב ה א ר צ ע ד י ק ע ז י ס ע, א י א י נ ו ו י נ ק ל א י א י נ ד ע ר ל ו ז ש ע ז ײַ נ ע נ ז י י נ י ט צ ע ש י י ד ט ג ע ו ו אָ ר נ״ — אנ אָנדײַטונג אפנ ביבלישנ זאצ: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״ (די געליבטע אונ די ליבלעכע, באמ לעבנ אונ באמ טויט זײַנענ זיי ניט צעשיידט. שמואל ב, קאפיטל 23,1).

פונ דער ט ו ו י ל ע (טבילה) — פונעמ אָפּטונקענ זיכ, פונ דער באָד.

ק ו ל י ק ל ע כ — בינטלעכ.

צו ז. 125.

ל י י ל - ט ו ו י ל ע (ליל טבילה) — באָד־נאכט.

אינ דער ג א ר ג ע ר ע ס (גרגרת) — אינ האלדז, אינ גאָרגל.

ט י ט ו ס ה אָ ר אָ ש ע (טיטוס הרשע) — דער רוימישער קייסער טיטוס (39 — 81 פונ אונדזער ערע). ווײַל ער האָט אינ יאָר 70 כאָרעוו געמאכט די שטאָט יערושאָלאיִמ, האָבנ אימ די ייִדנ אָנגערופנ דער „ראָשע״, אונ א טאלמודישע לעגענדע דערציילט, אז גאָט האָט אימ באשטראָפּט: א מוק האָט זיכ ארײַנגעקליבנ צו אימ אינ מויעכ אונ איז אימ דערגאנגענ די יאָרנ.

מ א צ ל י ע כ (מצליח) זײַנ — באגליקנ.

צו ז. 126.

אפּשיטע שוינ — שוינ אָפּגערעדט.

ס י ד ו ר י מ (סידורים) — ביכער פונ טפילעס פאר א גאנצער וואָכ אונ פאר שאבעס.

ל א י ע ל ה ו ל א י ב ו א (לוי יאאלע וועלוי יאָווי) — געמיינט: דאָס זאָל זיכ ניט טרעפנ. א רעדנסארט — א באוואָרעניש.

ש ו י מ ע ר - א ו מ א צ ל (שומר ומציל) זײַנ — אויסהיטנ.

צו ז. 127.

ק ס א ו ו י א ד (כתב יד) — מאנוסקריפּט.

א זיכערע ש מ י ר ע (שמירה) — א זיכערע באוואָרעניש.

ס י ד י ד אָ מ א ד א נ י ע ר י פּ ײַ ס א — זיצ אינ דער היימ אונ רוק זיכ ניט.

ל ע ה א ו ו ד ל (להבדיל) — ניט צוצוגלײַכנ. א רעדנסארט א באוואָרעניש, ווענ א רעליגיִעזער ייִד פארגלײַכט מענטשנ, זאכנ אונ דערשײַנונגענ, וואָס מע טאָר זיי, נאָכ זײַנ מיינונג, ניט פארגלײַכנ.

ג ע מ אָ ר ע — א באשטימטער טייל פונעמ טאלמוד, אייגנטלעכ א קאָמענטאר צו דער מישנע, דער זאמלונג פונ נאָרמענ פונעמ אלטנ ייִדישנ ציווילנ, קרימינעלנ אונ פּראָצעסועלנ רעכט, אָנגעשריבנ צווישנ דעמ III אונ דעמ VII יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע.

א ג ע מ אָ ר ע — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: אנ אָרט אינ טאלמוד.

צו ז. 129.

דראָלן — שפּאַנען.

אָן שום מעלאָכעס — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אָן קונצן.

מאַקדימ (מקדים) געווען — פאַרלאָזן דעם וועג, פריִער געטאָן.

צו ז. 130.

טאַק (ת״ק) מאָל טאַק — 500 מאָל 500.

יורדיקעס, קאַטשעניוקעס, מאָטשעגיוקעס, פּיסקעס, יאַרנ און פּאָדאָלב — נעמען פון פאָרשטעט אין די ייִדישע שטעט, צב. יורדיקעס איז א פאָרשטאָט פון זשיטאָמיר, פּיסקעס — א פאָרשטאָט פון בערדיטשעוו, פּאָדאָל — א פאָרשטאָט פון קיִעוו.

קעכויל האַיאָמ (כחול הים) — ווי דער זאַמד פון יאַם.

כאַקראָנימ (חקרנים) — פילאָסאָפן.

כקירע-ספאָרימ (חקירה־ספרים) — פילאָסאָפישע ביכער, ביכער וועגן אַבסטראַקטע זאַכן.

אַלפּי כקירע (על פי חקירה) — געמיינט: לויט דער פילאָסאָפיע.

צען טעפּ אָרעמקייט — ס'איז דער טאַלמודישער אויסדרוק: „אַסאָראָ קאַבינ“ („עשרה קבין“), וואָס ווערט געווייגלעכ איבערגעזעצט „צען מאָס“.

צו ז. 131.

כי מלאה האָרץ חמס (קי מאָלעאָ האָאָרעצ כאָמאָס) — ווייל די ערד איז פול געוואָרן מיט רויב. אַן אָנדייטונג אָפּ אַן ענלעכן ביבלישן פּאָסעק „ותמלא האָרץ חמס“ (ברייִשיס, קאַפּיטל 11,6).

מאַסביר (מסביר) זייַן — דערקלערן.

כומעש (חומש) — די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל.

דאָר האַפּלאָגע (דור הפלגה) — די צייַט, ווען מע האָט געבויט דעם באָוועל־טורעם, לויט דער ביבלישער לעגענדע.

באַאַוווינויסייגו־האָראַבימ (בעונותנו הרבים) — איבער אונדזערע גרויסע זינד.

מאַכן זיך א שעמ (שם) — געמיינט: מאַכן זיך א נאָמען, שטעלן זיך א דענקמאָל.

אַווראָמ (אברהם) — דער לעגענדאַרישער אורפאָטער פון די ייִדן.

לאָט (לוט) — זייַן פּלימעניק. וועגן דער קריגערייַ צווישן זיי ווערט דערציילט אין דער ביבל (בערייִשיס, קאַפּיטל 13).

פּאַרטשיק — א פורמאַן מיט א פּאָר פערד.

מאַזיק (מזיק) געווען — געשעדיקט.

כניאָקעס, פלאָכטנ — יאָלדן, טויגעניכטסן.

צו ז. 132.

קורלאפניטשקע — הינער־הענדלערן.

צו ז. 133.

מיט דער מומע וויטען — געמיינט: מיט דער ענגלישער קיניגן וויקטאָריע (1908—1819).

האסבאָרעס (הסברות) — דאָ געמיינט: קונצן.

צו ז. 134.

שפריזשינקעלע — פּרוזשינע, פעדער.

שפּיל־פושקעלע — אויטאָמאטיש שפּיל־קעסטעלע.

פאשטן (פשטן) — א מענטש, וואָס דערקלערט דערשייַנונגען לויטן פּראָסטן געזונטן סייכל.

א גוילעם (גולם) — א האָמונקולוס, א מענטש, קינסטלעך געמאכט דורך מאַגישער קונסט.

מאָפּסים (מופתים) — ווונדער.

מיסנאגעד (מתנגד) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אָפּאָנענט, קעגנער.

די מומע ראָסיע — רוסלאנד.

ראציעס — אייגנטלעך: לאנגע רייד, ארגומענטאציעס. אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: ביולעטענען.

איניאָנע־האפּאָליטיקע (עניני הפּאָליטיקע) — די איניאָנים פון דער פּאָליטיק.

צו ז. 135.

נויסע־כיין (נושא חן) געווען — אויסגענומען.

אין א טעסיע — אף א זיצונג, אף א באראטונג.

נישט אף דעם אוילעם (עולם) — ניט אף דער וועלט.

לעגאמרע (לגמרי) — דורכויס, אבסאָליוט.

מעפאלפל (מפלפל) געווען — דעבאטירט, דיסקוסירט.

יויסיפן (יוסיפון) — א מיטלאלטערלעכע איבעראַרבעטונג פון יאָסעפוס פלאוויוסעס געשיכטלעכע ווערק, וואָס גיט זיך אליין אויס פאר א ווערק פון יאָסעף בען גוריאָן האקויהען. דער „יויסיפן" איז פול מיט לעגענדארישן מאטעריאל. די ערשטע געדרוקטע אויסגאבע: ציריך 1546.

צו ז. 136.

לאכלוטן (לחלוטין) — אבסאָליוט, דורכויס.

געטיטשעט — געטײַטשט.

יעוואָניס — גריכיש.

בנײ אוראָהאָמ ייִצכאָק וועיאקאָוו (בני אברהם, יצחק ויעקב) — די קינדער פונ אוראָהאָמ, ייִצכאָק אונ יאנקעוו. געמײנט: די ייִדנ.

יעש־אוימרימ (יש אומרים) — בוכשטעבלעכ: עס זײַנענ פאראנ אזוינע, וואָס זאָגנ. דער אויסדרוק איז א טאלמודישער. געמײנט: (ס׳איז פאראנ) א שטאנדפונקט, א מײנונג.

„דאָס לאנד פונעמ פריסטער יאָנ“ — „דאָס לאנד פונעמ פרעסביטער יאָאנ“. אינ די מיטלאלטערלעכע לעגענדעס פיגורירט א פרעסביטער, וואָס קיניגט איבער א מעכטיק קריסטלעכ קיניגרײַכ ערגעצ־ווו אינ מיטל־אזיע. ס׳איז א קריסטלעכע אנאלאָגיע צו דער ייִדישער לעגענדע וועגנ די צענ שוואָטימ הינטער די האָרע־כוישעכ.

צו ז. 137.

די מאלכוּיעס (מלכיות) — געמײנט: די קיניגרײַכנ אָדער די קיניגלעכע פערזאָנענ.

ניצמאכ (נצמח) — ארויסשפראָצנ, ארויסוואקסנ.

טארומעס (תרעמות) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמײנט: אומצופרידנקײַט.

צו ז. 138.

אָקרענטנ — שיפנ.

דער פעטער ייִשמאָעל — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמײנט: טערקײַ.

פרוט — א טײַכ אינ רומעניע.

נאפאָלעאָנ — דאָ געמײנט: נאפאָלעאָנ דער דריטער.

צו ז. 139.

טאָרעד (טרוד) — פארנומענ.

קוינע־שעמ (קונה שם) געווענ — באקומענ א נאָמענ.

געלאָבט — געקוויקט, אָנגעקוואָלנ.

צו ז. 140.

אניוועס (עניוות) — באשײדנקײַט.

צו ז. 141.

מינצ — מאטבײעס. געמײנט: קלײנגעלט.

צו ז. 142.

זכוס־אָוועס (זכות אבות) — די פארדינסטנ (די גוטע מײַסימ) פונ די עלטערנ.

נוילעד (נולד) געוואָרנ — געבאָרנ געוואָרנ.

צו ז. 143.

מאמצי (ממציא) געוועג — דערפונדנ.

מאכנ א „מאָלע״ — זאָגנ די טפילע פאר געשטאָרבענע „אייל מאָליי ראכמימ״ (אל מלא רחמים).

כאטע־פאָקרישקע — געמיינט: פארדעקט, פאריבנ.

זיי האָבנ בעקאבאָלע (בקבלה) פונ... — זיי האָבנ עס איבערדערציילט פונ...

צו ז. 144.

מיסע־מעשונע (מיתה משונה) — אומנאטירלעכער טויט.

מאניפאָרגע־לאָשנ — הענטשקע־לאָשנ, גאנאָווימ־שפראכ. די עטימאָלאָגיע פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט, וואָס מענדעלע גיט, איז, פארשטייט זיכ, ניט מער ווי אנ איראָניע, א כויזעק פונ באשטימטע פאָלקס־עטימאָלאָגיעס.

כאָכמעס־האיאד (חכמת היד) — כיראָמאנטיע, זאָגנ נעוויעס לויט די שטריכעלעכ פונ דער האנטפלאכ. בא מענדעלענ הייסט עס „האנט־וויסנשאפט״: „קוקנ יענעמ אינ דער האנט אריינ״, דה. וואָרטנ אפ נעדאָוועס.

שעלוי־קעדערעכ־האטעווע (שלא כדרך הטבע) — אומנאטירלעכ.

טנועס (תנועות) — באוועגונגענ, מינעס, גרימאסנ, זשעסטנ.

יאקבי — קלוימערשט.

ערעוורואו (ערב רב) — דער געמיש (פונ מענטשנ, פונ פעלקער).

געזע קאפטוירימ (גזע כפתרים) — דער וואָרצל (דער שטאמ) פונ קאפטוירימ. דער שטאמ קאפטוירימ ווערט דערמאָנט אינ דער ביבל.

פאָראָדע — ראסע.

מאכריע (מכריע) זייַנ — אנטשיידנ, וועלכע פונ צוויי מיינונגענ איז ריכטיק.

מאטיסיאָהו (מתתיהו) דעלעקארטי (ריכטיקער: דע לא קראָטי) — א יידישער געלערנטער פונ פוילנ, געלעבט אינ XVI יאָרהונדערט. ער האָט עס איבערגעארבעט גאָסועס קאָסמאָגראפיש ווערק „L'image du monde“ אפ העברייִש אונ האָט עס א נאָמענ געגעבנ „צייל אוילאָמ״ (צל עולם).

צו ז. 145.

שטשעטינעס — כאזער־האָר.

צאָרפאס (צרפת) — געמיינט: פראנקרייַכ.

אפ א פאָפאס — געמיינט: אפ איבערבייַכנ אונ אָפרועג.

פאָווערענעס — געשעפט־פארטרעטער.

צו ז. 146.

אייַנלאדעווענ — אייַנאָרדענענ.

קאָהאָלשע היצטארכעס (הצטרכות) — געזעלשאפטלעכע באדערפעניש.

באלשעמ (בעל שם) — א באלנעס, וואָס, לויט די פאָרשטעלונגענ פונ אָבער־

גלוויביקע, טוט ער אוף ווונדער, הײלנדיק מענטשן מיט ארויסגעזאָגטע און אופ־געשריבענע קאָמבינאציעס פון די אויסיעס פון גאָטס נאָמען.

קיין טאָטער (אָדער: קיין קיידער) — געמיינט: קיין זנאכער, קיין טאָטער.

אין די קליינע אויסיעלעך (אָדער: אין די שווארצע פינטע־לעך) — געמיינט: אין די ביכער (באַזונדערס אין די העברייִשע).

האסקאָמעס (הסכמות) — אפּראָבירונגען, רעקאָמענדיר־בריוו. די דאָזיקע „האט־קאָמעס", אונטערגעשריבן פון ראבאָנים און לאַמדאָנים, פלעגן מיט אומגעווײנלעכע גרוזמעס לויבן דאָס ווערק, פאר וועלכן זיי פלעגן געשריבן ווערן, און אויך דעם אוו־טער („מעכאבער") גופע.

הייבן ווי אַף דרוקעס — לויבן ביזן הימל, שטארק רימען.

צו ז. 147.

ספּאלניע — שלאָפצימער.

צו ז. 148.

א בוירע (בורא) — באשעפער.

צו ז. 149.

מיט א דערעכ־האטעווע (דרך הטבע) — מיט א נאטירלעכן גאנג.

צו ז. 150.

יִמאכשמויגיק — געמיינט: פארשאָלטענער, עמעצ, וואָס איז ווערט, אַז זײַן נאָמען זאָל אויסגעמעקט ווערן פון אומעטום.

מא ראש? (מה רעש) — וואָס איז דער טומל?

צו ז. 151.

ניצל צו ווערן — געראטעוועט ווערן.

צו ז. 152.

טעליגעס — וועגענער.

צו ז. 153.

מיטשניטשקע — מעל־פארקויפערן.

קארמאנשטשיק — קעשענע־גאנעוו, בײַטל־שנײַדער.

א מאראָכע — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א גליק.

צו ז. 154.

ניסגאלע (נתגלה) געוואָרן — אנטדעקט געוואָרן.

וסטרעניען — באגעגענען.

צו ז. 155.

די פּאָלן — די פּאָדלאָגע, די דילן.
ליסקעס — שופּן.
ראַשקע — א שעפּליק.
אין מערכעץ (מרחץ) — אין באָד.
סוכאָזשילעס פון לעבער — געמיינט: דער גאַל־קאַנאַל (דאָס „ליכטל״).

צו ז. 156.

מאַקערטעס (אָדער טשאָרלעס, טערלעצקעס, קוגל־שאַרבנס) — קוגל־טעפּ.
פּאַראַסאָנען — פּאַראַסאָלן, שירעמס.
כאַסוועשאָלעמ (חס ושלום) — זע „כאָלילע״ (באַמ. צו ז. 119).
טאַמציס (תמצית) — קווינטעסענץ.

צו ז. 157.

ניט סויִמעכ (סומך) זײַן — ניט פאַרלאָזן זיך.
רויפים (רופאים) — פעלדשערס.
מעכאַדעש (מחדש) זײַן די לעוואָנע — געמיינט: זאָגן באַשטימטע טפילעס אין יונג־כוידעש באַם שײַן פון דער לעוואָנע.
אָטסטאַוונע סאָלדאַטן — סאָלדאַטן אין דעמיסיע, אָפּגעגאַנגענע פון מיליטער־דינסט.
פּאַני סטאָראָזש — הער וועכטער.
אָפּשנײַצן — אַראָפּנעמען דעם שנויץ.
א שמורעניק — דער, וואָס עסט נאָר מאַצע־שמורע (מצה שמורה) — פון ווייץ, ספּעציעל געהיטע אַפּ מאַצע.

צו ז. 158.

גראָספּעציר — גרויסוויזיר.
ראַספּאָלאָשעט — איבערגעשראָקן און גענומען לויפן אין ווילדן גאַלאָפּ.
זיך מעיאַכעס (מיחס) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: נעמט זיך איבער.
קרעפּאָסט — פעסטונג.
אַגאַדעטע (אגדתא) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א לעגענדע.
שלוימע האַמעלעכ (שלמה המלך) דער קיניג פון יעהודע און יִסראָעל (אַן ערעכ 971 — 931 פאַר אונדזער ערע).
מאַכמעס קאַמע טײַמימ (מחמת כמה טעמים) — איבער א סאַך סיבעס.
הײבנ האַקאָפעס (הקפות) — דאָ געמיינט: נעמען סכוירע אָפּן באָרג.
אויקער (עוקר) זײַן — נעמען דעם וועג, אַנטלויפן.

צו ז. 159.

כויקרע־קאדמויניעס (חוקרי קדמוניות) — אלטערטום־פאָרשער, ארכעאָלאָגנ.

א מושקאטקויל — א יאָדער פונ א מושקאט־נוס.

ניט שאַווע־בעשאָווע (שוה בשוה) — ניט גלײַכ זײַנ, ניט הויזנ.

פּאָפּערעק — אינ דער קווער.

געשמײַע דיר פּארפּול! — איכ הער דיר א סאכ! ס'אדט מיכ ניט, וואָכער שלעכטע מיינונג וועסט פונ מיר האָבנ.

איז מעראמעז (מרמז) — גיט א ווונק, גיט אנ אָנצוהערעניש.

הײדנ — געצנדינער.

קסאוו (כתב) — שריפט.

כאָכמאס־האכעזשבנ (חכמת החשבון) — אריפמעטיק, רעכנ־קונסט.

ניט שניעכ (שכיח) — ניט פאראנ, טרעפט זיכ ניט.

איניאָנע־האקעהילע (עניני הקהלה) — די איניאָנימ פונ דער קעהילע, די געמיינדע־איניאָנימ.

צו ז. 160.

קיטעס (כתות) — דאָ געמיינט: קליקעס, פארטייענ.

זאשטשיטניקעס — פארטיידיקער.

זשאלאָוואניעס — געהאלטנ.

וואכלאקלאקער — אנ איראָנישע וואָרטבילדונג, גענומענ פונעמ העברייִשנ **וואכלאקלאקויס** (וחלקלקות) — אונ גלאט־גלאטשיק.

קוימעמיוס (קוממיות)־זאָגער — אָנזעצערס.

איניאָנע־האמיסכער (עניני המסחר) — האנדל־איניאָנימ.

צוואקאנער — געמיינט צוויאקעס.

איניאָנע־האָעמונע (עניני האמונה) — גלויבנ־זאכנ, זאכנ, וואָס האָבנ צו טאָנ מיט רעליגיע.

גלופּאָ־טרוסאָב עזיאזיקאָ־קאפּצאנער — נאריש־פּאכדאָניש־שפּראכלאָז־אָרעמע.

ניכנע (נכנע) — אונטערטעניק.

פּאָכאָזשע — ענלעכ.

קסיוועטע אויסיעס — יִדישע געדרוקטע אויסיִעס.

פּשאָטימ — טײַטשנ.

אשל (איישעל) — א בוימ.

וענפ [ריכטיק: וענף] (וועאָנאָפּ) — אונ א צווײַג.

מארישעוילעמ (מרעיש עולם) געווענ — פארטומלט די וועלט, אָנגעמאכט א ראש.

ראָשע־טייוועס (ראשי תיבות) — אברעוויאטור, פארקירצונג־איניציאלנ.

צו ז. 161.

י ע ה ו ד י י א ו י פ י ר (אָ ד ע ר א י נ ד י אָ) ש ע ב אָ ר ל ע ק א נ (אָ ד ע ר ל ק״ק) ג ל ו פ ס ק וו ע נ י ס י א ש וו י א ל נ ע ה א ר פ י א ט י ג נ י ל ע וו ק ע (יהודי אופיר (אָדער אינדיאָ) שבאו לכאן (אָדער לק״ק [לקהלה קדושה]) גלופסק ונתישבו על נהר פיאטיגנילעווקע) — די יידן פון אויפיר (אָדער אינדיע), וואָס זיינען געקומען אהער (אָדער אין דער הייליקער געמיינדע) גלופסק און האָבן זיך באזעצט אפן טייך פיאטיגנילעווקע.

ש יי ע נ ז י כ — האָבן מוירע, מיידן אויס.

ל ע וו א ד ע ס — זומפיקע לאַנקעלעך.

אזא ש מ י ר ע (שמירה) — אזא וואַך.

ג ע ב י ט נ — באפעלן.

ד ר אָ נ — דערינ, אין דעם.

צו ז. 163.

נ י וו ה ע ל־ א ו מ י ש ט ו י מ ע מ (ריכטיקער: ווענישטוימעמ) (נבהל ומשתומם) גע־וואָרן — געוואָרן דערשראָקן און איבערראשט.

ש ע וו ע־כ אָ כ מ ע ס (שבע חכמות) — געמיינט: די גאנצע וויסנשאפט.

ג א נ יי ד נ ה א ט א כ ט נ (גן־עדן התחתון) — דער אונטערשטער גאניידן, דער גאניידן אפ ד ע ר וועלט (אין קעגנזאץ צום גאניידן, וואָס געפינט זיך, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג, אויבן אין הימל).

צו ז. 164.

ש ו י ר־ה א ב אָ ר (שור הבר) — בוכשטעבלעך „דער ווילדער אָקס". דער אור־בופלאקס. א לעגענדארישע כייע. דער נאָמען שטאמט פון דער יידישער עסכאטאָלאָ־גיע (פון דער רעליגיעזער לערע וועגן דעם סאָף פון דער וועלט און דעם מישפעט איבער אלע, וואָס האָבן אמאָל געלעבט).

ב ע י אָ מ אָ י ו (בימיו) — אין זיין צייט.

צו ז. 165.

ע ב ר אָ — א טייך אין שפאניע.

א ק א ד מ ע נ (קדמון) — א פארצייטיקער.

אפן יאם אָ ק י אָ נ ו ס — אפן אָקעאן.

א ל אָ ד ק ע — א שיפל.

צו ז. 166.

וו י ס פ ע ס — אינדזלען.

מ א ס (מס) — צינז, אָפצאָל.

אפ א צ י ק א וו ע ש ט ש — פון נייגעריקייט וועגן.

א צארבאלעכאים (צער בעלי חיים) — א ראכמאָנעס אפ א לעבעדיקער באשעפעניש.

וויג טשערוואָני זשידקי, וויג פיטאיע — ער פרעגט זיך נאָך אפ די רויטע יידעלעך, פרעגט ער זיך נאָך.

איז טשערוואָניך זשידקאָוו יא זנא לייבקו, שמולקו. באַגאטיע זשידקי — פונ די רויטע יידעלעך קענ איך לייבקען, שמולקען. רייַכע יידנ.

צו ז. 167.

ני לייבקאָ, ני, ני! וויג טשערוואָני זשידקי פיטאיע, טאָמאָטשקא... — ניט לייבקען, נייג, נייג! ער פרעגט וועגנ די רויטע יידעלעך דאָרטנ...

העט-העט וויסאָקאָ — העט־העט הויך.

א מיקצעס (מקצת) — א ביסעלע.

צו ז. 168.

פראטשקעס — ווערעשקעס.

צו ז. 169.

די סודע שעל ליויאָסנ (סעודה של לויתן) — דער מאָלצייַט פונעם מיטאָלאָגישנ אור־וואלפיש (לויתן), וואָס איז, לויט דער רעליגיעזער פאַרשטעלונג, אָנגעגרייט פאַר יעדנ פרומענ יידנ אפ יענער וועלט.

בעלי־נעדער (בלי נדר) — אייגנטלעך: אָנ א ניידער, קיינ ניידער ניט געגעבנ. א צושפרוך — א באַוואָרעניש, ווענ א רעליגיעזער ייד רעדט וועגנ צוקונפט־פלענער.

אנ אויבער־האסבאָרעלע — א שפיצל.

צו ז. 170.

עס וועט אָפּלויפנ — עס וועט אראָפּגיינ, עס וועט זייַנ רעכט.

מאמטאקימ (ממתקים) — זיסקייַטנ. איג געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: געלט.

צו ז. 171.

גדולעס (גדולות) — דאָ געמיינט: גליקנ.

צוגעפילעוועט — צוגעזונג, באדינט, האווירט.

קרישמע (קריאת־שמע) — א באשטימטער אויסצוג פונ דער ביבל („שמא־ייסראָעל'') אונ א טפילע פארנ שלאָפּ.

צו ז. 172.

ווידע (ווידוי) — די טפילעס, וואָס רעליגיעזע מענטשנ זאָגנ פארנ טויט, ווענ זיי זייַנענ זיך מוידע איג זייערע זינד אונ בעטנ בא גאָט פארגעבונג.

אָפּגעגאָסן געגלוואסער—איינגעוואשן די הענט נאָכן אופשטיין פון שלאָפן.
פּאָדוועריע (Подворье) — אן איינפאָר־הויז.

צו ז. 173.

מוכן־אומזומען (מוכן ומזומן) גרייט — געווען גרייט.

צו ז. 174.

אדוני מעלעך! (אדוני מלך) — הער קיניג!
אָלעוואשאָלעם (עליו השלום) — א רעדנסארט, ווע: א רעליגיעזער ייִד דער־מאָנט דעם נאָמען פון א טויטן.
א קאָפּקע — קופּקע, א ווייבערשע האָר־נעץ אָדער האָר־הייבל.

צו ז. 175.

טילים (תהלים)—א בוך פון דער ביבל, א זאמלונג פון רעליגיעזע לידער און הימנען מיט איורע־טייטש—מיט (א קאָמענטאר אף) ייִדיש.

צו ז. 176.

א טשײַנע — א טיי־הויז.
שיעס (שיהות) געמאכט — געצויגן לאנג.

צו ז. 177.

קנעסעס יסראָעל (כנסת ישראל) — געמיינט: דאָס ייִדישע פאָלק.
שקאָלעס — שולן.
א פּיירעק־מישנאיעס (פרק משניות) — א קאפּיטל פון דער מישנע (מי־שנע — דער גרונט־טייל פונעם טאלמוד).
א פראָשעניע — א שריפטלעכע באקאָשע, געווענדט צו א באאמטן.
מעמאלע (ממלא) זײַן — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אויספילן, פארווירקלעכן.

צו ז. 178.

זיך נויהעג (נוהג) זײַן בעפּאשטעס (בפשטות) — זיך אופירן פּאָשעט, פּראָסט.
מערכעץ (מרחץ) — באָד.
קיין אומע וועלאָשן (אומה ולשון) — קיין פאָלק און שפּראך.
מיט זײַן סעמיינעמ לעבן — מיט זײַן פאמיליען־לעבן.
גלאוונע אגענטסטווע — הויפט־אגענטור.
צענטראלנע קאָנטאָר — צענטראל־קאָנטאָר.
די נעשאָמע יעסיירע (נשמה יתרה) — די צוגאָב־נעשאָמע, וואָס א רע־ליגיעזער ייִד באקומט קלוימערשט שאבעס און יאָנטעוו.

צו ז. 179.

קטוירעס (קטורת) — דעמפונג, רויכערווארג, ווײַרעך.

מעקאבל טײַנעג (מקבל תענוג) — באקומט האנאָע, האָט פארגעניגן.

שיר־האשירים (שיר השירים) — איינס פון די ביבלישע ביכער, א ליבע־פּאָעמע.

שטארק לעראָצן (לרצון) — שטארק צום מוט, צום הארצן.

האכאָנעס (הכנות) — צוגרייטונגען.

פערעדניע — פאָדערצימער.

צו ז. 180.

אייבעלעך — מעדאלן.

פרודזען — לאָזן אויספּארען דאָס אָנטאָן און אזויארום אויסרייניקן פון אומפלייט.

צי טוט זשידאָווסקי באניא? — דאָ איז די יידישע באָד?

אפ מאָסקוויטעריש — אפ רוסיש.

צו ז. 181.

יאק זשע, פּאני, טײַע זשידקי אָוזשע דאלי טוטעטשקאָ זא... זא... — סטײַטש, הער, יענע יידן האָבן שוין געגעבן דאָ פאר... פאר...

זא בילעט, פּאני, סטײַטש זשידקי, לעהאוודל, פּאני, זאפּלא־טילי! — פארן בילעט, הער, סטײַטש, האָבן די יידן, לעהאוודל, הער, באצאָלט.

א דראָזש — א ציטער.

צו ז. 182.

בעזפּאספּאָרטנע — דער, וואָס האָט קיין פּאס ניט.

א פּוימענע — א געכאפּטער, איינער, וואָס מע האָט אים קעגן געזעץ און רעכט געכאפּט און אָפּגעגעבן אין רעקרוטן.

צו ז. 183.

סבאָרנע — זאמלפּונקט.

אוטשעניע — די מיליטערישע געניטונגען.

שטוקעס — שטיק.

צו ז. 185.

ביינוי־לעביינ־אצמוי (בינו־לבין־עצמו) — פאר זיך אליין.

קרוגאָם — ארום.

צו ז. 186.

טאכסיסיי־מילכאָמע (טכסיסי מלחמה) — קריג־טאקטיק.

קיינ מעדובאָר (מדובר) ניט געווענ — קיינ רייד ניט געווענ.
נישט מאזקיר (מזכיר) געווענ — ניט דערמאָנט.
העבנ אלפי דינ וועהענ אלפי יוישער (הן על פי דין והן על פי יושר) — סײַ לויטנ געזעצ סײַ לויט דער גערעכטיקײַט.
א פראָסטע טרופע (תרופה) — געמיינט: א פראָסט מיטל.

צו ז. 187.

איניאָנע־האמושטיר (עניני המושטיר) — איניאָנימ פונ מושטירנ.
געהערט ווי אינ טשערנאָוויצ די מעגילע — א רעדנסארט: ניט געטראכט וועגנ דעמ, ניט צוגעגעבנ קיינ באדײַטונג.

צו ז. 188.

מיטנ פולנ מויל א ייִד — א גאָר פרומער ייִד.

צו ז. 189.

בעכאיאָו (בחייו) — בא זײַנ לעבנ.
באָטועכ (בטוח) — זיכער.

צו ז. 190.

מאכנ א ג — אנ אויסדרוק פונ דער שפיל אינ כאנעקע־דריידלעכ. אז דאָס דריידל פאלט אפנ אָס „ג", הייסט דאָס געוווּנענ.

צו ז. 191.

וואָיענע קאנצעליאריע — מיליטערישע קאנצעליאריע.
אינ דער פאָלנער פאָרמע — אינ די מונדירנ.
סטראָגע — שטרענג.

צו ז. 192.

באלדאברענ (בעל דברן) — רעדנער.
וואשע בלאגאָראָדיע — אײַער ווילגעבאָרנ.
מיט אמצוס־קויעכ (אמצות־כח) — מיט אָנשטרענגונג פונ די קויכעס.
מויסער־מוידאָע (מוסר מודעה) זײַנ — מעלדנ.

צו ז. 193.

דער קיוונ (כיוון) — דער מיינ.

דאָס קליינע מענטשעלע

צו ז. 197.

תקיף (טאקעף) — א שטארקער, אן אײַנפלוסרײַכער.

בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים (בעהישטאדלעס מענדעלע מויכער־ספאָרים) — דורך די באמיִונגען פון מענדעלע מויכער־ספאָרים.

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראָם (בידפוס וועהויצאָעס האאַל־מאָנאָ וועהאָאכים ראָם) — דרוק און פארלאג פון דער אלמאָנע און די ברידער ראָם.

צו ז. 199.

מאשמייכעם? (מה שמכם?) — ווי איז אײַער נאָמען?

שײַלע (שאלה) — פראגע.

שטעקט אים אָפּ א שאָלעם־אלייכעם (שלום עליכם) — גיט אים די האנט צו באגריסן זיך, באגריסט אים.

אפן דער מאכשאָווע (מחשבה) — אפן זינען.

רעב קאָרעוו (ר׳ קרוב) — א העפלעכקײַט־פאָרם באם ווענדן זיך צו א פרעמדן מענטשן, אשטייגער ווי „פעטער”.

וואָס איז אײַך געלעגן? — וואָס גייט אײַך אָן? וואָס ארט אײַך?

זיך מעשאדעך (משדך) זײַן — שליסן א שידעך, ווערן מעכוטאָנים.

לאָזט מיך געמאך — לאָזט מיך צו רו.

ביטל — א וואנע, א שעפליק.

אוקעדוימע (וכדומה) — אדג.

דער סײדער־האָוילעם (סדר העולם) — דער שטייגער פון דער וועלט.

צו ז. 200.

אָנצורופן זיך אקעגן דעם — דערווידערן קעגן דעם.

שעלוי־קעדערעך־האטעווע (שלא כדרך הטבע) — אומנאטירלעך.

דער מאלעך־האדוימע (מלאך־הדומה) — דער מאלעך, וואָס, לויט א פאר־שפרייטן אָבערגלויבן, באגעגנט ער אף יענער־וועלט די נעשאָמעס פון די נאָרוואָס גע־שטאָרבענע מענטשן.

יאנקעוו־אָווינו (יעקב אבינו) — יאנקעוו אונדזער פאָטער; לויט דער ביב־לישער לעגענדע — דער אורפאָטער פון די יידן. וועגן אים ווערט דערציילט אין דער ביבל, אז א מאלעך האָט זיך מיט אים געראנגלט.

ניט מעשאנע (משנה) געווען — ניט געענדערט, ניט געביטן.

אפשיטע (פשיטא) שוין — שוין אָפגערעדט.

א באָסער־וואָדאָם (בשר ודם) — „פלייש און בלוט”, א מענטש.

ראבויסים (רבותים) — (מײַנע) הערן.

א פראָשעניע — א (שריפטלעכע) באקאָשע (צו א מעלוכע־אנשטאלט).

נאָך נישט יויצע (יוצא) — דאָ געמיינט: נאָך ניט פארטיק.

בעכאָל טפוצעס יִסראָעל (בכל תפוצות ישראל) — אומעטום, ווו יִידן זײַנען צעשפּרייט. געמיינט: אומעטום.

באַנק־קוועטשער — אייגנטלעך: אַ יעשיוועבאָכער; געמיינט: אַ ניט קיין דערפאַרענער מענטש, וואָס ווייסט ניט, ווי זיך צו האַלטן צווישן לײַטן.

צו ז. 201.

דער צוויִאַטשער — געמיינט: דער צוויִאַטשער רעבע.

לעהאַוודל (להבדיל) — ניט צוצוגלײַכן. אַ רעדנסאַרט, וואָס רעליגיִעזע יִידן באַנוצן ווען זיי פאַרגלײַכן מענטשן, זאַכן און דערשײַנונגען, וואָס מע טאָר זיי, לויט זייער מיינונג, ניט פאַרגלײַכן.

אַלייהעם האַשאָלעם (עליהם השלום, אין איינצאָל אָלאָו האַשאָלעם — עליו השלום; ווענן אַ פרוי אָלעהאָ האַשאָלעם — עליה (השלום) — זאָלן זיי זײַן בעשאָלעם. אַ רעדנסאַרט, וואָס רעליגיִעזע יִידן באַנוצן באַם דערמאָנען אַ פאַרשטאָרבענעם.

זײַנען שטאַרק מעכוילעק (מחולק) געווען — האָבן געהאַט גרויסע מיינונג־פאַרשיידנהײַטן.

צום ערשטן ליכטל — געמיינט: צום ערשטן טאָג כאַנעקע.

די גרויסע קרירעס (קרירות) — די גרויסע פרעסט.

דער אַלטער — געמיינט: דער אַלטער רעבע (שנייער זאַלמען פון לאַדי, 1747—1812).

זיכרוינע־ליוורָאָכע (זכרונו לברכה) — געבענטשט זאָל זײַן זײַן אָנדענק. אַ רעדנסאַרט באַם דערמאָנען אַ פאַרשטאָרבענעם, אַ פרומען.

ניסטאַלעק (נסתלק) געוואָרן — געמיינט: געשטאָרבן.

בעהאָלע (בהלה) — פּאַניק, טומל.

די ערשטע בעהאָלע איז אַנטשטאַנען, ווי אַלע אַנדערע פאַלן פון „בעהאָלע", איבער דעם, וואָס עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען צווישן דער יִידישער באַפעלקערונג, אַז די צאַרישע רעגירונג קלײַבט זיך צו פאַרשווערן אָדער ביכלאַל צו פאַרבאָטן די יִידן כאַסענע צו האָבן. פאַלן פון „בעהאָלע" זײַנען געווען אין יאָר 1754, אין יאָר 1764, אין דעם פּעריאָד צײַט צווישן 1780—1793 און אויך אין יאָר 1828. די סאַמע באַוווּסטע „בעהאָלע" איז געווען אין די יאָרן 1834—1835. דעמלט האָבן זיך אין די יִידישע שטעטלעך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די יִידן וועט מען ניט דערלויבן כאַסענע צו האָבן און די אומפאַרהייראַטע וועט מען שיר ניט אַלע נעמען פאַר סאָלדאַטן. דעמלט האָט מען גיך „כאַסענע געמאַכט" אַלע, אַפילו מינדעריאָריקע קינדער, קעדיי אַלע יִונגלעך זאָלן זײַן פאַרהייראַטע. אין טעקסט פון „דאָס קליינע מענטשעלע" ווערן, ווײַזט אויס, געמיינט טאַקע די יאָרן 1834—1835, אָבער דאָס איז געווען ניט די ערשטע „בעהאָלע".

ניט הײַנט געדאַכט — אַ רעדנסאַרט אַ באַוואָרעניש, וואָס רעליגיִעזע יִידן באַנוצן, ווען זיי דערמאָנען אַ בייזע געשעעניש.

„זויס כאַנעקע" („זאת חנוכה") — געמיינט: דעם אַכטן טאָג כאַנעקע.

פּרימעטעס — סימאָנים.

אָסאָביע פּרימעטעס — באזונדערע סימאָנים.

כאָלילע (חלילה) א רעדנסארט — א באַוואָרעניש, וואָס א רעליגיעזער ייִד באַנוצט, ווען ער רעדט וועגן א מעגלעכן אומגליק.

די קאַשע (קשיא) — די פראגע. די קאַשע איז — פרעגט זיך.

דער טערעץ (תירוץ) — דער ענטפער.

צו ז. 202.

ראַבויסײַ (רבותי) — מײַנע הערן.

אָן אײַנאָרע (עין־הרע) — קיין בייז אויג (זאָל ניט שאטן). א רעדנסארט, אן אָבערגלויביש באַוואָרעניש באַם דערמאָנען עפּעס גוטס און גליקלעכס.

לעכאָלאַפּאָכעס (לכל הפחות) — ווייניקסטנס.

רומל — גאנגבארע ביכער אַף העברעייִש און ייִדיש, וואָס די פארלעגער פלעגן אָפּט איבערדרוקן.

כומאָשים (חומשים, אייִנצאָל: כומעש — חומש) — די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל.

מאַכזוירים (מחזורים, אייִנצאָל: מאַכזער — מחזור) — ביכער, וואָס אנטהאלטן די טפילעס פאר די רעליגיעזע יאָנטויווים.

סידורים (סידורים, אייִנצאָל: סידער — סידור) — די ביכער פון טפילעס פאר וואָכעדיקע טעג און שאַבעס.

סליכעס (סליחות) — ספּעציעלע רעליגיעזע הימנען פאר דער לעצטער וואָך פאר ראָשעשאָנע און פאר די טעג צווישן ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער.

טכינעס (תחינות) — טפילעס פאר ווײַבער, געשריבן אַף ייִדיש.

מײַסעס (מעשׂיות) — דערציילונגען, געשיכטעס.

אראָפּגיין פון קעסט — אופהערן עסן באַם שווער. אין די ייִדישע באַלעבאַטישע פאמיליעס איז געווען אײַנגעפירט, אז די ערשטע צײַט נאָך דער כאַסענע (אָפּט עטלעכע יאָר) פלעגט דאָס יונגע פּאָרפאָלק וווינען און עסן בא דער קאַלעס פאָטער — דאָס האָט געהייסן „זיצן אַף קעסט". ווען דער איידעם פלעגט אָנהייבן לעבן אַף אייגענע הוצאָעס, פלעגט עס הייסן, אז ער „גייט אראָפּ פון קעסט".

א כאַלפן (חלפן) — א געלט־בײַטער; באנקיר, פּראָצענטניק.

א בסאָמים (בשׂמים)־קרעמערל — א באקאליי־קרעמערל.

א מויכער־טווועניק — א טוווע־הענדלער.

לוי־אַלייכעם (לא עליכם) — ניט פאר אײַך געדאַכט. א רעדנסארט א באַוואָרעניש באַם דערמאָנען אן אומגליק.

עוויען (אביון) — אָרעמאַן.

לעסאָף (לסוף) — צום סאָף.

באָרעכאַשעם (ברוך השם) — גאָט צו דאַנקען.

זיך מעפּארנעס (מפרנס) זײַן — דערנערן זיך, האָבן פּארנאָסע.

בערשעטער טאַלייסים — טאַלייסים, וואָס זײַנען אויסגעארבעט געוואָרן אין בערשאַד (אוקראַיִנע).

קאָפּלשמוינעדיקע — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אין אכטן געפלאָכטענע.

רעצועס (רצועות) — רימענס פון טפילין.

הייעלעך — אייגנטלעך „אייעלעך", קליינע שאכטעלעך (מעדאליאָנעס) אין דער פאָרם פון א קליינינקן איי, אין וועלכע מע לייגט אריין קאמייעס, סגולעס אאוו. מע פלעגט זיי טראָגן אפן האלדז.

וואָלפ(ן) ציינדלעך —ביינערנע ציינדלעך (ביינדלעך), וואָס מע גיט קליינע קינדער, זיי זאָלן דערמיט שפילן. אָבערגלויביקע פרויען האָבן עס געהאלטן פאר א סגולע: דאָס האָט קלוימערשט געהאָלפן צום וווּקס פון די ציין.

בליטשקענע — בלוטשקענע, וולוטשקענע.

מיקאמע־וועקאמע שאָנים (מכמה וכמה שנים) — זינט א סאך יאָרן.

מעכאבער — אווטער.

א סבאָרשטשיק — אן אופמאָנער פון שטייערן; זאמלער אפ הויצאָעס פאר די שטאדלאָנים.

א פּיינע־בעריע — געוויינלעך מיינט מענדעלע מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק די קאָהאָלס־לייט.

סארוועך — איינער, וואָס דערלאנגט צום טיש און באדינט בא א מאָלציַיט (געוויינלעך: אפ א כאסענע).

א קלייקוידעש (כלי־קודש) — איינער פונעם קלער: א ראָוו, א כאזן, א שאמעש, א שויכעט.

פלאָטקעס — רעכילעס.

די טאקסע (אָדער: די קאראָבקע) — דער ספּעציעלער שטייער אפ קאָשער פלייש. דעם דאָזיקן שטייער פלעגט געוויינלעך עמעצער פון דער יידישער פלוטאָק־ראטיע אָפּקויפן בא דער רעגירונג און פלעגט נאָכדעם שינדן די הויט פון דער יידישער אָרעמשאפט צו ארויסשלאָגן וואָס גיכער די הויצאָעס און פארדינען דערביַי.

צו ז. 203.

ווי א בייזן שילינגער — ווי א שלעכטע (פאלשע) מאטבייע, וואָס יעדער היט זיך פאר איר.

לאנטוך — א זאק אָדער א טוך פון גראָבער זאק־שטאָף, א טאָרבע פאר האָבער.

די קאָזלעס — די קעלניע.

סטרינעס — סטרונעס.

באהעלפער — געמיינט: א באהעלפער פון א מעלאמעד.

סיפּער־האמייסע (ספור המעשה) — דער טאָכ פון דער מייסע, די פאבולע.

קאָל שוירעש־דאָוואָר (כל שורש דבר) — יעדן וואָרצל פון דער זאך, דה. אלץ, אלע איינצלהייטן.

א טשווע (תשובה) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אן ענטפער.

גאָספּאָדינו יעוורעיו — דעמ הער ייִד.

איקער שאָכאכטי (עיקר שכחתי) — דעמ איקער האָב איכ פארגעסנ. דער טראדיציאָנעלער פּאָסט־סקריפּטומ אינ די אמאָליקע ייִדישע בריוו.

צו ז. 204.

ראָשע־טייוועס (ראשי תיבות) — איניציאַלנ; אברעוויאַטור.

צו ז. 205.

האָט זיכ איַינגעגריזנעט — איז געבליבנ שטעקנ.

דאָס יאָר תרט״ו — 1855 לויט דער אייראָפּייִשער צײַט־רעכענונג.

קראַניקעס — כראָניקעס.

פּויטינע (Паутина) — שפּינוועבס.

דער לועכ (לוח) — דער קאַלענדאר. די אמאָליקע ייִדישע קאַלענדארנ („לוכעס”) פלעגנ אָנווײַזנ, וואָס פאר א וועטער עס וועט זײַנ אינ יעדנ כוידעש.

צו ז. 206.

טײַמימ (טעמים) — מאָטיוונ.

א שטיקל כילעפ (חילוף) — א שטיקל בײַט.

סטאָטשקעס — וואקסענע ליכט, קאָלירטע האוודאָלע־ליכט.

מע איז מעסופּעק (מסופק) — מע צווייפלט.

מיטל — געמיינט: מיטלענ.

אינ גוירעלעס — אינ ווארפנ גוירל.

צו ז. 207.

אוספּייעט — באוויזנ (עפּעס צו טאָנ).

טאלמעטוירע (תלמוד־תורה) — אנ אומזיסטער (קאָהעלשער) כיידער פאר אָרעמע ייִנגלעכ.

זיכ געוויטעט — געגריסט זיכ.

מעקאבל־פּאָנעמ (מקבל פנים) געוועג — אופגענומענ, באגעגנט.

זיכ דאָביוועט — דערשלאָגנ זיכ.

א זייפ־בולבע — א זייפנ־בלאָז.

א כאָגע (חגא) — א רעליגיעזער יאָנטעוו פונ ניט־ייִדנ. דאָס ווערטל „אז מע קלינגט איז א כאָגע” נעמט זיכ דערפונ, וואָס פאר (אונ בייס) א כאָגע פלעגט מענ קלינגענ אינ קירכנ־גלאָק.

העפּ־פּעט? (פּראָצענט).

יאכדאָוו (יחדו) — צוזאמענ, אינײנעמ. א שטייגערישע פאָרמולע אפ אויסצודריקנ א פּרעטענזיע, אז דער רעווער פונ א באשטימטנ געשעפט דארפ גיינ אפ שותפעס.

באָרוכ דאיעג עמעס! (ברוך דיין אמת!) — געבענטשט זאָל זײַנ דער

גערעכטער ריכטער (געמיינט: גאָט). א שפרוך, וואָס די רעליגיעזע ייִדן זאָגן באַם גע־זוויר ווערן, אז עמעצ איז געשטאָרבן.

ארום ארבאָים (ארבעים) — ארום פערציק.

צו ז. 208.

א שיינע, ריינע קאפאָרע (כפרה) — זאָל ער זײַן א קאפּאָרע (זאָל ער אומ־קומען, אָפּקומען) פאר אונדז.

ראמײַ (רמאי) — א גנאַרניק, א שווינדלער.

א ביסל כושים (חושים) — א ביסל דול, צעטומלט.

אָסער (אסור) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: כ׳לעבנ.

צו ז. 209.

א געבליאטעוועטע קסובע (כתובה) — א כאסענע־אָפּמאכ, לויט וועלכנ די פרוי באקומט א באשטימטנ טייל פונ דער ירושע נאָכנ טויט פונ איר מאנ אָדער אינעמ פאל, ווענ ער געט זיכ מיט איר.

דער בעסדנ־שאמעש (בית־דין שמש) — דער שאמעש (באדינער) פונ דעמ רעליגיעזנ געריכט; דער שאמעש באמ ראָוו.

מאָמויג קוירעכ — קוירעכס געלט, אָדער, ווי מע זאָגט געוויינלעכ, קוירעכס אויצרעס. לויט דער לעגענדע איז דער ביבלישער קוירעכ געווענ גוואלדיק רײַכ.

קאנ אלאָפּימ (ק״ן אלפים) — 150 000.

שינ אלאָפּימ (ש אלפים) — 300 000.

טאק אלאָפּימ (ת״ק אלפים) — 500 000.

צו ז. 210.

דינטוירע (דין־תורה) — א לאָדעניש אינ געשעפּט־זאכנ באמ ראָוו לויטנ טאלמודישנ רעכט.

זיכ זוכנ — טשעפּענ זיכ, מאָנענ.

ארײַנ אינ דער מאכשאָווע (מחשבה) — געקומענ אפנ זינענ.

זיכ מיסכײַעוו (מתחייב) געווענ — זיכ פארפליכטעט, אונטערגענומענ זיכ.

סילעקנ — דעקנ, אויסצאָלנ א סומע, וואָס מע האָט זיכ פארפליכטעט.

לאוודאפקע (לאו דווקא) — ניט אומבאדינגט.

זיכ נויהעג (נוהג) געווענ — זיכ געפירט.

געשטעכעוועט — געביטנ; זיכ געדונגענ פארנ אײַנקויפנ.

האגאָדעס (הגדות) — די ביכער, וואָס אנטהאלטנ דעמ גאנצנ ריטואל פונעמ פייסעכדיקנ סיידער.

טיקנ־שוועסלעכ — ביכלעכ, וואָס אנטהאלטנ אויסצוגנ פונ דער ביבל, צו לייענענ אינ דער ערשטער נאכט פונעמ יאָנטעוו שוועס.

מײַנע־לאָשנס — ביכלעכ, וואָס אנטהאלטנ די טפילעס, וועלכע מע זאָגט אפנ בעסוילעמ.

טפילע־זאקעס — ביכלעך, וואָס אנטהאלטן די טפילע־זאקע (תפלה זכה), א באשטימטע טפילע פאר ערעוו־יאָנקיפּער.

כאנעבאס־טויווים (חנה בת טובים) — געמיינט: טכינעס (געבעטן) פון כאנע (אָדער סאָרע?) באס־טויווים, געשריבענע אף יידיש פאר פרויען.

א מעקעך־טאָעס (מקח טעות) — א ניט־גילטיקער פארקויף, וועלכער איז פאָרגעקומען נאָר מאכמעס דעם, וואָס איינער פון די צדאָדים איז געווען פארפירט.

אויסצומאנטען — אויסצונארן.

זאָל שוימער אומאצל (שומר ומציל) זיין — זאָל אויסהיטן און אָפּראטעווען. א רעדנסאַרט, א באוואָרעניש, ווען א רעליגיעזער ייד רעדט וועגן מעגלעכן בייז.

צו ז. 211.

איז ניכע (ניחא) — געפעלט, איז צום הארצן.

מין־האשאָמאַיִם (מן השמים) — פון גאָט.

מעלופּם (מלופם)־קינד — א קינד, וואָס לערנט נאָך אלעפבייז. מעלופּם הייסט (אין העברייִש) דער אָס ו.

צו ז. 212.

לאכלוטן (לחלוטין) — דאָ: גאָרניט.

בעכאָצי־כינעם (בחצי חנם) — פאר האלב אומזיסט.

א קינע (קינה) — א בוך, וואָס אנטהאלט די קלאָג־הימנען פאר טישעבאָוו.

אוורעם אָווינו (אברהם אבינו) — אווראָם אונדזער פאָטער; דער ביבליש־לעגענדארישער „אורפאָטער" פון די יידן. די ביבלישע מיטאָלאָגיע דערציילט, אז אמאָל זיינען הימלישע מאלאָכים געקומען צוגאסט צו אווראָמען און האָבן בא אים געגעסן. די סכאָלאסטישע קאָמענטאטאָרן האָבן ניט געקאָנט באשטיין, אז מאלאָכים זאָלן עסן, און האָבן דאָס אנטשפּרעכיקע וואָרט אויסגעטייטשט „און זיי האָבן געטאָן גלייך, ווי זיי האָבן געגעסן".

ויאכלו (וואיויכיילו) — און זיי האָבן געגעסן.

צו ז. 213.

דאיאָנים (דינים, איינצאָל: דאיען—דיין) — געהילפן פונעם ראָוו.

נעגידים (נגידים, איינצאָל: נאָגיד—נגיד) — רייכע לייט.

א מאָרעשכוירע (מרה־שחורה)־פּאָנעם — א מעלאנכאָלישע, טרויעריק פּאָנעם.

ווי סעדרא נא פּיאטניצא — געמיינט: קרום, ניט היימלעך.

בעזע האלאָשן (בזה הלשון) — מיט אזא שפּראך, געמיינט: מיט די פאָלגנדיקע ווערטער.

א דאָוואָר גאָדל (דבר גדול) — א גרויסע זאך.

אין אונדזער קעהילע (קהלה) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אין אונדזער שטאָט.

גײַציק — אומגעדולדיק.

קאַך־האָווע (כך הוה) — אזוי איז געווען.

קעהײַ־לישנע (כהאי לישנא) — דאָס זעלבע ווי „בעזע האַלאָשנ״.

נאָך יעציעס־נעשאָמע (יציאת נשמה) — נאָך דעם, ווי די נעשאָמע וועט רויסגיין, נאָכן שטארבנ.

מעקײַעמ (מקים) זײַנ — אויספירנ, פארווירקלעכנ.

צאוואָעס־האמעס (צואת המת) — די צוואָע פונ א פארשטאָרבענעם.

לאָכײנ (לכן) — דעריבער.

פּטירע (פטירה) — אָפשייד, געמיינט: דער טויט.

אלופּע־האקאָהאָל (אלופי הקהל) — די כאָשעווע לײַט פונ קאָהאָל.

א מיקצאס (מקצת) — א ביסל, א טייל.

בעשאס קריאס (בשעת קריאת) האפאפירנ — באַם לייענען די פּאַפּירנ.

לעאכער האקריע (לאחר הקריאה) — נאָכן לייענען.

צו ז. 214.

דאָווער־פּעלע (דבר פלא) — א וווּנדער־זאך.

שיעס (שיחות) געמאכט — געזאמט זיך.

בעיעכידעס (ביחידות) — אליינ, אָנ זײַטיקע אויגנ.

מיטכילע וועאד סאָפ (מתחלה ועד סוף) — פונ אָנהייב ביז סאָפ.

טשאָפּרינע — טשופּרינע.

דעמ פּויעל יויצע (פועל יוצא) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: דעמ רעזולטאט.

צו ז. 215.

מײַריכ (מאריך) זײַנ — לאנג ברײַטע (ריידנ, שרײַבנ אאוו.).

מײַסע־סאָטנ (מעשה שטן) — ווי אפּצעלאָכעס, ווי דער טײַוול וואָלט זיך ארײַנגעמישט און געוואָלט אָפּטאָנ א שפּיצל.

איקעוו (עכוב) — אנ אָפּהאלט.

צו ז. 216.

בינימעס (בנעימות) — געמיינט: געלאסנ.

מעמאלע (ממלא) זײַנ — דערפילנ.

דוואָרימ־בעטיילימ (דברים בטלים) — פוסטע רייד.

צו ז. 217.

לאקעטקעס — נאשערײַענ.

צוקערקעלעך — קאָנפעקטנ.

עס דראָזשעט — עס ציטערט.
פּאַרצופֿע (איראָניש, פֿון פּאַרצעף) — די פיזיאָנאָמיע.
די סלינע — די שפּײַעכץ.
דאַמ־סאָנים (דם־שונאים) — בלוט־פֿײַנט.

צו ז. 218.

מעסוקן (מסוכּן) — געפֿערלעך.
קונדייסקע זאַכן — זאַכן, שטיק פֿון אַ קונדעס — אַ יינגל אַ שטיפֿער.
אַן אויסגעמאַכטע זאַך — אַ פֿעסטגעשטעלטע זאַך.
קויעך־האַמדאַמע (כּח־המדמה) — אײַנבילדונגס־קראַפֿט, פֿאַנטאַזיע.

צו ז. 219.

דאָס כײַעס (חיות) — דאָס לעבן.
אַן אויבער־האַסבאָרע (הסברה) — אַ קונציקער אײַנפֿאַל; אַ פֿאָרטל.
אַ פֿאַרמישטער — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: אַ צעמישטער.
מעשאַער (משער) זײַן — פֿאָרשטעלן זיך.
קאָליש (אוקראַיניש: Кулиш) — פּראָסטער זופּ.
פֿשיקאָנען — איבערצײַגן.
דוירעס (דורות) געווען — צעטראָטן, צעריסן, דאָ: געשניסן.
סקאַליעטשעט — צעקאַליעטשעט.

צו ז. 220.

טאַלמעטוירע (תּלמוד־תּורה) — אַן אומזיסטער כיידער פֿאַר אָרעמע קינדער.
כומעש מיט ביבער — כומעש (ד.ה. די ערשטע פֿינף ביכער פֿון דער ביבל), איבערגעזעצט זאַצווײַז.
אויסריידעניש — דערקלערנדיקע טײַטשן און צוגאָבן.
ראַשע — אַ קאָמענטאַר צו דער ביבל (נאָכן נאָמען פֿון דעם אווטער: רש״י, איניציאַלן פֿון ראַבי שלוימע יִצכאָקי, 940 — 1005, אַ באַוווסטער קאָמענטאַטער פֿון דער ביבל).
זיך שטאַרק פֿאַרעסן — שטאַרק אין קאַס געוואָרן.
די סעדרע „בערייש־יט" (סדרה „בראשית") — דער ערשטער אָפּשניט אינעם ביבלישן בוך „בערייסיס".
אויסגערעדט — געמיינט: געטײַטשט.
פּאָסעק (פּסוק; מערצאָל: פּסוקים) — זאַץ.
ויאמר למך לנשיו (וואַיוימער לעמעך לענאָשאָוו) — און עס האָט געזאָגט לעמעך צו זײַנע ווײַבער (בערײשיס, 4, 23), דאָס איז דער ביבלישער זאַץ, דאָס דווײַטערדיקע איז דאָס „אויסריידעניש".
מאַסביר (מסביר) צו זײַן — דערקלערן.

צו ז. 221.

זיך פּוירעש (פורש) געווען — זיך אָפּגעשיידט.

עדה וצלה, שמען קולי (אָדאָ וועצילאָ, שמאאַנ קולי), נשי למך (נעשיי לעמעך) — אָדאָ און צילאָ, הערט מײַן שטים, לעמעכס פרויען...

לעמעך, טוּואַל־קאַין, קאַין, אָדאָ, צילאָ (למך, תובל־קין, קין, עדה, צלה) — מיטאָלאָגישע פיגורן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ביבל (בערײשיס, 4). דאָס געהעריקע אָרט אין דער ביבל, אַ רעשט פון דער אַלטער ייִדישער מיטאָלאָגיע, איז איינער פון די סאַמע נעפּלהאַפטע, און די קאָמענטאַטאָרן האָבן זיך געפּלאָגט צו מאַכן אים פאַרשטענדלעך דורך דער „מײַסע“, וואָס ווערט געבראַכט אין טעקסט. די „מײַסע“ גופא איז לויט איר אינהאַלט ניט פאַר קינדער, נאָר ערגער פאַר אַלץ איז געווען, וואָס מע האָט געזוכט צופּאַסן די „מײַסע“ צום ביבלישן „פּאָסעק“ — דאָס איז שוין גאָר געווען ניט נאָך דעם ייִנגלס קריכעס. אין טעקסט ווערט אויך איבערגעגעבן דער אופן, ווי מע פלעגט אין כיידער „טײַטשן אַ פּאָסעק“, איבערזעצן וואָרט בײַ וואָרט די העברעיִשע פּראָזע אויף ייִדיש.

ווײַהי האַיוים (ויהי היום) — אין איינעם אַ טאָג.

אַ גאָלעך (גלוח) — אַ געגאָלטער. לויטן רעליגיעזן שטייגער, האָבן זיך די ייִדן ניט געטאָרט גאָלן די באָרד. אַ „דײַטש“ באַטײַט דאָ אַן אויפגעקלערטער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אייראָפּעיִשע קליידער און ניט אין דער ייִדישער קאַפּאָטע. עס האַנדלט זיך, אַפּאָנעם, וועגן אַ מין מעלוכישן שול־אינספּעקטער.

צו ז. 222.

קנאַב — דאָס ייִנגל. דאָס וואָרט איז אַ דײַטשיש וואָרט. דער גאַנצער דיאַלאָג צווישן דעם רעבן און דעם „דײַטש“ ווערט געפירט קלוימערשט אין דער דײַטשישער שפּראַך. די אויפגעקלערטע ייִדן פון XIX יאָרהונדערט פלעגן ליב האָבן ריידן דײַטש. דאָס פלעגט זיך זיי ניט שטענדיק אײַנגעבן, און אָפט פלעגט זיך באַקומען אַ מעשונעדיקער „דײַטשמערישער“ ייִדיש.

פירכטע ניכט, עס ווירד דיר ניכטס געשען — האָב קיין מורע ניט, עס וועט דיר גאָרנישט ניט געשען.

פאַרשלאַפט געוואָרן — קראַנק געוואָרן.

צו ז. 223.

דאַכקעס (דחקות) — ענגשאַפט.

צו ז. 224.

אײַנגעקויפט אין דער כעווּרע פ״צ — פאַרשריבן אין דער כעווּרע „פּויאַלע־צעדעק“ (אַזוי האָט געהייסן די כעווּרע האַנטווערקער).

ריבוינעשעלוילעם (רבונו של עולם) — געמיינט: גאָט.

צעלניק — גאַלאַנטעריי.

מעפוירעש (מפורש) זײַנ — מעפּארעש זײַנ, דערקלערנ.
אווודע (עובדא) — אמפּלוא, ראַליע, אופגאבע
יאמ־שיימענע — יאמ־שוימענע, יאמשעווע.

צו ז. 225.

ניט טויעמ־טאמ (טועם טעם) געווענ — ניט פארזוכט, דהי. גאָרנישט ניט גע־צומענ אינ מויל ארײַנ.

מאטיר (מתיר) געמאכט — דערלויבט (זיכ מאטיר זײַנ — זיכ דערלויבנ אזוינס, וואָס איז געווײנלעכ, לויטנ ריטועלנ שטייגער, ניט אינ אלע פאלנ דערלויבט).

בישליימעס (בשלמות) — אינ געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: געוויסנהאפטיק.

פּאָכאָזשע — ענלעכ.

כעדווע (חדווה) — פרייד.

מאָזשע, פּאנ י, פּאריזשעסקי... — עפשער, הער, פּאריזשער.

צאָראאס (צרעת) — געשווירנ, קרעצ.

א סיכסעכ (סכסוך) — א קאָנפליקט.

איניענ־האמיסכער (ענין המסחר) — האנדל־זאכ.

צו ז. 226.

אינ קאָריסט — אינ נוצנ.

מעשאליעכ (משלח) זײַנ — ארויספּאטערנ, אוועקשיקנ.

א מוטערפּערלענ קנעפּל — א פּערלאמוטערנ קנעפּל.

יעיצערהאָרע (יצר־הרע) — אינעמ געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: גלוס־טעניש, טײַוועלע, כיישעק.

צו ז. 227.

כאטאָימ (חטאים, איינצאָל: כעט — חטא) — זינד.

כשיוועס (חשיבות) — וויכטיקײַט, אָנגעזעענקײַט.

היסמאנעס (התמנות) — געמיינט: א פּאָסטנ, א שטעלע, א פונקציע.

א סאר־האמאשקימ (שר המשקים) — א הויפ־דינער, וואָס דערלאנגט דעמ קיניג צו טרינקענ.

מעיאכעס (מיחס) געווענ — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: איבערגע־נומענ זיכ, זיכ געגרויסט.

פּאָטראפּענ — טרעפנ, צוטרעפנ; געפעלנ זײַנ.

כאָמעצדיק — פארזײַערט; אינעמ יאָנטעוו פּייסעכ האָט די רעליגיע פארבאָטנ צו עסנ געזײַערטס ברויט.

א מיערע (אינ דער ליטע ארויסגערעדט מיירע) — א שטיק טייג, וואָס מע צעקנעט עס אונ מע צעוועלגערט אפ מאצעס.

א דארדעקע־מעלאמעד — א מעלאמעד פונ גאָר קליינע קינדער.

צו ז. 228.

סאָנע-צײַען (אָדער: סאָנע-ייִסראָעל) — די פֿײַנט פֿון ציִען, דה׳ אַף די פֿײַנט פֿון ייִדן געזאָגט געוואָרן. א שאָוויניסטישע רעדנסאַרט באַם דערציילן וועגן עפּעס אַן אומגליק אָדער וועגן א מעגלעכער געפֿאַר.

גימערערגער — האַלעווײַ קיינמאָל ניט ערגער (א רעדנסאַרט).

צו ז. 229.

טויכעכע (תוכחה) — שטראָפֿרייד. א קאַפּיטל אין דער ביבל (דוואָרים, קאַ-פּיטל 28), ווו עס ווערן געבראַכט די קלאָלעס, מיט וועלכע גאָט זאָל האָבן געשאָלטן די בני-ייִסראָעל, אין פֿאַל אויב זיי וועלן אים ניט פֿאָלגן. אויסגיסן די טויכעכע — הייסט שילטן, פֿלוכן.

„מוידע-אַני" („מודה אני") — א טפֿילע באַם אופֿשטיין פֿון שלאָף, דער „באהעלפֿער" פֿלעגט עס זאָגן מיט די קליינע קינדער.

טאַריאַג (תרי״ג) — 613. אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: פֿיל.

אַף כידושים — אַף וווּנדער.

א שפּענצער — קינדערשע היטעלעכל, וואָס פֿאַרשפּילן זיך פֿון הינטן.

אין פֿאָלנע פּאָרמע — אין גאַנצן מונדיר.

שעאָריערקעס (שאר ירקות) — די איבעריקע קרײַטעכצער, געמיינט: אאַוו.

צו ז. 230.

„קאַדעש" („קדיש") — א טפֿילע נאָך געשטאָרבענע עלטערן, וואָס עס האָט געדאַרפֿט געזאָגט ווערן נאָר פֿון אַן אייגענעם זון. דאָ באַטײַט דאָס וואָרט: זון.

א מאַטעק — א וויקל, א קײַלעכל פּאַדעם.

לעפּטשעכעס — הינער.

צוין-קאָדאָשים (צאן קדשים) — הייליקע שאָף. דאָ געמיינט: די קינדער.

דער מעדובאָר (מדובר) איז געווען — ס׳איז געווען אָפּגערעדט.

געהאַט א מיגוי (מגו) — אַרויסגעדרונגען.

היסכײַוועס (התחייבות) — פֿאַרפּליכטונג.

אין מײַנע טנאָים (תנאים) — אין מײַנע (אָפּגערעדטע) באַדינגונגען.

צו ז. 231.

לויפֿן אין שליכעס (שליחות) — „גייען א גאַנג", לויפֿן אויספֿילן עמעצנס אַן אופֿטראָג.

טישעבאָוו (תשעה-באב) — דער 9-טער טאָג אין כוידעש אָוו (יול — אויגוסט). א רעליגיעזער פֿאַסט-טאָג, אין וועלכן די רעליגיעזע ייִדן פֿלעגן באַקלאָגן דעם אונ-טערגאַנג פֿון ירושאַלאַיִם (אין יאָר 70 לויט דער אייראָפּעיִשער צײַט-רעכענונג).

מייכן (מכין) געווען — אָנגעגרייט.

קלײזײַען (כלי-זין) — וואָפֿן.

מיסע־מעשונע (מיתה־משונה) — אַן אומנאַטירלעכער טויט. מיסע־מעשו־נע־פּאַרבן — געמיינט: מאָרנע, אויסטערלישע פאַרבן.

זיך מיסנאַצל (מתנצל) געווען — זיך פאַרענטפערט.

אַכבעראָש — אַ שלעכטער, פאַלשער מענטש.

שלאָגן קאַפּאָרעס (כפרות) — הייסט ערעוו־יאָנקיפּער אַרומדרייען אַרומ קאָפּ מיט אַ הון (אַ האָן) און זאָגן דערביי: „זע קאַפּאָראָסי, זע כאַליפאָסי, זע טמוראָסי" (זה כפרתי, זה חליפתי, זה תמורתי) — דאָס איז מיין אויסלייזונג, דאָס איז מיין אומבייט, דאָס איז אָנשטאָט מיר. נאָכדעם פלעגט מען דעם אָפּ קוילען און אופעסן. דער מינהעג שטאַמט פון די ווייטע, געצנדינערישע צייטן. אַ קאַפּאָרע־הינדל הייסט פיגוראַל אַ קאָרבן פאַר פרעמדע זינד.

צו ז. 232.

יאַק נימאַ ריבאַ טאַק אי ראַק ריבאַ — אַז ס'איז ניטאָ קיין פיש, איז אַ קרעפס אויך אַ פיש.

דער מוזשיק — דער פּויער.

אָנגעכאַסמעט — געמיינט: אָנגעשריבן.

מע אָנו, מע כאַיעינו? (מה אנו מה חיינו?) — וואָס זיינען מיר, וואָס איז אונדזער לעבן? געמיינט: וואָס פאַר אַ ווערט האָבן מיר?

צו ז. 233.

מעגוּלגל (מגולגל) ווערן — פאַרוואַנדלט ווערן.

עס האָט באַ אים אויסגעגעבן — עס האָט באַ אים געסטייעט, געקלעקט.

יויטער (יתור) — די רעשט מאַטעריע (פון אַ מאַלבעש), וואָס בלייבט באַ שניידער.

אַלקאָלפּאָנעמ (על כל פנים) — יעדנפאַלס.

אַכריפעס (חריפות) — געמיינט: אַ קונץ, אַ וווּנדער.

צו ז. 234.

העקדעש (הקדש) — דער יידישער געמיינדע־שפּיטאָל; האָט אויך געדינט אַלס נאַכטלעגער־הויז פאַר וואַנדערער און סטאַם אומפאַרמעגלעכע, געווען אומגעוויינלעך קויטיק און פאַרוואָרלאָזט.

כאַראָמעס (חרמות) — געמיינט: האַרבע שוווּעס.

מויסעף (מוסיף) געווען — צוגעגעבן.

צו ז. 235.

היסקאַרוועס (התקרבות) — דערנעענטערונג.

אַוויבאָר — וואַלד.

פאַרקויסעט — פאַרטרונקען.

באַלקע — דער קיילעך (דאָס קייקל, דער רעשל), וואָס מע פלעגט אַריינ־

ווארפֿן אין קאסטן. מיט גאלקעס פֿלעגט מען שטימען פֿאר דעם אָדער יענעם קאנ־דידאט.

פֿון דער האסכאָלע (התחלה) — פֿון אָנהייב.

צו ז. 236.

אפרימער — א בייַשפּיל.

אווידאס פּערעכ (עבֿודת פּרך) — שווערע ארבעט.

מעקאבל בעאהאווע (מקבל באהבֿה) זייַן — אָנעמען פֿאר גוט.

צו ז. 237.

זשיוואָ — לעבעדיק.

אנ עווּנטאָוו (אבן־טובֿ) — אַן איידלשטיין.

קאָל־נידרע (כּל נדרי) — פֿלעגט מען זאָגן די נאכט פֿון יאָנקיפּער, באַם אָנהייב פֿון דער ליטורגיע.

א „מעלעכ־עליוינ״ („מלך עליון״) — א געוויסער רעליגיעזער הימן פֿון דער ליטורגיע פֿון ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער.

מינ־איאובי (מניה־וביה) — געמיינט: אין צווישן; אין דער מינוט, אימ־פּראָוויזירט.

שטאָכ דא שטאָכ — א שטאָך און א שטאָך.

עס האָט זיכ פּאפּאדעט — עס האָט געטראָפֿן.

וואלײַ — валяй.

צו ז. 238.

א היוניק — געמיינט: א קלייניקייט.

בעיִמ (באם) — אויב.

עס וועט מיר ניט איינגיין מײַן האסבאָרע (הסבּרה) — עס וועט זיך מיר ניט אײַנגעבן מײַן אידיי.

פּאשאָל וואָנ! — ארויס!

אלע־לולע קאָל צעוואָאָוו — אַן אומזיניקע פּראזע, איבערגעדרייט פֿון: „האללעלוהו קאָל צוואָאָוו״ (הללוהו כּל צבֿאיו — לויבט אים אלע זײַנע קריגס־קויכעס).

פּאָסליעדניע מאָדע — לעצטע מאָדע.

קרישטשעניע (Крещение) — געמיינט: ערשט־געלט (אלס טרינק־געלט).

מאָדנע ווייַבלעכ — געמיינט: וויַבלעך־מאָדניצעס.

בעמאטאָנע־גמורע (במתּנה גמורה) — אינגאנצן אלס מאטאָנע.

אויקער (עוקר) זייַנ — געמיינט: אנטלויפֿן.

טיינ קאָוועד (תּן כּבֿוד) לעיִצעניו — גיב אָפּ קאָוועד איצעניון.

א רעשעטע — א זיפּ.

מעפּארנעס (מפרנס) צו זייַנ — צו געבן עסן.

צו ז. 241.

מעשוירערים (משוררים) — זינגער, כאָריסטן בא א כאזן.

זיך גויהעג (נוהג) געווען — זיך געפירט.

אָפּגעדאוונט וואָסיקן (ותיקין) — געמיינט: אָפּגעדאוונט „מיטן ערשטן מיניען" (פרי).

קידעש (קידוש) געמאכט — אָפּגעזאָגט די טפילע, וואָס מע זאָגט פאר דעם שאבעסדיקן אָדער יאָנטעוודיקן מאָלצייט. דאָ געמיינט: אָפּגעגעסן.

צו ז. 242.

זמירעס (זמירות) — רעליגיעזע הימנען באם שאבעסדיקן מאָלצייט.

איבערגעגאנגען אין קונדעס — געמיינט: איבערגעגאנגען אין שטיפעריי.

אָפּדיכן — אָפּכאפּן דעם אָטעם, אָפּרוען.

אויסגעבאכעט — אָנגעבראָכן די ביינער.

געריטשעט — געברילט.

„דאָס שיינע בעטלערל" — א באשטימטער כאזאָנישער „שטייגער".

„מישעביירעכ" (מי שברך) — דער אָנהייב פון א טפילע, וואָס דער כאזן פלעגט אויסזינגען, בענטשנדיק איינצלנע דאוונערס און זייער פאמיליע.

צו ז. 243.

מייַרעכ־יאָמים (מאריך ימים) זייַן — לאנג לעבן.

זכוס־אָוועס (זכות אבות) — געמיינט: די פארדינסטן, די גוטע מייַסים פון די עלטערן.

גוט מאפטיר (מפטיר) געקויפט — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט איראָניש: געהאט א גוט לעבן.

צו ז. 244.

זעצן איוורע (עברי) — זאָגן (גראמעטנע) דעם העברייִשן טעקסט.

שאבעס פארשע שקאָלים (שבת פרשה שקלים) — דער שאבעס, ווען מע האָט געלייענט אין בעסמעדרעש דעם ביבלישן אָפּשניט „שקאָלים" (שמאָט, קאַפּיטל 30). ער פאלט אויס ווינטער.

„מעלאוועמאלקע" (מלוה מלכה) — דער מאָלצייַט שאבעסצונאכטס. געזאָגט „עליאָהוס" — געזאָגט די רעפרענס פון דעם רעליגיעזן הימן, וואָס הייבט זיך אָן „עליִיאָהו האנאָווי, עליִיאָהו האטישבי".

אוואָלעכל — א באשטימטע כסידישע מעלאָדיע.

צו ז. 245.

קדושע (קדושה) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א באשטימטע טפילע,

וואָס אין איר איז פאַראַן דער פּאָסעק, וועלכער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „קאָדויש, קאָדויש, קאָדויש" (קדוש, קדוש, קדוש — הייליק).
ניט געקלייעט — ניט געקלעפּט.
שאַבעס־נאַכמו (שבת נחמו) — דער ערשטער שאַבעס נאָך טישעבאָוו, דעמלט פּלעגט מען אין שול לייענען אינעם ביבלישן בוך „יעשייע" דעם קאַפּיטל 40, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „נאַכמו, נאַכמו" (נחמו, נחמו — טרייסט, טרייסט).
אימירצעשעם (אם ירצה השם) — אַ רעדנסאַרט, אַ באַוואָרעניש, וואָס אַ רעליגיעזער ייד באַנוצט, ווען ער רעדט וועגן דער צוקונפט.
גוימער (גומר) זיין — ענדיקן, באַשליסן.
באָרעכאַשעם (ברוך השם) — געלויבט איז גאָטס נאָמען.
אַ כאָשעוו (חשוב) — אַ וואַזשנער, אָן אָנגעלייגטער מענטש.
הײַנע (היינו) — צומבײַשפּיל.

צו ז. 246.

געאַרבעט אַף אַלע זאַסטעווקעס — געמיינט: געאַרבעט אַף אַלע קיילים. דער אויסדרוק נעמט זיך פון דער וועבער־אַרבעט. אַרבעטן אַף אַלע זאַסטעווקעס הייסט אַרבעטן אין דער גאַנצער ברייט פונעם וועבשטול.
אָכריפנעט געוואָרן — הייזעריק געוואָרן.
„אַטאָ זויכערע" (אתה זוכר) — דער אָנהייב פון אַ באַשטימטער טפילע פון דער ראָשעשאָנעדיקער ליטורגיע.
מוסעף (מוסף) — דער צוגעגעבענער ציקל טפילעס פאַר שאַבעס און יאָנטעוו.
שמוינעסרע (שמונה עשרה) — אַ טפילע, וואָס אין דער ליטורגיע פון אַ גאַנצן יאָר האָט זי אַנטהאַלטן 18 (און שפּעטער — 19) בראָכעס.
„ווענעמערלעכ" — דער אויסדרוק נעמט זיך פון די ראָשעשאָנעדיקע טפילעס. דאָרט זײַנען פאַראַן אַ סאַך ציטאַטן פון דער ביבל, און יעדע ציטאַטע הייבט זיך אָן מיטן וואָרט: „ווענעעמאַר" (ונאמר — און עס איז געזאָגט געוואָרן).
פאָ מאָלאָדעצקי — בעריעש, ווי אַ כוואַט.

צו ז. 247.

האַספּאָלאָשעט — זיך איבערגעשראָקן און זיך געלאָזט לויפן אין ווילדן גאַלאָפּ.
פּאַרפּוטעט און פּאַרפּלוטעט — פּאַרפּלאָנטערט.
בעוושע ווערכאַרפּע (בבושה וחרפה) — מיט ביזיונע און שאַנדע.

צו ז. 248.

אַ טאָרעד (טרוד) — אַ פאַרנומענער.
אַ מיצווע (מצוה) — געמיינט: גאָטס געבאָט.

צו ז. 249.

מעוולוול — צעמישט, אין פאַרלעגנהייט.

טכינעס ערעצ־יסראָעל (תחנת ארץ ישראל) — א פאלעסטינישע טכינע.
א מערידע (מרידה) — אן אופשטאנד, א בונט.

צו ז. 250.

פארוואָס זשע האָט פאָרט שלוימע האמעלעך אָנגעשריבן, אז אפילע אונטער טויזנט ווײַבער האָט ער ניט געפונען איינע א רעכטע? — ס'איז אן אָנדײַטונג אף דעם פּאָסעק „אדם אחד מאלף מצאתי, ואשה בכל אלה לא מצאתי" (א מענטש האָב איך איינעם פון טויזנט געפונען, און קיין פרוי צווישן די אלע האָב איך ניט געפונען — קויהעלעס, קאפיטל 7, 28). דעם ביבלישן בוך „קויהעלעס" שרײַבט די טראדיציע צו דעם מעלעך שלוימע.

דער מאלכאמאָוועס (מלאך־המות) — דער מאלעך פון טויט.

אשירעס (עשירות) — רײַכקײַט.

צו ז. 251.

מערכעצ (מרחק) — באָד.

קיין מײַסער מין האמײַסער (מעשר מן המעשר) ניט — געמיינט: קיין הונדערטל ניט.

צו ז. 252.

דאָליע — מאזל.

אגונע (עגונה) — א פרוי, וואָס איר מאן האָט זי פארלאָזן און האָט איר ניט איבערגעלאָזן קיין געט, אזוי, אז זי האָט ניט געטאָרט כאסענע האָבן מיט קיין אנדערן.

צו ז. 253.

אוויידע (אבדה) — פארלוסט.

אבאל־סאָד (בעל סוד) — א מענטש, וואָס מע פארטרויט אים סוידעס און מע האלט זיך מיט אים אן אייצע.

כעווער־קאדישע (חברא קדישא) — די „כעוורע" (רעליגיעזע געזעלשאפט), וואָס פלעגט זיך פארנעמען מיט באגראָבן טויטע.

מאכמעס קאמע זאכן — איבער א סאך זאכן.

זיך נאָך ניט אויסגעגלײַכט — ניט דורכגעקומען מיט דעם פארשטאָרבענעמס יאָרשים, וויפל זיי זאָלן באצאָלן פארן באגראָבן און פארן קייווער.

מעסאדער־קידושנ זײַן (מסדר קידושין) זײַן — געמיינט: אָנפירן מיטן ריטואל פון כאסענע האָבן אונטער דער כופּע.

צו ז. 254.

מיר האָבן עס בעקאבאָלע (בקבלה) פון אונדזערע טאטעס — אונדזז האָבן דאָס איבערגעגעבן אונדזערע טאטעס.

זוכע (זוכה) זײַן — ווערט זײַן.

ב ע ל י ־ נ ע ד ע ר (בלי נדר) — אָן א ניידער. א רעדנסארט — א באוואָרעניש, וואָס א רעליגיעזער יִיד באנוצט, ווען ער רעדט וועגן עפּעס, וואָס ער נעמט זיך פאָר צו טאָן.

צו ז. 255.

צום מ י ס פ ע ר (מספר) — צו דער צאָל.

זײַט מיך נישט מ א פ ס י ק — האקט מיך ניט איבער.

נ אָ (נא) — א ביבליש וואָרט. מע טײַטשט עס געוויינלעך: האלב־געבראָטן. בא מענדעלען הייסט עס: האלב־געבראָטן — האלב־רוי, ניט אהער — ניט אהין.

צו ז. 256.

א ש ו י ס ע ק (שותק) — א שווײַגער.

ג ע ק ר אָ פּ ע ט — געטריפט.

צו ז. 257.

א ד ק א נ א ו י מ ר י מ ב ע ש א ב ע ס ה א ג אָ ד ל (עד כאן אומרים בשבת הגדול) — ביז דאנ זאָגט מען שאבעס־הגאָדל. ס׳איז א רעמארקע אין דער פייסעכדיקער האגאָדע (א זאמלונג אויסצוגן פון פארשיידענע רעליגיעזע ביכער פארן פייסעכדיקן סיידער), מיינענ מיינט מען: ביז דאנ (און ניט מער).

צו ז. 258.

ג ו ט נ א ב ע נ ד — גוטן אָוונט.

ו י ל ק אָ מ ע נ — אײַער קומען איז זייער אָנגעלייגט.

ו א ר נ ז י נ י כ ט — זײַט איר ניט געווען.

ז י ו ו י ס ע נ ד אָ כ — איר ווייסט דאָך.

פ ײַ ע ר ט א ג ע — יאָנטויווים.

צ ו א י נ ע נ — צו אײַך.

ד א ס א י ר ק יי נ ב א ל ו י נ ו נ ג פ א ר א ײַ ע ר א ר ב ײַ ט ה א ט — אז איר האָט ניט קיין באלוינונג פאר אײַער ארבעט.

ז י מ י ס ע נ — איר מוזט.

ד א ר ב ע נ — לעבן אין נויט און עלנט.

צו ז. 259.

ל אָ ה נ — לוין.

ש פּ אָ ר ע נ נ ו ר צ ו ר א ר ב ײַ ט א נ ־ טרײַבן נאָר אונטער צו ארבעט.

א י ז ט ע ב נ א נ ג ע נ ע מ — איז טאקע אָנגענעמ.

פ ע ר ל יי ג נ ע נ — פארלייקענען.

א פ ד ע ר ה ו ט ז ײַ נ — זײַן אפ דער וואכ.

ב ל אָ ס א ו י ס נ ײַ ד — בלויז פון קינע.

ז יי ש ײַ ע נ ז י כ — האָבן מוירע, מײַדן אויס.

בענײדענסווערט — ווערט מעקאנע צו זײַנ.
דעמ פשאט (פשט) — דעמ זינ.
ייִדיש־דײַטש — ייִדיש.

צו ז. 260.

קאָרכיש דאווענע — דאווענע מיט א כאָר (לויטנ דײַטשישנ אויסשפּראַכ Chor — קאָר).

„וואאלאָטאָ" (ועלטה — אונ א נעפּל), „וועסאאדו ליבּכעמ" (וסעדו לבכם — אונ לענט אונטער אײַער הארצ, כאַפּט עפּעס איבער), „יערייכי" (ירכי — מײַנ דיכ), „מאכשויפ" (מחשף — אנטבלויזט), „באָאָכו" (באחו — אינ געמויזעכצ), „ביינ האמישפעסאָיִמ" (בינ המשפתים — צווישנ די גרענעצנ, אָדער ווי מע פלעגט טײַטשנ אינ כיידער: „צווישנ די געמארקנ"), „וואטכאלעלעהאָ" (ותחללה — אונ די האָסט זי פארשוועכט), „קוימעמיִוס" (קוממיות — האָפערלעכ) — פארשיידענע ביבלישע ווערטער, וואָס דער מעלאמעד פלעגט זיי פארטײַטשנ מיט דײַטשישע ווערטער (ווי צומבײַשפּיל „געמארקנ") אָדער מיט אלט־ייִדישע. די ארכאַיִזמענ אינ די טײַטש־ווערטער באמ לערנענ די ביבל פלעגט דער גרעסטער טײל שילער ניט פארשטײנ, אָפט פלעגט דער מעלאמעד אליינ אויכ ניט וויסנ זייער פּינקטלעכנ זינ.

די וואָרע — די סכוירע.
אויסגעטאלעפּעטשעט — אויסגעגלאָצט.

צו ז. 261.

א גוטער בּורש — א גוטער יונג.
ייִסרע (יתרו) — א ביבלישע פיגור; וועגנ אימ דערציילט א שפּעטערדיקע לעגענדע, אז ער האָט געהאט זיבּנ נעמענ.
נאָכ די „אָוועס" (אבות) — נאָכ די פּאטריִארכנ, „אורפּאָטערס" פונ די ייִדנ, וועגנ וועלכע עס ווערט דערציילט אינ דער ביבל: אווראָהאָמ, ייִצכאָק אונ יאנקעוו.

צו ז. 262.

פּלומפּ — שווער, ניט־רירעוודיק, אומגעלומפּערט.
קיינ שליטע (שליטה) — קיינ מאכט.
סימאָנע־דאלעס (סימני דלות) — סימאָנימ פונ אָרעמקײַט.

צו ז. 263.

אוילעמ־אומלויע (עולם־ומלואה) — די וועלט אונ וואָס עס געפינט זיכ אינ איר. דאָ געמיינט: אומגעהייער שטארק.
אגמעסנעפעש (עגמת־נפש) — פארדרוס.
מאדריכ (מדריך) געוועג — פלעגט דערציִענ.
עדוקאציע — דערציִונג.
ניט בעיעכוילעס (ביכולת) — ניט אימשטאנד.

היצטארכעס (הצטרכות) — באדערפעניש.
מידעס־טויוועס (מדות טובות) — גוטע זיטנ.

צו ז. 264.

איישעס־כאָיל (אשת חיל) — כוואטסקע, בעריעשע פרוי.
כיָעס (חיות) — לעבנ. דאָ געמיינט: נאכעס.
דער כאלאט האָט קריִע געריסנ — געמיינט: איז געווענ שטארק צעריסנ (קריִע רייַסנ — איַינרייַסנ זיכ די קליידער פונ טרויער נאָכ א געשטאָרבענעמ).
פאסילקעס — פעקלעכ צומ איבערשיקנ. אינ XIX יאָרהונדערט פלעגנ די יידישע אווטאָרנ אליינ ארומטראָגנ פארקויפנ זייערע ווערק אונ פלעגנ זיי פאנאנדער־שיקנ דורכ פאָטשט.

צו ז. 265.

איישלעהאָווע (אש־להבה) — פלאמ־פייַער.

צו ז. 266.

קעדערעכ האטעווע (כדרך הטבע) — לויטנ נאטירלעכנ גאנג.

צו ז. 267.

באָרעכ־האבאָ (ברוך הבא) — געבענטשט איז דער, וואָס קומט אריַינ. א שראדיציָאָנעלע באגריסונג (אָפטמאָל אויכ אנ איראָנישע).
ווי ס׳איז מאשמע (משמע) — ווי עס דרינגט ארויס: ווי מע קאָנ פאר־שטיינ.

צו ז. 268.

א גילגל (גלגול) — לויט אנ אָבערגלויבנ, א געשטאָרבענעמ מענטשנס נעשאָ־מע, וואָס באזעצט זיכ אינ א צווייטנ מענטשנ, אינ א באלעכיַי אָדער אינ אנ אומ־באלעבטער זאכ.
דער באלטאקסע — דער, וואָס „האלט די קאָראָבקע", וואָס האָט אָפגעקויפט דעמ שטייַער אפ קאָשער פלייש.
„ספראוועטשנע צענעס" — קוראנטע פרייַזנ, לויטנ פרייַז־קוראנט.
אנ אָקע — 3 פונט (פלייש).
א דיבעק (דיבוק) — א צוטשעפעניש, א געשטאָרבענעמס נעשאָמע, וואָס האָט זיכ אריַינגעקליבנ (זיכ „צוגעטשעפעט") אינ א לעבעדיקנ מענטשנ אונ שרייַט פונ אימ ארויס.

צו ז. 269.

אינ אלע ראמאכ איוורימ (רמ״ח אברים) — געמיינט: אינ אלע גלידער. דער אויסדרוק „ראמאכ איוורימ" (248 גלידער) שטאמט פונ די טאלמודישע פאָר־

שטעלונגען וועגן אנאטאָמיע. אינעם טאַלמוד ווערט באהויפּט, אז א מענטשנס קערפּער פאַרמאָגט 248 גלידער.

א ס ר אָ ר ע (שררה) — א מאַגנאַט.

א ב ו י ר ע ר ע ס (בוררות) — א לאַדעניש פאַר א פּריוואַט־אויסגעקליבענעם גע־ריכט פון דריי מענטשן.

א ג א ב ע (גבאי) — א קאַזנאַטשיי; א סטאַרעסטע (פון שול צי פון אוועל־כער־עס־איז כעווּרע).

א צ ו נ ו י פ נ ע מ ע ר — א זאַמלער פון געלט אַפּ געזעלשאַפטלעכע באַדער־פענישן.

צו ז. 270.

לעגאַמרע (לגמרי) — אינגאַנצן.

די גאַנצע מ ע ל אָ כ ע — דאָ געמיינט: דער גאַנצער קונץ.

פאַרביטן די י אָ צ ר ע ס (יוצרות) — דאָ געמיינט: פאַרפּלאָנטערט. י אָ צ ר ע ס ווערן אָנגערופן רעליגיעזע געדיכטן, וועלכע גייען אריין אין דער ליטורגיע פון באשטימטע שאבאָסים, ווייניק באַהאַוונטע פלעגן ניט קענען פאַנאַנדערקלייבן, וועלכע „יאָצרעס״ זיינען באשטימט פאַר וועלכן שאבעס.

צו ז. 271.

זיך ג ע ר ו ד ע ווע ט — גערוודערט, געטאָן.

מ י ל ע־ד ע א ל מ ע (מילי־דעלמא)־זאַכן — וועלטלעכע זאַכן.

צו ז. 273.

די ק א ווּ אָ נ ע (כוונה) — דער מיין, דער צוועק.

האָבן ד י י ע נ י ק ע (יניקה) — זויגן, ציען כעיונע.

כאַפּן דעם ס ט ר י — כאַפּן דעם שניט.

הויך און גרויס ווי ג ו י ג־מ אָ ג ו י ג (גוג־מגוג) — לויט די מעשיכישע פאַנטאַזיעס דאַרף פאַר מאָשיעכס קומען קלוימערשט פאָרקומען א מילכאָמע צווישן די ריזן־פעלקער גויג און מאָגויג.

צו ז. 274.

ט ש ט אָ ט י ט א ק ס מ אָ ט ר י ש, ב אָ ל וו א נ! — וואָס קוקסטו אזוי, גוי־לעם!

דעם פּ י י ר ע ש (פּרוש) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: דעם זין.

ווי ד נ אָ, ט ש ט אָ ט י ב אָ ל ש ו י ד ו ר א ק — מע זעט, אז דו ביסט א גרוי־סער נאַר.

ס מ אָ ט ר י — זע.

ט ל י ש ע ש? — הערסט?

ג א ד ל ע ס (גדלות) — גרויסקייט.

צו ז. 275.

אייסעוו (עשו) — א ביבלישע פיגור, יאנקעווס ברודער. דער דאָזיקער נאָמען ווערט באנוצט אלס א שאָוויניסטישער אויסדרוק צו באצייכענען ניט קיין ייִדן און אויך אלס א קלאל־נאָמען פון אן אויסערסט־געזונטן און שטארקן מענטשן.

ספּאלניע — שלאָפצימער.

שויפער שעל מאָשיעכ (שופר של משיח) — מאָשיעכס שויפער. „ניט דערלעבן צו הערן מאָשיעכס שויפער" הייסט ניט דערלעבן צו ווערן אויסגעלייזט.

צו ז. 276.

טכיעס־האמייסימ (תחית המתים) — דאָס לעבעדיק ווערן פון די טויטע.

פּערעדניע — פאָדערצימער, פאָרהויז.

צו ז. 277.

א כײַע־ראָע (חיה רעה) — א בייזע כײַע.

איז מאזיק (מזיק) — שעדיקט.

זיך פארקערן — פארוואנדלט ווערן.

הוקעס־פּוקעס — האָקוס פּאָקוס, א קונצשטיק.

מעגושעמ (מגושם) — מאטעריאליזירט; גראָב.

בעפּאשטעס (בפשטות) — פּראָסט.

א רוכניעס (רוחניות)־זאך — א גײַסט־זאך, א גײַסטיקײַט.

שיימעס (שמות) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: קאָמבינאציעס פון די אויסיעס פון גאָטס נאָמען.

רוכעס (רוחות) — גײַסטער.

רויפע (רופא) — פעלדשער.

צו ז. 278.

א מאקפּיד (מקפיד) — א פּעדאנט, אן איבערקלײַבער.

צו ז. 279.

קעמוי (כמו) — ווי.

טאכבולעס (תחבולת) — מיטלען.

א גרויסער פּארנעס — א גרויסער מעיוכעס, א גאָר וואזשנער מענטש.

צו ז. 280.

די פּאָרנעמסטע — וויכטיקע, מעיוכעסדיקע.

האמאקע בעעווראָסוי (המכה בעברתו) — דער, וואָס שלאָגט מיט זײַן קאס. א ביבלישע פראזע. אין טעקסט פארטײַטשט איראָניש: שטומפּיק אף דער איוורע (קוים גראמעטנע).

ב ע נ פ ע ק ו ע ל ע כ — בעהיימעלעכ, וואָס קומענ ארויס לעבעדיקע פונ זייער מוטערס לײַב, נאָכ דעמ, ווי מע האָט אימ אופגעשניטנ.

א ר ו מ ג ע ל י א מ ע ו ע ט — ארומגעזוימט.

ד י נ י מ — (רעליגיעזע) געזעצנ.

ט י ל י מ (תהילים) — א בוכ פונ דער ביבל, א זאמלונג פונ רעליגיעזע לידער.

מ ײַ מ אָ ד ע ס (מעמדות) — אויסצוגנ פונ דער ביבל אונ דעמ מײַסע־טייל פונ טאלמוד, וואָס האָבנ אלס טעמע די קאָרבאָנעס, וועלכע מע פלעגט ברענגענ אינעמ טעמפל (בייס־האמיקדעש) אינ יערושאָלאימ.

א „כ אָ ק ל" — דער סייפער „כאָק־לעיִסראָעל" („חק לישראל").

א „ש א א ר ע צ ? ע נ" — א צוגאָב־געבעטבוכ פאר גאָר פרומע.

צו ז. 281.

כ ס י מ ע (חתימה) — אונטערשריפט.

א שטארקער מ א כ מ י ר (מחמיר) — געמיינט: זייער שטרענג.

מ ע ס ו פ ע ק (מסופק) זײַנ — צווייפלענ.

ל ע כ אָ ל ־ ה א ד י י ע ס (לכל הדעות) — לויט אלעמענס מיינונג.

„ן ו י א כ מ י ט ז י ב נ ג ר ײַ ז נ — דער אויסדרוק נעמט זיכ דערפונ, וואָס דאָס וואָרט „נויעכ" פלעגט לויט דער אלטער אָרטאָגראפיע געשריבנ ווערנ, ווי אינ העברייִש „נח" — מיט צווי בוכשטאבנ, אונ מאכנ דערבײַ זיבנ גרײַזנ איז פאָשעט געוועזנ אומעגלעכ. שרײַבנ „נויעכ" מיט זיבנ גרײַזנ הייסט זײַנ אנ אמאָרעצ.

„ת ר ח א ב י, א ב ר ה ם ו א ב י, נ ח ו ר ו י ע ב ד ו (טערעכ אווי, אווראָהאָמ וואווי, נאָכויר וויאאוודו) — א מוסטער פונ אמעראצישנ לייענענ א העברייִשע פראזע. די פראזע דארפ געלייענט ווערנ: טערעכ, אווי אווראָהאָמ וואאווי נאָכויר, וויאאוודו (תרח, אבי אברהם ואבי נחור, ויעבדו — טערעכ, דער פאָטער פונ אווראָהאָמ אונ דער פאָטער פונ נאָכויר, אונ זיי האָבנ געדינט). בא איסערס „זעצנ איוורע" האָט זיכ באקומענ, טערעכ דער פאָטער פונ, אווראָהאָמ אונ דער פאָטער פונ, נאָכער אונ זיי האָבנ געדינט.

ל אָ מ ד ע ס (לומדות) — געלערנטקײַט.

ק אָ ל ו ע ל אָ כ (כל־ולך) — אלצ, דער גאנצער מאכער.

צו ז. 282.

ג ו ז מ ע ס (גוזמות) — אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: פיל, אָנ א שיר.

ק יי נ ר ע מ ע ז־ד י ר ע מ י ז ע (רמז דרמיזה) — געמיינט: קיינ מינדסטנ ווינק.

צו ז. 283.

ש י ט ע (שיטה) — סיסטעמ.

א ט אָ ב ע כ א ר ט אָ נ י ק ע ס — געמיינט: ייִדנ. דער אויסדרוק שטאמט פונעמ באוווסטנ שאָוויניסטישנ אָרט אינ די ייִדישע יאָנטעוודיקע טפילעס: „אטאָ בעכארטאָנו מיקאָל האָאמימ" (אתה בחרתנו מכל העמים) — דו (גאָט) האָסט אונדז אויסערוויילט פונ אלע פעלקער.

ש ו אָ כ י מ (שבחים) — לויב, קאָמפּלימענטן.
ק נ ע ס ע ס-יִ ס ר אָ ע ל (כנסת ישראל) — געמיינט: די ייִדן.
א ס י פ ע (אסיפה) — פאַרזאַמלונג.

צו ז. 284.

מ א ר א ש ? (מה רעש ?) — וואָס איז דער טומל ?
מ א מ ז ע ר ב ע נ־ה א נ י ד ע (ממזר בן־הנדה) — א „דרײַגאָרנדיק" זידל־וואָרט: א מאמזער און א זון פון א נידע (א מענסטרויִרנדיקע פרוי).
ניט מ ע ז א ק ע (מזכה) געווען מיט א וואָרט — געמיינט: ניט אָנגעטאָן דעם קאָוועד צו זאָגן א וואָרט.
א ש י ר־ה א מ ײַ ל ע (אָדער: א שיר־האמײַלעס — שיר המעלות) — אין גע־געבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א מעסירע.

צו ז. 285.

ט פ י ס ע (תפיסה) — אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: די פעיִקײַט צו באַגרײַפן א זאַך.
ט ו י פ ע ס (תופס) זײַן — באַגרײַפן.
ב ע ה ײ מ ע ס־ט ה ו י ר ע ס (בהמות טהורות) — ריינע (קאָשערע) בעהיימעס.

צו ז. 286.

א ה י ס מ א נ ע ס (התמנות) — דאָ געמיינט: א פּאָסטן, א שטעלע.
ב ע י אָ ד־ר אָ מ אָ (ביד רמה) — געמיינט: שטרענג.
לערנען ב אָ ל ע ק (בלק) — געמיינט: ביטער אָנלערנען.
„נ י ד ײַ ב אָ ג א י ז א י ו א נ א פ א נ א" — זאָל גאָט אויסהיטן פון דעם, אז איוואַן זאָל ווערן א פּאַרעץ.
„ט ר ו מ ע" (תרומה) — אזוי הייסט איינער פון די אָפּשניטן אינעם ביבלישן בוך „שמאָס", אַן אָפּשניט, וואָס פלעגט געלייענט ווערן אין איינעם פון די ווינטער־דיקע שאַבאָסים.
„פ א ר ש ע ש ק אָ ל י מ" (פרשה שקלים) ,„ט ר ו מ ע" (תרומה). — אין די דאָזיקע אָפּשניטן פון דער ביבל ווערט גערעדט וועגן די אמאָליקע אָפּגאָבן פאר „קויהאנים" — די פּריסטערס. איסער וויל זאָגן, אז עס זײַנען נאָך פאַראַן אָפּ־גאָבן: מע קאָן באמ אוילעם נעמען...

צו ז. 287.

ט ר י א ט ע ר — טעאַטער.
ד י ע ל ע — איניען; פּראָצעס.
א ז א ק אָ נ ש ט ש י ק — א געזעצן־קענער.
ט ש י נ אָ ו נ י ק ע ס — באַאמטע.
א מ אָ נ ע־י אָ פ ע (מנה יפה) — א גוטער כײַלעק.

טקיפעס (תקיפות) — שטארקייט, איינפלוסרייכקייט.
טארומעס (תרעומות) — אומצופרידנקייט.
בעטוירעס-אייצע (בתורת עצה) — אלס אנ אייצע.

צו ז. 288.

ראכאש (רה"ש) — אברעוויאטור פונ "ראבאָנימ, כאזאָנימ, שאמאָשימ", דה. אָפצאָלנ, וואָס מע פלעגט געבנ דעמ קלער. געמיינט: האָנאָראר.
אוילעמ-האבע (עולם-הבא)-זאכנ — געמיינט: זאכנ, וואָס זיינענ שייעכ צו רעליגיע.
פונ דער האסכאָלע (התחלה) — פונ אָנהייב.
נישט מאסיג (משיג) זיינ — ניט באגרייפנ.

צו ז. 289.

קיינ סאָריד-ופאָליט (שריד ופליט) — געמיינט: קיינ רעשט, קיינ שפור.
די כאלע ועט ניט קלעקנ אפ דער "האמויצע" ("המוציא") — געמיינט: זייער וויינים. דאָס ווערטל שטאמט דערפונ, וואָס פארנ עסנ ברויט (כאלע) פלעגט מענ מאכנ א בראָכע "האמויצי לעכעמ מינ האָארעצ" (המוציא לחם מן הארץ" — דער, וואָס ברענגט ארויס ברויט פונ דער ערד), אונ אפ מאכנ "האמויצע" דארפ מענ האָבנ א באשטימטנ, כאָטש גאָר א קליינעמ סכומ ברויט.
פארשטייט ניט מיי-דעקאָאמרע-רעבעצנ — געמיינט: אנ אמאָרעצ, א נאר, וואָס פארשטייט גאָרנישט. מיי-דעקאָאמרע-רעבעצנ (וואָס די רעבעצנ זאָגט) — איראָניש איבערגעפראזירט פונ: מיי דעקאָאמרע ראבאָנאָנ (מאי דקאמרי רבנן) — וואָס עס זאָגנ די געלערנטע.
פילוסופיע — איראָניש, געמיינט: פילאָסאָפיע.

צו ז. 290.

א פעגע (פגע) — א שלעכט באגעגעניש, א צאָרע.
אפ קייווער-אָוועס (קבר אבות) — גייג אפנ קייווער פונ די עלטערנ אינ טאָג פונ יאָרצייט.
העניע כאסיע נעכאמעס — אזוי לייענט עס דער אמאָרעצ איסער דאָס ווערטל עני חשוב כמת (אָני כאָשווו קעמעס — אנ אָרעמאנ איז געגליכנ צו א מעס). ס'איז א געמאָרע-ווערטל (נדרים, ז. 128) אונ עס שטייט ניט "אינ כומעש צי אינ שיר-האשירימ".

צו ז. 291.

רייש-כאָכמע (ראשית חכמה) — דאָ געמיינט: ערשטנס.
שאפקעווענ — אראָפנעמענ דאָס היטל פאר עמעצנ.

צו ז. 292.

מיט א ווערכ — מיט א קויפ (אז עס זאָל זיכ אריבערשיטנ).

גיב מיר א ,,מעסטל״ — אלס געצאָלטס פארג מאָלן.

צו ז. 293.

טארגעמ (תרגום) — בוכשטעבלעך: איבערזעצונג. געוויינלעך מיינט מען דער־מיט די קאנאָניזירטע איבערזעצונג פון דער ביבל אף דער אראמישער שפראך (תרגום אָנקעלאָס אָדער אקילאָס). איבער דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט די אראמישע שפראך גופע באקומען בא די יידן דעם נאָמען „טארגעמ־לאָשנ״. מיט דער צייט איז די אראמישע שפראך געוואָרן פאר דער יידישער באפעלקערונג נאָך ווייניקער פארשטענד־לעך, ווי דער העברייִשער אָריגינאל פון דער ביבל, און „טארגעמ״ האָט מען אָנגע־הויבן רופן ביכלאל אומפארשטענדלעכע רייד.

אנ אוויירע (עברה) — (רעליגיִעזע) זינד. אינ טעקסט ווערן ווײַטער אויסגע־רעכנט „אוויירעס״ קעגנ די אָנגענומענע גלויבונגען און זאבאבאָנעס.

די קויהאנימ (כהנים) — די, וואָס שטאמען קלוימערשט אָפ פון דעם ביבלישנ אהארוינ, מוישעס ברודער. אהארוינ האָט זיך גערעכנט אלס דער אורפאָטער פון די אוראלטע יידישע פריסטערס (קויהאנימ).

דוכענען — בענטשן דעם אוילעמ דאווגערס, וואָס איז פארזאמלט אינ שול. יאָנטעוו האָבנ די קויהאנימ „געדוכנט״. זיי פלעגנ זאָגנ די פסוקימ „יעוואָרעכעכאָ אדוי־נוי״ (,,יברכך אדני״ — באמידבאָר, קאפיטל 6, 24—26) און זינגען, בייס דער אוילעמ האָט געזאָגט באשטימטע טפילעס. דערביי פלעגנ זיי האלטנ די הענט אופגעהויבנ מיט צעשפרייטע פינגער צו צוויי און צו איינעמ און דעמ טאלעס ארופגערוקט איבערנ קאָפ. די אָבערגלויבערישע מאסע האָט געהאלטנ, אז מע טאָר אף די קויהאנימ דעמלט ניט קוקן, און אויב מע קוקט, קאָנ מען דערפון בלינד ווערן.

גייִנ צו טאשליכ (תשליך) — הייסט גייִנ ראָשעשאָנע פארנאכט צום טײַך, אויס־טרייסלען באמ ברעג טײַך די קעשענעס און זאָגנ דערבײַ געוויסע פסוקימ, צווישנ זיי דעמ פאָסעק: ,,וועסאשליכ בימצולויס יאָמ קאָל כאטויסינו (ותשליך במצולות ים כל חטאתינו״) — און זאָלסט ארײַנוואָרפנ אינ די טיפענישנ פון יאמ אלע אונדזערע זינד...

א באלשעמ (בעל שם) — א באלנעס, וואָס, לויט די פאָרשטעלונגען פון אָבערגלויביקע, טוט ער אופ וווּנדער, היילנדיק מענטשן מיט קאָמבינאציעס פון די אוי־סיעס פון גאָטס נאָמען.

מייסימ (מתים) — טויטע.

אוילעמ־האטויהו (עולם־התוהו) — די וועלט פון כאאָס. ניט גלייבנ אינ „אוילעמ־האטויהו״ הייסט ניט גלייבנ אינ דעמ, אז צווישנ די לעבעדיקע מענטשן גייען ארום טויטע.

צו ז. 294.

האָט געהאט קפיצאס־האָארעצ (קפיצת הארץ, אָדער קפיצאס האדערעכ — קפי־צת הדרך) — דה. דער וועג, מיט וועלכן ער איז געגאנגען, איז אף א מאגישן אויפנ ,,אונטערגעשפרונגען״, איז געוואָרן קירצער, ווי ער איז בעמעס.

ווערט מעגולגל (מגולגל) — ווערט פארוואנדלט.

אוישער (עושר) — רײַכער מאַן.

אגלאסנע — א ראטמאַן (געמיינט: פון דער קעהילע).

גאָלאָס — א שטימע; א דייע.

ראכמאָנעליצלאַן (רחמנא ליצלן) — זאָל גאָט ראטעווען.

צו ז. 295.

זויכע (זוכה) געווען — ווערט געווען, פארדינט.

פון „אלכעט" (על חטא) ווערט מען ניט פעט — דאָס ווערטל שטאַמט דער־פון, וואָס ערעוו־יאָנקיפּער באַם זאָגן די טפילע „אלכעט" פלעגט מען זיך קלאַפּן אין האַרצן. דער העלד פון מענדעלעס דערציילונג טײַטשט דאָס ווערטל אזוי: פון קלעפּ קומט קיין געזונט ניט צו...

דערטשמעליעט, פארמאָראָטשעט — געמיינט: פארטויבט, געפּלעפט.

ברויִמ (ברואים) — באשעפענישן.

צו ז. 296.

א מאסמיד (מתמיד) — א פלײַסיקער (אין לערנען).

כי הנה כחומר (קי היניי קאכוימער) — דער אָנהייב פון א ליטורגישן (טפי־לעדיקן) געדיכט. געמיינט: ווי לײַמן, פון וועלכן מע קען טאָן וואָס מע וויל.

האָט בעיאַד (ביד) — האָט די מעגלעכקײַט, קאָן.

מתי אעשה לביתי? (מאָסײַ עסעע לעבייסי?) — ווען וועל איך טאָן פאר מײַן (אייגן) הויז? געמיינט: ווען וועל איך ארבעטן פאר זיך?

צו ז. 297.

ואני באתי בימים (ואַני באָסי באיאָמים) — און איך בין געוואָרן באַ־יאָרגט, עלטער.

מיט אלע פשעטלעך — דאָ געמיינט: כאָכמעלעך, דריידלעך, מיט אלע פיש־טשעווקעס.

לא המדרש עקר (לוי האמעדרעש איקער) — ניט דאָס לערנען (פאַרשן, טעאָ־רעטיזירן) איז דער איקער.

צו ז. 298.

קאָשע זײַן — געמיינט: זײַן אומפארשטענדלעך, ניט קלאָר.

אָדנ (אָדון) — הער; באַלעבאָס.

פארזעט אים — פארזאָרגט אים.

צו ז. 299.

יהיה־איך־שיהיה (יִהיע אייך שעיִהיע) — זאָל זײַן ווי ס'זאָל ניט זײַן; אזוי צי אזוי.

ניסגאדל (נתגדל) צו ווערן — אויסצוואקסן, צו ווערן גרעסער.

צו ז. 300.

דיאָד—דזשעגעכץ.

צו ז. 301.

צום ערשטן מיניען — געמיינט: פארפרי. א יידישע עפנטלעכע גאָטעסדינסט פלעגט אָפּגעריכט ווערן נאָר בא צען מאַן (א „מיניען"). דער ערשטער „מיניען" האָט געדאַוונט גאָר פרי.

אפן הייליקן אָרט—געמיינט: אפן בעסוילעם.

אָנמאכן א שײַלע—אָפּטאָן עפּעס אזוינס, אז מע זאָל דארפן פרעגן באמ ראָוו א פראגע (א „שײַלע"), צי ס'איז קאָשער, צי טרייף.

אין מײַן גוויל (גבול)—אין מײַן גרענעץ.

צו ז. 302.

כסידארנ'ע—דאָס כסידישע „שטיבל" (בעסמעדרעש).

פּאָטשטן—געמיינט: נײַס.

שאטיע! (שטיא!)—נאר! נארישע פרוי!

שפילע (שפלה)—געמיינט: נידערטרעכטיקע.

קלײַזל—(שטיבל) א קליינער קלויז, כסידיש בעסמעדרעשל.

קנופּיע—כאָפּטע, קליקע, באנדע.

צו ז. 303.

א „שײַלעס-נאָשים" (שאלת נשים)—א שײַלע אין פרויען־איניאָנים.

צו ז. 305.

בארמינען (בר־מינן)—א טויטער.

מאָסויק מידוואש (מתוק מדבש)—זיסער פון האָניק.

שיראַים (שיריים)—רעשטן.

צו ז. 307.

זיך פּאָמיענטעט—זיך ארומגעטראכט, געקומען צו זיך.

צו ז. 308.

געבראָכן געוואָרן פון ברויט—אָנגעוואָרן ברויט.

ארײַן אין א מיעסן רופ—באקומען א שלעכטן נאָמען.

צו ז. 309.

וויוועסקע—א שילד.

קסיוועטע אויסיעס—יידישע געדרוקטע אויסיעס.

ב ע ס י מ כ ע (בשמחה)—מיט פרייד.

אינ נ ו י ע כ ס ט י י ו ע—אינ נויעכס קאסטנ. לויט דער ביבלישער לעגענדע איז נויעכס קאסטנ ארומגעשווומענ אפנ וואסער די גאנצע צײַט, ווענ אפ דער ערד איז געווענ א מאבל.

צו ז. 310.

מ ו י ש ע ר א ב י י נ ו (משה רבנו—מוישע אונדזער לערער)—ווענג אימ ווערט דערציילט אינ דער ביבלישער מיטאָלאָגיע, אז ער האָט באקומענ פונ גאָט די ל ו כ ע ס (לוחות)—שטיינערנע טאָוולענ מיט צענ געבאָטנ.

צו ז. 313.

פ אָ ד ר אָ ב נ ע—אויספירלעכ.

צו ז. 314.

ב ע נ־ב א ֹי ס (בן־בית)—א שטוב־מענטש.

פ אָ ד פ אָ ר ע—א שטיצע, אנ אָנהאלט.

צו ז. 315.

מ י ס ע ב י נ ש י ק ע (מיתה בנשיקה)—דער טויט דורכ א קוש. לויט דער יִדיִשער לעגענדע איז מוישע ראביינו געשטאָרבנ דורכ גאָטס א קוש. בא איסער וואר־גערנ הייסט עס: קושנדיק, די נעשאָמע צונעמענ...

ו א ה ב ת ל ר ע ך כ מ ו ך (וועאָהאווטאָ לערייאכאָ קאָמויכאָ)—דו זאָלסט ליב האָבנ דײַנ פרײַנט, ווי זיכ אליינ. צו דעמ דאָזיקנ ביבלישנ פאָסעק געפינט זיכ אינ טאלמוד (כתובות, ז. 74) א מערקווירדיקע דערקלערונג: „קלײַב פאר אימ אויס א גוטנ טויט" (ברור לו מיתה יפה). ווי מע קאָנ זענ פונ די קאָמענטארנ, מיינט דער אייגנארטיק „מענטשנפרײַנטלעכער" אווטער פונ דעמ דאָזיקנ אפאָריזמ א מענטשנ, וואָס איז פארורטיילט צומ טויט, אונ ער וויל זאָגנ, אז אפילע אזא מענטשנ דארפ מענ ליב האָבנ אונ ארויסווײַזנ די ליבע צו אימ, מילדערנדיק אונ פארגרינגערנדיק זײַנ טויט. איסער וואַרגער, פארשטייט זיכ, טײַטשט עס אויס, אז די ליבע צו א מענטשנ ביכלאל באשטייט אינ אויסקלײַבנ פאר אימ א גוטנ טויט...

פ אָ מ ס ע נ ע—פאָנסעווע, רויטע.

צו ז. 316.

ה א כ אָ נ ע ס (הכנות)—צוגרייטונגענ.

א נ א ב אָ ר—אנ אופנעמ, פריזיוו פונ רעקרוטנ פאר מיליטער־דינסט.

צו ז. 317.

די כ א פ ע ר ס—אינ ניקאָלײַ דעמ ערשטנס צײַטנ: ספעציעלע אָנגעשטעלטע פונעמ קאָהאָל צו כאפנ מיליטער־פליכטיקע אונ אָפגעבנ זיי פאר סאָלדאטנ. דערמיט

האָט זיך קאָהאָל באַנוצט: ער פלעגט אָפּגעבן זין פון אָרעמעלײַט און פלעגט באַ־פרײַען פון מיליטער־דינסט די קינדער פון די רײַכע.

צו ז. 318.

סטראָגע—שטרענג.

ניט מאַספּיק (מספּיק) געווען—ניט געקלעקט, ניט גענוג געווען.

צו ז. 319.

א לעיוצלעך (לא יוצלח)—א טויגעניכטס.

צו ז. 322.

טשוווע (תשובה)—דאָ: אַן ענטפער.

איז מערוצע (מרוצה)—איז אײַנשטימיק.

צו ז. 323.

לאַגבוימער (ל״ג בעומר)—איז אומגעפער אין מײַ כוידעש.

צו ז. 324.

הילכעס (הלכות)—דינים.

פּיירושימ (פּירושים) — דערקלערונגען.

האַגאָהעס (הגהות)—קאָרעקטור־באַמערקונגען.

א לאַמדן מופלעג (למדן מופלג)—אַן אויסגעצייכנטער ווילקענער.

א קיילע־שליימע (כלי שלמה)—א פולקומע זאַך.

צו ז. 325.

א וואַטרען (ותרן)—אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: א מענטש מיט א ברייטער האַנט.

צו ז. 326.

אַן אָפּגערופּענע מאַטבייע—אַן אַנולירטע, ווערטלאָזע מאַטבייע.

צו ז. 327.

שיוורע־לעוו (שברי לב)—א צעבראָכן האַרץ, האַרץ־קלעמעניש.

מעסוקן (מסוכן)—געפערלעך.

צו ז. 328.

דער מאַלכאַמאָוועס (מלאך המות)—דער מאַלעך פון טויט.

די נויטע־לאָמוסע—די, וואָס האַלט באַם שטאַרבן.

צו ז. 329.

אָנ א קאָרעוו, אָנ א גויעל (גואל)—אָנ א קאָרעוו, אָנ אנ אויסלייזער: אָנ אנ אייגענעמ, אָנ אנ אָנשפּאר.

צו ז. 331.

מעוברעס (מעוברת)—טראָגעדיק.

א כיִעוו (חיוב)—א מוז.

פונ די געהערנערטע בופלאקסנ ביז די אייער פונ די קינימ—ס'איז די ייִדישע איבערזעצונג פונ דער העברייִשער מליצע „מיקארניי רעימ אד בייציי קינימ“ (מקרני ראם עד ביצי כנים). קינימ (כנים)—לייַז.

צו דעמ גוטנ־ייִדנ—צומ (כסידישנ) רעבנ.

פּידיענ (פּדיון)—אויסלייזונג, לייזונג, אויסגעלייזטע געלט. אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: דאָס געלט, וואָס די גלויביקע פלעגנ געבנ דעמ כסידישנ רעבנ.

נויסע־כיינ (נושא חן) זייַנ—אויסנעמענ, געפעלנ ווערנ.

צו ז. 332.

אפּ סימסאָט—אפּ זיבנ הונדערט.

צו ז. 333.

קאָל־יאָמאָוו (כל ימיו)—זייַנ גאנצ לעבנ.

גרויגערעס דערעב צאָדעק! (גרוגרת דר' צדוק)—רעב צאָדעקס אנ אויסגעטריקנטע פייַג. וועגנ אייגעמ פונ די טאלמודיסטנ, רעב צאָדעק, דערציילט די לעגענדע, אז ער פלעגט פאסטנ טאנייסימ אונ אָנבייַסנ מיט א פייַג—אונ דאָס אויכ ביט מער ווי אויסזויגנ זי.

צו ז. 334.

דער קערנ אלייג—געמיינט: די קאלע גופּע.

אלאָפימ (אלפים)—טויזנטער.

צו ז. 335.

האָרימ־אוגוואָעס (הרים וגבעות)—בערג אונ בערגלעכ. דאָ געמיינט: אויסגעטראכטע, גוזמעדיקע לויבענישנ.

כיילעק אוילעמהאבע (חלק עולם הבא)—דער טייל אפ יענער־וועלט. יעדער פרומער ייִד גלייבט, אז ער האָט אפ יענער־וועלט א כיילעק.

טקיִעסקאפ (תקיעת־כף)—א האנטשלאָג באמ שליסנ אנ אָפּמאכ, בא א קנאסמאָל.

לויז ווערנ—פרייַ ווערנ, פּאָטער ווערנ.

עלעדיקע—אווגוסט־סענטיאבערדיקע.

צו ז. 336.

עקנ—מאכנ א סאָפ.

מענאכעמ-אָוול (מנחם-אָבל) זײַנ—טרייסטנ דעמ, וואָס איז אינ טרויער (נאָכ א פארשטאָרבענעמ נאָענטנ מענטשנ).

שיווע (שבעה)—די ערשטע זיבנ טעג פונ טרויער נאָכ א פארשטאָרבענעמ נאָענטנ מענטשנ.

צו ז. 337.

א קאדעש (קדיש)—אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: א זונ.

מיט א דובינע—מיט א שטעקנ.

צו ז. 339.

קעדאס (כדת) איסער ווארגער וועהאקליינ מענטשעלע—לויטנ געזעצ פונ איסער ווארגער אונ דעמ קליינ מענטשעלע. פאראפראזירט דעמ רעליגיעזנ כאסענע-שפרוכ „קעדאס מוישע וועיִסראָעל" (כדת משה וישראל)—לויטנ געזעצ פונ מוישע אונ די ייִדנ.

צו ז. 340.

על חטא שחטאתי באיש-קטן, ובארענדע ובאמוץ חלב (אל כעט שעכאָטאָסי בעיִש קאָטנ, אובעארענדע אובעיִמוצ האלעוו)—פאר די זינד, וואָס איכ האָב געזינדיקט מיטנ קליינ-מענטשלדיקײַט, מיט ארענדע אונ מיט הארט-הארציקײַט.

ריקעס—טײַכנ.

תן לי הרכוש והדמעות קח לך (טענ לי האָרכוש וועהאדמאָעס קאכ לאָכ)—גיב מיר דעמ פארמעגנ, אונ די טרערנ נעמ זיכ. א פאראפראז פונעמ ביבלישנ פאָסעק: „טענ לי האנעפעש וועהאָרכוש קאכ לאָכ" (תן לי הנפש והרכוש קח לך)—גיב מיר די (לעבעדיקע) נעפאשעס, אונ דאָס האָב אונ גוטס נעמ זיכ.

„זשיד, דאווײַ האָשי!"—ייִד, גיב געלט.

ועל חטא שחטאתי בבער ובבלענדעניש (וועאל כעט שעכאָטאָסי בעבער אובעבלענדעניש)—אונ פאר די זינד, וואָס איכ האָב געזינדיקט מיטנ בער אונ מיט בלענדעניש.

בעדוירוי (בדורו)—געמיינט: אינ זײַנ צײַט.

צו ז. 341.

מעגאדל (מגדל) זײַנ—האָדעווענ.

הילעכ—גאנג.

האנהאָגעס (הנהגות)—די געוווינהײַטנ.

על חטא שחטאתי (אל כעט שעכאָטאָסי) ביגלאסנעס אובעגאלגאנס-

קע הענער—פאַר די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט מיפּ די גלאָסנעס (ראטמע־נער) און מיט די גאלגאנסקע הענער.

אסורג—פאַרבאָטן.

מעהיי־טיימע (מהאי־טעמא)—איבער דעם, מאַכמעס דעם.

ועל חטא שחטאתי (וועאַל כעט שעכאָטאָסי) בעדאָנאָסנ—און פאַר די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט מיט מעסירעס.

צו ז. 342.

על חטא שחטאתי (אַל כעט שעכאָטאָסי) בעהוקעס־פּוקעס—און פאַר די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט מיט פּאָקוסן.

אין דער גארגערעס (גרגרת)—אין האַלדז, אין גאָרגל.

פּינעטע—וואַרשעווער, א פּאָקוסניק. אין ווילנע פלעגט מען נאָך אין אָנהייב XX יאָרהונדערט זאָגן: „פּינעטע־גאַנעוו".

ועל חטא שחטאתי (וועאַל כעט שעכאָטאָסי) בעויבאָרעס—און פאַר די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט מיט פאַלשע וואָלן.

אלאַפּנמיצל—א היטל מיט לאַפּן (לאַצן) אַפּ אַראָפּציִען איבער די אויערן.

זיך מאַכניִע (מכניע) זיין—זיך מאַכן אונטערטעניק.

צו ז. 343.

על חטא שחטאתי בחברות (אַל כעט שעכאָטאָסי בעכעוורעס), בע־כאַפּ־לאַפּ אובעכאטע פּאָקרישקע—פאַר די זינד, וואָס איך האָב געזינ־דיקט מיט כעוורעס, מיט כאַפּ־לאַפּ און מיט פאַרייבן־פאַרדעקן.

מיסאסקימ (מתעסקים)—טוער.

דייסטוויטעלני טייני—ווירקלעך געהיימער.

נעעמענ (נאמן)—אייגנטלעך: געשעפט־פאַרטרעטער. מענדעלעס העלד טייטשט עס: איינער פון די, וואָס מע גלייבט זיי אַפּ „נעמאָנעס" און מע פּאָדערט ניט בא זיי קיין רעכענונג...

ועל חטא שחטאתי (וועאַל כעט שעכאָטאָסי) בעטאקסע—און פאַר די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט מיט דער טאַקסע.

פּלאָדיענ זיך—פּרוכפּערן זיך.

שראָצימ (שרצים)—רעפּטיליעס.

צו ז. 344.

גאָטס־סטראפּטשעס—בוכשטעבלעך: גאָטס אַדוואָקאַטן. געמיינט: צוווי־יאַקעס.

באסאָקעס (ריכטיקער: באָסאַקעס)—ניט קיין געשמידטע פערד. געמיינט: פּרעכע, אומגעצוימטע מענטשן.

געהענע (נהנה) זיין—געניסן, האָבן נוצן.

על חטא שחטאתי ביראת שמים (אַל כעט שעכאָטאָסי בעיִראַס שאָ־

מאימ) אובעיידישע גזיירעס (גזרות)—פאר די זינד, וואָס איך האָב געזינ־דיקט מימ גאָטספאָרכטיקייט און מיט די יידישע גזיירעס.

צו ז. 345.

אין דער יירע (יראה)—אין גאָטספאָרכטיקייט.

לעשעם שאָמאַים (לשם שמים)—פון גאָטס וועגן.

א גזיירע (גזרה)—געמיינט: א רעפּרעסיע, א הארבער געזעץ (וואָס איז געווענדט קעגן יידן).

מעוואטל (מבטל) צו זיין—צו אנולירן, צוניכשט מאכן.

באָזוי־אומוויזע (בזוי־ומבוזה)—פאראכט.

פושע־ייסראָעל (פושע ישראל)—זינדיקער.

ועל חטא שחטאתי ב... (וועאל כעט שעכאָטאָסי ב..)—און פאר די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט מיט... נאָכדעם גייען אויסגערעכנט די זינד גופע. — דער גאנצער זאצ איז געבויט אפ דעמ שטייגער פון „ווידע“ (מוידע זיין זיך אין די זינד), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן פארן טויט.

נאצכאָנעס — דאָס איינגעשפארטע וועלן אויספירן.

ראציעס־לאָזן—ארויסלאָזן פאלשע קלאנגען.

שלישיס (שלישית)־געלט—דאָס געלט, וואָס מע לייגט איין בא א „שאָליש“— בא דעמ דריטן מיטגליד פון א פריוואט אויסגעקליבענעמ דריי־געריכט.

צו ז. 346.

מיסוואדע (מתודה) זיין—מוידע זיין זיך; זאָגן „ווידע“.

צו ז. 347.

קעפי (כפי)—לויט דעמ, ווי.

מייסע־רא (מעשה רע)—שלעכטע טאט.

אָגיל וועסמאכ (אָגיל ואשמח)—קיילעכדיק און שפיציק. דער דאָזיקער אויסדרוק איז געבויט אפ א וואָרט־שפּיל. „אָגיל וועסמאכ“—הייסט איך וועל זיך פרייען. „אָגיל“, געשריבן מיט אן א, הייסט: איך וועל זיך פרייען. „עגיל“, געשריבן מיט אן ע, הייסט קיילעכדיק. זאָגט מען: אויב „אָגיל“ איז קיילעכדיק, איז „וועסמאכ“—שפיציק.

צו ז. 348.

דאלעד־אמעס (ד׳ אמות)—פיר איילן.

א גאָמקע—א שוואָם.

צו ז. 349.

העלער—אן אלטע דייטשישע מאטבייע; קיין העלער—געמיינט: קיין גראָשן.

טויראס עמעס (תורת אמת)—עמעסע טוירע.

ריבוינעשעלוילעמ (רבונו של עולם)—געמיינט: גאָט.

צו ז. 350.

קארפאס (כרפס)—אייגנטלעך פּעטרעשקע אָדער סעלדעריי. דאָ געמיינט: ציבעלע אָדער קארטאָפל, געטונקענע אין זאַלץ־וואסער (א באשטאנדטייל פון פּייסעכדיקן „סיידער”).

מאָרער (מרור)—געמיינט: כריין אפ פּייסעך.

צו ז. 352.

גויסעג—גויסעס, אגאָניזירן, אויסגיין.

צו ז. 354.

זאמוטשעט—פארפּייניקט.

„א ווײַב מיט מײַלעס איז א טײַערע זאך, טײַערער פון דימענטן און בריליאנטן א סאך”—ס'איז מענדעלעס א געגראמטע איבערזעצונג פון „אשת חיל מי ימצא” (מישלי, קאפּיטל 31, 10).

דער שויפעט (שופט)—דער ריכטער.

דאָס ביטערע וואסער אין מאָראָ (מרה)—אן אָנדײַטונג אפ א געוויסער לעגענדארישער דערציילונג אין דער ביבל (שמאָס, קאפּיטל 15, 22—25): ווען די בניי ייִסראָעל האָבן געוואנדערט אין דער מידבער, האָבן זיי אין איינעם אן אָרט געפונען וואסער, און דאָס וואסער איז געווען ביטער, האָט גאָט אָנגעוויזן מוישען א בוים, מוישע האָט דעם בוים ארײַנגעוואָרפן אין וואסער, און דאָס וואסער איז געוואָרן זיס.

כאטויס האיאָכיד (חטאת היחיד)—די זינד פונעם יאָכיד.

כאטויס האציבור (חטאת הצבור)—די זינד פון דער געזעלשאפט.

צו ז. 355.

לעקאפּאָרעס־אָווען (לכפרת עון)—צו פארגעבן די זינד.

קאָל־אווידאס־פּערעך (כל עבודת פרך)—אלע שווערע ארבעט.

ניוולפּע (נבול־פה)—ניט אָנשטענדיקע רייד, פּאָרנאָגראפיע.

צו ז. 356.

פארמיר זיך פארווענדן—זיך סטארען, זאָגן א גוט וואָרט.

זיי מאנגלט עס—זיי פעלט עס.

צו ז. 357.

אל־פּי־דין (על פי דין)—נאָכן (רעליגיעזן) געזעץ.

נגידי עירך קודמין (נעגידיי אירכאָ קוידמינ)—די נעגידימ פונ דײַנ שטאָט זײַנעַנ פריִער, האָבנ דאָס פאָררעכט, זײַנענ בילדער.

מעסאדער (מסדר) צו זײַנ—צו ברענגענ אינ אָרדענונג.

צו ז. 359.

מעסאלעק (מסלק) זײַנ—דעקנ, אויסצאָלנ.

קסובע (כתובה)—דער הייראַט-אקט. מע פלעגט אים אָנשרײַבנ פאר דער כופע; צוויי אײדעס האָבנ אים אונטערגעשריבנ; דער מעסאדער-קידושנ האָט אים דורכגע-לייענט, און נאָכדעם האָט מענ אים אָפּגעגעבנ דער קאַלע אָדער אירע קרויווימ. אינ דעמ דאָזיקנ אקט האָט זיך דער מאנ אונטערגענומענ אויסצוהאַלטנ זײַנ פרוי, געבנ איר עסנ, קליידנ און באַפרידיקנ אירע באַדערפענישנ. אינ דער קסובע איז אָנגע-וויזנ געוואָרנ דער נאַדאַנ, וואָס די קאַלע ברענגט ארײַנ, די סומע, וואָס דער כאָסנ גיט צו, און אויך די סומע, וואָס דער מאנ פאַרפליכט זיך אויסצוצאָלנ דער פרוי אויב ער גייט זיך מיט איר פאנאנדער.

טויספעס-קסובע (תוספת כתובה)—א צוגאָב צו דער קסובע. א ספּעציִע-לער אקט, צונויפגעשטעלט אינ דעמ פאַל, ווענ דער כאָסנ האָט ארײַנגעטראָגנ מער ווי דעמ גאַנצנ נאַדאַנ. די דאָזיקע איבעריקע סומע איז ספּעציִעל פאַרפיקסירט גע-וואָרנ אינ דער „טויספעס-קסובע”.

פאָרמאַלניע—פאָרמעל.

בסולעס (בתולות)—מיידלעכ, אומפאַרהייראַטע.

אוילעמעס (עולמית)-געלט—א פאָנד, א קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אײַנגעלייגט (אינ באנק) צו היטנ אימ אייביק, און זיך נוצנ בלויז מיט די פּראָצענטנ פונ אימ.

צו ז. 360.

קאָל האַפּאַסלאָנעס (כל הפסלנות)—געמיינט: אלדאָסבייזו. אלצ, וואָס מע טאָר ניט.

קאָשער (כשר)—אינ געגעבענעמ קאָנטעקסט געמיינט: ערלעכ.

רעמעסליענע—האַנטווערק.

מאַזשגיכימ (משגיחים) (איינצאָל: מאַזשגיעכ)—אופזעער.

זאַוועדעניעס—אנשטאַלטנ.

צו ז. 361.

ביטנײַ (בתנאי)—בא דער באַדינגונג.

צו ז. 362.

האַסקאָלע (השכלה)-זאכנ—בילדונג (אופקלערונג)-זאכנ.

אולײַ יעראַכעמ (אולי ירחם)—עפּשער וועט ער (גאָט) ראַכמאָנעס האָבנ.

מאַדריכ (מדריך) זײַנ—דערציִענ, אָנפירנ.

צו ז. 363.

הילכעס־האדפּאָסע (הלכות הדפסה)—דאָס דרוק־וועזן.

צו ז. 365.

לעמאנאשעם (למען השם)—אום גאָטעס ווילן.

מעקויעם (מקים) זײַן צאוואָאס האמעס (צוואת המת)—אויספילן דעם פאַרשטאָרבענעמס צוואָע.

צו ז. 367.

בעויסעס־אומויפסים (באותות ומופתים)—אין געגעבענעם קאָנטעקסט געמיינט: מיט סימאָנים, מיט צייכנס.

ראנע—א וואונד.

צו ז. 368.

צדקה תציל ממות (צדאָקע טאצל מימאָוועס)—„צדאָקע ראטעוועט פון טויט", פלעגט אויסרופן איינער פון די שאמאָשים בא יעדער לעווײַע, זאמלענדיק דער־בײַ געלט אין דער צדאָקע־פושקע.

צו ז. 369.

איידע (עדה)—געמיינדע.

צו ז. 370.

כיבער (חבור)—ווערק.

צו ז. 371.

שקאָלע—שול.

מעסאקן (מתקן) זײַן—אופטאָן.

צעטל פונ רעפראָדוקציעס

	צווישנ די זייטנ
מענדעלע אינ די 70־ער יאָרנ	4 — 5
פאָלק־ארטיסט פונ דער רעפובליק· כ׳ מיכאָעלס אינ דער ראָל פונ ביניאָמינענ	97 — 96
פארדינסטפולער ארטיסט פונ דער רעפובליק כ׳ זוסקינ אינ דער ראָל כונ סענדערל די יידענע	129—128

אינהאלט

זייט

מ. ווינער — אריינפיר 5

מאסאָעס בינימין השלישי (1876—1878) 71

דאָס קליינע מענטשעלע (1879) 195

באמערקונגען:

באמערקונגען צו „מאסאָעס בינימין השלישי" 375

באמערקונגען צו „דאָס קליינע מענטשעלע" 388

מ. הער. וואָרט־דערקלערונגען 397

צעטל פון רעפּראָדוקציעס 467

Редактор — М. Винер. Корректор — М. Иткович. Техред—С. Абрам. Сдано в набор 29|V—35 г. Подписано к печати 16|V—36 г. Ф. б. $62 \times 94^1/_{16}$. $29^1/_4$ п. л. „Эмес“ № 107. Уполн. Главлита Б—13856. Тираж 3 150 экз. Типография „Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. 612

Цена в переплете 10 р.